STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04188

DI IDISHE GESHIKHTE

Peter Wiernik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא

אידישע געשיכטע

פון אברהם אבינו ביז דיא יעצטיגע צייט

פאָלשטענדיג אין איין באַנד

פון

פ. וויערניק.

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני,

83־85־87 קאַנאל סטריט, ניו יאָרק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

Copyright, 1901, by B. Rabinowitz. All rights reserved.

פארערעדע.

עס זיינען דא עטליכע צעהנדליג קורצע אידישע היסטאריעס אין דיא מייסטע לעבענדיגע שפראכען, וועלכעס בעוויזט אז דיא אידען אין פארשיעדענע לענדער זיינען גענוג פאראינטערעסירט אין זייער פארגאנגענהייט, דאס עס לוינט זיך ארויסצוגעבען אזעלכע ווערקע. אויב דיא אידען פון דיא פרייע לענדער, וואו איין אנטיסעמיטישע פארטיי איז נייטיג זיי צו דערמאהנען אז זייא שטאמען פון אידען, געפינען עס פאר גענוג וויכטיג זיך צו בעשעפטיגען מיט אידישע היסטאריע, איז לייכט צו פארשטעהן אז דיא אידען וואס שטאמען פון לענדער וואו טיראנישע געזעצע און אלגעמיינער פאראורטהייל מאכען זייא כמעט פאר א בעזונדערע נאציאן, האבען אורזאכע זיך צו אינטערעסירען אין דיא היסטאריע פון דעם קאמפף און דיא פערפאלגונגען וועלכע האבען זיך נאך ניט געענדיגט. עס איז דארום איבריג זיך צו ענטשולדיגען, אדער צו ערקלערען דיא אורזאכע, פאר וואס אזא ווערק וויא דיזע וועלכע ווערט דא יעצט פארגעלייגט פאר דעם אידישען לעזע-פובליקום אין אמעריקא: דיא געשיכטע פון אידען פון אברהם אבינו ביז דיא יעצטיגע צייט, איז געשריבען אדער ארויסגעגעבען געווארן. דער אלגעמיינער אפגאנג וואס אזעלכע ווערקע האבען אין אלע וויכטיגע אידישע געמיינדען, בערעכטיגט דיא ערווארטונג אז אזא ווערק איז נייטיג און וועט האבען א פריינדליכע אויפנאהמע.

דיזע געשיכטע איז געשריעבען געווארן ספעציעל פאר דעם קלאס לעזער אונטער וועלכע זיא קען פארקויפט ווערען און איז דארום אין איינינע פונקטען אנדערש וויא אללע אנדערע ווערקע פון דיזען סארט. דיא ביבלישע פעריאדע איז בעהאנדעלט געווארען זעהר קורץ, ווייל מיר גלויבען אז דיא מייסטע פון אונזערע לאנדסלייט זיינען מיט איהר אזוי גוט בעקאנט, דאס עס איז איבעריג צו פארנעהמען פלאץ מיט דיא אונטערהאנדלונגען פון אברהם מיט לוט, דיא אינטריגען פון לבן הארמי אדער דיא איינצעלנהייטען פון דיא עשרה מכות. דער ערשטער קאפיטעל פון דיזע געשיכטע ענטהאלטעט דאס וואס אין אנדערע אזעלכע ווערקע, וואס זיינען געשריבען פאר אידען וועלכע זיינען אונבעקאנט מיט תנ"ך, פארנעהמט א רעכטען טהייל פון גאנצען בוך דיזעם ווערק האט דאגעגען שפעציעלע קאפיטלען

II.

צוזאמענגעשטעלט טהיילווייז פון אריגינעלע קוועלען, איבער דיא געשיכטע פון דיא אידען אין פוילען און רוסלאנד, יענער וויכטיגער טהייל פון דיא אידישע געשיכטע וועלכער איז פון אנדערע היסטאריקער, אפילו פון גרעטץ אליין, זעהר פארנאכלעסיגט געווארען.

דיא געשיכטע פון דיא אידען אין אמעריקא, וועלכע איז אויך זעהר וועניג אדער גאר ניט דערמאנט אין דיא אידישע היסטאריעס וועלכע זיינען געשריעבען געווארען אין איירופא (דיעזעס ווערק איז דאס ערשטע אלגעמיינע אידישע געשיכטע וואס איז אריגינעלל פערפאסט געווארען אין אמעריקא) פערנעהמט דא אויך א וויכטיגען ארט. דערצו האט דער פערפאסער זיך געגעבען דיא מיהע איממער אין קורצען פארצושטעללען דעם צושטאנד פון דיא ניט־אידישע בעפעלקערונג אין דער צייט און אין דעם לאנד וועגען וועלכע עס האנדעלט זיך. דאדורך קריעגט דער לעזער א בעגריף ניט נור פון די אידישע געשיכטע, זאנדערן אויך פון דיא אלגעמיינע וועלט־געשיכטע און פון דיא וויכטיגע ענדערונגען און בעוועגונגען וועלכע האבען געמאכט איין איינדרוק אויף דיא לאגע פון דיא אידען.

דיא שפראך פון דער געשיכטע איז דיא אייגפאכע אידיש מיט וועלכע דיא אמעריקאנישע צייטונגס־לעזער זיינען גוט בעקאנט. מליצה און „הויכע" אויסדריקע זיינען פארמידען געווארן מיט דעם צוועק אז דער אינהאלט זאל לייכט פארשטאנען ווערן. א דייטשעסווארט אדער א דייטשער אויסדרוק וואס איז דעם געוועהנליכען לעזער גוט בעקאנט און איז, וויא מען זאגט, „נאטוראליזירט" אדער איינגעבירגערט געווארן אין אונזער אמעריקאנישע אידיש, איז אפט געברויכט געווארען אין א פאל וואו דאס מאכט לייכטער צו בעגרייפען דיא מיינונג פון שרייבער.

דער תאריך אדער דיא צייטרעכנונג אין דיעזע געשיכטע איז דיא אלגעמיינע רעכנונג פון דיא קריסטליכע פעלקער וועלכע איז אלעמען אם בעסטען בעקאנט. ביי אלעס וואס איז פארגעקומען פאר דער צייט וואס מען האט איינגעשטימט (דיא ריכטיגקייט איז שווער צו בעשטימען) אז אין יענעם יאהר איז קריסטוס געבארען געווארען, ווערט אנגעגעבען אז דאס האט פאסירט אזוי פיעל יאהר פאר קריסטוס. מען דארף דיעזע צאהל דארום צולייגען צו דיא צאהל **1900** צו וויסען וויפיעל יאהרען צוריק דאס איז געוועזן. אזוי געהט עס ביז פיער יאהר נאך דעם טויט פון הורדוס (זייטע 29) וועז עס פאנגט זיך אן דער יאהר **1**. פון דארט אן ווייטער דארף מען דיא צאהל ארונטערציהען פון 1900 ווען מען וויל וויסען וויא פיעל יאהר צוריק א זאך האט פאסירט. דיעזע רעכנונג איז אנגענומען געווארען אלס לייכטער און בעקוועמער וויא דיא אידישע צייטרעכנונג פון בריאת עולם, נאך

III.

וועלכע עס איז שווער שנעל אויסצורעכענען וויא לאנג עס איז שוין אוועק זייט דיא דאטע וועלכע מען וויל אויסגעפינען.

דיעזע געשיכטע איז געשריעבען געוואָרען אָהן א בעזונדערע טענדענץ און דיא היסטאָרישע פאקטען זיינען דאָ ניט „צוגעפּארבט" געווארען צו בעווייזען דיא ריכ־טינקייט פון די פּרינציפּען אדער צו בעקרעפטיגען די פאָראורטהיילע פון א פּארטיי, א סעקטע אָדער א קלאסע. פּאקטען און פּערזאָנען וועלכע זיינען וויכטיג, וועלכע האָבען געהאט איין איינפלוס אין זייער צייט אדער אין שפּעטערע צייטען, און בע־געבענהייטען וועלכע גיבען א בעגריף פון דיא אידישע לאגע און פון דיא בעציהונ־גען צווישען אידען און ניט אידען, זיינען דערמאָנט געוואָרען אָהן איבערטרייבונגען, און יעדער מעג זיך דערפון אָפּלערנען וואס ער וויל. דער וויכטיגסטער לעססאָן וואס מיר קענען לערנען פון בעקאנט ווערען מיט אונזער פערגאנגענהייט, איז ניט דאס דער אָדער יענער איז גערעכט, זאָנדערן דאס עס איז איינע פון דיא וואונדערבאר־סטע ערשיינונגען אין דער וועלטגעשיכטע וויא אזוי א פּאָלק וואס האט פּערלאָרען איהר אונאבהענגיגע עקזיסטענץ שוין איבער 1800 יאהר, איז ניט פּארשלונגען געוואָרען פון דיא בעזיעגער און אונטערדריקער, וויא עס האָט פּאסירט מיט אנ־דערע פעלקער אונטער אזעלכע אומשטענדע. דיא גייסטיגע און מאטעריעלע ענט־וויקלונג פון אידען, דיא ניעדריגקייטען צו וועלכע זיי זיינען ארונטערגעדריקט געוואָ־רען אין דיא פינסטערע צייטען און דיא הויכע שטופע וועלכע זייא עררייכען אזוי שנעלל וויא א בעסערע בעהאנדלונג גיט זיי דיא מעגליכקייט — דאס זיינען דיא הויפּט־פּונקטען וועלכע א אידישע געשיכטע דארף פּאָרלייגען פּאר דעם לעזער, און דער פּערפּאסער האט נור דיעזעס געהאט אין זינען אין דיא אויסארבייטונג פו[ן] דיא אידישע געשיכטע.

דיא גרעסטע שוויריגקייט אין צוזאמענשטעלען דיעזעס ווערק איז געוועזן צו ענטשיידען וועלכען טהייל פון די געוואלטיגע מאסע פון מאטעריאל אויסצוקלייבען און וועלכען דורכצולאזען. מיר האבען געהאט אזוי פיעל וויכטיגע פּערזאָנען און עס זיינען אין אונזער פערגאנגענהייט פּאָרגעקומען אזא אונגעהייער גרויסע צאהל אינ־טערעסאנטע בעגעבענהייטען, דאס א בוך צעהן מאהל אזוי גרויס קען אנגעפילט ווערען ווען מען זאל וועלען יעדע זאך דערמאָנען. דערביי מוז מען אויך געדיינקען דאס א פערזוך אַלעס צו דערמאָנען אין איין באנד וואלט פּארוואנדעלט דאס ווערק אין א טרוקענע ליסטע פון נאמען און דאטען, וועלכע קען אינטערעסירען נור איינעם פון טויזענד. נור דיא וויכטיגסטע און דיא אינטערעסאנטעסטע פּאקטען און פּער־זענליכקייטען זיינען דארום אויסגעקליבען געוואָרען דערמאָנט צו ווערען אין דער

געשיכטע און דיא פעראנטוואָרטליכקייט פאָר דעם אויסוואהל פאַלט נאַטירליך
אויף דעם פערפאַסער. פיעלע וויכטיגע זאַכען האָבען געמוזט אויסגעלאָזען ווערען
כדי דאס מאַטעריאַל וואס איז געברויכט געוואָרען זאָל קענען בעאַרבייטעט ווערען
אויף א בעסערע ארט. דער פאָבלישער פון זיין זייט האָט ניט געשפּאָרט קיין געלד
אָדער מיהע צו מאַכען דאס אויסזעהן פון דער געשיכטע אזוי פיין וויא מעגליך.
דער „אינדעקס“ אדער נאַמען-פערצייכניס צום ענדע פון בוך און דיא איבערשריפ-
טען פון אינהאַלט אויף איינע פון דיא צוויי זייטען ווען דאס בוך איז אָפען זיינען
א נייעס אין אידישע ביכער וואס ערשיינען אין אמעריקא. עס איז צו האָפען אז
דאס פובליקום וועט דיעזע פערבעסערונגען וויסען צו שעצען און דאמיט ערמוטהי-
גען דיא ערשיינונג פון עהנליכע ווערקע איבער אידישע אדער אלגעמיינע היסטאָריע
עס איז אויך צו האָפען אז דאס ווערטהע פובליקום און דיא געעהרטע העררען
קריטיקער וועלען בעגרייפען דאס עס איז אונמעגליך געוועזען אלעס צו דערמאנען
אין דיעזעס ווערק און וועלען געדיינקען אז עס איז אונמעגליך צו געבען פאָלשטענ-
דיג אין איין באַנד דאס וואס פראָפעססאָר גרעטץ האט ניט געקענט געבען פאָל-
שטענדיג אין עלף בענדער.

פ. ווערניק.

אינהאלט־פערצייכנים:

פאָררעדע.......................................I—IV

ערשטער טהייל.

קאַפּיטעל — זייטע

1 ביבלישע פעריאָדע, פון אברהם אבינו ביז דעם חרבן בית ראשון........5
2 דער גלות בבל און דיא בעפרייאונג דורך כורש. עזרא נחמיה און דיא כנסת הגדולה. אלכסנדר מוקדון און זיינע נאכפאָלגער..................12
3 אנטיוכס הרשע און דער בעפרייאונגס־קריעג אונטער דיא חשמונאים. יהודה המכבי און זיינע ברידער..........................17
4 ארץ ישראל ווערט אונאבהעניג אונטער דיא דינאסטיע פון דיא חשמונאים. יוחנן הורקנוס, אלכסנדר ינאי. אנטיפטר און הורדוס.......23
5 הורדוס און זיינע נאכפאָלגער. דיא אידען אין מצרים. פילון. אגריפס I. און אגריפס II. דער חרבן בית שני....................28

צווייטער טהייל.

1 אין גלות אונטער געטצענדינער........................33
2 ר׳ עקיבא, און דער חרבן פון ביתר.......................38
3 קריסטענטהום, ר׳ יהודה הנשיא און דיא משנה..............44
4 בבל 52
5 ענדע פון נשיאות. אונטערגאנג פון רוים 58
6 דיא שמרונים. איסט רוים און פערזיען.....................65
7 אידען בעזיעגען ירושלים צום לעצטען מאָהל..................72

דריטער טהייל.

1 דיא אידען אין אראביען. מחמד און דיא אידען...............78
2 אידען אין אייראפא אין אָנפאנג פון מיטעלאלטער, שפאניען.........84
3 ענן און דיא קראים..................................89
4 דיא בילדער שטרייטיגקייטען. דיא כוזרים. קארל דער גרויסער.......95
5 אראבישע בילדונג. רב סעדיה גאון. ענדע פון די ראשי גלותא.........101
6 ר׳ משה בן חנוך. חסדא אבן שפרוט און די שפאנישע קולטור. קאָר־רעספּאָנדענץ מיט דיא כוזרים............................110
7 רב שרירא און רב האי. ענדע פון די גאונות. אויפבליהונג פון אידישע געלעהרזאמקייט אין אייראפא...........................119
8 ענדערונגען אין שפאניען. ר׳ יהודה חיוג, ר׳ שמואל הנגיד, ר׳ יונה אבן גנאח, ר׳ שלמה בן גבירול און רבינו בחיי..................126
9 ר׳ יוסף הנגיד און זיין טרויעריגע ענדע. פערפאָלגונגען אין גראנאדא. דיא פינף ר׳ יצחק׳ס און יצחקי.............................132

פיערטער טהייל.

קאַפּיטעל — זייטע

1 דיא קרייצפאָהרער. (גזירות תתנ"ו). אָנפאַנג פון אידישע געשיכטע אין בעהמען און ענגלאַנד.............................. 141
2 העכסטע שטופע פון שפאַניש־אידישע ליטעראַטור. ר' יהודה הלוי, אבן עזרא. בנימין פון טולעדא.............................. 147
3 דיא וויטערע קרייץ־ציגע. ערשטע אויסוויזונג פון פראַנקרייך. פערפאָל־גונגען אין ענגלאַנד.............................. 154
4 רבינו משה בן מיימון, (רמב"ם) און זיין איינפלוס אויף דעם יודענטהום. 160
5 שטרייטיגקייטען וועגען רמב"ם'ס ספרים. וכוחים, שרפות. רמב"ן און מהר"ם רוטענבערג. אידען אין אונגאַרן.............................. 165
6 אויסווייזונג פון ענגלאַנד און פון פראַנקרייך. ר' שלמה בן אדרת. ר' אשר בן יחיאל (רא"ש) און דער קאַמפּף געגען פילאָזאָפיע אין שפאַניען...... 173
7 גרויסע פערפאָלגונגען אין פיערצעהנטען יאהרהונדערט.............................. 180
8 דיא אינקוויזיציאָן. דון יצחק אברבנאל. אויסווייזונג פון שפאַניען און פאָרטוגאַל. ענדע פון מיטעלאַלטער. ענטדעקונג פון אמעריקא.......... 191

פינפטער טהייל.

1 אָנפאַנג פון די אידישע געשיכטע אין פוילען, רוסלאַנד און ליטא. אברהם דוכס. קאַזימיר און אסתר'קע.............................. 198
2 פאָרטזעצונג פון דיא אידישע געשיכטע אין פוילען און ליטא פון קאַזימיר ביז זיגמונד. ערשטע גרויסע רבנים.............................. 207
3 אויפלעבונג פון וויסענשאַפט, רייכלין און דיא הומאַניסטען. אידישע געלעהרטע אין איטאַליען.............................. 215
4 אידען אונטער טירקישע הערשאַפט. ר' יוסף קארו און זיין צייט. דון יוסף נשיא. שלמה אשכנזי.............................. 221
5 דיא מאַראַנען אין שפאַניען און פאָרטוגאַל. אידען אין האָללאַנד. יעקב טיראַדאָ. אוריאל אַקאָסטא.............................. 231
6 פאָרטזעצונג פון דיא אידישע געשיכטע אין האָללאַנד, ר' מנשה בן ישראל און זיינע ארבייט פאר אידען. ברוך שפינאָזא.............................. 242
7 אידען אין פוילען אין 16טען און 17טען יאהרהונדערט. גרויסע רבנים. דער „חזוק אמונה". חמיעלניצקי און דיא גזירות ת"ח.............................. 251
8 פאלשע משיחים. אשר לעמליין. דוד ראובני און שלמה מולכו. שבתי צבי און זיינע אנהענגער.............................. 264
9 פערפאָלגונגען אין 17טען יאהרהונדערט. אידען אין פרייסען. אָנפאַנג פון 18טען יאהרהונדערט.............................. 281
10 אידען אין דיא נייע וועלט. בראַזיליען און סורינאַם. נויאָרק און ניופאָרט חיים סאלאמאָן און דיא פיהרער פון דיא רעוואָלוציאָן געגען ענגלאַנד... 291

זעקסטער טהייל.

1 בעוועגונגען פאר דעם אויפגאַנג פון השכלה. יהודה חסיד און חיים מלאך. ר' משה חיים לוצאטו. ר' יונתן אייבשיץ און ר' יעקב עמדען. דעם רב'ס קריעג אין ווילנא. פראַנק און דיא פראַנקיסטען............ 299

קאפיטעל | זייטע

2 נייע בעוועגונגען. ר׳ ישראל בעל שם טוב און דיא חסידים. דער ווילנער גאון. מאזעס מענדעלסאן און דיא דייטשע השכלה. שלמה מיימון. 313
3 דיא גזירות פון אוקראינע (חרב גאנטא) און דער אונטערגאנג פון פוילען. פוילישע אידען אונטער דיא הערשאפט פון פרייסען, עסטרייך און רוסלאנד 326
4 דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן און דער אנפאנג פון אמת׳ע אידישע פרייהייט. הירש בער און זאלקינד הארוויץ. נאפאלעאן און דיא סנהדרין. אדאלף קרעמיע............................... 335
5 בעפרייאונג פון דיא אידען אין ענגלאנד. ר׳ משה מאנטעפיארי, עמאנציפאציאן אין דייטשלאנד. פערבעסערונג פון דיא אידישע לאגע אין אנדערע אייראפייאישע לענדער. חכמת ישראל....................... 342
6 אידען אין רוסלאנד אונטער ניקאלײ .I אלעקסאנדער .II און דיא קורצע „גאלדענע צייט“. פאגראמען און צרות אונטער אלעקסאנדער .III השכלה, נאציאנאליזמוס און אויסוואנדערונג נאך אמעריקא..... 353
7 אידען אין דיא יונייטעד סטייטס אין 19טען יאהרהונדערט. איבערזיכט איבער דיא אידישע לאגע אין די קלענערע לענדער. שלוסס־ווארט..... 365
אינדעקס. (נאמען־פערצייכנים).................................. 374

ערשטער טהייל.

ערשטער קאפיטעל.

ביבלישע פעריאָדע, פון אברהם אבינו ביז דעם חורבן בית ראשון.

אברהם העברי *) וועלכער איז לויט דיא געוועהנליכע חשבונות געבאָרען גע־וואָרען 1948 יאָהר נאָך בריאת עולם אָדער 2030 יאָהר פאר דיא יעצטיגע צייט־רעכנונג איז געווען דער פאטער פון דיא אידישע נאַציאָן און דער ערשטער איד אין היסטאָריע. נאָך דיזען חשבון איז יצחק געבאָרען געוואָרען אין יאהר 1930 און יעקב 1870 יאָהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג. מיט 130 יאהר שפעטער זיינען יעקב מיט זיינע קינדער געקומען צו יוסף אין מצרים און דאָרט איז משה רבינו, דער ערלייזער פון דיא אידען און דער גרעסטער געזעצגעבער פון דער וועלט געבאָרען געוואָרען אין 1575. משה איז אלט געווען 80 יאהר אין דער צייט פון יציאת מצרים און פון מתן תורה (1495) און נאָך זיין טויט, מיט 40 יאָהר שפע־טער, איז יהושע מיט דיא אידען אריבער דעם ירדן און האָט איינגענומען דאס לאַנד כנען וועלכעס איז זייט דאמאָלס געוואָרען דאס אידישע פאטערלאַנד.

דער תנ״ך וועלכער איז דיא איינציגע קוועללע פאר דיא אלטע אידישע גע־שיכטע דערמאָהנט ניט וויא אלט יהושע איז געווען ווען משה רבינו איז געשטאָר־בען און מען קען דארום ניט אנגעבען דיא דאטע פון זיין געבורט אדער טויט אָב־גלייך עס ווערט דערמאָנט אז ער האט געלעבט 110 יאָהר. ווענען דיא זקנים וועלכע האָבען געפיהרט דיא אידישע רעגיערונג נאָך איהם, איז גאָרנישט דערמאָנט, און פון דיא שופטים אָדער ריכטער וועלכע זיינען פאר דיא נעכסטע איינינע הונדערט יאהר געשטאַנען אן דער שפיצע פון אידישען פאָלק וויסען מיר ניט מעהר וויא דיא נאמען און דיא צייט וואס מאַנכע פון זיי האָבען געהערשט. דיא שופטים זיינען מייסטענס, אזוי וויא יהושע, געווען קריעגס־העלדען און האָבען עררייכט דיא הער־שאפט אלס א בעלוינונג פאר א זיעג איבער א פיינד וואס האָט אונטערדריקט דיא יונגע אידישע נאַציאָן. עס ווערט דארום אין ספר שופטים מייסטענס בעמערקט

*) פון עבר הנהר (פון יענעם זייט פון טייך פרת).

וויא וויכטיג יעדער זיעג איז געווען. אזוי למשל ווערט געמעלדעט דאס נאך דעם זיעג פון עתניאל בן קנז איבער כושן רשעתים, דעם קעניג פון ארם נהרים איז דאס לאנד געבליבען רוהיג אדער פריי פון אנגריפע (ותשקוט הארץ) 40 יאהר; נאך דעם זיעג פון אהוד בן גרא איבער מואב 80 יאהר און נאך ברק׳ס זיעג איבער יבין וויא אויך נאך גדעון׳ס גרויסען זיעג איבער מדין ווידער יעדעס מאל צו 40 יאהר. גדעון איז געווען דער איינציגער פון דיא שופטים וועלכער האט פרובירט גרינדען א דינאסטיע און וועלכער האט איבערגעלאזען זיין הערשאפט צו זיין זאהן אבימלך. אבער דער לעצטער איז אומגעקומען אין א בירגער־קריעג וועלכען ער האט פער־אורזאכט. נאך איהם איז יאיר הגלעדי געווען דער ריכטער פון ישראל פאר 22 יאהר.

יאיר׳ס נאכפאלגער איז געווען דער העלד יפתח פון דעם זעלבען פראץ וויא ער (גלעד) און איז בעריהמט דורך דיא אויפאפפערונג פון זיין טאכטער. דורך זיין זיעג איבער עמון איז אויך ארויס א בירגער־קריעג צווישען דיא איינוואוינער פון גלעד און דעם שבט אפרים, פאר וואס ער האט דיא לעצטע ניט גערופען טהייל־נעהמען אין קריעג. נאך איהם זיינען געקומען אבצן פון בית לחם (7 יאהר), אילון הזבולני (10 יאהר) און עבדון בן הלל פון פרעתון (8 יאהר). נאך זיי איז געקומען דער הערקולעס פון דער אידישער געשיכטע, שמשון הגבור, וועלכער האט געוויע־זען זיינע העלדענטהאטען געגען דיא פלשתים און האט געהערשט איבער אידען 20 יאהר ביז זיין טרויעריגע ענדע.

עס שיינט דאס דער רעליגיעזער גייסט האט זיך אין יענער צייט געשטארקט ביי אידען, ווייל דיא לעצטע צוויי שופטים זיינען ניט מעהר קריעגס־העלדען זאנ־דערן גייסטליכע אנפיהרער: עלי הכהן און שמואל הנביא. אבער דיא נויטווענדיג־קייט צו האבען איינעם וואס זאל מעהר טויגען צום פיהרען קריעג איז געפיהלט געווארען און דאס פאלק האט אנגעפאנגען צו פאדערן א קעניג. דער ערשטער קע־ניג פון ישראל איז געווען דער העלד שאול בן קיש פון שבט בנימין. שאול האט געפיהרט פיעלע מלחמות און האט געזיעגט איבער דיא מייסטע פיינד פון זיין קע־ניגרייך, ביז ער איז אליין געפאלען אין א קריעג געגען פלשתים. נאך זיין טויט איז זיין זאהן איש בושת געווארען קעניג איבער דעם גרעסערען טהייל פון ישראל און דוד בן ישי פון שבט יהודה איבער א קלענערען טהייל, ביז דער ערשטער איז ער־מארדעט געווארען און דוד איז געווארען קעניג איבער דעם גאנצען פאלק.

אונטער דיא רעגיערונג פון דוד איז דאס אידישע פאלק געווארען א גרויס־מאכט און האט אנגעפאנגען צו פארנעהמען א וויכטיגען פלאץ אונטער דיא פעל־קער פון אזיען. דוד האט בעזיעגט דיא פלשתים און עמון ומואב, דיא הויפט פיינדע

וואס אידען האבען געהאט נאהענט צו זייער לאנד און האט אויך בעהערשט גוי־ נינע פראווינצען וועלכע געהערען יעצט ניט צו ארץ ישראל. ער האט רעגיערט 40 יאהר (פון 1058—ביז 1018) און האט איבערגעלאזען זיין לאנד רייך און מעכטיג, געעהרט און געפירכטעט פון אלע ארומיגע פעלקער.

די 40 יאהר וועלכע זיין זאהן שלמה האט רעגיערט איבער ישראל (1018— 978) זיינען די גלאנץ פעריאדע פון די אלטע אידישע געשיכטע. שלמה האט זיך געפיהרט וויא א וואהרער פארצייטיגער גרויסער מאנארך; ער האט געבויט פראכט־ געביידען, האט געהאט פיעלע פרויען און פיעלע פערד און האט אנגעזאמעלט גרוי־ סע אוצרות. דער בית המקדש און דער בית המלך וואס ער האט אויפגעבויט אין די ערשטע 20 יאהר פון זיין רעגיערונג זיינען געבליעבען די ציערונגען פון ירושלים ביז דעם ערשטען חורבן. אידען האבען אונטער איהם געלעבט רוהיג און גליקליך און האבען זיך ערהאלט פון די מלחמות און אונרוהען פון די פריהערע צייטען. די גוטע צייטען האבען זיך געענדיגט גלייך נאך זיין טויט, ווען עס איז פארגעקו־ מען א שפאלטונג וועלכע האט צוטהיילט אידען אין צוויי קליינע פעלקער אונטער שוואכע רעגיערונגען וועלכע האבען אין אנפאנג אפט געפיהרט קריעג צווישען זיך.

ירבעם בן נבט, דער ערשטער קעניג פון די צעהן שבטים וועלכע האבען זיך אפגעריסען פון די דינאסטיע פון מלכות בית דוד, האט רעגיערט 22 יאהר (978— 956) און זיין זאהן נדב איז אומגעבראכט געווארען דורך א פערשווערונג נאכדעם וויא ער האט רעגיערט צוויי יאהר. דער נייער קעניג בעשא בן אחיה האט רעגיערט 24 יאהר און זיין זאהן אלה איז אויך נאך א קורצע רעגיערונגס־צייט אומגעקומען אזוי וויא נדב (931). דער פערשווערער זמרי האט רעגיערט נור איין וואך און נאך א קורצע צייט איז עמרי געווארען קעניג פון ישראל. ער האט אויפגעבויט די שטאדט שומרון און איהר געמאכט פאר די הויפטשטאדט פון די מלכי ישראל.

עמרי האט רעגיערט 12 יאהר (919—931) און זיין זאהן אחאב וועלכער האט מעהר ווי אלע אנדערע מלכי ישראל געזוכט איינצופיהרען געצענדיענסט אונטער אידען, האט רעגיערט 22 יאהר. אין דער צייט פון אחאב און זיינע זיהן אחזיה, (וועלכער האט רעגיערט צוויי יאהר) און יהורם 12 יאהר (883—895) האט אליהו הנביא געמאכט אנשטרענגונגען, אבער מיט ווייניג ערפאלג, אויסצופיהרען אז די אויסגעלאסענע רעגיערונג זאל ניט פארדארבען דעם גאנצען פאלק. זיין תלמיד, אלישע הנביא, האט אויך געהאט א גרויסען איינפלוס אויף ישראל אונטער די רעגיערונג פון די נעקסטע דריי קעניגע און האט זיך וויא עס שיינט מיט דעם לעצטען פון זיי (יואש) ניט שלעכט פארטראגען.

יהוא בן נמשי, וועלכער האט ארונטערגעווארפען און פארניכטעט דיא דינאַ־
סטיע פון אחאב בן עמרי, האט רעגיערט 28 יאהר (855—888), זיין זאהן יהואחז
17 יאהר און זיין אייניקעל יואש 16 יאהר. דער נעקסטער קעניג, ירבעם בן יואש
האט רעגיערט 41 יאהר (781—822) און איז געוועזען דער גרעסטער העלד פון דיא
מלכי ישראל. מיט זיין זאהן זכריה וועלכער האט רעגיערט נור זעקס מאנאט, ענ־
דיגט זיך דיא דינאסטיע פון יהוא. דער פערשווערער שלום בן יבש האט רעגיערט
נור איין מאנאט און אונטער זיין נאכפאלגער, מנחם בן גדי וועלכער האט רעגי־
ערט 10 יאהר (761—771) האט דיא וואקסענדע וועלט־מאכט, אשור, אנגעפאנגען
אנצוגרייפען דאס קעניגרייך ישראל. פקחיה בן מנחם האט רעגיערט צוויי יאהר
און איז ערמארדעט געווארען דורך א פערשווערונג פון וועלכע דער אנפיהרער, פקח
בן רמליהו איז געווארען זיין נאכפאלגער. פקח האט רעגיערט 20 יאהר (—759
739) און האט אין פעראייניגונג מיט רצין מלך ארם געפיהרט דיא לעצטע מלחמה
צווישען ישראל און יהודה. פקח׳ס נאכפאלגער הושע בן אלה, וועלכער האט רעגי־
ערט ניין יאהר איז געוועזען דער לעצטער מלך פון ישראל. אשור האט איינגענומען
דאס לאנד נאכדעם וויא דיא הויפטשטאדט שומרון איז בעלאגערט געווארען דריי
יאהר. דיא אידען זיינען פארטריבען געווארען נאך וויטע לענדער און נוים פון אנ־
דערע פלעצער זיינען בעזעצט געווארען אויף דעם פלאץ פון דיא אידישע איינוואוי־
נער. דיעזע נוים האבען אנגענומען געוויסע אידישע דינים און מנהגים און פון זיי
זיינען ארויסגעקומען דיא כותים אדער שמרונים וועלכע האבען זיך בעטראכטעט אלס
אידען און האבען אין איינינע פעלע געשפיעלט א וויכטיגע ראלע אין אידישע געשיכטע.

o o

o

דיא צוויי שבטים יהודה און בנימין וועלכע זיינען געבליבען טריי צו דיא
דינאסטיע פון דוד בן ישי און צו דעם בית המקדש פון זייער הויפטשטאדט ירושלים
זיינען פארבליעבען א פאלק אונטער איין איינענע רעגיערונג פיעל לייכנער וויא דיא
צעהן שבטים פון ישראל און זיינען אויך ניט אונטערגעגאנגען ווען זיי האבען פאר־
לארען דיא זעלבסטשטענדיגקייט. דיא מלוכה איז איבערגעגאנגען פון פאטער צום
זאהן מיט ווענינ אויסנאהמען, דורך דיא גאנצע צייט פון בית ראשון. רחבעם בן
שלמה, אונטער וועמען דיא שפאלטונג איז פארגעקומען, האט רעגיערט איבער יהודה
17 יאהר (961—978). ער און זיינע ערשטע צוויי נאכפאלגער, אביה (צוויי יאהר)
און אסא (41 יאהר) האבען געפיהרט קריעג מיט דיא מלכי ישראל; אבער אסא׳ס
נאכפאלגער, יהושפט איז געוועזען דער פריינד און מחותן פון אחאב מלך ישראל.

יהורם בן יהושפט (8 יאהר, 884—892) און זיין זאהן אחזיה (צוויי יאהר) געהערען צו דיא שוואכסטע קעניגע פון יהודה און נאך דעם טויט פון לעצטען האט זיין מוטער, עתליה דיא טאכטער פון אחאב, אויסגעהרגעט דיא גאנצע קעניגליכע פאמיליע אויסער איין קינד, און האט געהערשט איבער יהודה זעקס יאהר.

דער כהן יהוידע האט מיט דיא הילפע פון דיא אנפיהרער פון יהודה אויפען זיבענטען יאהר ארונטערגעווארפען עתליה פון טהראן און איהר געלאזט אומברייגגען. דאס געראטעטע קינד, דער 7 יעהריגער יואש בן אחזיה, איז געווארען קעניג פון יהודה און האט רעגיערט 40 יאהר (876—836) ביז ער איז ערמארדעט געווארען פון זיינע קנעכט. זיין זאהן אמציהו וועלכער האט רעגיערט 29 יאהר און האט אין דער צייט פון זיין רעגיערונג געוואונען א זיעג איבער אדום און ערליטען א נידערלאגע אין א מלחמה מיט יואש מלך ישראל, איז אויך אומגעבראכט געווארען דורך א פערשווערונג. זיין נאכפאלגער איז געווען זיין זאהן עזיהו אדער עזריהו וועלכער האט רעגיערט 52 יאהר (754—807) און האט אויפגעטהאן איינגע וויכטיגע זאכען פאר זיין לאנד. אונטער זיין צייט איז דער נביא עמוס וועלכער איז פארטריבען געווארען פון בית אל אין לאנד ישראל אנגעקומען אין יהודה און דער ערהאבענסטער פון אלע נביאים, ישעיהו בן אמוץ, האט אנגעפאנגען צו האלטען די פייעריגע רעדען וועלכע וועלען פאר אימער בלייבען א וואונדער פאר די גאנצע מענשהייט.

עזיהו'ס נאכפאלגער איז געווען יותם (739—755) און נאך איהם איז געקומען אחז (723—739) וועלכער האט אונטערגעקויפט דעם מלך אשור צו פארניכטען זיין פיינד רצין מלך ארם און האט אויך געמאכט א נייעם מזבח אין בית המקדש, נאך דיא פארם פון א מזבח וואס ער האט געזעהן אין דמשק. דער גוטער און פרומער חזקיהו (694—723) האט צוריק איינגעפיהרט דעם ריכטיגען גאטעסדיענסט וואס זיין פאטער אחז האט מבטל געווען. ער האט געוואונען א זיעג איבער פלשתים און איז אויף א וואונדערבארע ארט גערעטעט געווארען פון איין אנגריף פון דאס מעכטיגע אשור וועלכע האט א קורצע צייט פריהער פארניכטעט דיא מלוכה פון ישראל. חזקיהו איז געווען דער לעצטער גרויסער קעניג וואס יהודה האט געהאט.

זיין נאכפאלגער, מנשה בן יהזקיהו, וועלכער האט רעגיערט 55 יאהר (694—639) האט דורך זיין שלעכטע אויפפיהרונג און דורך פיעלע בלוטפערגיעסונגען אונטערגעגראבען דיא מאכט פון יהודה און פארדארבען אלעס וואס זיין פאטער האט אויפגעטהאן. נאכדעם וויא ער איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון אשור און איז אוועקגעפיהרט געווארען אין בבל אלס א געפאנגענער, האט ער תשובה געטהאן און ווען ער איז צוריקגעקומען אין ירושלים צו זיין מלוכה האט ער זיך אויפגעפיהרט

בעסער. זיין זאהן אמון איז געטוידטעט געוואָרען דורך א פערשווערונג פון זיינע קנעכט נאָך א רעגיערונגס-צייט פון צוויי יאָהר (638). זיין זאהן יאשיהו וועלכער האָט רעגיערט 31 יאָהר (608—638) האָט געמאכט דעם לעצטען פערזוך צו פאַרשטאַרקען זיין לאַנד און דעם יודענטהום און צו פאַראייניגען אונטער זיך דאס וואס איז נאָך איבערגעבליבען פון דיא אַנדערע שבטים. יאשיהו איז געפאַלען אין א קריעג געגען פרעה נכה מלך מצרים. זיין ערשטער זאהן יהואחז האט רעגיערט נור דריי מאָנאַט און איז אוועקגעפיהרט געוואָרען נאָך מצרים אלס א געפאַנגענער. פרעה נכה האט אויף דעם טראָהן פון יהודה ארויפגעזעצט יאשיהו'ס צווייטען זאהן יהויקים, וועלכער איז שפּעטער אוועקגעפיהרט געוואָרען אלס געפאַנגענער נאך בבל, וואו ער איז געווען דריי יאָהר א שקלאַף ביי דעם זיעגער.

דאס איינציגע מיטעל צו רעטען יהודה פון אונטערגאַנג איז דאַן געווען צו פאָלגען דעם ראַטה פון ירמיהו הנביא און זיך אונטערצוגעבען אונטער נבוכדנצר, דעם מעכטיגען קעניג פון בבל. אָבער יהויקים און זיינע נאכפאלגער האָבען דאס ניט געטהאָן. ווען יהויקים איז געשטאָרבען נאָך איינע רעגיערונג פון 11 יאָהר (597—608) איז אין דעם זעלבען יאָהר זיין זאהן יהויכין מיט צעהן טויזענד פון דיא וויכטיגסטע אידען אוועקגעפיהרט געוואָרען פון נבוכדנצר געפאַנגען נאך בבל. אויפען טהראָן פון יהודה איז ארויפגעזעצט געוואָרען יאשיהו'ס דריטער זאהן, צדקיהו, אבער ער האָט זיך אויך ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטער בבל און דאס האט געפיהרט דערצו אַז אין ניינטען יאָהר פון זיין רעגיערונג (588) איז נבוכדנצר מיט איין ארמעע געקומען און בעלאַגערט ירושלים. צוויי יאָהר שפּעטער, דאָס הייסט אין יאָהר 586 פאַר קריסטוס, איז ירושלים איינגענומען געווארען און צדקיהו דער לעצטער קעניג איז אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא פיינד. מען האט אויסגעקוילעט זיינע קינדער און איהם אליין אויסגעשטאכען דיא אויגען און אוועקגעפיהרט געפאַנגען נאך בבל.

דיא אידישע מלוכה האט זיך דערמיט געענדיגט. נבוזראדן, דער הויפּטמאַן פון דיא לייב-וואַך אדער פון דיא שאַרפריכטער פון נבוכדנצר איז דאַן געקומען נאך ירושלים און האט (אום תשעה באב) פאַרברענט דעם בית המקדש, דעם בית המלך און אַלע פּרעכטיגע געביידען פון שטאדט. דער גרעסטער און וויכטיגסטער טהייל פון דיא בעפעלקערונג איז פאַרטריבען געווארען נאך בבל. דיא ארעמסטע קלאַסען זיינען געבליעבען און דער קעניג פון בבל האט דיא הערשאַפט איבער זיי איבערגעגעבען צו דעם אידען גדליה בן אחיקם. אבער בעלים דער קעניג פון עמון האט געזוכט צו פערניכטען אויך דיעזען לעצטען סימן פון אידישע אונאבהענגיגקייט

און האט אונטערגעשיקט ישמעאל בן נתניה וועלכער האט ערמארדעט גדליה און זיינע אנהענגער. דיא איבריגע אידען וועלכע האבען זיך גערעטעט פון דיא הענד פון מלך בבל און פון דיא הענד פון ישמעאל, זיינען אוועק נאך מצרים. ארץ ישראל איז געבליעבען וויסט און ליידיג; ווילדע חיות און רויב־פויגלען האבען זיך ארומגע־טריבען אין חורבות אויף דיא פלעצער וואו עס האבען אמאל געבליהט געדיכט־בע־פעלקערטע שטעדט און וואו א גליקליכעס פרייעס פאלק האט געפיהרט א רוהיגע עקזיסטענץ. די פארשקלאפטע אידען אין גלות האבען געטרויערט נאך זייער פאר־גאנגענע גרויסקייט און האבען איינגעפיהרט צו פאסטען פיער מאהל א יאהר צום אנדענקען פון דיא אונגליקען וואס האט דאס פאלק פון יהודה געטראפען אין דער צייט פון אונטערגאנג. דער טאג ווען דיא לעצטע בעלאגערונג האט זיך אנגעפאנגען (עשרה בטבת); דער טאג ווען ירושלים איז איינגענומען געווארען (שבעה עשר בתמוז); דער טאג ווען דער בית המקדש איז פארברענט געווארען (תשעה באב) און דער טאג ווען גדליה איז ערמארדעט געווארען (צום גדליה) ווערען אפגעהיט אלס תעניתים פון אלע פרומע אידען ביז אויף היינטיגען טאג.

צווייטער קאפיטעל.

דער גלות בבל און דיא בעפרייאונג דורך כורש. עזרא, נחמיה און דיא כנסת הגדולה. אלכסנדר מוקדון און זיינע נאכפאָלגער.

דיא לאגע פון דיא פארטריבענע אידען אין בבל האט זיך ביסלאכווייז פאר־בעסערט, בעזאָנדערס נאך דעם טויט פון נבוכדנצר. זיין נאכפאָלגער אויל מרדך האט בעפרייט דעם געוועזענעם קעניג יהויכין וועלכער איז געווען אין געפענגניס 37 יאָהר און האט איהם געשטעלט העכער פון אלע קעניגע וואס בבל האט בע־זיעגט. אין 538 האט כורש מלך פרס, דער פריינד פון אידען, איינגענומען בבל און צוויי יאהר נאכדעם האט ער ארויסגעלאזען דעם בעריהמטען אויפרוף אז אלע אידען וועלכע וויל̈ען צוריקקעהרען נאך ירושלים און אויפבויען דעם בית המקדש, קענען דאס טהאן.

דיא צאָהל פון אידען וועלכע האבען זיך צוריקגעקעהרט איז געווען ניט גרויס, אין גאנצען אונגעפעהר 42,000. זייערע אנפיהרער זיינען געווען זרובבל בן שאלתיאל פון דיא קעניגליכע פאמיליע און יהושע בן יהוצדק, איין אייניקעל פון דעם לעצטען כהן גדול פון בית ראשון. דער פערזישער קעניג האט זיי מיטגעגעבען אלע כלים פון בית המקדש וואס נבוכדנצר האט געבראכט פון ירושלים און דיא אידען וועל־כע זיינען געבליבען האבען זיי אויך אונטערשטיצט וויא ווייט זיי האבען געקענט. ווען דיא צוריקקומענדיגע אידען זיינען געקומען נאך ירושלים, האבען זיי אויפגע־שטעלט א מזבח און אנגעפאנגען מקריב צו זיין קרבנות. אויף דעם צווייטען יאהר האבען זיי אנגעהויבען צו בויען דעם בית המקדש, אבער עס האבען זיך באלד אנ־געפאנגען שטרייטיגקייטען מיט דיא שמרונים, וועלכע האבען זיך אויך געוואלט בעטהייליגען אין דיא געביידע. דיא שמרונים האבען געמאכט פערשיעדענע פאלשע בעשולדיגונגען אויף אידען פאר דיא קעניגע פון פרס און דיא ארבייט פון אויפבוי־ען דעם בית המקדש איז אפגעהאלטען געווארען. אין דיא נעכסטע עטליכע יאהר האט ארץ ישראל געליטען פון דעם וואס תבואה אויף דיא פעלדער איז ניט געווען געראטהען און נאך מעהר פון דיא פערזישע ארמעע פון כורש'ס זאהן, קאמביזעס, וועלכע איז דארטען דורכגעגאנגען פיהרען קריעג מיט עגיפטען. ערשט אונטער

דעם קעניג דאריוס היסטאספוס (דריוש, פון 522 ביז 484 פאר קריסטוס) האבען די אידען ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ. די נביאים חגי און זכריה האבען אויפגעמונטערט דאס פאלק מען זאל זיך ווייטער נעהמען צו דער ארבייט פון בויען דעם בית המקדש. קעניג דריוש האט געגעבען זיין צושטימונג און האט גענעבען דערצו טהייערע מתנות. אין אדר פון יאהר 516, ווען עס איז געוואָרן 70 יאהר נאך דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש, איז דער צווייטער בית המקדש פערטיג געוואָרן און מען האט געפייערט די איינווייהונג אדער חנוכת הבית מיט גרויס פאראד.

די ערשטע 50 יאהר נאך די ערבויאונג פון בית המקדש, האבען די אידען אלס אונטערטהאנען פון די קעניגע פון פרס אפט געליטען פון די פערזישע ארמעען וועלכע פלעגען דורכגעהען זייער לאנד. קעניג קסערקסעס וועלכער האט רעגיערט איבער די גרויסע פערזישע קעניגרייך פון 484 ביז 465 איז וויא עס שיינט ניט געווען גוט צו אידען. מען גלויבט אז דיעזער קעניג איז דער אחשורוש פון תנ"ך וועלכער האט פריהער געפאָלגט המן'ען ארויסצוגעבען א גזירה אומצורבריינגען אלע אידען און שפעטער איהם געלאָזט אויפהייגגען ווען ער האט זיך דערוואוסט אז זיין געליעבטע קעניגין אסתר שטאמט פון אידען. מרדכי היהודי האט נאך דיעזען צופאל פארנומען א וויכטיגען פלאץ אין קעניגליכען הויף און האט צום אנדענקען פון די רעטטונג פון די אידען איינגעפיהרט דעם יום טוב **פורים** וועלכען אידען האבען אנגענומען צו פייערן און זיך לוסטיג צו מאכען ביז אויף היינטיגען טאָג.

אין דעם זיבענטען יאהר פון די רעגיערונג פון גרויסען פערזישען קעניג ארטאקסערקסעס אדער ארתחשסתא (458) איז אנגעקומען פון בבל נאך ארץ ישראל דער מאן וועלכער האט געמאכט אויפלעבען די אידישע רעליגיאן און די היילינע ליטעראטור און האט געשטעלט אידישקייט אויף דעם פונדאמענט אויף וועלכע עס שטעהט ביז א געוויסען גראד ביז איצטער. דיעזער מאן איז געווען **עזרא הסופר** וועלכער האט איינגעפיהרט אונטער אידען צו לערנען און צו לייענען די תורה און האט געמאכט אנשטרענגונגען אז אלע וועלכע האבען געהייראטהעט ניט-אידישע פרויען זאָלען זיך פון זייא שיידען. זיינער א ווירדיגער מיטהעלפער איז אין געווען **נחמיה בן חכליה**, וועלכער האט פריהער געהאט א הויכע שטעללונג אין פערזישען הויף און איז שפעטער (אין 444) פון קעניג ארתחשסתא געשיקט געוואורן נאך דעם לאנד פון יהודה אלס זיין פירסט אדער שטאטהאלטער. נחמיה איז איבערגעקומען אלע שווירינקייטען וואס ער האט געהאט מיט די שמרונים און עס איז איהם ענדליך געלונגען צו בעפעסטיגען ירושלים און צו בויען

א מויער ארום איהר. ער האט פארגרעסערט דיא צאָהל פון דיא איינוואוינער פון ירושלים דורך דיא בעשטימונג אז איינער פון צעהן פון די גאנצע בעפעלקערונג פון יהודה זאל וואוינען אין דיא הויפט שטאדט. ער האט אויפגעטהאן פיעלע אנדערע וויכטיגע זאכען פאר דיא יונגע געמיינדע און האט אויך געזאָרגט אז מען זאָל אפּ־היטען שבת.

אין יענער צייט האט אויך געלעבט מלאכי, דער לעצטער פון דיא נביאים, וועלכער האט געמוסרט דאס פאָלק צו לעבען מאָראליש און אויך צו ברייגנען אנ־שטענדיגע נדבות פאר דעם בית המקדש און צו געבען תרומות ומעשרות. דאס זיינען דאן געוועזען דיא וויכטיגע פראגען ווייל דאדורך איז די נייע ארגאניזאציאָן פון דיא געמיינדע פארשטארקט געוואָרן.

דיא 100 יאהר נאך דיעזער צייט קענען גערעכנט ווערן אלס דיא צייט פון דיא אנשי כנסת הגדולה. דיעזער נאמען ווערט געגעבען צו דיא פאָרשטעהער פון יודענטהום אין יענער צייט, וועלכע האבען צוזאמענגעקליבען דיא ספרים פון תנ״ך און ארויסגעוואָרפען געוויסע ספרים וואס זיינען נאך זייער מיינונג ניט ווערטה געוועזען אריינגענומען צו ווערן אין דיא זאמלונג פון דיא כתבי הקודש. זייא האבען אויך מתקן געוועזען דיא תפלות, און געמאכט מעהרערע תקנות וועלכע זיינען דער־מאָהנט אין תלמוד. זייא האבען איבערהויפט געהאט א וויכטיגען איינפלוס אויף דיא ענטוויקלונג פון יודענטהום; אבער יעצט וויסען מיר ניט זייערע נאמען און און אויך ניט גענוי דיא צייט ווען דיעזע בעריהמטע „סינאגאָג“ אדער קאָנפערענץ האט זיך אנגעפאנגען אדער געענדיגט.

דער פּאָליטישער צושטאנד האט זיך אין דיעזער צייט ווייניג געענדערט און דער יאָך פון דיא פערזישע הערשאפט האט דיא אידען ניט שווער געדריקט. אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון לאנד איז דער כהן גדול געוועזען דער הויפט־פיהרער און דאס אמט איז איבערגעגאנגען פון פאטער צום זאָהן; אזוי וויא א מלוכה אדער אזוי וויא דיא כהונה אין דער צייט פון בית ראשון. עס זיינען אונז איבער־געבליעבען דיא נאמען פון דיא זעקס כהנים גדולים וועלכע האבען געהערשט פון דיא אויפבויאונג פון בית שני ביז אונגעפעהר 350 פאר קריסטוס. זיי האבען גע־הייסען ישוע, יויקים, אלישיב, יוידע, יוחנן (יונתן) און ידוע. דער לעצטער ווערט אין תלמוד גערופען מיט דעם נאמען שמעון הצדיק, דער לעצטער אדער איי־נער פון דיא לעצטע פון דיא אנשי כנסת הגדולה. שמעון הצדיק איז געוועזען דער פאָרשטעהער פון אידען ווען דער גרויסער העלד אלכסנדר מוקדון, וועלכער האט איינגענומען כמעט אלע לענדער וועלכע זיינען דאמאלס געוועזען בעקאנט, האט צר־

גענומען ארץ ישראל און גאנץ סיריען פון דיא פערזיער. אלכסנדר האט דעם כהן גדול אפגעגעבען פיעל כבוד און דיא אידישע לאגע איז אונטער דעם נייעם הערשער נים פארערגערט געוואָרן.

ווען אלכסנדר׳ס גענעראלען האבען נאך זיין טויט אנגעפאנגען צו פיהרען בלוטיגע מלחמות ווענען דיא הערשאפט פון זיינע לענדער, איז ארץ ישראל געווען איינע פון דיא פראָווינצען איבער וועלכע דיא הערשער פון סיריען האבען זיך ארומ־געריסען מיט די הערשער פון עגיפטען. תלמי אדער פטאָלאָמעאוס לאגוס .I דער קעניג פון מצרים, האט איינגענומען ירושלים אין 320. ארץ ישראל האט שוין יעצט געהאט א גרויסע בעפעלקערונג און תלמי האט פיעלע אידען פארקויפט פאר קנעכט און האט אויך גרויסע מאסען אריינגענומען אין זיינע ארמעען. ווען תלמי האט איינגענומען דיא גאנצע אומגעגענד האט ער זיך געוויזען פריינדליכער צו אידען און פיעל זיינען מיט איהם פרייוויללינ אוועק און זיך בעזעצט אין מצרים, וואו עס זיינען באַלד אויפגעוואקסען וויכטיגע אידישע געמיינדען.

זיין נאכפאָלגער תלמי .II (פילאדעלפוס) וועלכער איז געווען א פריינד פון וויסענשאפט, איז געווען נאך פריינדליכער צו אידען וויא זיין פאטער. אין דער צייט פון זיין רעגיערונג איז געמאכט געוואָרען דיא בעריהמטע גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה וועלכע איז בעקאנט אלס דיא „סעפטואגינטא“ (העתקת השבעים) נאך דיא 70 (אדער 72) אידישע געלעהרטע וועלכע האבען איהר פערפערטיגט. זיין נאכפאָלגער תלמי עווערגעטוס איז שטארק אויפגעבראכט געוואָרן אויף אידען ווען דער כהן גדול חוניו האט איהם אויפגעהערט צו צאָהלען דעם יעהרליכען שטייער פון 20 טאלענטען (ככר) זילבער. נור א פריינד פון חוניו מיט דעם נאמען יוסף בן טוביה האט דעם קעניג בערוהיגט און איז דערפאר געווארן דער שטייער־איינגעה־מער פון ארץ ישראל און האט זיך דערפון ערוואָרבען א גרויסען רייכטהום. דער נעקסטער קעניג פון עגיפטען וועלכער האט אויך געהייסען תלמי (פטאָלאמעוס IV פיליפאטאר 201—221) איז נים געווען מעהר אזוי פריינדליך צו אידען, אבגלייך ער און זיין פאטער האבען בייא געוויסע געלעגענהייטען געבראכט קרבנות אין ירושלים. עס ווערט דערצעהלט פון א פאלל וואו דיעזער קעניג האט געוואלט אומ־בריינגען דיא אידען פון מצרים פאר כעס איבער א וואונדערבארען אונפאל וואס איהם האט געטראָפען ווען ער איז אריין אין בית המקדש. ער האט געלאָזט בינ־דען דיא אידען און געהייסען אויף זייא ארויפלאָזען ווילדע עלעפאנטען וועלכע זאָ־לען זיי צוטרעטען. אָבער דיא עלעפאנטען זיינען אנגעפאלען אויף זייערע אייגענע פיהרער און האבען צוטראָטען פיעלע פון דיא עגיפטער.

נאך דעם טויט פון תלמי פיליפאטאר איז ארץ ישראל געקומען אונטער דיא הערשאפט פון סיריען (סוריא). דער ערשטער סירישער הערשער איבער אידען אנטיוכס .III אדער דער גרויסער, וועלכער האט רעגיערט פון 224 ביז 187 איז געווען זעהר גוט צו אידען און האט בייגעטראגען אויפצובויען וויכטיגע געביידען אין ארץ ישראל. זיין נאכפאלגער סעליוקוס IV (187—175) איז אויך געווען פריינד־ליך צו אידען, אבגלייך דיא נויט האט איהם געצוואונגען צו וועלען בערויבען דיא אוצרות פון בית המקדש. נאך זיין טויט איז זיין ברודער אנטיוכוס עפיפאנוס גע־וארן קעניג פון סיריען און אונטער איהם האט ארויסגעפלאצט דיא שנאה צווי־שען דיא צוויא פארטייען אין וועלבע דיא אידען פון יענע צייט זיינען געווען צו־טהיילט: דיא פרומע אידען און דיא העללעניסטען אדער אידען וועלבע האבען אנ־גענומען דיא שפראכע און דיא זיטען פון דיא גריכישע הערשער *) דיא גרויסע מאסע אידען וועלבע האבען געוואוינט אין עגיפטען זיינען צום גרעסטען טהייל גע־ווארן העללעניסטען און זייער בעקאנטשאפט מיט יודענטהום איז געווארן וואס ווייטער מעהר אפגעשוואכט. אבער אין ארץ ישראל האט זיך ענטוויקעלט א קאמפף צווישען דיא נאציאנאליסטישע פרומע אידען און דיא העללעניסטישע רעפארמער וועלבע האבען זיך געוואלט אסימילירען מיט די גריבישע ציוויליזאציאן וועלבע האט יעצט געהערשט אין סיריען און עגיפטען. דאס האט געפיהרט צו א צוזאמענשטויס צווישען דיא אידישע פארטייען, דאן צו א צוזאמענשטויס צווישען דיא אידען און זייערע הערשער און ענדליך צו דיא בעפרייאונג פון ארץ ישראל פון דעם יאך פון סירישע הערשאפט.

---

*) גריעכענלאנד האט זיך גערופען העללאס און דיא פריינדע פון דיא גריכען האבען דארום געהייסען העלעניסטען.

דריטער קאפיטעל.

אנטיוכוס הרשע און דער בעפרייאונגס־קריעג אונטער דיא חשמונאים. יהודה המכבי און זיינע בריעדער.

ווען אנטיוכוס עפיפאנוס איז געקומען אויפ'ן טהראָן (175 פאר קריסטוס) האט ישוע אָדער יאזאָן, דער ברודער פון דאמאָליגען כהן גדול הוניו III. איהם אונטער־געקויפט צו קריגען זיין ברודער'ס הויכען אמט. אנטיוכס האט אראָפּגעוואָרפען דעם פרומען חוניו און ישוע האט אלס כהן גדול זיך אנגעהויבען צו ווייזען מעהר גענייגט צו די זייט פון די העללעניסטען. אבער דאס האט איהם ניט פיעל געהאָלפען, וויל אנטיוכס האט יעצט אויסגעפונען אז דיא כהונה גדולה איז איין ארטיקעל פאר וועלכען ער קען קריגען א גוטען פרייז און האט איהר ווידער פארקויפט. ישוע האט אוועקגעשיקט זיין יעהרליכען שטייער צו אנטיוכס דורך א געוויסען מענעלאוס, און דיעזער שליח האט אליין צוגעלייגט דערצו נאך א גרויסע סומע און איז דער־פאר געמאכט געוואָרען צום כהן גדול. ישוע איז אוועק נאך עגיפטען אבער דער פריהעריגער כהן גדול הוניו איז געבליעבען אויפען פלאץ אין ירושלים.

מענעלאוס האט פארשפראָכען צו צאָהלען אנטיוכס גרויסע סומען געלד און ווען ער האט ניט געפונען קיין אנדער מיטעל עס צו שאפען האט ער אנגעפאנגען צו פארקויפען דיא טהייערע כלים פון בית המקדש. חוניו האט דאגעגען שטארק פראָטעסטירט און מענעלאוס האט איהם געהייסען ערמאָרדען. דאס האט געמאכט א גרויסען סקאנדאל. איין אויפגערעגטע מאסע איז בעפאלען און דערהרגעט לי־זימאכוס, א ברודער פון מענעלאוס. אין דער צייט פון דיא אויפרעגונג האט זיך פארשפרייט א פאלשע נאכריכט אז אנטיוכס איז געשטאָרבען און ישוע האט גע־ברויכט דיעזע געלעגענהייט צו קומען מיט 1000 מאן און צו פערטרייבען מענעלאוס פון דיא כהונה גדולה. ישוע האט אבער באלד אויך געמוזט אנטלויפען וויל אנ־טיוכס איז (אין 169) אנגעקומען נאך ירושלים מיט א גרויסע ארמעע.

אנטיוכס איז בעפאלען דיא שטאָדט וויא א טויט־פיינד, ניט וויא א הערשער אין זיין פראָווינץ. ער האט אויסגעהרגעט א גרויסען טהייל פון דיא איינוואוינער און האט אוועקגערויבט אלע אוצרות פון בית המקדש. ווען ער איז אוועק חאבען

דיא העלעניסטען וויטער אינטריגירט געגען דיא פרומע אידען און ער איז ערפאהר־
רען דאס ער האלט ניט וויט עס זאל געגען איהם אויסברעכען איין אויפשטאנד.
ער האט דארום אוועקגעשיקט זיין גענעראל אפאלאניוס מיט איין ארמעע נאך
ירושלים און איהם אנגעזאגט ער זאל ניט נאר בעשטראפען דיא אידען פאר זייער
אונטרייהייט, זאנדערען ער זאל אויך זייא צווינגען אנצונעהמען דיא גריכישע רעליג־
יאן. אפאלאניוס איז בעפאלען ירושלים אום שבת און אויסגעמארדעט פיעלע פון
דיא איינוואוינער. ער האט איינגענומען און בעפעסטיגט א טהייל פון שטאדט און
דארט איינקווארטירט סירישע סאלדאטען. דיא כהנים זיינען פארטריבען געווארן
פון בית המקדש און קרבנות פאר דעם גריכישען גאט צעאוס (יופיטער) זיינען גע־
אפפערט געווארן אויפען מזבח. שבת און מילה זיינען פארבאטען געווארן און יע־
דער איד וועלכער איז ענטדעקט געווארן אבהיטענדיג איינע פון דיא מצות פון דער
תורה איז אומגעבראכט געווארן. אידען זיינען געצוואונגען געווארן צו פארגעטערן
דיא גריכישע געטצען אבער פיעלע פון זייא האבען אוועקגעלייגט דעם לעבען פאר
זייער רעליגיאן. א העלדענמוטהיגע פרוי מיט דעם נאמען חנה האט אלליין אויפ־
געמונטערט איהרע זיבען זיהן זיי זאללען ליעבער שטארבען דעם טויט פון מארטי־
רער איידער נאכצוגעבען דעם בעפעהל פון דיא געטצענדינער. פיעלע פון די פרומע
זיינען צולאפען אין אנדערע לענדער און אנדערע האבען זיך בעהאלטען אין גריבער
און אין הייל‍ען.

דיא אידישע נאציאן איז אבער נאך דאן געווען צו שטארק אזוי לייכט אונטער־
דריקט צו ווערען. עס האט נור געפעהלט א פיהרער וועלכער זאל קענען פאראיי־
ניגען אונטער זיך אלע וועלכע זיינען געווען בערייט צו קעמפפען פאר זייער רעליג־
יאן און פאר זייער פאטערלאנד. אזא פיהרער האט זיך באלד געפונען אין דיא
פערזאן פון דעם אלטען מתתיהו בן יוחנן חשמונאי וועלכער האט מיט זיינע
פינף זיהן געוואוינט אין דעם דארף מודיעים ניט וויט פון ירושלים. ווען דיא בע־
אמטע פון אנטיוכס זיינען דארט געקומען צווינגען דיא אידען צו פערעהרען דיא
גריכישע געטער, האבען זייא געהייסען מתתיהו ער זאל מקריב זיין א קרבן צו צע־
אוס, אבער ער האט זיך ענטזאגט. ווען איין אנדער איד האט זיך אנגענומען צו
טהאן וואס דיא גריכען האבען פארלאנגט, איז מתתיהו פלוצלונג אויף איהם אנגע־
פאללען און איהם אפגעהאקט דעם קאפ. דער אלטאר איז צובראכען געווארן און
מתתיהו מיט זיינע זיהן האבען דאמיט אנגעפאנגען א רעוואלוציאן געגען אנטיוכס,
און אויפגעפאדערט אללע געטרייע אידען זיך אן זייא אנצושליסען און צו בעפרייען
ארץ ישראל פון איהרע טיראנישע הערשער.

דער אויפרוף פון מתתיהו האט געפונען איין אָפּקלאַנג און האט ערוועקט דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון דיא צושפּרייטע אידען. דיא בעהאַלטענע האבען געפּאסט מוטה און זיינען ארויס פון זייערע פאַרבאָרגענע פּלעצער, אַנטלאָפענע זיינען צוריק געקומען און מתתיהו מיט זיינע זיהן זיינען באַלד געשטאַנען אן דער שפּיצע פון א מוטהיגע און ענטשלאָסענע אידישע אַרמעע. אין דיא ערשטע שלאַכט האט דיא אַרמעע פון אַנטיוכס ערליטען א גרויסע ניעדערלאַגע און האט געמוזט אַנטלויפען. מתתיהו איז ארומגעפאָהרען איבער פערשיעדענע שטעדט, האט איבעראַל צוברא־כען דיא גריכישע מזבחות און האט מל געווען דיא קינדער וועלכע זיינען געבאָרען געוואָרען זייט דיא נייע גזירות זיינען ארויס. ער האט אויך אַנגעפאַנגען צו זאַמלען איין אַרמעע און זיך צו ריכטען אויף דעם נעקסטען איבערפאַל פון אנטיוכס. אבער ער האט דיא נעקסטע גרויסע שלאַכט ניט דערלעבט. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 166 און זיין זאָהן יהודה איז געוואָרען דער אַנפיהרער פון דיא אידישע רעוואָ־לוציאָנערע אַרמעע.

יהודה בן מתתיהו, אדער וויא ער ווערט געוועהנליך גערופען יהודה המכבי*), איז איינער פון דיא גרעסטע קריעגס־העלדען פון דער וועלט געשיכטע. דיא ערשטע אַרמעע וואס אפאלאָניוס האט געגען איהם געבראכט איז בעזיעגט געוואָרען און אפאלאָניוס אַלליין איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד. ווען א צווייטע אַרמעע אונ־טער איין אַנדער גריכישען אַנפיהרער איז אויך בעזיעגט געוואָרען פון דעם אידישען העלד, איז אַנטיוכס נעוואָרען אויסער זיך פון צאָרן און האט אַנגעפאַנגען צו מאַכע פּאָרבערייטונגען צו פארניכטען דעם גאַנצען אידישען פאָלק. אבער גראָדע דאן איז ער אַליין געצוואונגען געוואָרען צו מאַכען א רייזע נאך פערזיען און ער האט די מלחמה מיט יהודה איבערגעגעבען אין דיא הענד פון זיין פריינד און ראַטהגעבער ליזיאַס. דיעזער האט אויסגעקליבען דריי פעהיגע גענעראַלען, תלמי, נקנור און גורגיאַס און זיי אוועקגעשיקט נאך ארץ ישראל מיט 40,000 פוסגעהער און 7000 רייטער. יהודה המכבי, וויא אַלע בעריהמטע קריעגספיהרער, האט געהאט דיא פעהיגקייט ארומצופיהרען זיין אַרמעע פון איין פּלאַץ אויפ'ן צווייטען מיט זעלטענע שנעלי־קייט . ער איז פּלוצלונג איבערפאַלען און האט בעזיעגט יעדען פון דיא דריי גענע־ראַלע בעזונדער, איידער זייא האבען געהאט צייט זיך צו פאַראייניגען. דורך דיע־זען זיעגען זיינען איהם אויך אריין אין האנד גרויסע אוצרות, וועלכע האבען איהם ערמעגליכט ווייטער אַנצוהאַלטען זיין אַרמעע.

*) מען גלויבט אז דאס זיינען דיא ראשי תיבות פון דיא ווערטער "מי כמכה באלים יהוה", וועלכע זיינען געשטאַנען אויף זיין פאָהן.

ליזיאס איז דאן אליין געקומען נאך ארץ ישראל מיט איין ארמעע פון איבער 60,000 מאן און האט זיך אפגעשטעלט נים וויט פון ירושלים. יהודה המכבי האט געהאט נור 10,000 מאן, אבער די קליינע פאטריאטישע ארמעע וועלכע האט געקעמפפט פאר רעליגיאן און פאר די בעפרייאונג פון זייער פאטרלאנד, האט בעזיעגט דעם מעכטיגען פיינד און ליזיאס איז צוריק געשלאגען געווארן מיט גרויס פערלוסט. דיעזער זיעג האט די אידען געגעבען די האפנונג אז עס וועט זיי געלינגען זיך בעפרייען פון דעם טיראנישען יאך פון אנטיוכס. אבגלייך די פעסטונג (מצודת ציון) איז נאך געוועזען בייא דעם פיינד אין די הענד, האט יהודה בעשלאסען פריהער צו ברייגגען אָרדנונג אין ירושלים און צו זאָרגען אז די עבודה פון בית המקדש זאָל ווידער אָנגעפאנגען ווערען. די שטאָדט און דער טעמפעל זיינען אויסגערייניגט געוואָרן, מען האט אויפגעבויט א נייעם מזבח און געמאכט א נייע איינווייהונג אָדער חנוכת הבית דעם 25טען טאָג אין כסלו (164) און עס איז איינגעפיהרט געוואָרן ביי אידען צו פייערן אלע יאָהר אכט טעג חנוכה צום אנ־דענקען פון דעם זיעג פון די חשמונאים איבער די גריכישע אונטערדריקער.

יהודה האט בעפעסטיגט ירושלים און אייניגע אנדערע פלעצער און האט אויך איינגענומען אייניגע שטעדט אין ארץ ישראל וועלכע זיינען געווען אין די הענד פון די פיינדליכע אדומים. אין יענער צייט איז אנטיוכס עפיפאנוס געשטאָרבען (163) און זיין נאכפאָלגער אנטיוכס אופאטאר איז געקומען מיט א געוואלטיגע ארמעע זיך אָפצורעכענען מיט די אידען וועלכע האבען זיין פאטער אזוי שטארק ערני־דריגט. אין א שלאכט וואס איז פאָרגעקומען ביי בית צור איז אליעזר, דער ברודער פון יהודה המכבי, אומגעקומען דורך איין עלעפאנט וואס ער האט דערשטאָכען און איז צודריקט געוואָרן אונטער דעם געוויכט פון דעם טויטען קערפער וואס איז אויף איהם ארויפגעפאלען. אנטיוכס האט בעלאגערט ירושלים און יהודה האט זיך געפונען אין זעהר א שלעכטע לאגע. צום גליק האט אויסגעבראָכען איין אויפ־שטאנד אין סיריען זעלבער און אנטיוכס האט געמאכט שלום מיט די אידען ער זאָל קענען שנעל אוועק אהיים. אבער ער האט גלייך געבראָכען זיין פערשפרעכען נים צו בעשעדיגען ירושלים און האט פאָרן אוועקגעהן צובראָכען די וואנט ארום הר הבית.

אין 161 איז אנטיוכס אופאטאר ערמאָרדעט געוואָרן א.ן אויף זיין פלאץ איז געוואָרן קעניג אין אנטיוכיא דימיטריאוס, דער זאָהן פון סולייקוס פיליפאטאָר. יהודה המכבי איז דאן געווען כהן גדול און הערשער איבער ארץ ישראל, אבער דאס לאנד האט זיך נאך אימער גערעכענט פאר א סירישע פראָווינץ. א איד מיט

דעם נאמען אלקימוס,וועמען ליזיאש האט געמאכט פאר א כהן גדול, אבער ער איז פארטריבען געווארן פון די אידען, איז אוועק צום נייעם קעניג דימיטריאוס או אויסגעווירקט צוריק צו קריגען זיין שטעלע. דער קעניג האט געשיקט באקחידוס מיט איין ארמעע אראפ צו ווארפען יהודה פון אמט און אלקימוס האט דורך א פעררעטה געלאזט ערמארדען 60 פראמינענטע לייט פון ירושלים וועלכע האבען זיך אין איהם איינגעגלויבט. אבער יהודה האט אויך דיעזע גריכיש-סירישע ארמעע בעזיעגט און פארטריבען פון לאנד. א יאהר שפעטער האט דימיטריאוס געשיקט זיין גענעראל נקנור איין נעהמען ארץ ישראל און ווען ער איז שפעטער ערפאהרען אז נקנור האט זיך בעפריינדעט מיט יהודה המכבי און פיהרט מיט איהם קיין קריעג, האט ער געשיקט א בעפעהל אז יהודה המכבי זאל אומגעבראכט ווערן אזוי שנעל וויא מעגליך. דער אידישער העלד האט זיך צו דער צייט ארומגעזעהן אז נקנור איז איהם פאלש און האט דורך א פלוצלונגען איבערפאל פארניכטעט איהם מיט זיין גאנצע ארמעע. צום אנדענקען פון דיעזען נייעם גרויסען זיעג איז דער דרייצעהנטער אדר פאר פיעלע יאהרען געפייערט געווארן אלס „נקנור טאג“.

אין יאהר 160 איז באקחידוס וויעדער געקומען מיט א גרויסע ארמעע און האט בעלאגערט ירושלים. זיין מאכט האט די אידישע פאטריאטען שטארק איינגע-שראקען און נור 8000 האבען זיך געפונען וועלכע האבען געהאט דעם מוטה צו געהן מיט יהודה המכבי אנגרייפען דעם פיינד. די קליינע ארמעע איז ארומגערינ-געלט געווארען פון אלע זייטען און איז געשלאגען געווארען נאכדעם וויא זיא האט געוויזען זעלטענע גבורות. דער העלד יהודה המכבי, דער שטאלץ און די האפנונג פון די פאטריאטען, איז אויך געפאלען אין דיעזע שלאכט און די לאגע פון די אידען האט זיך שטארק פארערגערט. די העללעניסטישע אידען וועלכע האבען סימפאטיזירט מיט די גריכישע פיינדע האבען יעצט אויפגעהויבען דעם קאפ און עס האט אויסגעזעהן אז די פרוכט פון די אלע גבורות פון דעם אונשטערבליכען יהודה המכבי וועט געהן פארלארען. אבער זיינע ברידער יונתן און שמעון וועלכע האבען יעצט זיך געשטעלט אן דער שפיצע פון אידישען פאלק האבען זיך געפאסט מוטה און געקעמפפט פאר זייער פאטערלאנד מיט גרויס ערפאלג. אין 157 האבען זיי געמאכט שלום מיט באקחידוס וועלכער איז אוועק אהיים און איבערגעלאזען סירישע סאלדאטען אלס א צייכען פון די אויבערהערשאפט פון דימיטריאוס. יונתן איז אבער געבליבען דער הערשער איבער ארץ ישראל אונטער גריכישען שוץ.

שפעטער האט יונתן געוואוסט וויא צו ציהען נוצען פון א שטרייט וואס איז ארויס צווישען דימעטריאוס און אלכסנדר באלאס איבער די הערשאפט פון

סיריען. ער און זיין ברודער שמעון האבען געפיהרט איין ארמעע וועלכע האט בע־זיעגט א פיינדליכע מאכט וואס דימיטריאוס האט געגען זייא געשיקט, און האבען געוואונען איינינע שטעדט. פאר דיא נעקסטע עטליכע יאהר האט יונתן מיט זיין ארמעע אונטערשטיצט באלד איינעם באלד דעם אנדערן פון דיא שטרייטענדע סי־רישע הערשער. יונתן איז ענדליך ערמארדעט געווארען (142) פון דעם סירישען גענעראל טריפאן וועלכע האט דערלאנגט צום טהראן און איז פריהער פון איהם אונטערשטיצט געווארן. שמעון בן מתתיהו, דער לעצטער פון דיא פינף העלדישע ברידער, איז יעצט געבליבען דער אנפיהרער פון דיא אידען. ער האט איינגענומען דיא פעסטונג פון ציון וועלכער איז ביז דאן געוועזן אין דיא הענד פון פיינד און איז דאמיט געווארן דער הערשער פון גאנץ ארץ ישראל. ער האט געבויט פעסטונגען, געזאמעלט ארמעען און האט געזארגט צו פארגרעסערען דעם האנדעל אין די הא־פענשטעדט. ער האט אויך געוואוסט זיך בעסער צו פארטראגען מיט דיא סירער און האט זיך נימט געמישט אין זייערע אינערע שטרייטיגקייטען, ווען דימיטריאוס האט צוריק נעקריגען דיא הערשאפט פון סיריען האט ער בעשטעטיגט שמעון׳ס שטעלע אלס פארשטעהער פון אידען און די אלגעמיינע לאגע פון ארץ ישראל האט זיך פיעל פארבעסערט. שמעון איז געוועזן כהן גדול און נשיא און דיא אידען האבען בעשלאסען אז ביידע עמטער זאלען בלייבען בירושה אין זיין פאמיליע (140).

פינף יאהר נאכדעם (135) איז שמעון מיט זיינע צוויי זיהן ערמארדעט געווארן פון זיין איידעם תלמי צו ווענען ער איז געקומען אויף א בעזוך אין יריחו. שמעון׳ס דריטער זוהן, יוחנן הורקנוס*) האט זיך געדעטעט נאך ירושלים און איז דארט געמאכט געווארן צום כהן גדול און נשיא אויף זיין פאטערס פלאץ.

*) אין תלמוד ווערט ער גערופען יוחנן כהן גדול.

פיערטער קאפיטעל.

ארץ ישראל ווערט אונאבהענגינג אונטער דיא דינאַסטיע פון דיא חשמונאים. יוחנן הורקנוס. אלכסנדר ינאַי. אנטיפטר און הורדוס.

אין אָנפאנג פון זיין הערשאפט האט יוחנן הורקנוס געליטען פון איין אָנגריף וואס אנטיוכס זידעטעס האט געמאַכט אויף ארץ ישראל. אבער נאך דעם טויט פון דיעזען הערשער פון סיריען האבען זיך דאָרט ווידער אָנגעפאנגען מלחמות וועגען א נאכפאָלגער און הורקנוס האט דיעזע געלעגענהייט בענוצט ארץ ישראל אין גאנצען צו בעפרייען פון דיא סירישער אויבערהערשאפט. ער האט דאן אנגעווענדעט זיינע אלע קרעפטען צו פאראייניגען די אידישע נאציאָן און איהר צו פארשטאַרקען פון אינווייניג. ער האט איינגענומען די שטאדט שכם און חרוב געמאכט דעם טעמפעל וואס דיא שמרונים האבען אויפגעבויט אויפ'ן בארג גריזים. שפעטער האט ער אויך חרוב געמאכט דיא שטאָדט שומרון. ער האט אויך בעזיעגט דיא אדומים און האט זייא געצוואונגען זיך מל צו זיין און זייט דאן האבען זיי זיך פארמישט מיט דיא אידישע בעפעלקערונג. ער האט אויך איינגענומען גזר און די האפפענשטאט יפו און דער האנדעל פון ארץ ישראל האט אונטער איהם אויפגעבליהט. ער האט געשלאָסען א פערטראַג מיט רוים, וועלכע האט שוין דאן אנגעהויבען צו פארנעהמען א וויכטיגען פלאץ אונטער דיא שטאַרקע מעכטע פון יענער צייט. דער רעמישער סענאַט האט אנערקאנט הורקנוס אלס אונאבהענגיגען הערשער איבער דיא שטעדט וואס ער האט געוואונען.

ארץ ישראל איז יעצט ווידער געווארן איין אונאבהענגיגע לאנד אזוי וויא אין דער צייט פון בית ראשון. הורקנוס האט רעגירט 30 יאהר מיט גרויס ערפאָלג, נור אין דיא לעצטע יאהרען זיינען פאָרגעקומען שטרייטיגקייטען צווישען איהם או די פרומע סעקטע פון געלערנטע אידען וועלכע האבען זיך גערופען די פ ר ו ש י ם אזוי וויא אלע חשמונאים ביז איהם, אזיי האט אויך יוחנן הורקנוס געהאלטען מיט דיא פרושים און איז געווען געגען די צ ד ו ק י ם אדער אריסטאָקראַטישע אידען וועלכע האבען סימפאַטיזירט מיט דיא גריכישע ציוויליזאציאָן. אבער א פרוש האט איהם אמאָל אויף א מאָל צייט געמאכט דעם פאָרוואורף אז ער האט קיין רעכט צו זיין א כהן גדול און יוחנן הורקנוס איז דאריבער אזוי בייז געוואָרן דאס ער איז

אריבער אויף דיא זייטע פון דיא צדוקים און אָנגעפאַנגען פאַרפאָלגען דיא פרושים. א גרויסע מעהרהייט פון אידישען פאָלק האבען אבער מיט זיי געהאַלטען און דיא שנאה צווישען זיי און זייער הערשער איז געוואָרן אימער שטאַרקער.

יוחנן הורקנוס איז געשטאָרבען אין יאָהר 106 און דער עלטסטער פון זיינע פינף זיהן, אריסטובל, האט פאַרנומען זיין פּלאַץ. אריסטובל האט גלייך אין אָנ־פאַנג פון זיין רעגיערונג זיך אָנגעטהאָן א קעניגליכע קרוין און האט דערמיט גע־מאַכט ארץ ישראל צוריק פאַר א קעניגרייך. זיין גאַנצע פיהרונג איז געוועזען וויא פון איין אזיאטישען דעספּאָט. ער האט זיין מוטער און זיינע בריעדער אריינגע־וואָרפען אין א געפענגניס, וואו דיא ערשטע איז געשטאָרבען פון הונגער. איינעם פון זיינע בריעדער האט ער שפּעטער געלאָזט ערמאָרדען און עס האט אנגעפאַנגען אויסצוזעהן אז ער וועט אונטערגראָבען דיא מאַכט פון דעם שטאַאט וואס איז מיט אזוי פיעל אויפאָפּפערונג געגריגדעט געוואָרן פון דיא ערשטע חשמונאים. נור זיין הערשאַפט האט זעהר וועניג געדויערט. ער איז געשטאָרבען דעם 2טען יאָהר נאָך זיין ארויפגעהן אויפ'ן טראָהן און זיין נאכפאָלגער איז געוועזען זיין ברודער אלכסנדר ינאי (דער ינאי המלך וואס איז דערמאָהנט אין תלמוד) וועלכער איז געוועזען אין געפענגניס דיא גאַנצע צייט פון אריסטובל'ס רעגיערונג.

ינאי איז געוועזען א קריעגער און א דיפּלאָמאַט און האט אין דיא 26 יאָהר (105—79) וואס ער האט רעגיערט פיעל פאַרגרעסערט זיין לאַנד. ער האט געהאַט א פערטראַג מיט קלעאָפּאַטרע, דיא קעניגין פון עגיפּטען און זיא האט איהם גע־האָלפען מיט איהר ארמעע געגען תלמי לאַטארוס וועלכער האט איהם אנגעגריפען אין אָנפאַנג פון זיין רעגיערונג. ער האט אויך איינגענומען פיעל שטעדט, דארונ־טער דיא האפענשטאַדט עזה, און האט זיין קעניגרייך פיעל פערשטאַרקט. אבער אזוי וויא זיין עלטערער ברודער אזוי איז ער אויך געוועזען פארבונדען מיט די צדוקים און איז דארום געוועזען פאַרהאַסט בייא דיא בעפעלקערונג. איינמאָהל ווען ער איז אלס כהן גדול געשטאַנען ביים מזבח אום סכות האט מען אויף איהם אָנגעפאַנגען צו וואַרפען אתרוגים און דאס האט איהם אזוי אויפגעבראַכט אז ער האט געהייסען זיינע סאָלדאַטען אנפאַלען אויף דיא פאַרזאַמעלטע מאַסע און 6000 מענשען וועלכע האבען געהאַלטען מיט דיא פרושים זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן. ווען ער האט א קורצע צייט נאכדעם פאַרלאָרען א קריעג געגען איינעם פון דיא קליינע מלכים ארום ירדן און האט זיך אליין גערעטעט נאָך ירושלים, האט זיך אנגעפאַנ־גען געגען איהם איין אויפשטאַנד וועלכער האט זיך געצויגען זעקס יאָהר און איז צום ענדע אונטערדריקט געוואָרן מיט פיעל בלוטפערגיסונג. ווען ער האט שפּעטער

בעזיענט זיינע אויסווערטיגע פיינדע און איינגענומען מעהר שטעדט, איז ער פון דיא אידישע בעפעלקערונג אויפגענומען געווארען מיט פאראד אלס זיעגרייכער העלד און קיינער האט זיך מעהר נעגען איהם ניט געשטעלט. ער האט אבער אויך אויס־געפונען דיא מאכט פון דיא פרושים און האט פאר זיין טויט נעראטהען זיין פרוי שולמית וועלכע איז געווען די שוועסטער פון אב בית דין שמעון בן שטח, דעם פיה־רער פון דיא פרושים, זיא זאל שליסען פריינדשאפט מיט דיא פרושים און פאלגען זייער ראטה.

שולמית אדער שאלאמע אלקסאנדרא. האט געפיהרט דיא רעגיערונג 9 יאהר (70—79) נאך דעם טויט פון איהר מאן. איהר עלטערער זאהן הורקנוס, א מאן מיט א שוואכען כאראקטער איז געווען כהן גדול און דעם איננערן זאהן, דעם עהר־גייציגען אריסטובל, האט זיא אוועקגעשיקט ווייט פון זיך ער זאל איהר ניט שטע־רען אין איהרע פלענער. דיא צדוקים האבען בעטראכטעט אריסטובל אלס זייער פיהרער און איהם געשטיצט נעגען זיין מוטער. ער האט צוזאמענגענומען איין אר־מעע, האט איינגענומען איינינע שטארקע פלעצער און זיך געמאכט בערייט צו פיהרען קריעג געגען זיין מוטער'ס רעגיערונג. ווען דיא קעניגין איז געשטארבען האבען דיא פרושים ערוועהלט דעם כהן גדול הורקנוס אלס זייער קעניג און דיא צדוקים האבען זיך ערקלעהרט פאר אריסטובל. דיא צדוקים האבען געזיענט אין א שלאכט צווישעןביידע ברידער וואס איז פארגעקומען ביי יריחו, און הורקנוס, וועלכער האט פיינט געהאט קריעג און אויפרעגונג, האט אוועקגעגעבען זיין ברודער דיא מלוכה און דיא כהונה און האט זיך צופריעדען געשטעלט צו וואוינען אין ירושלים אלס פריוואט מאן.

דאך איז הורקנוס ניט לאנג געבליעבען רוהיג אין צוריקגעצויגענהייט. זיינער א גוטער פריינד, איין אדומי מיט דעם נאמען אנטיפטר (אנטיפאטער) וועלכער האט געוואלט ווערן א פיהרער אין לאנד, האט אינטריגירט אראפ צו ווארפען אריסטובל פון טראהן. אנטיפטר האט איינגעשראקען הורקנוס אז זיין ברודער וויל איהם ער־מארדען און האט איהם איבערגערעדט זייא זאלען ביידע אנטלויפען זיך שיצען בייא דעם אראבישען קעניג ארעטאס. אנטיפטר האט דאן אויך איבערגערעדט ארעטאס זיך אנצונעהמען פאר הורקנוס און יענער איז געקומען מיט איין ארמעע און בע־לאגערט ירושלים. דיא פרושים האבען אונטערשטיצט ארעטאס און הורקנוס, אבער ירושלים איז געווען צו שטארק בעפעסטיגט און דיא בעלאגערער האבען איהר ניט געקענט איינגעהמען.

אין דיעזער צייט האט דער רוימישער גענעראל סקווירוס, א פערטרעטער פון

דעם גרויסען העלד פאמפעאוס, זיך אויפגעהאלטען אין דמשק און ביידע בריעדער האבען אפעלירט צו איהם ער זאָל ענטשיידען וועמען דער טראָהן פון יהודה קומט. אריסטובל האט דעם רוימער געגעבען א גרעסערע מתנה און ארעטאס האט דאַרום געקריגען א בעפעהל אויפצוגעבען די בעלאגערונג. ווען די אראבער זיינען אוועק האט אריסטובל זיי נאכגעיאגט און איבער זיי געוואונען א גרויסען זיעג. אבער זיינע אנשטרענגונגען צו פארשטארקען זיין הערשאפט נאך דיעזען זיעג זיינען געווען אומזיסט. רוים וועלכע האט אנגעפאנגען צו פארשלינגען איין לאנד נאך דאס אנדערע, האט יעצט אויסגעשטרעקט איהר האנד אויף יהודה און עס איז געווען לייכט פאראויס צו זעהן דאס ענדע. די שטרייטיגקייט צווישען די צוויי בריעדער און זייער ענטשלוס זיך צו פערלאָזען אויף די ענטשיידונג פון א רוימישען גענעראל האט געגעבען דעם נעטהיגען אויסרייד. ווען פאמפעאוס אליין איז געקומען נאך דמשק זיינען די פארטרעטער פון ביידע בריעדער ווידער צו איהם געקומען און דער רוימישער העלד האט געענטפערט אז ער וועט אין קורצען אליין זיין אין ירושלים און דאן ענטשיידען ווער פון זיי איז גערעכט.

אריסטובל האט פארשטאנען וואס דיעזעס מיינט און האט זיך אנגעפאנגען פאָרצובריייטען צו א קריעג מיט רוים. אבער ער איז געווען צו שוואך געגען די רוימער און פאמפעאוס איז אין א קורצע צייט שפעטער (63) געקומען מיט זיין ארמעע נאך ירושלים. ער האט געזעהן און בעוואונדערט דעם בית המקדש און די אוצרות, אבער ער האט קיין זאך ניט אָנגעריהרט. ער האט אבער אָפגעגעבען זיינע ענטשיידונגען אזוי וויא יהודה וואָלט שוין געווען א רוימישע פראָווינץ, דער טיטעל קעניג איז פון אידישען הערשער צוגענומען געוואָרן. הורקנוס איז געמאכט געוואָרן צום פירשט פון פאָלק (עטהנארך) און האט צוריק געקריגען די כהונה. אריסטובל און זיינע צוויי זיהן אלכסנדר און אנטיגנוס זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרן געפאנגענע נאך רוים. די פרעמדע שטעדט וואס די לעצטע חשמונאים האבען צוגענומען פון בענאכבארטע לענדער זיינען אפגעריסען געוואָרן פון לאנד און די פיהרער פון אויפשטאנד געגען הורקנוס זיינען שווער בעשטראָפט געוואָרן. אבער אנטיפטר האט דורכגעפיהרט זיין גאנצען פלאן. ער איז געבליעבען דער אמתער הערשער פון לאנד, ווייל הורקנוס איז ניט געווען פעהיג צום רעגירען און האט מעהר ניט געהאט וויא דעם טיטעל, ווערענד אנטיפטר האט געהאט די מאכט אין זיינע הענד.

אלכסנדר, דער זאָהן פון אריסטובל, איז דערווייל אנטלאפען פון זיין געפאנגענשאפט און האט געמאכט איין אויפשטאנד געגען הורקנוס. אווילוס גאביניוס, דער

רוימישער גאָווערנאר פון סיריען, וועלכער האט יעצט בעטראכטעט דאס לאנד יהודה אלס אונטער זיין הערשאפט, האט דעם אויפשטאנד אונטערדריקט. אריסטובל איז מיט זיין צווייטען זאָהן אויך אנטלאָפען פון רוים און פרובירט צוריק געווינען זיין קעניגרייך, אבער ער איז בעזיעגט געוואָרען און ווייטער אוועק נאך רוים אלס געפאנגענער. אנטיפטר האט איבערצייגט דיא רוימער אז ער איז זיי געטריי. דאך האט דאס ניט געשטערט קראססוס, איינעם פון דיא דריי הערשער פון רוים, אוועק צורויבען דיא אוצרות פון בית המקדש. א נייער אויפשטאנד אין יהודה איז אויך שנעל אונטערדריקט געוואָרען פון דיא רוימער אין יאָהר 52.

ווען דיא העלדען פאָמפעאוס און יוליוס צעזאר האבען זיך אנגעפאנגען ארומצורייסען איבער דיא הערשאפט פון רוים, האט אריסטובול צוריק געקריגען האָפנונג. אבער ער איז געשטאָרבען איידער יוליוס צעזאר האט איהם געקענט צוריק עבען זיין מאכט און דער יונגער אלכסנדר איז אומגעבראכט געוואָרען אויף דעם בעפעהל פון פאָמפעאוס. ווען יוליוס צעזאר איז געבליעבען דער איינציגער הערשער פון רוים האט אנטיפטר וועלכער האט פריהער געהאלטען מיט פאָמפעאוס איהם געוואונען אויף זיין זייט דורך דעם וואס ער האט איהם געהאָלפען אין א קריעג געגען עגיפטען. צעזאר האט בעשטעטיגט הורקנוס אלס כהן גדול און האט געמאכט אנטיפטר פאר א רוימישען פאטריציער אדער אדעלמאַן און צום פאָרשטעהער פון יהודה. צעזאר האט זיך בכלל געוויזען זעהר פריינדליך צו אידען און זייא האבען געהאט אורזאכע פיעל צו טרויערן ווען ער איז ערמאָרדעט געוואָרען (44).

אנטיפטר האט געמאכט זיין זאָהן הורדוס צום גאָווערנאר פון איינעם פון דיא פינף פראָווינצען און וועלכע דיא רוימער האבען צוטהיילט יהודה. הורדוס איז געווען נאך פעהיגער פון זיין פאטער און האט אימער געוואוסט וויא צו געווינען דיא גונסט פון די רוימער. ווען אנטיפטר איז אומגעקומען דורך פערגיפטונג איז הורדוס אויף זיין פלאַץ געוואָרען דער אמתער הערשער פון יהודה. ווען אנטיגנוס, דער זאָהן פון אריסטובל, האט מיט דיא הילפע פון דיא פארטהיער צוריק עראָבערט דעם טראָהן פון יהודה און האט דעם אַלטען הורקנוס אפגעשניטען די אויערן ער זאָל ניט קענען מעהר זיין כהן גדול, איז הורדוס אנטלאָפען נאך רוים און איז צוריקגעקומען פון דאָרט מיט א רוימישע אַרמעע. ער האט געפיהרט קריעג מיט אנטיגנוס דריי יאָהר און האט געזיעגט נאך פיעל בלוטפערגיסונג אין יאָהר 37. אנטיגנוס איז אומגעבראכט געוואָרען און הורדוס איז מיט דיא צושטימונג פון רוימישען סענאַט געוואָרען קעניג פון יהודה.

פינפטער קאַפּיטעל.

הורדוס און זיינע נאָכפאָלגער. דיא אידען פון מצרים. פילון. אגריפּס I און אגריפּס II. דער חורבן בית שני.

הורדוס איז געווען אַ טיראַן אָבער זעהר אַ פעהיגער מענש. ער האָט ערמאָרדעט אַלע וועלכע זיינען איהם געשטאַנען אין וועג אָדער וועלכע האָבען איהם געגעבען אורזאַכע ער זאָל פאַר זיי דאַרפען מורא האָבען. דיא מיטגליעדער פון דיא פאַמיליע פון די חשמונאים וועלכע האָבען נאָך געלעבט זיינען איינע נאָך די אנדערע אומגעבראַכט געוואָרען דורך פערשיעדענע אינטריגעס. אויך זיין אייגענע פרוי מאַריאַמנע (מרים) דיא טאָכטער פון אלכסנדר בן אריסטובל, איז געפאַלען איין אָפּפער פון זיין בלוטדורשטיגקייט. ער האט אויך איינגעפיהרט אין יהודה רוימישע פערגניגונגען און האט אויפגעבויט איין אמפי־טהעאַטער וואו מענשען פלעגען זיך ראַנגלען מיט ווילדע חיות צו אונטערהאַלטען דיא מאַססען. ער האָט אויך געזוכט צו מאַכען פאַרגעסען דעם פאַקט דאס ער שטאַמט פון אדומים, ניט פון אידען, און עס איז מעגליך אַז דאס איז דיא אורזאַכע דאס אבגלייך ער איז געווען אַ פיינד פון דיא פרושים, אונטער וועלכע דיא תורה שבעל פה האט זיך ערהאַלטען, האָט ער זיך דאָך געוויעזען פריינדליך צו דיא גרים שמעיה ואבטליון, דיא גייסטיגע פאָרשטעהער פון יענער צייט. אין דיא שפּעטערע צייט פון זיין רעגיערונג איז דער פאַרשטעהער פון דיא סנהדרין געווען הלל הזקן, איינער פון דיא גרעסטע און עדעלסטע מענשען פון אידישען פאָלק.

ער האָט זיך אבער געוואוסט בעליעבט צו מאַכען ביים פאָלק דורך גרויסע סומען וואס ער האָט געשפּענדעט פאַר אָרימע אין דער צייט פון אַ הונגער און דורך זיין איבערבויען פון דעם בית המקדש. דיא נייע געביידע, (בנין הורדוס) איז געווען פיעל שענער פון דיא פריהערינע און האָט געקאָסט אונגעהייערע סומען. ער האָט אויך אויסגעגעבען זעהר פיעל צו בויען און צו פאַרשענערען די האַפענשטאַדט קסרי (צעזאַריאַ) און געבויט פּאַלאַצען און מאָנומענטען וועלכע האבען דורך זייער פּראַכט און גלאַנץ פאַרבלענדעט דיא בעפעלקערונג. דיעזעס אַלעס האט איהם אָבער ניט געבראַכט קיין גליק. אין די ערשטע צייט פון די 34 יאָהר וואס ער האט רעגיערט (37—4) האָט ער געמוזט קעמפּפען געגען זיינע געגנער אין פאָלק און האָט אונטערדריקט אויפשטענדע געגען איהם מיט פיעל מערדעריי. שפּעטער איז ער געווען אין געפאַהר צו פאַרליערען דיא הערשאַפט ווען אויגוסטוס, דער פיינד פון זיין בעשיצער אנטאָנינוס, איז געוואָרען קייזער פון רוים. ווען עס איז הורדוס'ן ענדליך געלונגען צו געווינען דיא גונסט פון דעם וועלט־הערשער, וועלכער האט איהם ניט נור בעשטעטיגט אלס קעניג, זאָנדערן האט איהם אויך צוגעגעבען איינגע פּראָווינ־

צען צו זיין קעניגרייך און האט צוליעב איהם געהאָלפען אידען אין אנדערע לענדער, האט ער ווירקליך עררייכט א הויכע שטופע פון מאַכט און בעליעבטהייט, אבער בלוטיגע הויזליכע אינטריגען האָבען פארביטערט זיין לעבען. דריי פון זיינע זיהן זיינען אומגעבראַכט געוואָרען אויף זיין אייגענעם בעפעהל, איינעם פון זיי, אנטיפּטר, האט ער געהייסען הינריכטען ווען ער איז שוין אליין געלעגען נאהענט צום טויט. ער האט אויך אנגעזאָגט אז ווען ער וועט שטאַרבען זאל מען אויסהרגנען אלע פרושים וועלכע ער האָט אריינגעוואָרפען אין געפענגניס, כדי „דאס פאָלק זאל וויינען דעם טאג פון זיין טויט", אָבער זיין שוועסטער שלומית האט געהאָט גענוג פערשטאנד דיא געפאַנגענע צו בעפרייען.

הורדוס האָט צוטהיילט זיין קעניגרייך אונטער זיינע דריי זיהן, פון וועלכע ארכעלעאוס האָט געקריגען דעם גרעסטען טהייל און דעם טיטעל קעניג. קייזער אוגוסטוס האט דיעזע צוואה בעשטעטיגט נור ער האט פון ארכעלעאוס צוגענומען דיא קרוין און איהם געמאַכט נור פאַר פירשט פון יהודה. ניין יאהר שפּעטער (אין יאהר 4 נאך קריסטוס געבורט) האט דער רוימישער קייזער ארכעלעאוס'ן אויף פון דיעזע שטעלע ארונטערגעוואָרפען, ווייל דאס פאָלק האט זיך בעקלאגט אויף איהם אז ער אונטערדריקט און בערויבט זיי. דיא פּראָווינצען פון ארכעלעאוס זיינען געקומען אונטער די הערשאַפט פון דעם רוימישען גאווערנער פון סיריען. די אנדערע צוויי זיהן פון הורדוס, פיליפּוס און אנטיפּאס, זיינען געבליבען הערשער איבער זייערע טהיילען. אבער דאס לאנד איז אין אמת געפיהרט געווארען פון דיא רוימישע בעאמטע, וועלכע האבען זיך אריינגעמישט אין אלע אינערליכע אנגעלעגענהייטען און האבען אליין געהאט דאס רעכט צו ענטשיידען איבער דיני נפשות און אנדערע וויכטיגע פראַגען.

אין דיעזע צייטען, ווען דאס לאנד האט ניט געהאט קיין קעניג און קיין אידישע רעגיערונג, איז פאָרגעקומען, וויא מען גלויבט, דיא געשיכטע פון דיא הינריכטונג פון ישוע בן מרים פון נצרת, (יעזוס קריסטוס) אויף וועמען דיא רוימער האבען געזאגט אז ער האט זיך אויסגעגעבען פאר דעם קעניג פון דיא אידען. דיא פראגע ווען ער האט עקזיסטירט, און אויב ער האט איבערהויפּט עקזיסטירט, איז שווער ריכטיג צו ענטפערן, ווייל עס זיינען ניטא קיין קוועלען פון וועלכע מען זאל קענען נעהמען ריכטיגע היסטאָרישע פאקטען וועגען דעם טרויעריגען צופאל וואס איז געברויכט געוואָרען אלס איין ענטשולדיגונג פאר אידען־פערפאָלגונגען אין שפּעטערע צייטען. די צייטרעכנונג וואס איז אנגענומען ביי קריסטען הויבט זיך אן מיט דעם יאהר וואס מען מיינט אז ער איז דאן געבאָרען געווארען, און אזוי וויא דיא גאנצע ציוויליזירטע וועלט האט דיעזע צייטרעכנונג אנגענומען, געברויכען מיר עס אויך אלס דיא בעסט בעקאנטע פון אלע. נאך דיעזע רעכנונג איז יעזוס געבארען געווארען פיער יאהר נאך דעם טויט פון הורדוס, און פון דאן פאנגט זיך אן דאס יאהר איינס. יעזוס איז געקרייציגט געווארען, לויט דיעזע רעכענונג, ווען ער איז אלט געוועזען 33 יאהר, דאס הייסט אין יאהר 33. עס איז געוויס דאס זיין נאמען

אוּן דער נאמען פון דיא קליינע אידישע סעקטע וואס איז אין זיין נאמען געגרינדעט געוואָרען, איז ניט דערמאנט אין קיין היסטאָרישעס ווערק ביז א לאַנגע צייט שפּעטער און דאס זיין לעבענס-בעשרייבונג געהערט דארום מעהר צו „לעגענדען“ וויא צו היסטאָריע.

ארץ ישראל האט דאן דאָך פאַר דיא אויסענוועלט נאך געהייסען איין אונאבהענגיגע מדינה און דיא אידען פון גאַנץ וועלט האָבען בעטראַכטעט ירושלים אלס דעם אידישען מיטעלפּונקט און האָבען געשיקט נדבות צום בית המקדש. אין בבל איז דיא גאַנצע צייט פון בית שני געוועזן א גרויסע אידישע בעפעלקערונג אבער אזוי וויא דאס לאַנד איז געשטאַנען אין זעהר א נידריגען צושטאַנד, הערט מען פון זיי ניט פיעל. אין עגיפּטען דאַגעגען, וואו דיא גריכישע בילדונג האט אונטער דיא פּטאָלעמים ערדייכט א הויכע שטופע, האט דיא גרויסע אידישע געמיינדע אויך געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע און האט פּראָדוצירט בעריהמטע מעננער וויא דער העלעניסטישער פילאָזאָף אריסטובאָל און דער פּאָעט עזעקיעל (יחזקאל) וועלכער האט געשריבען א גריכישע דראמא. דיא אידען פון עגיפּטען האבען זיך אויך געגרינדעט איין אייגענעם מיטעלפּונקט ווען חוניו, דער זאהן פון א כהן גדול פון ירושלים איז געקומען נאך אַלעקסאַנדריען און האט דאָרט (אין 160 פאַר דיא יעצטיגע צייטרעכנונג) אויפגעבויט א טעמפעל וואו מען האט מקריב געוועזן קרבנות און געהאַלטען נאטעם דיענסט גראדע וויא אין בית המקדש פון ירושלים. דיעזער טעמפעל, וועלכער איז אין תלמוד בעקאַנט אלס בית חוניו, איז געשטאַנען ביז אייניגע יאהר נאך דעם חורבן.

אין אָנפאַנג פון ערשטען יאהרהונדערט נאך קריסטוס האבען אין עגיפּטען געלעבט ניט ווייט פון א מיליאן אידען, דאָרטען האט דאמאלס געלעבט דער בעריהמטער פילאזאָף פהילאָ אדער פילון האלכסנדרוני, וואס זיינע ווערקע ווערען נאָך היינט שטודירט פון פהילאָזאָפישע געלעהרטע. ווען דער האלב-פערריקטער רוימישער קייזער קאליגולאַ האט געגעבען א בעפעהל אז אידען זאָלען אוועקשטעלען זיין בילד אין זייערע טעמפּלען, איז פהילאָ מיט א אידישע דעלעגאַציאָן אוועק פון אלעקסאַנדריען נאָך רוים (אין יאָהר 40) אויסווירקען אז דיא גזירה זאָל בטל ווערען. דער טויט פון קאליגולא אין יאהר 41 האט געמאַכט פאַר אוננעטהיג דיא אַנשטרענגונג ווייט צו האַלטען זיין ביכד פון בית המקדש.

קאַליגולאַ האט אויך אנגעפאַנגען צוריק אויפצושטעלען דיא אידישה מלוכה. ער האָט זעהר ליעב געהאַט אגריפּס, איין אייניקעל פון הורדוס, וועלכער איז אויפגעוואַקסען אין רוים און איז געוועזן איין עכטער רוימער. אגריפּס איז פון קאַליגולא געמאַכט געוואָרען צום קעניג איבער דיא פּראָווינצען פון הורדוס'עס קינדער פיליפּוס און אנטיפּאַס, וועלכע זיינען געשטאָרבען אָהן קינדער (37). נאָך קאַליגולאַ'ס טויט האט זיין נאכפאָלגער קלודיוס געמאַכט אגריפּס פאַר קעניג איבער גאַנץ יהודה. אגריפּס I איז געוועזן א מילדער און בעליעבטער קעניג און האט אזוי וויא

זיין זיידע אויך געזוכט צו פארשענערן ירושלים דורך גרויסארטיגע נייע געביידען. ער האט רעגיערט 7 יאהר און איז געשטארבען אין יאהר 44.

אגריפס II וועלכער ווערט גערעכענט אלס דער לעצטער קעניג פון יהודה, האט אין אמת קיין מאל ניט רעגיערט איבער דאס גאנצע לאנד. ער איז אלט גע־ווען 17 יאהר ווען זיין פאטער, אגריפס I איז געשטארבען און דיא רעגיערונג פון לאנד איז ווידער איבערגעגעבען געווארען אין דיא הענד פון רוימישע גאווערנארס. אגריפס II האט נור גע׳ירשנט דיא קליינע מלוכה פון חלקיס, פון יענער זייט לבנון, איבער וועלבע הורדוס II, זיין פאטער׳ס ברודער האט פריהער רעגיערט. דאך איז ער בעטראכטעט געווארען פון דער וועלט אלס קעניג פון דיא אידען און זיין טריי־הייט צו די רוימער אין דער צייט פון דעם לעצטען קאמפף, ווערט גערעכענט אלס פערראטה גענען זיין פאלק. ווען דיא רוימישע פערטרעטער האבען דעם אידישען פאלק אזוי אונטערדריקט און אויפגערייצט אין רעליגיעזע און אין בירגערליכע אנ־געלעגענהייטען דאס דער רוימישער יאך איז געווארען צו שוואר צו דערטראגען, האט זיך אנגעפאנגען צו בילדען א פארטיי וועלכע האט בעשלאסען זיך צו שטע־לען מיט געוואלט גענען רוים. געססיוס פלארוס, דער לעצטער רוימישער פראקו־ראטאר אדער גאווערנאר פון לאנד יהודה איז געווען נאך ערגער פון דיא פאריגע און דיא אונצופריעדענע און פארצווייפעלטע האבען דאן געוואונען אויף זייער זייט א גרויסען טהייל פון דיא בעפעלקערונג. איין אויפשטאנד גענען רוים איז אויכגע־בראכען אין אלע טהיילען פון לאנד. דיא עלטערע און דיא געלאסענע, וועלכע הא־בען איינגעזעהן וויא האפנונגסלאז עס איז צו געווינען גענען דיא וועלט־מאכט, זיינען פארשריען אדער ערמארדעט געווארען און ווען דער רוימישער גענעראל קע־סטיוס גאללוס, דער גאווערנאר פון סיריען האט פארלארען דיא ערשטע שלאכט גענען דיא אידישע רעוואלוציאנערען (66) איז דיא האפנונג פון דיא לעצטע גע־שטיגען נאך העכער. דיא שטארקסטע שטעדט און דיא פראווינצען זיינען בעזעצט געווארען און ירושלים איז בעפעסטיגט און פארבערייטעט געווארען פאר א לאנגען און פארצווייפעלטען קאמפף.

אגריפס .II האט פארלאזען דאס לאנד גלייך אין אנפאנג פון אויפשטאנד און האט פון וויטען גערעטהען דיא אידען זיך אונטערצוגעבען. יוסף בן מתתיהו הכהן אדער יאזעפוס פלאוויוס, האט אין אנפאנג אויך גערעטהען גענען דעם אויפ־שטאנד, אבער ווען ער איז אויסגעקליעבען געווארן צו פארטהיידיגען דיא פראווינץ גליל, האט ער געארבייטעט וויא א פעהיגער קאמאנדיר און האט זיין לאגע שטארק בעפעסטיגט. ער איז געוועז דער ערשטער פון דיא גרויסע אידישע גענעראלען וועל־כע זיינען אנגעגריפען געווארען פון דעם רוימישען העלד אספאסיאנוס און זיין זאהן טיטוס, וועלכע זיינען פון קייזער נערא אדער נירון געשיקט געווארען אונטערדריקען דעם אויפשטאנד אין יהודה. יוסף איז געווען דער איינציגער וועלכער האט איבער־געלעבט דיא העלדענמוטהיגע פארטהיידיגונג פון יודפת, אין גליל, און ווען דיא רוימער האבען איהם שפעטער, אלס זייער געפאנגענעם, גוט בעהאנדעלט, האבען

פיעלע געדיינקט אז ער איז אויך ניט געווען געטריי זיין פאָלק און האט פון אנ־פאנג אן סימפאטיזירט מיט רוים.

דיא אידען האבען געקעמפפט אזוי פארצווייפעלט אז דיא רוימער זיינען געווען פאַרזיכטיג און האבען פארבראכט דריי יאָהר איינצונעמען דאס גאנצע לאַנד איי־דער זיי האבען געמאכט דעם לעצטען אנגריף אויף ירושלים. דערווייל איז אספּסיאַ־נוס ערוועהלט געוואָרען צום קייזער פון רוים (69) און זיין זאָהן טיטוס איז געבליע־בען דער אנפיהרער פון דיא גרויסע רוימישע אַרמעע. ער האט בעלאַגערט ירושלים און האט אין אָנפאנג געהאט זעהר וועניג ערפאָלג. דיא שטאָדט איז געווען אזוי בעפעסטיגט און דיא אידישע פארטהיידיגער האָבען געוויזען אזעלכע וואונדערבארע גבורות, אז עס איז מעגליך דאס דיא רוימישע אנגרייפער וואָלטען זיך געמוזט צו־ריק ציהען, אדער קעמפפען פיעלע יאָהרען ביז זייא וואָלטען געקענט נעהמען דיא אידישע הויפט שטאָדט. אבער דיא אונאָרדנונגען און בלוטפערגיסונגען פון אינ־וועניג האבען דיא רוימער פיעל געהאָלפען. דיא אנפיהרער פון דעם אויפשטאנד, יוחנן, אלעזר און שמעון בן גיורא האבען געלאָזט ערמאָרדען אלע וועלכע זיינען גע־ווען פאר פריעדען אדער אויף וועלכע עס איז געווען דער קלענסטער חשד אז זייא סימפאטיזירען מיט רוים. אין ירושלים האט געפלייצט כמעט אזוי פיעל בלוט וויא אויף דיא שלאכטפעלדער פון דרויסען, און א הונגער האט אפגעשוואכט דיא וועל־כע האבען נאך געקענט קעמפפען. דער קאמפף איז געפיהרט געוואָרען מיט דיא גרעסטע ביטערקייט און דיא אידישע פאטריאָטען האבען ערשטוינט די וועלט מיט זייערע גבורות און זייער פערטיגקייט זיך אויפצואָפפערן פאר זייער פאטערלאנד. אבער רוים איז געווען צו שטארק פאר דיא פאַרצווייפעלטע העלדען און דאס ענ־דע וואס דיא געלאסענע האבען פאראויס געזעהן איז געקומען אין יאָהר 70.

ירושלים איז צום צווייטען מאָל געפאַלען אין דעם זעלבען טאָג וויא דעם ערש־טען מאָל אונטער נבוכדנצר, אום תשעה באב. דער בית המקדש איז פארברענט געוואָרען, אלע דיא וואס האבען זיך געשטעלט נעגען דיא רוימער זיינען אוועקגע־פיהרט געוואָרען אלס געפאנגענע אדער פערקויפט געוואָרען אין שקלאַפעריי. טיטוס איז אוועק נאך רוים, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרוים פאראד און דער „טויער פון טיטוס“ וועלכער שטעהט נאך ביז היינטיגען טאָג איז אויפגעבויט גע־וואָרען צום אנדענקען פון דעם זיעג וואס האט געמאכט איין ענדע צו דיא עקזיס־טענץ פון אידען אלס א פאָלק מיט איין איינענע לאַנד אונטער איין איינענע רע־גירונג. ארץ ישראל איז געוואָרען א רוימישע פראָווינץ און האט פארלאָרען איהר גלאַנץ און איהר הערשאפט. איהרע געטרייעסטע קינדער זיינען געווען טויט אדער אין געפאנגענשאפט, איהר שטאָלץ איז געווען געבראָכען און איהרע האָפנונגען פארניכטעט. דער גרויסער אידישער גלות, וועלכער איז נאך ביז יעצט ניט געענדיגט, האט זיך דאן אָנגעפאנגען.

צווייטער טהייל

ערשטער קאפיטעל.

אין גלות אונטער געמצענדינער.

רוים איז געשטאנען כמעט אויף דיא העכסטע שטופע פון איהר מאכט ווען טיטוס האט איינגענומען ירושלים און חרוב געמאכט דעם צווייטען בית המקדש אין יאהר 70. זיא האט געהערשט איבער דיא מייסטע בעזעצטע לענדער פון איי־ראפא, ביז בריטאניען, איבער דיא פאדערסטע לענדער פון נארד אפריקא (עגיפטען, און דיא לענדער וועלכע הייסען יעצט טונים און מאראקקא) און איבער דיא לענ־דער פון אזיען ביז אראביען און מעזאפאטאמיע אדער אור כשדים. דיא זעלטענע גבורות פון דיא אידישע פערטהיידיגער פון ירושלים האט איבערראשט דיא וועלט, און דער גרויסער פרייז, אין בלוט און גאלד, וואס עס האט רוים געקאסט איינצר־צונעמען דאס קליינע לאנד יהודה, האבען אזוי וויט געבראכט דאס ווען דער זיעג איז ענדליך געקומען, איז רוים געווען מעהר ווילד פאר שמחה, וויא ווען זיא האט פערניכטעט דיא מעכטיגסטע פעלקער. דאן זיינען געקומען דיא מערדערייען און אונטערדריקונגען וואס האבען אין יענע בארבארישע צייטען נים געפעהלט נאך דיא ענדע פון א גרויסען קריעג. צעהנדליגע טויזענדע פון דיא געפאנגענע קעמפפער זיי־נען אויסגעהרגעט געווארען, גרויסע מאססען זיינען פארקויפט געווארען אלס שקלא־פען און פיעלע זיינען אוועקגעפיהרט געווארען צו „אמוזירען" דיא בעזיעגער אין טאָ־דעס־קאמפף מיט ווילדע חיות און דעסגלייכען. ארץ ישראל איז צוטהיילט געווארן אין קליינע שטיקלאך לאנד פון וועלכע א גרויסע טהייל איז פארשאנקען געווארען צו רוימישע סאלדאטען, און דיא איבריגע איז פארקויפט געווארען צו דיא וואס האָ־בען געגעבען דעם בעסטען פרייז. דאס איז געווען א פאליטישער טויט, ווען א פאלק וואס האט עקזיסטירט אונגעפעהר 1500 יאהר פאר זיך איז אין גאנצען זונ־טערגעגאנגען און פיר אימער פארלארען איהר זעלבסטשטענדיגקייט. דער אונטער־גאנג איז נאטירליך געווען בעגלייטעט פון גרויסע יסורים ; אבער אלע נאציאנען

וועלכע זיינען אונטערגעגאנגען אין יענע צייטען האבען דאס זעלבע דורכגעמאכט, און דער רוימישער כלל Væ Victis (וועה דעם בעזיעגטען) האט ניט פארשווינט קיינעם פון דיא פעלקער וועלכע רוים האט פארשלונגען. און דאך איז אין איינינע פונקטען דיא לאגע פון דיא אידען נאך דעם צווייטען חורבן געוועזן עטוואס בעסער וויא נאך דעם ערשטען. דיא ענדע פון יענע טרויעריגע פעריאָדע אונטער נבוכדנצר שטעלט אונז פאָר וויא דער נביא ירמיהו זיצט און קלאָגט צווישען דיא חורבות פון ירושלים; דער געוועזענער קעניג צדקיהו איז אין געפענגניס מיט אויסגעשטאָכענע אויגען און דיא פעהיגסטע אידישע אריסטאָקראַטען (דניאל, חנניה מישאל ועזריה) אלס קאסטרירטע שקלאַפען (סריסים, איינוכען) אין פאלאסט פון קעניג פון בבל. דאגעגען אונטער רוים געפינען מיר דאס אגריפס II דער לעצטער אידישער קעניג איז געבליבען ביי זיין פארמעגען און ביי זיינע פרייהייט. ער איז געוועזן שפעטער איינער פון דיא וויכטיגע פערזאָנען אין רוים, איין אָפטער גאסט אין קייזערליכען פאלאסט, און טיטוס האט עס ניט געהאלטען אונטער זיין ווירדע זיך צו פערליעבען אין דיא שיינע בערעניקע, דיא שוועסטער פון געוועזענעם קעניג פון יהודה. מיר געפינען אויך דאס פלאוויוס יאָזעפוס (יוסף בן מתתיהו הכהן) דער גענעראל וועלכער האט זיך געשלאָגען געגען רוים אזוי לאנג וויא עס איז געוועזן איין אויסזיכט צו זיעגען, האט שפעטער געוואוינט אין קייזערליכען הויף, און האט דאָרטען, לעבענדיג אין עושר וכבוד, געשריבען אין גריכיש זיינע ווערקע איבער דיא אידישע מלחמות און איבער אידישע געשיכטע, וועלכע האבען א גרויסען ווערטה ניט קוקענדיג אויף זייערע פיעלע חסרונות. אנשטאט די עטליכע ארימע ערד־ארבייטער וואס נבוכדנצר האט געלאָזען אין יהודה אהן בעשיצונג, געפינען מיר דאס אספסיאנוס האט ערלויבט רבן יוחנן בן זכאי צו גרינדען דיא בעריהמטע ישיבה אין יבנה, וועלכע איז באלד געוואָרען א וויכטיגער מיטעלפונקט פון יודענטהום, און האט גערעטעט דעם אידישען גייסט, ווען דער פאָליטישער קערפער איז פערניכטעט געוואָרען. דיא רוימער האָבען פערשטאנען דיא קונסט פון רעגירען פיעל בעסער פון דיא כשדים, און האבען געזאָרגט אז אין זייערע פראָווינצען זאָל הערשען אָרדנונג און גערעכטיגקייט. דיא וועלכע האבען איבערגעלעבט דיא שרעקענס־צייטען נאָכ'ן קריעג, האָבען זיך נור געדארפט פארהאלטען רוהיג און זייער לאגע איז ניט מעהר פארערגערט געוואָרען.

דערצו דארף מען געדיינקען דאס דיא רוימער זיינען געוועזן געטצענדינער, און זיינען, וויא דיא מייסטע געטצענדינער, געוועזן פריי פון דעם פאנאטישען רעליגיאָנס־האס און דעם דורשט נאך נקמה און להכעיס. וואס מיר געפינען שפעטער ביי

דיא קריסטען. גרויסע מאסען אידען האבען שוין לאנג פאר'ן חורבן געוואוינט אין רוים און אין גאנץ איטאליען, גריעכענלאנד, עגיפטען אנטיוכיא און פיעלע אנדערע לענדער און שטעדט וואס זיינען געלעגען אונטער רוים, און האבען געהאט דיא זעלבע רעכטע און בעהאנדלונג וויא אלע פראווינציאלען אדער איינוואוינער פון אונטערטהעניגע לענדער וואס האבען זיך דארט בעזעצט. זיי האבען געקענט ווערען רוימישע בירגער אונטער געוויסע אומשטענדען, האבען געמעגט האבען שקלאפען און זיי מל זיין, האבען אפט געהאלטען הויכע עמטער, און זיינען בעפרייט געווען פון אלע פליכטען וואס זיינען געווען געגען זייער רעליגיאן. אויך נאך דעם אונגליק־ליכען קריעג אין דעם חורבן אין לאנד יהודה זיינען דיא אידען אין יענע אלע פלע־צער אין רוימישען קייזעררייך געבליבען ביי זייערע רעכטע און פרייהייטען און האָ־בען נור דורך איין איינציגעם געזעץ געפיהלט דעם טרויעריגען פאקט אז זייער פא־טערלאנד איז אונטערגעגאנגען און דער הייליגער טעמפעל, מיט וועלכען זיי האבען שטאלצירט און זיך געפרעהט, איז פערוואנדעלט אין אש.

דיעזעס געזעץ איז בעקאנט אלס Fiscus Judaicus (אידישע קאזניא, אדער איינאהמע פון דיא קייזערליכע טרעזשורי וואס אידען האבען געמוזט צאהלען.) עס איז געווען דער מנהג זייט הונדערטע יאהרען דאס אלע אידען וועלכע האבען גע־וואוינט אין חוץ לארץ האבען געשיקט נאך ירושלים פאר דעם בית המקדש יעדער א האלבען שקל (רוימישע צוויי דראכמען) א יאהר. פון דיעזע האלבע שקלים האָ־בען זיך אנגעקליבען דיא אונגעהייערע אוצרות פון בית המקדש, וואס איז אויך בעקאנט אונטער רוימישע שרייבער אלס „דאס גאלד פון ירושלים"; אוצרות וואס זיינען פיעלע מאהל נערויבט געווארן פון פרעמדע און אייגענע פיינדע, אבער וועל־כע זיינען אימער צוריק אויפגעוואקסען דורך דיא בייטרעגע פון דיא געטרייע אידען אין חוץ־לארץ. דיעזע גרויסע איינגאהמע איז געווען א געשמאקער ביסען פאר דיא בעזיעגער פון אידישען פאלק, און טיטוס האט דארום ארויסגעגעבען א געזעץ דאס אזוי וויא זיין גאט האט זיך גובר געווען איבער דעם בעשיצער פון טעמפעל, מוז יעדער איד אין רוימישען קייזעררייך פון יעצט אן שיקען דעם האלבען שקל נאך רוים, צו דעם זיעגרייכען גאט יופיטער קאפיטאלינוס. דאס איז דיא ערשטע טאק־סע וואס אידען האבען געמוזט צאהלען דערפאר וואס זיי זיינען אידען.

נאטירליך האט עס דיא אידען געקריינקט דאס זיי זיינען געווען געצוואונגען צו צאהלען איין אבגאבע אונטער איין אויסנאהמס־געזעץ פון וועלכע אלע אנדערע רוימישע אונטערטהאנען זיינען געווען פריי. דאס האט פארגרעסערט דיא שנאה צווישען דיא אידען און דיא רוימער, און עס האט נור געפעהלט א געלעגענהייט

דיעזער האס זאָל אויסברעכען אין איין אָפענעם קאמפף. דיא אידישע אנפיהרער זיינען געווען געגען דעם פּלאַן פון געבראויכען געוואלט, און פיער פון דיא גרעסטע פון זיי זיינען אוועק נאָך רוים צו בעטען מיט גוטען איין ערלייכטערונג פון דיא אידישע שטייער. דיא פיער זיינען געווען רבן גמליאל, ר׳ יהושע, ר׳ אלעזר בן עזריה און ר׳ עקיבא. זיי זיינען געקומען אין רוים אין דיא לעצטע יאָהרען פון דיא רעגיערונג פון טיטוס׳ נאכפאלגער דאמיציאן, וועלכער האָט רעגיערט פון יאָהר 81 ביז 96, און האָבען געוואונען דיא פריינדשאפט און אונטערשטיצונג פון דעם קייזער׳ס א נאָהענטען קרוב, סענאטאָר פלאוויוס קלעמענס און זיינע פרוי דאמיציליא. אָבער דער טיראנישער קייזער איז געווען צו הארטנעקיג נאכצוגעבען א גערעכטע פאָדערונג. עס איז ענטשטאנדען א אינטריגע דורך וועלכע סענאטאָר קלעמענס האָט פערלאָרען זיין לעבען און זיין פרוי איז פארשיקט געוואָרען אויף איין אינזעל, אלס שטראפע פיר זייער סימפאטהיע מיט אידען. דיא פיער אידישע געזאנדטע זיינען וואהרשיינליך אויך געווען אין געפאהר, אָבער צום גליק איז גראדע דאן דאמיציאן ערמאָרדעט געוואָרען (אין יאָהר 96) און זיין נאכפאלגער, דער קייזער נערווא האט דיא פיער בעריהמטע תנאים פיין אויפגענומען און ערפילט א טהייל פון זייער פערלאנגען. אבער נערווא האָט רעגיערט א גאנץ קורצע צייט, און זיין נאכפאָלגער טראיאן, דער מעכטיגסטער פון אלע רוימישע קיסרים, וועלכער האָט רעגיערט פון יאָהר 98 ביז 117 האט צוריק ארויפגעלייגט דעם אידישען שטייער און האָט זיך אין גאנצען געוויזען ניט פריינדליך צו אידען. דיא אידען פון יענע צייטען זיינען אָבער נאָך ניט געווען צוגעוואהנט צו גזירות. דיא האָפנונג דאס דיא גאולה וועט אין קורצען קומען האָט געלעבט אין פאָלק, און דער אנדענקען פון דיא גבורות וואָס דיא פערטהיידיגער פון בית המקדש האָבען בעוויזען מיט א דור פריהער איז געווען פריש אונטער דיא אידישע מאססען. דערצו איז דיא שנאה צווישען דיא אידען און דיא רוימער אימער געוואקסען. דיא שטאָלצע רוימער האָבען ניט געקענט פערשטעהן פאר וואָס דיא בעזיעגטע אידען ווילען זיך ניט לאָזען פארשלינגען וויא דיא אנדערע פעלקער וואָס רוים האָט איינגענומען. זיי האָבען ניט געקענט בעגרייפען פאר וואָס דיא אידען ווילען ניט עסען מיט זיי צוזאמען, ווילען ניט פארמישען זיך מיט זיי דורך הייראטהען, און ווילען ניט טהייל נעהמען אין דיא ווילדע פערגעניגענס פון זייער עפענטליכען לעבען. דיא אידען וויעדער האָבען זיך געעקעלט פון דיא צולאָזענקייט פון געטצען־דיענסט און פון דיא בלוטיגע שפיעל־פאָרשטעלונגען אין דיא אָרענאס, וואו דאָס בלוט פון מענשען און ווילדע חיות איז פארגאָסען געוואָרען צו „אונטערהאלטען" דיא מאססען. דיא רוימער האָבען אנגעהויבען צו האלטען

דיא אידען פאר פיינדע פון דער גאנצער מענשהייט, פאר שטאָלצע נארען, און פאר מאָדנע מענשען, וועלכע האלטען הייליג א געשריבענעם בוך און דיענען צו א גאָט וואָס קיינער קען ניט זעהן. דיא אידען האָבען פעראכטעט דיא רוימער און זיי בעטראכט אלס ווילדע ברואים. עס האט נור געפעהלט א פיהרער צו אָרגאניזירען איין פאראייניגטען אויפשטאנד געגען רוים, אבער דיא מאססען האבען זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען און ביי דיא ערשטע געלעגנהייט וואָס עס האָט זיך געמאכט, האָבען זיך פיעלע אידישע געמיינדען מיט אמאָל געשטעלט בעוואפענט געגען דיא מאכט פון רוים.

דיעזע געלעגענהייט איז געקומען ווען טראיאן האָט געבראָכען דעם אלטען כלל פון דיא רוימישע הערשער ניט צו זוכען קיין נייע פּראָווינצען פון יענער זייט פון טייך פרת. דאָרט האָט דאמאָלס געבליהט דיא גרויסע מלוכה פון פארטהיא, אונטער וועלכע עס זיינען געלעגען פרס, מדי, בבל און דיא ארומיגע לענדער. אידען האָבען דאָרטען געוואוינט פון דער צייט פון גלות בבל און האבען ניט געליטען קיין אונטערדריקונג. עס איז דארום קיין וואונדער דאס ווען טראיאן האט אנגעגריפען פארטהיא, האָבען דיא דאָרטיגע אידען מיט אלע כחות געהאָלפען דיא פארטהיער געגען דיא רוימער. אָבער אויך דיא אידען אין דיא רוימישע פּראָווינצען עגיפּטען, ליביען, אויף דיא אינזעל ציפּערן און אנדערע פלעצער האָבען זיך פלוצלונג אויפגעהויבען געגען רוים, און האָבען געקעמפּפט מיט דיא זעלבע פערצווייפלונג און געוויזען אזעלכע גבורות וויא דיא פערטהיידיגער פון ירושלים אין דיא צייט פון טיטוס. עס זיינען אונז איבערגעבליבען זעהר ווייניג פאקטען וועגען דיעזען ערשטען גרויסען אויפשטאנד נאָכ'ן חורבן, אָבער עס זיינען דאָ היסטאָריקער פון יענער צייט וואָס דערציילען דאָס אונגעפעהר א האלבע מיליאָן גריכען און רוימער זיינען געפאלען איידער דיא אידען זיינען ווידער אונטערדריקט געוואָרען. דיא רוימער האָבען צום סוף געזיעגט, וויא אימער. טראיאן האָט איינגענומען פארטהיא אין יאהר 114, און האט דיא דאָרטיגע אידען שווער בעשטראָפט. ער האָט בעלאגערט און חרוב געמאכט דיא אידישע שטאָדט ניזיבים, און האָט אויך איינגענומען דאָס קליינע לאנד אידיאבענע, וואו עס האָבען מיט א פּאָאָר דורות פריהער רעגיערט דיא קעניגין העלענא (הילני המלכה) און איהר זאהן מונבז וועלכע האָבען זיך מגייר געווען און פארפלאנצט אידישקייט אין זייער קעניגרייך. עס פערשטעהט זיך דאס נאך דיא אונטערדריקונג פון דיעזע אויפשטענדע, איז דער רוימישער יאָך געוואָרען נאָך שווערער צו טראָגען. דאָך האָבען דיא אידען אין ארץ ישראל זיך פארהאלטען רוהיג, און קיינע וויכטיגע נייעס איז ניט פאסירט ביז נאָך טראיאן'ס טויט אין 117.

צווייטער קאפיטעל.

ר׳ עקיבא, בר כוכבא און דער חורבן פון ביתר.

מיט האדריאן, (אנדריאנוס קיסר), דעם נאכפאָלגער פון טראיאן, וועלהער האט רעגיערט פון יאהר 117 ביז 138 פאנגט זיך אָן צו רעכענען דער אָנפאנג פון אונטערגאנג פון רוים. ער האט גלייך אין אנהויב פון זיין רעגיערונג אוועקגענעבען פארטהיא צוריק צו איהרע פריהעריגע הערשער און דיא אידען פון יענער זייט פרת זיינען דערמיט פאָרלויפיג פריי געוואָרען פון רוימישען יאָך. עס איז אויך דאָ אורזאכע צו גלויבען דאס ער האט זיך אנפאנגס געוויזען פריינדליך צו אידען, ר׳ יהושע בן חנניה איז אָפט געוועזען ביי איהם א גאסט, און האט מיט זיינע שארפע וויטציגע בעמערקונגען געוואונען דיא פריינדשאפט און רעספעקט פון קייזער און פון זיין טאָכטער. האדריאן איז געגאנגען אזוי וויט דאס ער האט געגעבען דיא אידען ערלויבניס צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש, אבער ער האט אין א קורצע צייט חרטה געהאט. עס ווייזט אויס אז דיא ערלויבניס איז געגעבען געוואָרען ניט גאנץ אומזיסט, און ווען זיא איז צוריקגעצויגען געוואָרן איז דיא אויפרעגונג אונטער דיא אידען געוואָרען זעהר גרויס. דער מדרש (בראשית רבה סוף פרק ס״ג) דערצעהלט דאס ביי דיעזע געלעגענהייט האט ר׳ יהושע בן חנניה געזוכט צו בערוהיגען דיא פערזאמעלטע אידען און האט זיי געגעבען דעם בערימטען משל פון פויגעל מיט׳ן לייב. ער האט זיי דערצעהלט דאס עס האט זיך דעם לייב אמאָל געשטעלט א ביין אין האלז און ער האט געבעטען א פויגעל מיט א לאנגען שנאָבעל זיא זאָל דעם ביין ארויסציהען. ווען דיא אפעראציאָן איז גליקליך דורכגעפיהרט געוואָרען האט דיא פויגעל געבעטען א בעלוינונג, אבער דער לייב האט איהר געזאָגט אז זיא דארף זיך שעצען גליקליך וואס זיא האט געהאט איהר קאָפּ ביי א לייב אין מויל און איהם ארויסגענומען אין גאנצען. דיעזער משל בעווייזט אז דיא אידען האבען גע־האט א מענה צו האדריאן. אבער וויא דיא זאכע איז געווען, האט זיך דיא פריינד־שאפט צווישען איהם און זיי שנעל געענדיגט. מען רעכענט דאס דער קלוגער און

געלאסענער דיפּלאָמאט ר׳ יהושע איז דאַן געשטאָרבען און אויף זיין פּלאַץ איז געוואָרען דער גייסטיגער פאָרשטעהער פון אידען דיא גרעסטע פערזענליכקייט פון דיא תלמודישע צייט — ר׳ עקיבא בן יוסף.

רבי עקיבא איז געווען איינער פון יענע ריזיגע געשטאַלטען וואס ערשיינען אמאָל אין דער געשיכטע און מאכען אזא איינדרוק אויף זייער צייט אז מען פיהלט עס נאך טויזענדע יאהרען שפּעטער. אין דער יוגענד איז ער געווען איין אונוויסענ־דער פּאסטוך וועלכער האט געוואונען דיא ליעבע פון דיא טאָכטער פון דעם רייכען כלבא שבוע, און זיא האט איהם גערעטהען ער זאָל זיך נעהמען צום לערנען. זיינען גרויסע פעהיגקייטען האבען איהם באלד געמאכט צום גרעסטען אידישע געלעהרטען אין זיין צייט. ער איז געווען דער ערשטער און כמעט דער איינציגער תנא וועלכער האט דיא תורה שבעל פּה געבראכט אין א סיסטעם, און גייענדיג אין זיין וועג האבען זיינע תלמידים געלייגט דעם פונדאמענט פון דיא תלמודישע ליטעראטור אין דיא משנה, ספרא, ספרי און תורת כהנים. ער האט ערפאָרשט ביז צום גרונד דיא פילאָזאָפיע און דיא געהיימע לעהרען פון מעשי מרכבה און מעשי בראשית און איז דאָך געבליבען טריי צו רעליגיאָן, וויא דער תלמוד זאגט אויף איהם „נכנס בשלום ויצא בשלום״. אבער ער איז ניט געווען א געלעהרטער אליין זאָנדערן אויך א מאן פון טהאַטען און א פיהרער פון פאָלק אין דיא שטירמישע צייטען אין וועלכע ער האט געלעבט. אין מעהרערע פּלעצער פון תלמוד ווערט דערמאנט פון זיינע רייזען אין פערשיעדענע לענדער, און עס איז כמעט געוויס אז ער איז געפאָהרען וועגען פּאָליטישע אורזאכען, וואהרשיינליך צו פעראייניגען דיא אידען געגען זייערע רוימישע אונטערדריקער. יעדענפאלס איז געוויס דאס ווען דיא אידען אין ארץ ישראל האבען געפונען א נייעם פיהרער; ווען א מיליטערישער העלד איז אויפגעשטאנען און אנגעפאנגען צו זאמלען מוטהיגע אידען אונטער זיין פאָהן, צו פּרובירען נאך אמאָל בעפרייען יהודה פון דיא טיראנישע רוים, איז רבי עקיבא געוואָרען דער ערשטער פון זיינע אנהעננער.

דיעזער נייער פיהרער איז געווען בר כוכבא, דער „זוהן פון שטערן״, וועלכער האט מיט זיינע גבורות געמאכט ציטערן רוים וויא אין דיא צייטען פון אספּסיאנוס און טיטוס. דער אויפשטאַנד איז געווען אזוי גוט ארגאניזירט, דאס דיא רוימער האבען אין אנפאנג געליטען איין מפּלה נאך דיא אנדערע. בר כוכבא האט בעפעסטיגט יעדען בערגעל און געבויט פעסטונגען וואו דיא נאַסור האָט געהאָלפען זיכער צו מאכען דעם פּלאַץ. האדריאַן איז געווען אין פערצווייפלונג, און האט אם ענדע גע־מוזט ברייננען זיין פעהיגסטען גענעראל, יוליוס סעווערוס, פון בריטאַניען, צו אונ־

טערדריקען דיא פרייהייטס קעמפפער פון לאנד יהודה. סעווערוס האט אבער אויך ניט געוואגט קיין אפענעם קאמפף און האט זיך גענומען אדומרינגלען און אויס־הונגערן דיא שטעדט וואו דיא אידען האבען זיך בעפעסטיגט. בר כוכבא האט אויסגעקליבען דיא שטאדט ביתר אלס זיין הויפט־שטאדט און האט דארט איינגע־פיהרט א ריכטיגע רעגיערונג. ער האט אפילו אויך ארויסגעגעבען געלד, וועלכעס איז בעקאנט אין תלמוד (ירושלמי מעשר שני פרק א׳ הלכה ב׳) אלס „מעות של סכנה". רבי עקיבא האט איהם אנערקענט אלס מלך המשיח, און דאס איז געווען נענוג צו בעלעבען דעם מוטה פון דיא אידישע העלדען און זיי צו ערמונטערן צו נייע העלדענטהאטען. איבער צוויי יאהר האט זיך בר כוכבא געהאלטען אין ביתר און צוריקגעשלאגען יעדען אנגריף פון דיא רוימישע לעגיאנען. אבער רוים איז נאך געווען צו גרויס און צו שטארק אז אזא קליינינקע לאנד זאל קענען געגען איהר בעשטעהן. אויפ׳ן דריטען יאהר, אין יאהר 135, איז ביתר געפאלען. עס איז געווען אום תשעה באב, דעם אונגליקס־טאג פאר׳ן אידישען פאלק, ווען דיזער לעצטער חורבן האט אויף אייביג פערניכטעט דיא האפנונג פון דיא אידען צוריק צו געווינען זייער פאטערלאנד מיט דיא קראפט פון וואפען.

דער סוף פון בר כוכבא איז ניט בעקאנט, אבער מיר וויסען אז זיין אנדענ־קען איז ביים פאלק ניט געבליבען טהייער, און עס איז דא אורזאכע צו גלויבען אז מען האט איהם אליין געהאלטען שולדיג פאר וואס דיא גרויסע רעוואלוציאן האט זיך ניט געענדיגט גליקליכער. שפעטערע דורות האבען איהם גערופען בר כוזיבא (זוהן פון ליגען) און איהם בעשולדיגט דאס ער האט אליין ערמארדעט דעם פרומען תנא ר׳ אליעזר המודעי איבער א בלבול וואס א כותי האט אנגעמאכט מיט דער אבזיכט צו העלפען דעם שונא. אבער דער שרעקליכער סוף פון רבי עקיבא ווייזט אז דיא רוימער האבען געוואוסט ווער עס איז געווען דער אמת׳ער אנפיהרער פון זייערע געגנער. טורנוס אניוס רופוס (טורנוס רופוס פון תלמוד), וועלכער איז דא־מאלס געווען גאווערנאר פון ארץ ישראל, און פון וועמען עס ווערט בעריכטעט אז זיין פרוי האט זיך מגייר געווען און געהייראטעט מיט ר׳ עקיבא, האט געהאלפען דעם בעזיעגער סעווערוס, צו פערניכטען אלעס וואס איז איבערגעבליבען פון ערשטען חורבן. גרויסע שטעדט וויא טור־שמעון (טור מלכא) זיינען פערוויסט געווארן און אלע איינוואוינער ערמארדעט. גריכישע היסטאריקער פון יענער צייט שרייבען דאס א האלבע מיליאן אידען זיינען אומגעקומען אין דיא שלאכטערייען נאך דעם פאל פון ביתר. טייכען בלוט זיינען געפלאסען פון ביתר ביז צום ים און בערג מיט טויטע קערפער האבען בעדעקט דעם גרונד פאר מיילען פון אלע זייטען. אבער האדריאן

האט געגעבען א בעפעהל מען זאל ניט בעגראבען דיא טויטע. דער אלטער ר׳ עקיבא איז א צייט געהאלטען געווארן אין געפענגנים און איז דערנאך אומגעבראכט געווארן מיט א שרעקליכען טויט. אבער ער איז געווען מוטהיג און ניט פערגעסען זיין פאלק און זיין גאט ביז דיא לעצטע סעקונדע. דער נאמען פון דיעזען מארטירער און פאכריאט איז פיר אימער געבליעבען הייליג ביי דיא אונטערדריקטע אידען, און ער צוזאמען מיט נאך איינעגע בעריהמטע אפפער פון יענער צייט און עטליכע פון א שפעטערן דור זיינען אימער בעטרויערט געווארען אלס דיא עשרה הרוגי מלכות.

האדריאן איז געווען א שרעקעדיגער און האט פיינט געהאט קריעג, און ער האט דיא גאנצע צייט פון בר כוכבא׳ס רעוואלוציאן געלעבט אין שרעק און פער־צווייפלונג. דער זיעג האט איהם געקאסט אזוי טהייער אז מען האט זיך וועגען איהם אין רוים ווענינ געפרעהט, און אפילו ניט געמאכט קיין טריאומף ווען דיא זיעגרייכע ארמעע איז צוריקגעקומען נאך רוים. אבער ער האט געלערנט א וויכטיגע לעקציאן, ער האט אויסגעפונען וויא שנעל דיא אידען נעהמען זיך אן איינע פאר דיא אנדערע און האט אויך אויסגעפונען אז דיא הויפט זאך וואס פאראייניגט זיי איז ניט פאליטיק, זאנדערן רעליגיאן. ער האט דארום בעשלאסען אז צו אונטער־דריקען דיא אידען מוז ער אונטערדריקען זייער רעליגיאן און עס האבען זיך דאמאלס אנגעפאנגען דיא שטרענגע געזעצע געגען יודענטהום וואס זיינען בעקאנט אין תלמוד מיט דעם נאמען „גזירות שמד“. ירושלים איז צושטערט געווארען ביז צום גרונד, דער פלאץ וואו זיא איז געשטאנען איז אויסגעגלייכט געווארען מיט אקער אייזענס, און דאן האט האדריאן דארט אויפגעבויט א נייע שטאדט און איהר א נאמען גע־געבען אעליא קאפיטאלינא. אידען האבען אין דיעזע שטאדט ניט געטארט קומען. נור איינמאל אין יאהר, אום תשעה באב, איז זיי ערלויבט געווארען צו קומען נא־הענט צו דעם פלאץ פון זייער אמאליגע הויפטשטאדט, צו קלאגען אויף דעם חורבן און נאך זייער פארגאנגענע גרויסקייט.

שבת, מילה און אנדערע פון דיא גרעסטע מצות זיינען שטרענג פארבאטען געווארען, אבער מעהר וויא אלעם האט האדריאן געזוכט צו אונטערדריקען דיא ישיבות און דיא פארפלאנצונג פון דיא תורה שבעל פה. ער האט גוט געדיינקט דאס רבי עקיבא, דער פארשטעהער פון דיא ישיבות איז געווען דער אמתער אנפיה־רער פון אויפשטאנד, און דאס זיינע צעהנדליגע טויזענדע תלמידים זיינען געווען די בעסטע סאלדאטען פון בר כוכבא׳ס ארמעע. קיינער האט אבער ניט געקענט זיין א הויפט־לעהרער אין א ישיבה וואו ער האט ניט געהאט „סמיכה“ אלס א בעוויז

דאס דיא תורה שבעל פה וואס איז איבערגעגעבען געוואָרען אויסווייניג פון איין דור פון געלעהרטע צום צווייטען איז צו איהם אָנגעקומען פון א זיכערע קוועלע. דיא רוימער האָבען בערעכענט דאס אויב דיא סמיכה זאָל אונטערדריקט ווערען מוז מיט דער צייט דיא תורה שבעל פה פארגעסען ווערען און דיא ישיבות וועלען ניט מעהר קענען אויפלעבען אפילו אונטער א בעסערע רעגיערונג. עס איז דארום ארויס דיא גזירה אז דער וואָס גיט סמיכה און דער וואס נעהמט סמיכה זאָל געטעדטעט ווע־רען און דיא שטאָדט וואו דאָס איז פאָרגעקומען זאָל פארוויסטעט ווערען. אָבער עס האָט זיך באלד געפונען א מאַן וואָס האט גערן געאָפפערט זיין לעבען אז דיא תורה זאָל ניט פארגעסען ווערען. ר׳ יהודא בן בבא, איינער פון דיא עלטסטע תנאים איז ארויס אויף א פעלד צווישען צוויי שטעדט און האָט דאָרט סומך געווען פינף פון ר׳ עקיבא׳ס געוועזענע תלמידים, ער איז ענטדעקט געוואָרען אָבער עס איז נאָך געווען צייט פאר דיא פינף אינגערע לייטע, דיא מוסמכים, זיך צו רעטען דורך אנטלויפען. זיי זיינען אוועק און האָבען ערפילט זייער אויפגאַבע צו פארשפרייטען דיא תורה, און ר׳ יהודא בן בבא איז געבליעבען ליגען אויפ׳ן פלאַץ און געדולדיג ערווארט דעם טויט. רוימישע סאָלדאַטען האָבען איהם אויפ׳ן אָרט דערשטאָכען מיט זייערע שפיזען. אבער דיא תורה שבעל פה איז גערעטעט געוואָרען און דיא פינף תנאים וואָס האבען געקריגען זייער טיטעל אונטער אזעלכע געפעהרליכע אומ־שטענדען זיינען געוואָרען דיא פיהרער פון יודענטהום אין נעכסטען דור.

נור אין איין פונקט איז האדריאַן געווען בעסער וויא אנטיוכוס, דער גריכיש־סירישער אונטערדריקער פון יודענטהום אין דער צייט פון דיא מכבּעער, ער האָט ניט געצוואונגען דיא אידען צו דינען דיא רוימישע געטער. דיא גזירות שמד האבען אָנגעהאלטען פיער אָדער פינף יאָהר ביז נאָך האדריאַן׳ס טויט. זיין נאכפאָלגער, אנטאָנינוס פיוס, האָט אָנגעפאנגען בטל צו מאכען זיינע גזירות איינע נאָך דיא אנדערע, דעם 15טען אב (אין יאהר 139 אָדער 140) איז געגעבען געוואָרען דיא ערלויבניס צו בעגראָבען דיא הרוגים פון ביתר וואָס זיינען נאָך אימער געלעגען אויף דיא פעלדער. דעם 28 אָדר זיינען האדריאַן׳ס גזירות אין גאַנצען בטל געוואָרען. אידען האָבען ווידער געקענט אָפען היטען שבת און מל זיין זייערע קינדער. אָבער עס איז געבליבען דאס געזעץ אז זיי טאָרען ניט מל זיין קיין פרעמדע אדער ניט אידישע שקלאַפען, און זיי האָבען אויך איצטער ניט געטאָרט קומען אין אעליא קאַפּיטאָלינאַ אדער ירושלים. דיא ערלייכטערונג פון דיא פערפאָלגונגען איז בעט־ראַכטעט געוואָרען אלס געגוג וויכטיג פארצייכענט צו ווערען אין פאסט־קאַלענדאר (מגילת תענית) דאס דער טאָג ווען דיא פרייליכע בשורה איז אָנגעקומען זאָל פאר

אימער בעטראכט ווערען אלס א פרעהליכער טאָג אין וועלכען מען טאָר נישט גזור תענית זיין. דיא תנאים, דיא איינציגע יורשים פון דעם אוצר פון דער תורה זיינען צוריק געקומען פון דיא ערטער וואו זיי זיינען אוועק אין דיא צייטען פון געפאהר. ישיבות זיינען צוריק געעפענט געוואָרען, א וויכטיגע פערזאמלונג איז צוזאמענגעקר־מען אין אושא, וואו פיעלע תקנות צו שיצען דיא דינים פון דער תורה און צו ער־האלטען דעם גייסט פון יודענטהום זיינען געמאכט געוואָרען, רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער, דער זאהן פון דעם נשיא פון יבנה אין פריהעריגען דור איז ערוועהלט געוואָרען צום נשיא און איז גלייך אנערקענט געוואָרען אלס קאָפּ פון דיא אידען אין אלע רוימישע לענדער. דער פעהיגסטער פון אלע ר' עקיבא'ס תלמידים, ר' מאיר, האט געפיהרט דעם טיטעל „הכם", ר' נתן איז געווען אב בית דין, און מיט דיא פיעלע תלמידים וואס האָבען זיך ארום זיי פארזאמעלט איז ווידער גע־גרינדעט געוואָרען א גייסטיגער מיטעל־פונקט פאר דיא אידען פון יענער צייט.

דריטער קאַפּיטעל.

קריסטענטהום. ר׳ יהודה הנשיא און דיא משנה.

דיא קריענס פּאַרטיי איז איצטער אונטער דיא אידען אין ארץ ישראל אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען. דער פּאַל פון ביתר האָט בעוויזען אז מען קען ניט האָפּען צו געווינען מיט בעוואָפּענטע מאַכט געגען רוים, און דיא האָפנונג אויף א שנעלע ערלייזונג האָט אָנגעהויבען צו ווערען שוואַכער. אבער דיא וועלכע האָבען געמיינט אז יעצט וועלען דיא אידען פאַרשלונגען ווערען פון דיא ארומיגע פעלקער זיינען וויעדער געבליבען נאַרען. דיא פאַראייניגונג צווישען אַלע אידען אונטער דעם נשיא איז יעצט געוועזען שטאַרקער וויא אין דער צייט פון בית המקדש און דיא מאַכט און דיא הויכאַכטונג פון דיא נשיאות איז אימער געשטיגען. מען האָט דאַן פערשטאַנען דעם קלאָרען בליק פון רבן יוחנן בן זכאי, וועלכער האָט געזוכט צו רעטען דיא ישיבות ווען ער האָט געזעהן אז דער טעמפּעל און דאס קעניגרייך קענען זיך ניט מעהר האַלטען. דאס אידישע פאָלק האָט זיך בּיסלעכווייז פערוואַנדעלט אין א רעליגיעזע געמיינדע. אָבער זיא האָט נאָך איינינע הונדערט יאָהר, בעזאָנדערס אין דיא מזרח לענדער וואָס מיר רופען בכלל מיט דעם נאַמען בבל, אויך געהאַט א געוויסען גראַד פון פּאָליטישע אונאַבהענגיגקייט, אונטער דעם „פירסט פון דיא פאַרטריעבענע“ (ריש גלותא) וועלכער איז פון דער רעגיערונג אימער אָנערקענט געוואָרען אלס פאָרשטעהער און געזעצליכער הערשער פון דיא אידען.

דיא געטצענדיענער פון רוים און דיא לענדער פון דיא וועסט, (מערב) וועלכע האָבען אַליין געהאַט פיעלע געטער און האָבען זיך אין יענע צייטען אויפגעהערט וועגען זיי צו קימערען, האָבען ניט געהאַט גענוג פאַנאַטיזמוס צו פערפאָלגען א פרעמדע רעליגיאָן, זיי האָבען עס נור געטהאָן ווען עס איז דערצו געוועזען א פּאָליטישע אורזאַכע. אין דיא מזרח לענדער האָבען דעם גרעסטען רעליגיעזען איינפלוס געהאַט דיא פערזישע מאַגיער וועלכע האָבען געדיענט צו דיא זון. אידען האָבען דאַן נור געמוזט אָפּהיטען זייער מנהג געוויסע טעג ניט אָנצוצינדען קיין פייער, אָבער

זאָנסט האָבען דיא דיענער פון א גאָט וועלכער שיינט אויף אלעמען גלייך, ניט בע־לעסטיגט דיא וועלכע האָבען איין אנדער רעליגיאָן. עס האט זיך אבער אין יענע צייט אָנגעפאנגען אויפצוהויבען א נייע רעליגיעזע סעקטע, וועלכע האט געשטאמט פון אידען און זיך שטארק פארברייטעט אין אלע רוימישע פראווינצען. דיעזע נייע סעקטע איז געווען א געשוואָרענע פיינדין פון דיא אידישע רעליגיאָן און פון דיא רוימישע געטצען. צוערשט איז זיא אליין שטארק פארפאָלגט געוואָרען, דאן האָט זיא, ווען זיא איז געוואָרען שטארקער, פארפאָלגט אלע וואָס זיינען געווען געגען איהר, און קיינעם ניט אזוי טיראניש וויא דיא אידען פון וועלכע זיא האָט גענומען ניט נור איהר אבשטאמונג, זאָנדערן אויך דיא מאָראלישע אידעען וואָס האבען איהר געמאכט צו דיא הערשערין פון אייראָפּא. דיעזע סעקטע זיינען: ד י א ק ר י ס ט ע ן.

דער אָנפאנג פון קריסטענטהום, וויא דער אָנפאנג פון אלע רעליגיאָנען און רעליגיעזע סעקטען, איז פארדונקעלט דורך לעגענדען פון אלערליי וואונדער, פון וועלכע עס איז זעהר שווער אויסצוגעפינען דיא היסטאָרישע פאקטען. עס איז אָבער דאָ געגוג אורזאכע צו גלויבען דאס אין דער צייט פון חורבן בית שני, וואָס איז פאָרגעקומען עטליכע און דרייסיג יאָהר נאָך דער צייט ווען מען רעכענט דאס יעזוס איז הינגעריכטעט געוואָרען פאר זיך אויסגעבען אלס קעניג פון דיא אידען, און אונגעפעהר 70 יאָהר נאָך זיין געבורט, האָט זיך שוין אין ארץ ישראל געפונען א קליינע סעקטע אידען־קריסטען, וועלכע זיינען געווען נאָך זעהר נאהענט צום אי־דישען רעליגיאָן, אבער זיינען געווען דיא געפעהרליכסטע אינווענינגסטע פיינדע פון אידישען פאָלק. דיא אלטע אידישע שונאים, דיא אדומים און דיא שמרונים האבען אין יענע טרויעריגע צייט געהאָלפען יהודה געגען רוים, אָבער דיעזע אידישע נאָכ־פאָלגער פון אידישען „קארפענטער" פון בית לחם האבען אפען געהאלטען מיט רוים. עס איז געווען א טהייל פון זייער נייעם גלויבען דאס ירושלים מוז אונטערגעהן, און זיי זיינען מיט רעכט פון דיא פאטריאָטישע אידען בעטראכטעט געוואָרען ניט נור אלס אפיקורסים, זאָנדערן אויך אלס פעררעטהער. ווען זייער אמתער אנפיהרער, שאול פון טארסוס (סט. פאול), האָט אויסגעפונען אז עס איז ניטא קיין האָפנונג דיא נייע פּראָפּאגאנדאָ צו פארשפרייטען אונטער אידען און האט זיך גענומען צום אגיטירען אונטער געטצענדיענער מיט גרויס ערפאָלג, זיינען דיא אידען־קריסטען געבליבען א שוואכע סעקטע אונטער דיא קריסטען, און מען האָט זיי שפעטער אָנ־געהויבען צו רופען מיט פעראכטונג: דיא אביונים. פאול האָט ערקלערט דאס דיא היידען אָדער געטצענדיענער וואָס נעהמען אָן דעם נייעם קריסטליכען גלויבען זיינען

פטור פון דיא שווערע אידישע מצות וויא מילה, שבת א. ז. וו. און פון זייער זייט האָבען דיא נייע קריסטען מיטגעבראַכט פיעלע מנהגים און צערעמאָניעס פון געטצענדיענסט. ווען דיא אידישע מאַכט איז אונטערגעגאַנגען האַט דאס דיא נייע פראָפּאַגאַנדא זעהר פיעל געהאָלפען און פיעלע רוימער, בעזאָנדערס פרויען און שוואַכע כאַראַקטערען, וועלכע זיינען געוועזען גייסטיג זאַט מיט דיא טרוקענע פילאָזאָפיע און דעם מאַטעריאַליזמוס פון יענער צייט, האָבען זיך אָנגעהאַפּט אן דיא נייע פאַנטאַסטישע לעהרע מיט איהרע זיסע חלומות פון גליקען אויף יענער וועלט. דיא רעגיערונג האט אין אָנפאַנג געקוקט אויף דיא נייע בעוועגונג מיט די געוועהנליכע טאָלעראַנץ פון דיא היידען, וועלכע האָבען בעטראַכטעט א נייעם גאָט אונגעפעהר אזוי וויא געלעהרטע פון היינטיגע צייט בעטראַכטען א נייע ערפינדונג. אָבער באַלד איז דיא פראָפּאַגאַנדא געוואָרען צו געפעהרליך. דיא קריסטען האָבען אַגיטירט מיט אַלע כחות, האָבען אָנגעגריפען דיא געטער פון דיא רוימער, זייערע פיהרונגען און זייערע געזעצע. דער פּאָליטישער צושטאַנד פון רוים איז אויך געוואָרען וואָס ווייטער ערגער, און דיא נייע סעקטע וואס האט בעקעמפּפט אלעס מיט אזא האס און ביטערקייט, האָט אנגעהויבען בעטראַכטעט צו ווערען אלס איינע פון דיא אורזאַכען וואס פיהרען רוים צו איהר אונטערגאַנג. דאַן האָבען זיך אָנגעפאַנגען די בלוטיגע פערפאָלגונגען געגען דיא קריסטען, מיט דיא געוועהנליכע ענדע אז וואס מעהר מען האָט זיי פאַרפאָלגט אַלץ שטאַרקער זיינען זיי געוואָרען און האבען אַלץ געפונען מעהר אנהענגער אונטער דיא מאַסען. דער דעספּאָטיזמוס פון דיא רוימישע רעגיערונג איז אויך געוואַקסען אונטער דיא פאַרערגערטע אומשטענדען פון לאַנד, און דורך דיא אָפטע מלחמות מיט דיא האלב ווילדע פעלקער וואס האָבען דאַן אנגעהויבען צו פערפלייצען אייראָפּא, און דיא נאך עפטערע בירגער קריעג צווישען דיא רוימער אונטער זיך. אין דער צייט פון קייזער קאַראַקאַללא, וועלכער האט רעגיערט פון יאָהר 211 ביז 217 איז עס שוין ניט מעהר געווען אזא יחוס ווי אמאל צו זיין א בירגער פון רוים, און ער האט דארום ארויסגעגעבען א געזעץ אז אלע רוימישע אונטערטהאַנען, אלע וואס וואוינען אין דיא לענדער וואס געהערען צו רוים זיינען רוימישע בירגער. דיעזע בעשטימונג האט אויך עטוואס פאַרבעסערט דיא לאַגע פון דיא אידען, און האָט געגעבען נייע מעגליכקייט צו דיא קריסטען צו פאַרשפּרייטען זייער רעליגיאָן. דיא לעצטע זיינען אימער געוואָרען שטאַרקער און האָבען שוין געבילדעט אזא גרויסען טהייל פון פאָלק און פון דיא הערשענדע קלאַסען, אז דיא פיהרער וועלכע האָבען געוואָלט זיך דערשלאָגען צום טהראָן, אדער זיך דאָרטען האלטען ווען זיי האָבען איהם דערגרייכט האָבען געפונען פאַר ניצליך

זיך צו פארטראָגען גוט מיט די קריסטען און צו זוכען זייער הילף. דיאָקלעטיאַן, וועל־
כער האָט רעגיערט פון יאָהר 284 ביז 305 איז געווען דער לעצטער גרויסער קייזער
וועלכער האָט געזוכט צו רעפאָרמירען רוים און צו רעטען דעם היידענטהום פון
אונטערגאַנג. ער האָט איינגעפיהרט זעהר גוטע און וויכטיגע ענדערונגען, און האט
געזוכט צו דערהאלטען דיא אַלטע אָרדנונג דורך שרעקליכע פערפאָלגונגען געגען
קריסטען. אָבער אַלעס איז געווען צו שפּעט. ווען דיאקלעטיאַן האָט רעזיגנירט
אין יאָהר 305 האָט רוים ווידער, וויא עס האָט דאָרט אָפט פּאסירט, געהאַט
עטליכע קיסרים מיט אַמאָל און יעדער פון זיי האט געהאט איין ארמעע וואס האט
איהם אונטערשטיצט. דער פעהיגסטער פון זיי אַלע, קאָנסטאַנטין, וועלכער איז
שפּעטער אין יאָהר 323, אלס קאָנסטאַנטין דער גרויסער, געוואָרן קייזער פון דיא
גאַנצע רוימישע וועלט, האט אין יאהר 313 אין זיין עדיקט אדער אוקאז פון מילאַן
בעשטימט דאס אלע רעליגיאָנען זיינען גלייך און דאס דיא אידישע און דיא קריסט־
ליכע רעליגיאָן האָבען פון יעצט אָן דיא זעלבע רעכטע וויא דיא רוימישע. דאס
האָט פאר א קורצע צייט דעם נשיא פון ארץ ישראל (דעם אור־אור־אייניקעל פון
רבינו הקדוש) געמאַכט פאר איין אמתען פירסט, אָבער דיא גוטע צייטען האָבען
ניט לאַנג געדויערט.

קאָנסטאַנטין האָט באלד איינגעזעהן אז די קריסטען זיינען שוין גענוג שטארק
אז עס לוינט זיך אָן זיי אָנצושליסען און דורך זיי צו געווינען דיא הערשאַפט איי־
בער רוים. ער איז אַליין געוואָרען א קריסט און ווען עס איז איהם געלונגען אין
323 צו ווערען קייזער איבער דאָס גאַנצע קייזעררייך, איז קריסטענטהום געוואָרען
דיא שטאַאטס־רעליגיאָן פון רוים. דיא געטצענדיענעריי איז געפאלען און מיט איהר
אין אויך פערשוואונדען דיא טאלעראַנץ געגען אַנדערע רעליגיאָנען. דיא פאַרפאָלג־
טע קריסטליכע קירכע איז געוואָרען א פערפאָלגערין. דיא בעשטימונג פון קאָנ־
סטאַנטין דעם געטצענדיענער אז אַלע רעליגיאָנען זיינען גלייך איז בטל געוואָרען.
דיא קירכע האָט יעצט געהערשט, און יעצט האָט זיא אונטער (דעם זעלבינען)
קייזער קאָנסטאַנטין דעם קריסט אויפגעשטעלט דעם נייעם פּרינציפּ, אז ווער עס
גלויבט ניט אין דיא שטאַאטס־רעליגיאָן, דאס הייסט אין קריסטענטהום, קען אויך
ניט געניסען דיא רעכטע פון א בירגער. דיא פיינדשאפט געגען אידען איז אויסגע־
דריקט געוואָרען ניט נור אין פּאָליטיק זאָנדערן אויך אין דיא פּרינציפּען פון רעלי־
גיאָן. דער גרויסער קירכענראַטה אדער „קוינסיל" פון ניקעאַ, וואו דיא פאָרשטע־
הער פון דיא גאַנצע קריסטליכע קירכע האבען זיך פאַרזאַמעלט צום ערשטען מאָל
אונטער דעם שוץ פון א קריסטליכען קייזער אין יאהר 325 האָט אָפיציעל ערקלערט

אז קריסטענטהום איז אין גאנצען אפּגעשניטען פון יודענטהום. דארט איז עס אויפגעשטעלט געווארען אלס איינער פון דיא עיקרים אדער הויפּט פּרינציפּען פון דיא קריסטליכע קירכע אז גאָט האט זיך אפּגעזאגט פון דיא אידען און האט זייא פארפלוכט, און דאס דיא אלע נבואות און נחמות פון תנ"ך געהט אויף דיא נייע בני ישראל דאס הייסט אויף דיא קריסטען וואס האבען גע'ירשנט דעם פּלאץ פון דיא אידען אלס גאָט'ס אויסערוועהלטעס פאָלק, דאס איז דער אנהויב און דיא ענטשולדיגונג פון דיא אידען-פערפאָלגונגען פון דער זייט פון דיא קריסטליכע קירכע. זיא האט עס פון יעצט אן בעטראכט אלס א פפליכט צו פערפאָלגען אידען. דערבייא האט דאס איהר אויך געדיענט אלס א גוטער מיטעל פאר פּראָפּאגאנדא אונטער דיא געוועזענע געטצענדיענער. מען האט געפייניגט דיא אידען, און דערמיט געוויזען דיא מאסע אז גאָט שטראָפט זיין אמאָליגעס פאָלק פאר וואָס זיי האָבען ניט גע־וואָלט אנערקענען „זיין זאָהן" אלס משיח. דיא נייע פערפאָלגונגען האָבען ארויסגע־רופען אויפרעגונג און אונרוהיגקייט אונטער אידען אין ארץ ישראל, און אין יאָהר 352 אונטער דעם קייזער קאָנסטאנטיוס איז אויסגעבראָכען איין אויפשטאנד אין צפורי, טבריא און דיא אומגעגענד וועלכע איז אונטערדריקט געוואָרען מיט גרויס הארטקייט און פיעל בלוטפערגיסונג און פערוויסטונג.

נאך איין איינציגעס מאהל האט דיא געפאלענע געטצענדיענעריי אויפגעהויי־בען איהר קאָפּ איידער זיא איז אונטערגעגאנגען, און נאך איין מאָהל האבען דיא אידען אונטער רוים פריי אויפגעאטהעמט. יוליאן, דער העלד און פילאָזאָף, וועל־כער איז געוואָרען רוימישער קייזער אין 361 האָט געמאכט דיא לעצטע פּראָבע צוריק אויפצושטעלען דיא היידנישע רעליגיאָן פון רוים און אפּצוהאלטען דעם שטראָם פון קריסטענטהום וואָס האָט פארפלייצט אייראָפּא און א טהייל פון אזיען און נאָרד אפריקא. אלס א ביטערער געגנער פון קריסטענטהום האט ער זיך אנפאנגס געציינט זעהר פריינדליך צו אידען. ער האט בטל געמאכט דעם „פיסקוס יודאיקוס" אדער דיא ספּעציעלע אבגאבען וואס אידען האבען געדארפט צאהלען זייט דעם חורבן און האט פארברענט דיא רייסטערס מיט די אידישע נעמען נאך וועלכע מען פלעגט דאס מאהנען, כדי זיינע נאכפאלגער זאָלען דיא זעלבע אבגאבען ניט קענען צוריק ארויפלייגען. אין א בריעף צום נשיא פון ארץ ישראל רופט איהם יוליאן „מיין ברודער" און פערשפּרעכט פיעלע פערבעסערונגען אין דיא לאגע פון דיא אידען. ער האָט אויך באלד געגעבען ערלויבניס אויפצובויען צוריק דעם בית המקדש. אידען האָבען אנגעזאמעלט גרויסע סומען געלד און מאטעריאל און מען האט אויך שוין אנגעפאנגען צו גראָבען פאר א נייעם פונדאמענט פון דיא היילינע געביידע. אָבער

באלד אין אָנפאנג איז דאָרט פארגעקומען איין עקספלאָזיאָן פון וועלכע איינינע ארבייטער זיינען אומגעקומען. דיא אורזאכע איז ביז היינט א געהיימניס, אבער דיא אידען פון יענער צייט האבען דאס בעטראכט אלס א צייכען מן השמים אז דער בית המקדש דארף יעצט ניט געבויט ווערען און האָבען פארלאָרען דעם מוטה צו דיא ארבייט.

עס שיינט אויך דאס יוליאן האט ניט אין גאנצען געמיינט דיא טובה פון דיא אידען. ער האָט געפיהרט א קריעג מיט פערזיען און האט געזוכט דורך זיין פריינדשאפט צו אידען צו געווינען אויף זיין זייט דיא אידען פון דיא פערזישע פראָ-ווינצען, בעזאָנדערס פון בבל, וואו זיי זיינען געוועזען שטארק אין צאָהל און אין איינ-פלוס אָבער זיינע האָפנונגען זיינען ניט מקוים געוואָרען. דיא אידען אין דיא מזרח לענדער האבען געקענט רוים אלס א שטרענגע הערשערין און זיינען געוועזען צופריע-דענער צו לעבען אונטער דיא מילדע הערשאפט פון דיא פערזיער. זיי האָבען אויך געגלויבט און געהאָפט דאס רוים וועלכע האָט חרוב געמאכט דעם צווייטען בית המקדש מוז, אזוי וויא בבל וועלכע האט חרוב געמאכט דעם ערשטען, אריינפאלען אין דיא הענד פון פרס. זייער שטעהן פון ווייטען האט דיא פערזיער פיעל געהאָלפען. יוליאַן האָט אין אָנפאנג אפילו געוויזען גרויסע גבורות, אבער אין יאָהר 363 איז ער אליין געפאלען אין קריעג און רוים האָט זיך געמוזט צוריקציהען אפילו פון דיא לענ-דער פון יענער זייט טיגרים (חדקל) וועלכע דיאקלעטיאן האט געוואונען מיט 70 יאָהר צוריק. דיא קורצע דריי יאָהר וועלכע יוליאן האָט רעגיערט איז געוועזען וויא איין אנגענעהמער חלום פאר דיא אונטערדריקטע אידען פון וועלכע זיין פלוצלונגער טויט האט זיי אויפגעוועקט. אלעס ארום איז געוועזען צוריק פינסטער און טרויעריג. יוליאן'ס נאכפאָלגער, יאָוויאן, איז געוועזען א פרומער קריסט, און דיא אידישע צרות האָבען זיך אָנגעפאנגען פון דאס ניי. גרויסע מאסען אידען האבען אָנגעהויבען אין יענע צייטען אויס צו וואנדערן נאך בבל און פרס אדער צו גרינדען נייע אידישע קאָלאָניעס אין דיא געגענדען פון דיא טייכען פרת און חדקל. דיא צאָהל און דער איינפלוס פון דיא אידען אין רוים און אויך אין ארץ ישראל איז געוואָרען אימער קלענער אונטער דיא נייע גזירות פון דיא קריסטליכע הערשער און דורך דיא אונ-אָרדנונגען וואָס דיא פעלקער-וואנדערונג האט אנגעמאכט אין דיא צייטען ווען דיא רוימישע מלוכה איז צושפליטערט געוואָרען אויף ברעקלאך.

* * *

אין דער צייט ווען קריסטענטהום און געטצענדיענעריי האָבען זיך געראנגעלט אין רוים, און רוים אַליין האָט זיך געראנגעלט מיט די בארבארישע פעלקער וועלכע

האָבען איהר צום סוף פארשלונגען, האבען דיא פאָרשטעהער פון דיא אידען אין ארץ ישראל געלייגט דעם פונדאמענט פון דיא ליטעראריש־רעליגיעזע געביידע וועלכע האט געהאָלפען ערהאלטען דעם יודענטהום דורך דיא פינסטערסטע צייטען ביז אויף היינטיגען טאָג. אונטער דיא מילדע רעגיערונגען פון אנטאָנינוס פיוס, מארקוס אוירעליוס (פון 138 ביז 180) און דיא קיסרים פון דיא פאמיליע סעווערוס (פון 193 ביז 235) האבען די ישיבות אין ארץ ישראל אויפגעבליהט און דער נשיא איז געווען דער קאָפּ פון דיא אידען פון זיין צייט. אָבער דיא אָפטע פערפאָלגונגען און דיא שטענדיגע ענדערונגען אין דיא לאגע פון דיא אידען האָבען איבערצייגט דיא גרויסע מענער אז עס איז צו געפעהרליך צו לאָזען דיא תורה שבעל פה אין גאנצען אבהייניג פון דיא געלערנטע וואס געדיינקען עס אויף אויסווייניג. דער גרעסטער פון אלע נשיאים, ר' יהודה הנשיא אדער רבינו הקדוש, אין וועלכען עס זיינען גע־ווען פאראייניגט תורה וגדולה במקום אחד, האט זיך דארום אונטערנומען, אונגע־פעהר אין יאהר 200, צו זאמלען דיא אלע הלכות פון דיא פערגאנגענע צייטען און האט זיי אויסגעארבייטעט נאך א סיסטעמאטישע איינטהיילונג אין זעקס סדרים און זעכציג מסכתות וועלכע ער האט א נאָמען געגעבען משנה. אבגלייך ר' מאיר איז געווען א געגנער פון זיין פאָטער, האט רבינו הקדוש דאָך אין איהם אנערקענט דעם גרעסטען געלעהרטען פון זיין צייט, און אין אלע פונקטען איבער וועלכע עס איז ניט געווען קיין מחלוקת האט ער געשריבען אין דער משנה דעם טעקסט אדער נוסח וויא עס איז איבערגעליעפערט געוואָרען פון ר' עקיבא צו ר' מאיר. דאס איז וואס עס ווערט געמיינט אונטער דעם אויסדרוק: „סתם מתניתין ר' מאיר“, און ווייזט אונז וויא אונפארטייאיש דער גרויסער נשיא האט געהאנדעלט ביי דיעזע גרויסע געלעגענהייט. דיא משנה איז באלד אָנגענומען געוואָרען פון אלע אידען אלס ביילאגע און ערקלערונג פון דער תורה און אלס דיא קוועלע פון אלע רעליג־יעזע געזעצע.

דיא משנה איז געווען דיא הויפט ווערק אבער נאָך אנדערע ווערק, אויך זעהר וויכטיגע, זיינען פערפאסט געוואָרען אין יענער צייט אדער עטוואס שפעטער. ר' חייא און ר' אושעיא האָבען געזאמעלט די דינים וואס רבינו הקדוש האט דורכ־געלאָזען און האָבען דיעזע „ברייתות“ (דיא דרויסענדיגע) פארשריבען אין דיא צוגא־בען אָדער תוספתות. אנדערע מאמרים פון פריהערע צייטען זיינען צוזאמענגעבראכט געוואָרען נאָך דיא אָרדנונג פון דער תורה אויף דיא פסוקים אויף וועלכע זיי בע־ציהען זיך, וויא מכילתא (אויף שמות) ספרא (אויף ויקרא) ספרי (אויף במדבר און דברים). עס זיינען געמאכט געוואָרען תרגומים אדער איבערזעצונגען פון דער תורה

אין דיא פאָלקס־שפראך, אויך אין דעם גייסט פון דיא איבערליעפערטע ערקלערונ־גען פון דיא פסוקים, און דער פערזוך וואס איינער פון דיא פריהעריגע תנאים, ר׳ יוסי בן חלפתא, האט געמאכט אויסצואַרבייטען א כראָנאָלאָגיע אָדער בעשטימ־טע דאַטען פון פאסירונגען וואס זיינען דערמאָנט אין תנ״ך, איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען אין דעם קליינעם אבער זעהר וויכטיגען ספר סדר עולם. דיא פרוכט פון באלד טויזענד יאָהר ארבייט, פון דער צייט פון דיא ערשטע סופרים אונטער עזרא הסופר ביז דיא לעצטע תנאים נאך רבינו הקדוש איז יעצט פאַרגעלייגט געוואָרען פאר דעם אידישען געלעהרטען סיסטעמאטיש אויסגעארבייט, און בעשטעטיגט דורך דיא אויטהאָריטעט פון דיא גרעסטע מענער אין יודענטהום. שפּעטערע דורות האָ־בען נור געדאַרפט ערקלערען דיא מיינונגען פון דיזע שריפטען, אָדער רעכט מאכען דיא פלעצער וואו עס וויזט אויס אז זיי ווידערשפּרעכען זיך. אלעס האט געמוזט געבראכט ווערען אין הארמאָניע מיט דאס הויפט ווערק — דיא משנה, איהר פער־פאַסער, וועלכער איז געוועזען א בעליעבטער פריינד פון איינעם פון דיא קיסרים פון דיא פאַמיליע סעווערוס, וואהרשיינליך פון דעם פיעל־בעליידיגטען העלאגאבאלוס, (221 — 218) איז אנערקענט געוואָרען אלס מייסטער פון געלעהרזאמקייט, אלס רבי אָדער אלגעמיינער לעהרער. זיין טויט, אונגעפעהר אין יאָהר 219 איז בעטראַכטעט געוואָרען אלס א נאַציאָנאלעס אונגליק.

עס איז אויך שוין געוועזען דיא העכסטע צייט צו ברייגנען ארדנונג אין דיא גייסטיגע הויזהאלטונג פון דיא אידען, און זיי פאַרבערייטען פאר דעם לאנגען קאמפּף געגען פערפאָלגונגען און פאנאטיזמוס אין פינסטערען מיטעלאַלטער. נאך דעם טויט פון ר׳ יהודה הנשיא זיינען געקומען ערגערע צייטען און אויך שוואבערע מענער צו ערפילען זיין פּלאַץ. דיא שפּעטערע נשיאים האבען נאך פאר א געוויסע צייט גע־האט דיא גדולה, אָבער זיא איז ניט מעהר געווען צוזאמען מיט דיא תורה. זיין אייניקעל ר׳ יהודה נשיאה, האט נאך געהאט עטוואס א בעדייטונג אלס תלמודישער געלעהרטער, אָבער דיא גרעסטע פיגור פון יודענטהום אין ארץ ישראל אין דיעזען דור איז ניט מעהר געווען דער נשיא זאנדערן זיין אונאבהייניגער געגנער, דער אמורא ר׳ יוחנן, וועלכער האט אָנגעפאנגען צוזאמען צו שטעלען דעם תלמוד ירושלמי. ביידע זיינען געשטאָרבען אונגעפעהר אין יאָהר 280. ר׳ אלעזר בן פדת, און שפּע־טער ר׳ אמי ור׳ אסי האבען נאך אויפגעהאלטען דיא שטעלונג פון דיא ישיבות פון ארץ ישראל, אָבער זיי האָבען זיך שוין אליין געפיהלט שוואך און פערדונקעלט פון דעם גלאַנץ פון דיא ישיבות וועלכע האָבען אויפגעבליהט אין בבל. סורא, פומבדיתא נהרדעא, און מחוזא זיינען יעצט געוואָרען דיא מיטעל פונקטען פון יודענטהום. דיא נשיאים פון ארץ ישראל האָבען געזוכט נור איינגאהמען און מיטלען, און זיך וועניג געקימערט וועגען דיא תורה. זייער נאמען און זייער אויטהאָריטעט אין אידישע אנ־געלעגענהייטען איז אימער שוואכער געוואָרען אין דער צייט ווען דיא גרויסקייט פון דעם ריש גלותא אין בבל איז געשטיגען העכער און העכער.

פיערטער קאפיטעל.

ב ב ל.

דיא אידען אין בבל האָבען זייט הונדערטע יאָהרען דאָרט געלעבט רוהיג און גליקליך. זיי האָבען זיך געהאלטען העכער אין יחוס וויא דיא אידען פון ארץ ישראל וויל זייער בלוט איז געווען רייגער, דאס הייסט ווייניגער פארמישט מיט אנדערע פעלקער. עס זיינען דאָרט געוועז גאנצע געגענדען און פיעלע גרויסע שטעדט וואָס זיינען געוועז בעוואוינט אין גאנצען פון אידען, און דיא רעגיערונג פון דיעזע שטעדט וויא אויך דיא אַלגעמיינע איבערזיכט איבער אידישע אנגעלעגענהייטען איז געווען אין אידישע הענד. דער ר י ש ג ל ו ת א, וועלכער האָט געשטאמט פון דיא קע־ניגליכע פאמילע פון דוד, איז געווען איין אמת׳ער פירשט, און האט געהאט א פאַ־לאַץ, א גוואַרדיע, פיעלע שקלאַפען און א פּאָליציי. ער איז געשטאַנען אין ראַנג דער פיערטער פון קעניג און האָט זיך גערעכענט אלס איין אונטערטהעניגער פירסט וועלכער מעג טהאָן וואָס ער וויל מיט זיינע אונטערטהאַנען, אזוי לאנג וויא ער האָט אנערקענט דיא מאַכט פון קעניג איבער איהם. אַנדערע פון דיא ראשי גלותא האָבען אויך בענוצט זייער גרויסע מאַכט צו אונטערדריקען און צו בערויבען דיא אידישע בעפעלקערונג, און דער נאמען פון דעם הויכען אמט ווערט אָפט דערמאָנט אין דיא תלמודישע און שפּעטערע ליטעראַטור ניט צום גוטען. אבער בכלל האָבען דיא אידען זיך געפיהלט פרייער אונטער איינענע הערשער, און דער יאָך פון גלות איז ניט געווען אזוי שווער צו דערטראָגען וויא דאָרטען וואו א פרעמדע רעגיערונג האט זיך אין אַלץ אַריינגעמישט.

אין זאַכען וואס געהערט צו רעליגיאָן איז בבל אין דער צייט פון בית המקדש און אויך אונגעפעהר דיא ערשטע הונדערט יאָהר נאכדעם, אין גאנצען אבגעהאנגען פון ארץ ישראל. דיא ישיבות פון יבנה, צפּורי אָדער טבריא, דער נשיא און דיין סנהדרין זיינען געווען דיא רעליגיעזע געזעצגעבער פאַר דיא אידען פון אלע לענדער, און קיינער האָט אין דיא פריהערע צייטען געוואַגט זיך צו שטעלען געגען זיי. בעזאָנ־דערס וויכטיג איז געווען דיא בעשטימונג פון צייט פון דיא חדשים, דיא ק ב י ע א

ד י ר ח א וואָס פלעגט בעקאַנט געמאַכט ווערען פון נשיא און געפּאָלגט ווערען פון אלע אידישע געמיינדען. עס איז דארום קיין וואונדער דאס ווען חנניא בן אחי ר׳ יהושע, א אידישער געלעהרטער פון ארץ ישראל איז נאָך דעם חורבן פון ביתר אוועק נאָך בבל און האָט דאָרט אָנגעפאנגען מ ע ב ר ש נ י ם און ק ו ב ע ח ד ש י ם צו זיין, איז געקומען א שטארקער פּראָטעסט פון ארץ ישראל און ער איז געצוואונגען געוואָרען דאָס אויפצוהערען. דאָך האָט מען אין ארץ ישראל געוואוסט צו שעצען דיא וויכטיגקייט און דיא קעניגליכע אבשטאַמונג פון ריש גלותא, און דער גרעסטער פון אלע נשיאים, רבינו הקדוש, האָט אָפען ערקלערט, דאס אויב דער דאמאליגער ריש גלותא, רב הונא, זאָל קומען נאָך ארץ ישראל, וועט איהם קומען א העכערער פּלאַץ פאר דעם נשיא.

אָבער אין דעם נעכסטען דור איז פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג. אידען פון בבל פלעגען פון לאַנגע צייטען קומען נאָך ארץ ישראל לערנען תורה. הלל הזקן דער גרינדער פון דיא דינאַסטיע פון נשיאים, איז געקומען פון בבל, און דיא וויכטיגסטע תלמידים פון רבינו הקדוש זיינען געוועזען ר׳ חייא ה ב ב ל י און זיינע זיהן. אבער דיזע געלערנטע בבלים פלעגען געוועהנליך בלייבען אין ארץ ישראל, אָדער ווען זיי פלעגען קומען צוריק נאָך בבל, איז זייער ארבייט געוועזען אונבעדייטענד. אבא אריכא, דער זאָהן פון ר׳ חייא הבבלי׳ס שוועסטער איז געוועזען דער ערשטער גרויסער געלעהרטער וועלכער איז אוועק פון ארץ ישראל נאָך בבל מיט דעם צוועק צו גרינדען א ישיבה און דאָרט פארברייטען דיא תורה, ער איז געוועזען איינער פון די פעהיגסטע תלמידים פון רבינו הקדוש, און איז מיט זיין צושטימונג אוועק נאָך בבל אונגעפעהר אין יאהר 219 און געגרינדעט דיא ישיבה פון סורא וועלכע איז געוואָרען א גייסטיגער מיטעלפונקט פון יודענטהום אין בבל, און איז באלד אריבערגעוואקסען דיא אָפּגעשוואכטע ישיבות פון ארץ ישראל. עס שיינט אז דער ריש גלותא און אפילו דיא רעגיערונג פון בבל איז געוועזען צופריעדען פון דיא אויפבליהונג פון ישיבות, וועלכע האָבען געמאכט דיא אידען פון בבל מעהר אונאבהענגיג פון ארץ ישראל. אבא אריכא האט געקריגען דעם טיטעל ר ב אָדער הויפּט לעהרער פון דיא אידען. ארטבן, דער לעצטער קעניג פון פּארטהיא, וועלכער האט געהערשט איבער בבל און פרס און האט רעגיערט פון יאָהר 211 ביז 226 איז געוועזען זעהר פריינדליך צו רב און פלעגט איהם שיקען מתנות, רב האָט אויפגעטהאן פיעלע תקנות און האָט געשטעלט אידישקייט אין בבל אויף א זיכערען פוס: זיינע תלמידים וועלכע זיינען געקומען נאָך ארץ ישראל האבען מיט זייער פעהיגקייט און קענטניס פארשפרייט דעם גוטען נאמען פון דעם גרויסען לעהרער. ר׳ יוחנן, דער גרעסטער

אמורא אין ארץ ישראל אין יענער צייט האט נישט נאר אנערקענט רב אלס זיין רבי, דאס הייסט אלס גרעסער פון זיך, זאָנדערן ער האט אויך מודה געווען אז דיא תורה אין גאנצען געהערט איצט מעהר צו די בני בבל וויא צו די בני ארץ ישראל. דיא תורה איז פיעל פארשפרייט געוואָרען אין בבל דורך דיא איינפיהרונג דאס גרויסע מאסען פלעגען קומען הערען דינים און פשטים צוויי מאל אין יאָהר, אין דיא חדשים אדר און אלול, וואס זיינען געווען בעקאנט אלס כלה חדשים. לערנען איז אריין שטאַרק אין דער מאַדע און יודענטהום האט אויפגעבליהט אונטער דיא גע־שיקטע פיהרונג פון רב.

מר שמואל ירחינאה, דער אסטראנאָם און דאָקטאר, וועלכער איז אויך גע־ווען אזוי וויא רב, א תלמיד פון רבינו הקדוש און איז אויך געקומען נאך בבל, האָט נעגרינדעט א ישיבה אין דער שטאָדט נהרדעא. אין צפון זייט פון בבל און האט געהאָלפען פארברייטען דיא תורה אין יענער געגענד כמעט אזוי פיעל וויא רב אין דרום זייט וואו דיא שטאָדט סורא איז געלעגען. שמואל האָט דער ערשטער אויפ־געשטעלט דעם פרינציפ אז עס איז דיא פליכט פון אידען צו זיין טריי דיא ניט־אידישע רעגיערונגען אונטער וועלכע זיי לעבען און אפצוהיטען זייערע געזעצע, און האָט עס אויסגעדריקט אין זיין בעריהמטען מאמר: דינא דמלכותא דינא. שפּעטערע אמוראים האבען אנערקענט זיינע פעהיגקייט אין פראגען פון געזעץ און בעשטימט אז אין דינים ווערט זיין מיינונג אָנגענומען, אין דער צייט וואס אין איסורים אָדער רעליגיאנס־פראגען פסקנט מען וויא רב.

א פּאָליטישע ענדערונג וואס איז אין יענער צייט פארגעקומען אין יענע לענ־דער האט אין א קורצע צייט פארערגערט דיא לאגע פון דיא אידען ביז א געוויסען גראד, דער פערזישער פירסט ארדאשיר האט אונגעפעהר אין יאָהר 230 אראָפּגע־וואָרפען קעניג ארטבן מיט דיא גאנצע הערשאפט פון פארטהיא און איז אליין גע־וואָרען קעניג און דער גרינדער פון דיא סאסאנידען דינאסטיע, וועלכע האט בעהערשט פרס, בבל און אלע ארומיגע לענדער. אונטער דיא נייע רעגיערונג זיינען דיא מאגיער אדער דיא וועלכע דיענען צום פייער געוואָרען זעהר שטארק און אידען האבען אָנ־געהויבען א ביסעל צו פיהלען זייער פאנאטיזמוס. אבער דיעזע נייע־פערזיער, וועלכע ווערען אין תלמוד גערופען חברים, זיינען געווען זעהר ארעם, און אידען האָבען זיך אָנגעהויבען אויסצוקויפען פון שטרענגע געזעצע און זיך ביסלעכווייז איינגעלעבט מיט דיא נייע הערשער. קעניג שאפור I (שבור מלכא) וועלכער האָט רעגיערט פון יאָהר 242 ביז 271 איז געוועזען א פריינד פון מר שמואל פון נהרדעא, אָבער

ער איז ניט געווען שטאַרק גענוג שפּעטער צו בעשיצען דיא שטאָדט פון א נייעם פיינד וואס האט זיך ערהויבען אונטער דעם שוץ פון רוים.

דיעזער נייער פיינד איז אייגענטליך ניט געוועזען קיין פיינד פון אידען, און פיעלע היסטאָריקער גלויבען אז ער האט געהאט א אידישע פרוי. ער האט געהייסען אדענאטהוס און מען האט דערצעהלט אז ער איז פריהער געווען דער אנפיהרער פון א באנדע רויבער, וועלכער איז ערהויבען געוואָרען צו דיא ווירדע פון א רוימישען סענאטאָר. ער האט זיך בעפעסטיגט און רעגירט אין דיא שטאָדט פאלמירא אָדער ת ד מ ו ר, וועלכע שלמה המלך האט אין אלטע צייטען אויפגעבויט אין דער מדבר. מיט דער צייט איז אדענאטהוס געוואָרען אזוי שטארק דאס אין יאָהר 264 האט דער שוואכער קייזער גאלליענוס פון רוים איהם אנערקענט אלס א שותף אין מלוכה אדער מיט-קייזער. אדענאטהוס האט פארטריעבען דיא פערזיער פון קליין אזיען און פון סיריען, האט איינגענומען א טהייל פון בבל און האָט אויך געהערשט איבער אראביען און ארמעניען. אין יאהר 267 איז אדענאטהוס ערמאָרדעט געוואָרען און זיין טיטעל איז לפנים איבערגעגאנגען אויף זיין יונגען זוהן וואבאלאטהוס. אָבער דיא אמתע הערשער'ן איז געווען צענאביא, דיא אלמנה פון אדענאטהוס, וועלכע האט ניט נור געהאלטען דיא פראָווינצען וואס איהר מאַן האָט אנגענומען, זאָנדערן האט אויך איינגענומען עגיפּטען. זיא האט געהאט דעם טיטעל קייזערין, און דיא שרייבער פון יענע צייטען האבען פיעל צו זאָגען פון דעם אונבעשרייבליכען פראכט און גלאנץ פון דעם קייזערליכען הויף אין פאלמירא. אנדערע זאָגען אז זיא איז געווען איין אראבערין, אָבער מעהרערע היסטאָריקער וועלכע פארדיענען געגלויבט צו ווע-רען זאָגען אויסדריקליך אז זיא איז געווען א אידישע פרוי. דיעזע וואונדערבארע פרוי האט זיך געוואגט צו שטעלען אפילו געגען רוים, און דאס האט געבראכט איהר אונטערגאנג. זעקס יאָהר נאָך איהר מאַן'ס טויט, איז זיא בעזיעגט געוואָרען פון רוימישען קייזער אָרעליאן און איז אוועקגעפיהרט געוואָרען געפאנגען נאָך רוים, געשמידט אין גאָלדענע קייטען. אין דיא נעכסטע הונדערט יאָהר איז בבל איינינע מאָל איבערגעגאנגען פון דיא רוימער צו דיא פערזיער און פערקעהרט אָבער צום ענדע איז זיא דאך געבליבען אונטער פרס.

נאכדעם וויא נהרדעא איז חרוב געמאכט געוואָרען פון אדענאטהוס אין יאָהר 259 האט רב יהודה, דער גרעסטער פון דיא תלמידים פון רב ושמואל געגרינדעט א נייע ישיבה אין פומבדיתא, ניט וויט פון נהרדעא, און דיעזע שטאָט האט באלד געוואונען א גרויסע וויכטיגקייט אלס א אידישער מיטעלפונקט אין נארד בבל. אין דיא סויטה, דאס הייסט אין סורא האט רב הונא געפיהרט דיא ישיבה מיט גרויס

ערפאָלג 40 יאָהר, און ווען ער איז געשטאָרבען, איבער 80 יאָהר אלט אין יאהר 297 איז רב יהודה ערוועהלט געוואָרען אויף זיין פּלאַץ. אין דיא צוויי יאָהר וואס רב יהודה איז דאָרט געווען ריש מתיבתא און אין דיא צעהן יאָהר אונטער זיין נאכפאלגער רב חסדא (פון 299 ביז 309) איז נור געווען איין איינציגע ישיבה אין סורא אליין.

פאַר איינינע דורות האָבען דיא ישיבות אין בבל אונטער דיא גרויסע אמוראים זיך געפיהרט מיט מעהר אָדער וויינינער ערפאָלג אונטער דיא פערשיעדענע הערשער פון בבל אין יענע צייטען. אָבער דיא פאָרשטעהער פון יודענטהום האָבען איינגעזעהן אז עס איז ניטאָ קיין זיכערהייט אין גלות, און דאס דיא ישיבות פון בבל קענען דורך פערפאָלגונגען אונטערגעהן אדער שטארק אָפּגעשוואכט ווערען, וויא דיא ישיבות פון ארץ ישראל. דארום ווען עס איז אויפגעשטאנען א מאַן וויא רב אשי, וועלכער האט צום ערשטען מאָל זייט רבינו הקדוש אין זיך ווידער פעראייניגט תורה וגדולה, דיא גרעסטע געלעהרזאמקייט מיט דיא גרעסטע מאכט און רייכטהום, האָט ער אָנגעפאנגען צוזאמענצושטעלען אין אָרדנונג אלע ערקלערונגען און דינים וואס דיא ישיבות פון בבל האָבען אויפגעטהאָן אין דער צייט וואס זיי האָבען שטודירט דיא משנה מיט דיא ברייתות. אין דיזע גרויסע און וואונדערבארע זאמלונג פון אלעם וואָס דער אידישער גייסט האט אויפגעטהאָן אין פערלויף פון איינינע הונדערט יאָהר, זיינען אויך אריינגענומען געוואָרען פערשיעדענע דרשות איבער פּסוקים, וויטצען, שפּריךּ ווערטער, משלים, מעשות, חכמה און מוסר, רפואות און סגולות און אַלעס איז דורכגעוועבט געוואָרען אין דיא וכוחים וועגען דינים, איבערגעהענדיג פון יעדער געגענשטאַנד צו איינעם וואס איז עהנליךּ צו איהם כדי מען זאָל עס קענען לייכטער געדענקען. אזוי איז געשאפען געוואָרען דער תלמוד בבלי, דיא וויכטיגסטע ליטערארישע ווערק פון אידישען פאָלק, וועלכע האט געהאט א געוואלטיגען איינפלוס אויף דעם אידישען גייסט און אויף דיא אויסבילדונג פון אידישען כאראקטער. רב אשי האט געלייגט דעם פונדאמענט פון תלמוד, אבער ערשט זיינע נאכפאָלגער, בעזאָנדערס רבינא, האָבען איהם פאָלשטענדיג געמאכט. שפּעטערע ראשי ישיבה פון בבל, וועלכע זיינען גערופען געוואָרען רבנן סבוראי האבען אויך עטוואס צוגעגעבען צום תלמוד, אבער בכלל האבען מיר איהם יעצט וויא ער איז ארויס פון דיא הענד פון דיא לעצטע אמוראים.

עס איז אויךּ שוין געווען דיא העכסטע צייט צו בריינגען אין א זיכערע אָרדנונג דעם גייסטיגען אייגענטהום פון פאָלק ישראל. דער פּערזישער קעניג יזדגרד דער ערשטער איז געווען דער פריינד און בעשיצער פון רב אשי, און אידען הא־

בען דאָן אין בבל געלעבט אין פריעדען. רב אשי איז געשטאָרבען אין יאָהר 427, נאכדעם וויא ער איז געוועזן ריש מתיבתא אונגעפעהר 60 יאָהר. זיין קעניגליכער פריינד יזדגרד איז געשטאָרבען מיט זיבען יאָהר פריהער און אונטער דיא שפּעטערע קעניגע, בעזאָנדערס אונטער יזדגרד דעם דריטען וועלכער האט רעגיערט פון 440 ביז 457 האָבען זיך אָנגעפאנגען אין בבל אמתע פערפאָלגונגען געגען אידען און גע־נען אידישע רעליגיאָן. דיא מאגיער אָדער פייער־דיענער זיינען געוואָרען מעכטיג און האבען וויא אלע מעכטיגע גייסטליכע אנגעפאנגען צו פערפאָלגען אנדערע רעליגיאָ־נען. צום ערשטען מאָל איז אידען אין בבל פארבאָטען געוואָרען צו האלטען שבת. אונטער פירוץ, דעם נאכפאָלגער פון יזדגרד זיינען דיא אידישע צרות נאך גרעסער געוואָרען. עס איז געמאכט געוואָרען א בלבול אויף דיא אידישע פאָרשטעהער אז זיי זיינען שולדיג אין דיא ערמאָרדונג פון צוויי פריעסטער פון דיא מאגיער אין דיא פערזישע שטאָדט איספּאהאן, און דער ריש גלותא פון יענער צייט, הונא מרי, דער געלעהרטער אמימר בר מר ינקא און נאך א וויכטיגער איד מיט דעם נאמען משרשיא בר פקוד זיינען אריינגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגנים. אלע דריי זיינען ש׳עטער (אין יאָהר 469 און 470) געהאנגען געוואָרען, און דיא אידען פון בבל האָבען זיך געפיהלט זעהר ערניעדריגט און געקריינקט צו זעהן זייער פירסט וועלכער האָט אָגעשטאמט פון מלכות בית דוד, הינגעריכטעט וויא א פשוטער פערברעכער.

דיא שווערע פערפאָלגונגען האָבען, וויא געוועהנליך, געטריבען פיעלע אידען צום אויסוואנדערן פון בבל. גרויסע מאסען זיינען אוועק אין דרום זייט נאך אראַ־ביען און דאָרט געגרינדעט אידישע געמיינדען וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרען זעהר וויכטיג. אנדערע האָבען זיך פארנומען אין מזרח זייט, און זיינען אוועק נאך אינדיען, וואו עס זיינען וואהרשיינליך ביז יענער צייט ניט געוועזן קיין אידען. אין יאהר 490 איז א געוויסער יוסף ראבאן פון בבל אָנגעקומען מיט פיעלע אידישע פאמיליען אין דיא אינדישע מדינה מאלאבאר, און איז פון דעם דאָרטיגען הערשער, דעם בראהמינישען קעניג עראוו, פון קראנגאנאר, זעהר פיין אויפגענומען געוואָרען. ראבאן האט געקריגען דעם טיטעל פירסט פון דיא אידישע קאָלאָניע אין מאלאבאר וואס ער האָט געגרינדעט, און האָט געקריגען דיא ערלויבנים צו רייטען אויף איין עלעפאנט, איין אויסצייכנונג וואס האט געהערט נור צו אינדישע פירסטען. דיא אידישע קאָלאָניעס אין אינדיען האָבען אויפגעבליהט און האָבען עקזיסטירט מעה־רערע יאהרהונדערטע אונטער אידישע פירסטען, און יוסף ראבאן האט געהאט 72 נאכפאלגער וועלכע האבען רעגיערט איבער דיא דאָרטיגע אידען איינע נאך דיא אנדערע אלס יורשים פון זיין מאכט, זיין טיטעל און זיינע אויסצייכנונגען.

פינפטער קאפיטעל.

ענדע פון דיא נשיאות. אונטערגאנג פון רוים.

דיא אידען פון ארץ ישראל האָבען אין יענע צייטען נאָך ניט אין גאנצען פערלאָרען דעם מיליטערישען גייסט, און זיך ניט צוריקגעשראָקען פון שטעלען זיך מיט דעם שווערד אין האנד ווען דיא אונטערדריקונגען זיינען געוואָרען צו שווער צו דערטראָגען. אָבער דיא פאָרשטעהער האבען געזעהן ווייטער און האבען געוואוסט דאס ניט מיט מאכט זאָנדערן מיט דעם פעסט־האלטען אן רעליגיאָן קען דאס אי־דישע פאָלק געראַטעט ווערען פון אונטערגאנג אין יענע פינסטערע צייטען. דער בלוטיגער אויפשטאנד אין צפורי און טבריא אין דער צייט פון קייזער קאָנסטאנטיוס, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט דעם חורבן פון דיעזעביידע שטעדט אין יאָהר 352 וויא עס איז פריהער דערמאָנט געוואָרען, האט אויך פעראורזאכט א וויכטיגע ענדערונג אין אידישען רעליגיעזען לעבען און אין דיא בעציהונגען צווישען דיא אידען פון ארץ ישראל און פון חוץ לארץ. בבל איז יעצט געווען אלס א אידישער מיטעל־פונקט פיעל וויכטיגער פון ארץ ישראל, אָבער זיא האָט נאָך אימער געמוזט צו איהר אָנקומען וועגען דעם חשבון פון כוח. דיא שלוחים פון נשיא פלעגען קומען אנזאָגען אויב דאס נעכסטע יאָהר זאָל זיין פשוטה אדער מעוברת און אויב געוויסע חדשים זאלען זיין מלא אדער חסר. אָבער דיא שטרענגע געזעצע געגען דיא אידישע רעליגיאָן וועלכע קאנסטאנטיוס האט איינגעפיהרט נאָך דעם אויפשטאנד, האָבען געמאכט דיעזע שליחות פאר א געפעהרליכע אונטערנעהמונג. דיא מעלדונג פון איין עיבור השנה האט געמוזט געמאכט ווערען אין א פארשטעלטע שפראך, און מיר געפינען אין תלמוד א קורצען בעריכט וויא אזוי א פאָאר שלוחים פון טבריא זיינען קוים מיט'ן לעבען אָנגעקומען אין בבל אבגעגעבען דיא וויכטיגע נאכריכט אין ווערטער וואס נור תלמידי חכמים האבען געקענט פערשטעהן (סנהדרין י"ב). דיעזעס האט לאנג ניט געקענט אָנהאלטען, און דער דאמאָליגער נשיא האט איינגעזעהן דאס עס וועט מוזען אין קורצען קומען א צייט ווען דיא אידען פון בבל וועלען ניט קענען קריגען דעם חשבון רעגעלמעסיג און מוזען מאכען זייער אייגענעם חשבון, און

זיך דערמיט אפטהיילען פון דיא אידען פון ארץ ישראל אין דיא צייט פון ימים טובים און תעניתים. ער האט דארום בעשלאסען צו פערעפענטליכען פאר דער גאנצער וועלט דעם חשבון פון אידישען לוח, אז געלעהרטע אידען פון יעדען לאנד זאלען קענען אויסרעכענען דיא צייט פאר זיך און עס זאל שטימען אומעדום דיא זעלבע אהן דיא הילפע פון נשיא און אהן זיינע שלוחים.

דער נאמען פון דעם נשיא וואס האט צוליעב טובת הכלל אפגעשוואכט דעם איינפלוס פון זיין הויכען אמט איז געווען הלל II. ער איז געווען דער צעהנטער דור פון דעם ערשטען הלל אדער הלל הזקן, און האט געלעבט כמעט 400 יאהר נאך איהם. דער חשבון פון קביעא דירהא וואס ער האט פערעפענטליכט אונגעפעהר אין יאהר 350 איז דער זעלבער חשבון וואס מיר געברויכען ביז היינטיגען טאג. אלעס איז אין דיעזען קביעא דירחא אזוי ריכטיג אויסגערעכענט געווארען, דאס אין דיא 1550 יאהר וואס זיינען אוועק זייט דאמאלס איז נישט נייטיג געווען קיין איינ־ציגע בעריכטיגונג. דאס איז נאך מעהר צו בעוואונדערן ווען מען דערמאנט זיך דאס אין דעם יוליאנישען אדער דעם קאלענדאר פון דיא אייראפייאישע פעלקער האט זיך ארויסגעוויזען א טעות פון באלד א טאג אין הונדערט יאהר. דער חשבון פון אידישען לוח איז שוין געווען פון פריהער אויסגעארבייטעט געווארען פון שמואל ירחינאה און נאכהער פון רב אדא בר אהבה, אבער אפילו דיא וועלכע האבען עס געקענט אויסרעכענען האבען עס אויך ניט געקענט בריינגען אין געברויך אהן דיא צושטימונג פון נשיא דאס הייסט אהן זיין אפיציעלע ערקלערונג. יעצט אבער איז דער חשבון געווארען דיא אייגענטהום פון גאנצען אידישען פאלק און יעדערער וואס לערנט זיך דאס אויס קען אויסרעכענען אויף הונדערטע יאהרען פאראויס וויא דער לוח וועט צוזאמענגעשטעלט ווערען.

נור איין זאך האט הלל געפאדערט פון דיא אידען אין חוץ לארץ ווען ער האט זיי אבגעגעבען זיין מאכט און איינפלוס וואס איז געווען פארבונדען מיט דעם סוד העיבור, און דאס איז געווען אז זיי זאלען ניט אויפהערען צו האלטען דעם יום טוב שני של גליות וואס מען פלעגט פריהער האלטען פון ספק וועגען ווען מען האט ניט געוואוסט וויא דער נשיא האט בעשטימט וועגען דיא צאהל טעג וואס דער חודש זאל האבען. דיא אידען אין בבל און אלכסנדריא צו וועמען ער האט זיך שפעציעל געווענדעט מיט דיא בקשה, וויא אויך אלע אידען פון חוץ לארץ האבען איהם גערן געפאלגט, און אבגלייך עס איז איצט ניטא מעהר קיין ספק ווען עס דארף פאלען יום טוב, היטען דאך אלע פרומע אידען ביידע טעג יום טוב וויא פריהער.

אין דיא צייט פון דיעזען הלל איז אויף א קורצע צייט אויפגעגאנגען דיא זון פון האפנונג פאר אידען אונטער דיא רעגיערונג פון קייזער יוליאן, וועלכער האט אין א בריעף צום נשיא איהם אָנגערופען מיין ברודער, וויא עס איז דערמאָנט געוואָרען אין פאָרלעצטען קאפיטעל. אונטער יוליאן'ס נאכפאלגער, דעם פרומען קריסטען יאָוויאן האָבען זיך דיא פערפאָלגונגען צוריק אָנגעהויבען און דיא לאגע פון דיא אידען איז געוואָרען וואָס וויטער ערגער, היידענטהום אָדער געטצענדיענסט איז אין דיא נעכסטע איינינע דורות אין גאנצען אונטערדריקט געוואָרען און פער־שוואונדען, און דיא קריסטליכע קירכע, וועלכע האט געהערשט איבערן פאָלק און אָפט אויך איבערן קייזערליכען הויף, האט געטהאָן אלעס וואָס זיא האט געקענט צו מאכען דיא אידען פאר א ניעדריגען, פעראכטעטען טהייל פון דער בעפעלקערונג.

טהעאדאזיוס דער גרויסער, וועלכער האט רעגיערט פון יאָהר 379 ביז 395 איז געווען דער לעצטער וועלכער האט געהעררשט איבער דיא גאנצע מלוכה פון רוים. ער איז ניט געווען שלעכט צו אידען און האט צוגעגעבען אז דער נשיא האט דאס רעכט מחרים צו זיין דיא אידען וואָס זיינען געוואָרען קריסטען. אָבער זיינע געזעצע און בעשטימונגען ווייזען וויא טרויעריג דיא אידישע לאגע איז שוין דאמאלס געווען. ער האט פארבאָטען צו פארברענען אידישע שולען, אָדער צו צושטערען אידישעס אייגענטהום, און עס ווייזט אויס פון דיא דאָקומענטען אז דער פערבאָט איז ניט אימער אָפּגעהיט געוואָרען. ווען טהעאָדאזיוס איז געשטאָרבען איז רוים אויף אימער צוטהיילט געוואָרען אין צוויי קייזערטהימער. זיין זאָהן ארקאדיוס איז געוואָרען קייזער פון דיא איסט רוימישע העלפט אדער ביצאנטישע, מיט קאָנסטאנ־טינאָפּאָל אלס דיא הויפט שטאָדט. ער האט רעגיערט פון 395 ביז 408 אבער ער איז געווען קייזער מעהר ניט וויא לפנים. דיא אמתע רעגיערער זיינען געווען זיינע צוויי בעאַמטע רופינוס און אויטראָפּיוס. דיא האָפנונג אויף פרייהייט און בירגער רעכט איז שוין דאמאלס געווען אויפגעגעבען, און דיא אידען האָבען זיך בעגוגענט צו קויפען טובות און זיכערהייט פון דיא געלד־גייציגע בעאַמטע.

אונטער האנאָריוס, דעם צווייטען זאָהן פון טהעאָדאזיוס, וועלכער איז געוואָ־רען קייזער פון דיא וועסטליכע העלפט, מיט רוים אלס דיא הויפטשטאָדט און רע־גיערט 395 — 423, איז עס אידען געגאנגען נאָך ערגער. ער האט אויסגעשלאָסען אידען און שמרונים פון דיא רוימישע אַרמעע און האָט אויך פארבאָטען צו זאמלען דאס געלד פאר דעם נשיא פון ארץ ישראל, ווייל דאס געלד איז אוועק אין א לאנד וואָס האט געהערט צו זיין ברודער. פון אנדערן זייט האט ער בעפרייט אידען פון מוזען קומען פאר געריכט שבת און יום טוב, און האט שפּעטער אויף צוריק ער־

לויבט דיא שלוחים פון נשיא צו קלייבען דאס געלד וואס אידען האבען אימער פרייווילינ געגעבען צו ערהאלטען דיא ווירדע פון דיא אפגעשוואכטע נשיאות.

פון הלל'ס נאכפאלגער גמליאל אין יאהר 370 און זיין זאהן יהודה IV ווייס מען מעהר ניט וויא דיא נעמען, און עס שיינט דאס זיי זיינען געווען זעהר אונבעדייטענד. דער נעכסטער נשיא איז געווען גמליאל בתראה (דער לעצטער) וועלכער איז געווען שטארק געאכטעט ביים קייזער טהעאדאזיוס II פון קאנסטאנטינאפאל, און האט פון איהם געקריגען הויכע טיטולען. מען גלויבט אבער דאס טהעאדאזיוס האט דעם נשיא געהאלטען טהייער ניט אלס דעם פארשטעהער פון אידען, זאנדערן וייל ער איז געווען א בעריהמטער דאקטאר, און ער האט איהם מיט אמאל גרויס געמאכט און דאן צוריק קליין געמאכט וויא עס איז דיא פיהרונג פון טיראנישע הערשער מיט זייערע האף־לייטע. ווען גמליאל איז געשטארבען אהן קינדער אין יאהר 425 האט זיך דיא נשיאות מיט איהם געענדיגט, און דער לעצטער אנדענקען פון אידישע הערשאפט אין ארץ ישראל איז פערשוואונדען. דיא נשיאים פון דיא פאמיליע פון הלל הזקן האבען צוזאמען רעגיערט איבער 400 יאהר אבער צום סוף איז דיא נשיאות אזוי פארדונקעלט געווארען אז איהר אונטערגאנג האט געמאכט א גאנץ קליינעם איינדרוק. דיא שלוחים האבען ווייטער אזוי וויא פריהער געזאמעלט דיא יעהרליכע איינגאהמען און עס בענוצט אויסצוהאלטען דיא דיא שולען אדער אנדערע אנשטאלטען אין ארץ ישראל, ביז א שפעטערער טיראן האט, אזוי וויא טיטוס, אוועקגערויבט דיזע איינגאמע וואס אידען האבען געצאהלט מיט'ן פרייען ווילען, און האט דאס פערוואנדעלט אין א געצוואונגענע אבגאבע פאר א פיינדליכע רעגיערונג.

מען קען זאגען אז מיט דעם אויבען־דערמאנטען קייזער טהעאדאזיוס דעם צווייטען, וועלכער האט רעגיערט פון 408 ביז 450 הויבט זיך אן דאס מיטעל אלטער, אדער צייט פון פינסטערניס און אונטערדריקונג פאר דיא אידען פון ביצאנט אדער איסט רוים. אונטער דיזען קייזער איז אידען פארבאטען געווארען צו בויען נייע שולען, צו האבען קריסטליכע שקלאפען און צו זיין ריכטער צווישען אידען מיט קריסטען. דער „הייליגער" קריסאסטאם, בישאף פון אנטיוכיא אין סיריען, און דער „הייליגער" קיריל בישאף פון אלכסנדריא אין עגיפטען זיינען געוועזען דיא ערגסטע שונאי ישראל אין דיזער צייט. אין דעם לעצטען פלאץ האט דער בישאף אזוי אויפגעהעצט דיא פאנאטישע מאסען געגען אידען דאס עס איז דארט אין יאהר 415 פארגעקומען א וואהרער פאגראם, דער אידישער קווארטאל איז בערויבט געווארען, און דיא איינוואוינער זיינען געשלאגען געווארען אהן רחמנות. דער גאווערנאר

ארעסטעס איז געווען צו שוואך צו ערהאלטען ארדנונג. און ווען א קלאגע געגען דיא העצערייען איז געבראכט געווארען נאך קאנסטאנטינאפאל, האט דער בישאף אויסגעפיהרט געגען גאווערנער. קריסאסטאם פון אנטיוכיא וועלכער איז געווען א פעהיגער רעדנער, האט שטענדיג גערעדט געגען אידען און אויפגעוועקט דיא אונ־וויסענדע בעפעלקערונג געגען זיי. מען קען אבער אויך פון זיינע רעדען אפלערנען אז דיא קריסטען האבען נאך דאמאלס געוואוסט אז דיא הויפט קוועלע פון זייער רעליגיאן איז דיא אידישע. ער שטורמט געגען דעם וואס קריסטען זיינען שטענדי־גע בעזוכער אין דיא אידישע שולען שבת און יום טוב. בעזאנדערס ראש השנה און יום כפור, וואו זיי ווערען שטארק בעאיינפלוסט פון אידישען גאטעס דיענסט. דיא דאמאליגע שטרענגע געזעצע געגען גרים ווייזען אויך דאס אידישקייט וואלט צו זיך צוגעצויגען פיעלע אנהענגער פון אנדערע פעלקער ווען דיא קריסטליכע קירכע וואלט ניט בענוצט דיא שטארקע מאכט פון דער רעגירונג דאס צו פארוועהרען.

פאר דיא אידען פון דיא וועסטליכע העלפט פון דאס אמאליגע רוימישע קייזער־רייך האבען דיא פערפאלגונגען און אויסנאהמס געזעצע געהאט נאך ערגערע פאל־גען. דאס גאנצע לאנד האט אין יענע צייט געהאלטען אין איבערגעהן אין נייע הענד. דיא בארבארישע פעלקער וועלכע האבען שוין זייט א פאאר הונדערט יאהר אנגעפאנגען צו פארפלייצען אייראפא, זיינען אין פינפטען יאהרהונדערט געווארען אזוי שטארק דאס רוים האט זיי אנגעפאנגען צו צאהלען גרויסען סומען געלד און שפעטער אויך צו געבען פראווינצען וואו זייא זאלען זיך בעזעצען אונטער אייגענע רעגיערונגען. פריהער האבען דיא בארבארען זיך געפרעהט צו דיענען אין דיא רוימישע ארמעען, און עס געהאלטען פאר א גליק ווען איינער פון זיי איז גע־ווארען א רוימישער גענעראל אדער א הויכער בעאממער. אבער שפעטער האבען זיי ביסלאכוויז אנגעהויבען צו ווערין דיא בעלי בתים, און דיא אייראפייאישע פרא־ווינצען פון רוים, זיינען אריין אין דיא הענד פון דיא אלעמאנען, סועווען, פראנקען, גאטהען און דיא אנדערע האלב ווילדע עלטערן פון דיא יעצטיגע אייראפייאישע נאציאנען. דיעזע בארבארען זיינען פון אנפאנג געווען געטצענדיענער, אבער ביסלאכ־וויז האבען זיי אנגענומען דיא קריסטליכע רעליגיאן און אויך דיא זיטטען און דיא געזעטצע פון רוים. זיי האבען בעזונט דיא ציוויליזאציאן פון רוים, דאך האבען זיי פאר איהר געהאט גרויס רעספעקט, און ווען זיי וואלטען געקומען אין דיא צייטען פון דיא בעסערע געצענדינער־קיסרים, ווען אידען האבען געהאט גלייכע רעכטע מיט רוימער וואלט דיא גלייכע רעכטע אויך געבליבען אויף ווייטער. אבער דיא קריסטליכע

קיסרים זיינען אזוי ווייט אוועק אין זייער פיינדשאפט צו אידען, דאס דיא נייע בעלי בתים פון אייראָפּא האבען זיי שוין געפונען אלס איין אונטערדריקטע און אפּגעזונדערטע טהייל פון דער בעפעלקערונג. אלס נייע געווארענע קריסטען האבען דיא באַרבאַרען לייכט איבערגענומען פון דיא רוימער דעם פּאַראורטהייל געגען דיא אידען און דיא ענדערונג האט דיא אידישע לאגע געמאכט נאָך ערגער.

אין דיעזע שטירמישע צייטען האט זיך דיא געזעלשאפטליכע לאגע פון דיא אידען און זייערע בעשעפטיגונגען אויך כמעט אין גאנצען געענדערט. אויסער וואס זיי זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון מיליטערדיענסט און פון עפענטליכע עמטער, האבען זיי אויך מיט דער צייט אויפגעהערט צו זיין ערדארבייטער און זיך מעהר אריין געקליבען אין דיא שטעדט און געוואָרען געשעפטס לייט. אין יענע צייטען איז קריעגפיהרונג געווען פּיעל באַרבאַרישער וויא איצטער און רויבעריי איז געווען א געוועהנליכע זאך אין דער צייט פון מלחמה. דיא בעוואוינער פון לאנד זיינען בערויבט געוואָרען פון דיא אייגענע סאָלדאטען פון לאנד כמעט דאס זעלבע אזוי וויא פון פיינדליכע סאָלדאטען. דער אידישער פארמער, נעגען וועמען עס האבען שוין עקזיסטירט אויסנאהמסגעזעצע און פּאַראורטהיילע פון אלע זייטען, איז נאַטירליך געווען אימממער דאס ערשטע אָפּפער פון רויב און מאָרד. אידען האבען אויסגעפונ:ן אז דיא איינציגע זיכערהייט ליעגט אין זייער פעהיגקייט זיך אויסצוקויפען פון צרות. קונסט און דיא איידעלע מלאכות זיינען דאמאָלס כמעט אין גאנצען אונטער געגאנגען, און דיא איינציגע בעשעפטיגונג וואס איז פאר אידען איבער געבליעבען איז געווען דער האנדעל. דער האנדעל האט זיי ניט נור געגעבען דיא מעגליכקייט צו צאָהלען פאר זייער זיכערהייט און פאר זייער לעבען מיט דיא מזומן וואס דער סוחר האט אָפטער אין האנד וויא דער פארמער, זאָנדערן האט זיי אויך לייכטער געמאכט זיך איבער צו קלייבען פון איין אָרט צום אנדערן אין דיא געפעהרליכע צייטען ווען דיא בעזיעגער האבען פארברענט שטעדט און בערויבט און געמאָרדעט דיא איינוואוינער. דיא בעזיעגטע איינוואוי־נער וועלכע דער פיינד האט ניט ערמאָרדעט זיינען געוועהנליך פארקויפט געוואָרען אין שקלאפעריי, און דער שקלאפען האנדעל, איינער פון דיא וויכטיגע טהיילען פון מסחר אין יענע צייטען איז אויך אריין אין אידישע הענד. מען קען דאס זעהן פון דיא זעהר פיעלע געזעצע וואס זיינען דאמאָלס ארויסגעגעבען געוואָרען וועגען דעם שקלאפען האנדעל אונטער אידען. אזוי איז דאס געקומען אז ווען דער לעצטער קייזער פון רוים, ראמולוס אויגוסטולוס, האט אין יאהר 476 פארלאָרען זיין טהראָן און אויף זיין פּלאץ איז געוואָרען א באַרבאַרישער קעניג פון איטאליען,

זיינען דיא אידען ניט מעהר געווען וויא פריהער א פאָלק פון פארמערס און לומדים, זאָנדערן א קלאַס פון פארפאלגטע ארומוואנדערנדע סוחרים, געוואהנט מיט צרות און פערטיג פאר אלעס צו צאָהלען. מיט דעם אונטערגאנג פון וועסט רוים פאנגט זיך אָן דער פינסטערער מיטעל אלטער פאר גאנץ אייראָפּא, וועלכער איז פאר קיינעם ניט געווען אזוי פינסטער וויא פאר דיא אונגליקליכע פארפאָלגטע אידען.

זעקסטער קאפיטעל.

דיא שמרונים. איסט רוים און פערזיען.

איירָאפּא איז אין אָנהויב פון מיטעל אלטער געווען אין איין ערגערע לאגע וויא אין דיא פריהעריגע צייטען. דיא גריכישע און רוימישע ציוויליזאציאָן איז כמעט אין גאנצען פערניכטעט געוואָרען פון דיא באַרבאַרען וואס האבען איינגענומען רוים, און דאס ביסעלע וואס איז געבליעבען איז פארמישט געוואָרען מיט אלטע באַרבאַרישע געזעצע און מיט פאנאטישע קריסטליכע פיהרונגען. עס האָבען זיך דאָמאָלס אָנגעפאנגען אויסצוארבייטען נייע פעלקער און א נייע ציוויליזאציאָן וועלכע האט ערשט אָנגעהויבען צו ברייגנען פרוכט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער. דערווייל האט געהערשט גרויסע אונאָרדנונג און אונזיכערהייט און עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע בלוט פערגיסונגען צווישען פעלקער און צווישען רעליגיעזע סעקטען אונטער דיא איינוואוינער פון יעדעס לאנד. קריעג און קריסטענטהום זיינען געווען דיא איינציגע בעשעפטיגונגען און דער פארפאָלגטער איד האט געמוזט אנשטרענגען אלע זיינע פעהיגקייטען נים צו פאלען איין אָפּפער פון שווערד אדער פון קירכע. אין אזעלכע צייטען קען ביי פריעדליכע מענשען וויא אידען אין איירָאפּא זיינען שוין דאן געוואָרען, פּאָרקומען זעהר ווענינ וויכטיגע פּאסירונגען וואס זאָלען האבען איין איינפלוס אויף דיא אלגעמיינע אידישע געשיכטע. א ווײלע איז געווען דאָ בעסער און דאָרטען ערגער; מיט עטליכע יאָהר שפּעטער איז א טהראָן געפאלען, א דינאסטיע אראָפּגעוואָרפען געוואָרן אדער א פלאץ איבערגעגאנגען פון איין הערשער צום אנדערן און עס האט זיך ווייטער געענדערט דיא לאגע פון א טהייל פון דיא אידען. אבער דיא ענדערונג איז געווען נים אויף לאנג. דיא אלגעמיינע שלעכטע לאגע פון דיא אידען אין איירָאפּא איז געווען וויא פריהער. אלע אידען האבען געליטען צרות.

עס זיינען דאן אין דיא בעקאנטע וועלט געבליעבען נור צווי גרויסע מלוכות וואס האבען געהאט א געוויסע שטענדיגקייט און געזעצטע פּאָליטיק, און נור אין זייערע לענדער קען מען פאר יענע צייטען געפינען מאטעריאל פאר דיא געשיכטע

פון דיא אידען. דיא ערשטע איז געווען דיא איסט רוימישע אדער ביצאנטישע מלוכה, אין קאָנסטאנטינאָפּאל, וועלכע האט עקזיסטירט אונגעפעהר טויזענד יאָהר נאכדעם וויא דיא וועסט רוימישע הערשאפט איז געפאלען. דיא צווייטע איז געווען דיא פערזישע מלוכה וועלכע איז צוריק שטארק געוואָרען און האט פאר א צייט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אלס דיא מאכט פאר וועלכע אפילו דיא קריסט־ליכע קיסרים פון קאָנסטאנטינאָפּאל האבען געציטערט.

דיא מלוכה פון קאָנסטאנטינאָפּאל איז יעצט געווען אזוי פארשידען פון דיא רוימישע רעגירונג פון וועלכע זיא האט אָפּגעשטאמט, וויא טאָג פון נאכט. עס האט זיך דאָרט ענטוויקעלט א ריכטיגע אזיאטישע דעספּאָטיע מיט דעם לוקסוס פון אזיאטישע רעגיערונגען און מיט שטרענגקייט געגען קעטצער (אפּיקורסים, דיא וועלכע גלויבען נים אין דיא לאַנדעס רעליגיאָן אדער קריסטענטהום) וואס איז אויך געווען גאנץ פרעמד צו דעם גייסט פון גערעכטיגקייט וואס האט געהערשט אין דיא פארצייטיגע רוים. עס פארשטעהט זיך אז דיא ניט־גלויביגע וואס זיינען אם ערגסטען פארפאָלגט געוואָרן זיינען געווען דיא אידען, אבער פאר א געוויסע צייט אין יענער פעריאָדע האבען זיי געהאט חברים אין זייער אונגליקליכע לאגע. — דיא שמרונים, דיא אלטע שונאים פון דיא אידען אין ארץ ישראל, האבען געליטען גלייך מיט זיי, און מאנכעס מאָל נאָך מעהר וויא זיי.

דיא שמרונים האבען זיך פון אימער אָן געהאלטען ארום זייער הייליגען בארג, דעם הר גריזים, און האבען בעוואוינט דיא שטאָדט שכם וועלכע האט יעצט געהייסען נאפּלוס, וועלכע זיי האבען בעטראכטעט אלס זייער ירושלים. זייער טעמפּעל פון הר גריזים איז חרוב געוואָרען באלד נאָך אונזער צווייטען בית המקדש, אבער זיי האבען נאָך אימער געהאלטען דעם שפּיץ בארג פאר הייליג און זיך אהין געווענדעט מיט זייערע תפלות. דיא קריסטליכע קירכע וועלכע האט געזוכט אלעס צו פארשלינגען, האט ניט געקענט פארטראָגען אז אנדערע זאָלען האבען א הייליגען אָרט, און דיא בישאפס האבען געזוכט א וועג אוועקצושטעלען א קירך אויפ'ן הר גריזים אזוי וויא קאָנסטאנטין האט אוועקגעשטעלט איינע אויפען הר הבית. עס האט זיך באלד געפונען א תירוץ. איבער איין אורזאכע וועלכע איז ניט בעקאנט האבען דיא שמרונים אין יאָהר 493 אָנגעגריפען דיא קריסטליכע קירכע אין נאפּלוס און פארוואונדעט דעם דאָרטיגען בישאָף. ער איז אוועק נאָך קאָנ־סטאנטינאָפּאל אין קייזער צענאָ האט פאריאָגט דיא שומרונים פון בארג גריזים און דאָרט אויפגעבוי'ט א קליינע קירך צו בעפריעדיגען דיא גייסטליכע פון יענעם געגענד.

אבער דיא שמרונים האבען זיך אויך ניט לייכט אונטערגעגעבען. אין דער

צייט פון קייזער יוסטיניאן איז אונטער זיי אויפגעשטאַנען א פיהרער מיט דעם נאמען יוליאן וועלכער האט זיך עקלעהרט אלס שמרונישער קעניג און האט אָנגע־קליעבען א ציעמליך שטארקע ארמעע. אין יאָהר 530 האט ער איינגענומען שכם און אויסגעהר"נ'עט פיעלע קריסטען און פאַרוויסטעט דיא געגענד. יוסטיניאַן האט שפּעטער געשיקט איין אַרמיע און האט דעם אויפשטאַנד אונטערדריקט מיט פיעל בלוטפערגיסונג. ווען אָרדנונג איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען האבען זיך אָנגעהויבען דיא געוועהנליכע פערפאָלגונגען, און דאן האבען דיא שמרונים בעוויע־זען אז זיי פעהלט די פעסטקייט און דיא איבערגעבונג צום אלטען רעליגיאָן וועל־כע האבען געמאַכט דיא אידען צום וואונדער פון דער וועלט.

ארזעניוס, איינער פון זייערע הויפּטפיהרער איז אוועק נאָך קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל בעטען דעם קייזער ער זאָל לייכטער מאַכען דיא גזירות וואס ער האט געגען זיי ארויסגעגעבען. ער האט ניט פיעל אויסגעווירקט, אבער איהם אליין האט מען גאַנץ פיין אויפגענומען און בעוויזען פיעל עהרע. אזוי וויא יוסטיניאן האט אונטער אַנדערע גזירות אויך ארויסגעגעבען א געזעץ אז שמרונים קענען נישט איבערלאָזען קיין זאַך בירושה צו זייערע קינדער, האט ארזעניוס זיך בערעכענט אז דאס גלייכס־טע פאר איהם איז צו ווערען א קריסט, און דיא קירכע האט איהם אויפגעהאַפּט בשמחה רבה. דער גרעסטער טהייל פון דיא שמרונים האבען געטהאָן דיא זעלבע און נור א קליינער טהייל זיינען געבליבען טריי צו זייער אלטען גלויבען. מיט 25 יאָהר שפּעטער אין 555 איז פאָרגעקומען אין דער שטאָדט קיסריא אין ארץ ישראל איין אויפשטאַנד פון אידען און שמרונים, וועלכע איז אונטערדריקט געוואָרען פון יוסטיניאן מיט פיעל בלוטפערגיסונג. דאס איז דעם לעצטען מאָל וואָס דיא שמרונים שפּיעלען עטוואס א ראָליע און דער געשיכטע. זיי זיינען זייט דאן געבליבען אזוי ווענינ און אונבעדייטענד דאס קיינער האט זיך וועגען זיי מעהר ניט געקימערט. דיא מייסטע פון זיי זיינען געווען געלד ווערקסלער, אבער עס שיינט אז דיעזער געשעפט איז מיט דער צייט אריין אין אידישע הענד און דיא צאָהל פון דיא שמרונים איז אימער קלענער געוואָרען, דיא עטליכע איבערגעבליבענע האַ־בען זיך מיט דער צייט צוריק באַזעצט ארום הר גריזים און געלעבט אָפּגעזונדערט אונטער דיא פערשיעדענע רעגיערונגען וואס האבען בעהערשט ארץ ישראל פון צייט צו צייט. זייער שוואַכקייט און ווענינקייט איז געווען דיא אורזאַכע פון זייער זיכערהייט, און זיי האבען געלעבט, אבער זיך ניט פארמעהרט, פון דאמאָלס ביז היינטיגען טאָג. עס געפינען זיך נאָך יעצט אין דיא נאַכבארשאַפט פון גריזים עטליכע צעהנדליג פאַמיליען פון יענע שמרונים, און דיעזע הייפעלע ווערט בעטראַכ־

טעט וויא א קוריאָזיטעט צווישען דיא פעלקער פון דער וועלט, וויא א פארשטיינערטע פיש וואס ווערט אמאָל געפונען טיעף אין דער ערד און אינטערעסירט נור דעם וויסענשאפטליכען פאָרשער, אבער האט קיין בעדייטונג פאר דעם פראקטישען לעבען און קיין איינפלוס אויף דיא לעבעדיגע פראגען מיט וועלכע דיא יעצטיגע וועלט בעשעפטיגט זיך.

יוסטיניאן און זיינע גייסטליכע העלפער האבען געמיינט אז פערפאָלגונגען וועלען אויף אידען אויך האבען דיא זעלבע ווירקונג וויא אויף דיא שמרונים און זיי איבערברייגנען צו דיא קריסטליכע קירכע, אבער ער האט זיך אין דעם שטארק גענארט. אידען האבען געליטען וויא ווייט זיי האבען געקענט, אבער נור זעהר ווענינ זיינען אָפּגעפאלען פון זייער גלויבען. יוסטיניאן איז בעקאנט אלס דער גרויסער געזעצמאכער פון איסט רוימישען קייזעררייך, אבער זיינע געזעצע וועגען אידען צייגען פאנאטישע דומהייט און אויך אונוויסענהייט. אזוי האט ער למשל ארויסגעגעבען א געזעץ אז אידען טאָרען ניט מעהר קוילענען דעם קרבן פסח, ניט וויסענדיג אז דאס איז שוין געווען בטל זייט דעם חורבן מיט 460 יאָהר פריהער, ער האט אויך בעשטימט אז אידען טאָרען ניט האבען פסח פאר דעם קריסטליכע איסטער, און נאָך געזעצע וועגען רעליגיאָן וואס האט דיא אידען פעראורזאכט פיעל פערדרוס און אונבעקוועמליכקייטען, אבער ניט געהאט קיין אנדערע ווירקונג.

נור איינע פון יוסטיניאן׳ס געזעצע האט ווירקליך געשאדט דעם יודענטהום אין דיא לענדער וואס זיינען אונטער איהם געלעגען, און אין דעם האבען אידען אליין א ביסעל געהאט שולד. אָבגלייך דיא רעגיערונג פון קאָנסטאנטינאָפּאל האט זיך גערופען דיא רוימישע, איז דאָך גריכיש אין יענע לענדער געווען דיא וויכטיגס־טע שפראך, און עס איז אויך אונטער דיא אידען געווען א גריכישע פארטייי, וואהר־שיינליך פון דיא רייכסטע וואס האבען געוואָלט לעבען גוט מיט דער רעגיערונג. דיעזע פארטייי האט פאָרלאנגט אז מען זאָל אין דיא שולען לייענען א גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה כדי דיא מאסע זאָל עס פארשטעהן, אַנשטאָט דעם תרגום וואס מען האט יעצט פארשטאנען וועניגער וויא דיא אָריגינעללע לשון קודש. עס איז ענטשטאנדען מחלוקות אין איינינע געמיינדען און מען האט צום ענדע אפעלירט צום קייזער יוסטיניאן, וועלכער האט בענוצט דיא געלעגענהייט ארויסצוגעבען נייע געזעצע וועגען אידען. ער האָט בעשטימט אז גריכישע אדער לאטיינישע תרגומים זאָלען געלייענט ווערען אין אלע שולען. און מתרה געווען אז דיא וואס וועלען מחרים זיין דיא אידען וואס האלטען פאר גריכיש וועלען שווער בעשטראפט ווערען.

דיא אידען אין דיא לענדער וואס זיינען געלעגען אונטער יוסטיניאן און זיינע נאכפאלגער האבען אפילו ניט מעהר געהאט דעם מוטה זיך אליין צו שטעלען בע־וואפענט נעגען זייערע אונטערדריקער, און דיא קליינע אויפשטענדע וואס פלעגען אמאל פארקומען האבען ניט פיעל געהאט צו בעדייטען; אבער זיי זיינען דאך ניט געווען אזוי טיעף געזונקען וויא דיא אידען אין דיא אייראפייאישע לענדער וואס זיינען אריבער פון וועסט רוים צו דיא בארבארען, און דיא רעגיערונג וואס האט זיי אונטערדריקט איז אויך ניט געווען אזוי שטארק וויא אין אמאליגע צייטען. רוים האט געקענט שיקען לעגיאנען וואו זיא האט געדארפט צו אונטערדריקען אויפשטענ־דיגע אדער בעדריקען אונצופריעדענע. קאנסטאנטינאפאל איז אליין געווען שוואך און אפט ערליטען מפלות פון פיינדע, און עס איז קיין וואונדער דאס דיא אידען האבען אפט בענוצט דיא געלעגענהייט זיך מיט איהר אפצורעכענען פאר דיא פער־פאלגונגען וואס זיי האבען געליטען. אזוי צום בייספיעל האבען דיא אידען פון נע־אפעל, איטאליען, געהאלפען דיא דארטיגע אסט־גאטהען געגען יוסטיניאן׳ס גענעראל, בעליזאריוס, וועלכער האט איינגענומען איטאליען. אידען זיינען געווען א שטארקע און גרויסע קלאס פון דיא בעפעלקערונג, פארשפרייט אין אלע טהיילען פון קייזער־רייך און זייער אונצופריעדענהייט האט געבראכט פיעל צרות אויף זייערע אונטער־דריקער. אם מייסטען האבען דיא אידען געמאכט פיהלען זייער איינפלוס אין ארץ ישראל, סיריען און דיא אנדערע אזיאטישע פראווינצען. דיא צווייטע גרויסע רעגיע־רונג פון יענער צייט, דיא פערזישע, איז יעצט געווארען שטארק גענוג אנצוגרייפען רוים, און אבגלייך אידען האבען דארט אויך ניט געהאט צו גוט, זיינען דאך דיא פערפאלגונגען ניט געווען אזוי סיסטעמאטיש און ניט אזוי אהן אויפהער וויא אונ־טער דיא קריסטען. פערזיען האט דארום אימער געקענט האפען אויף דיא סימ־פאטהיע און דיא הילפע פון דיא אידען אין דיא לענדער פון איהר פיינד, און האט אפט דערפון אויך געמאכט געברויך.

* * *

דיא פערפאלגונגען פון אידען אונטער דיא פערזישע רעגיערונג וואס האבען זיך אנגעפאנגען קורץ נאך דעם טויט פון רב אשי, האבען זיך מייסטענס געענדיגט מיט דעם טויט פון דעם טיראן פירוז אדער פרוז אין יאהר 484. אונטער זיין זאהן באוואד אדער קאבאד האבען זיך דיא ישיבות צוריק געעפענט און דער ריש גלותא האט געפיהרט זיין שטאט וויא פריהער. דיא לעצטע אמוראים, רבינא פון סורא (געשטארבען 499) רב ייסא אין פומבדיתא (לערך 520) און רב אחאי בר הונא (506) און זייערע נאכפאלגער, דיא רבנן סבוראי האבען זיך מייסטענס בעשעפטיגט

מיט פערפאָלשטענדיגען דעם תלמוד און איהם בריינגען אין דעם צושטאַנד וויא ער איז אָנגעקומען אין אונזערע הענד. אָבער גאַנץ פריי פון צרות זיינען דיא צייטען ניט געווען. קאבאד האט געוואָלט אָבשוואַכען דיא גייסטליכע און דיא אדעלליים וועלכע האָבען איהם פערהאָלפען צו ווערען קעניג און האט זיך דארום אָנגעשלאָסען אָן דיא צענדיק רעליגיאָן וואָס איז אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרען פון א פאנאטישען רעפאָרמער מיט דעם נאָמען מאצדיק. ער האָט געפאָדערט דאס אלע וועלכע האָבען מעהר געלד וויא נייטיג און מעהר וויא איין פרוי זאָלען זיך צוטהיילען מיט דיא וואָס האָבען גאָר נישט, און עס איז אונטער זיין פיהרונג מיט דעם קעניג'ס צושטימונג געוואָרען א צייט פון רויבעריי און ווילדע אויסגעלאַסענהייט פון וועלכע אידען האָבען פיעל געליטען. קאַבאַד איז אראָפּגעוואָרפען געוואָרען פון טהראָן אין 496 און איז מיט דיא הילפע פון פריינדליכע פירסטען ארויף צוריק אין 499 אבער ער האָט נעהאט געגוג פון דיא צענדיק רעליגיאָן. ער האָט געבראַכט אָרדנונג אין זיין לאַנד און זיך אָנגעפאנגען פארצובערייטען פאר קריעג מיט רוים.

אונגעפעהר 15 יאָהר נאכדעם האָבען דיא אידען פון בבל דורך אונבעקאַנטע אורזאַכען געמאַכט א געוואַלדיגען אויפשטאַנד געגען קאַבאַד. דער יונגער ריש גלותא מר זוטרא איז געווען איינער פון דיא הויפט אנפיהרער און האט בעוויעזען גרויסע גבורות. ער האָט זיך מיט זיין אַרמעע בעפעסטיגט אין דיא שטאָדט מחוזא און האט זיך דאָרט געהאַלטען אלס איין אונאַבהענגיגער פירסט גאַנצע זיבען יאָהר. דאָך האָבען דיא אַרמעען פון קאַבאַד צום סוף געוואונען, און מר זוטרא צוזאַמען מיט זיין זיידען דעם ריש מתיבתא רב חנינאי האבען בעצאָהלט מיט זייער לעבען פאַר זייער פערזוך אראָפּ צו וואַרפען דעם יאָך פון פערזיען. דער מיטעלפּונקט פון יודענטהום איז וויעדער צושטערט געוואָרען. דיא ישיבות זיינען געשלאָסען געוואָרען און פאַר עטליכע יאָהר איז ניט געווען קיין ריש גלותא. דאָך האָבען זיך דיא פערפאָלגונגען ניט פערשפּרייט איבער אלע פערזישע פּראָווינצען. אידען האבען געהאָלפען קאַבאַד אין זיינע מלחמות געגען רוים, און אין דיא פערזישע אַרמעע וואס האט זיך געשלאָגען מיט יוסטיניאַן'ס גרויסען גענעראַל בעליזאַריוס זיינען געווען אַזוי פיעל אידען און מען האט זיי געהאַלטען פאַר אַזוי וויכטיג, דאס דער פערזישער אנפיהרער האָט פאָרגעשלאָגען א וואַפען-שטילשטאַנד פאַר דיא וואָך פון פסח צו געבען זיינע אידישע סאָלדאַטען דיא מעגליכקייט אָפּצוהיטען דעם יום טוב.

ווען דיא ישיבות פון בבל זיינען אונטערדריקט געוואָרען איז דער יונגער מר זוטרא, א זאָהן פון דעם הינגעריכטעטען ריש גלותא אוועק נאָך ארץ ישראל און זיך בעזעצט אין טבריא. דאָרטען איז וואהרשיינליך מיט זיין הילף וויעדער געגרינדעט

געווארען א וויכטיגער מיטעל פונקט פון יודענטהום, און מען זאגט אז ער האט דארט מחדש געווען דיא סמיכה און אויך בעקאנט געמאכט דעם תלמוד בבלי אונטער דיא אידען פון ארץ ישראל. טבריא איז אויך דער ארט וואו אידישע גע־לעהרטע האבען אנגעפאנגען צו זאמלען דיא כללים וויא אזוי דער טעקסט אדער נוסח פון תנ"ך זאל פארהיט ווערען פון גרייזען אדער ענדערונגען. אין יענע צייט אדער עטוואס שפעטער האבען דארט געלעבט דיא אונבעקאנטע מענער וועמען מיר הא־בען צו פערדאנקען דיא צוזאמענשטעלונג פון דיא מסורה און דיא איינפיהרונג פון נקודות. נור זייערע ארבייט זאגט עדות אז זיי האבען עקזיסטירט, זאנסט וייס מען נים ריכטיג ווען דיא בעלי מסורה און דיא נקדנים האבען געלעבט אדער וויא זיי האבען געהייסען.

קאבאד איז געשטארבען אין 531 נאכדעם וויא ער האט רעגיערט 47 יאהר. זיין נאכפאלגער כזרו „דער גערעכטער" אדער נושירוואן איז אויך געווען שטרענג געגען אידען און קריסטען, דאך האבען דיא פערפאלגונגען אונטער איהם מייסטענס אויפגעהערט. רב עינא און רב סימונא, צוויי תלמידי חכמים וואס זיינען אנטלאפען אין דיא געפעהרליכע צייטען אונטער קאבאד זיינען צוריק געקומען און געעפענט דיא ישיבות. דער ערשטער איז געווארען ראש ישיבה אין סורא, דער צווייטער אין פומבדיתא, און אויך א דריטער, רב רבאי דמן רוב, האט געהאט א ישיבה. דיא אידען פון בבל זיינען ביסלאך וויז ווידער געקומען צו זיך און זיינען געווען פעהיג נים נור זיך אליין צו בעשיצען, זאנדערן אויך צו טהאן עטוואס פאר דיא אידען פון ארץ ישראל וועלכע זיינען אונטער דיא הערשאפט פון קריסטליכע קיסרים געווען אין איין ערגערע לאגע וויא זיי.

זיעבּענטער קאַפּיטעל.

אידען בּעזיעגען ירושלים צום לעצטען מאל.

דיא אידען אונטער דעם איסט רוימישען קייזער יוסטיניאַן פון קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל האבּען אַזוי פּיעל געליטען פון זיינע געזעצע און דיא אונטערדריקונגען פון זיינע בּעאַמטע, דאס זיי האבּען געזוכט מיטלען וויא זיך פון איהם צו בּעפרייען. דיא אידען פון דיא אייראָפּעאישע פּראָווינצען האבּען געהאט וועניג האָפנונג, אָבער אין אזיען, בּעזאָנדערס אין ארץ ישראל און סיריען, וואו דיא אידישע בּעפעלקערונג איז דאַמאָלס געוועזען זעהר גרויס, איז דיא האָפנונג פון אַלטע צייטען געוועזען אויף הילפע פון פּרס. כּזרו דער ערשטער איז ניט געוועזען גוט צו דיא אידען, אָבער דיא שלעכט־קייט פון א פּערזיער איז געוועזען פּיעל ליעבּער וויא אפילו דיא גוטסקייט פון א קריסטען, און דיא אידען פון ארץ ישראל האבּען איהם געמעלדעט אז 50 000 זיינען בּערייט זיך אָנצושליסען אן זיין ארמעע אויבּ ער וויל אָנפאַנגען א קריעג און אָנ־גרייפען דיא אזיאַטישע פּראָווינצען. יוסטיניאַן אליין האט אויך מורא געהאט פאַר דיא פּערזישע מאכט און עס האבּען זיך אָנגעפאַנגען אונטערהאַנדלונגען צווישען דיא צוויי הערשער וועלכע האבּען זיך אין יאָהר 532 געענדיגט מיט דעם אָפּמאַך פון איין „אייביגען פריעדען“. יוסטיניאַן האט אפּגעמאַכט צו צאָהלען כּזרו גרויסע סומען אַלע יאָהר, און האט דערפאַר פון איהם געקריגען צוריק אייניגע פעסטונגען בּיים שווארצען ים וואס זיינען אריינגעפאַלען אין פּערזישע הענד.

דער „אייבּיגער“ פריעדען האט געדויערט אין גאַנצען זיעבּען יאָהר. יוסטיניאַן האט אין דיעזער צייט איינגענומען איטאַליען און געוואונען וויכטיגע מלחמות אין נאָרד אַפריקא, און דער פּערזישער קעניג האט זיך בּערעכענט אז ער מוז זיין גרוי־סען פיינד אנגרייפען איידער ער וועט ווערען צו שטארק פאַר איהם. דער קריסט־ליכער אדעל פון ארמעניען און דער גאָטהישער קעניג וויטיגעס פון איטאַליען הא־בּען זיך אויך געווענדעט צו דעם פּערעהרער פון דיא זון ער זאל זיי העלפען געגען דעם טיראַן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און כּזרו האט זיך געלאזט איבּעררייידען און האט אנגעפאַנגען א קריעג אין יאָהר 540 און איז אריין מיט איין ארמעע אין סיריען. ער האט גענומען און בּערויבּט אַלע שטעדט וואס האבּען זיך ניט אויסגעקויפט מיט שווערע שטראָפען און איז געקומען אַזוי וויט וויא אנטיוכיא, וואו ער האט געקריגען

גרויסע אוצרות און מאסען געפאנגענע. כזרו איז געוועזען א ביסעל גענייגט צו דיא רוימישע ציוויליזאציאן, און ער האט געוואלט דיא בעסערע זייט פון איהר איינפיהרען אין זיין לאנד. ער האט דארום ניט ווייט פון זיין הויפט שטאדט אויפגעבויט א נייע אנטיוכיא וועלכע האט אויסגעזעהן אקוראט וויא דיא רייכע שטאדט פון סיריען, און ווען ער האט דיא געפאנגענע איינוואוינער פון דארט געבראכט אין דיא נייע שטאדט האבען זיי אנפאנגס געמיינט אז ער האט זיי צוריק געבראכט א היים. אבער ער איז אוועק צוריק ניט קומענדיג נעהענטער צו ירושלים, און דיא אידען און שמרונים וועלכע האבען געוויזען אפענע סימפאטהיע פאר דיא פערזישע אנגרייפער, האבען געהאט אויסצושטעהן נאך מעהר צרות וויא פריהער.

כזרו האט זיך נאך איינינע יאהר געשלאגען מיט דיא רוימער ארום שווארצען ים ביז רוים האט אין יאהר 546 איהם ווידער געגעבען א גרויסע סומע געלד צו מאכען שלום אויף פינף יאהר. שפעטער איז דער שלום געמאכט געווארען אויף נאך פינף יאהר און אין 562 איז געשלאסען געווארען א דריטער שלום אויף 50 יאהר מיט דעם אפמאך אז רוים זאל צאהלען צו פערזיען יעהרליכע טריבוט. דיא האפנונג פון דיא אידען אז ארץ ישראל זאל אריין אין פערזישע הענד איז ווידער בטל געווארען.

כזרו איז געשטארבען אין יאהר 579 און זיין זאהן הורמיזד IV האט צוריק געגעבען דיא אידען פון בבל אלע זייערע רעכטע און פרייהייטען וואס פריהעריגע קעניגע פון פרס האבען פון זיי צוגענומען. דיא ישיבות זיינען אויפגעבליהט און דער ריש גלותא האט ווידער געשפיעלט דיא ראלע פון א מעכטיגען פירסט. אבער מען גלויבט אז דיא גוטסקייט פון הורמיזד האט נור געדויערט אזוי לאנג וויא זיין פילאזאפישער לעהרער און ראטהגעבער אבוצורי־מיהיר (אויף וועמען מען זאגט אז ער האט ערפונדען דעם שאך־שפיעל צו וויזען זיין שילער וויא ווייט דער קעניג הייננט אין גאנצען אפ פון זיינע בעאמטע און זיין ארמעע) האט געלעבט, און דאס נאך זיין טוידט זיינען פארגעקומען נייע פערפאלגונגען. דיא ישיבות אין סורא און פומבדיתא זיינען ווידער געשלאסען געווארען, און דיא תלמידי חכמים זיינען אוועק און געגרינדעט א נייע ישיבה אין פרוז־שאבור, ניט ווייט פון נהרדעא, וואו איין אראבישער פירסט האט געהערשט. אנדערע זאגען אז דיא פארשטעהער פון דיעזע נייע ישיבה האבען צום ערשטען מאל אנגענומען דעם טיטעל גאון און דערמיט פאנגט זיך אן, אונגעפעהר אין יאהר 581, דיא צייט פון דיא גאונים אין דער אידישער געשיכטע. אין יאהר 590 איז הורמיזד אראפגעווארפען געווארען פון טהראן און באלד נאך דעם געטוידטעט געווארען דורך זיין גרויסען גענעראל באהראם, דעם בעשיצער פון פרס געגען איהרע אויסווענינע פיינדע.

עס האט זיך דאן אנגעפאנגען א בירגער קריעג צווישען באהראם און כזרו דעם צווייטען, דעם זאהן פון ערמארדעטען הורמיזד. גרויסע מאסען אידען האבען זיך אנגעשלאסען אן דיא זייטע פון באהראם, און ווען כזרו האט געוואונען דעם טהראן פון זיינע עלטערן דורך דיא הילפע פון קייזער מאריס פון קאנסטאנטינאפאל, זיינען דיא אידען שווער בעשטראפט געווארען, וויא עס איז געווען דיא מאדע אין יענע צייטען. אין דיא שטאדט ניי־אנטיוכיא וועלכע נושירוואן האט אויפגעבויט זיינען א גרויסע טהייל פון דיא איינוואוינער געווען אידען. דיא שטאדט האט אויך געהאלטען פאר באהראם. און ווען כזרו'ס גענעראל נאבאד האט איהר גענומען, אין יאהר 591, האט ער פיעלע פון דיא איינוואוינער אויסגעהרג'עט און א טהייל פון דיא איבריגע פערקויפט אין שקלאווערײ. אבער דאס איז געווען נקמה פיר אונטרייהייט, נים פערפאלגונגען און ווען כזרו II איז געווארען דער אנערקענטער קעניג פון גאנצען לאנד, האבען זיך דיא אידען מיט איהם גוט פארטראגען און פיעלע האבען איהם געהאלפען אין זיינע אונטערנעהמונגען.

אונטער דיעזען קעניג איז אויך פאר א צייט מקוים געווארען דיא האפנונג פון דיא אידען אז פרס וועט נאך אמאל רעטען ירושלים פון רוימישע הענד. דער טיראן פהאקאס וועלכער האט ערמארדעט דעם איסט רוימישען קייזער מאריס און איז ארויף אויף זיין טהראן, האט פארפאלגט דיא אידען אהן בארמהערציגקייט און האט מאסען געטויפט מיט גוואלד. דיא אידישע לאגע איז געווען אזוי שלעכט אז עס איז געווען אונמעגליך ווייטער צו ליידען. און ווען זיי זיינען ערפאהרען אז כזרו האט געשיקט איין ארמעע גענען קאנסטאנטינאפאל זיך נוקם צו זיין אן דעם מערדער פון זיין פריינד און בעשיצער מאריס, האבען זיי זיך אפען געשטעלט גענען דעם טיראן אין פערשיעדענע פלעצער. אין דיא סירישע שטאדט אנטיוכיא איז דער אידישער אויפשטאנד געווען ציעמליך גרויס און דיא שיינע פאלאצען פון דיא אונטערדריקער זיינען פארברענט געווארען. פהאקאס האט געשיקט צוויי גענעראלען נאך אנטיוכיא און זיי האבען שוין אנגעפאנגען צו מארדען און צו פייניגען דיא אידישע מורדים, ווען זיי האבען זיך געמוזט צוריקציהען אזוי שנעל וויא זיי האבען געקענט ווייל דיא ארמעען פון פערזישען קעניג זיינען פלוצלונג ערשיענען ביי דער שטאדט. אנטיוכיא האט זיך אונטערגעגעבען צו דיא פערזיער און דיא אידען האבען פריי אויפגעאטהעמט. סיריען איז אריין אין פערזישע הענד אין 608.

כזרו אליין איז מיט א טהייל פון זיין ארמעע אוועק אנגרייפען קאנסטאנטינאפאל און זיין גענעראל קארוזיא אדער שארבארציא איז אוועק נעהמען ארץ ישראל, בעזאנדערס ירושלים. אידען האבען זיך אן איהם אנגעשלאסען וואו ער איז

געקומען ביז ער האט געהאט אונגעפעהר 24,000 אידישע סאָלדאטען אין זיין אר־מעע. עס איז יעצט געקומען דיא צייט זיך אפצורעכענען פאר דיא מערדערישע פערפאָלגונגען, פאר דיא געצוואונגענע טויפונגען און פאר דיא אויסשליסונג פון אידען פון דיא היילינע שטאָדט. דער ווילדער פאנאטיזמוס פון יענע צייטען האט זיך ארויסגעוויזען פון ביידע זייטען. דיא קריסטען האָבען יאהרהונדערטע לאנג גע־מאָרדעט, געפייניגט און פערשקלאפט דיא אידען אין זייער אייגענע לאנד, און ווען דיא געלעגענהייט איז יעצט געקומען, האָבען דיא עלענדע אונטערדריקטע אי־דען בענוצט דיא זעלבע גרוזאמקייט זיך נוקם צו זיין אין זייערע טויט־פיינד. אי־דען און פערזיער האָבען אָנגעמאכט חורבונות אין סיריען און פאלעסטינא, און גע־רייניגט דורך בלוט און פייער דיא היילינע פלעצער וואָס דיא קריסטען האָבען מטמא געווען מיט קירכען און אלטארען. דיא קירכען און דיא גלחים, וועלכע האָ־בען פעראורזאכט דיא גרעסטע צרות אין פערגאנגענע צייטען זיינען יעטצט געווען דיא ערשטע אָפּפער. דיא אונטערדריקטע שנאה האט ארויסגעפלאטצט מיט איהר גאנצע מאכט, און בלוט האָט געפלייצט איבעראל וואו אידען און קריסטען האָבען אָנגעשטויסען איינע אויף דיא אנדערע. אין דיא אומגעגענד פון דיא אלטע שטאָדט צור האָבען דיא אידען פארברענט צוואנציג קריסטליכע קירכען, און אלס ראכע דערפאר האָבען דיא קריסטען אין שטאָדט ערמאָרדעט 2000 אידישע געפאנגענע. ענדליך זיינען דיא אידען און דיא פערזיער געקומען צו ירושלים, אין יאהר 614 און נאָכדעם וויא זיא איז אין מאָנאט דשוליי גענומען געוואָרען מיט שטורם פון איין ארמעע פון וועלכע דיא גרעסטע טהייל זיינען געווען אידען, איז זיא אין גאנצען איבערגעגעבען געוואָרען אין אידישע הענד.

ירושלים איז דאן געווען אין גאנצען א קריסטליכע שטאָדט, עס איז געווען אידען פערבאָטען דאָרט צו וואוינען אָדער אפילו דאָרט צו קומען אלס בעזוכער. דער פאנאטישער פיינד האָט זייא אפילו ניט פערגונען צו קומען וויינען אויף דעם פלאטץ וואו אידישע קעניגע האָבען אמאָל געהערשט, און עס איז דארום קיין וואונדער דאָס ווען דיא שטאָדט איז יעטצט אריין אין דיא הענד פון בעוואפענטע אידען, איז קיין קריסטליכע היילינטהום ניט פערשוינט געבליעבען. די קירכען זיינען פארברענט אָדער איינגעוואָרפען געוואָרען, און דיא גרעסטע פון זייא, וועלכע הע־לענא, דיא מוטער פון קאסטאנטין דעם גרויסען, האָט אויפגעבויט מיט 300 יאָהר פריהער, איז פערניכטעט געוואָרען ביז צום גרונד. דיא צאָהל פון מענשען וואָס זיינען אומגעקומען איז געווען זעהר גרויס. קריסטליכע שרייבער זאָגען דאָס 90,000 קריסטען זיינען אומגעקומען אין ירושלים. זייא האָבען אויך פערשפרייט די פאלשע

נאכריכט דאס דיא אידען האבען פון דיא פערזיער אבגעקויפט געפאנגענע קריסטען און זיי ערמארדעט, און דיעזער ליגען איז בענוטצט געווארען אלס ענטשולדיגונג פאר שפעטערע פערפאלגונגען.

פאר דיא צייט פון 14 יאהר זיינען דיא אידען אין ארץ ישראל בעפרייט געווארען פון זייערע קריסטליכע אונטערדריקער, און האבען געלעבט רוהיג אונטער דיא מילדע פערזישע הערשאפט. אבער זייער האפנונג אז כזרו וועט זיין א צווייטער כורש און וועט ערלויבען צו גרינדען א אידישע אונאבהענגיגע געמיינדע אין ארץ ישראל, איז ניט מקוים געווארען. זייער טרייהייט צו איהם איז נאך מעהר אבגעשוואכט געווארען ווען עס האט זיך בעוויזען אז ער קען ארץ ישראל לאנג ניט האלטען געגען דיא מאכט פון דעם איסט רוימישען קייזער הערקליוס, וועלכער איז ארויף אויף דעם טהראן פון קאנסטאנטינאפאל אין 610 און האט שפעטער אנגעפאנגען צוריק צו טרייבען דיא פערזיער פון זיינע געוועזענע פראווינצען. פריהער האט הערקליוס געבעטען שלום פון זיין זיעגרייכען פיינד און האט עס ניט געקענט קריגען; אבער שפעטער האט ער זיך גענומען פיהרען קריעג מיט א אענערגיע און מיט אזוי פיעל ערפאלג, דאס אנשטאט צו נעמען קאנסטאנטינאפאל האט כזרו זיך געמוזט צוריקציהען בעשיצען זיין אייגענע לאנד. פון יאהר 622 האט הערקליוס אנגעפאנגען צו געווינען איין שלאכט נאך דיא אנדערע און אין יאהר 627 איז ער געקומען מיט איין ארמעע אין פערזיען גופא און כזרו איז געוועזען געצוואונגען צו אנטלויפען פון זיין אייגענע הויפטשטאדט. אין 628 איז הערקליוס געווארען הערשער פון סיריען און ארץ ישראל, אבער ער האט געגעבען דיא אידען זייןווארט אלס קייזער אז ער וועט זיי גאר נישט טהאן ווען דאס לאנד וועט זיך אונטערגעבען.

דאס לאנד האט זיך אונטערגעגעבען אבער דיא גלחים און דער פאטריארך מאדעסטוס האבען איבערגערעדט דעם קייזער אז ער דארף ניט האלטען זיין ווארט וואס ער האט געגעבען צו דיא אידען. עס האבען זיך אנגעפאנגען נייע פערפאלגונגען און בלוט פערגיסונגען. ארץ ישראל איז ווידער געווארען איין אונזיכערער פלאטץ פאר דאס פאלק וואס האט איהר בעטראכט אלס איהר פאטערלאנד. דיא אידען וועלכע האבען זיך געקענט רעטטען פון דיא רוימישע סאלדאטען און פון דיא פאנאטישע גלחים זיינען אוועק נאך עגיפטען, מייסטענטהיילס נאך אלעקסאנדריען וואו עס איז דאמאלס געווען א גרויסע און מעכטיגע אידישע געמיינדע. ירושלים איז צוריק געווארען א קריסטליכע שטאדט, דיא קירכען זיינען ווידער אויפגעבויט געווארען און האדריאן'ס געזעטץ אז אידען טארען נישט

קומען דריי מייל פון דיא הייליגע שטאדט, איז צוריק געקומען אין קראפט. נאך איינמאל איז דיא האפנונג פון דיא אידען פארניכטעט געווארען און אלעם איז גע־ווארען פינסטער און טרויעריג וויא אין דיא ערגסטע צייטען נאך דעם אונטערגאנג פון דיא אידישע מלוכה. פערזיען איז אין יענע צייטען געווארען אזוי אפגעשוואכט דאס דיא אמאליגע האפנונג אז זיא וועט וויעדער, אזוי וויא אין דיא צייט פון כורש, זיין דיא ערלייזערין פון דיא אידען, האט אויך געמוזט אויפגעגעבען ווערען און קיין אנדער פריינדליכע נאציאן צו פארנעהמען איהר פלאץ האט דאן ניט עקזיסטירט.

דריטער טהייל

ערשטער קאַפּיטעל.

דיא אידען אין אַראַביען. מחמד און דיא אידען.

אין דער צייט ווען דיא פּערזישע און איסט רוימישע מלוכות האָבּען זיך גע־ראנגעלט איבּער דיא הערשאַפט פון ארץ ישראל און דיא ארומיגע לענדער, איז אין דיא כמעט אונבּעקאַנטע מדבּריות פון אַראַבּיען אויפגעוואַקסען א מאַכט וועלכע האָט זייא שפּעטער בּיידען פערשלונגען. מחמד בּן עבּדאַללאַה, דער מאַן וועלכער האָט געגרינדעט א צווייטע וועלט־רעליגיאָן אויף דיא פּרינציפּען פון יודענ־טהום, האָט ניט אַליין געשטאַמט פון אידען, וויא דער אָפּגעלאָזענער בּעל חלומות פון בּית לחם, אָבּער ער איז געווען א מאַן פון קראַפט און ענערגיע, א סאָלדאַט און א שטאַאטסמאַן, און האָט זיך זעהר שטאַרק אינטערעסירט אין אידען און אידישע אנגעלעגענהייטען און האָט אין אָנפאַנג זעהר פיעל געבּויט אויף זיינע אידישע פריינדע. אידען זיינען געווען זיינע ערשטע געגנער אין דיא שטאָדט מעקקאַ, און שפּעטער ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרבּרייטען דיא נייע לעהרע פון איסלאַם מיט דעם שווערד אין האַנד, זיינען אידען געווען זיינע ערשטע אָפּפער. ער האָט אָבּער גענוג פערשטאַנען דיא וועלט צו וויסען וויא צו שעטצען אזא וויכטיגען קלאַס פון דיא בּעפעלקערונג וויא דיא אידען פון אַראַבּיען זיינען געווען. און אַלס אונגעבּילדעטער מאַן האָט ער זיך פיעל בּעהאָלפען מיט דיא מעשיות פון דער תורה וואָס אידען האָבּען איהם איבּערגעגעבּען. אין קאָראַן, נאָך מעהר וויא אין נייעם טעסטאַמענט, קען מען אין יעדען קאַפּיטעל געפינען דעם איינפלוס פון אי־דען אויף דעם „נביא", און אברהם, דער פאָטער פון דיא אידען און פון דיא אַראַבּער, איז איינער פון דיא וויכטיגסטע הייליגע פון דעם נייעם גלויבּען. מחמד האָט איינגעפיהרט דאס ווען מען טהוט תפלה זאָל מען זיך אומקעהרען מיט'ן גע־זיכט צו ירושלים, וויא דיא אידען טהוען, און האָט דערצעהלט דאס ווען ער פליהט בּיי נאַכט אויף זיין געפליגעלטען פערד בּעזוכען דיא הייליגע אידישע הויפּטשטאָדט, שטעלט ער זיך אָפּ בּיים בּארג סיני, דער פּלאַץ פון וואַנען דיא אמתע תורה איז

ארויסגעגעבען געוואָרען פאר דיא גאנצע וועלט. דיעזעס אלעס בעווייזט וויא ווייט מחמד איז געוועזן אונטער דעם איינפלוס פון אידען, און וויא גרויס דער אידישער איינפלוס אין אראביען איז געוועזן אין זיין צייט.

צייט פיעלע יאהרהונדערטע פאר מחמד האט אין דרום זייט (תימן, יעמען) פון אראביען עקזיסטירט א אידישע מלוכה. זיא האט ניט געהאט קיין ספעציעלע פערבינדונג מיט ארץ ישראל אָדער בבל, אויסער אין דעם האנדעל מיט סחורה פון פון אינדיען וועלכע זיא האט געפיהרט מיט אידישע סוחרים פון יענע און פיעלע אנדערע לענדער. עס איז ניט גענוי בעקאנט ווען דיא אידען זיינען אהין געקומען אדער פון וועלכע שבטים זיי האָבען אָפגעשטאמט. זיי אליין האָבען געהאט בקבלה אז אין דיעזען טהייל פון אראביען וועלכער איז געוועזן זעהר געראָטהען און האָט זיך דארום גערופען דיא גליקליכע אראביען (אראביא פעליקס) האט אין דיא צייטען פון שלמה המלך רעגיערט דיא בעריהמטע מלכת שבא, און דאס נאך דער צייט פון איהר בעזוך אין ירושלים, האָבען פיעלע פון דיא אונטערטהאנען פון דעם קלוגען קעניג וואס זיא האָט אזוי בעוואונדערט, זיך בעזעצט אין איהר לאנד און געלעבט גליקליך און זיך פערמעהרט אונטער איהרע נאכפאָלגער. אנדערע טראדיציאָנען דערצעהלען דאס אידען זיינען אהין געקומען נאך דעם חורבן בית ראשון. יעדענ־פאלס האבען שפעטערע פערפאָלגונגען אונטער רוים און פרס פארגרעסערט דיא אידישע בעפעלקערונג פון אראביען, וויל עס איז אונמעגליך דאס איין אונאבהענ־גיגע אידישע מלוכה אזוי נאָהענט צו ארץ ישראל זאל ניט צוציהען צו זיך אונטער־דריקטע אידען וועלכע האָבען זיך געזוכט צו רעטען פון זייערע פייניגער.

אין אלגעמיין האָבען דיא אידען אין אראביען זיך גוט פארטראָגען מיט דיא אראבער און עס איז צווישען זיי פאָרגעקומען זעהר וועניג שטרייטיגקייטען וועגען רעליגיאָן. דיא אראבער דערצעהלען זאָגאר דאס דער אידישער קעניג אבו־כרב אססאד, וועלכער האָט רעגיערט איבער דיא האמעריטישע קעניגרייך אין אראביען 120 יאהר פאר קריסטוס געבורט, האט מנדב געוועזן דיא ערשטע קארפעטס אדער דיוואנען מיט וועלכע דער געטצענדינערשער טעמפעל קאאבא אין מעקקא איז אויס־געבעט געווארען. דיא אידישע נאכפאלגער פון אבו־כרב אססאד האבען רעגיערט ביז א קורצע צייט איידער מחמד איז ערשיענען. דיא אידען אין אראביען האבען זעהר פיעל געווירקט אז קריסטענטהום האט זיך דארט ניט געקענט פארשפרייטען, דאך האבען זיי דיא פארהאסטע רעליגיאן ניט געקענט אין גאנצען אויסשליסען. דיא ערשטע קריסטען אין אראביען זיינען געוועזן אריאנער, וועלכע האבען געגלויבט אז יעזוס איז ניט געוועזן א גאט, זאנדערן דער גרעסטער פון אלע מענשען, און מיט

זיי האבען דיא אידען זיך אלע מאל געקענט גוט פארטראגען. אבער שפּעטער האט זיך דארט אָנגעפאנגען צו פערשפּרייטען דער קאטהאליש־קריסטליכער גלויבען. אין 521 האט עלעס־באאן, דער מעכטיגער קעניג פון עטהיאָפּיא אדער אבעסיניען (כוש) געוואונען א זיעג איבער דעם האמריטיש־אידישען קעניג דונאאן, און דער לעצטער האט געמוזט צאָהלען א בעשטימטען טריבוט, אלס איינער פון זיינע אונ־טערטהאנען. דיא קריסטען אין לאנד פון דונאאן האָבען נאטירליך געהאלטען מיט דעם קריסטליכען זיעגער, און דער אידישער קעניג האט פיעלע פון דיא פּערעטהער אויסגעהרגעט, האָפּענדיג דערמיט אויך אָפּצושוואכען דיא מאכט פון עלעס־באאן איבער זיין לאנד.

דונאאן האט דאן מיט א גרויסע ארמעע בעלאגערט דיא אראבישע שטאָדט נאגרא וועלכע איז געווען בעוואוינט פון קריסטען, און עס האט זיך צווישען ביידע זייטען אנגעפאנגען א מערקווירדיגע אונטערהאנדלונג. דער אידישער קעניג האט געפאָדערט נור איין זאך, דיא קריסטען זאָלען אנערקענען אז עס איז מעהר ניטאָ וויא איין גאָט, און עפענטליך אָפּלייקענען דיא דריי־איינינקייט. דיא קריסטען האָ־בען געוואָלט צוגעבען דעם ערשטען אָבער ניט דעם צווייטען פּונקט. נאך פיעל בלוט פערגיסונגען איז דיא שטאָדט אריין אין דונאן׳ס הענד און נאך דיא בארבארישע מעטהאָדען פון קריעג־פיהרונג אין יענע צייטען זיינען פיעלע פון דיא בעזיעגטע גע־טוידטעט געוואָרען. נעקסטען יאָהר איז עלעס־באאן געקומען מיט איין ארמעע פון איבער 100,000 מאן זיך נוקם זיין פאר דעם אנגריף אויף דיא קריסטען. דונאאן האט העלדענמוטהיג פערטהיידיגט זיין לאנד און זיין טהראן פאר א רעכטע צייט; אבער אבעסיניען איז געווען צו גרויס אז דיא קלייניגקע מלוכה אין א ווינקעלע פון אראביען זאל זיך קענען געגען איהר לאנג האלטען. דונאאן האט פארלארען זיין מלוכה און זיין לעבען און מיט איהם האט זיך, אונגעפעהר אין יאהר 530 געענדיגט דיא אידישע אונאבהענגיגקייט אין תימן. א קריסטליכע קעניגרייך איז דארט גע־גרינדעט געווארען אונטער דעם שוץ פון אבעסיניען, אבער כזרו דער צווייטער האט איהר איינגענומען און גאנץ אראביען איז געוועכענט געווארען אלס איינע פון זיינע פּראווינצען.

אבער אבגלייך דיא אידען אין אראביען האבען פערלארען זייער מלוכה זיינען זיי דאך געבליעבען גרויס אין צאהל און אין מאכט אויף דיא אראבישע האלב אינ־זעל. אין דער צייט ווען מחמד איז ערשיענען האָבען זיי נאָך געלעבט אזוי וויא דיא אראבער אליין, איינגעטהיילט אין קליינע שבטים אונטער דיא הערשאפט פון זייערע איינענע שייכם; זיי זיינען געווען איינגעטהיימער פון גרויסע סטאָדעס בהמות און

מוטהיגע קעמפפער אין דיא ווילדע געגענדען, און האבען געפיהרט געשעפטען אין דיא שטעדט. מחמד האט געזוכט צו פעראייניגען אלע אראבישע און אידישע שבטים אונטער זיך און האט דארום דיא אידישע רעליגיאן ניט אזוי שטארק אנגעגריפען, אפילו נאכדעם וויא ער איז אין יאהר 622 אוועק פון מעקקא נאך מעדינא און האט אנגעפאנגען צו פערשפרייטען דעם איסלאם מיט דעם שווערד אין האנד. נור דיא מאגיער, דיא פייער-דיענער פון פערזיען, זיינען פון איהם מיט געוואלד אונטערדריקט געווארען, און דיא נייע רעליגיאן פון איין איינציגען גאט מיט זיין נביא וועלכער ברייננט זיגע פאר דיא ארמעען פון דיא גלויביגע, האט זיך שנעל פערשפרייט איבער אראביען און איבער אנדערע פערזישע פראווינצען.

ערשט דאן ווען ער האט אנגעפאנגען צו פיהרען קריעג אין גוטען ערנסט איז עס געקומען צו א צוזאמענשטוים צווישען איהם און דיא אידישע שבטים. מחמד האט אימער צום סוף געזיעגט, אבגלייך אין מעהרערע פעללע האט איהם דער זיעג געגען דיא קריעגס-פעהיגע אידישע בעדואינען געקאסט זעהר טהייער. מען מוז אויך נעדיינקען דאס דיא אראבישע אידען, בעזאנדערס דיא וועלכע האבען דארט געלעבט פון אלטע צייטען, האבען זעהר ווענינ געוואוסט פון אידישקייט, און אין פערגלייך מיט דיא געמצענדיענעריי אדער פייער-דיענסט פון דיא פערזיער און דיא אונבע־גרייפליכע דריי-איינינקייט פון דיא קריסטען, האט מחמד׳ס פרינציפ אז „אויף דער גאנצער וועלט איז דא נור איין גאט" זיי אויסגעוויזען כמעט וויא אידיש. דיא צוויי־טע העלפט פון פרינציפ „דאס מחמד איז זיין נביא" איז אפילו פאר זיי געווען שווע־רער צו גלויבען, דאך האבען ניט געפעהלט אונטער דיא דאמאליגע אידען אזעלכע וואס האבען איהם בעטראכטעט אלס איין ערלייזער, אדער מינדעסטענס א העלפער. דיעזע אורזאכען צוזאמען מיט דיא גבורות פון זיינע ארמעען האבען מיטגעבראכט דאס א טהייל פון דיא אידישע שבטים, וועלכע זיינען געווען גאנץ ווייט פון אידיש־קייט, האבען אין גאנצען אנגענומען מחמד׳ס גלויבען. אנדערע זיינען געבליבען אי־דען, אבער האבען זיך אנגעשלאסען אן זיינע ארמעען און האבען געהאלפען איהם און זיינע נאכפאלגער פערשפרייטען דעם נייעם גלויבען און זייער הערשאפט איבער פערשיעדענע לענדער.

דיא שטרייטינקייטען צווישען דעם נייעם גלויבען און דיא אידען זיינען אויך געווען בעשרענקט נור אויף דעם לאנד אראביען. אין אלע אנדערע לענדער וואו דיא מחמדנער האבען געזיעגט איז דיא לאגע פון דיא אידען אימער פארבעסערט גע־ווארען. יזדגרד, דער לעצטער פערזישער קעניג האט דיא אידען שטארק פארפאלגט און זיי האבען פרייער אויפגעאטהעמט ווען דער קאליף אמאר, דער צווייטער

נאכפאָלגער פון מחמד, האָט אין יאָהר 637 איינגענומען קטעסיפאָן, דיא הויפט שטאָט פון פערזיען. אמאר איז אפילו נים געווען קיין גוטער פריינד פון אידען, דאָך האָט ער אנערקענט זייער טריייהיים, און האָט געלאָזען דעם ריש גלותא בוסתנאי אין זיין אמט אין איהם אויך געגעבען פאר א פרוי דיא שיינע דאָרא, דיא טאָכטער פון פערזישען קעניג כזרו. *) דיעזער שידוך צווישען דיא פאמיליע פון דוד המלך מיט דיא פאמיליע פון דיא פערזישע קעניגליכע הויז פון דריוש, האט געגעבען דעם אמט פון ריש גלותא נייע וויכטיגקיים אונטער אידען און אויך אונטער נים אידען.

מיט א יאָהר שפעטער, אין 638 האט אמאר איינגענומען ירושלים און מען גלויבט אז אידען האָבען איהם דערביי אויך געהאָלפען, גראדע וויא זיי האָבען מיט צעהן יאָהר פריהער געהאָלפען קעניג כזרו פארטהיידיגען ירושלים געגען קייזער הער־ראקליוס. עס איז אמת דאס אָמאר האָט געמאכט אויסנאהמסגעזעצע געגען אידען און קריסטען גלייך, דאָך איז דיא אידען געווען ליעבער דיא נייע הערשאפט וויא דער יאָך פון דיא פאנאטישע און ראכזיכטיגע קריסטען. דיא מחמדנישע מאָסק אדער מאשעע וואס איז יעצט אויפגעבוים געוואָרען אויפ'ן הר הבית איז אויך נים געווען אזוי אבשטויסענד וויא דיא קריסטליכע קירך מיט דעם פערהאסטען צלם, וואס איז פאר אידען אימער געווען דער צייכען פון בלוט און אונטערדריקונג. פרס האָט זיך געוויעזען פאלש און דאס קריסטענטהום טיראניש וויא אימער, איז עס א וואונדער דאס דיא אידען פון בבל און ארץ ישראל האבען געהאָלפען וויא וויט זיי האָבען געקענט, דיא פארשפרייטונג פון דיא הערשאפט פון א גלויבען וואָס איז געווען אזוי נאהענט צו זייער איינענעם!

אמאר איז ערמאָרדעט געוואָרען אין יאָהר 644, זיין נאכפאָלגער דער קאליף אָטהמאן אדער אָסמאן איז אומגעקומען אין איין אויפשטאנד אין יאָהר 655 און עס איז דאן צווישען דיא מחמדנער פאָרגעקומען גרויסע שטרייטיגקייטען איבער דיא פראגע ווער עס זאָל הערען קאליף. דיא אידען האָבען געהאלטען מיט עלי אדער אלי, מחמד'ס איידעם, און האָבען איהם געהאָלפען געווינען דיא הערשאפט. עס ווערט בעריכטעט דאס 90,000 אידען האָבען געהאָלפען עלי איינגעהמען פרוז־שבור און ווען ער איז אריין אין שטאָדט איז איהם אנטקעגנען געקומען דער ראש ישיבה מר יצחק, און איהם בעגריסט אלס דעם הערשער מיט וועמען דיא אידען זיינען חעכסט צופריעדען. אלי האט זיך צו מר יצחק געוויזען זעהר פריינדליך און אונטער

*) אויף דיעזען אמת'ען פאקט איז בעגרינדעט דער שיינער היסטארישער ראָמאן „בוסתנאי".

איהם אין דיא ווירדע פון דעם ראש ישיבה אין סורא געשטיגען זעהר הויך. פון יענער צייט פאנגט זיך אן א גליקליכע פעריאָדע פאר דיא אידען אין בבל וועלכע אין אונז בעקאנט אלס דיא צייט פון דיא גאונים. מען גלויבט אז ראשי ישיבה האבען זיך שוין מיט איינינע דורות פריהער גערופען מיט דעם טיטעל גאון, אָבער דיא וויכטינקייט פון דיזען אמט פאנגט זיך ערשט אָן פון דער צייט פון אלי. דיא קאליפען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט פארשפרייטען זייער הערשאפט אין אזיען, אין אפריקא און אין אייראָפא, און יעדעס לאנד וואָס האט זיך אונטערגעגעבען אונטער זיי, האט געמעגט טהאָן וואָס זיא האט געוואָלט אזוי ווייט וויא עס אָנבע־טרעפט צו אינערליכע אנגעלעגענהייטען.

איינינע דורות פון רוהינקייט און זיכערהייט האבען געגעבען דיא מעגליכקייט פאר דעם אידישען גייסט זיך צו ענטוויקלען ארום דעם מיטעלפונקט פון דיא ישיבות פון בבל און צו ערדייכען א זעהר הויכע שטופע. רייכטהום און מאכט האבען אויפ־געהויבען דעם גייסט פון דיא מחמדנער אין אזיען, און עס האט דאָרט ביסלעכווייז אָנגעפאנגען אויף צו וואקסען איין אראבישע ליטעראטור, איין אראבישע פילאָזאָפיע און רעליגיעזע בעוועגונגען וועלכע האבען אלע צוזאמען אויך געהאט זייער איינפלוס אויף דעם גייסטיגען לעבען פון דיא אידען, בעזאָנדערס אויף דיא אידען פון בבל. עס זיינען ענטשטאנדען קלאסען וואָס האבען געהאט צייט צום שטודירען און עס האבען זיך אָנגעפאנגען אונטער געלערנטע אידען (אזוי וויא אונטער געלערנטע אראַבער) שטרייטינקייטען וועגען רעליגיאָן און וועגען פילאָזאָפיע, וואס איז דער בעס־טער בעוויז אז דיא אידען פון יענער צייט האבען געפיהלט און געדיינקט. דיא פרוכט פון יענע געפיהלע און פון יענע געדאנקען זיינען דער אָנפאנג פון דיא אי־דישע ליטעראטור. העברעאישע גראממאטיק אָדער דקדוק, העברעאישע פאָעזיע און אידישע פילאָזאָפיע פאנגען זיך אָן אין דיא פעריאָדע פון דיא גאונים; דאמאלס זיינען געלייגט געוואָרען דיא גרונדשטיינער פון דעם וואונדערבארען בנין פון דיא אידישע נאָך־תלמודישע ליטעראטור, א בנין בייא וועלכען עס ווערט נאָך היינטיגען טאָג פלייסיג געארבייט, און וועלכער וועט וואקסען און האבען איין איינפלוס אויף דער וועלט אזוי לאנג וויא יודענטהום און דיא מענשהייט וועלען עקזיסטירען.

צווייטער קאפּיטעל.

אידען אין אייראָפּא אין אָנפאַנג פון מיטעלאלטער. שפּאַניען.

אין דיא ערשטע עטליכע הונדערט יאהר נאך דעם אונטערגאַנג פון דיא אלטע רוים, דאס הייסט פון דיא וועסט רוימישע מלוכה פון איטאליען, אין יאהר 474 האבען דיא אידען פון אייראָפּא כמעט גאָר קיין געשיכטע ניט. זיי האבען עקזיסטירט אין גרויסע מאסען אין פערשיעדענע לענדער, אבער עקזיסטענץ אליין איז נאך ניט געשיכטע. זיי זיינען געבאָרען געוואָרען, געהאט קינדער און זיינען גע־שטאָרבען; זיי האבען געהאנדעלט און געאַרבייט. אמאָל איז זיי געווען ערגער און אמאָל בעסער, דאָ האט מען זיי געפייניגט און דאָרט האט מען זיי צורוה געלאָזען. אבער דער אידישער גייסט איז געווען אזוי גוט וויא אין גאַנצען איינגעשלאָפען אין אייראָפּא. קיין וויכטיגער בוך, קיין נייער געדאנקען, קיין וויכטיגע איינפיהרונג וואס זאָל האבען איין איינפלוס אויף שפּעטערע צייטען אדער וויזען דעם איינפלוס וואס דיא צייטען האבען געמאכט אויף דיא אידישע בעפעלקערונג איז אונז פון יענער צייט ניט איבערגעבליבען. דיעזע פינסטערע צייטען האבען אונז ניט איבערגעלאָזען אפילו קיין איינציגען נאמען וואס זאל פאַרנעמען איין אמת פּראָמינענטען פּלאץ אין דער אידישע געשיכטע, אָדער וואס זאל בעצייכנען א טריט ווייטער אין דיא ענטוויקלונג פון אידישען גייסט.

דיא אורזאכע פון דיעזען שטילשטאנד איז דאס עס מאכט ניט אויס וויא וויים דיא אידען זיינען אבגעזונדערט פון אלע אנדערע פעלקער, איז זייער פאָר־שריט און ענטוויקלונג דאך זעהר ענג פערבונדען מיט דעם פאָרשריט און ענט־וויקלונג פון דיא לענדער אין וועלכע זיי וואוינען. דיא פעלקער פון אייראָפּא האבען דאן געהאלטען אין דיא ערשטע פעריאָדע פון ענטוויקלונג. זיי האבען ערשט אָנ־געהויבען צו עקזיסטירען אונאבהענגיג ווען דיא מאכט פון וועכט רוים איז געפאלען, און עס האט גענומען נעהמען אייניגע הונדערט יאהר ביז עס האט זיך אויסגע־ארבייט דער נאַציאָנאלער גייסט און דער פאָלקס־כאראקטער וואס איז נייטיג צו

גייסטיגע ענטוויקלונג. דיא רוימישע ציוויליזאציאָן איז געוועז אונטערגעגאַנגען און דיא נייע אייראָפּייאישע האט נאָך ניט אנגעהויבען ארויסצו שפּראָצען. דאס זיינען געוועז דיא קינדער יאהרען פון דיא מייסטע יעצטיגע ציוויליזירטע פעלקער, און דיא צייט איז פערבראַכט געוואָרען מיט מעשה'לאָך פון רעליגיאָנס-וואונדער, מיט גע־שלעג איבער מנהגים און מיט ווילדע אויפרעגונג איבער זאכען וועגען וועלכע קיינער וואָלט זיך יעצט ניט געקימערט. פון דיא קונסט. ליטעראַטור, און וויסענשאַפט פון פריהערע צייטען איז כמעט ניט געבליבען קיין שפור, און דיא אידען פון אייראָפּא וועלכע זיינען געוועזען צו ווייט פון זייער גייסטיגען מיטעל פּונקט אין בבל אדער ארץ ישראל זיינען פערזונקען געוואָרען אין אונוויסענהייט און אבערגלויבען וויא זייערע קריסטליכע שכנים. דיא חכמה פון דיא אלטע, דיא הייליגקייט פון דיא געוועזענע האט געשפּיעלט דיא הויפּט ראָלע ביי אידען וויא ביי קריסטען. מלחמות, טהעאָ־לאָגיע און רויבער-פּאָליטיק זיינען געוועזען דיא הויפּט בעשעפטיגונגען.

אידען האבען נאטירליך פיעל געליטען אין יענע האלב ווילדע צייטען, דאָך זיינען דיא פערפאָלגונגען ניט געוועזען סיסטעמאַטיש, ווייל דיא פעלקער אונטער וועלכע זיי האבען געוואוינט האבען זעהר אָפט געביטען רעגירונגען און רעליגיאָנען און האבען ניט געקענט זיך לאנג אָנהאַלטען אָן א געוויסע פּאָליטישע סיסטעם. אלס האנדעלס לייטע זיינען זיי אויך געוועזען נייטיג פאר געוויסע קלאסען, בעזאָנ־דערס פאר דיא רייכע און גרויסע, און פיעלע פון דיא שווערע געזעצע געגען זיי זיינען ניט אנגעווענדעט געוואָרען אָדער זיינען בענוצט געוואָרען נור אויף צו ציהען פון זיי געלד.

אין דער צייט פון דעם אָסטגאָטהישען קעניג טהעאָדאָריך, וועלכער האט איינגענומען איטאליען אין 493 איז אידען געגאנגען ניט שלעכט, וואהרשיינליך נאָך בעסער וויא אונטער רוים. טהעאָדאָריך איז געוועזען איין אריאנער, און האט וויא אלע וועלכע אנערקענען ניט יעזוס אלס גאָט, ביז א געוויסען גראַד סימפּאַטיזירט מיט אידען. אין זיין צייט האבען געבליהט גרויסע אידישע געמיינדען אין רוים, אין נעאפּעל, אין מילאַן און גענוא. ווען דער איסט-רוימישער קייזער יוסטיניאַן האט דורך זיין בעריהמטען גענעראַל בעליזאר איינגענומען איטאליען, האבען דיא אידען געהאָלפען דיא אָסט-גאָטהען געגען דעם טיראַן פון קאָנסטאנטינאָפּעל. דיא אידישע העלדענמוטהיגע פערטהיידיגונג פון נעאפּעל אין יאהר 536 פארנעהמט איין עהרען פּלאַץ אין דיא געשיכטע פון יענער צייט. דיא אידישע לאגע איז אויך ניט פאר־ערגערט געוואָרן ווען די לאָנגאָבארדען אדער לאמבארדיער האבען איינגענומען אי־טאַליען אין 568. מיט א דור שפּעטער האט דעם גרעסטען איינפלוס אין איטאַליען

געהאט פאפסט גרעגאָר I וועלכער האט זיך געהאַלטען אין דעם כלל אז מען דארף מיט אידען געהן נור מיט גוטען. עד איז געווען געגען אלע געוואלט-מיטלען, און האט נור פערבאָטען אידען צו האבען קריסטליכע שקלאַפען.

אין פראנקרייך האבען אידען אין יענע פעריאָדע אויך נישט געהאט אויס־צושטעהן מעהר וויא עס איז צו ערוואַרטען פון יענע צייטען. כלאָדוויג אָדער קלאָ־וויס, דער ערשטער פון דיא פראנקישע קעניגליכע פאמיליע וועלכע זיינען בעקאנט אלס מעראָווינגיאַנער, וועלכער איז געוואָרען הערשער פון פראנקרייך אונגעפעהר אין 486 איז געווען שלעכט צו אידען, אבער שפעטער האט זיך זייער לאנגע פאר־בעסערט. אין דער צייט פון כילדעבערט I אין 554 ווערען דערמאָנט אידישע בע־אמטע, ריכטער, שטייער איינגעהמער און איינגעטהימער פון שיפען. שפעטער זיינען דיא קעניגע פון פראנקרייך געוואָרען גרויסע טויגעניכטסען און האבען פארלאָרען זייער גאַנצע דעה אין לאַנד. דיא הערשאפט איז אריין אין דיא הענד פון דעם האָף-מארשאל אדער „מאיאָר-דאָמאָ" און אידען האבען שוין דאמאָלסט געוואוסט וויא זיך צו קויפען פרייהייטען אדער מינדענסטענס רוהיגקייט.

נור אין איין לאַנד אין אייראָפּא האבען אידען אין יענער צייט אָנגעפאנגען צו האבען א געשיכטע, פריהער א זעהר טרויעריגע און נאכדעם א פרעהליכערע. שפאניען, דיא וויגעלע פון רעליגיאָנס-האס און פאנאטיזמוס, איז דיא ערשטע וואו אידען האבען אנגעפאנגען צו ליידען איבער זייער אמונה. גרויסע מאסען אידען האבען דאָרט געוואוינט נאך אונטער דיא רוימישע הערשאפט און שפעטער אונטער די וועסט-גאטהישע אריאנישע קעניגע און זיינען געוועזען אין א בעסערען צושטאנד וויא אנדערסוואו. עס זיינען דאָ קלאָרע בעווייזע פון שריפטען פון יענע צייטען אז דיא אידען אין שפאניען, זיינען דאמאָלס געווען הויפטזעכליך פארמערס, און עס פארשטעהט זיך דאס אין אזא גרעָסטענעם לאַנד וויא שפאניען, זיינען דיא ערד ארבייטער געווען א וואָהל-האבענדע קלאסע. דיא צרות האבען זיך אנגעהויבען אונטער רעקארעד, דעם ערשטען קאטהאָלישען קעניג פון שפאניען אונגעפעהר אין יאָהר 589. זיינע געזעצע געגען אידען זיינען געווען דיא ערגסטע פון וועלכע זיי האבען ביז דאן געהאט געליטען, און גיעבען אונז דעם ערשטען בעגריף פון דיא שפאנישע קאטהאָליקען און זייערע מערדערייען. פסח, מילה און אידישע חתונות זיינען פערבאָטען געוואָרען און מען האט זיי געצוואונגען צו עסען שווייגען-פלייש. עס ווייזט אבער אויס אז אונטער רעקארעד האבען די אידען זיך אויסגעקויפט פון דיעזע שטרענגע געזעצע מיט גרויסע סומען געלד, אבער זיין נאכפאָלגער סיסעבוט אין יאהר 620 האט געגעבען א בעפעהל אז דיא אידען פון שפאניען מוזען ווערען

קריסטען אדער פערלאזען דאס לאנד. פיעלע זיינען אנטלאפען נאך פראנקרייך און נאך נארד אפריקא, אנדערע זיינען אומגעקומען אדער געליטען פייניגונגען אין געפענגניסע, און מען רעכענט אז 90,000 זיינען געווארען געצוואונגענע קריסטען.

דיא פערפאלגונגען זיינען געווארען וואס וויטער ערגער. אונטער דיא קעניגע סינטילא און רעסעסווינטה זיינען ארויסגעגעבען געווארען נייע געזעצע געגען דיא געטויפטע אידען אדער דיא אלטע געזעצע זיינען נאך מעהר פערשטארקט געווארען. דעם לעצטענס נאכפאלגער, קעניג וואמבא, איז ארויף אויפ'ן טהראן אין 672 און דיא געטויפטע אידען האבען זיך אנגעשלאסען אן גראף הילדעריק, דעם גאווערנאר פון א פראווינץ וועלכער האט געגען איהם געמאכט איין אויפשטאנד. דער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געווארען אבער דער קעניג האט געלערנט א לעקציאן און אין דיא 18 יאהר וואס ער האט רעגיערט הערט מען פון קיינע נייע צרות אויף אידען. ווען ער איז ארונטער געווארפען געווארן פון טהראן האבען זיך אנגעפאנגען נאך ערגערע פערפאלגונגען. דער נייער קעניג ערוויג האט ארויפגעלייגט שרעקליכע שטראפען אויף דיא אידען וועלכע האבען ניט געוואלט אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען און זיי דערנאך פארטריבען פון לאנד. דיא נייע קריסטען זיינען אויך געפיינינט געווארען אויף אלערליי אופנים. אבער אין יענע האלב ווילדע צייטען ווען רעגיערונגען זיינען ניט געווען אזוי גוט ארגאניזירט וויא שפעטער, ווען דיא אדעלליים אדער הויבע בעאמטע האבען כמעט געהערשט אומאבהענגיג יעדער אין זיין געגענד און ווען דיא שטענדיגע קריעג האבען אלעמען געהאלטען בעשעפטיגט, זיינען געוועהנליך דיא געזעצע קיין מאל ניט דורכגעפיהרט געווארען מיט דיא גאנצע שטרייננקייט וויא מען האט זיי ארויסגעגעבען. דערפון קומט דאס עס האבען זיך נאך א־מער געפונען מאסען אידען אין שפאניען.

ערווינ'ס נאכפאלגער, עגיקא, איז געווען נאך ערגער פון איהם. ער האט פארבאטען דיא אידען און דיא נייע קריסטען צו זיין אייגענטהימער פון לאנד אדער פון הייזער און צו פיהרען געשעפטען מיט נארד אפריקא, וואו דיא מתמדנער האבען יעצט געהערשט און אידען האבען געלעבט פריי און גליקליך. דיא שפאנישע אידען פלעגען זיך אפט רעטען אין יענער געגענד (דיא יעצטיגע מאראקא און אומגעגענד) און וויסענדיג דיא שוואכקייט פון דיא וועסט גאטהישע קעניגרייך פון שפאניען, האבען זיי געראטהען דיא מורען (מורינען) אדער אראבער פון יענער געגענד, זיי זאלען אריבער נאך שפאניען און איהר איינגעהמען. אין 694 האט קעניג עגיקא ענטדעקט א פערשווערונג פון אידען צו ברייננען דיא מתמדנער פיינדע אין זיין לאנד, און האט אלס שטראפע אלע אידישע איינוואוינער פון שפאניע

געמאכט פאר שקלאפען און זיי צו שאַנקען צו פארשיעדענע העררען, מיט דיא בעשטימונג אז זיי טאָרען ניט בעפרייט ווערען. דיא אידישע קינדער זיינען אוועק־גענעבען געוואָרען צו קריסטען אויף ערציהונג. וואו זיי זאלען אין גאנצען פארגעסען אן דיא אמונה פון זייערע עלטערן.

אבער דיא ערנידריגונג פון דיא אידען האט ניט לאנג געדויערט. אונטער וויטינאָ, עגיקא׳ס נאכפאָלגער, האבען דיא אידען פון שפאניען און דיא שפאנישע אידען פון אפריקא זיך נאך אמאָל פעראייניגט מיט דיא מחמדנער פון אפריקא, און דיעזעס מאָל איז דער פלאן בעסער דורכגעפיהרט געוואָרען. דער אראבי׳שער העלד טאריק איז אריבער מיט איין ארמעע פון אפריקא נאך שפאניען, און מיט דיא הילפע פון דיא אידען האט ער געוואונען וואו ער איז געקומען. נאך דיא גרויסע שלאכט פון כערעס, אין יולי 711 וואו דיא שפאניער זיינען געשלאָגען גע־ווארען, און ראדעריק, דער לעצטער וועסט־גאָטהישער קעניג פון שפאניען איז גע־פאלען, האט זיך אנגעפאנגען דיא אראבישע הערשאפט אין שפאניען. יעדע שטאָדט וואס דיא אראבער האבען איינגענומען האבען זיי איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דיא אידען, און זיינען אליין אוועק ווייטער בעזיעגען דיא איבריגע טהיילען פון לאנד. דיא אידען וועלכע זיינען ערשט מיט א קורצע צייט צוריק געווען שקלא־פען זיינען יעצט געוואָרען דיא בעלי בתים, דיא אמת׳ע הערשער פון אזעלכע וויכטיגע שטעדט וויא קארדאווא, גראנאדא, מאלאגא, און פיעלע אנדערע פלעצער.

אידען האבען פאר טאריק מיט זיין ארמעע געעפענט דיא טויערען פון טאָ־לעדאָ, די דאמאָליגע הויפטשטאָדט פון שפאניען און איהם אויפגענומען מיט שמחה אלס ווילקאָממענער ערלייזער פון דיא מערדערישע אונטערדריקונגען וואס זיי האבען געליטען פון דיא קאטהאָלישע קעניגע אין דיא לעצטע הונדערט יאהר זייט רעקאָרעד. א קורצע צייט נאכדעם איז מוזא איבן נאשייר, דער גאָווערנאָר פון אפריקא געקומען מיט א צווייטע ארמעע ענדיגען איינגעמען שפאניען, און ער האט אויך אלע געפאלענע שטעדט איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דיא געטרייע אידען. דיא פראָווינצען פון דרום זייט פון שפאניען האבען אבגעלעבט אונטער דיא מילדע הערשאפט פון דיא אראבער. אידען האבען גענאָסען ניט נור גלייכע רעכטע און רעליגיאָנס פרייהייט, זאָנדערן אויך דיא רוהיגקייט און זיכערהייט וואס איז נייטיג צו ענטוויקלונג און פאָרטשריט. דיא אידען האבען אנגענומען דיא אראבישע שפראך אלס זייער מוטערשפראך, און זיינען געקומען אין נעהענטערע פערבינדונג מיט די אידען פון אראביען, פון פערזיען און פון בבל, וועלכע האבען געלעבט רוהיג און גליקליך אונטער דיא הערשאפט פון דיא קאליפען. בבל אונטער דעם ריש גלותא וועלכער איז יעצט געווען איין אמת׳ער פירסט, איז בעטראכטעט געוואָרען פון אלע אידען אלס דער מיטעלפונקט פון יודענטהום, און דאָרטען האט דער אידישער גייסט ערדייכט דיא העכסטע שטופע איידער עס פאנגט זיך אָן דיא גלאנץ־פעריאָדע פון דיא אידען אין שפאניען.

דריטער קאפיטעל.

ענן און דיא קראים.

דיא מחמדנישע האלבע לבנה איז געווען א שטערן פון האפנונג פאר אידען און וואו איהר הערשאפט האט זיך פארשפרייט האבען זיי אויפגעלעבט. דיא קליינע קריסטליכע פירסטען און קעניגע וועלכע האבען זיך געהאלטען אין דיא ברענעס פון שפאניען און האבען נעקעמפפט יאהרהונדערטע נאך אנאנד צוריק צו נעווינען דאס לאנד פון דיא אראבער, האבען זיך אויך אויסגעלערנט צו קוקען אויף דיא אידען מיט רעספעקט און זיי בעסער צו בעהאנדלען. אפילו אין פראנקרייך, וואו אידען האבען אין דעם 7טען יאהר־הונדערט שטארק געליטען אונטער קעניג קלאטער II (אונגעפעהר אין 615) און אונטער זיין נאכפאלגער דאגאבערט וועל־כער האט געפאלגט דעם ראטה פון ביצאנטינישען קייזער הערAקליוס צו פאר־פאלגען אידען, איז שפעטער אויך געווארען בעסער. דיא אידען וועלכע זיינען גוט בעהאנדעלט געווארען האבען מיט זייערע פעהיגקייטען און מיט זייער פערקעהר מיט דיא אידען פון אנדערע לענדער געבראכט פיעל נוצען דעם לאנד וואו עס איז זיי געווען גוט, און קלוגע פירשטען פון אנדערסוואו האבען אויך איינגעזעהן אז עס איז בעסער זיך מיט אידען גוט צו פערטראגען.

דיא אידישע שבטים פון אראביען וועלכע האבען זיך פארשפרייט איבער פרס, בבל און ארץ ישראל מיט דעם הערשאפט פון זייערע לאנדסלייט דיא אראבער, האבען ניט נור געהאלפען פארברייטען דיא אראבישע שפראך אונטער דיא אידען פון אזיען, זאנדערן האבען אויך פיעל בייגעטראגען צו ערוועקען א גע־פיהל פאר שעהנהייט און פאר פאעזיע. דער פייעריגער גייסט פון דיא אראבישע פאעטען האט אנגעפאנגען צו ווירקען אויף דעם האלב איינגעשלאפענעם גייסט פון דיא אידען, און דיא אידישע מוזע וועלכע איז געווען שטיל זייט פיעלע יאהר־הונדערטע האט אנגעהויבען צו ווייזען צייכענס פון לעבען. דיא אראבישע פאעטען האבען געזונגען פון דעם שטירמישען קריעגס־לעבען, פון דיא גבורות פון זייערע העלדען און דיא ווילדע ליעבע פון דיא מדבריות. דיא נייע אידישע משוררים הא־בען געזונגען פון דיא גרויסקייט און מאכט פון אידישען גאט און פון דיא

צרות וואס זיין אויסערוועהלטעס פאלק האט צו ליידען זייט דיא הייליגע לאנד איז ארויין אין גויעשע הענד. עס זיינען ענטשטאנען „פייטנים“ וועלכע האבען געמאכט תפלות פול מיט אנשפילונגען אויף פסוקים און מאמרי חז״ל, און פיעלע פון דיזע פיוטים וועלכע ווערען נאך געברויכט ביז הייטיגען טאג זיינען געשריעבען מיט גרויס טאלענט און ווייזען פאעטישע פעהיגקייט צוזאמען מיט גרויסע בקיאות. יוסי בר יוסי, ינאי און ר׳ אליעזר הקליר מקרית ספר זיינען דיא ערשטע פאעטען. זיי געהערען צו דיזע פעריאדע פון דיא צייט פון דיא גאונים אונטער מחמדנישע הערשאפט, אבגלייך מען קען ניט בעשטימט פעסטשטעלען אין וועלכע צייט זיי האבען געלעבט. פיעלע אנדערע אונבעקאנטע פאעטען און פערלארען געגאנגענע פיוטים געהערען צו יענער צייט פון דעם אנפאנג פון מאדערנע אידישע פאעזיע. עס איז אמת דאס עס זיינען דא מאנכע וועלכע בעהויפטען אז אנדערע פיוטים שטאמען נאך פון דיא צייט פון דיא חכמי התלמוד, אבער עס איז קלאר בעוויזען געווארען פון אמת פרומע געלעהרטע אז עס איז אונמעגליך דאס צו גלויבען.

מיט דיא הערשאפט פון איסלאם האט זיך דיא הערשאפט פון תלמוד בבלי איבער אידען אויף פערשפרייט פון אינדיען ביז שפאניען און פון קאווקאז ביז אפריקא, און די אידען אין אלע לענדער האבען אנערקענט די גאונים פון בבל אלס פארשטעהער פון גאנצען יודענטהום און געטהאן אלעס וואס זיי האבען געהייסען אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען. אבער גראדע אין דער צייט ווען דיא אויטהאריטעט פון תלמוד איז פערגרעסערט געווארען אין פרעמדע לענדער, איז ער אין דער היים שטארק אנגעגריפען געווארען. דיא אראבישע אידען וועלכע האבען יעצט געהאט א גרויסען איינפלוס אין בבל און פרס זיינען געוועזען, וויא מיר האבען שוין פריהער בעמערקט, גאנץ קנאפע אידען און זיי האבען דיא דינים פון תלמוד געפונען פאר א ביסעל צו שווער. דיא גייסטיגע טהעטיגקייט פון דיא וועלכע האבען נעדיינקט און שטודירט האט געבראכט צו אונטערזוכונגען, צו וכוחים און צו שפאלטונגען. דיא אראבער האבען אין יענער צייט אנגעפאנגען שטארק צו שטודירען דעם קאראן און דאס האט בעאיינפלוסט אידישע געלעהרטע אויך בעסער צו שטודירען דעם תנ״ך, און זיך מעהר אריינצוקאזען אין דקדוק און מסורה. דיא נייע אראבישע סעקטע וועלכע האט זיך ערקלעהרט געגען דיא סוננאה, אדער דיא טראדיציאנען וואס האבען זיך אנגעקליבען ביי דיא מחמדנער אין דיא לעצטע 150 יאהר, האט אויך ניט פערפעהלט צו האבען איהר ווירקונג אויף אידען, און עס האבען זיך אנגעפאנגען צו בעווייזען סעקטען וואס האבען זיך אפען ערקלעהרט גע־

גען דיא תורה שבעל פה, און האבען אויפגעוועקט דיא אלטע שפאלטונג פון דער צייט פון בית שני.

דער ערשטער אָפּענער גענגער פון תלמוד אונטער אידען פון וועלכען מיר וויסען עטוואס, איז געווען דער פאלשער משיח מיט דעם נאמען סערענא אדער שריני, וועלכער איז אויפגעשטאנען אונגעפעהר אין יאהר 720 און האט פארפיהרט פיעלע אידען. זיין פלאן איז געווען אבצושאפען תורה שבעל פה און איינצונעהמען פאלעסטינא. דער קאליף אמאר יגיד האט איהם געכאפּט און ווען ער האט אין איהם דערקענט א פּשוטען שווינדלער האט ער איהם איבערגעגעבען צו דיא אידען זיי זאָלען איהם בעשטראָפען. מיר האבען נאך דיא תשובה פון רב נטרונאי גאון אין וועלכע ער בעשטימט אז דיא אידען וועלכע זיינען פארפיהרט געווארען פון שריני זאלען צוריק אריינגענומען ווערען אין דיא אידישע געמיינדען, און דאס קען דיענען אלס א בעוויז אז אנדערע האבען זיי געוואלט אין גאנצען ארויס־שטויסען.

דרייסיג יאהר נאך שריני איז אויפגעשטאנען א צווייטער פאלשער משיח מיט דעם נאמען אבו־איסא אין דיא פערזישע שטאָדט איספאהאן. ער האט זיך אויך ערקלערט געגען תלמוד און האט אויך וויא זיין פאָרגענגער געוואָלט בעפרייען דיא אידען מיט דיא מאכט פון וואפען. ער האט אונגעפעהר אין יאהר 749 גע־מאכט איין ערנסטען אויפשטאנד, אבער ער איז שפּעטער געפאלען אין א שלאכט און עס איז ניט בעקאנט אויב זיינע נאכפאָלגער האבען געהאט איינפלוס אדער וויכטיגקייט אין שפּעטערע בעוועגונגען.

אבער דיא צייט פון א דריטע גרויסע שפאלטונג אין יודענטהום איז געווען געקומען. עס איז ניט געווען דיא צוטהיילונג פון א קעניגרייך, וויא דיא שפאלטונג צווישען ישראל און יהודה אין צייט פון בית ראשון; אויך ניט א צוטהיילונג אין פּאָליטישע פּארטייען וויא ביי דיא צדוקים און פרושים פאר'ן בית שני, זאָנדערן א רעליגיעזע שפאלטונג אונטער פרעמדע הערשאפט. דאך האט אויך דיעזע שפאלטונג געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף דעם אידישען לעבען און גע־בראכט פערענדערונגען אין אידישען גייסטיגען לעבען וועלכע האבען בעאיינפלוסט דיא גאנצע שפּעטערע אידישע געשיכטע.

דער פיהרער פון דער נייער בעוועגונג איז געווען ע נ ן ב ן ד ו ד, א מאן פון דיא פירסטליכע פאמיליע פון ריש גלותא. עס איז פון איהם אליין גאָרנישט איבערגעבליעבען מען זאל קענען אורטהיילען אויב ער איז געווען א גרויסער קאָפּ־מענש אדער ניט, דאך צייגט דער איינפלוס וואס ער האט געהאט אויף זיין צייט

אז ער האט געמוזט האבען געוויסע פעהיגקייטען. ענן האט וויא אלע אידישע גע-לעהרטע אין זיין צייט, געלערנט תלמוד און איהם גוט פארשטאנען, אבער מען האט דאך געוואוסט אז ער סימפאטיזירט וועניג מיט דיא תורה שבעל פה. ווען זיין פעטער, דער ריש גלותא שלמה איז געשטארבען אהן קינדער אונגעפעהר אין יאהר 760 איז ענן געווען דער קאנדידאט צו זיין זיין נאכפאלגער. *) דער בלינדער רב יהודאי גאון פון סורא און זיין ברודער רב דודאי פון פומבדיתא האבען אבער געקענט ענן אלס געגנער פון תלמוד און זיי האבען אנגעווענדעט זייער גאנצען איינ-פלוס און האבען אויסגעפיהרט דאס דער אינגערער ברודער פון ענן, חנניא אדער אחונא איז ערוועהלט געווארען ריש גלותא.

ענן איז דאן אפען ארויס געגען דיא גאונים און געגען דעם תלמוד אויף וועלכען זייער אויטאריטעט איז געווען געגרינדעט. זיין רייכטהום און זיין יחוס הא-בען איהם געהאלפען צו האבען גרויס איינפלוס. דיא אנטי-תלמודישע נאכפאלגער פון שריני און פון אבו איסא, וויא אויך דיא אנדערע סעקטען און איינצעלנע פער-זאנען וואס זיינען געווען אונצופריעדען מיט דיא תורה שבעל פה אדער האבען גע-האט אנדערע אורזאכען זיך אבצו-ווארפען פון דיא אידישע געמיינדע, האבען אין איהם געפונען זייער אנפיהרער. עס האבען זיך ארום איהם פערזאמעלט א גרויסע מאסע אנהענגער און אזוי איז געגרינדעט געווארען דיא ערשטע גרויסע סעקטע אין יודענטהום זייט דעם חורבן.

ענן האט זיך ניט אנגעגעבען אלס משיח, אזוי וויא זיינע פארגענגער און דערפאר האט ער אויך ניט געהאט קיינע שוועריגקייטען מיט דער רעגיערונג. דאך ווערט פון קראים דערצעהלט אז ער איז געווען אין געפענגניס און דאס עס האט ניט פיעל געפעהלט מען זאל איהם הייגגען. מען זאגט אויך דאס ער איז אוועק נאך ירושלים פארברייטען זיינע לעהרען און דאס ער האט דארט אויפגעבויט א שול וועלכע איז נאך געשטאנען אין דער צייט פון דיא ערשטע קרייץ-ציגע. אבער אלעס וועגען איהם איז אונבעשטימט און אונגעוויס; זיינע נאכפאלגער האבען קיינמאל ניט געהאט קיין געפיהל פאר היסטאריע, און מען געפינט וועגען איהם פיעלע שבחים אבער קיינע פאקטען פון וועלכע מען זאל קענען אפלערנען וואס מיט איהם האט פאסירט.

*) אנדערע קוועלען גיבען אן אז ער האט געוואלט ווערען ריש פתיבתא אדער גאון, אבער דער פאקט דאס אין דיא קראישע ליטעראטור ווערט ער גערופען ענן ר א ש ה ג ו ל ת איז א בעוויז אז דאס איז אמט צו וועלכע ער האט געשטרעבט.

אזוי ווייט וויא מען ווייס פון זיינע ערקלערונגען און פון זיינע בעשטימונגען וואס געפינען זיך אין דיא ספרים פון זיינע נאכפאָלגער קען מען אפלערנען דאס ער איז ניט געוועזן גרויס געגוג צו געבען זיין סעקטע מעהר פרייהייטען אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, אדער ליבעראלערע ערקלערונגען פון דער תורה וויא דיא רבנים. אין פיעלע הינזיכטען האט ער אויסגעקלערט אייגענע חומרות (וויא דיא בארבארישע אויסדייטונג פון „לא תבערו אש וכו׳“ אז עס טאָר שבת גאר אין גאנצען קיין פייער ניט ברענען אין א אידישע הויז) און געמאכט ערקלערונגען פון פסוקים וועלכע שיקען זיך פיעל וועניגער וויא דיא פשטים פון תלמוד. זיין בעוועגונג וועלכע האט געזוכט אלץ צוריקצופיהרען אויפ'ן פשט פון פסוק האט אבער פיעל בייגעטראָגען אז דיא רבנישע אידען, זיינע געגנער, האבען אויך אנגעפאנגען צו שטודירען דעם תנ"ך מיט מעהר אויפמערקזאמקייט וויא פריהער צו ווייזען דאס זיינע ערקלערונגען זיינען ניט דיא ריכטיגע. עס האבען זיך אנגעפאנגען שטרייטיגקייט וועגען פשטים און טייטש-ווערטער און זייענדיג פארטייאיש אין דיא הייליגע שריפט האבען ביידע זייטען אויך אָפט בענוצט פסוקים אלס הומאָריסטישע פייקען וועלכע איין זייט האט געשאָסען געגען אנדערען. אזוי צום ביישפיעל האט ענן געזאגט אז דיא צוויי ווייבער וועלכע זכריה הנביא שטעלט פאָר אז זיי פיהרען דיא זינד (הרשעה) איהר אויפצובויען א הויז אין בבל, זיינען דאס דיא גאונים פון סורא און פומבדיתא. זיינע געגנער האבען געענטפערט מיט דעם וואס זיי האבען אויף איהם און אויף זיין זוהן שאול געלייענט דעם פסוק: כלה ע נ ן וילך כן ירד ש א ו ל ולא יעלה.

דיא נאכפאָלגער פון ענן האבען זיך פריהער גערופען ענניים און זיינען געוועזן פיעל נעהענטער צו דיא רבנים אָדער תלמודישע אידען וויא דיא שפעטערע קראים. ביסלאכווייז זיינען ענטשטאנדען אנדערע סעקטען וועלכע זיינען געוועזן מעהר ראַדיקאל אין זייער אָפווייכונג פון אלטען יודענטהום. שפעטער האבען זיך אלע פאראייניגט און האבען אנגענומען דעם נאמען בני מקרא אדער קראים און מיט דיעזען נאמען זיינען זיי בעקאנט ביז היינטיגען טאג.

די רעליגיאָן פון די קראים וועלכע איז נאך שווערער אבצוהיטען און איז מעהר אבשטויסענד וויא דיא אידישע אָדער רבנישע, האט ניט געקענט מאכען אזא פאָרשריט אונטער אנדערע פעלקער וויא דיא קריסטליכע רעליגיאָן האט געמאכט ווען זיא האט פון זיך אראָבגעוואָרפען דעם יאָך פון תורת משה אין גאנצען. דיא קראים זיינען דארום געבליבען א אידישע סעקטע, א מין אידישע פראָטעסטאנטען, וועלכע מוזען בעטראכטעט ווערען אלס א טהייל פון יודענטהום און פערנעמען א

געוויסען פּלאַץ אין דער אידישער געשיכטע. זייערע פיהרער זיינען אין אנהויב געווען זעהר פּראָדוקטיוו, און זייערע ערשטע שריפטשטעלער וויא בנימין אל הא־וואַנדי אדער נהונדי, יוסף הרואה, סהל בן מצליח, סלמון בן ירוחם, יפת הלוי און זייערע קאמעראַדען אין דיא ערשטע צוויי הונדערט יאהר נאָך ענן, האפען געלייגט א פונדאמענט פון א קראַישע ליטעראַטור וועלכע האט פאר א צייט אויסגעזעהן כמעט וויכטיג גענוג צו פארדונקלען דיא גייסטיגע ארבייט פון דיא רבנים. אבער דאס האט ניט לאנג אנגעהאלטען, זייער פעסטהאלטען אן דיא טויטע בוכשטאבען האט געמאכט דאס זייער גייסט איז אויך אזוי וויא פארגליווערט אדער פערשטיי־נערט געוואָרען, אין דער צייט וואס דיא רבנים וועלכע זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון דיא ענטוויקלונג וואס טראַדיציאָנען בריינגען גאנץ אונבעמערקט זיינען גייסטיג ארויף העכער און העכער ביז דיא קראים האבען אין פערגלייך מיט זיי פארלאָרען אלע וויכטיגקייט אדער בעדייטונג.

פיערטער קאפיטעל.

דיא בילדער־שטרייטיגקייטען. דיא כוזרים. קארל דער גרויסער.

אין אנהויב פון אכטען יאהרהונדערט האט זיך אין דיא ביצאנטינישע אדער איסט רומישע מלוכה אנגעהויבען צו פערשפרייטען א שטרייטיגקייט צווישען קריסטליכע סעקטען פוז וועלכע דיא אידען האבען געליטען אויף איין אופן וואס זייא האבען ניט ערווארטעט. דיא שטרייטיגקייטען זיינען געווען וועגען דיא „היי־ליגע“ בילדער, וועלכע דיא קריסטליכע מאסען האבען אין דיעזער צייט אזוי שטארק פארנעטערט, אז דיא קריסטליכע געלעהרטע און דיינקער וועלכע האבען נאך גע־וואוסט עטוואס פון דיא ביבעל און פון דיא אידישע פרינציפען מיט וועלכע דאס קריסטענטהום האט זיך אנגעפאנגען האבען אין דיעזע בילדער־פערעהרונג געזעהען א נייעם געטצען־דיענסט און האבען געארביים דאגעגען מיט אלע כחות. עס פער־שטעהט זיך דאס אזוי וויט וויא אידען האבען זיך אין דיעזע שטרייטיגקייטען אין גאנצען אינטערעסירט, זיינען זייא געווען געגען דיא בילדער און דיא סטאטוען. עס איז אויך נאטירליך דאס ווען געזעטצע זיינען ארויסגעגעבען געווארען צו פערניכטען דיא היילינע בילדער און סטאטוען, האבען אידען געהאלפען דיעזע געזעטצע דורכ־צופיהרען, און האבען אויך געזוכט צו ציהען נוצען פון דעם האנדעל מיט דיא ברוך־מעטאל פון דיא טהייערע „הייליגע“ סטאטוען. דיא פאנאטישע מאסע און דיא גלחים וועלכע האבען מיט דיא בילדער צוגעצויגען צו זיך דיא נידריגע קלא־סען, האבען געהאלטען פאר דיא בילדער און עס איז קיין וואונדער אז זייא זיינען געווען דיא גרעסטע שונאים פון דיא אידען.

אבער דיא פערפאלגונגען זיינען געקומען גראדע פון דער אנדער זייט. אין יענע צייטען פון אונוויסענהייט, ווען פירשטען און גלחים האבען אפט ניט געקענט אונטערשרייבען זייערע נעמען, האט ניט איינער פון טויזענד געוואוסט וואס עס טהוט זיך אין דיא ביבעל און וועלכע ריכטיגע בעווייזע עס זיינען דא געגען דיא פערעהרונג פון דיא בילדער. אבער עס איז דיא מאסע לייכט געווען צו זעהען דאס

אידען אליין האבען קיינע הייליגע בילדער, דאס זייא האסען און פעראכטען דיא קריסטליכע בילדער, און ציהען נוטצען פון זייער פערניכטונג. עס האט זיך דארום פארברייט דער גלויבען אז אלע וואס זיינען געגען דיא בילדער זיינען אידען, און אז דיא גאנצע בעוועגונג צו פערניכטען דיא בילדער איז א פּלאן פון דיא אידען צו מאכען דיא קריסטען פאר אידען. קייזער לעא פון איסוריא וועלכער האט דאן גע־רעגיערט אין קאנסטאנטינאפּאל און איז געווען דער ערגסטער פיינד פון דיא ביל־דער, איז דארום בעשולדיגט געווארען אז ער איז איין אפיקורס און א איד אדער איז פערקויפט צו אידען. ער האט ניט געפונען קיין בעסערן מיטעל צו בעווייזען זיינע אונטערטהאנען אז ער איז א „גוטער" קריסט וויא מיט דעם וואס ער האט, אונגעפעהר אין יאהר 723 אנגעהויבען דיא אידען זעהר שטארק צו פערפאלגען.

דיעזע פערפאָלגונגען פון איין אונערוואַרטעטע זייט איז געווען נאך שווערער צו דערטראגען וויא ווען זייא פלעגען קומען פון דיא פאנאטישע גלחים און דיא נידריגע קלאסען וועלכע זיינען אימער געווען פיינדליך צו אידען. מאסען אידען פון קליין אזיען האָבען אויפגעגעבען זייער היים און זיינען אוועק אויף דיא טורישע האלב אינזעל (טאווריא, קרים) און זיך בעזעצט צווישען דיא טאָטערשע, די פינישע און דיא סלאווישע געמצען־דינער וועלכע האבען דאָרטען געוואוינט. יענע פעלקער, דיא אלאנען, דיא בולגארען און דיא כאזארען וועלכע האבען געוואוינט אויף דעם וועסטליכען ברעג פון קאספּישען ים, וואו דיא וואלגא פאלט אריין, זיינען וויא דיא מייסטע היידען, געווען ליבעראל געגען פרעמדע רעליגיאנען און אידען האבען אונ־טער זייא געלעבט גאנץ רוהיג.

עס איז ניט בעקאנט אויב דיא איינוואנדערונג פון אידען אין זיין לאנד האט געהאט איין איינפלוס אויף דיא רעליגיעזע אנזיכטען פון בולאן, דעם קעניג פון דיא כאזארען, א פאָלק פון דיא זעלבע ראסע וויא די פינלענדער. אבער עס איז געווים דאס אונגעפעהר אין יאהר 740 איז ער געווארען אונצופרידען מיט זיין גלויבען און האָט פעררופען צו זיך א אידישען, א קריסטליכען און א מחמדנישען געלעהרטען, אויסצוגעפינען פון זייא וועלכע פון דיא דרייא גרויסע וועלט־רעליגיאָנען וועלכע ער ער האט געקענט, איז דיא בעסטע. ווען ער האט בייא יעדען פון זייא געפרעגט וואס ער דיינקט פון דיא אנדערע רעליגיאָנען, האָט ער לייכט אויסגעפונען אז דער קריסט דיינקט אז דיא אידישע רעליגיאָן איז פיעל בעסער וויא דיא מחמדנישע, און דער מחמדנער דיינקט אז דיא אידישע איז פיעל בעסער וויא דיא קריסטליכע. דאס האט געגעבען דיא ענטשיידונג. קעניג בולאן און זיין פאמיליע, דיא העכערע קלאסען פון זיין פאָלק און שפּעטער גרויסע מאסען פון דיא גאַנצע בעפעלקערונג

האבען אנגענומען דעם אידישען גלויבען. דער נאָמען פון דעם אידישען געלעהרטען וועלכער האט דעם קריגערישען קעניג איבערצייגט אז יודענטהום איז דיא בעסטע פון אלע רעליגיאָנען, איז אין שפּעטערע דורות אנגעגעבען געוואָרען אלס ר׳ יצחק סנגרי (פון דערבענד אין קאווקאז?) און איהם האָבען מיר צו פערדאנקען דאס אונגעפעהר אין דער זעלבען צייט ווען דאָס יודענטהום איז צו שפּאָלטען געוואָרען דורך דעם נייעם אידישען פּראָטעסטאנטיזמוס פון ענן מיט זיינע קראים אין בבל, איז דיא זעלבע אמונה ארויף אויפן טהראָן בייא א פאלק פאר וועלכע דיא הערשער פון יענע צייטען האבען געהאט גרויס רעספּעקט.*)

פּולאַן איז געוועזן איינער פון דיא מעכטיגסטע קעניגע פון זיין צייט. א קורצע צייט איידער ער איז געוואָרען א איד האט ער געוואונען א וויכטיגע מלחמה געגען אראבער און אָרמעניער, און מען דיינקט דאס ער האָט אויך געהאט א פּאָליטישע אבזיכט אין אננעהמען יודענטהום. דער קריסטליכער קייזער פון קאסטאנטינאפּעל און דער מחמדנישער קאליף זיינען געוועזן זיינע הויפּט געגנער אין דיפּלאמאטיע און אויפ׳ן שלאכט פעלד, און ווען ער וואלט אנגענומען איינע פון יענע צוויי רעליגיאָנען וואָלט ער געקומען מעהר אונטער דעם איינפלוס פון איינעם אָדער פון אנדערען. אלס איד איז ער אָבער געבליעבען אזוי אונאבהענגיג וויא פריהער, און האָט געקענט ווייטער פיהרען זיין פּאָליטיק וויא איהם האָט אם בעסטען געפּאסט. ער איז אבער געוועזן העכסט טאָלעראנט און ליבעראל צו אנדערע פעלקער אָדער אפילו צו דיא כוזרים וועלכע האָבען זיך ניט מגייר געוועזן. דיא רעגיערונג איז געווען אין אידישע הענד און נור א איד האָט געקענט ווערען חאגאן אָדער קעניג. דיא אידישע כוזרים וועלכע האָבען זיך וואהרשיינליך פארמישט מיט איינגעוואנדערטע אידען, האָבען געמאכט פאָרטשריט אין האנדעל און אינדוסטריע, אין דער צייט וואס זייערע לאנדסלייט וועלכע זיינען געבליעבען היידען האבען געפיהרט א האלב ווילדען לעבען וויא פריהער. אָבער קיינער האט אונטער יענע אידישע מלוכה ניט געליטען די קלענסטע אונאנגענעהמליכקייט פאר וואס ער האָט ניט די זעלבע

*) אונגעפעהר מיט 400 יאָהר שפּעטער האט איינער פון דיא גרעסטע אידישע פּאָעטען און פילאזאפען פון מיטעל אַלטער, ר׳ יהודה הלוי, בענוצט דיזע וואונדערבארע געשיכטע פון דיא בעקעהרונג פון דיא כאַזארען צום יודענטהום, אַלס דיא גרונד לאַגע פאר זיין רעליגיאָנ׳ס-פילאזאפישעס ווערק, דעם ספר הכוזרי. אבער דיא טענות אין דעם ספר זיינען דיא טענות פון ר׳ יהודה הלוי, ניט פון ר׳ יצחק הסנגרי, וועלכען ער רופט דאָרט מיט דעם טיטעל חבר.

רעליגיאן וויא דיא רעגיערונג. דאס העבסטע געריכט אין לאנד איז געווען צוזאמענ־געשטעלט פון זיעבען ריכטער; צווייא אידען, צווייא מחמדנער, צווייא קריסטען, און איין געטצענדינער. דער לעצטער איז געווען דער פערטרעטער פון דיא היידנישע כאזארען און פון דיא מאסען בולגארען און רוססען וועלכע האבען דאן געוואוינט אין יענעם לאנד.

בולאן'ס זאהן און נאכפאלגער וועלכער האט שוין געהאט דעם אידישען נא־מען עובדיה, האט איינגעלאדען געלערנטע אידען זיך צו בעזעצען אין זיין קעניגרייך. ער האט געגרינדעט ישיבות און שולען און האט געזוכט צו פערשפרייטען אין זיין לאנד דיא קענטניס פון תנ"ך און פון תלמוד. אבער קריעג און פאליטיק האבען דיא כוזרים צו פיעל בעשעפטיגט און דיא מעגליכקייט רייך צו ווערען פון האנדעל האט אפגעצויגען דיא בעסטע קעפ פון לערנען, אזוי דאס זייער פארטשריט אין גייסטיגען לעבען פון יודענטהום איז געווען ניט גרויס. דיא אידישע מלוכה האט דארט עקזיסטירט אין ערך פון 250 יאהר, דאך איז פון דיא גאנצע פעריאדע ניט איבערגעבליעבען קיין איינציגער ליטערארישער אנדענקען, אויסער א בריעף פון א שפעטערען קעניג, וועלכער וועט ווייטער דערמאנט ווערען. אבער אויך אויף דיעזען בריעף גלויבען אנדערע אז ער איז ניט עכט.

אין אנדערע געגענדען פון אייראפא איז דיא אידישע לאגע אין יענער צייט, דאס הייסט אין ענדע פון אכטען און אין אנפאנג פון נייטנטען יאהר־הונדערט אויך געווען ניט שלעכט. דיא געזעטצע געגען האבען קריסטליכע שקלאפען און געגען גע־מישטע הייראטהען און נאך אזעלכע בצריכטע וואס זיינען איבער געבליעבען פון יענע צייטען זיינען א בעוויז אז עס זיינען געווען פיעלע וואהל־האבענדע אידען וועלכע האבען געהערט צו דיא העכערע קלאסען, און האבען געפיהרט גרויסע מסחרים. דער מעכטיגער קייזער קארל דער גרויסער (שארלמאין) וועלכער איז גע־ווארען קעניג פון פראנקרייך אין 768 און איז ביסלעך־ווייז געווארען דער הערשער פון כמעט גאנץ אייראפא, איז געווען א צו גרויסער שטאאטסמאן צו פערפאלגען אידען. ער האט זיך זעהר אינטערעסירט אין דיא לאגע פון דיא אידען און האט זייא געגעבען אלע מעגליכקייטען צו פערברייטען דעם האנדעל אין דיא נייע וועסט־רוימישע אימפעריע וועלכע ער האט געגרינדעט. קארל דער גרויסער איז גע־ווען דער ערשטער קריסטליכער הערשער וועלכער האט פרובירט אויפבויען א ציוויליזאציאן אין אייראפא, און אבגלייך דיא גרעסטע טהייל פון זיינע ארבייט איז שפעטער פערניכטעט געווארען, דיענט ער דאך אלס א בעוויז וויא ווייט א פעהי־

נער רעגיערער קען גוטעס טהאָן זיין לאנד אפילו אין אזעלכע פינסטערע צייטען וויא עס זיינען דאן געווען אין אייראָפּא.

אידען זיינען אונטער קארל דעם גרויסען אויך געקומען צו הויכע עמטער. אין דיא האפען־שטאדט נארבאָן (נרבונא) איז אין יענע צייטען איינער פון דיא צוויא פּרעפּעקטען אדער גאווערנארס א־מער געווען א איד, און עס זיינען געווען מעה־רערע אידישע פינאנס־בעאמטע אין פערשיעדענע פירסטליכע הויפען. דער גרויסער קעניג האט אויך געוואוסט וויא צו שעצען בילדונג און האט וויא עס שיינט אויך געהאט איין אויג אויף אידישע געלעהרזאמקייט. אין יאָהר 787 האָט ער געבראכט ר׳ קלונימוס הזקן מיט זיין זוהן משה און זיין נעפּפע פון לוקקא אין איטאליען און האט זייא בעזעצט אין מאגענצא אדער מאינץ אין דייטשלאנד, וועלכע איז אויך גע־עגען אונטער איהם.

אונגעפעהר מיט צעהן יאָהר שפּעטער האט דיעזער גרעסטער קריסטליכער קעניג פון מיטעלאלטער זיך בעשלאָסען צו שיקען א פריינדליכע געזאנדשאַפט צו דעם גרעסטען פון אלע מחמדנישע קאליפען, דעם בעריהמטען הארון־אל־ראשיד וועלכער האט אין יענער צייט רעגיערט אין באגדאד. דיא געזאנדטע זיינען געווען דיא צוויא גראפען לאנדפריעד און זיגיסמונד. און מיט זייא איז מיטגעגאנגען אלס דאָלמעטשער, א איד מיט דעם נאמען יצחק. ביידע קריסטליכע אדעללייט זיינען געשטאָרבען אויף׳ן וועג און דער איד יצחק אליין איז אוועק נאך באגדאד און איז אנגענומען געוואָרען פון הארון־אל־ראשיד אלס דער פערטרעטער פון קארל דעם גרויסען מיט גרויס עהרע. יצחק איז צוריקגעקומען מיט וויכטיגע פּרעזענטען וואס דער קאליף האט געשיקט צו דעם אייראפּייאישען מאנארך, און דיא אונגוויסענדע בעפעלקערונג האט דיעזע שליחות צווישען דיא הויפען פון באגדאד און אאכען (קארלים הויפּט שטאדט) בעטראכטעט אלס א זעלטענעם וואונדער און דעם אי־דען יצחק אלס איין איבערנאטירליכען מענשען. קארל איז מיט יצחק׳ס דורכפיה־רונג פון די דיפּלאמאטישע פערהאנדלונגען מיט דעם קאליף געווען אזוי צופריעדען דאָס ער האט איהם א צווייטען מאָל געשיקט נאך באגדאד. דיעזעס מאָל איז ער געווען זיין ריכטיגער געזאנדטער און דאָס האט נאטירליך דיא אידען געמאכט פיעל עהרע.

איינע פון דיא זאכען וואָס קארל האט געבעטען פון קאליף איז געווען אז ער זאָל איהם שיקען א געלערנטען אידען. הארון־אל־ראשיד האט איהם געשיקט א געוויסען רבי מכיר, וועלכען דער קייזער האט געמאכט צום פאָרשטעהער פון דיא אידישע געמיינדע אין נארבאָן. ר׳ קלונימוס און ר׳ מכיר זיינען דיא ערשטע תלמידי

חכמים פון וועלכע מיר ווייסען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך און דיא אידישע געלעהרזאַמקייט וועלכע איז שפּעטער אין יענע לענדער פערשפּרייט געוואָרען איז געווען דיא פרוכט פון דיא קלוגע דיפּלאָמאַטיע פון קאַרל דעם גרויסען, וועלכער האָט געבראַכט געלערנטע אידען צו זיין דיא פאָרשטעהער פון אידישע געמיינדען.

דיא אידישע לאַגע אין דאָס נייע אייראָפּייאישע וועסט רוימישע קייזער־טהום וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פון קאַרל אין יאָהר 800 איז אויך ניט פאַר־ערגערט געוואָרען ווען ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 814. זיין זאָהן און נאַכפאָל־גער, לואיס „דער פרומער״ איז געווען נאָך פריינדליכער צו דיא אידען וויא זיין גרויסער פאָטער, און זיין הויפּט ראטה געבער איז געווען זיין אידישער לייב־דאָק־טאָר צדקיה. אידען האָבען דאַן ערררייכט אזא הויכע שטופע דאָס דיא וועלכע האָ־בען געדאַרפט עפּעס אויסווירקען פלעגען זיך פריהער ווענדען צו זייא. דער קייזער האָט זיי פאַרטהיידיגט געגען אלע אנגרייפער, בעזאָנדערס געגען בישאָף אגאָבארד פון ליאָן, א גרויסער שונא ישראל וועלכער האָט זיך בעקלאָגט אז דיא אידישע שולען אין יענע שטאָדט פאַרנעמען א וויכטיגערען פּלאַטץ וויא דיא קירכען און דאָס דיא שעהנסטע טהייל פון שטאָדט ווערט בעוואוינט פון אידען.

ערסט נאָך דעם טויט פון קייזער לואיס דעם פרומען אין 840, ווען דיא נייע רוימישע מלוכה, וועלכע האָט נאָך אנגעהויבען צוריסען צו ווערען פאַר זיין לעבען, איז צושפּליטערט געוואָרען צווישען זיינע קינדער, איז דיא אידישע לאַגע פאַרערגערט געוואָרען. אונטער קאַרל דעם קאהל־קאָפּ (פּליכעוואטען) וועלכער איז געבליבען קעניג פון פראַנקרייך, האָבען זיך אנגעפאַנגען גזירות אויף אידען און זייא האָבען פאַרלאָרען דאָס רעכט צו זיין בעאַמטע פון דער רעגיערונג. בעזאָנדערס איז אין יענע צייט דיא מאַכט פון קעניגע און דיא הויפּט רעגיערונגען בכלל געוואָ־רען אין אייראָפּא פיעל שוואכער. עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא פיידאלע הערר־שאַפט, וואו יעדער באַראָן אָדער גרויסער לאַנד־אייגענטהימער איז געוואָרען א הערשער פאַר זיך און א טיראַן איבער דיא וועלכע זיינען אונטער איהם געלעגען. דאָס איז געווען דיא ערגסטע צייט פאַר אידען, ווייל בייא דיעזע קליינע טיראַנען איז געווען אונמעגליך צו דערגעהען רעכט, און זייא האָבען זיך אויך ניט געקימערט פאַר דיא אלגעמיינע פּרינציפּען פון זיכערהייט און גערעכטיגקייט וועלכע א גרויסע רעגיערונג פלעגט אימער, פון איהר אייגענע טובה וועגען, זוכען צו בעשיצען.

101 A. E. LESSY
MEMORIAL
LIBRARY

פינפטער קאפיטעל.

אראבישע בילדונג. רב סעדיה גאון. ענדע פון דיא ראשי גלותא.

דער גרויסער קאליף הארון־אל־ראשיד, וואס אין זיין צייט איז באגדאד געווען דיא שעהנסטע און דיא וויכטיגסטע שטאדט פון דער וועלט און פון וועמעס וועלכע דערצעהלט דיא אראבישע וואונדער געשיכטען אין אזעלכע ביכער וויא „טויזענד און איין נאכט“, איז דאך געוועזען א שטרייננער הערשער און אידען האבען זיך אונטער זיין צייט פיעל בעקלאגט וועגען שלעכטע בעהאנדלונג. דיא איינציגע שוואכע נחמה וואס זיי האבען געהאט איז דאס קריסטען האבען פון איהם אויך געליטען גראדע אזוי וויא אידען. נאך זיין טוידט אין יאהר 809 האט זיך אנגעפאנגען א קריעג צווישען זיינע צוויי זיהן וועלכער האט געדויערט פיער יאהר, און אין דיעזער צייט האבען אידען און קריסטען אויך פיעל געליטען. ערשט ווען זיין זינגרייכער זאהן אל־מאמון איז ארויף אויפ'ן טהראן, זיינען געקומען בעסערע צייטען. אל מאמון איז געוועזען טאלעראנט און האט ליעב געהאט בילדונג, און מיט דיא 20 יאהר וואס ער האט רעגיערט (813—833) פאנגט זיך אן דיא צייט ווען דיא אראבישע בילדונג האט אויפגעבליהט און אנגעפאנגען צו טראגען גלענצענדע פרוכט. דיא וויסענשאפטליכע שריפטען פון דיא אלטע גריכען זיינען יעצט איבערזעצט געווארען אין אראביש, און האבען געבילדעט דעם פונדאמענט פון דיא נייע בילדונג. באגדאד, קיירואן אין אפריקא און מערוו זיינען געווארען מיטעל־פונקטען פון וויסענשאפט, אזעלכע וויא דיא קריסטליכע אייראפא האט ניט געהאט ביז פיעלע יאהר־הונדערטע שפעטער.

דיא אידען אונטער דיא הערשאפט פון דיא קאליפען האבען, וויא מיר האבען שוין פריהער בעמערקט, אנגענומען אראביש אלס זייער מוטער שפראך, אין דיעזע פעריאדע האבען זיי זיך בעטהייליגט אין דיא פארשונגען און ליטערארישע ארבייט פון דיא אראבער, און מיר געפינען אידישע נעמען אונטער דיא גרעסטע געלעהרטע פון דיעזע פעריאדע. דער איד סאהאל ראבבאן האט אונגעפעהר אין

יאָהר 800 איבערזעצט פון גריכיש אין אַראַביש פּטאָלעמי'ס גרויסע אַסטראָנאָמישע װערק אלמאגעסט, װאס איז געוואָרען א טעקסט־בוך אין װעלכען מען האט געשטודירט אַסטראָנאָמיע דיא גאנצע צייט פון מיטעל אַלטער אין אלע לענדער. אין זאהן סאהאַל אַלי איז גערעכענט געוואָרען אלס איינער פון דיא גרעסטע אויטהאָריטעטען איבער מעדיצין פון יענער צייט.

א צווייטער בעריהמטער אידישער געלעהרטער פון דיעזער פּעריאָדע איז יצחק בן סוליימאַן הישראלי פון ענגיפּטען וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין 845 און האט געלעבט קרוב פון הונדערט יאָהר. ער איז געוועזען א בעריהמטער ארצט און זיינע מעדיצינישע ווערקע זיינען איבערזעצט געווארען אין העברעאיש, אין לאַטיין און צום טהייל אויך אין שפּאַניש, און זיינען שטודירט געוואָרען אין מעדיצינישע שולען. יצחק הישראלי איז געקומען אין קיירואַן, אַפריקא, אונגעפעהר אין 904 און איז דאָרט געוואָרען דער לייב דאקטאר פון פירסט ציאדעטה־אַללאַה. ווען אוביידאַללאַ (אויף וועמען מען זאָגט אז זיין מוטער איז געוועזען א אידישע פרוי) האט אין 909 בעזיעגט ציאדעטה־אַללאַה און געגרינדעט א נייע מלוכה אין נאָרד אפריקא איבער וועלכע ער האט רעגיערט דיא נעקסטע 20 יאָהר, איז יצחק געוואָרען זיין ארצט און האט פון זיינט וועגען געשריבען אכט ביכער איבער מעדיצין. דיא פילאזאפישע ווערקע פון יצחק הישראלי האבען ניט געהאט אזא גרויסען ווערטה, אָבער ער איז געוועזען איינער פון דיא ערשטע וועלכע האָבען איינגעפיהרט אונטער דיא רבנישע אידען צו לערנען נאך א וויסענשאפטליכע מעטהאָדע, און זיין איינפלוס איז געפיהלט געווארען אין דיא צייטען נאך איהם.

אין דיא אידישע ליטעראטור אליין האט זיך אין יענע צייט אויך אנגעהויבען צו בעוויזען צייכענס פון לעבען. אין אנפאנג זיינען דיא קראים אויף דיעזעם פעלד געוועזען שטארקער און האבען געשריעבען א סך מעהר, אין דער צייט וואס דיא רבנים האבען גאנץ וועניג אויפגעטהאן אויסער דיא תשובות וואס דיא גאונים פלעגען שרייבען וועגען דינים. רב יהודאי גאון אין דער צייט פון ענן איז דער מחבר פון „הלכות פסוקות“. דיעזער ספר איז שפעטער אריינגענומען געווארען אין ספר „הלכות גדולות“ וועלכען ר' שמעון קיירא האט פערפאסט מיט א דור שפּעטער. רב עמרם גאון פון סורא (869—881). האט אויפגעשריבען א פאָלשטענדיגען סידור תפלות פאר יצחק בן שמעון, דעם פאָרשטעהער פון דיא אידען אין שפּאַניען. דיעזער סידור עקסיסטירט נאך איצטער. רב צמח גאון פון פומבדיתא האט דער ערשטער פערפאסט איין ערוך אדער תלמודישען ווערטער־בוך און רב נחשון גאון פון סורא האט געשריבען א בוך איבער דעם חשבון פון אידישען לוח

(ספר העיגול).ביידע לעצטע ביכער זיינען פארלאָרען געגאנגען אין שפּעטערע צייטען.

אין יענע צייטען האט זיך אויך אנגעהויבען צו פארברייטען אונטער אידען דיא מיסטיציזם אדער געהיימע וויסענשאפט וועלכע דיא שפּעטערע חכמי הקבלה האבען ענטוויקעלט און פארברייטעט. גוטע קריטיקער גלויבען אז דער ספר יצירה און עהנליכע ספרי קבלה שטאַמען פון יענער צייט. צו יענע צייטען געהערט אויך דער היסטאָרישער שווינדלער אלדד הדני וועלכער האָט דורכגעריזט פּרס, בבל און אפריקא און איז שפּעטער אוועק נאך שפּאניען וואו ער איז פארפאלען געוואָרען. אלדד איז ערשיענען אונגעפעהר אין 885 און דערצעהלט אז ער שטאמט פון שבט דן און קומט פון דיא עשרת השבטים. ער האט דערצעהלט נייעס פון דיא בני משה, פון אידישע מלוכות און אידישע גבורות. אבער הויפּטזעכליך האט ער געזוכט צו פארברייטען דיא דינים פון יענע אידען וואס קיינער האט ניט געוואוסט וואו זיי זיינען, און דיזע דינים זיינען געווען שטארק עהנליך צו דיא דינים פון דיא קראים. מען גלויבט יעצט אז ער איז געווען א פערשטעלטער קראי און האט געמאכט פּראָפּאגאנדא פאר זיין סעקטע. דערפאר האט ער אויסגעמידען דיא ישיבות פון בבל אויף זיינע רייזען, ווייל דורך שריפטען האט ער עס געפונען לייכטער צו נארען אייניגע פון דיא גאונים, וועלכע האבען זיך געוויזען געניינט צו גלויבען זיינע וואונדערבארע מעשיות און בעוואונדערט דעם פאקט אז יענע אידען האבען געוויסע דינים בקבלה דירעקט פון משה רבינו.

אין דיא זעלבע צייט ווען דער אידישער גייסט האט אָנגעפאנגען אויפצולעבען, איז דיא לעצטע ביסעלע פּאָליטישע וויכטיגקייט וואס דיא אידען האבען נאך געהאט אין זייער הויפּט מיטעלפּונקט, בבל, געוואָרען שוואכער און שוואכער. דאס אמט פון ריש גלותא איז ניט מעהר געווען אזוי איינפלוסרייך וויא פריהער, און איז אויך ניט אזוי לייכט איבערגעגאנגען בירושה וויא איז עלטערע צייטען. דיא גאונים וועלכע האבען ניט צוגעלאָזען אז ענן זאָל ווערען ריש גלותא, האָבען נאָך זיין אָפּפאל פון רבנישען יודענטהום בעוויזען וויא וויכטיג עס איז אז מען זאָל אכטונג געבען ווער איז דער מאן וועלכער זוכט צו ווערען דער פירסט פון דיא אידען אין גלות, און זיי האָבען איינגעווירקט אויף דיא אידישע בעפעלקערונג אז א נייער ריש גלותא קען בעקליידען דאס אמט נור ווען ער האָט דיא צושטימונג פון דיא ישיבות. אין דער צייט פון קאַליף אל־מאַמון, וועלכען מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט איז פאָרגעקומען א שטרייטיגקייט איבער דיא פראגע ווער זאָל ווערען ריש גלותא און ביידע צדדים האבען אפּעלירט צום קאַליף. ער איז געווען א ליבעראַלער מענש און

מען האָט איהם אין יענער צייט פיעל בעלעסטיגט מיט עהנליכע שטרייטיגקייטען צווישען קריסטליכע סעקטען אין זיינע פּראָווינצען. ער האָט דארום ארויסגעגעבען איין ענטשיידונג אז ער וויל זיך ניט מישען אין דיא אינערע אנגעלעגענהייטען פון אידען אָדער פון קריסטען. יעדערע צעהן אידען, האָט ער ערקלערט, מעגען זיך ערוועהלען א ריש גלותא און יעדערע צעהן קריסטען איין ערץ־בישאָף. דאָס האָט נאטירליך דאָס אמט פון ריש גלותא נאך מעהר אָבגעשוואכט, און אָבגלייך איינער פון דיא צוויי שטרייטענדע קאנדידאטען, דוד בן יהודה איז שפּעטער דאך געבליבען דער איינציגער ריש גלותא, האָט ער ניט מעהר געהאט דיא מאכט און דעם איינפלוס פון זיינע עלטערע פאָרגענגער.

דיא ישיבה פון סורא איז אימער געווען דיא הויפּט־שטיצע פון ריש גלותא, און ווען דיא ישיבה פון פומבדיתא איז איהר איבערגעוואקסען איז דער ריש גלותא געוואָרען נאך שוואכער אין זיין שטעלונג. ווען רב האי בן דוד דער פאָרשטעהער פון דיא אידישע געמיינדע אין דיא הויפּטשטאָדט באגדאד, איז געוואָרען גאון אין פומבדיתא. (890—897) האט דאס דיא אינגערע ישיבה נאך מעהר פארשטארקט. אידען האָבען דאן געלעבט גליקליך און געהאט הויכע רעגירונגס־עמטער אונטער דער גוטען קאליף אל־מוטאדיד (892—902) און זיין וויזיר אוביד־אללאה איבן סוליימאן, און דער איינפלוס פון באגדאד איז אימער אויסגענוצט געוואָרען פאר פומבדיתא און געגען סורא. שפּעטער האָט מר כהן צדק גאון, וועלכער איז געווען ראש ישיבה פון פומבדיתא פון 917 ביז 936 געהאט א שטרייט מיט דעם דאמאָליגען ריש גלותא, עוקבא, וועגען דיינים און וועגען איינגאהמען פון דיא ישיבות. מר כהן צדק איז אויך געווען פון בגדאד און זיינע פריינד האָבען אויסגעווירקט ביי קאליף אל־מוכתאדיר (908—932) אדער ריכטיגער ביי זיין וויזיר אבן פוראט, אז עוקבא האָט פערלאָרען זיין אמט און איז פארטריבען געוואָרען פון בגדד. דער דאמאָליגער גאון פון סורא, רב יעקב בר נטרונאי איז געווען צו שוואך צו האָבען איין איינפלוס אויף דיא שטרייטענדע פּארטיען און מר כהן צדק האט אויסגעפיהרט דאָס עס איז פאר א קורצע צייט גאָר ניט געווען קיין ריש גלותא.

אָבער דער פערטריעבענער עוקבא האָט ניט געשוויגען. ער איז געווען אראַביש געבילדעט און האָט געשריעבען גוטע אראבישע פּאָעזיע. דיא שיינע פערזען וועלכע ער האָט געשריבען צום קאליף ערקלעהרענדיג זיין טרייהייט, האָבען איהם פערשאפט דיא גונסט פון קאליף, וועלכער האט איהם צוריקגעבראכט נאך באגדאד און ווידער געגעבען זיין אמט. עס איז אָבער געלונגען מר כהן צדק און זיין פארטיי דעם ריש גלותא ווידער ארונטער צו ווארפען און איהם (אין 919) צו פערטרייבען

נאך קיירואן אין אפריקא. וואו עס האט געהערשט איין אנדער מחמדנישע דינא־סטיע. דער פילאזאף און ארצט יצחק חישראלי, וועלכער איז געשטאנען זעהר הויך אין קיירואן, האט דעם פערטריבענעם אידישען פירסט אויפגענומען בכבוד גדול. עוקבא איז אין אפריקא בעהאנדעלט געווארען וויא א ריש גלותא און האט דארט געענדיגט זיינע יאהרען אין רייכטהום און עהרע.

אין בבל איז נאך אויך געוועזען צו פריה אז דאס אמט פון ריש גלותא זאל אונטערגעהן. דיא אידישע בעפעלקערונג האט נאך שטארק געהאלטען פון דיא פירסטען וועלכע האבען זיך גערעכענט אז זיי שטאמען פון מלכות בית דוד, און זיך געפיהלט שטאלץ אויף זייער הויכע ווירדע אין באגדאד, ווען צוויי יאהר זיינען ארי־בער זייט עוקבא איז פארטריבען געווארען, האט רב יעקב בן נטרונאי פון סורא געפאסט מוטה און ערנאנט דוד בן זכאי, א קרוב פון עוקבא צום ריש גלותא. מר כהן צדק האט איהם ניט אנערקאנט און דער נייער ריש גלותא, ווען ער איז פעסטער געווארען אין אמט האט ארונטערגעווארפען דעם גאון פון פומב־דיתא. מען האט זיך ארומגעריסען א פאאר יאהר ביז איין אלטער בלינדער מאן האט געמאכט שלום צווישען ביידע אנפיהרער. מר כהן צדק האט אנערקענט דעם ריש גלותא, און יענער ווידער האט בעשטעטיגט דעם גאון אלס פארשטעהער פון דיא ישיבה אין פומבדיתא.

אבער דוד בן זכאי איז ניט געוועזען דער מאן צו פארגעבען אדער פארגעסען. אלע האבען געוואוסט אז מר כהן צדק האט ניט געזוכט קיין גרויסקייט פאר זיך און האט נור געוואלט דאס דיא ישיבה און דיא גאונות זאל ניט ליגען אונטער דיא פיס פון ריש גלותא וועלכער איז געוועהנליך געווען א פאליטיקער און זיך געקימערט נור וועגען גרויסקייט און איינגאהמען. דוד האט יעצט געזוכט אפצושוואכען דיא ישיבה פון פומבדיתא און עס איז איהם ווירקליך געלונגען איהר צו פארדונקלען, דורך דעם וואס ער האט ביי דיא ערשטע געלעגענהייט אראפגעבראכט א בעריהמ־טען אויסלענדישען אידען און איהם געמאכט צום גאון פון דיא ישיבה אין סורא.

דיעזער מאן איז געוועזען רב סעדיה בן יוסף אל־פאיומי, פון פאיום אדער פיתום אין עגיפטען, דער ערשטער אידישער גרויסער דיינקער און פע־היגער שריפטשטעלער פון דיא נאך־תלמודישע ליטעראטור. ער איז געבארען געווארען אין 892 און איז בעריהמט געווארען אין זיין פאטערלאנד אלס דער גרעסטער תלמיד חכם, אלס איין אראבישער געלעהרטער און מייסטער פון אלע וויסענשאפטען פון יענער צייט און אלס דער בעסטער שרייבער געגען קראים און אפיקורסים וואס דיא רבנישע אידען האבען ביז דאן פראדוצירט. דוד בן זכאי

האט זיך ניט געגארט אין רב סעדיה'ס גרויסקייט. דיא ישיבה פון פומבדיתא איז באלד געווארען אונבעדייטענד און מר כהן צדק גאון איז כמעט פארגעסען געווארען דורך דעם גלאנץ פון דעם ריעזיגען גייסט פון דעם נייעם גאון פון סורא. אבער דער ריש גלותא האט א טעות געהאט אויב ער האט געמיינט אז דער מאן וועמען ער האט ערהויבען צו דיא גאונות וועט זיין א ווערקצייג אין זיינע הענד און טהאן וואס ער וועט איהם הייסען. רב סעדיה איז געקומען נאך בבל אין 928 און איידער פינף יאהר זיינען אריבער איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען איהם און דעם ריש גלותא. דוד בן זכאי האט ארויסגעגעבען א וויכטיגען פסק צו וועלכען ער האט גע־דארפט דעם גאון'ס אונטערשריפט. רב סעדיה האט געדיינקט אז ער האט געפסקנט פאלש און האט ניט געוואלט אונטערשרייבען. עס איז ענטשטאנדען א ביטערער קאמפף און עס איז געקומען אזוי ווייט אז דער גאון און דער ריש גלותא האבען זיך מחרים געווען איינע דיא אנדערע. רב סעדיה וועלכער איז געווען איין אויסלענדער האט נים געהאט אזוי פיעל רייכע אונטערשטיצער אדער וויכטיגע אנהענגער ווי דיא פירסטליכע פאמיליע פון דוד בן זכאי און ער האט זיך דארום צוריק געצויגען פון סורא און פארבראכט פיער יאהר אין באגדאד ביז דער שטורם איז אריבער.

דיעזע פיער יאהר וואס דער גרויסער מאן איז געווען באהאלטען אין באגדאד, זיינען געווען דיא פרוכטבארסטע פון זיין לעבען, ווייל דאן האט ער געהאט צייט און האט געשריבען דיא בעסטע פון זיינע ווערקע. דיא ליטערארישע ארבייט פון רב סעדיה גאון האבען פארדונקעלט אלעס וואס דיא קראים האבען ביז יענער צייט אויפגעטהאן, און מען קען זאגען אז ער איינער האט אריבערגעצויגען דיא גע־וויכט אויף דיא רבנישע זייט און אפגעהאלטען זייער אויפוואקסען אין דיא צייט ווען זיי זיינען געווען זעהר שטארק. זייט ער איז ערשינען זיינען דיא אנפיהרער פון דיא קראים געווען בעשעפטיגט נור מיט איהם און מיט זיינע שריפטען, און זייערע גרויסע מענער ווי סלמון בן ירוחם, סהל בן מצליח און יפת הלוי זיינען בעריהמט נור פאר זייערע ליטערארישע אנגריפע אויף דעם מאן געגען וועמען זיי האבען אויס־געזעהן ווי קינדער געגען א ריעז.

רב סעדיה'ס ליטערארישע ארבייט איז אויך ניט געווען בעשריינקט אויף זיין געגנערשאפט צו דיא קראים. ער האט געשריבען א העברעאישען ווערטערבוך (אגרון), האט איבערזעצט דעם תנ"ך אויף אראביש און געמאכט אויף איהם פירו־שים. זיין הויפט ווערק איז דער ספר „אמונות ודעות" א מייסטער ווערק איבער רעליגיאנס־פילאזאפיע, וועלכעס האט א גרויסען ווערטה נאך איצטער, ווען עס איז

שוין צוועק באלד טויזענד יאהר זייט עס איז פערפאסט געוואָרען. אויסער דעם האָט ער געשריבען תלמודישע אָבהאנדלונגען, שירים, פיוטים, כללים פון סוד העיבור און א ווערק איבער דיא מסורה אין וועלכע ער איז ארויסגעטרעטען געגען דעם גרויסען בעל מסורת אהרן בן אשר.

דערווייל איז זיין פּאָפּולאריטעט געשטיגען און דיא צאהל פון זיינע אנהענגער געוואקסען. דער נייער קאליף אבראדהי איז געווען א מאן וואס האָט ליעב געהאט גערעכטיגקייט און זיין וויזיר עלי אבן־איסא האָט זיך געוויזען געניינט צו דיא זייטע פון דעם גרויסען געלעהרטען. עס איז דארום ניט שווער געווען פאר גוטע פריינד פון ביידע זייטען צו מאכען שלום צווישען רב סעדיה און דוד בן זכאי. רב סעדיה איז צוריק געוואָרען גאון אין 937 און סורא איז ווידער געקומען צו איהר הויכע שטופע און אהין זיינען געקומען שאלות פון אלע לענדער אויף וועלכע רב סעדיה האט געענטפערט זיינע תשובות אין לשון קודש אָדער אראביש. ער איז געוואָרען נאָך מעהר בעריהמט וויא פריהער אָבער דיא מחלוקת און דיא פערפאָלגונגען וועלכע ער האָט געליטען האָבען אונטערגראָבען זיין געזונדהייט. ווען דוד בן זכאי איז געשטאָרבען אין 940 האָט רב סעדיה בענוצט זיין איינפלוס אז יהודה דער זאָהן פון זיין אמאָליגען געגנער זאָל ווערען ריש גלותא, דער נייער פירסט האָט רעגיערט נור זיבען מאָנאט און איז געשטאָרבען לאָזענדיג א זאָהן 12 יאָהר אלט וועלכען רב סעדיה האָט אָנגענומען אלס זיין אייגען קינד. מיט דיא האָפנונג איהם שפּעטער צו מאכען פאר ריש גלותא. אָבער ער האָט ניט דערלעבט צו זעהן דעם טרויעריגען סוף פון דעם לעצטען פירסט פון מלכות בית דוד. רב סעדיה איז געשטאָרבען פון מעלאַנכאָליע אָדער מרה שחורה אין יאָהר 942 ווען ער איז געווען נור 50 יאָהר אלט.

נאָך זיין טוידט איז דיא ישיבה פון סורא צוריק אָבגעשוואכט געוואָרען. אין פומבדיתא איז דאן געוואָרען דער גאון א רייכער געבילדעטער סוחר פון באגדאד, אהרן אבן סרגדא וועלכער איז אפילו ניט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם, אָבער ער האָט פערשטאַנען וויא צו פיהרען גרויסע אונטערנעהמונגען און אונטער זיין געשיקטע פיהרונג איז דיא איינגערע ישיבה ווידער געוואָרען דער מיטעל פּונקט פון תלמודישע געלעהרזאמקייט. זעקס יאָהר נאָך רב סעדיה׳ס טוידט איז סורא געוואָרען אזוי אָפּגעשוואכט אז דער לעצטער גאון, רב יוסף האָט איהר פארלאָזען און איז אוועק נאָך בצרה און דיא עלטסטע ישיבה פון בבל, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פון רב מיט מעהר ויא 700 יאָהר צוריק איז געשלאָסען געוואָרען.

דיא אידישע איינוואוינער פון סורא האבען שטארק בעדויערט דעם אונטער־גאנג פון אזא וויכטיגען אנשטאלט וויא דיא ישיבה און זיי האבען בעשלאסען צו טאבען אלע מעגליכע אנשטרענגונגען איהר ווידער צו עפענען. זיי האבען אויסגע־קליבען פיער תלמידי חכמים וועלכע מען האט אוועקגעשיקט נאך איירא־פא אלס שלוחים צו דיא אידישע געמיינדען צו בעטען אונטערשטיצונג פאר דיא ישיבה וועלכע זיי האבען בעאבזיכטיגט צו בענייען. אבער דיא געזאנדטע פון סורא זיינען געפאנ־גען געווארען פון א שפאניש־אראבישען קאפיטאן ניט וויט פון ברעג פון איטאליען און ער האט זיי פארקויפט פאר שקלאפען אין פערשיעדענע לענדער. דער שיקזאל פון דיעזע פיער שקלאפען האט געהאט א וויכטיגען איינפלוס אויף דעם שיקזאל פון דעם גאנצען יודענטהום. דיא ישיבה פון סורא איז ניט געעפענט געווארען און דיא ישיבה פון פומבדיתא האט אויך שנעל פארלארען איהר וויכטיגקייט דורך דעם וואס דיא פיער געפאנגענע לומדים האבען אנגעפאנגען צו פארשפרייטען דיא תורה אין לענדער וואס זיינען פריהער געווען אבהייגניג פון בבל. מען קען זאגען אז דיא גאונות אין גאנצען איז שפעטער אונטערגעגאנגען דורך דיא סבה וואס האט גע־טראפען מיט דיא לייטע וואס זיינען געשיקט געווארען צו פערשטארקען איינע פון דיא ישיבות.

אונגעפעהר אין דיא זעלבע צייט ווען דיא אלטע ישיבה פון סורא האט אויפ־געהערט צו עקזיסטירען, האבען אידען אויך פארלארען דעם לעצטען סימן פון איי־גענע הערשאפט וואס האט זיך נאך געהאלטען אין בבל—דאס אמט פון ריש גלותא. דוד בן זכאי איז אין אמת געווען דער לעצטער ריש גלותא וועלכער האט געשפיעלט א ראללע אלס אידישער פירסט. זיינער א קרוב וועלכער איז אויסגעקליבען געווא־רען צו בעקליידען דאס אמט אין דער צייט וואס זיין אייניקעל, דער תלמיד פון רב סעדיה גאון איז געווען צו יונג, איז אום געבראכט געווארען דורך א בלבול פון פא־נאטישע מחמדנער. עס איז געקומען דיא צייט ווען דיא הערשענדע קלאס אין באג־דאד האט ניט געקענט מעהר צו זעהן אז א איד זאל שפיעלען דיא ראללע פון א פירסט און מען מוז אויך צוגעבען דאס דיא לעצטע ראשי גלותא האבען דורך זיי־ערע שטרייטיגקייטען מיט דיא גאונים און דורך זייער געלד־לוסט זיך געמאכט פער־האסט ביי אידען און ניט אידען צוגלייך. ווען דער אייניקעל פון דוב בן זכאי, דער דער לעצטער מאן וועלכער האט געטראגען דעם טיטעל איז אויך אומגעבראכט געווארען דורך א בלבול וואס שונאי ישראל האבען אויף איהם געמאכט, האבען דיא אידישע פארשטעהער פון יענעם דור ניט געוואלט מעהר ריזיקירען צו ערוועה־לען אן אנדער אפפער אויף זיין פלאץ, ווייל מען האט געזעהן קלאר אז א ריש

גלותא וועט זיך אונטער דאמאליגע אומשטענדען נישט קענען לאנג האלטען.

דער פאנאטיזמוס פון דיא קריסטען האט געמאכט איין ענדע צו דעם הויכען אמט פון נשיא אין ארץ ישראל אין פינפטען יאהרהונדערט און דער פאנאטיזמוס פון דיא מחמדנער אין אזיען האט געטהאן דאס זעלבע מיט דעם העברערן אמט פון ריש גלותא אין בבל אין צעהנטען יאהר-הונדערט. דיא ישיבה אין פומבדיתא אדער אין פרוז שבור וועלכע איז נאך געבליבען, איז אויך געווארען וואס ווייטער שוואכער און איז אין נעקסטען יאהרהונדערט אויך אונטערגעגאנגען. עס האט זיך אנגעפאנגען א פעריאדע פון וויסענשאפט און פאעזיע; מדקדקים און משוררים, ערצטע און פילאזאפען האבען אנגעהויבען צו פארנעהמען דעם וויכטיגסטען פלאץ אין אידישען גייסטיגען לעבען. דער מיטעל פונקט פון דיא נייע טהעטיגקייט איז נים מעהר געווען בבל, זאנדערן דיא לאנד אין וועלכע אידען האבען אין דער צייט פון מיטעל-אלטער געהאט פריהער מעהר נחת און נאכדעם מעהר צרות וויא אין יעדע אנדערע לאנד פון אייראפא — אין ש פ א נ י ע ן.

זעקסטער קאפיטעל.

ר' משה בן חנוך. חסדאי אבן שפרוט און דיא שפאנישע קולטור. קאררעספאנדענץ מיט דיא כוזרים.

דיא פיער תלמידי חכמים וועלכע זיינען געפאהרען נאך איראפא זוכען הילפע פאר דיא ישיבה פון סורא און זיינען אריינגעפאלען אין שקלאפעריא זיינען פער־קויפט געווארען אין פיער פערשיעדענע פלעצער. עס איז דאמאלס געוועזען א גאנץ געוועהנליכע זאך צו פערקויפען געפאנגענע פאר שקלאפען און אידען אין אלע גרויסע שטעדט וואו זיא האבען געוואוינט, בעזאנדערס אין האפען־שטעדט, האבען אימער אפגעהיט דיא גרויסע מצוה פון פדיון שבויים צו אויסקויפען און בעפרייען דיא אידישע געפאנגענע וועלכע פלעגען געבראכט ווערען צום פארקויפען. עס איז דערפאר געוועזען א גאנץ נאטירליכע זאך דאס יעדער פון דיא פיער איז אויסגעלייזט און בעפרייט געווארען דארטען וואו מען האט איהם געבראכט. דער ערשטער ר' שמריה בן אלחנן איז פארקויפט געווארען אין אלעקסאנדריען אין עגיפטען. ווען מען האט איהם בעפרייט איז ער אוועק נאך קאירא און איז דארט געווארען דער גרעסטער פיהרער פון דיא געמיינדע. דער צווייטער, ר' חושיאל, (דער פאטער פון דעם בעריהמטען רבנו חננאל) איז פערקויפט און בעפרייט געווארען אין קיירואן, אפריקא, וואס איז דאן אויך געוועזען א וויכטיגער אידישער מיטעלפונקט און האט דארט געגרינדעט א ישיבה. וועגען דעם דריטען ווייס מען ניט קלאר, אבער מען דיינקט אז ער האט געהייסען ר' נתן בן יצחק הבבלי און איז געקומען אין נארבאן, פראנקרייך.

דיא הויפטוויכטיגקייט פאר דיא אידישע געשיכטע האט דער פיערטער פון דיזע געפאנגענע משולחים, ר' משה בן חנוך, וועלכער איז פון דעם רויבער קאפי־טאן אדער אדמיראל אבן־רומחים געבראכט געווארען נאך קארדאווא, דיא דאמא־ליגע הויפט שטאדט פון דיא מחמדנישע שפאניען. ר' משה האט דורכגעמאכט מעהר געפאהר ויא זיינע פאראונגליסטע קאמעראדען. ער האט אויף דער רייזע

מיט גענומען זיין שיינע פרוי און זיין יונגען זאָהן. ווען זייא זיינען אריינגעפאלען אין דיא הענד פון אבן־רומחים האָט דיא שיינקייט פון דיא פרוי אויף זיך צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם רויבער און ער האָט איהר אָנגעפאנגען צו בעד־לעסטיגען. זיא האָט נאטירליך ניט געקענט האָפען זיך צו רעטען פון זיינע הענד אויף דיא שיף וואו ער איז געוועזן דער הערר, און זיא האָט דארום נאָר געפרעגט איהר מאן אויב דיא וועלכע ווערען דערטרונקען קענען אויפשטעהען תחית המתים. ווען ער האָט איהר געענטפערט מיט דעם פסוק „אמר ה׳ מבשן אשיב אשיב ממצולות ים" האָט זיא זיך אריינגעוואָרפען אין וואסער און איז דערטרונקען גע־וואָרען. ווען דער אונגליקליכער ר׳ משה איז מיט זיין איינעל חנוך געבראכט גע־וואָרען נאך קאָרדאָווא האבען זייא דיא רייכע אידען אויסגעלייזט וויא זייא פלעגען אימער טהאָן און זיך ניט מעהר וועגען איהם געקימערט. דער בעפרייטער איז אוועק אין בית המדרש פון קארדאווא און זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל. דאָרט איז געוועזן דער גייסטיגער פאָרשטעהער פון דיא אידישע געמיינדע א געוויסער דיין מיט דעם נאמען ר׳ נתן, איין עהרליכער מאן, וועלכער האָט אָבער ווייניג פערשטאַ־נען דעם תלמוד און האט איהם דאך געזוכט צו לערנען. ר׳ משה האָט געהערט וויא ער האָט אייניגע פלעצער נים ריכטיג ערקלערט און האָט געשוויגען, אָבער ווען ר׳ נתן האָט פארטייטשט „על כל הזאה טבילה" (אין די עבודה פון יום כפור) דאָס צווישען איין שפריץ און דעם אנדערן דארף דער כהן גדול זיך טובל זיין אין וואסער, האָט דער גרויסער תלמיד חכם פון בבל זיך נים געקענט מעהר איינהאל־טען און זיך אויפגעשטעלט, בעטענדיג דעם עולם און דעם דיין אום פערצייהונג און האָט ערקלערט אז דער פשט איז דאָס פאר יעדער שפריץ דארף דער כהן גדול איינטונקען דעם פינגער אין דיא בלוט. דיא פערזאמעלטע אידען זיינען ער־שטוינט געוואָרען ווען זייא האָבען אויסגעפונען דאָס דער איד אין דיא צוריסענע קליידער וועלכען זייא האָבען אויסגעלייזט פאר א קליינע סומע נאר פאר רחמנות וועגען, פארשטעהט תלמוד בעסער וויא זייער דיין. ר׳ נתן אליין האָט איהם גע־פרעגט אנדערע שווערע פונקטען אין תלמוד וואָס ער האָט ניט קלאָר פערשטאַנען און ר׳ משה האָט אלעס אזוי געשיקט פאָרענטפערט אז ר׳ נתן האָט גלייך אויפ׳ן אָרט זיך אָפגעזאָגט פון זיין דיינות און זיך ערקלערט אלס א תלמיד פון דעם אָרעמען בבלי. ער האָט געראטהען די אידען פון קארדאווא זיי זאָלען ר׳ משה׳ן אויפנעהמען אויף זיין פלאטץ און זייא האָבען איהם גערן געפאָלגט. דער עלענדער שקלאַף איז געוואָרען פאָרשטעהער פון דיא אידישע געמיינדע אין קאָרדאָווא ; ער האָט געקריגען רייכע פרעזענטען, א גרויסע געהאַלט און איין עקיפאזש מיט דיענער. דיא

רייכע אידען פון קארדאווא זיינען געווען פול פרייד אז זייא האבען געקריגען א גרויסען תלמיד חכם אין זייער שטאדט און וועלען נים מעהר דארפען אנקומען צו דיא גאונים פון בבל אין פראגען וועגען רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען.

ווען אדמיראל אבן־רומחים האט דערהערט אז דער ארעמער „שבוי" וועלכען ער האט אזוי ביליג פארקויפט איז געווארען אזא וויכטיגע פערזאן אין קארדאווא האט ער געוואלט חרטה האבען אויף דעם מסחר און האט פון דיא אידען פון קארדאווא געפאדערט א גרויסע סומע געלד. נאך דיא דאמאליגע בעגריפע פון גערעכטיגקייט וואלט ער וואהרשיינליך אויסגעפיהרט, אבער דיא אידען פון הויפט שטאדט האבען דאן געהאט אין הויף פון קאליף עבדול־רחמן III א מעכטיגען פערטרעטער אין דיא פערזאן פון דעם אידישען מיניסטער חסדאי בן יצחק אבן שפרוט. דיעזער שטאאטסמאן האט דעם עהרליכען קאליף לייכט איבער־צייגט אז עס איז א טובה נים נאר פאר דיא אידען פון שפאניען, זאנדערען פאר שפאניען אין גאנצען, אז עס זאל זיך געפינען א גרויסער תלמיד חכם אין קארדאווא, ווייל דורך דעם וועלען דיא אידען פון שפאניען אויפהערען צו שיקען יעהרליך דיא סומען געלד וואס פלעגט ביז יעצט געהען פאר דיא אונטערשטיט־צונג פון דיא ישיבות פון בבל אין א לאנד וואס ליעגט אונטער איין אנדער הער־שער. עבדול־רחמן האט איינגעזעהען דיא גערעכטיגקייט פון דיא טענה און האט ענטשידען אז דער מקח וואס איז בעצאהלט געווארען פאר ר' משה מוז בלייבען מקח. אבגלייך דער אויסגעלייזטער תלמיד חכם האט נור געפיהרט דעם טיטעל דיין איז ער אין אמת'ן געווען דער גאון פון שפאניען און האט דיא אידען פון לאנד געמאכט אונאבהענגיג פון דיא גאונות פון בבל. ר' חושיאל האט דאס זעלבע געטהאן אין אפריקא און דיא ישיבות פון בבל האבען ערליטען א פערקלענערונג אין זייערע איינקאהמען און זייער אויטהאריטעט דורך דיא פערפלאנצונג פון תורה אין אנדערע לענדער דורך זייערע משולחים.

חסדאי אבן שפרוט, וועלכער האט געהאלפען אז ר' משה זאל בלייבען אין קארדאווא און דארט גרינדען א מיטעל פונקט פאר תלמודישע קענטנים, האט אויך געטהאן פיעל פאר דיא פערברייטונג פון דקדוק, פאעזיע און וויסענשאפטען אונטער דיא אידען אין שפאניען. חסדאי, וועלכער איז געבארען געווארען פון זעהר רייכע עלטערען אין קארדאווא אין 915 איז דער ערשטער בעריהמטער אייראפייאי־שער איד וועלכער איז געווען דורכדרונגען פון דעם אייראפייאישען גייסט און מיט איהם פאנגט זיך אן דיא גלאנץ פעריאדע פון דיא אידען אין שפאניען. ער איז געווען זעהר געשיקט און געלערענט, און האט אויסער העברעאיש און אראביש

אויך פערשטאנען לאטיין, א שפראכע וועלכע נור קריסטליכע גייסטליכע האבען דאן פערשטאנען.

אין נארד אדער צפון זייט פון שפאניען האבען זיך אפילו אין דיא צייטען פון דיא אראבישע הערשאפט געפונען קליינע קריסטליכע קעניגרייכען, און דער קאליף עבדול רחמן האט אפט מיט זייא נעהאט דיפלאמאטישע פערבינדונגען. הסדאי איז אין אנפאנג געווען דער דאלמעטשער פון דיא שלוחים וואס דער אראבער פלעגט שיקען צו דיא שפאנישע מלכים. אבער ער האט געצייגט אזוי פיעל פעהיגקייט אין דיפלאמאטישע פערהאנדלונגען דאס שפעטער איז ער אליין געשיקט געווארען אלס פערטרעטער פון קאליף און פלעגט אויך עמפפאנגען דיא געזאנדטע פון פרעמדע קעניגע וואס פלעגען קומען נאך קארדאווא. אזוי איז דער אידישער געלעהרטער מיט דער צייט געווארען א סארט מיניסטער פון אויסווערטיגע אנגעלעגענהייטען, אבגלייך אין יענער צייט האט נאך אזא אמט ניט עקזיסטירט. דיא אראבער זיינען נאך אויך דאן ניט געווען אזוי וויט פארטגעשריטען אז א איד זאל קענען האבען דאס אמט פון וויזיר אדער מיניסטער, דארום האט חסדאי אבן שפרוט נאר ניט געהאט קיין ספעציעלען אמט, אבער זיין דעה און זיין אייגפלוס אין אנגעלעגענהייטען פון דיא רעגיערונג איז געווען גרעסער וויא פון דיא מיניסטארען וועלכע האבען געהאט דעם טיטעל אבער ניט דעם פערשטאנד פאר דיפלאמאטישע אונטערנעהמונגען.

חסדאי האט זיין רייכטהום און זיין הויכע שטעלונג אויסגעניצט צו טהאן גוטעס דיא אידען פון שפאניען און צו ענטוויקלען אונטער זייא אידישע און וועלטליכע געלעהרזאמקייט. ער איז בעטראכט געווארען אלס דער פארשטעהער פון דיא אידען אין שפאניען און ווערט אין דיא אלטע ליטעראטור גערופען ר׳ חסדאי הנשיא. ער איז געווען דער פריינד פון געלעהרטע אידען אין גאנץ וועלט, און האט בעשיצט און ערמוטהיגט דיא וועלכע זיינען געווען נאהענט צו איהם. ער האט קארעספאנדירט מיט ר׳ דוסא, דעם זאהן פון רב סעדיה גאון, וועלכער איז אויך געווען א וויכטיגע פערזאן אבער האט ניט געקענט, איבער אינטריגעס, ערדייכען דיא שטעלע פון גאון. חסדאי האט פון איהם געפאדערט א ביאגראפיע פון זיין בעריהמטען פאטער, וועלכען ער האט זעהר פערעהרט. דער גרעסטער געלעהרטער איד אין אפריקא איז דאמאלס געווען ר׳ אדונים בן תמים פון קיירואן (900-960) א תלמיד פון ר׳ יצחק הישראלי. ער איז, וויא זיין לעהרער אויך געווען א דאקטאר און אלס דער לייב דאקטאר פון קאליף ישמעאל אלמנסור אבן־קיים, האט ער געשפיעלט א גרויסע ראלע. חסדאי אבן שפרוט האט איהם ערזוכט ער זאל פאר

איהם אויסרעכענען איינינע אסטראנאמישע חשבונות וועגען דעם אידישען עיבור.

חסדאי האט אויך געהאָלפען פערשפרייטען וויסענשאפט אונטער דיא מורען אָדער שפאנישע אראבער זעלבער. ער האט זיך געוויזען אלס בעזאָנדערס וויכטיג אין דער צייט ווען דער שוואכער קייזער קאנסטאנטין VIII פון קאָנסטאַנטינאפאל האָט געשיקט א געזאנדשאַפט נאך שפּאַניען, בעטען הילפע פון עבדול רחמן געגען דעם קאליף פון באגדאד. דיא ביצאנטינישע אדער איסט-רוימישע מלוכה, דיא איינציגע וועלכע איז אין יענער צייט געווען אָפען אין איהר פיינדשאפט צו אידען, איז דאן געווען אזוי אפגעשוואכט אז זיא האָט געמוזט זוכען א פערבינדונג מיט איין מחמדנישען פירסט זיך צו שיצען געגען א צווייטען. דיא געזאנדשאַפט איז גע־קומען אין קאָרדאווא, און איז אנגעוויזען געוואָרען זיך צו ערשט צו ווענדען צו דעם אידישען שטאַאטסמאַן חסדאי, וועלכער האָט זי פאַרגעשטעלט פאר'ן קאליף. אונ־טער דיא מתנות וואס דער קייזער פון קאָנסטאנטינאפאל האָט געשיקט צו עבדול-רחמן איז געווען איין עקזעמפּלאר פון א גריכישען בוך איבער מעדיצין וועלכען דיא געלעהרטע אראבער האבען זעהר געוואלט קריגען. אָבער עס איז ניט געווען קיינער אין קאָרדאווא וואָס האָט פערשטאַנען גריכיש. און קאָנסטאַנטין האָט דארום שפּעטער צוגעשיקט א גלח וועלכער האָט פערשטאנען גריכיש און לאַטייניש צו העלפען איבערזעצען דעם בוך. חסדאי איז געווען דער איינציגער געלעהרטער אין קאָרדאווא וועלכער האָט פערשטאַנען לאטייניש און ווען דער גלח האָט פאר איהם איבערזעצט דעם בוך פון גריכיש אין לאַטיין, האט חסדאי דאָס נאכדעם איבער־זעצט פון לאטיין אין אראביש. דיא אראבישע געלעהרטע האבען דעם בוך אָנגענר מען אלס א טעקסט בוך אין דיא מעדיצינישע שולען און דאס האָט דעם אידישען געלעהרטען געמאכט פיעל עהרע. חסדאי האָט אויך מיט זיינע דיפּלאָמאטישע פעהיגקייטען אויסגעפיהרט דאָס א שטרייטיגקייט איבער א בעליידיגונג צווישען דעם דייטשען קייזער אָטא I און עבדול רחמן האָט זיך געענדיגט אויף א פריינד־ליכען אופן, אבגלייך ער האָט דער דייטשען געזאנדטען אָפּגעהאַלטען א יאָהר אין קאָרדאווא איידער ער האָט איהם פאָרגעשטעלט פארן קאליף.

חסדאי איז געווען דער פריינד און בעשיצער פון מנחם בן סרוק (910-970) דעם ערשטען בעל דקדוק פון שפאניען און אויך פון זיין געגנער דונש בן לברט, דער ערשטער העברעאישער גוטער פּאָעט וועלכער האָט איינגעפיהרט דיא איירא־פּייאישע פאָרם פון פאָעזי אין דיא הייליגע שפּראך. דיעזע צוויא געלעהרטע האָ־בען זיך דעם גאנצען לעבען ארומגעריסען, און זייערע פאַלעמיקס אדער שטרייט־שריפטען וואס איינער האט געשריבען אויף דעם אנדערן און וואס דיא אנהענגער

פוןביידע זייטען האָבען געשריבען זיינען נאך היינט אויך אינטערעסאַנט צום לעזען. דונש איז געוועזן רייך און מנחם ארעם. מנחם איז געוועזן דער עלטערער און איז פריהער געווארען אונטערשטיצט פון חסדאי׳ס פאָטער. ווען חסדאי איז גרויס געווארען איז מנחם בערופען געוואָרען פון זיין געבורטשטאָדט טארטאזא נאך קארדאווא און איז געווארען א סאָרט הויף־פאָעט בייא חסדאי. זיין בעשיצער האָט איהם ערמוטהיגט צו פאָרשען ווייטער אין דיא שרשים און בעדייטונגען פון העברעאישע ווערטער און דאָרט האָט מנחם געמאכט זיין העברעאישען ווערטער־בוך (מחברת) וואָס האָט איבערטראָפען אלעס וואָס איז ביז יענער צייט געשריבען געווארען. שפעטער ווען חסדאי האָט געבראכט פון באגדאד דעם פאָעט דונש בן לברט איז מנחם געפאלען אין אונגנאדע. דיא וכוחים און זידלערייען צווישען ביידע צדדים, וועלכע זיינען געפיהרט געוואָרען אין העברעאיש האָבען פיעל געהאָלפען צו ענטוויקלען דיא העברעאישע שפראך און איהר מאכען טויגליך צום געברויך אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען צום ערשטען מאל אונטער דיא רבנישע אידען. ביידע זייטען האָבען אימער אפעלירט צו חסדאי אלס דיא העכסטע אויטהאריטעט און דער איינציגער מאַן וועלכער קען געבען א גערעכטע ענטשיידונג. אבער אזוי וויא א טהייל פון יענע שריפטען זיינען פערלארען געגאנגען קענען מיר ניט האָבען קיין ריכטיגען אורטהייל אויב חסדאי האָט געהאנדעלט ריכטיג מיט דעם וואָס ער האָט שפעטער זיך געוויזען מעהר גינסטיג צו דונש וויא צו מנחם.

ר׳ משה בן חנוך דער תלמודיסט, מנחם בן סרוק דער מדקדק און דונש בן לברט דער מדקדק און משורר זיינען דיא ערשטע גרינדער פון אידישע גייסטיגע גרויסקייט אין שפאניען. אלע דרייא זיינען געשיצט און געהאָלפען געוואָרען פון חסדאי אבן שפרוט, דעם פריינד פון בילדונג און שיצער פון דיא אידען. ר׳ משה בן חנוך איז געוועזן דער ערשטער פון דיא פיער גרויסע מענער צו פערלאזען די וועלט. ער איז וואהרשיינליך געוועזן דער עלטסטער פון זייא אלע און איז געשטאָרבען אין יאהר 965. עס איז באלד פאָרגעקומען א גרויסע מחלוקה ווער עס זאל ווערען זיין נאכפאָלגער. איין קאנדידאט איז געוועזן זיין זאהן ר׳ חנוך, וועלכער איז מיט איהם מיטגעקומען פון בבל און האָט אלס קינד מיטגעמאכט אלע געפאהרען פון דער מערקווירדיגער רייזע. דער צווייטער קאנדידאט איז געוועזן ר׳ יוסף בן אביתור, א תלמיד פון ר׳ משה, וועלכער איז געוועזן א געבאָרענער אין שפאניען, האָט געהאט איינע אראבישע ערציהונג און איז געוועזן א ציםליך גוטער פאָעט. חסדאי האָט געהאלטען מיט ר׳ חנוך, וועלכער איז אפילו געוועזן מעהר ניט וויא א תלמודיסט און קיין וועלטליכער געלעהרטער. דער איינפלוס פון פירסט האָט מכריע געוועזן און

ר׳ חנוך איז געוואָרען דער גייסטיגער פארשטעהער פון די אידען פון קארדאווא, און דערמיט אויך פון גאנצען שפאנישען יודענטהום. נאך חסדאי׳ס טויט איז ר׳ חנוך פאר א געוויסע צייט ארונטער געוואָרפען געוואָרען פון זיין אמט, אבער ער איז צוריק ארויף און איז געבליבען אין דיא הויכע שטעלונג ביז זיין טויט אין יאָהר 1024*)

דיא אידישע געשיכטע האט אויך צו פערדאנקען חסדאי אבן שפרוט פאר א וויכטיגען קאפיטעל וואס קען נור געשריבען ווערען וויל ער האט גענומען אזא אינטערעסע אין דיא לאגע פון אידען אין גאנץ וועלט. אין יענע צייטען האט מען אין איין טהייל פון דער וועלט געוואוסט זעהר ווייניג וואס עס קומט פאר אין דיא אנדערע טהיילען, וויל עס איז ניט געווען קיין דירעקטע פערבינדונג צווישען ווייטע לענדער. דיא וואונדערבארע געשיכטען פון א אידישע מלוכה אין לאנד פון דיא כוזרים, וועלכע אלדד הדני האט פערשפרייט מיט א יאהר הונדערט פריהער, זיינען נאך אומגעגאנגען אין פאלק, אָבער קיינער האט ניט געוואוסט ווענען דעם צו גע־בען א געוויסען בעריכט. ווען די געזאנדעטע פון קאנסטאנטינאפאל זיינען אין 960 געקומען צום קאליף עבדול רחמן און חסדאי איז מיט זייא בעקאנט געווארען, האט חסדאי אנגעפאנגען אויסצופרעגען בייא זייא אויב זייא וויסען עטוואס וועגען דיא כוזרים. זיין פרייד איז געווען זעהר גרויס ווען זייא האבען איהם דערציילט אז אין קאנסטאנטינאפאל ווייס מען זעהר גוט פון דיא שטארקע קעניגרייך פון דיא כוזרים און דאס מען האט דארט פאר זייער קעניג יוסף פיעל רעספעקט. דיא גע־לעגענהייט צו טרעטען אין בריעפליכע פערבינדונג מיט דעם אידישען מלך האט זיך אויך באלד געמאכט. עס זיינען אנגעקומען אין קארדאווא געזאנדעטע פון א סלאוויאנישען קעניג וועלכער האט געהערשט ארום דיא אונטערסטע אדער נידריגערע טהייל פון דאנוי, און מיט זייא זיינען מיטגעקומען צוויא אידען אלס דאלמעטשער. דיזע אידען האבען זיך אנגענומען דורכצופיהרען דעם אויפטראג פון חסדאי און צו בריינגען זיינעם א בריעף צום קעניג פון דיא כוזרים.

חסדאי האט אויפגעשריבען א שיינעם העברעאישען בריעף **) אין וועלכען ער האט וויא א קלוגער שטאאטסמאן מיט גרויס ענוה געגעבען צו פערשטעהען זיין

---

*) אנדערע זאגען אין 1014.

**) דיזער בריעף און דער ענטפער פון יוסף מלך הכוזרים זיינען אפגעדרוקט אין דיא בעסערע לעצטע אויסגאבען פון דעם ספר הכוזרי פון ר׳ יהודה הלוי, א בוך וועלכען מיר האָבען שוין דערמאנט אין א פריהעריגע בעמערקונג.

איינענע וויכטינקייט און דיא וויכטינקייט פון דיא אידען אין שפאניען און האט געבעטען דעם קעניג פון דיא כוזרים ער זאל איהם לאזען וויסען אלעס וועגען זיך און וועגען זיין פאלק. אין אנפאנג פון בריעף האט מנחם בן סרוק געשריבען א פיינעם שיר. דער בריעף איז אנגעקומען צו יוסף דורך א געוויסען יעקב בן אלעזר פון לאנד נמץ (ניעמעץ, דייטשלאנד) און דער קעניג האט אפגעשיקט צו חסדאי א לאנגען ענטפער וואס האט א גרויסען היסטארישען ווערטה (אויב מיר זאלען נים גלויבען דיא וועלכע לייקנען דיא עכטקייט פון דיזען וויכטיגען דאקומענט.)

יוסף האט ערקלערט חסדאי אז דיא כוזרים שטאמען ניט פון אידען, זאנ־דערען זיינען געווען געטצענדינער וועלכע האבען אנגענומען דיא אידישע רעליגיאן אונטער דער צייט פון קעניג בולאן. ער אליין, יוסף, איז דער עלפטער אידישער קעניג זייט עובדיה בן בולאן, און וואוינט אויף איין אינזעל אויף דעם טייך וואלגא אין א פאלאץ מיט גאלדענע טויערען. דיא רוסען וועלכע האבען זיך פעראייניגט מיט דיא ווארינגען האבען דאן שוין געהאט פון איהם צוגענומען איינינע שטיקער לאנד, דאך ווען דער בריעף איז געשריבען געווארען אין 960 איז יוסף געווען א שטארקער קעניג מיט איין ארמעע פון 12,000 סאלדאטען, וועלכע איז פאר יענע צייט געווען רעכט גרויס. ער שרייבט דאס ער און זיין פאלק ווענדען זייערע אויגען צו ירושלים און אויך צו דיא ישיבות פון בבל און דאס זייא האפען אויף משיח אזוי וויא אלע אנדערע אידען.

חסדאי און דיא אידען פון שפאניען האבען זיך געפרעהט איבער דיא וויכטיג־קייט פון דיא אידישע מלוכה אין דיא ווייטע לאנד, אבער זייא האבען וואהרשיינ־ליך מעהר פון איהר ניט געהערט און אויך ניט געוואוסט דאס זיא איז עטליכע יאהר נאך דיא קארעספאנדענץ מיט חסדאי כמעט אין גאנצען אונטערגעגאנגען. דער רוסישער פירסט סוויאטאסלאוו פון קיעוו, וועלכער איז פריהער כמעט געווען איין אונטערטהאן פון דיא כוזרים, האט אין 965 איינגענומען איינעם פון זייערע גרעסטע פעסטונגען. אין 969 האט דער זעלבער סוויאטסלאוו בעזיעגט דיא כאזא־רישע הויפט שטאדט איטיל און זייער צווייטע גרויסע שטאדט סעמענדער. דיא כוזרים זיינען צולאפען א טהייל אויף איין אינזעל אין קאספישען ים, א טהייל נאך דערבענד אין קאווקאז און נאך דיא האלב אינזעל קרים, וועלכע האט דאן געקרינען דעם נאמען: „לאנד פון דיא כוזרים". באספארוס (קערטש) איז געווארען זייער נייע הויפטשטאדט און זייא זיינען געווארען איין אונבעדייטענדעס פאלק וועלכעס איז מיט דער צייט פערשלונגען געווארען פון דיא ארומיגע שטארקערע שכנים.

ווען דער קאליף עבדול רחמן איז געשטארבען האט זיין זאהן אל־חכים, וועלכער איז געווען נאך מעהר פריינד פון פאעזיע און געלעהרזאמקייט וויא זיין פאטער, ערהויבען דעם אידישען שטאאטסמא׳ן צו נאך א העבערע שטעלונג וויא ער האט פריהער געהאט. חסדאי אבן שפרוט האט געלעבט און געווירקט פאר בילדונג און פאר דיא אידען אין שפאניען און ווען ער איז געשטארבען, 55 יאהר אלט, אין 970 איז ער בעטרויערט געווארען פון אלע קלאסען. אידען און מחמדנער האבען דערצעהלט זיינע שבחים און געטהאן אלעס צו פערעוויגען דעם נאמען פון דעם ערשטען גרויסען אידען און איינעם פון דיא וויכטיגסטע מענער פון שפאניען אין יענעם יאהר־הונדערט.

זיבענטער קאפיטעל.

רב שרירא און רב האי. ענדע פון דיא גאונות. אויפבליהונג פון אידישע געלעהרזאמקייט אין איראפא.

דיא נייע ישיבות אין שפאניען און אין אפריקא, און דיא פארברייטונג פון דער תורה אין איטאליען, פראנקרייך און דייטשלאנד, האט אין גאנצען אפגעשוואכט דעם איינפלוס וואס בבל האט אמאל געהאט איבער דיא אידען פון דער גאנצער וועלט. צווייא גרויסע גאונים וועלכע זיינען אין יענער צייט אויפגעשטאנען אין פומבדיתא אדער ריכטיגער אין פרוז־שבור האבען דורך זייערע פעהיגקייטען און גרויסען נאמען אויפגעהאלטען דיא ישיבות פאר אונגעפעהר נאך א האלבען יאהר־הונדערט, אבער אויך זייא האבען ניט געקענט אריינברייגנען אין דעם אלטען קערפער גענוג לעבען ער זאל קענען וויטער עקזיסטירען נאך זייא.

דיעזע צווייא גאונים זיינען געוועזען רב שרירא און זיין זאהן רב האי. רב שרירא (920־1000) איז געוועזען איין אלט מאדישער גאון וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מעהר ניט וויא מיט תלמוד, אבגלייך ער האט פערשטאנען גענוג אראביש צו ענטפערען אין דיעזע שפראך אויף שאלות וועלכע זיינען געקומען פון מהמדנישע לענדער. זיין וויכטיגסטע ארבייט אויף דיא פעלד פון אידישע ליטראטור איז זיין בעריהמטער בריעף (אגרת רב שרירא גאון *) וועלכער בילדעט כמעט דיא איינציגע קוועלע פאר דיא געשיכטע פון דיא אידען אין בבל פון דער צייט פון תלמוד ביז דער צייט ווען דער בריעף איז געשריעבען געווארען. דער בריעף איז איין אבהאנדלונג איבער דיא ארט און וועיזע וויא אזוי דיא משנה און דער תלמוד זיינען געשריעבען געווארען, און ענטהאלטעט אויך א כראניק אדער פערצייכנים פון דיא נעמען פון דיא רבנן סבוראי, און דיא גאונים און דיא צייטען ווען זייא האבען

---

*) דער ריכטיגסטער טעקסט פון דיעזען וויכטיגען בריעף איז אפגעדרוקט אין פילי־פאווסקי׳ס אויסגאבער פון „ספר יוחסין“.

„רעגיערט" דאס הייסט ווען זייא זיינען געווען דיא פארשטעהער פון דיא ישיבות דער בריעף איז געשריבען געוואָרען אלס איין ענטפער אויף דיא פראגע פון ר' יעקב בן נסים, א תלמיד פון ר' חושיאל אין קיירואן אין אפריקא, וועלכער האט אין נאמען פון דיא דארטיגע געמיינדע געזוכט אויסצוגעפינען דיא פאקטען וועגען דיא פערגאנגענהייט פון דיא אידען אין בבל.

ווען זיין זאהן האי איז אלט געווארען 18 יאהר האט רב שרירא איהם גע־מאכט צום אב בית דין אדער צווייטען אונטער זיך׳ שפעטער (אין יאהר 997 אדער 998) האט מען אויף זייא געמאכט בלבולים בייא דעם קאליף אלקדיר אוןביידע זיינען אריין אין געפענגנים. עס איז ניט קלאר בעוואוסט אויב רב שרירא איז גע־שטארבען מיט זיין אייגענעם טויט; דיא קוועלען וועלכע מעלדען אז דער אלטער גאון איז אויפגעהאנגען געוואָרען פאר איין האנד ווערען ניט בעטראכט אלס זעהר ריכטיג. יעדענפאלס איז ער געשטארבען אונגעפעהר אין יאהר 1000 און רב האי וועלכער איז דאן געווען אונגעפעהר 30 יאהר אלט איז געוואָרען גאון אויף זיין פלאטץ.

רב האי גאון (1038־969) האט געהאט איינע פאלשטענדיגע אראבישע ביל־דונג און איז געווען אונטערריכטעט אין מעהרערע וויסענשאפטען. ער האט גע־שריבען שירים און וויסענשאפטליכע אבהאנדלונגען, האט געמאכט ביאורים אויף תנ"ך און איז געווען ניט פריינדליך צו די געהיימע וויסענשאפטען אדער קבלה וועלכע זיינען שוין דאן געווען פערשפרייט אונטער געוויסע קלאסען. רב האי האט זיך גענומען רב סעדיה גאון צום מוסטער, אבגלייך ער האט זיך פיעל מעהר בעשעפטיגט מיט תלמוד און האט דארום ניט געקענט דערגרייכען אזא הויכע שטופע אין רעליגיאנס־פילאזאפיע וויא דער עניפטישער דיינקער. רב האי איז געווען אנ־ערקענט אלס דער גרעסטער תלמודיסט אין זיין צייט, און דיא אידישע פארשטע־הער פון שפאניען פון אפריקא און פון דייטשלאנד האבען זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות אין וויכטיגע רעליגיעזע פראגען.

אין זיין צייט האט אויך זיך צוריק געעפענט דיא ישיבה אין סורא. זיין שווי־גער־פאטער רב שמואל בן חפני איז דארט געווען ראש ישיבה ביז זיין טויט אין יאהר 1034 ווען זיא איז צוריק געשלאסען געוואָרען, אויף אימער.

ווען רב האי גאון איז געשטאָרבען אין 1038 האבען דיא אידען פון בבל גע־מאכט דעם לעצטען פערזוך צו ערהאלטען דיא ישיבה און האבען אויפגעשטעלט חזקיהו, איין אוראייניקעל פון דעם ריש גלותא דוד בן זכאי ער זאל זיין צו דער זעלבער צייט גאון און ריש גלותא. אבער דיא פעראייניגונג פון דיעזע ביידע הויכע עמטע האט נאר געדיענט זייא ביידען צו בעגראבען אין איין קבר.

מען האט אויף חזקיהו אויך געמאכט בלבולים און דער קאליף עבד אולה האט איהם אריינגעזעצט אין געפענגניס און שפעטער אומגעבראכט אין יאהר 1040. זיינע צוויא זיהן זיינען אוועק נאך שפאניען און זיינען דארט שטארק רעספעקטירט געווארען אלס דיא לעצטע אויף וועלכע מען האט געגלויבט אז זייא שטאמען פון דיא פאמיליע פון דוד המלך.

שפאניען האט יעצט אין גאנצען גע׳ירשנט בבל אלס מיטעלפונקט פון אידישע גייסטיגע טהעטיגקייט, דאך איז דארט ניט געווען דער איינציגער פלאץ וואו תלמודישע קענטניסע האבען זיך פארשפרייט אין דער צייט פון די לעצטע גאונים. מיר פאנגען אן אין ענדע פון צעהנטען יאהר־הונדערט צו הערען פון אידישע גדולים אין איטאליען, פראנקרייך און אויך אין דייטשלאנד. נאך אין דער צייט פון רב סעדיה גאון האט געלעבט אין איטאליען א בעריהמטער געלעהרטער איד, ר׳ שבתי דונולו, (913-970) וועלכער איז געווען לייב ארצט פון ביצאנטינישען וויצע קעניג פון איטאליען און האט געשריבען איינינע ווערקע. א בעריהמטער איטאליע־נישער איד מיט דעם נאמען קלונימוס איז געווען אונטער דיא בעגלייטער פון דייטשען קייזער אטטא II און האט איהם אמאל (אין יאהר 982) גערעטעט דעם לעבען. אבער פון תלמודישע געלעהרטע פון יענע געגענדען האט מען ניט געהערט ביז יענער צייט. אין נארבאן, אין דרום זייט פון פראנקרייך איז געווען א ישיבה זייט דער צייט פון סארל דעם גרויסען, אבער עס שיינט אז עס איז דארט אויך ניט פיעל אויפגעטהאן געווארען ביז עס איז אהין געקומען ר׳ נתן בר׳ יצחק איינער פון דיא פיער געפאנגענע משולחים פון בבל. ער האט געהאט א גרויסען תלמיד ר׳ יהודה בן מאיר ליאון אדער ליאונטין וועלכער האט אפילו ניט איבערגעלאזען קיין ווערק, אבער איז דאך בעקאנט אלס דער ערשטער גרויסער תלמיד חכם אין פראנקרייך. מיט זיין תלמיד ר׳ גרשום בר יהודה, פאנגט זיך אן דיא פער־יאדע פון תלמודישע גרויסקייט אויך אין אנדערע לענדער פון אייראפא, אויסער שפאניען.

דיא אידען אין פראנקרייך און דייטשלאנד זיינען דאן געשטאנען אויף א ניעדעריגערע שטופע וויא דיא שפאנישע אידען, אבגלייך דיא פעריאדע פון גרויסע פערפאלגונגען איז נאך דאן ניט געווען געקומען. דיא קריסטען זיינען קיינמאל ניט געווען אזוי טאלעראנט וויא דיא אראבישע מחמדנער און אידען האבען גע־בילדעט איין אפגעזונדערטע קלאס אויף וועלכע דיא אונוויסענדע אבערגלויבישע מאסען האבען געקוקט מיט האס און פעראכטונג. אין אזא לאגע קען בילדונג ניט ערייכען קיין הויכע שטופע און אפילו דיא תלמודישע געלעהרטע פלעגען אויך זיין

מייסטענס אויסלענדער. עס איז דארום קיין וואונדער דאס ווען איין אמת גרויסער תלמודיסט איז אויפגעוואקסען אין יענע לענדער האבען דיא דארטיגע אידען איהם געשעצט זעהר הויך. ר׳ גרשום בר יהודה האט זיך אליין בעטראכטעט אלס ניעדריגער פון רב האי גאון, אבער דיא אידישע געלעהרטע פון אייראפא האבען פון איהם געהאט א העכערע מיינונג און פלעגען זיך צו איהם ווענדען מיט אלע שאלות. זיין נאמען איז אזוי הויך געשטיגען דאס ער האט געקריגען דעם טיטעל רבינו גרשום מאור הגולה.

רבינו גרשום איז געבארען געווארען אין פראנקרייך אין 960 און האט שפעטער אויסגעוואנדערט נאך דייטשלאנד און געגרינדעט זיין בעריהמטע ישיבה אין מאינץ (מגנצא). ער האט צוגעצויגען צו זיך פיעלע תלמידים פון איטאליען און פון פראנקרייך און האט מיט זיין גרויסען איינפלוס אלס געלעהרטער אויך ניט ווילענדיג געהאלפען אפצושוואכען דיא גאונות פון בבל וועלכע האט אימער פערלארען איינאהמען און אנזעהען ווען א נייער תלמודישער מיטעלפונקט האט געמאכט א לאנד אונאבהענגיג פון דיא אלטע ישיבות. דיא צאהל פון דיא אידען אין דייטשלאנד איז אפילו אונטער דיא דאמאליגע שלעכטע אומשטענדע געווען ציעמליך גרויס. נאך אונטער דער צייט פון קארל דעם גרויסען און זיינע ערשטע נאכפאלגער אין ניינטען יאהר-הונדערט האבען געבליהט אידישע געמיינדען אין מאגדעבורג, מערסבורג, ראטיסבאן און אנדערע שטעדט אין מיטעל אייראפא. ביסלעכווייז האבען זיך אידען פון דארטען פערשפרייט אונטער דיא סלאווישע פעלקער פון יענער זייט טייך אדער, אין פוילען און בעהמען, לענדער פון וועלכע מען האט דאמאלס אין דיא מעהר ענטוויקעלטע לענדער זעהר ווייניג געוואוסט. דיעזע אלע קהלות האבען אנערקענט רבינו גרשום אלס זייער פארשטעהער, און זיינע בעריהמטע תקנות, בעזאנדערס דיא וויכטיגסטע פון זייא, דער איסור צו נעהמען מעהר ווי איין פרוי, זיינען מיט דער צייט אנגענומען געווארען פון אלע אייראפייאישע אידען אויסער דיא שפאניער. אידען האבען אפגעהיט דיא בעשטימונגען פון דעם איינציגען מאן וועלכער האט ניט געהאט קיין מאכט זייא צו צווינגען איהם צו פאלגען, פיעל בעסער וויא קריסטען האבען געהיט דיא פערשיעדענע ענטשיידונגען פון קירכענרעטהע אדער סינאדען פון בישאפס און פאפסטען, וועלכע פלעגען אונטערשטיצט ווערען פון דיא רעגיערונגען.

רבינו גרשום איז געוועזען דער ערשטער וועלכער האט געמאכט א קורצען און קלארען פירוש אויפ׳ן תלמוד, געשריעבען אין העברעאיש, וועלכער איז אנגענומען געווארען איבעראל און איז ערשט פארדריינגט געווארען ווען עס איז ערשינען דער

פייסטערהאפטער פירוש פון זיין תלמיד'ס תלמיד, ר' שלמה יצחקי (רש"י). רבינו גרשום האט זיך אויך בעשעפטיגט מיט דיא מסורה און מיט אנדערע צווייגען פון אידישע קענטניס. ער האט אויך געמאכט אייניגע תפילות און קינות אויף דיא פערפאלגונגען וואס זיינען פארגעקומען אין דייטשלאנד אין זיינע לעצטע יאהרען. ער איז געשטארבען אין 1028.

אין דער צייט פון רבינו גרשום האט אין מאינץ געלעבט א צווייטער וויכטיגער איד, דער פייטן ר' שמעון בר יצחק אדער ר' שמעון הגדול, וועלכער איז אם מייסטען בעוואוסט דורך זיינע פיוטים פאר דיא צווייטע טעג יום טוב (יום טוב שני של גליות.*) ר' שמעון הגדול איז געווען רייך און האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דיא רעגיערונג אין יענער צייט. דיא שבחים וואס דיא קהילה פון מאינץ פלעגט פון איהם דערציילען ווייזען אז ער האט פאר איהר פיעל געטהאן אין דיא צייט פון דיא ערשטע אידען-פערפאלגונג אין דייטשלאנד וועלכע איז פארגעקומען אין זיין צייט.

דיעזע ערשטע גזירות זיינען אויף פארגעקומען אין מאינץ. מען גלויבט אז דיא אורזאכע איז געווען וואס א גלח מיט דעם נאמען וועצעלינוס האט זיך אין יאהר 1005 מגייר געווען און האט אנגעפאנגען צו שרייבען שריפטען פול מיט זידלערייא נעגען קריסטענטהום. אין 1012 האט קייזער היינריך דער צווייטער ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אלע אידען וועלכע ווילען נים ווערען קיין קריסטען זאלען פערטריבען ווערען פון מאינץ. דיא גזירה האט זיך בעצויגען וואהרשיינליך אויף אנדערע קהלות איך אבגלייך נור מאינץ ווערט דערמאנט אין די טרויער-געדיכטע וואס זיינען פערפאסט געווארען איבער דיעזער גזירה. ר' שמעון בר' יצחק האט דיא גזירה בטל געמאכט. דיא פערטריבענע אידען זיינען צוריקגעקומען נאך מאינץ און דיא וועלכע האבען לפנים אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען זיינען צוריק געווארען אידען. רבינו גרשום האט מתרה געווען אז ער וועט מחרים זיין אלע וועלכע מאכען פארווירפע דיא בעלי תשובה פאר זייער אבפאל פון יודענטהום אין דער צייט פון דיא גזירות. זיין אייגענער זוהן וועלכער איז אויך געווארען א קריסט לפנים און איז געשטארבען איידער עס איז געקומען דיא מעגליכקייט צוריק צו

---

*) פון דיעזען ר' שמעון ווערט דערציילט דיא לעגענדע אז זיין איינציגער זוהן אלחנן איז פון איהם אוועק גע'גנב'עט געווארען און איז שפעטער געווארען פאפסט. דיא זאך איז אבער נים קלאר גענוג בעוואוסט זיא זאל קענען אויפגענומען ווערען אין היסטאריע.

ווערען א איד, איז פון איהם בעטרויערט געווארען גראדע וויא ווען ער וואלט גע־לעבט און געשטארבען א כשר'ער איד.

דיא ישיבה פון רבינו גרשום האט עקזיסטירט א לאנגע צייט און פון איהר האבען ארויסגעשטאמט דיא שפעטערע ישיבות פון דיא חכמי צרפת ואשכנז וואו דיא תורה האט זיך פערברייטערט אונטער אידען אין שפעטערע יאהר־הונ־דערטע. דיא ישיבה פון ר' חושיאל אין קיירואן, אפריקא וועלכע איז שוין אויבען דערמאנט געווארען, האט געהאט ווענינער גליק. זיא האט אויפגעבליהט אין דער צייט פון רבינו חננאל, דעם זאהן פון ר' חושיאל און זיין חבר, אדער ריכטיגער געזאגט זיין געגנער רבינו נסים בר יעקב (1015-1055). רבינו חננאל און רבינו נסים האבען געשריבען מעהרערע ווערק, דער ערשטער אין לשון הקודש, דער צוויי־טער אין אראביש. זייא האבען איבערגעלעבט רב האי גאון און דיא ישיבה פון בבל, אבער אויך זייער ישיבה איז נאך זייער טויט געווארען גאנץ אונבעדייטענד. דער גרעסטער פון זייערע תלמידים, ר' יצחק אלפסי (פון פאס אדער פעץ אין מא־ראקא) איז אוועק נאך שפאניען און איז דארט בעריהמט געווארען. זיין פלאטץ איז דארום אין דיא געשיכטע פון דיא שפאנישע אידען. קיירואן איז אין א קורצע צייט כמעט אזוי פערגעסען געווארען וויא בבל אין דער גלאנץ פון דיא שפאנישע קולטור האט אלעס פערדונקעלט.

אין דער צייט פון דיא ערשטע גזירות אין דייטשלאנד זיינען אויך פארגעקר־מען גרויסע פערפאלגונגען געגען דיא אידען אין דיא מחמדנישע לענדער וואס זיינען געלעגען אונטער דעם עגיפטישען קאליף חכים. דיעזער הערשער וועלכער האט רע־גירט איבער נארד אפריקא, ארץ ישראל און סוריא, איז געווען א געפעהרליכער פאנאטיקער און האט פערפאלגט אלע מחמדנער, קריסטען און אידען וועלכע הא־בען ניט געוואלט אננעהמען דעם גלויבען פון דיא מחמדנישע סעקטע (שיאיטען) צו וועלכע ער האט געהערט. אין 1008 האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל אז דיא אידען וועלכע נעהמען ניט אן דעם מחמדנישען גלויבען מוזען טראגען אויפ'ן האלז א בילד פון א קאלב אלס איין אנדענקען פון ענל. דיא וועלכע האבען דיעזען בע־פעהל ניט ערפילט זיינען פארטריבען געווארען פון לאנד און חכים האט צוגענומען זייער גאנצען פערמעגען. דיא קריסטען זיינען אויך ניט בעסער בעהאנדעלט געווא־רען. ווען ער האט אויסגעפונען אז אידען זיינען יוצא געגען זיין בעפעהל מיט דעם וואס זיא טראגען גאלדענע קעלבעלאך וואס זעהען אוים וויא א ציערונג, האט ער בעפוילען אין 1010 אז יעדער איד מוז טראגען צום בילד פון דיא קאלב א שטיק האלץ וואס וועגט זעקס פונט און האבען קליינע גלעקלאך אנגעהאנגען אן זייערע

קליידער אז יעדער זאָל פון ווייטען און אויך אין דער פינסטער דערקענען דיא אונ־
גלויבינגע. דאס האט נאך אבער אויך נים צופריעדען געשטעלט זיין משונעת און
אין יאהר 1014 האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אלע אידישע שולען און
קריסטליכע קירכען זאָלען צושטערט ווערען און האָט דיא אידען און דיא קריסטען
באַלד נאכדעם אין גאנצען פערטריבען פון זיין קעניגרייך. חכים האָט אויך געהאט
פיעלע אנהעננער אין דיא לענדער וואס האבען געהערט צום קאליף פון באגדאד
און דיא אידען פון בבל און פרס האבען דארום אויך געליטען צרות אין דיא זעלבע
צייט. פיעלע אידען זיינען געצוואונגען געוואָרען לפנים אנצונעהמען דעם מחמדנישען
גלויבען און האבען געווארט אויף בעסערע צייטען. דיא ענדערונג איז געקומען ווען
דער פאנאטישער קאליף חכים איז געוואָרען אזוי פערדריקט דאס זיינע אייגענע
לייטע האָבען פון איהם מעהר נים געקענט אויסהאלטען. ער איז ערמארדעט גע־
וואָרען אין יאהר 1020 און דיא אידען פון אזיען און נארד אפריקא האבען דאן
עטוואס פרייער אויפגעאָטהעמט.

אכטער קאפּיטעל

ענדערונגען אין שפּאַניען. ר' יהודה חיוג. ר' שמואל הנגיד. ר' יונה אבן גנאח. ר' שלמה בן גבירול און רבינו בחיי.

נאָך דעם טוידט פון חסדאי אבן שפּרוט איז דיא קהלה פון קאָרדאָווא און דיא אידען פון שפּאַניען בכלל געבליבען אָהן א פּאָליטישען פאָרשטעהער. אין דיא שטרייטיגקייטען צווישען ר' חנוך בן משה און זיין געגנער יוסף בן אביתור אבן שטנאש (וועלכער האָט איבערזעצט דיא משנה אין אראביש) וועלכע זיינען ערנייערט געוואָרען נאָך דעם טוידט פון חסדאי, וויא עס איז אויבען דערמאָנט געוואָרען, האָבען צוויי רייכע זיידען-הענדלער, דיא ברידער יעקב און יוסף אבן גו, געשפּענדעט גרויסע סומען געלד צו געווינען דיא גונסט פון דעם דאַמאָליגען וויזיר, דעם העלד מחמד אלמנצור, וועלכער האָט געפיהרט דיא גאַנצע רעגיערונג, פאר אבן שטנאש. יעקב אבן גו איז פון אלמנצור אין 985 געמאַכט געוואָרען צום נשיא פון אַלע שפּאַנישע אידען אין דיא פּראָווינצען פון קאַליף, אָבער ער האָט געהאַט וועניג גליק. עס איז איהם ניט געלונגען צו ברייגנען דעם פערטריבענעם אבן שטנאש צוריק ווייל אַלע, אבן שטנאש אַליין אויך דארונטער, האָבען מורא געהאַט פאר דעם חרם פון ר' חנוך. אלמנצור האָט זיך אויך גענאַרט אין דיא האָפנונג אז אבן גו וועט איהם שאַפען גרויסע סומען אידישע געלד און האָט דארום דעם אידישען נשיא אין 987 ארונטערגעוואָרפען פון אַמט און אריינגעזעצט אין געפענגניס. דער קאַליף אַליין האָט איהם בעפרייט און צוריקגעגעבען זיין טיטעל, אָבער אַזוי וויא אלמנצור איז געווען דער אמתער הערשער און איז געווען זיין געגנער האָט אבן גו ניט געהאַט דיא מאַכט עטוואָס אויפצוטהאָן. עס שיינט אז ער איז ניט געווען גענוג גרויס צו קענען ווירדיג ערפילען דעם פּלאַץ פון א נשיא איבער דיא געבילדעטע און פאָרט-געשריטענע שפּאַנישע אידען, דיא איינציגע מעלה וואס ווערט פון איהם דערצעהלט איז דאס ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה און דאס ווען ער איז געשטאָרבען האָט זיין געגנער ר' חנוך נאָך איהם געוויינט ווייל יעצט איז ניט געבליבען ווער עס זאָל שפּייזען דיא אָרעמע אידען פון קאָרדאָווא.

דער דור נאָך ר׳ חסדאי איז אויך ניט אויסגעצייכענט דורך גרויסע תלמודישע געלעהרטע אין שפאניען, אויסער דעם ראש ישיבה ר׳ חנוך. מעהר פאָרטשריט איז געמאכט געוואָרען אין דקדוק דורך דיא שטרייטיגקייטען פון דיא תלמידים פון מנחם בן סרוק און דונש בן לברט. דיעזע וכוחים וועלכע זיינען געפיהרט געוואָרען אין פאָעזיע און פראָזא האָבען פיעל בייגעטראָגען צו ענטוויקלען דיא שפראַך און האָבען אויך בעקאַנט געמאכט אייניגע פעהיגע געלעהרטע. איינער פון זיי איז געווען דער פאָעט יצחק אבן גקטילא און דער צווייטער און פיעל וויכטיגערער איז געוועזן דער ערשטער וויסענשאַפטליכער גראַמאַטיקער וואס אידען האָבען געהאַט, ר׳ יהודה חיוג.

חיוג איז דער פאָטער פון דקדוק און זיינע שריפטען פאַנגען אָן א וויכטיגע עפּאָכע אין דיא ענטוויקלונג פון קענטניס פון לשון קודש. ער האט דער ערשטער אויסגעפונען אז דיא מייסטע שרשים בעשטעהען פון דריי בוכשטאַבען און האט פעסטגעשטעלט דיא ענדערונגען וואס קומען פאָר אין דיא פערשיעדענע פאָרמען וויא א וואָרט ווערט געברויכט. אלעס וואס רב סעדיה, מנחם, דונש און דיא קראים האבען ביז איהם געשריבען איבער דקדוק איז אוועקגעלייגט געווארען אן א זייט ווען זיין סיסטעם איז בעקאַנט געווארען, חיוג׳ס ווערקע זיינען געשריבען געווארען אין אראַביש און זיינען גלייך אנגענומען געווארען ביי דיא שפאניש־אידישע געלעהרטע. אין שפעטערע צייטען האבען נור דיא אשכנזים און צרפתים (אזוי וויא רש״י) וועלכע זיינען ניט געווען בעקאַנט מיט דיא אראַבישע שפראַך זיך געהאלטען א ן דיא פריהעריגע מדקדקים.

אין יענע צייטען זיינען פארגעקומען וויכטיגע ענדערונגען אין שפאניען. דיא אראַבער וועלכע האבען ערדייכט א הויכע שטופע פון ענטוויקלונג האבען פערלארען דיא הערשאפט. גרויסע מחנות האלב ווילדע מורען זיינען אריבערגעקומען פון דיא באַרבאַריי (דיא איצטיגע טריפאלי, טוניס, אלזשיר און מאראקקא אין נארד אפריקא) און אין יאהר 1013 האט זייער פיהרער סוליימאן איינגענומען דיא הויפט־שטאדט קארדאווא. דיא נייע בעזיעגער האבען חרוב געמאכט דיא שיינע געביידען, בערויבט דיא הייזער און געשענדעט פרויען. זייט דאן האט קארדאווא פארלארען איהר וויכ־טיגקייט אלס אידישער מיטעל־פונקט, דיא מייסטע אידען זיינען אוועק נאך גראנאדא, נאך טאלעדא און אויך נאך סאראגאסא וואו זיי האבען זיך געפיהלט זיכערער.

איינער פון דיא אידען וועלכע זיינען אוועק פון קארדאווא איז געווען א יונגער מאן וועלכער איז דארט געבארען געווארען אין 993. זיין נאמען איז געווען שמואל הלוי אבן־נגרילה, א תלמיד פון דעם מדקדק חיוג. ער האט זיך בעזעצט אין מאלאגא

און האט דארט געעפענט א קליינעם געשעפט, אבער ער האט דערביי אויך פארט געזעצט זיינע שטודיען אין תלמוד, אין העברעאיש און אראביש. ווען איינער פון דיא בערבערישע פיהרער האט געגרינדעט א נייע קעניגרייך אין דרום זייט פון שפאניען האט ער אויסגעקליבען גראנאדא, א שטאדט וואו דיא מייסטע איינוואוי־נער זיינען געווען אידען, אלס זיין הויפטשטאדט. דער צווייטער קעניג פון דיעזע דינאסטיע האט געהייסען האבוס, און זיין וויזיר, אבולקאסים אבן־אלריף, האט גע־האט א פאלאסט אין מאלאגא, ניט ווייט פון שמואל'ס געשעפטס־פלאץ. דער ארעמער אידישער סוחר האט אויפגעשריבען איינינע אראבישע בריעף פאר א שקלא־פ'ן פון אלריף, וועלכע זיינען איהר הערר אזוי געפעלען געווארען אז ער האט דעם שרייבער פאררופען צו זיך און איהם געמאכט פאר זיין פריוואט סעקרעטער. (1025) דער וויזיר האט באלד ענטדעקט דאס דער איד פון קארדאווא איז ניט נור א גע־לעהרטער און א שרייבער זאנדערן אויך א דיפלאמאט פון העכסטען גראד און האט זיך באלד אנגעפאנגען אויף איהם צו פארלאזען אין דיא וויכטינסטע רעגיערונגס־אנגעלעגענהייטען. דער וויזיר האט פאלגענדיג דיא עצות פון זיין סעקרעטער געהאט גרויס ערפאלג אין אלעם וואס ער האט אונטערנומען.

צוויי יאהר שפעטער איז דער וויזיר אבן־אלריף געפעהרליך קראנק געווארען. קעניג האבוס איז געווען אין פערצווייפלונג וואס ער וועט טהאן אהן אזא פ?חיגען מיניסטער. ליעגענדיג אויפ'ן טוידטען בעט האט דער וויזיר ערקלערט דעם קעניג אז דער גאנצער ערפאלג פון זיינע פלענער איז געקומען דורך דעם פערשטאנד און דיא פעהיגקייטען פון זיין אידישען ראטהגעבער און האט געראטהען דעם קעניג ער זאל איהם נעהמען צו זיך. האבוס האט נאך אלריף'ס טוידט ערהויבען ר' שמואל אבן־נגרילה צו דיא ווירדע פון כאתיב (מיניסטער) און איבערגעגעבען אין זיינע הענד אלע דיפלאמאטישע און מיליטערישע אנגעלעגענהייטען.

מחמדנישע הערשער האבען מייסטענס אליין זיך ניט פיעל געקימערט וועגען זייערע רעגיערונגען. אלעס איז געווען אין דיא הענד פון דיא מיניסטארען אדער וויזירען. דיא רעגיערונג פון גראנאדא איז יעצט געווען צום גרעסטען טהייל אין די הענד פון דעם אידישען וויזיר און ער האט עס געפיהרט אזוי גוט אז האבוס איז געווען פון איהם העכסט צופריעדען און האט אלעס איבערגעלאזען אין זיינע הענד. עס האבען נאטירליך ניט געפעהלט קיין שונאים וועלכע האבען געמאכט אלערליי אינטריגעס דעם אידישען מיניסטער ארא? צו ווארפען און צו פערניכטען, אבער ער האט זיך אימער גליקליך אויסגעדרעהט און האט זיינע מחמדנישע געגנער געמאכט צום נארען. דיא געפעהרליכסטע קריזיס וואס ער האט געהאט דורכצומאכען איז

געוועז ווען זיין בעשיצער קעניג האבוס איז געשטארבען אין 1037 און עס איז גע־
ווארען א שטרייטיגקייט איבער דיא פראגע אויב זיין עלטערער זאהן, באדיס אדער
דער איינגערער, באלקין, זאל ווערען זיין נאכפאלגער. פיעלע איינפלוסרייכע מחמדנער
און אידען האבען געהאלטען פאר דעם אינגערן וועלכער האט געשיינט צו האבען
דיא שטארקערע פארטיי פאר זיך, אבער דער אידישער וויזיר האט געהאלטען מיט
באדיס. ווען באלקין אליין האט זיך פלוצלונג ענטזאגט פון זיין רעכט אויפ׳ן טהראן
און באדיס איז געווארען קעניג (אקטאבער 1037) האט דאס פארניכטעט דיא
לעצטע האפנונג פון ר׳ שמואל׳ס געגנער. דיא אנהענגער פון באלקין האבען געמוזט
פארלאזען גראנאדא. איינער פון זיי, יוסף אבן מיגש איז אוועק נאך סעווילע און
האט פון דארטיגען קעניג וועלכער איז געוועז א פיינד פון באדיס, געקריגען זעהר
א הויכע שטעלע.

קעניג באדיס האט ליעב געהאט פערגעניגען און האט דיא גאנצע רעגיערונג
איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דעם אידישען וויזיר וועלכער האט איהם געהאל־
פען ווערען קעניג. פאר דיא נעכסטע 18 יאהר איז ר׳ שמואל אבן־נגרילה געוועז
דער ווירקליכער קעניג פון גראנאדא און האט געהאט הצלחה אין וואס ער האט
אונטערנומען. עס איז אויך גאנץ נאטירליך אז ער איז פון דיא רעגיערונג און אויך
פון דיא אידען בעטראכטעט געווארען אלס דער פארשטעהער פון דיא אידען פון
לאנד. ער איז פון דיא אידען נאך מעהר געאכטעט געווארען וויא חסדאי אבן
שפרוט מיט א יאהרהונדערט פריהער, ווייל אויסער וואס ער האט געהאט א הע־
כערע שטעלונג אין דער רעגיערונג איז ער אויך אליין געוועז איינער פון דיא גרעסטע
תלמודישע געלעהרטע אין זיין צייט.

ר׳ שמואל אבן־נגרילה אדער וויא ער ווערט אין דיא אידישע ליטעראטור
גערופען: ר׳ שמואל הנגיד פאנגט אן דיא פעריאדע פון רבנות אין דיא
אידישע געשיכטע. דיא גאונות האט זיך געענדיגט מיט דעם טוידט פון רב האי
גאון אין 1038 און דיא אידישע געלעהרטע זייט דאן האבען נור דעם טיטעל רבי
אדער הרב. ער איז געוועז א משורר, א מדקדק און א תלמודיסט און האט ארום
זיך אויך פערזאמעלט, אזוי וויא חסדאי בן שפרוט, פיעלע געלעהרטע און פעהיגע
אידען. ער האט אונטערשטיצט ארעמע געלעהרטע אין פערשיעדענע פלעצער און
אלע שרייבער פון זיין דור און דעם דור נאך איהם דערצעהלען פון איהם פיעל
שבחים. ער האט זיך געמאכט חסדאי בן שפרוט צום מוסטער און זייענדיג מעכ־
טינער און געלערנטער וויא דער ערשטער נשיא, האט ער אויך געקענט מעהר אויפ־
טהאן. ער האט געשריבען א מעטהאדע וויא צו בעגרייפען דעם תלמוד (מבוא

התלמוד) און א פירוש. ער האָט אויך געשריבען שירים און עפּיגראַמען (**מכתמים**) און האָט נאָכגעמאַכט דיא ספרים פון שלמה המלך אין זיינע ווערק בן **תהלים**, בן משלי און בן קהלת. ער האָט אויך געשריבען איינינע ביכער איבער דקדוק און אויף דיזעם פעלד איז ער געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט דעם גרעסטען מדקדק פון זיין צייט: ר׳ יונה מרינוס אבן גנאח.

אבן גנאח וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אונגעפעהר אין 995 און איז אוועק פון קאָרדאָווא אין דיא זעלבע צייט וויא ר׳ שמואל הנגיד, האָט זיך בעזעצט אין סאַראַגאָסא וואו ער איז געוואָרען א בעריהמטער אַרצט. אין זיינע פאָרשונגען אין לשון קודש איז ער געגאַנגען פיעל ווייטער וויא ר׳ יהודה חיוג און זיין הויפּט ווערק אויף דקדוק, דער „ספר הרקמה" איז ביז יעצט איינע פון דיא וויכטיגסטע ביכער איבער דיזען געגענשטאַנד. ער אליין איז געווען זעהר ליבעראַל און אנשטענדיג געגען זיינע געגנער און נור פון זייערע שריפטען, בעזאָנדערס פון דיא שריפטען פון ר׳ שמואל הנגיד ערפאַהרט מען דאָס ער האָט געהאַט ביטערע געגנער. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1050.

אין דעם דור פון ר׳ שמואל הנגיד איז אויך אויפגעוואַקסען דער גרעסטער פּאָעט וואָס אידען האָבען ביז דאַן געהאַט: ר׳ שלמה בן גבירול (1020—1070). זיינע אונשטערבליכע געדיכטע זיינען נאָך היינט דיא בעסטע מאָדעלען פון העברעאישע פּאָעזיע און האָבען ערפרעהט און געריהרט אידישע הערצער אין אלע דורות פון דיא לעצטע 800 יאָהר. ר׳ שלמה בן גבירול איז געבאָרען געוואָרען אין מאַלאַגא און האָט זיך שפּעטער בעזעצט אין סאַראַגאָסא וואו ער האָט געפונען א בעשיצער אין דיא פּערזאָן פון יקותיאל אבן־חסאן, א מאַן וועלכער האָט וויא עס שיינט געהאַט אזא הויכע שטעלונג ביים דאָרטיגען קעניג אזוי וויא ר׳ שמואל הנגיד אין גראַנאַדא. ווען דער קעניג פון סאַראַגאָסא איז אומגעבראַכט געוואָרען דורך זיין קאָזין אבן־תכאם איז יקותיאל אויך געפאַלען איין אָפּפער פון דעם נייעם טיראַן, און ר׳ שלמה בן גבירול׳ס טרויער נאָך זיין פריינד, וויא עס איז אויסגעדריקט אין זיינע ערהאַבענע שירים, איז געווען זעהר גרויס. איין אומעטיגער גייסט שוועבט איבער אלעם וואָס בן גבירול האָט זייט דאַן געשריבען.

זיין גרויסקייט אלס פּאָעט ווערט נאָך איבערטראָפען פון דיא הויכע שטופע וועלכע ער האָט ערגרייכט אלס דיינקער. ר׳ שלמה בן גבירול איז אין אמת דער ערשטער וועלכער האָט פאַרפלאַנצט דיא גריכישע פילאָזאָפיע אין שפּאַניען, פון וואַנען זיא איז שפּעטער פאַרברייטעט געוואָרען אין גאַנץ אייראָפּא. מען מערקט שפּורען פון זיין טיעפען פילאָזאָפישען גייסט אין זיין „מבחר הפנינים" און אין דיא

ערהאבענע תפלה „כתר מלכות“ אָבער זיין הויפט פילאָזאָפישעס ווערק „מקור חיים“ וועלכע ער האָט געשריבען אין אראביש און פאָרגעלייגט פאר איירָאפא צום ערשטען מאָל אין א סיסטעמאטישע פאָרם דיא פרוכט פון דיא אַלטע פילאָזאָפישע גייסטער, איז פון אונז פערלאָרען געגאנגען. פאר דער וועלט איז זיא אָבער נים פארלאָרען געגאנגען. א גלח מיט דיא הילפע פון א געטויפטען אידען האָט דאס בוך איבער־זעצט אין לאַטיין און עס א נאמען געגעבען Fons Vitæ (קוועל פון לעבען, דאס זעלבע וויא מקור חיים.) דער נאמען פון פערפאסער איז פערגרייזט געוואָרען פון אבן־גבירול אויף אוויסעבראָן און דאס ווערק איז אָנגענומען געוואָרען אלס איינע פון דיא בעסטע פילאָזאָפישע ביכער פון יענע צייטען. ערשט אין אונזער צייט האָט א גרויסער אידישער געלעהרטער קלאָר בעוויזען אז דער בעריהמטער פילאָזאָף אוויסעבראָן וועלכער ווערט געבראַכט אַלס אויטהאָריטעט פון דיא גרעסטע קריסט־ליכע שרייבער פון מיטעלאַלטער איז קיין אַנדערער וויא אונזער גרויסער משורר ר' שלמה בן גבירול.

רבינו בחיי אבן־בקודה, דער גרויסער מאָראליסט און רעליגיאָנס־פילאָזאָף, וועלכער האָט זיך אונשטערבליך געמאכט דורך זיין מוסר־ספר „חובות הלבבות“ האָט אויך געלעבט אין יענער צייט. אין איהם זעהען מיר ענטוויקעלט דיא נייגונג צו אסקעטיזם אדער צו דעם גלויבען אז אום געפעלען צו ווערען גאָט דארף מען זיך צוריקציהען פון אַלע תענוגים פון דער וועלט און צוברעכען דיא לוסט צו אַלעס וואס עס ווילט זיך. אונטער מחמדנער און קריסטען זיינען דיעזע אידעען אין מיטעלאַל־טער זעהר שטארק פערברייטעט געוואָרען און עס זיינען ענטשטאנדען סעקטען און אָרדענס וואס האָבען געלעבט אין פרישות און זיך געפייניגט אויף פערשיעדענע ארטען. אין דיא פראקטישע אידישע רעליגיאָן האָבען זיך אַזעלכע געדאנקען נים געקענט איינוואָרצלען און עס איז בכלל קיין מאָל נים געקומען ווייטער וויא דיא שטרענגע טהעאָרעטישע מוסר פון רבינו בחיי. זיין ווערק איז אויך אינטערעססאַנט דערמיט וואס דער ערשטער קאפיטעל (שער היחוד) גיט א גוטען בעגריף פון דיא אראביש־שפּאַנישע פילאזאפיע פון יענע צייטען.

ניינטער קאפיטעל.

ר׳ יוסף הנגיד און זיין טרויעריגע ענדע. פערפאלגונגען אין גראנאדא. דיא פינף ר׳ יצחקס און יצחקי.

ר׳ שמואל הנגיד איז געבליעבען גרויס און געאכטעט פון אלע קלאסען בית זיין ענדע און ווען ער איז געשטארבען, אין יאהר 1055 האבען איהם אלע אידען פון יענער צייט בעטרויערט אלס זייער גרעסטען מאן. זיין הויכע שטעלונג אין דער רעגיערונג איז איבערגעגאנגען צו זיין 24 יעהריגען זוהן יוסף, וועלכער האט ער־האלטען אונטער זיין פאטער דיא בעסטע אידישע און אראבישע ערציהונג וואס מען האט דאמאלס געקענט קריגען. ר׳ יוסף איז געוועזען א מאן מיט פעהינקייטען און א גוטער מענש, אבער זיין גרויסקייט איז איהם געקומען בירושה און ער איז דארום געוועזען אביסעל צו שטאלץ און זיך געפיהלט צו זיכער. ער איז אויפגעצויגען געווארען וויא א פירשט און איהם האט געפעהלט דיא פארזיכטיגקייט און דיא אונטערטהעניגקייט פון זיין דיפלאמאטישען פאטער. ער האט ניט אזוי גוט גע־פיהלט אז ער איז נאך אלעמען א איד צווישען פאנאטישע מחמדנער און האט זיך ערלויבט צו געבען גרויסע שטעלען צו זיינע אידישע פריינדע און אויך צו ווייזען זיין פיינדשאפט צו גרויסע מענער וועלכע ער האט ניט ליעב געהאט. ער האט זיך אויך אפט איינגעשפארט דורכצופיהרען געוויסע זאכען געגען דעם ווילען פון קעניג דארטען וואו ער האט איינגעזעהן אז דער קעניג איז אונגערעכט.

אונאאבהעננינע שטאלצע מיניסטארען זיינען קיינמאל ניט בעליעבט אין דיא הויפען פון דעספאטישע הערשער און דיא פיינדע פון אידישען וויזיר האבען דאס באלד אויסגעפונען. זייערע אינטריגען געגען זיין פאטער זיינען אימער ניט געלונגען אבער געגען רבי יוסף הנגיד האבען זיי געהאט מעהר גליק. מען האט געוואוסט אז דער יונגער וויזיר האט ניט ליעב דעם קרוין פרינץ באלקין, און ווען יענער איז פלוצלונג געשטארבען האבען שונאים פארשפרייט דיא נאכריכט אז ר׳ יוסף האט איהם פערגיפטעט. שפעטער האט זיך קעניג באדיס פערגלוסט אויסצוטארדען דיא

אראבער פון גראנאדא אין קירך אין דער צייט פון זייער גאָטעס דיענסט, דערפאר וואס דיא אראבער אין סעווילע האבען ערמאָרדעט קעניג ראנדא וועלכער איז וויא באדים געוועזן א בערבער. יוסף האט איהם אבגעהאלטען פון אזא מערדעריי אבער דער קעניג האט ניט געוואָלט אויפגעבען זיין פּלאַן און דער אידישער וויזיר האט אין געהיים מתרה געווען דיא אראבער זיי זאלען יענעם פרייטאג ניט קומען אין קירך. דיעזער געוואגטער שריט האט איהם שיער געקאָסט דאס לעבען, ער האט זיך אויסגעדרעהט מיט דיא הילף פון א בערבערישען פריינד וועלכער האט איבערציינגט באדים וויא גליך ר׳ יוסף האט געהאנדעלט אבער באדים האט אנגעפאנגען צו טראָגען אויף איהם א שנאה. ווען עס איז שפּעטער פארברייט געוואָרען דיא נאכריכט אז ר׳ יוסף הנגיד שטעהט אין פערבינדונג מיט אלמאטאסען פון אלמעריא, א פירסט וועלכער האט אנגעפאנגען קריעג מיט גראנאדא, האט דער קעניג ניט מעהר געזוכט איינצוהאַלטען דיא שונאים פון דיא אידען און פון זיין וויזיר, זייער פארשטעהער. א ווילדע אויפגערעגטע מאסע איז בעפאלען דעם פּאלאץ פון אידישען מיניסטער און איהם ערמאָרדעט (30טען דעצעמבער 1066).

דיא פאנאטישע שנאה געגען אידען וועלבע איז געווען לאנג אונטערדריקט און וועלכע האט יעצט ארויסגעפלאצט מיט איהר גאנצע ווילדקייט, האט זיך ניט צופריעדען געשטעלט מיט דעם טויט פון מיניסטער. דיא גאנצע אידישע געמיינדע פון גראנאדא איז געפאלען איין אָפּפער פון דעם אויפשטאנד געגען רבי יוסף און מעהר וויא 4000 נפשות זיינען אין יענעם שרעקליכען טאָג אומגעבראכט געוואָרן. דאס איז געווען דיא ערשטע גרויסע פערפאָלגונג וואס אידען האבען געליטען אין שפּאניען זייט דיא אראבער האבען איהר איינגענומען מיט איבער 300 יאהר צוריק. דער שלאג וואס האט געטראפען דיא אידען פון גראנאדא איז געווען אזוי גרויס דאס דיא אידען אין גאנץ שפּאניען האבען זיך אויפגעכאפּט וויא פון א זיסען חלום און זיינען געקומען צו דיא טרויעריגע איבערציינונג אז דיא האלבע לבנה איז קיין בעסערער צייכען פון זיכערהייט וויא דער צלם — איבעראל איז דער איד אין גלות און אין שטענדיגע געפאהר.

עס האט זאגאר פאר א געוויסע צייט אנגעפאנגען אויסצוזעהן אז דער צלם איז מילדער און מעהר בערייט זיך גוט צו פארטראָגען מיט אידען. אין דייטשלאנד און פראנקרייך האבען אידען דאמאלס געלעבט גאנץ רוהיג און אבגלייך זיי האבען ניט עררייכט אזעלכע הויכע שטופען וויא אונטער דיא מחמדנער אין שפּאניען, האבען זיי דאך געטעגט האבען לאנד און פיהרען אלערליי געשעפטען. אין שפּאניען זעלבסט האבען דיא קריסטען זיך אויך אין יענער צייט געוויזען זייער פריינדליך צו

דיא אידען. דיא צושפּליטערונג פון דאס מחמדנישע שפּאַניען אונטער פיעלע קליינע הערשער האט געגעבען דיא קריסטען פון נאָרד אדער צפון זיים פון שפּאַניען דיא מעגליכקייט צו מאכען פּאָרטשריט און צו פערגרעסערן זייער הערשאפט. אלפאָנס IV, דער קריסטליכער קעניג פון לעאָן, קאסטיליען, גאליסיא און נאווארא האט אנגעפאנגען זיך גובר צו זיין איבער דיא מחמדנישע קליינע קעניגע און פיעלע פון זיי האבען איהם געמוזט צאהלען טריבוט. אין 1085 האט אלפאָנס איינגענומען טאלעדא און איהר געמאכט פאר זיין הויפּטשטאָדט. עס האט אנגעפאנגען אויס־צוזעהן אז דיא קריסטען וועלען אין קורצען צוריק געווינען גאנץ שפּאַניען.

אלפאָנס האט איינגעזעהן וויא ניצליך דיא אידען זיינען מיט זייער רייכטהום מיט זייערע פעהיגקייטען און אויך מיט׳ן שווערד פאר דיא מחמדנער און האט געטהאן אלעס אין זיין מעגליכקייט אויך צו געווינען זייער פריינדשאפט. ער האט מבטל געווען דיא אלטע וועסט-גאָטישע געזעצע געגען אידען און האט זיי געגעבען כמעט גלייכע רעכטע מיט קריסטען. זעהר פיעל אידען האבען געדיענט אין זיינע ארמעען און עס ווערט בעריכטעט דאס א וויכטיגע מלחמה צווישען איהם און דיא אראבער איז איינמאָל אבגעלייגט געוואָרען פון שבת אויף זונטאג צוליעב דיא פיעלע אידען וועלכע האבען זיך געפונען אין דיא ארמעען פוןביידע זייטען. פּאפּסט גרעגאָר VII וועלכער האט רעגיערט אין יענער צייט און פאר וועלכען אלע קריסט־ליכע קעניגע פון אייראָפּא האבען געציטערט, האט שטארק פּראָטעסטירט געגען דיא גונסט וואס אלפאָנס צייגט צו דיא אידען, אבער דער קעניג האט זיך וועגען איהם וועניג געקימערט. די שפּאַנישע קריסטען וועלכע האבען אימער געקעמפּפט געגען מחמדנער האבען זיך דערפאר געהאלטען פאר מיוחסים און זיך געפיהלט אונאבהענגיג פון פּאפּסט.

דיא צייט פון אונטערגאנג פון דיא מחמדנישע הערשאפט אין שפּאַניען איז אבער נאך דאן ניט געווען געקומען. מען מוז אויך צוגעבען דאס זייער שלעכטקייט געגען אידען איז דאמאלס נאך אויך ניט געווען אלגעמיין. אמת׳ע פערפּאָלגונגען זיינען מעהר וויא אין גראנאדא ניט פּאָרגעקומען. אידען זיינען אויסגעוויזען געוואָרען פון יענעם לאַנד, אבער אין בענאַכבאַרטע לענדער האבען אידען געלעבט וויא פריי־הער. אין סעווילא און סאראגאסא האבען אידישע הויכע בעאמטע געפיהרט אדער געהאָלפען פיהרען דיא רעגירונגען, און עס האט אָפט געטראָפען דאס א אידישער מיניסטער האט עמפּאנגען א אידישען געזאנדטען וועלכער איז געקומען פון איין אנדער רעגיערונג צו אונטערהאנדלען וועגען דיפּלאָמאטישע אנגעלעגענהייטען. אל־מוטאמעד, דער לעצטער אמת עדלער פירשט פון דיא שפּאַנישע אראבער האט

דאָן רעגירט אין סעווילע און האט בעהערשט קארדאווא און אנדערע וויכטיגע פּראָווינצען. ער האט אויך געהאט א אידישען ראטה־געבער, אבן אלבאליא, וועלכער וועט שפּעטער דערמאָנט ווערען, אבער עס שיינט דאס אין א קריטישע צייט האט ער צופיעל געבויט אויף זיך אליין. אלפאָנס איז נאך זיין איינגעהמען טאלעדא געוואָרען זעהר שטאָלץ. ער האט אראָבגעוואָרפען די מאסקע פון פריינדשאפט צו אל־מוטאמעד און האט צו איהם געשיקט זיין ראטה־געבער, דעם אידען עמרם אבן־שלביב מיט 500 ריטער צו פאָדערן פון איהם נייע צייכענס פון אונטערטהעניגקייט. אלפאָנס האט דעם אידישען געזאנדטען אנגעזאגט ער זאל זיין זעהר פרעך און ווייזען דאס אל־מוטאמעד ווערט פון איהם געהאלטען זעהר ניעדריג. אבן שלביב האט געפאָלגט דעם בעפעהל פון זיין הערן, און האט דערפאר בעצאָהלט מיט זיין לעבען. אל־מוטאמעד איז אזוי אויפגערייצט געוואָרען דורך די בעליידיגונגען דאס ער האט איבערטרעטען די געזעטצע פון ציוויליזירטע פעלקער צו שיצען דעם פערזאָן פון א געזאנדטען. ער האט געלאזען אבן שלביב אומברענגען און האט די ריטער אריינגעוואָרפען אין געפענגניס. דער קערפער פון געזאנדטען איז אויפגעהאנגען געוואָרען אויף איין עפענטליכען פלאץ די וועלט זאל זעהן ווי שווער אל־מוטאמעד בעשטראפט זיינע בעליידיגער.

אל־מוטאמעד האט גוט געוואוסט אז דיעזע געוואלטטהאט וועט איהם ניט געשוויגען ווערען און ער האט דארום בעשלאָסען צו מאכען א צווייטען שריט וועלכער האט איהם פאר דער האנד געהאלפען, אבער וועלכער האט פיעל בייגעטראָגען צו אונטערגראָבען די מחמדנישע הערשאפט אין שפאניען. די קליינע שוואכע קעניגע פון זיד שפאניען האבען שוין לאנג געוואלט רופען מחמדנער פון אפריקא צו הילפע געגען אלפאָנסא, אבער אל־מוטאמעד, דער שטארקסטער פון זיי איז פריהער געווען דאגעגען. יעצט האט ער דערצו צוגעשטימט און די בערבערען פון די וויסטע זאהארא וועלכע זיינען אין יענער צייט געוואָרען מחמדנער זיינען איינגעלאדען געוואָרען צו קומען נאך שפאניען. זייער העלד יוסף אבן תושפינא קעניג פון די אלמאראווידען האט אנגענומען די איינלאדונג מיט פרייד. ער איז געקומען און אין יאהר 1086 האט אלפאָנס פון איהם ערליטען אזא גרויסע מפלה דאס ער האט זייט דאן מעהר ניט געקענט אויפהויבען זיין קאָפּ.

די אידען האבען זיך ניט געפרעהט איבער דיזען זיעג פון מחמדנער איבער קריסטען, ווייל אלפאָנס האט זיך אימער צו זיי געצייגט זעהר גוט. אויך די מחמדנער אליין האבען באלד געהאט אורזאכע צו בעדויערן די הילפע וואס זיי

אליין האבען געבראכט פאר זיך. יוסף איז געוואָרען דער הערשער פון מחמדנישען טהייל פון שפאניען. אונטער איהם און זיינע נאכפאָלגער האבען די מחמדנישע גייסטליכע געקריגען די מאכט אין זייערע הענד און האבען אנגעפאנגען ניט נאר צו פערפאָלגען אידען, זאָנדערן אויך צו אונטערדריקען געלעהרזאמקייט און פילאָ־זאָפיע. די שריפטען פון אין אראבישען רעליגיאָנס־פילאָזאָף וועלכער איז גראדע געווען א פרומער נאר א ליבעראלער דיינקער זיינען פארברענט געוואָרען עפענטליך אין קאָרדאָווא; דאס איז געווען דער בעסטער צייכען אז פאנאטיזמוס רעגירט און אז די גאלדענע צייט פון פריי פאָרשען און דיינקען איז אריבער אין יענעם טהייל פון אייראָפא. אין די אנדערע לענדער פון אייראָפא איז נאך פאר־לויפיג נאך געווען רוהיג, אבער א שווארצער וואָלקען האט זיך אנגעהויבען צו פארשפרייטען און מען האט אנגעהייבען צו פיהלען דעם אנפאנג פון די שרעק־ליכע צייטען וואס זיינען באלד אנגעקומען.

o o
o

די פערפאָלגונגען אין אנדאלוזיען אדער סויטה־שפאניען אין די צווייטע העלפט פון עלפטען יאהר־הונדערט האבען ניט אבגעהאלטען די ווייטערע ענט־וויקלונג פון תלמודישע און וועלטליכע קענטניסע אונטער שפאנישע אידען. איינער פון די בעסטע אראבישע פאָעטען פון יענער צייט איז געווען דער איד אבן פאדל חסדאי, וועלכער איז אזוי בעריהמט געווארן דאס דער קעניג אל־מוכתדיר בילאאה פון סאראגאָסא האט איהם ערהויבען צו דער שטעלע פון וויזיר (1066). די אראַ־בישע פאָעטען זיינען געוואָרען אייפערזיכטיג אויף די אידישע און עס איז דא א לעגענדע דאס איינער פון זיי האט פון קנאה ערמאָרדעט דעם משורר און פילאָזאָף ר׳ שלמה בן גבירול וועלכער האט זיינע לעצטע יאהרען געלעבט אין וואלענסיא און בעגראָבען זיין קערפער אונטער א פייגענבוים. דער בוים האט בכוצלונג אנ־געהויבען ארויסצוגעבען מערקווירדיגע בליהונגען וועלכע האבען צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אלע שכנים און דיעזעס האט געפיהרט צו די ענטדעקונג פון מאָרד און די בעשטראָפונג פון מערדער.

אין יענעם דור וועלכער רעכענט זיך פאר דעם צווייטען דור פון רבנות האבע אויך ניט געפעהלט לייטע וועלכע האבען אין זיך פעראייניגט וועלטליכע קענטניסע מיט תלמודישע. דער וויכטיגסטער פון דיעזען סאָרט איז דאן געווען ר׳ יצחק בן ברוך אבן אלבאליא, וועלכער איז שוין אויבען דערמאנט געוואָרען. ער איז געווען איין אסטראָנאָם, א פילאָזאָף און א תלמודיסט. יצחק (1035—1094) איז געבאָרען

געווארען אין קארדאווא און האט שפּעטער אונטער ר׳ שמואל הנגיד און זיין זוהן געלעבט אין גראנאדא. נאך ר׳ יוסף׳ס ערמאָרדונג איז ער צוריק אוועק נאך קאָרדאווא און איז דאָרט בעקאנט געוואָרען מיט דעם פּרינץ אבול קאססים מחמד וועלכער איז שפּעטער (אין 1069) געווארען קעניג פון סעווילע און האט אנגענומען דעם טיטעל אל-מוטאמעד. דער נייער קעניג האט צו זיך בערופען זיין פריינד דעם אידישען געלעהרטען און האט איהם געמאכט פאר זיין אסטראָנאָמער אדער ריכטינער געזאגט, פאר זיין שטערן-זעהער. אין יענע צייטען איז דיא אמונה אין אסטראָלאגיע (אז מען קען פון דיא שטערן אויסגעפינען דיא צוקונפט) געווען שטארק פארברייטעט און דער אסטראָלאָג איז געווען איינער פון דיא וויכטיגסטע פּערזאָנען אין קעניגליכען הויף.

ר׳ יצחק אבן אלבאליא האט אויך געקריגען פון קעניג דעם טיטעל פאָר-שטעהער פון דיא אידען און האט זיך גערופען נשיא אדער נגיד. סעווילע איז יעצט געוואָרען א מיטעלפונקט פון אידישע געלעהרטע וויא קארדאווא אונטער חסדאי אבן שפרוט און גראנאדא אונטער ר׳ שמואל אבן-נגרילה און וויא אל-מוטאמעד איז געווען דער גרעסטער מחמדנער פירשט אין זיין צייט, אזוי איז אויך ר׳ יצחק אלבאליא געווען דער ערשטער אונטער דיא אידען אין שפּאניען.

א צווייטער גרויסער מאן פון יענעם דור איז געווען ר׳ יצחק בן יהודה אבן גיאת פון לוצענא (1030—1089). ער האט געשטאמט פון א רייכע און עדעלע פא-מיליע און איז וויא אלע געלעהרטע פון יענער צייט אין שפּאניען געווען איין אנ-הענגער פון ר׳ שמואל און ר׳ יוסף הנגיד. נאך דעם אונגליק אין גראנאדא האט זיך ר׳ יוסף׳ס פרוי (א טאָכטער פון רבינו נסים בן יעקב פון קיירואן) גערעטעט מיט איהר קליינעם זוהן עזריה נאך לוצענא און ר׳ יצחק אבן גיאת האט אנגע-ווענדעט זיינע בעסטע קרעפטען איהם צו ערציהען אלס א ווירדיגען נאכפאָלגער פון זיינע בעריהמטע עלטערן. עזריה איז אבער געשטאָרבען יונג און דיא געמיינדע פון לוצענא וועלכע האט געהאָפט איהם צו ערוועהלען אלס איהר פאָרשטעהער, האט דיזע שטעלע געגעבען צו זיין לעהרער אבן גיאת.

ר׳ יצחק בן ראובן אלברגלוני (פון בארצעלאנא) א גרויסער תלמודיסט און א פייטן, וועלכער האט פערפאסט „אזהרות" און א ספר איבער הלכות פון תלמוד האט אויך געלעבט אין יענער צייט און האט געוואוינט אין דער שטאָדט דעניא. אין דערזעלבען שטאָדט האט אויך געלעבט א תלמודיסט מיט דעם נאָמען ר׳ יצחק בן משה אבן סכני, וועלכער איז ניט געווען אזוי גרויס וויא דיא פאָרינע. ער האט געפיהלט אז דיא קהלה פון דעניא האט איהם ניט בעהאנדעלט וויא ער האט

פערדיענט און איז פון דאָרט אוועק נאך בבל. ער איז אנגעקומען אין פומבדיתא און איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען אלס „גאון" אדער ראש ישיבה אויף דיא קליינע ישיבה וואס איז דאָרט דאן געווען. אזוי פאַלשטענדיג האבען זיך די צייטען געענדערט אין א האלבען יאהרהונדערט נאך דעם טויט פון רב האי גאון. דער שוואכסטער פון דיא גרויסע געלעהרטע פון שפאניען איז יעצט געוואָרען פאַר־שטעהער אין דער לאנד וואו דער תלמוד איז בעשאפען געווארען.

דער פינפטער און דער גרעסטער תלמודיסט פון יענעם דור אין שפאניען איז געווען ר' יצחק בן יעקב אלפסי דער תלמיד פון רבנו חננאל און רבנו נסים פון קיירואן. ער איז געבאָרן געווארן אין קלעה המאד ניט ווייט פון פעץ אין דאס יעצטיגע מאראקקא אין 1013 און נאך דעם טוידט פון זיינע בעריהמטע לעהרער (אונגעפעהר אין 1056) איז ער געוואָרען דער פארשטעהער פון א ישיבה און דער הויפט פערטרעטער פון תלמודישע געלעהרזאמקייט אין נאָרד אפריקא. זיין הויפט ווערק, די „הלכות רב אלפס" איז די וויכטיגסטע פערפאסונג פון איהר ארט וועלכע איז ביז דאמאָלס געמאכט געוואָרען. אלעס וואס עס איז געשריעבען געווארען איבער דיא הלכות פון תלמוד אין דיא לעצטע 300 יאָהר זייט ר' יהודאי גאון איז אוועקגעלייגט געוואָרען ביי זייט אזוי שנעל וויא רב אלפס' גרויסע ווערק איז ער־שיענען. זיין נאָמען איז געוואָרען אזוי בעריהמט דאָס ווען ער איז אויף דער עלטער געקומען נאך שפאניען און זיך בעזעצט אין לוצענא (1088) איז ער אנערקענט גע־וואָרען אלס דער גרעסטער פון אלע רבנים פון לאנד.

אין נארד פראנקרייך איז אין דעמזעלבען דור אויפגעוואקסען א מאן וועלכער איז געווען אזוי גרויס אלס תלמודיסט וויא דיא גרעסטע שפאניער רבנים פון זיין צייט און איז דערצו בעזעסען א פעהיגקייט צו ערקלערן אלעס אין א קורצע דייט־ליכע שפראך וועלכע האט איהם געמאכט צום גרעסטען פון אלע מפרשים אין דיא אידישע ליטעראטור. דיעזער מאן איז געווען ר' שלמה יצחקי אדער וויא מען רופט איהם געוועהנליך: רש"י. ער איז געבאָרען געוואָרען אין טראָיע (טריוש) אין דיא פראנצעזישע פראָווינץ שאמפאַין אין יאהר 1040. זיין פאטער איז געווען א למדן און א צדיק און זיין מוטער איז געווען דיא שוועסטער פון ר' שמעון הגדול פון מאַינץ וועלכער איז שוין פריהער דערמאנט געוואָרען. זיינע פאמיליען־פערבינ־דונגען מיט דייטשלאנד זיינען וואהרשיינליך געווען דיא אורזאכע וואס האט איהם אהין געבראכט צום שטודירען תלמוד. דיא ישיבות פון דייטשלאנד אין עלפטען יאהרהונדערט, נאך דעם טויט פון רבינו גרשום מאור הגולה זיינען געווען אונבע־דייטענד און דיא נעמען פון רש"י'ס לעהרערס וויא ר' יצחק הלוי פון וואָרמס

אדער ר׳ אליקום פון שפייער זיינען בעקאנט נור דורך דיא וויכטינקייט פון זייער תלמיד. נאך זייער טויט אונגעפעהר אין 1070 איז רש״י אנערקענט געוואָרען אלס דער גרעסטער תלמודיסט אין פראנקרייך און דייטשלאנד און פון אלע זייטען האט מען זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות וועגען רעליגיעזע פראגען. נאָרד פראנק־רייך איז געוואָרען אזא וויכטיגער מיטעלפונקט פון תלמודישע געלעהרזאמקייט וויא שפאניען און איז שפעטער געוואָרען נאך פיעל וויכטיגער. דיא שפאנישע אידען זיינען נאך אימער געבליעבען גרויס אין וועלטליכע בילדונג און פאָעזיע און דקדוק וויא אויך אין רייכטהום און איינפלוס, אבער דיא תורה איז אונטער רש״י און זיינע תלמידים מעהר פארברייטעט געווארען אין פראנקרייך און דייטשלאנד און תלמודישע געלעהרטע זיינען פון דאָרטען אָפט אראָבגעבראכט געווארען נאך שפאניען צו לערנען מיט דיא שפאנישע אידען.

רש״י׳ס גרויסקייט רוהט אויף זיינע מייסטערהאפטע פירושים, הויפטזעכליך אויף זיין פירוש אויפ׳ן תלמוד. זיינע ערקלערונגען זיינען אנגענומען געוואָרען פון אלע אידען אלס דיא קלערסטע, איינפאכסטע און דערפאר דיא ריכטיגסטע און פאר דיא לעצטע 800 יאהר האבען זיי געהאלפען אידען צו פארשטעהן דייטליך דיא דונקעלע און פארוויקעלטע פלעצער פון תלמוד. זיינע פרושים אויף תנ״ך זיינען ניט וועניגער פאָפולאר, אבגליך ער האט זיך ניט אימער געהאלטען אָן פשט און איז אויך ניט געווען בעקאנט מיט דיא גראמאטישע ארבייטען פון חיוג און אבן גנאח וועלכע האבען געשריעבען אין אראביש. דיא בעסטע קריסטליכע גע־לעהרטע וועלכע האבען געשריעבען לאטיינישע פרושים אויף דער ביבעל האבען זעהר פיעל גענומען פון רש״י און ביז דיא צייט פון דיא רעפאָרמאציאָן אין דיא קריסטליכע רעליגיאָן און דיא קריטישע אונטערזוכונגען וועלכע מען האט זייט דאמאלס אנגעפאנגען צו מאכען אין דיא הייליגע שריפטען, האט גאנץ אייראָפא, אידען און קריסטען כמעט ניט געוואוסט פון קיין אנדערע ערקלערונגען פון תנ״ך וויא דיא ערקלערונגען פון דיא אידישע מפרשים, הויפטזעכליך פון רש״י.

רב אלפס האט געלעבט 90 יאהר און איז געשטאָרבען אין 1103. רש״י וועלכער האט געלעבט נור 65 יאהר איז געשטאָרבען מיט צוויי יאהר שפעטער. ביידע זיינען בעטרויערט געוואָרען פון זייערע לאנדסלייטע און פון כלל ישראל, יעדער אויף איין אנדער אופן. אין שפאניען האבען צוויי יונגע משוררים, ר׳ משה בן עזרא און ר׳ יהודה הלוי געשריעבען טהייערע שירים אין וועלכע די הויכאכטונג אין וועלכע ר׳ יצחק אלפסי איז געהאלטען געווארן איז אויסגעדריקט געווארן אין א

פייסטערהאפטע פאָעטישע שפראכע. די פראנצויזישע און דייטשע אידען וועלכע זיינען ניט געווען אזוי געפילדעט האבען אויפגעטראכט וואונדערבארע לעגענדען פון נסים וואס האט געטראָפען מיט רש"י'ס עלטערן איידער ער איז געבאָרען געוואָרען און פון מופתים וואס ער אליין האט בעוויזען. דיזע ערצעהלונגען וועלכע דאס פאָלק קלערט איטער אוים וועגען בעליעבטע פערזאָנען זיינען דער בעסטער בעוויז אז דער מאן וועגען וועמען מען דערצעהלט די וואונדער איז גע־האלטען געוואָרען ביים עולם אזוי גרויס דאס געוועהנליכע שבחים זיינען ניט גענוג אויסצודריקען זייער מיינונג וועגען איהם.

אין די לעצטע יאהרען פון דיזע גדולים האט זיך אנגעפאנגען די בלו־טיגסטע פעריאָדע פון מיטעל אלטער, די צייט פון די קרייצצינגע.

פיערטער טהייל

ערשטער קאפיטעל.

דיא קרייצפאהרער. (גזירות תתנ"ו). אנפאנג פון אידישע געשיכטע אין בעהמען און ענגלאנד.

דיא דריי הונדערט יאהר וועלכע זיינען באלד אוועק פון דער צייט פון קייזער קארל דעם גרויסען ביז דיא פעריאדע ביי וועלכע מיר האלטען איצטער, איז געווען דיא צייטען וועלכע קריסטענטהום האט זיך איינגעווארצעלט אין דיא בלוט און דיא מארך פון דיא אייראפייאישע פעלקער. דיא ציוויליזאציאן וועלכע קארל האט אנגעפאנגען צו גרינדען אין אייראפא איז אונטערגעגאנגען ווען זיין גרויסע מלוכה איז צו שפאלטען געווארען אויף שטיקלעך נאך זיין טויט און קונסט, וויסענשאפט און ליטעראטור זיינען געווארען אונבעקאנטע זאכען אין דיא קריסטליכע לענדער. אויסער די בלוטיגע מלחמות צווישען לענדער און צווישען פירסטען וועלכע האבען זיך געראנגעלט וועגען הערשאפט, איז רעליגיאן געווען דיא איינציגע זאך וועגען וואס דיא בעפעלקערונג האט זיך אינטערעסירט. דיא מייסטע קריסטליכע סעקטען וועלכע האבען ניט אנערקענט דיא אויבער־הערשאפט פון רוימישען פאפסט זיינען אונטערדריקט געווארען און קריסטענטהום האט אנגעהויבען צו האבען דיא זעלבע בעדייטונג וויא קאטהאליציזמוס. דיא גלחים האבען דיא אונוויסענדע מאסען אונטערהאלטען מיט דיא הייליגע בילדער, מיט ביינדלאך אדער שטיקלאך קליידער פון הייליגע וואס האבען בעוויזען וואונדער און דאס האט נאטירליך געהאלפען צו פערגרעסערען דעם אבערגלויבען און דעם פאנאטיזמוס.

אין דיזע צייטען ווען קריסטענטהום האט וואס ווייטער אלץ מעהר בעהערשט דעם גייסט פון געוועהנליכען מענשען, זיינען אידען געווארען אימער מעהר דערווייטערט פון אלגעמיינעם לעבען און מעהר בעטראכטעט אלס א בעזונדערע פעראכטעטע און פערהאסטע סקאסע. אין אנפאנג איז דיא שנאה צו אידען נור געווען „אפיציעל". נור דיא קירך און דיא רעגיערונג האבען זייא אפגעזונדערט פון אלעמען דורך אלערליי אויסנאהמס געזעצע; דיא פאפסטען, דיא בישאפס און דיא גלחים האבען געטהאן אלעס וואס זייא האבען געקענט איינצוטהיילען דיא בעפעלקערונג אין קריסטען און ניט־קריסטען און דיא רעגיערונגען וועלכע האבען געפאלגט וואס דיא גייסטליכע האבען געהייסען, האבען געמאכט דיא צוטהיילונג נאך שטאר־

קער מיט דעם וואס זייא האָבען ארויפגעלייגט אויף דיא אידען אלערלייא שפּעציעלע אָפּגאבען און זייא פארקויפט דיא פּריוויקעגיען צו מאכען געלד פון דיא בעפעלקערונג און עס אוועקגעגעבען דיא רעגיערונג. דיא אַלגעמיינע נייגונג צו בעטראַכטען אידען גלייך וויא אנדערע מענשען איז ביסלעכווייז פערשוואונדען געווארען און דאס געפיהל אז אידען האָבען מענשענרעכטע איז אָפּגעשוואכט געוואָרען. אייראָפּא איז געוואָרען קריסטליך אין ערנסטען זין פון דעם וואָרט קריסטענטהום.

צום ענדע פון עלפטען יאהר־הונדערט איז דער רעליגיעזער פאנאטיזמוס שוין געוועזען אזוי פערשפּרייט אז עס איז געקומען דיא צייט פון אַלגעמיינע רעליגיעזע בעוועגונגען און אויך פון איין עפענטליכען אלגעמיינעם אויסדרוק פון דעם האס געגען אידען וואָס דיא קירכע האָט פערפלאנצט אין דיא הערצער פון דיא פעלקער. איין אורזאכע דערצו האט זיך באלד געמאכט. א פראנצויזישער מאנאך, פעטער פון אמיאן, האָט אָנגעפאנגען צו פרעדיגען אין אייראָפּא פון דיא צרות וואָס קריסטליכע בעזוכער צום קבר פון יעזוס אין ירושלים ליידען פון דיא מחמדנער וועלכע האָבען דאן בעהערשט ארץ ישראל. זיינע פייערינע רעדען זיינען געוועזען דער פונק וואָס האָט אנגעצונדען דעם פלאַקער פון רעליגיעזען ענטהוזיאזמוס. דיא ווילדקייט און דיא בלוטדורשטיגקייט פון דיא אונוויסענדע מאסען האָט געפונען איין עפענונג דורך וואָנען ארויס צו פּלאצען און דער געשריי אז דער קבר פון גאָט׳ס בן יחיד מוז אריין אין קריסטליכע הענד האָט זיך פערברייט איבער גאנץ אייראָפּא.

אויף דעם קירכענראטה אדער פערזאמלונג פון גייסטליכע וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין קלערמאָן פראנקרייך אין יאָהר 1095 וואו פאפּסט אורבאן דער צווייטער איז געוועזען פאָרזיצענדער, איז בעשלאָסען געוואָרען אז עס איז דיא פליכט פון דיא קריסטען איינצונעהמען דאס הייליגע לאַנד און צו פערניכטען דיא אונגלויבינע. יעדער וואָס האָט זיך אָנגענומען צו געהען נאָך ארץ ישראל קעמפפען מיט דיא מחמדנער האָט געמאכט דעם צייכען פון א קרייץ אדער צלם אויף זיינע קליידער און דערפאר רופט זיך דיעזער צוג אין דער געשיכטע מיט דעם נאָמען קרייצצוג אדער דיא נסיעה פון דיא מענער מיט׳ן צלם.

אין 1096 האָט זיך דיא מערקווירדיגע רייזע אנגעפאנגען. אין אנפאנג האָבען אידען געקוקט מיט גרויס פערוואונדערונג אויף דיא גרויסע מאסען פאנאטישע קריסטען וועלכע האָבען זיך געלאָזען אהן ארדנונג און אהן ריכטיגע פיהרערס צו געווינען דאס לאַנד וואו אידישע מלכים האָבען אמאָל רעגיערט און אידישע העלדען האָבען פערגאָסען זייער בלוט אין פערטהיידיגונג פון זייער פאָטערלאנד. אידישע געשעפטסלייט האָבען אין אָנפאנג אויך געמאכט געלד פון דיא פאָרבערייטונגען

וואס דיא וואנדרערער האָבען געמאכט אבער באלד האָט זיך אלעס געענדערט. ווען דיא וועניגע גוט ארגאניזירטע קעמפפער זיינען אוועק האָט זיך אנגעזאמעלט א זעהר גרויסע מאסע פון דיא נידריגסטע קלאסען אָהן דיסציפלין און אהן ארדנונג און האָט זיך אויך גענומען כּאָזען נאָך אזיען זיך שלאָגען מיט דיא אונגלויביגע. די מאסע האָט זיך פערזאמעלט אין טריווז (טרעוועס, אין דאס יעצטיגע רהיין־פּרייסען) פעטער דער גלח און וואלטער דער בעטלער זיינען געוועז דיא קאמאנדירען. זייא האָבען אוועקגעלאזען אויפ'ן וועג א באָק און א סטאדע געגז און געזאָגט אז דיעזע שטומע בעשעפּניסען וועלען זייא ווייזען דעם וועג נאָך ירושלים. פּלוצלונג האָט זיך אונטער דיא ווילדע מאסע פערשפּרייט דער פּלאָן אז איידער מען געהט איינגעהמען דיא פיינדע פון קריסטוס אין אזיען, דארף מען דערווייל זיך אפּרעכענען מיט דיא אונגלויביגע וואס מען האָט דא דערביי — דיא אידען.

מיט ווילדע געשרייען זיינען גרויסע מאסע פון די קרייצפאהרער בעפאלען די שטאָדט און אנגעפאנגען צו רויבען, צו פערגוואלטיגען און צו מאָרדען. דיא זעלבע שרעקליכע סצענען האָבען זיך ווידערהאָלט אין דיא מייסטע גרויסע שטעדט פון דייטשלאַנד בייא דיא טייכען רהיין, מאָזעל, מאין און אזוי וויט וויא דיא דאנוי. קייזער היינריך דער פיערטער וועלכער האָט אליין געהאט געליטען שרעקליכע צרות פון פּאפּסט (גרעגאר VII) איז געוועזן אין איטאליען אויף א מלחמה און די אידישע געמיינדען זיינען געוועזן אין גאנצען אין דיא הענד פון דיא בישאָפס. אין טריווז האָבען א טהייל פון דיא וואס האָבען זיך גערעטעט אין פּאלאסט פון בישאָף געמוזט לפנים אננעהמען קריסטענטהום. אין שפּייער האָט בישאָף יאהנסען פּאר־טהיידיגט דיא אידען און איז געגאנגען אזוי וויט אויפצוהייגען עטליכע סרייצ־פאָהרער אלס א ווארנונג און דאס האָט דיא דאָרטיגע אידען עטוואָס געהאָלפען. אין ווארמס, אין מאינץ אין קעלן און אין ראטיכבאָן זיינען טויזענדע אידען מיט זייערע פרויען און קינדער אומגעקומען אויף קידוש השם. מען רעכענט דאס אין דיא פּאר מאנאטע פון מאי ביז דשולאי אין 1096 (תתנ"ו) זיינען איבער צוועלף טויזענד אידען אומגעקומען אין דיא רהיין־פּראָווינצען. דיעזע אָפּפער זיינען ניט אלע אומגעקומען פון דיא מערדערישע הענד פון דיא קרייצפאהרער. אין פילע פּלעצער האָבען דיא אידען אליין געקוילעט זייערע פרויען און קינדער און דאן זיך אליין, אום ניט אריינצופאלען אין דיא מערדערשע הענד. מיט דיא אויסנאהמע פון איינינע גוטע נכחים וויא בישאָף הערמאן פון קעלן וועלכער האט געהאָלפען בעד־האלטען פיעלע אידען פון דיא ווילדע וואנדרערער, האָבען דיא נלחים מייסטענס נאָך מעהר אויפגערייצט דיא מערדער און רויבער, און בענוצט דיא געלעגענהייט

צו צווינגען דיא אידען מיט א שוואכערען כאראקטער אנצונעהמען קריסטענטהום. דיא קריסטליכע רעליגיאָן איז אין דיזע בארבארישע סצענען פון גרויזאמקייט ניט געוועזן נור א תירוץ אדער איין ענטשולדיגונג, וויא עס האָט זיך אָפט געטראָפען אין שפּעטערע צייטען. דא איז קריסטענטהום געוועזן דיא הויפּט אורזאכע. דיא רעגיערונג איז געוועזן געגען דיא מערדערייען. אבער זיא איז דאן געוועזן שוואך און דיא בישאָפס זיינען געוועזן דיא אמת'ע הערשער. דער ערשטער אויסברוך פון ווילדען האס געגען אידען איז געוועזן דיא פרוכט פון דיא ארבייט פון דיא קריסטליכע קירך דיא לעצטע עטליכע הונדערט יאהר.

ווען קייזער היינריך דער פיערטער איז צוריק געקומען פון איטאליען אין 1097 האָט ער אויסגעדריקט זיין צאָרן און האָט פערדאמט דיא מערדערייען פון די קרייצפאהרער. ער האָט ערלויבט דיא געצוואונגענע געטויפטע זייא זאלען צוריק עפענטליך ווערען אידען און האָט דערמיט אויף זיך געבראכט נייע שטרייטיגקייטען מיט דיא פּאָרשטעהער פון קירך. דיא העברעע קלאסען זיינען אפילו דאן נאך אויך ניט געוועזן אזוי דורכדרונגען פון יודענהאַס וויא זייא זיינען געוואָרען שפּעטער ווען זייא האבען זיך ארומגעזעהען וויא גוט דאס בעצאָהלט זיך. נאך דיא שרעקליכע פּאַכירונגען פון יענעם יאהר זיינען דיא אידען אין דייטשלאנד א ביסעל געקומען צו זיך און מען הערט ניט פון קיין נייע גזירות פאר א רעכטע צייט. נור דאס געפיהל פון לאסט פון גלות איז געוואָרען דריקענדער און איין אומעטהיגער טאָן הערשט אין אלעם וואס עס איז פון יענער צייט געשריבען געוואָרען. אידען זיינען אויך געוואָרען מעהר פרום און זיך אין גאנצען אריינגעלאזען אין תלמודישע סטודיען, זוכענדיג אין אידישקייט טרייסט און האָפנונג וואס זייא האבען ניט געקענט געפינען אין דיא בארבארישע אויסען־וועלט אין וועלכע זייא האבען געלעבט. ווען דיא נאכריכט איז געקומען דאס פון דיא 200,000 קרייצפאהרער וואס זיינען בעגאנגען דיא מייסטע מערדערייען אין דייטשלאנד, זיינען דיא מייסטע געפאלען אין אונגארן און נאר א קלייגער הויפען עלענדע און פערהונגערטע האָבען זיך געראטעט צוריק נאך דייטשלאנד, האָבען דיא אידען און אויך פיעלע פון דיא בעסערע קריסטען דאס בעטראכטעט אלס א פערדיענטע שטראָף פון גאָט. אָבער עס איז ניט געוועזן קיין געלעגענהייט זיך צו פרייען, ווייל וויא וויית מען האָט דאן געקענט וויסען אין איין לאנד וואָס עס קומט פאָר אין איין אנדערע, זיינען דיא נייעס פון אומעדום, אויסער פון שפּאניען, געוועזן זעהר טרויעריג.

ווען גאָטפריעד פון בוילאָן מיט דיא מעהר מיליטערישע אָפּטהיילונג פון די קרייצפאָהרער האָט זיך ענדליך דערשלאָגען נאָך ארץ ישראל און האָט אין יאהר

1099 אייגנענומען ירושלים האבען דיא קריסטען געפייערט זייער זיעג מיט דעם וואס זייא האבען אויסגעמארדעט אלע מחמדנער און דאן צוזאמענגעטריבען אלע אידען, דיא רבנישע און דיא קראים אין א שול וועלכע איז אנגעצונדען געווארען און אלע זיינען פארברענט געווארן. אידען זיינען וויעדער אויסגעשלאסען געווארען פון זייער אמאליגע הויפטשטאדט און ווען דיא מחמדנער האבען צוריק געוואונען ירושלים מיט 50 יאהר שפעטער זיינען דארטען ניט געווען קיין אידען וואס זאלען זיך קענען פרייען איבער דיא מפלה פון זייערע בלוט פיינד.

אין דער צייט פון דיא קרייציגע ערפאהרען מיר אויך צום ערשטען מאל עט־וואס וועגען דיא אידען אין בעהמען, וועלכע האבען דארט ביז דאן געלעבט רוהיג און געפיהרט גרויסע געשעפטען, בעזאנדערס אלס שקלאפען־הענדלער. דיא בעה־מען זיינען שוין געווען קריסטען אבער דאס קריסטענטהום איז אין דיא סלאווישע לענדער דאן נאך ניט געווען אזוי איינגעווארצעלט וויא אין דיא מיטעל און וועסט אייראפעאישע לענדער און אידען פערפאלגונגען זיינען געווען אונבעקאנט. ערשט דיא בעוועגונג פון דיא קרייצפאהרער האט דארט אויפגעוועקט דעם פאנאטיזמוס און דעם האס געגען אידען. ווען דיא מערדערישע וואנדערער האבען דורכגערייזט בעהמען איז דער מעכטיגער הערשער פון לאנד, הערצאג וורראטיסלאוו דער צוויי־טער געווען בעשעפטיגט מיט א קריעג און האט, וויא קייזער היינריך פון דייטש־לאנד, ניט געקענט שיצען דיא אידען געגען דיא גלחים און דיא פאנאטישע מאסע. בישאף קאסמאס פון פראג האט די דארטיגע אידען געגעבען דיא ברירה פון טויט אדער קריסטענטהום. פיעלע האבען זיך לפנים געטויפט, אבער ווען זייא האבען געקסטעס יאהר ערפאהרען אז קייזער היינריך האט ערלויבט דיא געצוואונגענע גע־טויפטע צוריק צו ווערען אידען האבען זייא צוריק אנגענומען זייער אלטען גלויבען. זייא האבען זיך אבער ניט געפיהלט זיכער און האבען בעשלאסען צו מאכען אלעס וואס זייא האבען צו געלד און אויסוואנדערן נאך פוילען אדער אונגארן. ווען ווראַ־טיסלאוו איז צוריקגעקומען און געהערט אז דיא אידען פון פראג ווילען אוועק האט ער בייא זייא געראובט אלעס וואס זייא האבען זיך אנגעגרייט מיט צו נעהמען. א שרייבער פון יענער צייט דערצעהלט אז ווראטיסלאוו האט דאן בייא דיא אידען פון בעהמען צוגענומען מעהר געלד וויא פיעל דיא גריכען האבען געפונען ווען זייא האבען אייגענומען טראיא.

אין עלפטען יאהר־הונדערט פאנגט מען אן אויך עטוואס צו הערען פון דיא אידען אין ענגלאנד. עס ווייזט אויס אז אידען האבען דארט געוואוינט נאך פון דער צייט ווען ענגלאנד האט געהערט צו רוים. אבער אין דיא שפעטערע יאהר־הונ־

דערטע נאָך דעם אונטערגאַנג פון רוים ווערען זייא דאָרט זעהר וועניג דערמאַנט. אבער איינצעלנע פאַקטען וויא למשל דער בעפעהל פון עגבערייהט, ערצבישאָף פון יאָרק אין 740 אז קריסטען זאלען ניט בעזוכען קיין אידישע מאהלצייטען וויזט אז זייער לאַגע איז דאָרטען וואהרשיינליך געוועזן ניט זעהר שלעכט. אין יאהר 1041 האט דער דאַמאַליגער ענגלישער קעניג, עדוואַרד III ערקלערט אז דיא אידען זיי־נען דיא אייגענטהום פון קרוין. ווען וויליאם פון נאָרמאַנדיע האט איינגענומען ענג־לאַנד און איז געוואָרען קעניג (1066) איז דיא צאהל פון אידען דאָרט געוואָרען גרע־סער. פיעלע זיינען מיט איהם מיטגעקומען פון פראַנקרייך, און עס ווערט בעריכ־טעט אז אידען האבען בייא איהם געקויפט דאָס רעכט זייא זאָלען זיך דאָרט מע־נען בעזעצען. זיין זאָהן וויליאם רופוס וועלכער איז געשטאָרבען אין יאהר 1100 האט וועניג געהאַלטען פון קריסטענטהום און האָט אַמאָל געשטראָפט דאָס אויב דיא רבנים וועלען מנצח זיין דיא בישאָפס אין אַ דעבאַטע וואָס ער האט פעראַנ־שטאַלטעט, וועט ער אליין ווערען אַ איד. אזוי וויא דיא אידען האבען געצאהלט אבגאַבען צו דער רעגיערונג און דיא קריסטען צו דער קירכע האָט ער זיך וועניג געפרעהט ווען אַ איד פלעגט זיך טויפען און מען דערצעהלט פעללע וואו ער האט האט געצוואונגען משומדים צוריק צו ווערען אידען כדי דיא קירך זאָל ניט געווי־נען דיא איינקונפט וואָס ער האט פערלאָרען.

אידען האבען אונטער זיין רעגיערונג געוואוינט אין לאָנדאָן און אין אָקס־פאָרד. אין דיא לעצטע שטאָדט האט דיא גרעסטע טהייל פון דיא הייזער געהערט צו אידען. דאָך האט מען זייא דאָרט ניט ערלויבט צו האבען קיין בית הקברות און זייא האָבען געמוזט פיהרען זייערע מתים צו דער קבורה אין לאָנדאָן. אָקספאָרד איז שוין דאַן אויך געוועזן אַ מיטעלפונקט פון בילדונג און דיא דאָרטיגע שולען אדער עפענטליכע פערזאַמלונגס פלעצער פון יענער צייט וועלכע זיינען גערופען געוואָרען „מאָזעס האָלל“ און „דזשייקאָבס האָלל“ זיינען איין אנדענקען פון אידישע טהעטיג־קייט. אין ענדע פון עלפטען אין אנפאַנג פון צוועלפטען יאהרהונדערט הערט מען פון זייא גאַנץ וועניג, און דאָס איז וויא געוועהנליך אַ סימן אז עס איז זייא ניט שלעכט געגאַנגען, דאָס הייסט ניט ערגער וויא געוועהנליך אין יענע באַרבאַרישע צייטען.

צווייטער קאפיטעל.

העכסטע שטופע פון שפאניש־אידישע ליטעראטור. ר' יהודה הלוי, אבן עזרא, בנימין פון טאָלעדאָ

דיא צייט ווען דיא אידישע ליטעראטור אין שפאניען האט עררייכט איהר העכסטע שטופע קומט אוים ווען דיא לאגע פון דיא אידען האט שוין אנגעפאנגען צו ווערען ערגער. דיא אראבער פון שפאניען זיינען ניט מעהר געווען אזוי ליבעראל און אזעלכע פריינדע פון פאָעזיע און וויסענשאפט וויא אין דיא צייטען פון חסדאי אבן שפרוט אדער ר' שמואל הנגיד און דיא מורען וועלכע זיינען פון צייט צו צייט אריבער נעקומען פון נארד אפריקא האָבען מיט געבראכט פאנאטיזמוס און פערפאָלגונגען. שפאניען איז ניט מעהר געווען אזוי זיכער און אידען האבען גע־מוזט אָפט אוועק פון איין שטאָדט אין דיא אנדערע אדער פון איין געגענד אין אנ־דערען צו רעטען זייער לעבען אדער זייער פערמעגען פון די הענד פון די מחמדנישע פערפאָלגער. דאך האט דיזע פעריאָדע (אין צוועלפטען יאהר־הונדערט) ארויס־געבראכט דיא טהייערסטע פרוכט פון שפאניש־אידישען גייסט. דיא גלענצענדסטע נאמען פון דיא אידישע ליטעראטור פון מיטעלאלטער געהערען צו יענער צייט.

דיא נייע פערפאלגונגען געגען אידען האבען זיך אנגעפאנגען אין מאראקקא, דיא היים פון דיא מורען (מורינען אדער דונקעל־הויטיגע איינוואוינער פון נארד אפריקא) פון וואנען נייע בעזיעגער און הערשער זיינען אייניגע מאל געקומען נאך שפאניען. א נייע פאנאטישע סעקטע וועלכע האט זיך גערופען אלמאָחאדען אונ־טער דיא אנפיהרערשאפט פון עבדלה אבן תומרת האט זיך דארט פארשפרייט און האָט געזוכט צו פערברייטען דעם איסלאם מיט פייער און שווערד. אידען און קריסטען האבען געמוזט ווערען מחמדנער אדער פערלאזען דאס לאנד. פיעלע אי־דען זיינען לפנים געווארען מחמדנער. דער נאכפאלגער פון אבן תומרת, עבדול מומן האט זיך שוין געפיהלט שטארק גענוג אריבער צו קומען נאך שפאניען, וויא יוסף אבן תושפינא האט געטהאן אונגעפעהר מיט 60 יאהר פריהער.

דיא אלמאראווידען אדער דיא בערבערען וואס זיינען געקומען מיט יוסף זיי־נען שוין געשטאנען אין א שלעכטען צושטאנד. זייא זיינען ניט געוואהנט געווען צום לייכטען לעבען און די תענוגים פון אנדאלוזיען אדער פויטה פון שפאניען און דאס האט זייא אפגעשוואכט. דער קריסטליכער קעניג פון קאסטילען אין נארד שפאניען, אלפאנס ריימודעץ, האט אנגעהויבען צו ווערען שטארקער. ער האט אויך געהאט געגוג שכל צו וויסען דעם ווערטה פון דיא אידישע פריינדשאפט און האט זיך געוויעזען אלס זייער שיצער וועןמחמדנער האבען זייא פערפאלגט. אין מיטען פון צוועלפטען יאהר־הונדערט איז עבדול מומן געקומען אין שפאניען און האט אין יאהר 1148 איינגענומען קארדאווא. זיינע פאנאטישע מיליטער האבען בערויבט די שטאדט. אידען און קריסטען וועלכע האבען ניט געוואלט אננעהמען דעם מחמדני־שען גלויבען האבען זיך מיט שוויריגקייטען גערעטעט און דער גרעסטער טהייל פון זייא איז אוועק נאך נארד, צו זוכען שוץ אין דאס קריסטליכע קאסטילען.

אלפאנס ריימודעץ האט דיעזע געלעגענהייט געוואוסט וויא צו בענוצען. ער האט דיא גרענץ־פעסטונג קאלאטראוויא איבער געגעבען אין דיא הענד פון א אי־דישען קאמאנדאנט, דעם דיפלאמאט יהודה אבן עזרא, וועלכער האט גוט אכטונג געגעבען אז אלע אידען און קריסטען וואס האבען זיך גערעטעט פון דיא אלמא־האדען זאלען געפינען א זיכערען פלאטץ אין קאסטיליען. דיא הויפט שטאדט טא־לעדא (אין דיא שפאניש־אידישע ליטעראטור ווערט זיא גערופען טוליטולה) איז יעצט געווארען דער אמת'ער מיטעל פונקט פון שפאנישען יודענטהום. יהודה אבן עזרא האט געהאט א הויכען אמט אין קעניגליכען הויף און האט פיעל געטהאן פאר אידען. ער ווערט נור בלאמירט פאר וואס ער האט געברויכט זיין מאכט צו צווינגען קראים אין קאסטיליען אנצונעמען דעם רבנישען יודענטהום. עס איז אבער במעט אונמעגליך צו אורטהיילען דיא האנדלונגען פון א דיפלאמאט אין מיטעל־אלטער נאך אונזער איצטיגען בעגריף פון פרייהייט און טאלעראנץ.

דיא גרעסטע צווייא פערזאנען וואס דאס שפאנישע יודענטהום האט געהאט אין דיא ערשטע העלפט פון צוועלפטען יאהר־הונדערט זיינען אויך געווען פון קאס־טילען, פון דעם טהייל וואו אידען האבען דאן געלעבט רוהיגער און זיכערער וויא אונטער דיא מחמדנער. דער ערשטער פון זייא, דער אונשטערבליכער פאעט און פילאזאף ר' יהודה בן שמואל הלוי איז געבארען געווארען אין טא־לעדא אין 1085 און האט געלערענט תלמוד בייא ר' יצחק אלפסי אין לוצענא, אין דער זעלבען צייט ווען דער נאכפאלגער פון רב אלפס, ר' יוסף בן מיגש, האט דארט געלערענט. ער האט אבער זיך ניט צופריעדען געשטעלט מיט תלמוד אליין און

האט געשטודירט מעדיצין, מאטהעמאטיק, פילאזאפיע און זיך פיעל בעשעפטיגט מיט פאעזיע. שפעטער האט ער זיך בעזעצט אלס ארצט אין טאלעדא און האט פערזאמעלט ארום זיך פיעלע אנהענגער און פערעהרער. ער איז געווען רייך און הויך געאכטעט און זיינע פאעזיע האט גלייך פון אנפאנג צוגעצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די געלערנטע פון זיין צייט.

ר׳ יהודה הלוי האט געשריבען דאס בעסטע ווערק איבער די אידישע רע־ליגיאנ׳ס-פילאזאפיע זייט רב סעדיה גאון. דיעזעס ווערק דער ספר הכוזרי וועלכען ער האט געשריבען אין אראביש שטעלט פאר א דעבאטע איבער די גרונדלאגען פון די אידישע רעליגיאן, צווישען בולאן דעם קעניג פון די כוזרים און ר׳ יצחק סנגרי דעם אידישען געלעהרטען וועלכער איבערציינט איהם אז די אידישע אמונה איז די בעסטע. דיעזעס ווערק איז שפעטער איבערזעצט געווארען אין לשון קודש און אין פיעלע אנדערע שפראכען און איז א וויכטיגע בייטראגע צו די אידישע ליטעראטור.

אבער די הויפט גרויסקייט פון ר׳ יהודה הלוי ווערט אונז בעוויזען אין זיינע פאעטישע ארבייטען. ער ווערט גערעכענט פאר דעם גרעסטען פאעט אין די העברעאישע ליטעראטור און עס איז די אלגעמיינע מיינונג פון קריטיקער דאס קיינער פון די משוררים פון גלות — אויסער פיעללייכט ר׳ שלמה בן גבירול — קענען זיך צו איהם ניט גלייכען. ער האט געזונגען איבער די נאטור, איבער די ליעבע, איבער מענשליכע נארישקייט און איבער דעם טויט פון פריינד אדער גרויסע מענער. אבער קיין טהעמא האט איהם ניט אזוי דערוואַרעמט און ביי קיין גע־לעגענהייט האט זיך זיין פאעטישער גייסט ניט ערהויבען אזוי הויך און זיך ניט ארויס געוויזען אין זיין גאנצע ערהאבענהייט, וויא ווען ער האט געזונגען פון ציון און דאס הייליגע לאנד. זיין בעגייסטערונג פאר ציון איז געווען אָהן גרענעצען און זיין בע־ריהמטע טרויער ליעד, די קינה „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך" האט געריהרט די הערצער פון מיליאנען אידען אין די לעצטע 750 יאהר און איז איבערזעצט געוואָרען אין די מייסטע אייראפעאישע שפראכען.

עס ווערט דערצעהלט, אבגלייך דאס איז ניט היסטאריש געוויס, דאס ער האט פאר זיין שטארקע ליעבע צו ציון בעצאהלט מיט זיין לעבען. ווען ער האט געענדיגט זיין הויפט-ווערק, דעם ספר הכוזרי אין 1140 האט ער זיך בעשלאסען צו מאכען א רייזע נאך ארץ ישראל און האט זיך ניט געלאזט איבעררעדען פון זיין פאמיליע אדער פריינדע אויפצוגעבען זיין פלאן. ער איז אוועק פריהער נאך עגיפ־טען און פון דארט נאך דאס הייליגע לאנד. די לעגענדע דערצעהלט דאס ליגענ־

דיג אויף דער ערד פאר דעם טויער פון ירושלים און זינגענדיג אין היילינע בעגייסטערונג איינע פון זיינע ציון׳ס ליעדער איז ער צוטראטען געווארען אויף טויט פון א טירקישען רייטער וועלכער איז אויף איהם ארויף. דיא צייט פון זיין טויט איז ניט קלאר בעוואוסט. אנדערע גיבען אן דיא דאטע אלס 1141 און אנדערע—1146.

דער דור פון ר׳ יהודה הלוי — דיא גלאנץ פעריאדע פון שפאניש־אידישע ליטעראטור — איז געווען רייך אין נאך אנדערע פאעטען און פילאזאפען. דער גרעסטער פאעט, נאך ר׳ יהודה הלוי, אין יענעם דור איז געווען ר׳ משה בן עזרא (געבארען 1070 געשטארבען 1139) א ברודער פון דעם דיפלאמאט יהודה אבן עזרא. א צווייטער פאעט ר׳ יוסף בן צדיק פון קארדאווא, וועלכער האט געלעבט פון 1070 ביז 1149 האט זיך אויך בעריהמט געמאכט מיט זיין ספר עולם קטן. א זעהר וויכטיגע פערזענליכקייט פון יענער צייט איז אויך געווען ר׳ אברהם אבן דאוד הלוי (דער ערשטער ראב״ד) וועלכער איז געבארען געווארען אין יאהר 1110 און איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין 1180. ער האט געשריבען א קורצע היסטארישע כראניק (ספר הקבלה להראב״ד) אין וועלכע ער האט געזוכט צו בעווייזען דאס דיא איבערליעפערונג פון דיא תורה שבעל פה איז געגאנגען אהן אונטערברעכונג פון איין דור צום צווייטען, פון דיא צייט פון יהושע בן נון וועלכער האט געלערענט תורה פון משה רבינו ביז דער צייט פון ר׳ יוסף בן מיגש, דעם גרעסטען תלמודיסט אין דער צייט פון שרייבער. דער קליינער „ספר הקבלה״ האט א גרויסען היסטארישען ווערטה אבגלייך ער איז ניט פרייא פון טעותים. ער איז דיא איינציגע קוועלע פאר געוויסע היסטארישע פאקטען וואס מיר וואלטען ניט געוואוסט ווען דער פערפאסער וואלט זייא אונז ניט איבערגעגעבען. דאס בוך איז געשריבען געווארען געגען דיא קראים וועלכע לייקענען אין גאנצען אפ דיא איבערליעפערונג. דער זעלבער פערפאסער האט אויך געשריבען, אין אראביש, א בוך איבער אידישע רעליגיאנס־פילאזאפיע, וועלכעס איז נאכדעם איבערזעצט געווארען אין לשון קודש אונטער דעם נאמען „אמונה רמה״.

מעהר בעריהמט וויא דיעזע אלע און די פיעלע אנדערע געלעהרטע פון יענע צייט איז געווען דער פיעלזייטיגער געלעהרטער, קריטיקער און פאעט ר׳ א ב ר ה ם ב ן מ א י ר א ב ן ע ז ר א. ער איז געבארען געווארען אין טאלעדא אין 1092 און איז געווען איינער פון יענע אונרוהיגע גייסטער וועלכע זוכען אימער ענדערונגען און קענען זיך לאנג ניט האלטען אין איין פלאטץ אדער בייא איין געדאנקען. ער איז געווען אדעם אבער ער האט געמאכט שפאס פון זיין דלות און האט פאר קיינעם ניט מורא געהאט. זיין טיעפער אונאבהענגיגער גייסט האט זיך פון קיין זאך

ניט צוריק געהאלטען, און מען ערשטוינט נאך הייטע וועלכע פרייהייטען ער האט זיך אין יענע צייטען ערלויבט אין דיא ערקלערונגען פון געוויסע פסוקים אין זיינע וואונדערבארע פירושים אויף תנ״ך. זיינע ספרים איבער דקדוק און זיינע פירושים פאנגען אן א נייע פעריאָדע אויף דעם פעלד פון דיזע פאָרשונגען און פיעלע ווערקע זיינען אין שפעטערע צייטען געשריבען געוואָרען צו ערקלערען דיא טיפע געניאלע געדאנקען וועלכע ער האט אמאל פארשטעקט הינטער אייניגע ווערטער, ווען ער האט געדיינקט אז עס לוינט זיך ניט אלעס צו ענטדעקען אין יענער צייט. ער איז אויך געווען א בעריהמטער אסטראנאם און איינער פון דיא גרעסטע מא־טהעמעטיקער אין זיין צייט.

עס איז ניט גענוי בעקאנט אויב ר׳ אברהם אבן עזרא איז געווען פערוואנדעט צו דיא רייכע פאמיליע אבן עזרא פון טאלעדא וועלכע איז פריהער שוין דערמאנט געווארען. זיין פערהעלטניס צו ר׳ יהודה הלוי איז אויך ניט ריכטיג בעוואוסט. איין קוועלע ערקלערט אז זייא זיינען געווען קאזינס, דיא זיהן פון צוויא שוועסטער. אנדערסוואו ווערט דערצעהלט אז ר׳ יהודה הלוי איז בייז געוואָרען פאר וואס זיין פרוי מאהנט איהם שטענדיג א חתן פאר זייער טאכטער און האט אין האסט גע־שוואָרען אז ער וועט נעהמען פאר איין איידעם דעם ערשטען מאן וואס וועט אריין אין זייער הויז. דיא טהיר האָט זיך געעפענט און עס איז אריין א יונגער ארעמאן בעטען א נדבה. עס איז געווארען א טרויער און דיא פאמיליע. ר׳ יהודה האָט ער־קלערט אז ער מוז האלטען זיין שבועה אָבער ער האט פערשפראָכען זיין פרוי אז ער וועט דעם ארעמאן מאכען פאַר א גדול. דער ארעמאן וועלכער איז געווען קיין אנדערער וויא ר׳ אברהם אבן עזרא, האָט זיך אין אנפאנג ניט ארויסגעגעבען און זיך געמאכט פאר א גרויסען עם הארץ מיט א גראָבען קאָפּ און ר׳ יהודה איז גע־ווען אין פערצווייפלונג. נאר איין מאל ווען ר׳ יהודה האט זיך געמאטערט צו ענ־דיגען א שיר און איז אוועק לאזענדיג זיין ארבייט ניט געענדיגט האט דער אבן עזרא אין געהיים צוגעשריבען א פּאָאר מייסטערהאפטע צייל[ע]ן. ווען ר׳ יהודה איז געקומען און געפונען דעם סוף פון שיר איז ער געווען ערשטוינט און נעזוכט ווער איז דאס דער גאונישער משורר וואס האט אזוי גוט געמאכט דאס וואס איהם אליין איז שווער אנגעקומען. דער פארשטעלטער אונוויסענדער ארעמאן האט איהם דאן ענטדעקט אז ער איז דאס דער בעריהמטער אבן עזרא און אלעס איז געווען שמחה וששון.

אין דיא אינגערע יאהרען האט ר׳ אברהם אבן עזרא ווענינ געשריבען. ווען ער איז אלט געווארען פערציג יאהר האט ער פערלאזען זיין פאטערלאנד און האָט

אנגעפאנגען ארום צו וואנדערן איבער פערשיעדענע לענדער. אלע זיינע ביכער זיינען געשריבען געוואָרען אין דיא נעקסטע פינף און דרייסיג יאהר ווען ער האט זיך ארומגעטריבען פון איין לאנד צום אנדערן, עס האבען איהם אין דיא גרויסע געמיינדען נאטירליך ניט געפעהלט פריינדע און פערעהרער און ער האט אויך גע־קריגען וויכטיגע תלמידים אין פלעטצער וואו ער איז פארבליעבען א לייננגרע צייט. ער האט פערבראַכט א רעכטע צייט אין רוים, אויך אין אנדערע געגענדען אין איטאליען וויא מאנטוא און לוקקא. ער איז אויך פריהער געווען אין אבעסיניען, מאראקקא און עגיפטען. שפעטער איז ער געווען אין סויטה פראנקרייך וואו ער האט בעזוכט דעם גרעסטען תלמודיסט פון יענער צייט, ר׳ יעקב בן מאיר (רבינו תם) און מיט איהם געהאט וכוחים אין שירים. ער איז אויך געווען אין ענגלאנד און פערבראַכט א פאָאר יאהר אין לאנדאן. מען גלויבט דאס אויף דער עלטער האט ער בעשלאָסען צוריק צו קומען אהיים און איז געשטארבען אויפ׳ן וועג, אין קאלאהאָרא אויף דעם גרענעץ פון נאווארא און ארראגאן, אין יאהר 1167 ווען ער איז אלט געווען 75 יאהר.

איין אנדער וויכטיגע היסטארישע פערזענליכקייט פון יענער צייט איז געווען דער רייזענדער ר׳ בנימין בן יונה פון טודעלא אין נאווארא, נארד שפאניען. ער האט געמאכט א רייזע אין אייראפא אזיען און אפריקא און האט בעזוכט דיא אי־דישע קהילות פון אלע לענדער וועלכע זיינען בעקאנט געווען אין יענע צייטען. דיא רייזע האט גענומען פון 1160 ביז 1173 און אלעס וואס ער האט געזעהען און גע־הערט האָט ער פערשריבען אין זיין בוך „מסעות בנימין“. דיעזע רייזע בעשרייבונג וועלכע איז, וויא דער שטייגער פון יענע צייטען, פערמישט מיט לעגענדען און אנ־דערע זאכען וואס עס איז ניט לייכט יעצט צו גלויבען, האט דאָך א גרויסען היס־טארישען ווערטה. זיא איז אזוי גוט און איז אין פיעלע פונקטען פיעל בעסער וויא דיא בעשרייבונגען פון קריסטליכע רייזענדע פון יענע צייטען און ווערט גענברויכט אלס א קוועלע פאר דיא געשיכטע און דיא געאגראפיע פון יענע צייטען. די מסעות בנימין איז איבערזעצט געוואָרען אין לאטיין, אין פראנצויזיש אין האָלענדיש און אין ענגליש. א צווייטער רייזענדער, ר׳ פתחיה פון רעגענסבורג, האָט אויך גע־לעבט אונגעפעהר אין יענער צייט. זיינע רייזען זיינען בעשריעבען געוואָרען זעהר קורץ אין א קליינעם ביכעלע פון עטליכע בלעטלאך וועלכער הייסט „סבוב רב פתחיה“. א דריטער רייזענדער, דער פאָעט און איבערזעצער ר׳ יהודה בן שלמה אלחריזי, געהערט צו א שפעטערען דור.

אין נאָרד־פראנקרייך און אויך אין דייטשלאנד האָט דיא תורה דאן געבליהט

אין פערשיעדענע געמיינדען וואו עס האבען געלעבט דיא בעריהמטע תלמודישע געלעהרטע וועלכע זיינען בעקאנט אונטער דעם אלגעמיינעם נאמען „בעלי תוספות“ פון דיא וויטערע ערקלערונגען צום תלמוד וואס זייא האבען געמאכט אלס צוגאב צו דעם פירוש פון רש״י. דיא בעריהמטעסטע פון זייא זיינען געווען רש״יס איי־ניקלעך: ר׳ שמואל בן מאיר (רשב״ם) וועלכער איז אויך געווען א קענער אין העב־רעאיש און געמאכט א וויכטיגען פירוש אויף דער תורה; ר׳ יעקב בן מאיר (רבינו תם) פון ראמערו (רומרוג) איז געווען זיין אינגערער ברודער; ער איז געבארען גע־בארען געווארען אין 1100 און געשטארבען אין 1171. אויסער זיינע גרויסע תלמוד־אישע קענטניס איז ער אויך געווען א מדקדק און אויך אמאל געשריבען שירים. ר׳ יצחק (ר״י הזקן), ר׳ שמשון פון שאנץ, ר׳ משה מקוצי דער מחבר פון ספר מצות גדול (סמ״ג) און ר׳ יצחק פון קורביל וועלכער האט דעם סמ״ג אפגעקירצט אין זיין ספר מצות קטן; ר׳ טוביה בן אליעזר פון מאינץ דער מחבר פון דיא פסיקתא זוטרתא, ר׳ שמעון קרא וועלכער האט צוזאמענגעשטעלט דעם ילקוט שמעוני און ר׳ יוסף קרא, וועלכער האט געמאכט פירושים נאך דעם קלארען פשט, געהערען אלע צו דיעזער צייט.

דריטער קאפיטעל.

דיא ווייטערע קרייצציגע. ערשטע אויסווייזונג פון פראנקרייך. פערפאלגונגען אין ענגלאנד.

אין צוועלפטען יאהרהונדערט איז דיא אידישע געשיכטע רייך אין בעריהמטע מענער און אויך אין פערפאָלגונגען. דיא מחמדנישע אלמאחאדען פון מאראקקא זיינען ניט' געווען דיא איינציגע וועלכע האבען אנגעטהאן צרות דיא אידען פון יענער צייט. דיא קריסטען פון פראנקרייך, דייטשלאנד און ענגלאנד זיינען ניט געווען אין דיא זעלבע לאגע וויא קעניג אלפאָנס פון קאסטיליען וועלכער האט אויסגעפונען אז איהם לוינט צו לעבען גוט מיט אידען ווען מחמדנער פארפאָלגען זיי. אידישע בלוט האט דארום געפלייצט אין פערשיעדענע פלעצער און דאס אייגענטהום פון אידען איז גערויבט געוואָרען ווען עס האט זיך נאר געמאכט א גע־לעגענהייט. דער שוטץ פון רעגיערונגען און פון גוטע מענשען איז אָפט געקומען צו שפעט און האָט נור אין איינציגע פעללע גערעטעט פון געפאהר אדער בע־שטראָפט דיא מערדער און רויבער וויא זיי האבען פערדיענט.

אין 1146 האט דאס קריסטענטהום פון אייראָפּא זיך בערייט געמאכט צו א צווייטען קרייצצוג איינצונעהמען דאס הייליגע לאנד וועלכע איז ווידער אריין אין מחמדנישע הענד. פּאפּסט איינעניוס III האט ערקלערט אז אלע וועלכע געהען אויף דיא הייליגע מלחמה זיינען פטור פון צו בעצאָהלען זייערע חובות צו אידען. דיא פאנאטישע גייסטליכע האבען זיך מיט דיזע רויבעריי נאך ניט צופריעדען געשטעלט. נייע העטצערייען האבען זיך אנגעהויבען אין זיד־דייטשלאנד. דער גלח פעטער פון קעלן איז ארויס מיט דיא טענה פון דיא ערשטע קרייצפאָהרער אז איידער מען געהט הרג'נען די אונגלויביגע אין פאלעסטינא דארף מען אומברייגנען דיא אונגלויביגע אידען אין דער היים. א געוויסער רודאָלף וועלכער איז אנטלאָפען פון א מאָנאסטיר איז געגאנגען פון שטאָדט צו שטאדט אויפרייצען דיא בעפעל־קערונג געגען אידען. טויזענדע אידען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען אין קעלן, מיינץ, שפייער, ווארמס און שטראסבורג. דיא בלוטפערגיסונגען וואלטען וואהרשיינליך

נעוועזען נאך גרעסער וויא אין דעם ערשטען קרייצוג ווען נעווימע גרויסע פערזענליכ־
קייטען וואלטען זיך ניט שטארק אנגענומען פאר אידען.

קייזער קאנראד III פון דייטשלאנד און קעניג לודוויג VII פון פראנקרייך
האבען געטהאן אלעס מעגליכע צו פארטהיידיגען דיא אידען געגען דיא אנגריפע
פון דיא קרייצפאַהרער. אבער זייער שוטץ איז ניט געווען אזוי וויכטיג וויא דיא
הילפע פון דעם גוטען גלח בערנארד (סאינט בערנארד) פון קלערוואו אין פראנק־
רייך. זיין איינפלוס איז געווען זעהר גרויס און ווען ער איז ארויס מיט פייערינע
רעדען און שריפטען אין וועלכע ער האט פערדאמט דיא רויבערייען און מערדע־
רייען, האבען די רעגיערונגען און אויך דער פאַפּסט זיך געזעהן געצוואונגען בעסער
צו בעשיצען דיא אידען. דער אויפהעצער רודאלף איז צוריק איינגעשפארט געוואָרן
אין זיין מאָנאסטיר און דיא געפאהר איז אריבער.

דער דריטער קרייצוג וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1188 איז ניט געווען
אזוי געפעהרליך פאר אידען, ווייל דער מעכטיגער קייזער פרידריך בארבאראָסא
האט זיי געשיצט וויא וויט ער האט געקענט. זיין נאכפאָלגער היינריך דער זעקס־
טער איז אויך געווען פריינדליך צו אידען און האט שטרענג בעשטראָפט איין
עליכת דם וואס איז פאָרגעקומען אין שפייער 1196. מען האט דאָרט געפונען איין
ערמאָרדעטען קריסט און דיא שולד, איז וויא געוועהנליך, ארויפגעווארפען געוואָרן
אויף אידען. א ווילדע מאסע האט געשענדעט דעם קערפער פון א טויטע אידישע
מיידעל וועלכע איז ארויסגענומען געוואָרען פון קבר און א טאג שפעטער האבען
זיי ערמאָרדעט דעם רב מיט נאך אכט אידען. דיא איבריגע אידען פון שפייער
זיינען אנטלאָפען און דיא שול וויא אויך זייערע הייזער זיינען בערויבט און פאר־
ברענט געוואָרען. א קורצע צייט נאכדעם איז אָטאָ, דער ברודער פון קייזער
היינריך געקומען און האט חרוב געמאכט דיא דערפער און דיא פעלדער וואס
האבען געהערט צו דיא גלחים און ריא בירגער וועלכע האבען ניט ערפילט זייער
פפליכט צו שיצען דיא אידען. דיזע שטרענגע שטראָף האט געהאט איהר ווירקונג
און דיא בעאמטע פון שפייער האבען שנעל בעשטראָפט דיא באנדיטען וועלכע
האבען געמאָרדעט אידען אדער גערויבט און צושטערט אידישע הייזער. דיא שול
און דיא הייזער פאר אידען זיינען צוריק אויפגעבויט געוואָרען פאר שטעדטישע
געלד און אידען האבען ווידער געלעבט רוהיג אין שפייער ביז דיא נעקסטע פער־
פאָלגונגען.

אזעלכע צופעלע וויא אין שפייער זיינען זעהר אָפט פאָרגעקומען אין איי־
ראָפּא אין דער צייט פון מיטעלאלטער. מייסטענס איז דאס געווען דיא ווילדע

אויפגערעגטע מאסע וועלכע איז אויפגעהעצט געוואָרען פון דיא גלחים. מאנכעס מאָל איז אבער אויך דיא רעגיערונג אליין געווען פארמישט אין דיא רציחות און קעניגע און פירסטען זיינען מיט קאַלטע איבערלעגונג בעגאנגען ערגערע פערברעכען וויא דיא פאנאטישע אונדענקענדע בעפעלקערונג. אין פראנקרייך וואו אידען האָבען געלעבט עטוואס רוהיגער אונטער לודוויג דעם זעקסטען און דעם זיבענטען האבען זיך אויך צום סוף פון צוועלפטען יאהרהונדערט אנגעפאנגען פערפאָלגונגען. אין בלאָא (בליזי) זיינען אין 1171 פארברענט געוואָרן 34 אידען און 17 אידישע פרויען איבער א בלבול וואס איז געמאכט געוואָרען זיך נוקם צו זיין אן דיא אידישע געליעבטע פון א הויכע פערזאָן. פיליפ אויגוסטוס, וועלכער איז געוואָרען קעניג אין 1180 איז אין אנפאנג אויך געווען פריינדליך צו אידען, אבער די גייסט־ליכע האבען איהם באלד איבערגעמאכט און אין נעקסטען יאהר האט ער א גע־וויסען שבת (14טען פעברואר 1181) געלאָזען איבערפאלען דיא שול פון פאריז און נעהמען אלע אידען געפאנגען. ער האָט קאָנפיסקירט זייערע הייזער, האָט בטל געמאכט דיא חובות וואָס מען איז זיי שולדיג, אויסער א פינפטעל וואס ער האָט צוגענומען פאר זיך. און האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז זיי מוזען פערקויפען אלץ וואָס זיי האָבען און אוועק פון לאַנד.

דאָס איז געווען דיא ערשטע אלגעמיינע אויסוויזונג פון א גרויסע לאַנד אין מיטעל אַלטער. דיא פירשטען פון סאוטה פראנקרייך האָבען דעם קעניג'ס בעפעהל ניט געהאָרכט און אידען זיינען דאָרט געבליבען וויא פריהער, אָבער אין די נאָרד וואו פיליפ אויגוסט האָט ווירקליך געהערשט, איז דער גירוש געווען פאָל־שטענדיג. אידען זיינען געבליבען ווייט פון פראנקרייך אונגעפעהר צוואנציג יאהר אבער אין 1198 האט דער זעלבער קעניג מיט זיי אנגעהויבען צו אונטערהאנדלען וועגען זיי צוריק אריינלאָזען. ער האט בעשטימט געוויסע גאסען אין פאריז וואו זיי מעגען וואוינען און זיי זיינען צוריק געקומען און זיך בעזעצט און געפיהרט דיא געשעפטען פון געלד־פארלייהען וויא פריהער. דער קעניג האט ערלויבט צו נעמען הויכע צינזען (43 פון הונדערט א יאהר) כדי זיי זאלען גיך קענען אנזאמלען געלד, ער זאָל זיי ווידער קענען בערויבען. דאס איז געווען די געוועהנליכע פינאנס־פאָליטיק פון יענע צייטען. דיא רעגיערונג האט געגעבען דיא אידען אלע מעגליכקייט אנצוזאמלען געלד און עס דאן צוגענומען אָהן צערעמאָניעס. דיא רייכע אידען זיינען נאר געווען א סאָרט קאָלעקטארס פאר דיא געלד־זיכטיגע הערשער און האבען זיך גע־שעצט גליקליך ווען זייער לעבען איז ניט צוגענומען געוואָרען פון זיי צוזאמען מיט דאָס געלד וואס זיי האבען אנגעזאמעלט. אבער אין יענע צייטען איז דעם אידען'ס

לעבען געווען אזוי אונזיכער און דיא צרות אין אלע לענדער זיינען געווען אזוי גרויס אז עס איז קיין וואונדער דאס דיא אידען האבען בענוצט יעדע געלעגענהייט, אפילו דיא ערגסטע זיך צו בעזעצען אין א שטאדט וואו זיי האבען פריהער ניט געקענט קומען און האבען זיך דארום אויך ניט ענטזאגט צוריק צו קימען נאך פּאריז און פראנקרייך, אונטער דעם זעלבינגען קעניג וואס האט זיי בערויבט און ארויס-געטריבען.

אין ענגלאנד האבען דיא אידען געלעבט רוהיג אונטער וויליאם רופוס און אויך אונטער זיין נאכפאָלגער הענרי דעם ערשטען. אונטער זיין נאכפאָלגער סטיפען, וועלכער האט רעגיערט פון 1135 ביז 1154 האבען זיך אנגעפאנגען פער-פאָלגונגען. מען האט געמאכט א בלבול אז אידען האבען ערמאָרדערט א באָי מיט דעם נאָמען וויליאם און דיא שטאָדט נארוויטש; דער באָי איז געמאכט געוואָרען פאר א הייליגען און מען האט אנגעהויבען צו בערויבען דיא אידען אין נאמען פון „סאינט וויליאם". אונטער דיא לאנגע רעגיערונג פון קעניג הענרי II איז קיינע וויכטיגע נייעס פאָרגעקומען און וויא געוועהנליך אין רוהיגע צייטען האבען דיא אידען אנגעזאמעלט פערמעגען און צוגעצויגען אויף זיך דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא גלחים און דיא רעגיערונג. ווען הענרי איז געשטאָרבען און זיין בעריהמטער זוהן, דער העלד ריטשארד וועלכען מען האט גערופען דער לעוועןהערציגער האט געדארפט ארויף ארויפ'ן טהראָן, האבען דיא אידען געהאָפט אויף גוטע צייטען און פיעלע פון זיי זיינען געקומען צו זיין קרוינונג אין יאהר 1189 מיטבריינגענדיג גרויס-ארטיגע מתנות. עס איז מעגליך אז דער רייכטהום פון די דעלעגאטען פון דיא אי-דישע געמיינדען וועלכע האבען געבראכט דיא געשענקע האט אויפגעוועקט דיא געלד לוסט פון דיא מאסען. דער ערצבישאָף פון קאנטערבורי האט געגעבען זיין צושטימונג און מיטגעהאָלפען אין דיא אינטריגען צו פארברייטען דעם קלאנג אונ-טער דיא פערזאמעלטע מאסען אז דער נייער קעניג הייסט בעפאלען און הרגענען דיא אידען. דעם טאג פון דיא קרוינונג (3טען סעפטעמבער 1189) זיינען א טהייל פון דיא פערזאמעלטע מאסען בעפאלען אויף דיא לאנדאנער אידען און אויס-געמאָרדעט אלע וואס זיינען אריינגעפאלען אין זייערע הענד. דיא שולען און דיא אידישע הייזער זיינען פארברענט געוואָרען נאכדעם וויא דיא באנדיטען האבען צו-גענומען אלעס וואס האט געהאט א ווערטה. עס איז אמת אז ווען קעניג ריטשארד איז ערפאהרען פון דיא רציחות איז ער געווען זעהר בייז און האט איינינע פון דיא אנפיהרער בעשטראָפט, אבער ער איז געווען צופיעל בעשעפטיגט מיט זיינע מילי-טערישע אונטערנעהמונגען צו בעשיצען דיא אידען. דיא געוואלטטהאטען פון

קאַנדראַן זיינען געוועזן א סיגנאַל דאס דיא צייט פון בלוטיגע פערפאָלגונגען געגען אידען אין ענגלאַנד איז געקומען. א קורצע צייט שפּעטער האבען זיך דיא זעלבע שרעקליכע סצענען אפּגעשפּיעלט אין לינקאָלן, אין נאָרוויטש, אין סטעמפאָרד און אין אנדערע ענגלישע שטעדט. אידישעס בלוט האט געפליסט אין דיא גאסען. פייער האט פערצעהרט אלעס וואס עס איז געבליעבען ווען דער רויבער און דער מערדער האט געענדיגט זיין ארבייט. אם מייסטען האט געליטען דיא רייכע קהלה פון יאָרק. דיא גאַנצע אידישע בעפעלקערונג האט זיך געראַטעט אין קעניגליכען שלאָס און זיך דאָרט פערטהיידיגט זעקס טעג ביז עס איז זיי אויסגעגאַנגען דיא שפּייז. אויפ'ן זיבענטען טאג האבען זיי זיך בעשלאָסען אויסצוהרגענען איינע דיא אנדערע איידער אריינצופאַלען אין דיא הענד פון דיא בלוט דורסטיגע קריסטען. זיי האבען פריהער אויסגעקוילעט זייערע פרויען און קינדער און דערנאָך איינע דיא אנדערע. דיא עטליכע וועלכע זיינען איבערגעבליבען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען פון דיא קריסטען וועלכע זיינען אריין אין שלאָס און האבען צו זייער ערשטוינען געפונען טויטע קערפּער שווימענדיג אין בלוט. דיא צאָהל פון דיא וועלכע זיינען יענעם טאג (דען 17טען מערץ 1190) אומגעקומען ווערט אנגעגעבען אלס 500. אנדערע קוועלען בעהויפּטען אז דיא צאהל פון אָפּפער איז געוועזן 1500.

איינע פון דיא פיהרערס פון דיא אנגריפע אויף אידען זיינען בעשטראָפט געוואָרען אבער ניט זעהר שטארק און דיא שטראָף איז אויך מייסטענס געוועזן ניט פאר מאָרדען דיא אידען נור פאר דיא צושטערונג פון אייגענטהום וואס האט לויט דאמאָליגע געזעצע געהערט צו דיא קרוין. ווען ריטשארד איז צוריקגעקומען פון זיין קרייצצוג און פון זיין געפאַנגענשאפט אין עסטרייך האט ער געזוכט צו ברייגגען ארדנונג אין בעציהונגען צו אידען. ער האט ערקלערט אלע אידען אלס דאס אייגענטהום פון קרוין, האט אויסגעמאכט פערצייכניסען פון זייער פערמעגען און ארויפגעלייגט אויף זיי שווערע אבגאבען. דאס איז געוועזן אפענע רויבעריי, וועלכע דיא אידען האבען געקענט זעהן פאראויס און זיין פאָרבערייטעט עס אָבצוגעבען און שלעכט וויא דאס איז געוועזן האבען דיא אידען דאָך עס בעטראַכטעט אלס בעסער וויא דיא פלוצלונגע איבערפאלען ווען זיי פלעגען פערליערען דעם גאנצען פערמעגען און אָפט אויך דעם לעבען.

ריטשארד'ס רעגיערונג מיט איהר רוהיגקייט און זיכערהייט פאר דיא אידען פון ענגלאַנד האט זיך שנעל געענדיגט און נאָך זיין טויט אין יאהר 1199 איז געקומען דיא אונזיכערע צייט פון זיין קאפּריזנעם ברודער דשאהן וועלער האט קיין מאל אליין ניט געוואוסט ריכטיג וואס ער וויל. אין אנפאנג האט ער זיך בענומען

גאַנץ פיין געגען אידען און זיי האָבען זיך געפיהלט אַזוי זיכער אַז רייכע אידען פון אַנדערע לענדער האָבען זיך בעזעצט אין ענגלאַנד. אָבער אין 1210 האָט ער פּלוצלונג געלאָזט אַרעסטען אַלע אידען פון ענגלאַנד און זיי געהאַלטען אין געפענגניס און פיעלע פון זיי אויך געפייניגט אַרויסצוקריעגען פון זיי אַ טהייל פון זייער פערמעגען. ער האָט געדיינקט אַז זיי האָבען שוין אַנגעקליבען גענוג געלד און פעראַכטענדיג דיא סיסטעמאַטישע מעטהאָדען פון זיין העלדענמוטהיגען ברודער, האָט ער עס געמאַכט קורץ און שאַרף און צוגענומען מיט געוואַלט אַזוי פיעל וויא ער האָט געקענט קריגען. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט דאָס קעניג דזשאָהן האָט אַ רייכען אידען פון בריסטאָל געלאָזט אַרויסרייסען יעדען טאָג אַ צאָהן אַ גאַנצע וואָך נאָך אַנאַנד, ביז דער אונגליקליכער האָט זיך אויסגעקויפט מיט אַ גרויסע סומע געלד וואָס דער טיראַן האָט פון איהם געפאָדערט. ווען דשאָהן איז געשטאָרבען אין 1216 איז דיא אידישע לאַגע אויך ניט פיעל פערבעסערט געוואָרען. פערפאָלגונגען, ערפּרעסונגען און עלילות דם זיינען געוואָרען אין ענגלאַנד גאַנץ געוועהנליכע זאַכען און אידען האָבען געלעבט אין שטענדיגע געפאַהר, מיט ווענינ אויסזיכטען אויף בעסערע צייטען.

פיערטער קאפיטעל.

רבינו משה בן מיימון (רמב״ם) און זיין איינפלוס אויף דעם יודענטהום.

אין דער צייט ווען דיא אידישע לאגע האט זיך איבעראל, אפילו אין שפאניען, אימער פערערגערט און ווען עס האט אויסגעזעהן אז דיא האפנונג פון ישראל זיך צו ערהאלטען צווישען דיא פעלקער ווערט שוואכער, איז אויפגעוואקסען א מאנן וואס האט געהאט א געוואלטיגען איינפלוס אויף דיא אידען פון זיין צייט און אויף אויף דיא שפעטערע דורות. דיעזער מאן, דער שטאלץ פון שפאנישען יודענטהום דער גרעסטער איד פון מיטעל אלטער איז געוועזן ר׳ מ ש ה ב ן מ י י מ ו ן אדער וויא ער ווערט געוועהנליך גערופען ביי אידען, דער רמב״ם.

ער איז געבארען געווארען אין קארדאווא, דיא אמאליגע הויפטשטאדט פון דיא אראבישע שפאניען דען 30טען מערץ 1135. זיין פאטער, דער דיין ר׳ מיימון בן יוסף איז געוועזן א תלמיד פון ר׳ יוסף אבן מיגש און האט איהם געגעבען דיא בעסטע תלמודישע און וועלטליכע ערציהונג. ווען משה איז אלט געוועזן 18 יאהר האבען דיא אלמאחאדען אונטער עבדול מומן איינגענומען קארדאווא און אונטער דיא נייע פאנאטישע הערשאפט האבען אידען געמוזט אנגעהמען דעם מחמדנישען גלויבען אדער פערלאזען דאס לאנד. ר׳ מיימון מיט זיין פאמיליע האבען זיך עטליכע יאהר ארומגעטריבען אין שפאניען, דאן זיינען זיי אוועק נאך נארד אפריקא. פריהער האבען זיי געוואהנט אין פאס (פעץ אין מאראקקא) און פאר א קורצע צייט זיינען זיי געוועזן געצוואונגען אנצונעהמען לפנים דעם מחמדנישען גלויבען. שפעטער איז דיא פאמיליע אוועק נאך ארץ ישראל און געלעבט א געוויסע צייט אין ירושלים און אין עכו. דאן זיינען זיי ווייטער אוועק נאך אפריקא און זיך צום סוף בעזעצט אין פאסטאדט אדער אלט-קאירא אין עגיפטען. פריהער האט זיך דיא פאמיליע ערנעהרט פון א יובעלן האנדעל וואס איז געפיהרט געווארען פון דוד בן מיימון, דעם עלטערן ברודער פון רמב״ם. דוד מיט דעם גאנצען פערמעגען פון דיא פאמיליע זיינען אונטערגעגאנגען מיט א שיף אויף וועלכע ער איז געפאהרען וועגען געשעפט און משה, וועלכער האט זיך אבגעגעבען מייסטענס מיט לערנען און שרייבען האט איבערגענומען צו שפייזען דיא פאמיליע דורך זיין פראפעסיאן

אלס דאָקטאָר. זיינע זעלטענע פעהיגקייטען האבען איהם באלד זעהר בעריהמט געמאכט אין דיא מעדיציניסשע וועלט און ער איז געוואָרען לייב־דאָקטאָר פון אל־פאדהעל דעם וויזיר פון דעם מעכטיגען סולטאַן סאלאדין וואס האט דאַן געהערשט אין עגיפּטען. שפּעטער איז דער רמב״ם אנגעשטעלט געוואָרען אלס איינער פון דיא רעגעלמעסיגע דאָקטוירים פון סאלאדין'ס הויף, וועלכען ער האט געמוזט בעזוכען יעדען טאג און האט אויך געקריגען א יעהרליכעס געהאלט. עס ווערט דערצעהלט דאס קעניג ריטשארד פון ענגלאנד האט דעם בעריהמטען אידישען דאָקטאָר געוואָלט אָבריידען פון סאלאדין און איהם מיטנעהמען נאך ענגלאנד; אבער דער רמב״ם וועלכער האט געהאט א פאָראורטהייל געגען קריסטען האט נים געוואָלט פארלאָזען זיין וויכטיגע שטעלע אונטער דעם גרויסען סולטאַן. אין 1177 איז ער געוואָרען דער רב פון דיא אידישע געמיינדע אין קאירא און איז אָנערקענט געוואָרען אלס פאָרשטעהער אדער נגיד פון דיא אידען פון מצרים. ער איז שוין דאַן געווען אזוי בעריהמט אונטער דיא אידען פון אלע לענדער דאס ווען ער האט מיט דריי יאהר שפּעטער געענדיגט און פארעפענטליכט זיין גרויסע זאמלונג פון דינים, דיא „משנה תורה" אדער „יד החזקה" וואו אלע הלכות פון דיא תורה שבעל פה זיינען קלאסיפיצירט און צוזאמענגעשטעלט געוואָרען אין אָרדנונג וויא אין א געזעץ־בוך, איז דאס ווערק אנגענומען געוואָרען איבעראל און אלע אידישע געלעהרטע האבען אנגעפאנגען ארויסצוגעבען זייערע פסקי דינים אין רעליגיעזע פראַגען לויט דיא בעשטימונגען פון רמב״ם.

דער רמב״ם האט אין זיך פעראייניגט דיא גאנצע אידישע און וועלטליכע געלעהרזאמקייט פון זיין צייט. זיין קלאָרער מעטהאָדישער גייסט האט אלעס בעגריפען און געבראכט אין אָרדנונג. וואס עס איז נור דורכגעגאנגען דורך זיין האנד איז צוריק ארויס דייטליכער און לייכטער צו פערשטעהן. ער האט געשריבען וועגען מעדיצין, וועגען אסטראָנאָמיע, וועגען מאטהעמאטיק און דעם קאלענדאר און וועגען פיעלע אנדערע געגענשטענדע. איבעראל בעגעגענט מען דעם זעלבען דורכדרינגענדען גייסט און דעם העלען אומפאסענדען פערשטאנד וועלכער מאכט קלאָר דיא שווערסטע זאכען און ברענגט אָרדנונג און בעשטימטהייט אין אלע פערוויקעלטע און פארדונקעלטע פראגען. אזוי וויא אין „יד החזקה" האט ער צוזאמענגענומען אלעס וואס עס איז אויפגעטהאָן געוואָרן אין דיא ערקלערונגען פון דער תורה שבעל פה און האט עס פאָרגעלייגט פאר דער וועלט אין איין איינפאכע פאָרם אָהן וכוחים, אָהן טענות, אזוי האט ער אין א פריהערעס ווערק, דעם פירוש אויף משניות וועלכען ער האט געשריבען אויף אראביש, געגעבען איין איינפאכע קלאָרע ער־

קלערונג פון דיא משנה, וועלכע האָט געצפענט דיא אויגען פון אלע וועלכע האבען שטודירט דעם תלמוד. זיינע קלענערע שריפטען וויא דער טרייסט בריעף צו דיא אידען אין יעמען (אגרת תימן) דער בריעף צו פערטהיידיגען דיא וועלכע האָבען לפנים אנגענומען דעם מחמדנישען גלויבען (אגרת השמד און מאמר קדוש השם) און אנדערע ווערקע איבער אלערלייא געגענשטענדע ווייזען אלע דיא צייכענס פון דיא טיעפקייט און קלאָרהייט פון זיין גייסט, און גיעבען אונז א בעגריף פון דעם געוואַלטיגען איינדרוק וואָס זייא האָבען געמוזט מאכען אויף זייער צייט. ווען זיינע הויפט ווערקע זיינען בעקאנט געוואָרען האָבען אידען איהם אנערקענט ניט נאר פאר דעם גרעסטען אין זייער צייט, זאָנדערן אויך פאר דעם גרעסטען מאַן וואס אידען האָבען ווען געהאט. דער שפּרוך „ממשה עד משה לא קם כמשה“ (פון משה רבינו ביז משה בן מיימון איז ניט געווען אזא מאן וויא ער) גיט א ריכטיגען בעגריף וויא הויך ער איז געשעצט געוואָרען.

ווען ער איז אלט געווען איבער 55 יאהר האט ר׳ משה בן מיימון געענדיגט זיין פילאזאָפישעס מייסטערווערק דעם „מורה נבוכים“ וועלכעס ער האט געשריבען פאר זיין בעליעבטען תלמיד ר׳ יוסף בן עקנין. אין דיעזעס ווערק האט ער איבער געפלאנצט דיא פילאזאָפיע פון אריסטאָטעלעס אין יודענטהום און האָט גע־זוכט אויסצואַרבייטען א סיסטעם פון אידישע רעליגיאנס־פילאזאָפיע נאָך די גריכישע מעטהאָדע פון אריסטאָטעלעס. ער האָט געזוכט אין דיעזעס ווערק צו ברייגנען ארדנונג אין אידישען רעליגיעזען דיינקען, פונקט וויא ער האָט אין „יד החזקה“ גע־זוכט צו ברייגנען אָרדנונג אין דיא רעליגיעזע האנדלונגען אָדער דינים. אָבער דער מורה נבוכים איז ניט אנגענומען געוואָרען פון אידען אזוי איינשטימיג וויא דער יד החזקה. עס האבען זיך אנגעפאנגען, נאָך פאר דעם לעבען פון פערפאַסער, צו גע־פינען געגנער צו זיינע טהעאָריען איבער מעטהאפיזישע אָדער פילאזאָפישע פראגען און בעריהמטע גדולים האבען ניט געוואָלט אננעהמען זיינע בעשטימונגען אין וואס א איד מוז גלויבען און אין וואס ניט. אלע אידישע געלעהרטע פון דעם דור און פון דיא עטליכע דורות נאכדעם זיינען צוטהיילט געווארען אין געגנער און אין אנ־הענגער פון רמב״ם און דיא שטרייטיגקייטען זיינען אין איינינע פעלע אזוי אוועק אזוי ווייט דאס ספרים זיינען פערברענט געוואָרען און מענשליכע בלוט איז פערגאָסען געוואָרען.

מען מוז אויך צוגעבען דאס ער האט מיט דעם „יד החזקה“ אויך ניט ער־רייכט זיין הויפט צוועק, וואָס איז געווען אז מען זאל אין גאנצען אוועק ווארפען צו שטודירען דעם תלמוד און זיך בעגנוגענען מיט אויסגעפינען דיא דינים אין זיין

גרויסען ספר. דער תלמוד איז געווען צו טיעף איינגעוואקסען אין דיא הערצער פון אידען זייא זאלען איהם אוועקווארפען און זיך צופריעדען שטעלען מיט אויסקלערגען דיא טרוקענע הלכות וויא ער האט זייא צוזאמענגעשטעלט. מען האט גלערענט דעם רמב"ם און אויך ווייטער דעם תלמוד און ווען עס זיינען שפּעטער פערפאסט געוואָרען נאך אנדערע „פוסקים" אדער זאמלונגען פון הלכות, האט מען זייא אויך שטודירט און דעם רמב"ם אויך און דעם תלמוד נאך מעהר וויא אימער. אזוי איז עס ביז א געוויסען גראד געגאנגען ביז היינטיגען טאג.

ר' משה בן מיימון האט אָרגאניזירט דעם גייסטיגען יודענטהום און פעסט געשטעלט קלאר וואס אידישקייט איז. ער האט אויסגעארבייט דינים און עקרים אדער דאגמאס אין וואס מען זאל גלויבען און דיעזעס האט געבראכט אז די פרייע ענטוויקלונג פון יודענטהום האט זיך כמעט געענדיגט מיט איהם. ער האט אזוי קלאר אנגעוויזען וואו יעדער זאך הויבט זיך אן און וואו זיא ענדיגט זיך אז ענדע־רונגען האבען ניט מעהר געקענט לייכט געמאכט ווערען. דער אידישער גייסט איז נאָך איהם אזוי וויא פארגליווערט געוואָרען. מען האט בעטראכט און בעוואונדערט די רעליגיעזע געביידע וואס ער האט פאלשטענדיג געמאכט; מען האט איהר אנ־געגריפען, פערטהיידיגט, בעוואונדערט אדער פערדאמט, אבער קיינעם איז ניט געלונגען אויפצובויען איין אנדערע אדער צו ארגאניזירען דעם רעליגיעזען און גייס־טיגען טהייל פון יודענטהום אויף איין אנ'ער אופן. דיא דיינקער און שרייבער פון דיא שפּעטערע דורות בעשעפטיגען זיך נור מיט דיא פראגען וואס ער האט געשטעלט און האבען זייערע גייסטיגע נאהרונג נאר פון איהם. זיינע עקרים ווערען מיט דער צייט אנגענומען ביי אלע אידען און דאס יודענטהום וואָס דיא פרומע אידען קענען יעצט איז דאס יודענטהום פון רמב"ם. פאר זיין צייט און נאָך א קורצע צייט נאָך איהם האבען זיך געפונען גרויסע תלמודישע געלעהרטע וועלכע האָבען געגלויבט אין נשמות הבורא (אז גאָט איז א קערפּער וואס מען קען אנטאָ־פּען מיט'ן האנד). דעם רמב"ם'ס איינפלוס האָט אבער אזוי געווירקט אז דער גלויבען „שהבורא אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף" איז אנגענומען פון אלעמען אזוי ווייא דאס וואלט געשטאנען אויסדריקליך אין דער תורה.

פערזענליך איז ר' משה בן מיימון געווען געלאסען און גוט־מיטהיג וויא א וואהרער פילאזאף. ער איז געווען העפליך געגען געגנער און האט געראטהען אז מען זאָל זיך בענעהמען פריינדליך געגען דיא קראים. דיא לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האט ער פערבראכט אין עושר און כבוד. זיין פעהיגקייט צו ארבייטען איז געווען ערשטוינענד. אין א בריעף וואָס ער האָט געשריבען אין יאָהר 1199 צו ר'

שמואל בן תבון, וועלכער האט שפעטער איבערזעצט דעם „מורה נבוכים" פון אראביש אויף העברעאיש, גיט ער א בעשרייבונג פון זיין טעגליכע ארבייט וועלכע וויזט דאס זיינע פליכטען אין סולטאנ'ס הויף און זיין גרויסע פראקסיס האבען איהם געלאזען צייט צו עסען נור איין מאל א טאג. זיין בעלעזענהייט און זיין בעקאנטשאפט מיט דיא וויסענשאפטען פון יענער צייט, און די פיעלע וויכטיגע ווערקע מיט דיא קלענערע שריפטען וואס ער האט געשריבען ווייזען דאס דיעזער גייסטיגער ריעז האט דעם גאנצען לעבען געארבייט אהן איין אויפהער און האט זיך פערגונען זעהר ווענגיג צייט פיר פערגניגען אדער צייט פערטרייב.

ר' משה בן מיימון איז געשטארבען אין יאהר 1204 איינינע מאנאט וויינינער וויא 70 יאהר אלט. דאס גאנצע יודענטהום איז געווען אין טרויער ווען דיא נאכריכט פון זיין טויט האט זיך פערברייטעט. זיין קערפער איז אוועקגעפיהרט געווארען אין ארץ ישראל און איז בעגראבען געווארען אין טבריא. זיין זאהן ר' אברהם האט גע'ירשנט זיין אמט אלס נגיד פון מצרים און שפעטער איז דער טיטעל איבערגעגאנגען צו זיין אייניקעל ר' דוד.

דער אמת'ער גלאנץ פון שפאנישען יודענטהום ענדיגט זיך מיט דעם רמב"ם. נאך איהם פאנגט זיך אן א פעריאדע פון ריקשריט און פון גייסטיגע פינסטערנים, אין וועלכע דיא אינערע אנגעלעגענהייטען פון יודענטהום זיינען אזוי טרויעריג וויא דיא אויסערליכע. דיא קרייצציגע און דיא אונטערדריקונגען פון דיא קריסטליכע און פאנאטישע מחמדנישע רעגיערונגען האבען געהאט דיא ווירקונג צו אונטערדריקען דעם אידישען גייסט און איהם געטריבען אין זיין פערצווייפלונג צו זוכען טרייסט אין דיא שטרייטיגקייט פון רעליגיאן, אין דיא פלפולים פון תלמוד אדער אין דיא געהיימע לעהרען פון דיא קבלה. פאעזיע און וויסענשאפט זיינען געווארען וואס וויטער מעהר אונבעקאנט אונטער אידען און עס האט זיך אנגעפאנגען איינע פון יענע טרויעריגע פעריאדען ווען אלע קוקען צוריק אויף דיא פערגאנגענהייט און בעשעפטיגען זיך נור נאכצוטהאן וואס גרויסע מענער אין פריהערע צייטען האבען געטהאן. אין דיעזע צייטען פעהלען געוועהנליך דיא אריגינאליטעט און דער מוטה זיך צו ערהויבען צו א העכערע שטופע און אזוי לאנג וויא דאס פעהלט איז אמת'ער פארטשריט אונמעגליך.

פינפטער קאַפּיטעל.

שטרייטיגקייטען וועגען רמב"ם'ס ספרים. וכוחים. שריפות. רמב"ן און מהר"ם רוטנבורג. אידען אין אונגארן.

דער 13טער יאהר־הונדערט פאַנגט זיך אָן זעהר טרויעריג פאַר אידען אין זייערע אינערליכע און אויסערליכע אנגעלעגענהייטען. פּאַפּסט אינאָסענס III וועלכער האָט געהערשט פון 1198 ביז 1216 האט אויסגעפיהרט אז דיא טיראַנישע געזעצע געגען אידען, בעזאָנדערס דיא בעשטימונגען פון קירכען ראטה פון לאַטעראַן (1215) זאָלען דורכגעפיהרט ווערען אין דיא מייסטע קריסטליכע לענדער פון אייראָפּאַ. דער צייכען וואס דיא פאַנאַטישע מחמדנער האָבען פריהער געצוואונגען אידען צו טראָגען אויף דיא קליידער מען זאל זייא דערקענען פון וויטען איז פון דיזע פערזאמלונג פון גייסטליכע אונטער דעם פאָרזיטץ פון פּאַפּסט אָנגענומען געוואָרען אלס א קריסטליכעס געזעץ פאַר אידען. אידען זיינען געצוואונגען געוואָרען, אמאָל פאַר מורא פאר אנגריפע און אמאָל דורך געזעץ, צו וואוינען נור אין געוויסע טהיילען פון שטאָדט און אזוי האָבען זיך לאנגזאם ענטוויקעלט דיא „געטאָס" וועלכע האָבען געמאַכט דיא אידען נאָך מעהר וויא פריהער פאר איין אָפּגעזונדערטע פאַק וואס אלע האָבען פערהאסט און פעראַכטעט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאמענצוציהען דיא שווארצע וואָלקענס פאַר דעם שטורם פון בלוטיגע פערפאָלגונגען און אויסווייזונגען פון 14טען און 15טען יאהר הונדערט. עס האָט אויסגעזעהען וויא דיא גאַנצע וועלט וואלט זיך צוזאמען גערעדט צו יאָגען און צו ערנידעריגען דיא אידען אין נאמען פון דיא קריסטליכע אדער מחמדנישע רעליגיאָן. נור אין אָפּגעלעגענע געגענדען פון וועלכע מען האָט דאן וועניג געוואוסט, וויא צום ביישפּיעל פּוילען אדער קרים, האָבען אידען געלעבט אמת רוהיג, אבער זייא זיינען נאָך דאן געווען אזוי וויט פון אידישע מיטעל־פּונקטען און פון פערבינדונג מיט דעם אידישען גייסטיגען לעבען אז זייא האבען גאר ניט אויפגעטהאן און האָבען אין יענע צייטען א גאַנץ קליינע בעדייטונג פאַר דיא אידישע געשיכטע.

דיא אינווייניגסטע אונגעלעגענהייטען פון דיא אידען זיינען אויך געווען אין א פרויעריגען צושטאנד. מיט דעם רמב״ם איז דיא אמתע גרויסקייט פון דיא שפאנישע אידען אבגעשטארבען. ר׳ יהודה אלחריזי (1170—1230) וועלכער איז שוין פריהער דערמאהנט געוואָרען אלס רייזענדער, איז דער לעצטער גוטער פּאָעט פון שפאנישען יודענטהום. זיין ״תחכמוני״ איז אַ בעווייז אז מען קען דיא העברעאישע שפראכע בענוצען צו וואָס מען וויל און אז דער וואָס פארשטעהט איהר גוט פעהלט איהם ניט קיין ווערטער צו קיין אויסדרוק. בכלל אָבער האָט דער פאנאטיזמוס פון דיא שפאניער אויך געהאט איין איינפלוס אויף אידען. ווען דיא אויסענוועלט האָט זיך געצייגט שלעכט, האָט דער אידישער גייסט זיך צוריקגעצויגען פון וועלטליכע וויסענשאפטען און זיך אנגעפאנגען מעהר צו בעשעפטיגען מיט תלמוד און מיט רעליגיעזע פראגען. דיא געהיימע לעהרען פון קבלה האָבען זיך אויך מעהר פערבּרייטעט.

דער וויכטיגסטער מיטעלפונקט פון אידישע געלעהרזאמקייט איז אין דיעזער צייט געווען פּראָוואנס (פּרובּיניציה) אין סויטה־איסט פון פראנקרייך. דאָרט האָבען געבליהט דיא פאמיליע אבן תבון אין ליאנעל, וועלכע האָבען איבערזעצט פיעלע וויכטיגע אידישע און ניט אידישע ווערק פון אראביש אין לשון הקודש. דאָרט האָט אויך געלעבט דיא געלעהרטע פאמיליע קמחי אין נארבאָנא וועלכע האָבען בעקאנט געמאכט אין פראנקרייך און דייטשלאנד דיא נייעם אין דקדוק וואס דיא פריהערינע שפאנישע גדולים האבען אויפגעטהאן. דער גרעסטער פון זיי איז געווען ר׳ דוד קמחי (רד״ק, 1160—1232) אבער אויך זיין פאָטער ר׳ יוסף קמחי און זיין ברודער ר׳ משה קמחי האָבען געשריבען וויכטיגע ווערק. אין די שטרייטיגקייטען וועלכע האָבען זיך פארבּרייט צווישען געלעהרטע אידען איבער דעם רמב״ם׳ס שריפטען, בעזאָנדערס איבער דעם ספר מורה נבוכים, האָבען זיך אין פּראָוואנס געפונען פאר איהם מעהר און וואָרעמערע פארטהיידיגער וויא אין זיין אייגענע פאטער לאנד — שפאניען. אין 1232 האָבען דיא געגנער פון רמב״ם ארויסגעגעבען א חרם אויף אלע וועלכע וועלען לערנען דעם מורה נבוכים און אנדערע פילאָזאָפישע ווערק. דיא אנהענגער פון רמב״ם אין ליאנעל, נארבאנא און בעזיער האָבען פון זייער זייט מחרים געווען דיא וועלכע האָבען דעם חרם ארויסגעגעבען. ביידע זייטען זיינען געוואָרען אזוי גערביטערט דאס מען האט זיך מעהר פון קיין זאך ניט צוריקגעהאלטען. ר׳ שלמה פון מאנטפעליע און זיין תלמיד רבינו יונה גירונדי זיינען געווען דיא אנפיהרער פון דעם רמב״ם׳ס געגנער אין פּראוואנס. אין פּאריז איז דאמאלס אין 1133 געזעסען איין אונטערזוכונגס געריכט (אינקוויזיציאן) פון קריסטליכע געלעהרטע

נייסטליכע צו פערהאנדלען ווענען א קריסטליכע סעקטע (אלביניזער) וועלכע דיא קירכע האט געזוכט צו אונטערדריקען. ר' שלמה פון מאנטפעליע האט זיך געווענ־דעט צו דיא קריסטליכע רעליגיאָנס־ריכטער און זיי ערקלערט אז עס זיינען ביי אידען אויך דא אפיקורסישע אידען און ווערקע וואס דארפען אונטערדריקט ווערן. דיא גלחים פון דיא אינקוויזיציאָן *) האבען מיט שמחה אנגענומען דיא ארבייט און האבען נאך א קורצען ישוב הדעת ארויסגעגעבען א בעפעהל צו פערברענען דעם רמב"ם'ס ווערק. די צערעמאָניע פון פארברענען דיא טהייערע ביכער עפענט־ליך איז פאָרגעקומען אין פאריז און מאנטפעליע אין 1234. ר' שלמה האט געזיעגט אבער דיא אידישע בעפעלקערונג בכלל האט זיך געוויעזען שטארק אונצופריעדען פון דיא אריינמישונג פון דיא קריסטליכע קירך אין אידישע רעליגיעזע אנגעלעגענ־הייטען. אייניגע אידען וועלכע האבען אנגעוויזען וואו פערבאָטענע ספרים געפינען זיך זיינען דורך אנשטרענגונגען פון אידען שווער בעשטראָפט געוואָרען.

דיא קריסטליכע פאנאטיקער האבען אבער ניט אויפגעהערט זייערע אונטער־זוכונגען וואס זיי האבען אנגעפאנגען אויף דעם פערלאנגען פון אידישע פאנאטיקער. דיא גלחים האבען זיך ניט געקימערט פון וואנען א מסירה אויף אידישע ספרים קומט ווען דאס האט זיי נור געגעבען א געלעגענהייט צו אונטערזוכען און צו פער־אורטהיילען ניט־קריסטליכע ווערק. אין 1239 האט דער משומד ניקאלאס דונין געבראכט צו פאפסט גרעגאָריוס IX איין אנקלאגע געגען תלמוד. דער פאפסט האט אנגענומען דיא אנקלאָגע אז דער תלמוד איז אונמאראליש און בעליידיגט קריסטוס. ער האט פאנאנדערגעשיקט דיא אויפפאָדערונג צו פערשיעדענע קריסט־ליכע לענדער זיי זאלען מאכען אונטערזוכונגען ווענען תלמוד, אבער נור דיא רע־גיערונג פון דעם „הייליגען" לואי IX פון פראנקרייך און זיין מוטער בלאנש פון קאסטיליען האט איהם געפאָלגט. דאָרטען וואו מען האט ערשט מיט עטליכע יאהר צוריק „פראָצעסירט" דעם מורה נבוכים, האט זיך יעצט אנגעפאנגען א פראָצעס וואו דער תלמוד, דער שטאָלץ און דאס הייליגטהום פון דיא אידען, איז געווען דער אנגעקלאָגטער. דאס איז ניט מעהר געווען א פארטיי־פראגע צווישען געלערנטע אידען, זאנדערן א גרויסע גזירה. דיא ערעסטע אנשטרענגונג וואס אידען האבען געמאכט אבצוהאלטען דיא אונטערזוכונג האט ניט געהאָלפען און דער פראָ־

*) דאס וואָרט „אינקוויזיציאָן" האט נאך דאן ניט געהאט אזא שרעקליכע בעדייטונג ווי עס האט שפעטער געקריגען, ווען דיא אונטערזוכונגען אדער „נאכפראגען", בעזאָנדערס אין שפאַניען זיינען געפיהרט געוואָרען מיט דיא גרעסטע אכזריות.

צעס האט זיך אנגעפאנגען אין יוני 1240. רבינו יחיאל פון פאריז, איינער פון די בעריהמטע בעלי תוספות, איז אויסגעקליבען געווארען אלס פארטהיידינער פון תלמוד געגען דונין'ס אנקלאגען. עס איז פארגעקומען א לאנגער וכוח אבער יעדער האט געוואוסט פון פריהער וואס די ענדע וועט זיין. די טענות פון ר' יחיאל האבען ניט געקענט ענדערן דעם בעשלוס פון די גייסטליכע וועלכע האבען גלייך פון אנפאנג ביי זיך אבגעמאכט אז דער משומד איז גערעכט. דער תלמוד איז פאראורטהיילט געווארען צום פארברענען.

די רעגיערונג האט וויא געוועהנליך דורכגעפיהרט דעם אורטהייל פון די אינקוויזיציאנס-געריכט. קאפיטעס פון תלמוד זיינען קאנפיסקירט געווארען וואו מען האט זיי געפונען און צוזאמענגעבראכט געווארען אויף איין פלאץ. אין יאהר 1242 זיינען פיער און צוואנציג וועגען געלאדען מיט תלמודים געבראכט געווארען נאך פאריז וואו מען האט די גאנצע לאדונג עפענטליך פארברענט אויף דעם זעלבען פלאץ וואו עס זיינען מיט אכט יאהר פריהער פערברענט געווארען די ווערק פון רמב"ם. דיעזער אומשטאנד איז געקומען וויא א דונערשלאג פאר די געגנער פון רמב"ם וועלכע האבען ערשט איינגעזעהן צו וואס זייער ערשטע מסירה געגען די פילאזאפישע ווערק פון דעם בעריהמטען דיינקער האט געפיהרט. רבינו יונה איז געריהרט געווארען צו טהאן תשובה און האט זיך בעשלאסען צו פאהרען נאך ארץ ישראל אויף דעם קבר פון רמב"ם זיך מתודה זיין אויף די גרויסע זינד וואס ער איז בעגאנגען. ער איז אבער געשטארבען איידער ער האט זיין פלאן דורכגע-פיהרט.

דער גרעסטער תלמודישער געלעהרטער אין יענע צייט אין שפאניען איז געווען רבינו משה בן נחמן (רמב"ן, געבארען 1194 — געשטארבען 1270). אין די שטרייטיגקייטען וועגען רמב"ם האט ער זיך געהאלטען אונפארטייאיש און ער האט זיך מעהר בעשעפטיגט מיט די ווערקע פון פריהערע גדולים, בעזאנדערס מיט די הלכות רב אלפס. שפעטער האט ער זיך אויך אבגעגעבען מיט קבלה און זיין נאמען ווערט דערמאנט אין פערבינדונג מיט דעם ספר הזוהר וועלכער איז אין ענדע פון דרייצענטען יאהרהונדערט פערעפענטליך געווארען פון ר' משה די ליאון, (1250—1305). אויף דער עלטער איז דער רמב"ן אויך געצוואונגען גע-ווארען צו פערטהיידיגען די אידישע רעליגיאן אין א וכוח מיט דעם מומר להכעיס פאבלא קריסטיאנא. דער וכוח איז פארגעקומען אין בארצעלאנא אין דער געגענ-ווארט פון קעניג דשיים I פון אראגאן אין יולי 1263. ווען די קריסטליכע ריכטער האבען ערקלערט אז דער משומד האט געזיגט אין די דעבאטע, האט דאס ר'

משה בן נחמן אזוי פערדראָסען אז ער האט בעקאַנט געמאַכט דיא טענות פון בײדע צדדים צו װײזען װיא ער האט צושלאָגען אלע ראיות װאס פּאבלאָ האט גע־בּראַכט געגען יודענטהום. דער קעניג איז איבער דעם שטאַרק בײז געװאָרען און ר׳ משה װעלכער איז שױן געװעזען באַלד 70 יאהר אלט האט געמוזט פערלאָזען דאס לאַנד. ער האט אונטערנומען א רײזע נאָך ארץ ישראל, א געפעהרליכע אונ־טערנעהמונג אין יענע צײטען. אנקומענדיג דאָרטען בשלום האט ער זיך בעזעצט אין עכו װאו ער האט פערבּראַכט דיא לעצטע יאהרען פון זײן לעבען אין פריעדען.

אײן אַנדער גדול װעלכער האָט אין יענער צײט אונטערגענומען א רײזע נאָך ארץ ישראל, האָט געהאט װעניגער גליק. דיעזער מאַן איז געװעזען ר׳ מ א י ר פ ו ן ר א ט ה נ ב ע ר ג (מהר״ם רוטנבורג) װעלכער איז געבאָרען געװאָרען אונגעפעהר אין 1230 און איז געװעזען דער גרעסטער תלמודיסט אין דײטשלאַנד אין צװײטען העלפט פון דרײצעהנטען יאהר־הונדערט*). דיא אידישע לאַגע אין דײטשלאַנד איז אין יענע צײטען געװאָרען אונערטרעגליך און ר׳ מאיר מיט פיעלע אַנדערע אידען פון דיא רהײן־פּראָװינצען האָבען בעשלאָסען אױס צו װאַנדערען נאָך ארץ ישראל. זײא זײנען אװעק (אין 1286) ביז לאַמבּאַרד אין איטאַליען, װאו א משומד האָט ר׳ מאיר׳ן פעררעטהען צום בישאָף פון באַזעל װעלכער האָט זיך דאָרט אױפגעהאַלטען. דער בעריהמטער געלעהרטער איז אַרעסטירט געװאָרען און דער בישאָף האָט איהם איבערגעגעבען אין דיא הענד פון קײזער רודאָלף פון האַבּסבּורג. דער קײזער האָט מורא געהאַט אז דיא אױסװאַנדערונג פון דיא אידען װעט פאַרקלענערען זײנע אײנ־נאהמען און ער האָט דאָרום דעם גרעסטען פון זײא, ר׳ מאיר מרוטנבורג, גענומען אלס משכון און איהם אװעקגעזעצט אלס געפאַנגענעם אין פעסטונג פון ענזיסהײם אין עלזאס.

די אידען פון דײטשלאַנד האבען אנגעפאַנגען צו זאַמלען גרױסע סומען געלד אױסצולײזען דעם גרױסען מאַן, אבער ער אלײן האט זײ פאַרבאָטען דאס צו טהאָן. ער האט זײא ערקלערט דאס װען מען זאל איהם אױסלײזען װעט דאָס זײן א גוטע לעהרע פאַר פירסטען און קעניגע װיא צו בּערױבען דיא אידען דורך דעם װאס זײא װעלען כּעהמען געפאַנגען דיא גרעסטע רבנים און זײא האלטען צו קריגען אױסלײז געלד. ר׳ מאיר איז געבליעבען אין פעסטונג זיבען יאהר. זײן געפאַנגענשאַפט אײ־

---

*) ער איז אױך דער פערפאַסער פון דיא קינה „שאלי שרופה באש״ װעלכע ער האט געשריבען אין דער יוגענד איבער דיא פערברענונג פון תלמוד אין פּאַריז װאס איז אַריבער דערמאַנט געװאָרען.

ניט געווען שטרענג; ער האט דארט עמפפאנגען בעזוכערס און תלמידים און פלעגט ארויסשיקען תשובות איבער פערשיעדענע געגענשטענדע. דיא פערבינדונג צווישען איהם און דיא אידען איז ניט אונטערבראָכען געוואָרען און איהם האט מעהר ניט געפעהלט וויא דיא פרייהייט דעם פלאטץ צו פערלאזען. אבער דאס האט ער ניט געקריגען ביז זיין טויט. ער איז געשטארבען אין פעסטונג אין 1293 און זיין קערפער איז דארט פערבליעבען 14 יאהר ליינגער. דאן האט זיסקינד אלעקסאנדער ווימפפען, א רייכער סוחר פון פראנקפורט אם-מיין בעצאהלט א גרויסע סומע ארויסצוקריגען דיא ביינער פון ר׳ מאיר, וועלכע ער האט געלאזט מקבר זיין מיט גרויס פאראד אין וואָרמס. די איינציגע בעלוינונג וואס דער סוחר האט פערלאנגט פון דיא אידען פון דייטשלאנד פאר זיין גוטע טהאט איז געווען דעם פערשפרעכען אז ער אליין זאל נאך זיין טויט בעגראבען ווערען אין דעם נעבסטען קבר נעבען דעם גרויסען צדיק.

o o

o

אין דיעזער צייט פאנגען מיר אויך אן עטוואס צו הערען פון אידען אין אונגארן. זייא האבען געלעבט דארט רוהיג און גליקליך זיט פיעלע יאהר-הונדערטע און האבען זיך זעהר גוט פארטראגען מיט זייערע שכנים. דיא בעפעלקערונג פון אונגארן איז געווען געמישט מיט מחמדנער און גריכישע קאטהאליקען (פראוואסלאווגע) און עס האט געהערשט שלום צווישען דיא פערשיעדענע רעליגיאנען וויל די בעפעלקערונג איז נאך ניט געווען אין גאנצען ארויסגעוואקסען פון געטצענדיענסט און זייער קריסטענטהום איז געווען נור אויבערפלעכליך. דערצו איז אונגארן נאך דאן געשטאנען אזוי ניעדעריג אין ענטוויקלונג דאס זיא האט ניט געקענט אויסקרמען אהן די אידישע האנדעלסלייט אדער בעלי מלאכות. אידען און קריסטען זיינען זיך געשטאנען אזוי נאהענט איינע צו דיא אנדערע, אז געמישטע הייראטען איז געווען א גאנץ געוועהנליכע זאך אין אנפאנג פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט. פאפסט גרעגאָריוס IX האט צום ערשטען מאָל אנגעפאנגען צו מאכען אנשטרענגונג אז דיא געזעצע געגען אידען וועלכע זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין אנדערע קריסטליכע לענדער זאלען אויך פארשפרייט ווערען איבער אונגארן. ער האט אויפגעפאָדערט קעניג אנדרעאס ער זאל אונטערדריקען אידען און מחמדנער. דער קעניג האט איהם ניט געפאָלגט און איז דערפאר געוואָרען עקסקאמוניקירט אדער אריינגעלייגט אין חרם פון דעם ערצבישאָף פון גראן. עס איז געווען דיא אלטע געשיכטע וועלכע האט זיך אין מיטעל אלטער ויעדערהאָלט אין פיעלע לענדער;

דער קעניג האט געפונען אז ער איז צו שוואך צו געווינען געגען דיא קירכע און ער האט געמוזט נאכגעבען. ער האט געמוזט געגען זיין ווילען איינפיהרען אין זיין לאנד געזעצע געגען אידען. ער האט פערבאטען געמישטע הייראטהען, האט פערבאטען אידען צו האבען קריסטליכע שקלאפען און איינגעפיהרט אז אידען מוזען טראגען א צייכען אויף זייערע קליידער.

די אידישע לאגע אין אונגארן האט זיך אבער באלד ווידער פערבעסערט. די מאנגאלען אדער טאטארען וועלכע זיינען דאן אנגעקומען אין איירא פא און האבען איינגענומען רוסלאנד און א טהייל פון פוילען, האבען אויך אנגעמאכט גרויסע חורבונות אין אונגארן. קעניג בעלא IV, וועלכער האט זיך געפונען זעהר פעראיינגט אין פינאנציעלע אנגעלעגענהייטען, האט אנגעשטעלט אידישע אגענטען איבער דיא אבגאבען פון לאנד און האט איינגעפיהרט ליבעראלע געזעצע וועגען אידען עס זאל זיי קוינען צו בלייבען אין דיענסט פון זיין רעגיערונג. ער האט זיי געשיצט פון אנגריפע און זיי געגעבען אייגענע געריכטסבארקייט אדער דאס רעכט צו משפט׳ן און בעשטראפען זייערע אייגענע פערברעכער. אבער דיא קאטהוילישע קירך האט ניט געקענט צוזעהן דיא גוטע לאגע אין וועלכע דיא אידען האבען זיך יעצט געפונען אין אונגארן. א קאנסיל אדער קירכען־ראטה פון הויכע גייסטליכע אונטער דעם פארזיץ פון פיליפ, דעם פעפסטליכען געזאנדטען אין אונגארן און ארומיגע לענדער איז צוזאמענגערופען געווארען אין בודא אין יאהר 1279 וואו נייע גזירות זיינען ארויסגעגעבען געווארען אויף דיא אידען פון אונגארן און דעם טהייל פון פוילען וואס האט דאן געהערט צו אונגארן. זיי האבען מעהר ניט געטארט האבען קיין עפענטליכע עמטער, האבען ניט געטארט אפדינגען איינגאהמען אדער גיטער אלס פאכטערס און האבען ווידער געמוזט טראגען דעם צייכען אויף זייערע קליידער. דיעזע געזעצע פון בודא זיינען ארויסגעגעבען געווארן ניט נור געגען אידען, זאנדערן געגען אלע ניט קאטהוילישע איינוואוינער פון אונגארן. דיא אידען האבען געמוזט טראגען א רויטען צייכען אויף זייערע קליידער און דיא מחמדנער — א געלען. דיא גריכישע קאטהאליקען זיינען געוועזן פטור פון דעם שאנד־צייכען אויף זייערע קליידער, אבער זיי זיינען אויך אויסגעשלאסען געווארען פון עפענטליכע עמטער וויא דיא ערשטע צוויי. דיא קאטהאלישע קירכע האט אנגעווענדעט אלע איהרע קרעפטען דיעזע געזעצע פון דעם בודא׳ער קירכענראטה דורכצופיהרען. אין אנפאנג איז דיא מאגיארישע בעפעלקערונג געוועזן אונצופריעדען מיט דיא רדיפות געגען דיא וואס גלויבען אנדערס וויא זיי, אבער דיא גייסטליכקייט האט זיי בעאיינפלוסט ביז זיי האבען זיך צוגעוואוינט צו בעטראכטען דיא ניט־קאטהאליקען אלס מענשען וואס

עס איז א מצוה צו פערפאַלגען. א שפעטערער קעניג, לאדיסלאוס IV וועלכע האט זיך געלאזט פיהרען פון גלחים האט בעשטעטיגט דיא בעשטימונגען פון קירכענראטה פון בודא און זיי אנערקענט אלס לאנדעס-געזעצע. אזוי איז דער יודענהאס פערפלאנצט געוואָרען אין אונגארן כמעט מיט געוואלט געגען דעם ווילען פון דיא ליבעראלע איינוואוינער און אנפאנגס אויך געגען דעם ווילען פון דער רעגיערונג. אבער פאָלק און רעגיערונג זיינען דאַן מייסטענס געווען אזוי וויא א שפיעלצייג אין דיא הענד פון דיא גלחים, וועלכע האבען בענוצט דיא אלגעמיינע אונוויסענהייט און אבערגלויבען וואס האט דאַן איבעראל געהערשט, דורכצופיהרען זייערע פלענער געגען אלע וואס האבען נים געוואָלט אנערקענען זייער אויבערהערשאפט.

זעקסטער קאפּיטעל.

אויסווייזונג פון ענגלאַנד און פון פראנקרייך. ר׳ שלמה בן אדרת. ר׳ אשר בן יחיאל (רא״ש) און דער קאמפף געגען פילאזאפיע אין שפּאניען.

דיא לאַגע פון דיא אידען אין ענגלאַנד האָט זיך ניט פאַרבעסערט נאָך דעם
טויט פון דעם האַלב־פערריקטען קעניג דשאהן וועלכער ווערט גערופען אין דער
וועלט־געשיכטע דשאהן־אָהן־לאַנד. אין דער צייט פון דיא לאַנגע רעגיערונג פון
הענרי III פון 1216 ביז 1272 האָט דיא רעגיערונג אונטער אַלערליי פּרעטענזיעס
נערויבט געלד פון אידען וויא וויט זיא האָט נור געקענט. עס שיינט דאס דיא אי־
דען זיינען דאַן געוועזען ציעמליך רייך און האָבען שטאַרק קאָנקורירט מיט דיא קאַ־
אָרסיני אָדער איטאַליענישע געלד־הענדלער און שטייער־קאַלעקטאָרס וועלכע האָ־
בען זיך בעזעצט אין ענגלאַנד. אהרן פון יאָרק וועלכער איז געוועזען אַנערקענט אַלס
אידישער פאָרשטעהער האָט אין פערלויף פון זיבען יאָהר געגעבען דעם קעניג דיא
סומע פון 30,000 מאַרק זילבער, *) א געוואַלטיגע סומע פאַר יענע צייטען. פון א
געוויסען היימאַן פון הערעספּאָרד האָט ער גערויבט 5000 מאַרק און איינמאָל האָט
ער צוגענומען א דריטעל פון דעם פערמעגען פון אַלע אידען. ווען עס האָט איהם
שפּעטער ווייטער געפעהלט געלד האָט ער צוזאַמענגערופען א אידישען פּאַרלאַמענט,
דאס הייסט ער האָט געהייסען דיא אידישע קהלות זיי זאָלען אויסקלייבען זייערע
רייכסטע מיטגליעדער אַלס זייערע פערטרעטער און זיי שיקען נאָך לאָנדאָן. ווען דיא
נייע ערשטע אידישע „מעמבערס אָף פּאַרלאַמענט״ זיינען צוזאַמענגעקומען אין לאָנ־
דאָן (אין 1240) האָט הענרי זיי ערקלערט אַז זייער איינציגע אויפגאַבע איז איהם
גלייך צו שאַפען 20,000 מאַרק און האָט זיי פאַנאַנדערגעשיקט יעדערן א היים אויפ־
זאַמלען דאס געלד.

הענרי האט בעטראַכטעט „זיינע״ אידען אַלס א קוועלע פון איינגאהמען וואס
שעפּט זיך קיין מאָל ניט אויס. ווען ער איז אַליין מיעד געוואָרען זיי צו בערייסען,

---

*) א מאַרק איז געוועזען וויא 13 שילינג מיט 4 פּענס איצטיגע ענגלישע געלד.

האט ער זיי פארקויפט צו זיין ברודער ריטשארד פון קארנוואללים און שפעטער צו נאך אנדערע, אזוי וויא מען פערקויפט דיא איינגאהמע פון פעלדער אדער שטייערן. פערשיעדענע בלבולים זיינען אויסגעטראכט געוואָרען אויף אידען אום פון זיי נאך מעהר צו רויבען און זיי צו אונטערדריקען אויף פערשיעדענע אופנים. פאר זיין טויט האט ער בעשטימט אז מען זאָל צונעהמען ביי אידען אלע לאנד וואס געהערט צו זיי און דאס אלע חובות וואס אנדערע זיינען זיי שולדיג. אויף לאנד זאָל אויך קאָנפיסקירט ווערען פאר דיא רעגיערונג. זיין נאכפאלגער עדווארד I האט בעשטע־טיגט דיעזע רויבעריי און האט אויך בעשטימט דאס דער צייכען וואס אידען מוזען טראָגען אויף זייערע קליידער זאָל ניט מעהר זיין א ווייסער, וויא ביז יעצט, זאָנדערן א געלער.

עדווארד דער ערשטער האט זיך געצייגט פריינדליך צו דיא אידען אין דיא פראנצויזישע פראָווינצען וועלכע האָבען צו איהם געהערט, אָבער דיא אידען פון ענגלאנד האט ער געפייניגט אָהן רחמנות. דיא גלחים האָבען געהאט א גרויסען איינפלוס אויף עלעאנאָר, דעם קעניג'ס מוטער און זיי האָבען צום סוף אויסגעפיהרט אז אלע אידען זאָלען ארויסגעטריבען ווערען פון ענגלאנד. דער אויסרייד איז געווען אז מען האט געחאפט געוויסע ארעמע אידען מאכענדיג פאלשעס געלד און אראָפּ־גנב'נען מעטאל פון אמתע מטבעות. אין הערבסט פון יאָהר 1290 זיינען אלע אידען פון ענגלאנד ארייגגעוואָרפען געוואָרען אין געפענגנים און 300 זיינען אויפגעהאנגען געוואָרען. א בעפעהל איז ארויס פון קעניג אז אלע אידען מוזען אוועק פון ענגלאנד דען 1 נאָוועמבער פון יענעם יאָהר, און ווער עס וועט דאָרט געפונען ווערען נאָך יענעם טאָג וועט געהאנגען ווערען. אלע זייערע חובות און זייער איינענטהום האט דיא רעגיערונג צוגענומען. אונגעפעהר 16,000 אידען זיינען ארויס פון ענגלאנד און א גרויסע טהייל זיינען אומגעקומען אויף דער נסיעה איבערן וואסער. דיא איבריגע זיינען אנגעקומען אין מיטעל־אייראפא, הויפטזעכליך אין דיא רהיין־פראָווינצען וואו זיי האבען זיך מיט דער צייט פארמישט מיט דיא אידען פון דייטשלאנד.

דער גירוש פון ענגלאנד איז געווען פאלשטענדיג און פאר דיא נעקסטע 350 יאהר איז דאָרט ניט געווען קיינע אידען. ערשט אין מיטען פון 17טען יאהר־הונדערט האָבען אידען געמאכט דיא ערשטע אנשטרענגונג דאָרט צוריק צו קומען און דיא ערשטע אידישע געמיינדע וואָס איז דאָרטען נאכהער געגרינדעט געוואָרען איז בעשטאנען פון פאָרטוגעזישע אידען וועלכע זיינען אהין געקומען פון אמשטער־דאם. דיא ענגלישע אידען זיינען ניט געווען גרויס גענוג אין צאָהל זיי זאָלען בלייבען אָפּגעזונדערט פאר זיך אין דיא פרעמדע לענדער וואו זיי זיינען אנגעקומען נאָך דעם

גירוש. מאנכע נעמען און אויסדריקע פון אונזער אידיש־דייטש קענען דיענען אלס א בעווייז דאס א טהייל פון דיא ענגלישע אידען זיינען שפּעטער אָנגעקומען אין פּוילען און ליטא, וואו זיי זיינען אויך מיט דער צייט פאַרמישט געוואָרען מיט דיא דאָרטיגע אידען.

אין פראנקרייך איז אין דער זעלבער צייט אויך געגאנגען וואָס ווייטער ערגער. לואי IX אָדער „דער הייליגער" האָט זיי בערויבט און א־נטעררדיקט אויף אלערליי אופנים. איינמאָל האָט ער בטל געמאכט א דריטעל פון אלע שולדען וואָס קריסטען זיינען שולדיג אידען (1234). ביי איין אנדער געלעגענהייט האָט ער קאָנפיסקירט דעם גאנצען פערמעגען פון אלע וועלכע האָבען זיך בעשלאָסען אויס צו וואנדערן נאכדעם וויא דער תלמוד איז פארברענט געוואָרען (1242). דאס געזעץ פון קירך אז אידען זאָלען טראָגען א צייכען אויף דיא קליידער איז ביז זיין צייט דורכגעפיהרט געוואָרען ניט רעגעלמעסיג און נור אין אייניגע פּראָווינצען. דער „הייליגער" לואי האָט דאס געמאכט פאר א געזעץ פון גאנצען לאנד. אין דער צייט פון זיין רעגיערונג (1239) זיינען אויך פאָרגעקומען איבערפאַלען פון דיא ווילדע מאסע אויף אידען אין פּאריז, ארלעאן און אנדערע שטעדט, ווען הונדערטע אידען זיינען אומגעבראכט געוואָרען מיט דיא גרעסטע מערדערייען. זיין נאכפאָלגער, פּיליפּ III איז געווען נאָך שטרייגנער און טיראנישער וויא ער. נאך איהם איז געקומען פּיליפּ IV אָדער „דער שיינער" וועלכער האָט זיך אָנפאנגס געצייגט עטוואָס פריינדליכער און צום ענדע ערגער פון אלע פריהעריגע. פאר זיין צייט (1298) זיינען אין בליזי אָדער בלאָא פארברענט געוואָרען 33 אידישע מענער און פרויען איבער איין עלילת דם. דיעזע שרעקליכע סצענען זיינען יעצט זעהר אָפט פאָרגעקומען אין פערשיעדענע טהיילען פון לאנד. אידען האָבען אָנגעפאנגען זיך צו רעטען דורך אנטלויפען און דיא אידישע בעפעלקערונג פון פּאריז האָט זיך שטענדיג געביטען. דער לעצטער שלאג איז געקומען אין יאָהר 1306. דען 22טען יולי (אויף מאָרגען נאך תשעה באב שנת ס"ו) זיינען אלע אידען פון פראנקרייך אריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגניס. דאָרטען האָט מען זיי בעקאנט געמאכט מיט דעם בעפעהל פון קעניג פּיליפּ אז זיי מוזען אלע פארלאָזען דאס לאנד אין א מאנאט צייט און זיי מוזען דאָרט איבערלאָזען זייער גאנצעס פערמעגען אויסער דיא קליידער וואָס זיי טראָגען אויף זיך און א קליינע סומע געלד פער קאָפּ וואָס עס איז זיי ערלויבט מיטצונעהמען.

דיא אויסווייזונג איז געוועזען אזוי פאָלשטענדיג וויא דער גירוש פון ענגלאנד מיט 16 יאָהר פריהער און דיא צאָהל פון דיא פארטריבענע איז געווען פיעל גרעסער. אונגעפעהר 100,000 אידען האָבען דאן פארלאָזען פראנקרייך און זיינען אוועק

נאך פראוואנס, סאוואָיען, דאפינע און מאַיארקא. נור ווענינע האָבען אָנגענומען קריסטענטהום לפנים. איינינע זיינען אויך געבליעבען ווייל זיי האָבען פארשפּראָכען צו ענטדעקען דיא פלעצער וואו אידען האָבען בעהאלטען אוצרות. אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז דיא רעגיערונג האט זיך ארומגעזעהן אז אָהן דיא אידען איז נאָך ערגער. דער הויפּט צוועק פון דיא אויסווייזונג, דיא בערויבונג פון דיא אידען, איז דאָך געווען ערדייכט און קעניג לואי X דער נאכפאלגער פון פיליפּ, האָט זעקס יאָהר נאָך דעם גירוש, אין 1315 איינגעלאדען דיא אידען צוריק צו קומען און זיך צו בעזעצען אין פראנקרייך. פון דיא איינלאדונג קען מען אָפּלערנען אז דיא קאָרסינער און דיא לאמבארדער, וועלכע זיינען געבליעבען דיא איינציגע געלד־פערלייהער זייט דיא אידען זיינען אוועק, האָבען דעם עולם נאָך מעהר בעריסען וויא דיא אידען און עס איז דארום געוואָרען איין אַלגעמיינעס פערלאַנגען אז דיא פאר־טריעבענע זאָלען קריגען דיא ערלויבנים צוריק צו קומען. עס איז אמת אז אידען האָבען מורא געהאט זיך ווייטער צו פארטרויען אויף א רעגיערונג וואס האט זיי שוין אזוי פיעל מאָהל בערויבט און צוויי מאָהל אין גאנצען פערטריבען, אָבער דיא אידישע לאַגע אין אַנדערע לענדער איז געווען אזוי שלעכט אז איין איינלאדונג צו קומען אפילו אין א פלאץ פון מערדער און רויבער איז אויך געווען א פרעהליכע נייעס. דאָך האבען אין אָנפאנג נור ווענינ געוואגט צוריק צו קומען און ערשט מיט עטליכע יאָהר שפּעטער איז דיא אידישע בעפעלקערונג צוריק פארגרעסערט געוואָרען. אנדערע אידען איז עס נאָך געלונגען צוריק אפּצוקויפען זייערע הייזער און שולען וואס מען האט צוגענומען אין דער צייט פון גירוש. אבער דיא זיכערהייט און רוהיג־קייט איז געווען פארביי. אידען האבען דארט געלעבט נור וויא איינגעבעטענע און בלבולים, בלוטפערגיסונג און רויבערייען האָבען געהערט צו דיא גאנץ געוועהנליכע פאסירונגען פון דיעזע בארבארישע צייטען.

אויך אין שפּאניען האָבען אידען אָנגעהויבען צו פיהלען דיא שווערע האנד פון דיא קריסטליכע רעגיערונגען וועלכע זיינען שטארקער געוואָרען אין דעם זעלבען גראד וויא דיא מחמדנער פון דער סויטה זיינען אָפּגעשוואכט געוואָרען. אין קאַס־טיליען האט קעניג אלפאָנס X „דער חכם" וועלכער האָט רעגיערט פון 1252 ביז 1284 אנגעפאנגען איינצופיהרען דיא שטרייננע געזעצע געגען אידען, אבגלייך ער האָט געוואוסט וויא צו ציהען נוצען פון דעם רייכטהום און דיא פעהיגקייטען פון זיינע אידישע אונטערטהאנען. אלס פרינץ האט ער זיך בענומען צו אידען זעהר פיין. ווען ער האָט איינגענומען סעווילע האט ער אוועקגעגעבען דיא אידען דריי מחמדנישע מאשעען אָדער קירכען עס צו פערוואַנדלען אין שולען. ער האט בײ

דיעזע געלעגענהייט אויך ערלויבט דיא אידען פון סעווילע װעלכע זיינען פון דיא אל־מאהאדען געצוואונגען געוואָרען צו ווערען מהמדנער יעצט עפענטליך צוריק צו ווער־רען אידען און ער איז אים אלגעמיין פון יענע אידען בענריסט געוואָרען אלס זייער ערלייזער. ווען ער איז געוואָרען קעניג האט ער זיך ארומגערינגעלט מיט אידישע מיניסטאָרען און ראטהגעבער. דון מאיר דע מאלעא איז געווען זיין שאטצמייסטער אָדער פינאנס מיניסטער. דון יהודה בן משה איז געווען זיין לייב דאקטאר און דער חזן פון טאלעדא, ר׳ יצחק אבן סעיד, װעלכער איז געווען איינער פון דיא גרעסטע אסטראָנאָמען אין זיין צייט, איז פון איהם אָנגעשטעלט געוואָרען אלס הויף־אסטראָנאָם. ר׳ יצחק האָט פאר איהם אויסגעמאכט דיא בעריהמטע אלפאָנ־זישע טאַבעלען פון דיא בעקאנטע שטערען. דיא אַסטראָנאָמען פון אייראָפּא האָ־בען יאָהרען לאנג שטודירט אסטראָנאָמיע פון דיעזע טאַבעלען וואָס דער חזן האָט געמאכט פאר דעם קלוגען קעניג פון קאסטיליען.

דאָך האָט דיעזע אנערקענונג פון אידישע פעהיגקייטען ניט געשטערט קעניג אלפאנס פון זיך צו לאָזען איבעררײדען פון פאפסט ניקאלאס דעם דריטען איינצו־פיהרען אין שפאניען דיא געזעצע געגען אידען וואָס זיינען ביסלאבוויז געקומען אין געברויך אין דיא מייסטע קריסטליכע לענדער. אלפאנס האט בעפוילען אז אידען מוזען טראָגען א צייכען אויף דיא קליידער, אז זיי טאָרען ניט האלטען קיין קריסט־ליכע דיענער און ניט בויען קיין נייע שולען. עס איז אמת אז דיא געזעצע זיינען ניט גלייך אין אָנפאנג דורכגעפיהרט געוואָרען מיט זייער גאנצע שטרייגקייט, אָבער דער פאקט דאס אזעלכע געזעץ האָבען עקזיסטירט אפילו נור אויפען פאפיער, האָט געבראכט דערצו אז אידען זיינען וואָס ווייטער מעהר פעראכטעט געוואָרען און מען האָט זיי אָנגעהויבען צו בעטראכטען אלס א ניעדריגע אָפּגעזונדערטע קלאַס געגען וועלכע מען מעג זיך אלעס ערלויבען. דאָס האָט דיא שפאנישע בעפעלקערונג פאָר־בערייטעט פאר דיא רדיפות און רציחות פון קומעדיגע צייטען, פאר דיא פערפאָל־גונגען וועלכע האָבען געמאכט אז דער נאָמען שפאניען אין דיא שפעטערע אידישע געשיכטע האָט דיא זעלבע בעדייטונג וויא א ווילדער פאנאטיזמוס, אונמענשליכע פיינינונגען און בלוטיגע פערפאָלגונגען פון אידען אין נאמען פונדי קאטהאָלישע רעליגיאָן.

ווען דיא מאטעריעללע לאגע און דער פאָליטישער צושטאנד האָט זיך אזוי פיעל פארערגערט, איז עס אויך נאטירליך דאס דיא גייסטיגע אנגעלעגענהייטען פון דיא אידען זיינען אויך ארונטער אויף א נידריגערע שטופע. אין אָנהויב פון פיערצעהנטען יאָהרהונדערט האָט אין שפאניען און אין פראָוואנס ווידער אָנגע־פאנגען שטרייטיגקייטען צווישען אידישע געלעהרטע איבער דיא פראגע אויב אידען

מענען לערנען די פילאָזאָפישע ווערקע פון אידישע אָדער ניט אידישע דיינקער. ר׳ אבא מרי פון ליאָנעל איז געווען דער אָנפיהרער פון די געגנער פון פילאָזאָפיע און דער גרעסטער תלמודיסט פון שפאניען פון יענער צייט, ר׳ שלמה בן אדרת (רשב״א, געבאָרען 1235, געשטאָרבען 1310) איז אויסגעקליעבען געוואָרען צו ענט־שיידען צווישען זיי. גראדע אין יענער צייט איז דער גרויסער תלמודישער געלעהר־טער רבינו אשר בן יחיאל (רא״ש) געקומען פון דייטשלאנד נאָך שפאניען (1305) און האט מכריע געווען אויף דעם זייט פון די געגנער פון פילאָזאָפיע. ר׳ שלמה בן אדרת האט פעררופען נאָך בארצעלאָנא איין אסיפה פון 30 פון די גרעסטע רבנים וועלכע האָבען ארויסגעגעבען א חרם געגען אלע וועלכע זוכען אריינצובריינ־גען פילאָזאָפישע מיינונגען אין די היילינע שריפטען. די פירושים אויף תנ״ך וואס זיינען געשריעבען געוואָרען אין א פילאזאפישען זין זיינען פאראורטהיילט געווארען צום פארברענען, און עס איז בעשטימט געווארען מיט א חרם דאס דער וועלכער איז אונטער 25 יאהר אלט טאר איבערהויבט ניט לייענען קיין ספרי חכמה. דער בעשלוס פון דיעזע אסיפה איז פאנאנדערגעשיקט געווארען און פארגעלעזען געווא־רען אין די שולען אין שפאניען, פראנקרייך און דייטשלאנד אונגעפעהר 100 יאהר נאך דעם טויט פון רמב״ם (26 יולי 1305 — ד׳ אב ה״א ס״ה) און איין יאָהר פאר דעם צווייטען גירוש פון פראנקרייך.

מיט דיעזע אסיפה פון בארצעלאָנא פאנגט זיך אָן דער אונטערגאנג פון אידישע גייסטיגע גרויסקייט אין שפאניען. עס האבען זיך דארט צו יענער צייט אויך געפונען פערטהיידיגער פון פילאזאפיע און וויסענשאפט וויא ר׳ בחיי בן אשר פון סאראגאססא און ר׳ יצחק אבן לאטיף (דער מחבר פון שער השמים און גנזי המלך) אָבער די בעסטע פארקעמפפער פאר בילדונג און פרייע פארשונג זיינען געקומען פון פראוואנס. צו דערמאנען זיינען ווערטה ר׳ שם טוב פאלקיירה וועלכער האט איבערזעצט ר׳ שלמה בן גבירול׳ס פילאזאפ׳שעס מייסטערווערק „מקור חיים“; ר׳ משה נרבוני (געשטארבען אונגעפעהר 1262) און ר׳ יוסף בן כספי וועלכע זיינען געווען ווארעמע אנהעננער פון רמב״ם און געשריעבען פירושים אויף דעם מורה נבוכים. העכער פון זיי אלע שטעהט ר׳ ידעיה בדרשי (פון בעזיע אין פראוואנס) הפניני דער פאעט און דיינקער וועלכער האט זיך אונשטערבליך געמאכט דורך זיין ווערק „בחינות עולם“. ר׳ ידעיה (1280–1340) האט געשריבען צום רשב״א א בריף וועלכער איז אין דער אידישער ליטעראטור בעקאנט אלס אגרת „התנצלות הבדרשי“ און גילט נאך היינט אלס א מייסטערווערק אין פערטהיידיגונג פון פילאָ־זאפיע און וויסענשאפט. אין יענעם געגענד איז אויך אויפגעוואקסען דער איינציגער

איד פון יענעם דור װעלכער איז געװעזען גרויס בײ אידען און בײ ניט אידען גלייך; ר' לוי בן גרשום אדער לעאָן דע באַניאָלאָס (רלב"ג, געבאָרען 1288, געשטאָרבען 1340 *) װעלכער האָט זיך ערװאָרבען אַזאַ גרויסען נאָמען אַז פּאָפּסט קלעמענס דער זעקסטער האָט נעלאָזען זיינע אַסטראָנאָמישע װערקע איבערזעצען אין לאַטיין. דריטהאַלבען הונדערט יאָהר שפּעטער האָט דער בעריהמטער אַסטראָנאָם קעפּלער געזוכט צו ציהען נוצען פון ר' לוי'ס אַסטראָנאָמישע ענטדעקונגען. רלב"ג האָט ריי־כער געמאַכט דיא אידישע ליטעראַטור מיט זיינע פּירושים אויף טהיילען פון תנ"ך און מיט זיין „מלחמות ה'" װעלכעס װערט פון פיעלע בעטראַכטעט אַלס דאָס בעסטע װערק איבער אידישע רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע.

נאָך דעם טויט פון רשב"א איז רבינו אשר אנערקאַנט געװאָרען אַלס דער גרעסטער פון דיא רבנים אין שפּאַניען ביז זיין טויט אין יאָהר 1327. ער און זיינע זיהן, ר' יהודה און ר' יעקב בעל הטורים (1280—1340) האָבען פיעל בייגעטראָגען אָפּצושװאַכען װעלטליכע בילדונג אונטער דיא שפּאַנישע אידען און זיי נעהענטער צו ברייננגען צו דיא רעליגיאָן פאַר װעלכע זיי האָבען אַזוי פיעל געליטען און װעלכע זיי האָבען געהאַלטען אַזוי טהייער. דיא היסטאָריע פון יענער צייט גיט אונז נור איין װיכטיגען נאָמען פון אַ אידען װאָס האָט מיט זיין גייסט געמאַכט איין איינדרוק אויף דעם שפּאַנישען פאָלק. דאָס איז געװעזען ר' שם טוב קאַריאָן, אַ פאָלקס־פּאָעט װעלכער האָט געשריבען אויסגעצייכענטע ליעדער אין שפּאַניש (קאַסטיליאַניש). ער האָט געבליהט אונגעפעהר אין 1330. ער איז אויך ניט געװעזען דער איינציגער אידישער פאָלקס־פּאָעט פון מיטעל־אַלטער. אין דייטשלאַנד װאו אידען זיינען געשטאַנען אויף אַ נידריגערע שטופע װיא אין שפּאַניען האָט אונגעפעהר מיט אַ יאָהרהונדערט פריהער זיך בערהמט געמאַכט דער מינעזענגער אדער פאָלקס־דיכטער זיסקינד פאָן טרימבערג, װעלכער װערט געשטעלט אין איין רייהע מיט װאַלטער פאָן דער פאָגעלװיידע, דעם גרעסטען דייטשען פּאָעט פון מיטעלאַלטער.

---

*) אַנדערע קװעלען גיבען אָן אַז ער האָט געלעבט ביז 1370.

זיבענטער קאפיטעל.

גרויסע פערפאלגונגען אין פיערצעהנטען יאהר־הונדערט.

דיא בלוטיגע רדיפות פון פיערצעהנטען יאהר הונדערט פאנגען זיך אן אין פראנקרייך. דיא אידען וועלכע זיינען פארטריבען געווארען אין 1306 און האבען אנגעפאנגען צוריק צו קומען אין 1315 האבען זיך נור עטוואס איינגעארדענט אונטער דיא דריקענדע געזעטצע, ווען עס האבען זיך פלוצלונג אנגעהויבען נייע צרות פיעל ערגער וויא דיא פריהערינע. דער אויפשטאנד פון דיא בויערן אדער פאסטערער וואס איז בעקאנט אין דיא געשיכטע פון אידישע ליידען אלס דיא „גזירות הרועים" איז פארגעקומען אין 1320. גרויסע מאסען בויערן און פאסטוכער האבען זיך פערזאמעלט פון פערשיעדענע טהיילען לאנד, נים וויסענדיג קלאר וואס זייא ווילען און וואוהין זייא געהען. זייא האבען אין אנפאנג געבעטעלט און צונעצויגען צו זיך דיא נידריגע קלאסען פון יעדער פלאטץ וואו זייא זיינען געקומען. זייא האבען נערעדט פון געהן איינצונעהמען דיא הייליגע לאנד, אבער אין א קורצע צייט האבען זייא אנגעפאנגען צו רויבען און צו בענעהן מערדערייען. דיא רעגיערונג איז געוועזן צו שוואך זיך געגען זייא צו שטעלען און האט זייא געלאזען טהאן וואס זייא ווילען. די ווילדע מאסע וועלכע האט זיך יעצט געפיהלט אהן הערשער אבער אויך אהן שפייז און אהן א ציעל האט זיך געווארפען אויף דיא אונגליקליכע אידען און זיי אומגעבראכט אויף דיא שרעקליכסטע ארט וואו זיי האבען זיך געפונען. אין אקוויטעאין, אין גאסקאין און אין די גאנצע אומגעגענד פון סויטה פראנקרייך וואס איז דאן גערופען געווארען מיט דעם אלגעמיינעם נאמען לאנגעדאק, האט אידישעס בלוט געפליצט וויא וואסער. אין דיא שטאדט ווערדין ביים טייך גאראן האבען 500 אידען זיך גערעטעט אין א פעסטונג וועלכער איז פון די בויערן אנגעגריפען געווארען און פון די אידען פערטהיידיגט געווארען מיט גרוים פערצווייפלונג. צום סוף האבען די פאנאטישע מערדער געמאכט א פייער ארום דעם טהורם און די פערצווייפעלטע אידען וועלכע האבען איינגעזעהען אז עס איז ניטא קיין רעטונג

האבען ארונטער געווארפען דיא קינדער צום ווילדען פיינד און זיך אליין אויסגע־קוילעט איינע דיא אנדערע. פון לאנגעדאק זיינען דיא בויערען אוועק נאך אראגאן אין שפאניען וואו פיעלע אידישע אָפּפער זיינען דורך זייא געפאלען ביז קעניג דשיים דער צווייטער האָט זיך איבער זייא גובר געווען.

מיט א יאהר שפּעטער איז אויסגעבראכען א פעסט און עס האָט זיך פער־שפּרייט דער גלויבען אז אידען האָבען פארגיפטעט דיא ברונענס און דיא קוואלען זיך נוקם צו זיין אין זייערע פיינגער. אין אקוויטעין האט מען פארברענט אלע אידען וואס מען האט געכאפּט אהן אונטערשיעד. אין דער שטאדט שינאן (קינון) איז אויסגעגראָבען געוואָרען א טיעפע גרוב און אינוויינינ אנגעלייגט האלץ און גע־מאכט א פייער און וועלכען 160 אידישע מענער און פרויען זיינען פארברענט גע־וואָרען. אין פאריז זיינען אויך פארברענט געוואָרען מעהרערע אידען וועלכע מען האט דורך שרעקליכע פייניגונגען פריהער געצוואונגען זיך מודה צו זיין אויף פער־ברעכען וואס זייא זיינען קיינמאל ניט בעגאנגען. דיא רייכסטע אידען זיינען איינ־גע׳עצט געווארען אין געפענגנים און קעניג פיליפּ .V האט פון זייא ארויסגעפּרעסט א גרויסע סומע געלד. זיין נאכפאלגער שארל .IV האט ארויסגעלאזען דיא געפאנ־גענע זייא זאלען איהם צוזאמענקריגען נאך געלד און האט זייא דאן ערלויבט צו פארלאזען דאס לאנד.

אין יאהר 1328 איז פארגעקומען איין אויפשטאנד פון דיא פאנאטישע בע־פעלקערונג געגען אידען אין פּראָווינץ נאווארא. אין איסטיליע און ארומיגע שטעדט זיינען 6000 אידען געפאלען אויף קידוש השם און נור ווייניגע פון יענער געגענד האָבען זיך גערעטעט. אונטער דיא גערעטעטע איז געווען ר׳ מנחם בן זרח דער פערפאסער פון „צדה לדרך“. זיין פאטערס א פריינד האט איהם ארויסגענומען פון צווישען דיא גע׳הרגעטע און איהם געבראכט צו זיך. ר׳ מנחם איז דאן אוועק נאך קאסטילען, וואו ער איז געוואָרען איינער פון דיא וויכטיגסטע רבנים אין יענער צייט.

דיא אידען וואס זיינען נאך דיעזע פערפאָלגונגען געבליעבען אין פראנקרייך האבען זיך דערוואָרט אויף נאך איין ערגערען שיקזאל וויא דיא וועלכע זיינען אוועק. דיא גרויסע מגפה וועלכע איז אויסגעבראכען אין אייראָפּא אין דיא יאהרען 1348 און 1349 און וועלכע איז בעקאנט אין דער געשיכטע אלס דער שווארצער טויט אדער דיא שווארצע פּלאגע, האָט פעראורזאכט דיא גרעסטע פּלוט פערגיסונגען פון מיטעלאלטער. אידען זיינען פון דיעזע פעסט געשטארבען פיעל וועניגער אין פּראָפּאָרציאָן וויא קריסטען, וואהרשיינליך וויל אידען האָבען געלעבט

מעסיגער און געגעסען ריינע כשרה שפייז. אָבער אנשטאט זיך אראפצונעמען א מוסר פון די אידען, האָבען קריסטליכע פאנאטיקער ווידער פערשפרייט דעם קלאנג אז אידען פארגיפטען די וואסערן און מען האט די אונגליקליכע אידען אומגעבראכט מיט אלערליא מיתות משונות דערפאר וואס זייא זיינען ניט גע־שטארבען פון די פעסט אזוי פיעל וויא די גוים.

די מערדערייען געגען אידען אין דער צייט פון די שווארצע פעסט זיינען געווען אין דייטשלאנד פיעל גרעסער וויא אין פראנקרייך, וואהרשיינליך וויל נאך די גרויסע פערפאלגונגען און אויסווייזונגען זיינען אין פראנקרייך געבליעבען ווענינ אידען. כמעט אלע אידען פון די שטאדט סאן סאטורנען זיינען אויסגע'הרג'עט געווארען. אין שינאן זיינען ווידער פארברענט געווארען 28 פערזאָן און אין וויטרי האָבען די בעלאגערטע אידען זיך אומגעבראכט איינע די אנדערע אזוי וויא די מארטירער פון ווערדין האָבען געטהאן מיט 29 יאהר פריהער. די רעגירונג האט בענוצט די געלעגענהייט פון די אויפרעגונג צו רויבען בייא אנדערע אידען דעם גרעסטען טהייל פון זייער פערמעגען. די אידען פון פאריז האָבען געמוזט שאפען א גרויסע סומע געלד. די אידען פון די פראנצויזישע פראווינצען פראנש־קאנט און דאפינע זיינען אויסגעוויזען געוואָרען. זייער פערמעגען איז געווארען קאנפיס־קירט און א אידישער באנדיט מיט דעם נאמען אברהם קצין די מורנאס האָט נעקריעגען א זעקסטעל פון אלעס וואס ער האט אנגעוואמעלט אלס אנגעשטעלטער פון דער רעגירונג די רויבעריי ריכטיג דורכצופיהרען.

אין יאהר 1360 זיינען אידען ווידער אריינגעלאזען געוואָרען אין פראנקרייך מיט די בעדינגונג זייא זאלען צאהלען א געוויסע סומע (7 פלארין) יעדעס יאהר און א דאָפעלטע סומע פארען אריינגעלאזען ווערען אין לאנד. אין יענע טרויעריגע צייטען איז דאס בעטראכטעט געווארען אלס א גוטע קאָנדיציאָן און פיעלע אידען זיינען צוריקגעקומען און זיך בעזעצט אין פערשיעדענע געגענדען. מאניסי פון וויסול דער רייכער איד וועלכער האט דורכגעפיהרט די אונטערהאנדלונגען וועגען אריינ־לאזען פון אידען, און האט אויסגעווירקט אז זייא זאלען דאָרטען מעגען בלייבען 26 יאהר (דערנאך אויף נאך 10 יאהר) איז אנגעשטעלט געוואָרען אלס דער פאר־שטעהער פון די אידען אין נארד פראנקרייך איינצומאהנען די אידישע שטייערן פאר די רעגירונג. אין לאנגעדאָק אין די סויטה האט די זעלבע שטעלע גע־האט דער איד דענים קינאָן.

שארל VI איז אין אנפאנג פון זיין רעגירונג געווען ניט שלעכט צו אידען, אבער זיין קראנקהייט און דער פאנאטיזמוס פון די גלחים האבען איהם אומגע־

מאכט און דעם 17טען סעפטעמבער 1394 האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אלע אידען מוזען אין 6 וואכען פארלאזען גאנץ פראנקרייך. דיעזע אויסווייזונג איז געווען מילדער וויא דיא פריהערינע. דיא רעגיערונג האט געהאלפען דיא אידען אויפמאהנען זייערע חובות און זייא געגעבען בעשיצער מען זאל זייא ניט אנגרייפען ביז זייא וועלען אריבער דעם גרענעץ. אבער דערפאר איז דער גירוש געווען פאל־שטענדיג און אויסער דיא וועניגע פאמיליען וואס האבען געקריגען ערלויבעניס צו בלייבען אין טוכו איז נאך א פאר פלעצער, זיינען דיא אידען דאן אוועק אויף א לאנגע צייט פון פראנקרייך און מען הערט דארט פון זייא ניט ביז א שפעטערע פעריאדע.

דיא אויסווייזונגען פון ענגלאנד און פון פראנקרייך האבען גרעסער געמאכט דיא אידישע קהלות אין דייטשלאנד. דיעזעס לאנד איז געווען נור נאמינעל אדער לפנים אונטער דיא הערשאפט פון א קייזער. אין דער אמת האט יעדער קליינער פירשט אדער בישאף געטהאן וואס ער האט געוואלט אין דעם טהייל פון לאנד וואס איז אונטער איהם געלעגען. דיא שטעדט האבען געוועהנליך אויך געהאט אייגענע געזעצע און בעזונדערע אינטערעסען און דיא לאגע פון דיא אידען איז דא־רום קיין מאל ניט געווען גלייך אין אלע טהיילען פון לאנד. דאס איז אויך די אור־זאכע פאר וואס עס איז אין דיא גאנצע צייט פון מיטעלאלטער ניט פארגעקומען קיין אלגעמיינע אויסווייזונג פון דייטשלאנד, אבגלייך אין קיין לאנד זיינען אידען ניט געווען אזוי אונטערדריקט און פעראכטעט און ניט געליטען אזוי פיעל וויא דארט. דיא קיסרים האבען זייא בעטראכטעט אלס קאמער־קנעכט דאס הייסט אלס זייער אייגענטהום און האבען אויף זייא ארויפגעלייגט פערשיעדענע אפצאהלונ־גען. דאך האבען זייא דיעזע שטייערן ניט געשיצט פאר אנגריפע פון די פאנאטישע מאסען. בלוט בלבולים אדער בלבולים אז אידען האבען דורכגעשטאכען אדער זאנסט „מחלל“ געווען דיא „האסטיע“ אדער הייליגע קיכלאך וואס דיא קאטהא־ליקען בעטראכטען אלס דיא פלייש פון קריסטוס, זיינען געווען גאנץ געוועהנליכע זאכען און יעדער בלבול האט געקאסט בלוט און געלד.

דיא בלוטיגע פערפאלגונגען אין דייטשלאנד האבען זיך אנגעהויבען פריה אין 13טען יאהר־הונדערט. אין 1225 איז געווען א בלבול אין מעקלענבורג, אין 1226 האט מען דיא אידען פון ברעסלוי בעשולדיגט אז זייא האבען אנגעמאכט א שריפה און ביידע בלבולים האבען געקאסט פיעלע אפפער. אין 1241 איז אין פראנקפארט געווען איין איבערפאל אויף אידען וואס האט זיך אנגעפאנגען דערפון וואס א אידישער אינגעל האט ניט געוואלט ארייגעהן אין א קריסטליכע קירך. 180

אידען זיינען דאן דערהרגעט געוואָרען. מען גלויבט דאס ר' א מ נ ו ן פון מאינץ דער מחבר פון „ונתנה תוקף“ איז אין יענעם יאהר פון דעם דאָרטיגען בישאָף אומגעבראַכט געוואָרען אויף דיא שרעקליכע ארט וויא עס ווערט געוועהנליך דערצעהלט.

דאן זיינען געקומען דיא בעשולדיגונגען אז די אידען פון דייטשלאנד האלטען מיט די מאנגאלען אדער טאָטערן וועלכע האבען דאן איינגענומען פיעלע פלעצער אין מזרח פון איירא‎פא און האָבען זיך גענומען פארשפרייטען אויך אויף געוויסע געגענדען אין מיטעל־איירא‎פא. עס קען זיין אז דיא דייטשען האָבען געהערט פון די הויכע שטעלע וואס דער אידישער דאקטאר ס ע ד א ד ־ ד א ו ל ה האָט גע־האט אונטער דעם גרויסען מאנגאלישען חאן ארגון וועלכער האט געהערשט אין פערזיען אין יענער צייט אדער פון דיא אלגעמיינע פריינדשאפט צווישען דיא טאָ־טערן און דיא אידען. יעדענפאלס האבען דיעזע נייע בעשולדיגונגען געדיענט אלס א תירוץ אויף נייע אנגריפע אויף אידען. אין עלזאס האָבען זיך געבילדעט באַנדעס סאָלדאָטען און בויערן וועלכע האבען זיך גערופען „יודענבראָטער“ און זיינען גע־גאנגען פון שטאָדט צו שטאָדט און געמאָרדעט אלע אידען וואס זיינען אריינגע־פאלען אין זייערע הענד (1270). אין 1298 איז פארגעקומען א נייער רעליגיעזער בלבול אין פראנקאניען (אין דעם טהייל וואס געהערט יעצט צו בייערן) און א ווילדע מאַסע אונטער דיא אנפיהרונג פון א געוויסען רינדפלייש האט אויסגעמאָרדעט און פארברענט דיא אידען פון רעטטינגען, ווירצבורג און אנדערע פלעצער. אין נירנ־בערג זיינען אומגעקומען 740 אידישע נפשות. אונטער דיא אפּפער האט זיך אויך געפונען ר' מרדכי בן הלל, א חבר פון רא"ש, וועלכער איז דורך זיין תלמוד־אישעס ווערק בעקאנט אלס דער מ ר ד כ י. אין 1336 האבען זיך פארשפרייט אין דיא געגענד ארום רהיין באַנדעס וועלכע האָבען זיך גערופען „יודענשלעגער“ און איבער 1500 אידען אין רופּאך, ענזיסהיים און דיא אומגעגענד זיינען פון זייא אויסגעמאָרדעט געוואָרען.

אלע רדיפות וואָס זיינען אויבען דערמאהנט געוואָרען ווערען פערדונקעלט פון דיא געוואלטיגע בלוטפערגיסונגען וואס זיינען פארגעקומען אין דייטשלאנד אין דער צייט פון דיא שוואַרצע פעסט דיעזע שרעקליכע מגפה וועלכע האט אוועקגע־ליינט כמעט א פיערטעל פון דיא איינוואוינער פון איירא‎פא און האט פערוויסטעט גאנצע שטעדט, האט די ניעדריגע קלאסען פארוואָנדעלט אין ווילדע חיות. זעהענ־דיג דעם טויט יעדען טאג פאר דיא אויגען און נים האָבענדיג קיין מיטעל זיך צו רעטען, האט דער מענשליכער לעבען אין גאנצען פערלארען זיין ווערטה בייא יעדען

אין די אייגען און דער אבערגלויבען האט זיך פערשטארקט. די פלאגע איז גע־וועזען אונבעקאנט; מען האט ניט געוואוסט פון וואנען זיא איז געקומען און מען האט ניט געוואוסט פאר איהר קיין רפואה. די פערהאסטע, אפגעזונדערטע אידען האבען פון איהר ניט אזוי געליטען וויא די קריסטען און מען האט דארום לייכט געגלויבט די פאלשע נאכריכט וואס האט זיך פערשפרייט אז די רבנים פון טא־לעדא האבען איםפארטירט פון אזיען די גיפט צו פערפלאנצען די פלאגע אין די וואסערן פון סאוואָיען, פון וואנען עס האט זיך פארשפרייט איבער דייטשלאנד. דאס איז נאטירליך געווען דער סיגנאל פאר איין אנגריף אויף אידען וואו זייא האָ־בען זיך נור געפונען. אין יענע צייטען, ווען קיינער איז ניט געווען זיכער מיט'ן לע־בען איז דער רעספעקט און די מורא פאר די רעגיערונגען אויך זעהר אָפגע־שוואכט געווארען. דער פאפסט קלעמענס .VI און דער קייזער קארל .IV האבען אומזיסט געמאכט אנשטרענגונגען איינצוהאלטען די ווילדע מאסען און צו בע־שיצען די אידען. די קלענערע הערשער און די ריכטער פון פערשיעדענע שטעדט האבען אויך גאר ניט געקענט טהאָן און אידישעס בלוט האט געפלייצט וויא וואסער אין גאנץ סענטראל אייראפא.

די מייסטע מערדערייען זיינען בעגאנגען געווארען פון די רעליגיעזע פא־נאטיקער וועלכע האבען זיך גערופען „פלאגעללאנטען“ (די וועלכע פלעגען זיך אליין שמייסען). די שרעקענס צייטען פון דער פלאגע האט ארויסגעבראכט די פינסטערסטע זייט פון מענשליכען כאראקטער. פיעלע מענשען האבען אין זייער טויט־שרעק אנגעהויבען צו זוכען מיטלען וויא אזוי צו געפינען גנאדע אין די אויגען פון גאט ער זאל זיי פארשוינען פון דעם געפירכטעטען טויט. זייא האבען געגלויבט אז זייא האבען פיעללייכט צופיעל הנאה געהאט פון דער וועלט דורך זייערע עבירות און האבען דארום זיך גענומען אליין פייניגען אויף פערשיעדענע ארטען. די פלאגעללאנטען פלעגען זיך צוזאמענקומען אויף די מארק פלעצער און זיך שלאגען אויף די נאקעטע רוקענס מיט יונגע צווייגען אדער מיט ריטער ביז דאָס בלוט פלעגט זיך פון זייא גיסען אויף דער ערד. עס פערשטעהט זיך דאס אזעלכע ווילדע בעלי תשובה האבען נישט געקענט רחמנות האבען אויף אנדערע און די מאסען וועלכע האבען געזעהען וויא זייא זיינען מקריב פאר פרומקייט זייער אייגענע פלייש און בלוט האבען זייא גערן געפאלגט אנצופאלען אויף די „אונגלויבינע“ און אויף די „וואסער פערגיפטער“, דאס הייסט אויף די אונגליקליכע אידען.

די צאהל פון אידען וואס זיינען אומגעקומען אין די מערדערייען פון יענער צייט בעלויפט זיך אויף צעהנדליגע טויזענדע. אין פרייבורג זיינען אלע אידען פאר

ברענט געוואָרן. אין באַזעל זיינען א טהייל פערברענט און א טהייל דערטרונקען געוואָרען. די אידען פון די אלטע שטעדט וואָרמס, שפּייער און אולם, וויא אויך די רייכע קהלה פון פראנקפורט זיינען במעט אין גאנצען אומגעקומען אין פלאַמען. אין מאַינץ האבען זיך אלע אידען פערזאמעלט אין די יודען־גאס און זעהנדיג אז עס איז נימא פאר זיי קיין רעטונג, האבען זיי אנגעצונדען זייערע הייזער און זיינען פארברענט געוואָרען ביז איינעם. אין שטראסבורג איז די גאַנצע אידישע געמיינדע ביז 2000 פּערזאָן, מענער, פרויען און קינדער פארברענט געוואָרען אין איין טאָג. די זעלבע שרעקליכע סצענען האבען זיך אין די יאהרען 49—1348 וויעדערהאָלט אין קעקן, האנאווער, ערפורט, ברעסלוי, וויען, אויגסבורג, נירנבורג און פילע אנדערע שטעדט. נור אין רעגענסבורג (ראַטיסבאָן) האבען די פיהרער פון שטאָדט זיך געשטעלט געגען די מערדער און גערעטעט די אידען פון טויט. די פערפאָלגונגען האבען זיך פארשפּרייט ביז אונגארן און אויך ביז דאס יעצטיגע בעלגיען וואו די קהלה פון בריסעל איז אויסגעהרגעט געוואָרען.

דיעזע פערניכטונגען האבען אראָבגעדריקט די איבערגעבליבענע אידען פון דייטשלאַנד אויף זעהר א ניעדעריגע שטופע. זייער מוטה און זייער שטאָלץ איז אין גאנצען געזונקען און זיי האבען געלעבט אין שטענדיגע שרעק און אין גרויס עלענד. זייער לעבען אבגעזונדערט אין געהעטאָס, מיט דעם שאַנד־פלעק אויף די קליידער און ציטערנדיג פאר די מינדעסטע אויפרעגונג אונטער די בעפעלקערונג, האט זיי נישט געלאָזט אויפהויבען דעם קאָפּ פאר מעהרערע יאהרהונדערטע. דער שעפּפונגס־גייסט איז אונטער זיי אין גאנצען אָבגעשטאָרבען און אבגלייך זיי זיינען געווען זעהר פרום האבען דאך זייערע רבנים נים עררייכט קיין גרויסקייט אפילו אין די תלמודישע ליטעראטור. די אונטערדריקונגען און די אונזיכערהייט זיינען געווען אזוי גרויס דאס זיי זיינען נים מעהר פעהיג געווען צו קיין וויכטיגע טהאט וואס זאל פארדינען א פּלאַץ אין די אידישע געשיכטע פון יענע צייטען.

אויסער די געוועהנליכע פערפאָלגונגען און ערנידריגונגען זיינען נאך אויך פאָרגעקומען אויסווייזונגען פון פערשיעדענע שטעדט און פּראָווינצען. אין 1388 זיינען די אידען אויסגעוויזען געוואָרען פון שטראסבורג און אין נעקסטען יאהרהונדערט פון פּילע אנדערע שטעדט און פּראָווינצען אין דייטשלאַנד און בעהמען. אם ענדע פון 15טען יאהרהונדערט זיינען וואָרמס, פראנקפורט און רעגענסבורג געווען די איינציגע שטעדט וועלכע האבען געהאט וויכטיגע אידישע קהלות אָבער אויך דאָרט האבען די אידען געלעבט אין צרות. גרויסע מאַסען

האבען אויסגעוואנדערט נאך פוילען און ליטא, אנדערע אויך נאך איטאליען און טירקיי, וואו דיא רדיפות זיינען ניט געווען אזוי גרויס.

אויך אין שפאניען, וואו דיא אידען זיינען געשטאנען פערהעלטעניסמעסיג אויף א העכערע שטופע וויא אין דייטשלאנד, איז עס אויך געגאנגען וואס וייטער ערגער. פעדרא דער גרויזאמער וועלכער האט רעגירט אין קאסטיליען פון 1350 ביז 1369 איז געווען דער לעצטער אונטער וועמען אידען האבען נאך געלעבט גוט. זיין שאצמייסטער איז געווען רער איד דון שמואל אבולעפיא, דער מאן וועלכער האט אויפגעבויט דיא אידישע גרויסע שוהל אין טאלעדא, וועלכע איז נאך דעם גירוש פארוואנדעט געווארען אין א קירך און איז נאך היינט איינע פון די זעהענסווירדיגע זאכען פון יענע אלטע שטאדט. דער רייכער אידישער מיניסטער האט זיך אבער ניט לאנג געפרעהט מיט דיא גונסט פון זיין קעניג. פעדרא האט איהם שפעטער געלאזט אומברייננגען און האט קאנפיסקירט זיין גאנצעס פערמעגען. דאך שיינט אז די מערדעריי געגען אבולעפיא איז ניט געווען בעגלייטעט פון פערפאלגען געגען אידען בכלל, ווייל ווען עס איז שפעטער פארגעקומען א שטרייט צווישען פעדרא און זיין ברודער ענריקא איבער דיא מלוכה, האבען דיא אידען כמעט אהן אויסנאהמע געהאלטען מיט פעדרא. דיא אידען פון סעווילע און טאלעדא האבען פיעל געליטען פאר זייער טרייהייט צו פעדרא. ווען ענריקא איז געווארען קעניג נאך פעדרא'ס טויט האט ער זיך פון דעסטוועגען געצייגט אויך פריינדליך צו אידען. דון שמואל אברבנאל און דון יוסף פיכון זיינען געווען אונטער זיינע הויפלייטע.

עס שיינט דאס דון יוסף פיכון האט געברויכט זיין הויכע שטעללונג צו טהאן אידען שלעכטעס, און דיא רבנים האבען איהם דערפאר פאראורטהיילט צום טויט. צו אזא אורטהייל האט מען געדארפט דעם אונטערשריפט פון קעניג און דאס איז ארויסגעקריגען געווארען פון פיכון'ס פריינד, פון קעניג יואן I. אין דעם טאג פון זיין קרוינונג (אין 1380) ווען מען האט איהם ניט געזאגט ווער דער פעראורטהיילטער איז. פיכון איז הינגעריכטעט געווארען, אבער ווען דער קעניג איז ערפאהרען אז מען האט ביי איהם אויסגענארט א טוידטעס־אורטהייל פאר זיין פריינד האט ער צוגענומען פון דיא אידען דאס רעכט צו משפט'ן דיני נפשות.

נאך דעם טויט פון יואן, ווען זיין 11 יעהריגער זאהן ענריקא III. איז געזעסען אויפ'ן טהראן און דיא רעגירונג איז ניט געווען אין שטארקע הענד, האבען דיא פאנאטישע גייסטליכע זיך בערעכענט אז עס איז שוין געקומען דיא צייט אנצוהויבען אלגעמיינע העצערייען געגען אידען וויא אין פראנקרייך אדער דייטשלאנד.

דער גלח פערנאנדא מארטינעץ האט אָנגעפאנגען צו האלטען פייערינע רעדען געגען אידען אין סעווילע און האט דיא מאססען אזוי אויפגערייצט אז זייא זיינען בע פאללען דיא אידען און ערמאָרדעט 4000 פערזאָן. (אין תמוז קנ"א—1391) דיא איבעריגע האבען לפנים אנגענומען קריסטענטהום. דאס איז געוועז דער אנ־הויב פון א מאססע איבערפאללען אויף אידען אין אנדערע שטעדט אין שפאניען. טויזענדער זיינען ערמאָרדעט געוואָרען אין טאָלעדא,קאָרדאווא,וואלענציא, פאלמא, בארצעלאנא און צעהנדליגע אנדערע פלעטצער. אין טאָלעדא האט ר' יהודה בן אשר, דער אור אייניקעל פון רא"ש געקוילעט זיין גאנצע פאמיליע און זיך אלליין דערשטאָכען, ניט אריינצופאללען אין דיא הענד פון דיא ווילדע פאנאטיקער. אי־בער 200.000 אידען האבען דאן לפנים אָנגענומען קריסטענטהום, אונטער זייא האט זיך אויך געפונען דער מיניסטער דון שמואל אברבנאל.

דיעזע פערפאָלגונגען האָבען געווירקט צו ערנידריגען דיא אידען אין שפאניען כמעט אזוי טיעף וויא דיא אידען פון דייטשלאנד זיינען ארונטער נאך דיא גזירות פ:ן דער צייט פון דיא שווארצע פעסט. אבער דיא שפאניער וועלכע זיינען היצי־גער און פאנאטישער ,וויא דיא דייטשען האבען דיא דארטיגע אידען ניט מעהר געגעבען קיין רוהע ביז דיא אלגעמיינע אויסווייזונג. דיא פערפאָלגונגען וועלכע הא־בען זיך אנגעהויבען צום סוף פון 14טען יאהרהונדערט זיינען פאָרגעזעצט געוואָרען אין אָנפאנג פון 15טען. 20 יאָהר נאך דיא העצערייען פון מארטינעץ האט דער דאָמיניקאנער גלח וויסענט פערער אָנגעפאנגען אויפצורייצען דיא שפאניער געגען אידען און מאראנען (אנוסים). דער משומד להכעים פאָול דע סאנטא מאריא, וועלכער האט געהאט א הויכע שטעלע אין קעניגליכען הויף פון קאסטיליען, האט איהם געהאָלפען און דורך זייער אנשטרענגונג האט מען אָנגעהויבען איינצופיהרען אין קאסטיליען און אראגאָן געזעצאס אין וועלכע אידען האבען געמוזט וואוינען. מען האט זייא אויסגעשלאָסען פון עפענטליכע עמטער און פון געוויסע בעשעפטי־גונגען און פארבאָטען צו טראָגען וואפען.

אויב דיא מאָסס פון אידישע צרות אין שפאניען איז אין אנפאנג פון 15טען יאהרהונדערט נאך ניט געוועז פול, איז נאך צוגעקומען איין עפפענטליכע דעבאטע וועלכע איז פעראנשטאלטעט געוואָרען אין טארטאָזא פון דעם פאלשען פאפסט בענעדיקט VIII*) און האט געדויערט 21 מאָנאטען, פון פעברואר 1413 ביז נאָך־

*) עס זיינען אין יענער צייט געוועזן דרייא פאפסטען פון וועלכע יעדער האט געזאגט אז ער איז דער ריכטיגער.

וועמבער 1414. דער משומד להכעים הירא̇נימוס דע סאנטא פע (יהושע הלורקי) דעם פאפסט'ס לייב־דא̇קטאר, איז געווען דער א̇נקלאגער, און אלס פערטהיידיגער זיינען געווען 22 רבנים, פון וועלכע דיא בעריהמסטע זיינען געווען ר' יוסף בן שם טוב, דון ווידאל בענעוועניסטע און דער פרומער רעלי גיא̇נס־פיליזא̇ף ר' יוסף אלבו (1380-1444) דער מחבר פון „ספר העקרים“. א פערגלייך פון דעם ער ניעדריגטען און אונטערטהעניגען טא̇ן און דיא פא̇רזיכטיגקייט פון די פערטהיידרנער פון יודענטהום אין דיעזער דעבאטע מיט דיא מוטהיגע שלאגענדע ארגומענטען פון רמב"ן אין זיין ויכוח מיט 150 יאהר פריהער וויזט וויא טיעף דיא אידען פון שפאניען זיינען אין פערלויף פון דיעזער צייט געזונקען. דער פאפסט איז ענדליך מיעד געווא̇רען פון דיא טענות פון ביידע זייטען און האט אוועקגעשיקט דיא רבנים אהיים און ארויסגעגעבען א נייעם פערבא̇ט געגען תלמוד און גענען אנדערע ווערקע וועלכע גרייפען א̇ן דעם קריסטענטהום.

דיא גרויסע פערפא̇לגונגען פון שפאניען האבען אויך געהאט דיא געוועהנליכע פאלגען. פיעלע אידען זיינען אויסגעוואנדערט נאך אנדערע לענדער און דא̇רט פערפלאנצט זייערע קענטניס און געבראכט נוטצען מיט זייערע פעהיגקייטען. דיא וויכטיגסטע אויסוואנדערונג פון שפאניען נאך דיא פערפא̇לגונגען פון 1391 איז געווען נא̇ך נא̇רד אפריקא און דא̇רט האט זיך באלד אין אלזשיר געגרינדעט א מיטעלפונקט פון תלמודישע געלעהרזאמקייט וואס איז געשטאנען העכער וויא דיא עלטערע מיטעלפונקטען פון שפאניען א̇דער דייטשלאנד. אין דער שפיטצע פון די אידען איז דא̇רט דאן געשטאנען דער שפאנישער גדול ר' יצחק בר ששת (1310—1406) וועלכער איז בעריהמט דורך זיינע תשובות וואס ער האט געשרייבען איבער אידישע פראגען פון פערשיעדענע לענדער. זיין נאכפא̇לגער אלס רב פון אלזשיר איז געווען ר' שמעון בר צמח דוראן (רשב"ץ 1361—1444) וועלכער האט אויך אין דיא צייט פון דיא גזירות אויסגעוואנדערט פון שפאניען. ער האט געשריעבען פיעלע ווערקע איבער פערשיעדענע געגענשטענדע און מען גלויבט אז ער איז געווען דער ערשטער רב וועלכער איז דורך ארעמקייט געצוואונגען געווא̇רן צו נעהמען א בעשטימטע געהאלט אדער שכירות פון דער קהלה פאר זיין אמט. ביז דאן איז רבנות נור געווען איין עהרענאמט און דער רב איז געווען געוועהנליך א געשעפטסמא̇ן, א דא̇קטא̇ר און אמא̇חל אויך א בעל מלאכה.

אונטער די ווענינע גרויסע מעננער פון יענער צייט פארדיענט אויף דערמא̇נט צו ווערן דער רעליגיא̇נס־פילא̇זא̇ף ר' חסדאי קרקש פון בארצעלאנא וועלכער

האט שפעטער געוואוינט אין סאראגאסא (1410 1340). ער איז געווען דער לעהרער פון ר׳ יוסף אלבו און האט אויסער זיין הויפטווערק „אור ה׳“ אויך געשריעבען אין שפאניש א ווערק געגען קריסטענטהום וועלכעס דער אויבען־דערמאנטער ר׳ יוסף בן שם טוב האט איבערגעזעצט אין לשון קו״ש.*)

---

*) אין אונזערע צייטען (1866) האט דר. מ. יאָעל פערעפענטליכט א דייטשעס ווערק אין וועלכע ער ווייזט דעם גרויסען איינפלוס וואס דער אור ה׳ האט געהאט אויף דיא וועלט־פילאזאפיע פון דעם גרויסען אידישען פילאזאף ברוך שפינאזא.

אכטער קאַפּיטעל.

די אינקוויזיציאָן. דון יצחק אברבנאל. אויסווייזונג פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. ענדע פון מיטעלאַלטער. ענטדעקונג פון אַמעריקא.

אין דער צייט פון דיא פערפאָלגונגען וואס זיינען דערמאָנט געוואָרן אין פאָרינען קאַפּיטעל האט גאַנץ שפּאַניען צוזאמען געהאַט כמעט א מיליאָן אידישע איינוואוינער. דיא אייניגע הונדערט טויזענד וועלכע האבען דאַמאָלס אנגענומען קריסטענטהום לפנים האבען געהערט צו דיא רייכסטע און פעהיגסטע וועלכע האבען געהאָפּט דורך דעם צו עררייכען העכערע שטעללען, אָדער צו בעהאַלטען די הויכע שטעלען און דעם פערמעגען וואס זייא האבען געהאַט. אזוי וויא די הויכע שטעלונגען און דיא רייכטהימער פון דיא אידען זיינען אבער געוועזן דיא אמתע אורזאכע פון דיא פערפאלגונגען, איז עס נאַטירליך אז דיא נייע קריסטען אדער מאַראנען (אנוסים) זיינען נאך מעהר פאַרהאַסט און פערפאָלגט געוואָרן וויא דיא וועלכע זיינען געבליבען אידען. וואס שטאַרקער דיא קאַטהאָלישע קעניגע פון שפּאַניען זיינען געוואָרן, איז דיא לאַגע פון דיא מאַראנען אלץ געוואָרן ערגער. ווען קעניגין איזאַבעללא פון קאַסטיליען האט אין 1474 געהייראַטהעט פערדינאַנד פון אַראַגאָן און דאס גאַנצע קריסטליכע שפּאַניען איז אונטער זייא פאַראייניגט געוואָרן, האט דיא רעגיערונג זיך געפיהלט גענוג מעכטיג אַנצופאַנגען א סיסטעמאַטישען אנגריף אויף דיא רייכע יודען-קריסטען. זייא האבען אויסגעווירקט בייא פּאַפּסט סיקסטוס IV. דאס אין סעווילא איז אוועקגעזעצט געוואָרן א שטענדיגעס רעליגיעזעס אונטערזוכונגס געריכט, וועלכעס איז בעקאַנט מיט דעם שרעקליכען נאָמען די א י נ ק ו ו י ז י צ י אָ ן, צו פערמשפּט'ן דיא מאַראנען וואס מען וועט געפינען אז זייא זיינען אין דער שטיל נאך טריי צום יודענטהום. דיא רעגיערונג פלעגט דורכפיהרען דעם אורטהייל וואס דיא אינקוויזיציאָן האט ארויסגעגעבען און פלעגט צונעהמען דעם גאַנצען פערמעגען פון פעראורטהיילטען.

דיא אינקוויזיציאָן אין סעווילע האט אנגעהויבען צו האַלטען איהרע געהיימע

ויצוגגען און צו פייניגען איהרע אָפּפער מיט אלערליי מערדערישע אינסטרומענטען צום ענדע פון יאהר 1480. אויסער דיא וועלכע זיינען געשטאָרבען אונטער דיא הענד פון דיא פייניגער, זיינען פון יאנואר ביז נאָוועמבער 1481 פארברענט געוואָרן אין סעווילע אליין 398 מאראנען, און נאָהענט פון צוויי טויזענד אין פראָווינץ פון קאדיקס. אין 1483 איז טאָמאס דע טאָרקעמאדא, דער מאן וואס זיין אנדענקען ווערט געפלוכט פון אלע אידען אין אלע צייטען, געוואָרן גרויס אינקוויזיטאָר. דיעזערווילדער פאנאטיקער האט אויסגעארבייט א געזעטץ בוך פאר דיא אינקוויזיציאָנס-געריכט און האט געגריגדעט א הויפּט געריכט מיט עלף אבטהיילונגען אין פערשיעדענע שטעדט פון שפאניען. אין פערלויף פון 14 יאהר האט דיא אינקוויזיציאָן פערהאנדעלט איבער 80,000 פּראָצעססען און 6000 אידען און מורען זיינען געפאלען אלס איהרע אָפּפער. דיא פעראורטהיילטע זיינען מייסטענס געוועזען זעהר רייך און זייער פערמעגען האט ערמעגליכט פערדינאנד וויטער צו פיהרען זיינע מלחמות געגען דיא שוואכע רעגיערונג פון די מחמדנער וועלכע האט זיך נאך געהאלטען אין א ווינקעלע פון שפאניען—אין גראנאדא.

אין יאהר 1485 האט דער גרויסאינקוויזיטאָר געצוואונגען דיא רבנים פון טאָלעדא צו שווערען אז זייא וועלען איהם אויסזאָגען פון דיא מאראנען וואס זייא ווייסען אז זייא היטען אָפּ אידישקייט אין געהיים. אין דעם זעלבען יאהר זיינען אידען ארויסגעטריבען געוואָרן פון פיעלע שטעדט אין אנדאלוזיען. אנדערע דיינקען אז אלע אידען פון שפאניען וואלטען שוין אין יענעם יאהר ארויסגעטריעבען געוואָרן, ווען דער איינפלוס פון א בעריהמטען אידישען שטאאטסמאן און געלעהרטען, וועלכער האט געהאט א הויבע שטעללונג אין הויף פון פערדינאנד און איזאבעללא, וואָלט ניט געווירקט אָפּצולייגען דיא געוואלטיגע קאטאסטראָפע מינדעסטענס אויף נאָך עטליכע יאָהר. דיזער מאן איז געוועזען **דון יצחק בן יהודה אברבנאל**.

דיא פאמיליע אברבנאל, וועלכע האט זיך גערעכענט אז זיא שטאמט אָפּ פון דוד המלך׳ס הויז, האט פריהער געוואוינט אין סעווילע און האט שפּעטער אויסגעוואנדערט נאָך פּאָרטוגאל. דון יצחק איז דאָרט געבאָרן געוואָרן אין 1437. דיא רייכטהום פון זיין פאמיליע, זיינע געלעהרזאמקייט און זיין קלאָהרער פערשטאנד האבען איהם שנעל פארהאָלפען גרויס צו ווערן. ער איז געוואָרען דער פריינד און ראטהגעבער פון קעניג אלפאָנס V. וועלכער האט איהם געמאכט צום פינאנצמיניסטער. דער מעכטיגער הערצאָג פון בראגאנצא און דיא גרעסטע מענער אין לאנד זיינען געוועזען דיא פריינדע און פערעהרער פון דעם אידישען מיניסטער. דא-

מאָלס האט ער געהאט דיא גליקליכסטע צייט פון זיין לעבען וויא ער אלליין דער־צעהלט אין איינע פון זיינע וויכטיגע ווערקע *) אבער זייא זיינען שנעל פאָראיבער. אין 1481 איז קעניג אלפאָנס געשטאָרבען. דער נייער קעניג, יואן .II האט גע־שטרעבט צו ווערן איין אבסאָלוטער הערשער און האט געלאָזט אומברייגגען פיעלע פון זיין פאטערס פריינד, אונטער זייא אויך אברבנאל'ס פריינד, דעם הערצאָג פון בראַגאנצא. דון יצחק אליין איז אויך געווען אין געפאהר. זיין גרויסעס פערמעגען איז קאָנפיסקירט געוואָרן און ער מיט זיין פאמיליע האבען זיך געראַטעוועט נאך טאָ־לעדאָ. אין 1484 האט קעניג פערדינאנד איהם געמאכט צום שאצמייסטער אדער ריכטיגער צום שטייער איינגעהמער פון שפאניען און אברבנאל איז ווידער גע־קומען צו רייכטהום און עהרע און האט געטהאן פאר אידען און פאר אידישע גע־לעהרטע אלעס וואס ער האט געקענט.

דיא אכט יאָהר וואס אברבנאל האט פארבראכט אלס בעאמטער אין הויף פון פערדינאנד און איזאבעללא זיינען געווען דיא לעצטע אכט יאָהר וואס אידען האבען געלעבט אין שפאניען. אברבנאל און טאָרקעמאדא האבעןביידע געמאכט דיא גרעסטע אנשטרענגונגען צו געווינען דעם הויפט איינפלוס איבער דעם קעניג און דער קעניגין. דער אידישער געלעהרטער האט געאָרבייט צו שיצען דיא אידען און דער גרויס-אינקוויזיטאָר — זיי צו פערניכטען.

אבער דער פאנאטיזמוס פון דיא קעניגין און דער געלד-לוסט פון קעניג האָ־בען צום סוף אריבערגעוואויגען די גערעכטע טענות און אויך דעם אנגעבאָט פון גרויסע סוממען געלד וואס דון יצחק אברבנאל האט געמאכט אין נאמען פון דיא אידען. ווען גראנאדא איז געפאלען אין אָנפאנג פון יאהר 1492 און גאנץ שפאנ־יען איז געוואָרן קריסטליך, האט דער זיעג איבער דיא מחמדנער און דיא אוצרות וואס זיינען פון זייא גערויבט געוואָרן אזוי בערוישט פערדינאנד און איזאבעללא אז זייא האבען נאכגעגעבען דעם גרויזאמען אינקוויזיטאָר און ארויסגעגעבען א בעפעהל (ג' ניסן רנ"ב — 31 מערץ 1492) אז אלע אידען און מורען וועלכע ווילען נים אנ־נעהמען קריסטענטהום מוזען פארלאָזען שפאניען אין פערלויף פון פיער מאָנאט.

דיא לאגע פון דיא אויסגעוויזענע אידען איז געווען שרעקליך. דער האנדעל איז געלעגען אין גאנצען אין זייערע הענד אָדער אין דיא הענד פון מאראנען וועל־בע האבען מורא געהאט איבערצונעהמען דיא אידישע פערמעגענס וויל דאס קען

*) אין דער הקדמה צו זיין פירוש אויף יהושע.

ארויפציהען אויף זיי א פערדאכט פון סימפאטהיע מיט אידען און זיי איבערגעבען אין דיא הענד פון אינקוויזיציאָן. באַרעס געלד איז פארבאָטען געוואָרען מיטצונעהמען און מענשען וועלכע האבען געלעבט אין גרויס רייכטהום זיינען אוועק וויא בעטלערס. אין דיא פיער מאָנאט צייט האבען אזוי פיעל אידען געוואָלט פארקויפען אללעס וואס זייא האבען געהאט דאס דיא פרייזען זיינען שטארק געפאללען. אס ענדע האבען אידען זיך געזעהן געצוואונגען אוועקצוגעבען א פרעכטיגעס הויז פאר איין אייזעל, אדער א וויינגאָרטען פאר א זאק אין וועלכען איינצופאקען זאַכען אויף דיא טרויעריגע רייזע.

איבער 300,000 זיינען ארויס פון שפאניען און זיך צו שפרייט אין פערשידענע לענדער. דער שלאג איז געווען אזוי גרויס דאס דער נאציאָנאלער און רעליגיעזער גייסט האט זיך אונטער זייא אויפגעוועקט און נור גאנץ ווענינ האבען אָפגעלייקענט זייער רעליגיאָן צו קענען פארבלייבען אין דאס פארפלוכטע לאנד. דיא לאַגע פון דיא אויסגעוויזענע איז געווען אונבעשרייבליך טרויעריג. מערדערישע שיפס-קאפיטאנס האבען פיעלע פון דיא וואנדערער פארקויפט אין שקלאפערייא, אדער זייא אויפגעשניטען דיא בייכער צו זעהן אויב זייא האבען נים פארשלונגען קיין נאָלד געלד. דיא וועלכע זיינען אוועק נאך נאוואַרא זיינען פון דאָרט באלד אויך ארויסגעטריעבען געוואָרן. אין מארסייל, פראנקרייך. האבען דיא דארטיגע אידען אויסגעלייזט דיא געפאנגענע שפאנישע אידען וועלכע מען האט דארט געבראכט. אין גענאָא, איטאליען, האט מען זייא נים אריינגעלאזען און א גרויסע טהייל זיינען אומגעקומען אויף דיא פעלדער אונטערן שטאדט. אין רוים האבען דיא אידען אלליין מורא געהאט זייא אריין צו לאזען. דיא גרויסע מאסען וועלכע זיינען אוועק נאך נארד אפריקא האבען געליטען פון פייער, פון שווערד און פון שקלאפעריייא. 80,000 זיינען אוועק אין פאָרטוגאל, וואו אידען האבען פאר דיא לעצטע פאאר הונדערט יאהר געלעבט גאנץ רוהיג. אבער קעניג יואן האט זייא דארט געלאזט פארבלייבען נור אכט מאנאט און דיא וועלכע זיינען געבליבען לייננער האט ער פארקויפט אין שקלאפעריי און זייערע קינדער מיט געוואלט אָפגעשמדט. קלענערע גרופען זיינען אוועק אזוי ווייט וויא דייטשלאנד, בעהמען און פאָלען און זיך פארמישט מיט דארטיגע אידען.

דיא פארוואגעלטע פון שפאניען וועלכע זיינען אנגעקומען נאך טירקיי און ווייטער נאך ארץ ישראל האבען אם ווענינסטען געליטען. דער סולטאן באיאזעט II. האט ערקלעהרט אז שפאניען איז בענאנגען נים נור א גרויסעס פערברעכען,

זאנדערן האט גנהאט א געוואלטיגען טעות אין דיא פאלשע פאליטיק פון ארויס־טרייבען די אידען. ער איז געווען גענוג שטאאטסמאן צו פערשטעהן דאס דיא אידען האבען מיטגענומען פון שפאניען דעם גרעסטען טהייל פון איהר רייכטהום נים אין זייערע מאגענס, זאנדערן אין זייערע קעפּ. ער האט געשיקט סאלדאטען דורך אלע זיינע אייראפּייאישע פּראָווינצען אכטונג צו געבען אז דיא אידישע איינ־וואנדערער זאלען אריינגעלאזען ווערן און האט געהייסען ישוער בעשטראפען אלע וועלכע וועלען זיי שלעכט בעהאנדלען. ר' משה קאפּסאלי,דער אויבער־ראבינער פון טירקיי האט אויך געארבייט מיט אללע קרעפטען צו העלפען דיא עלענדע פאר־טריבענע. ער האט געזאמעלט גרויסע סומען געלד פון דיא רייכע אידען און האט דערמיט אויסגעלייזט פון שקלאפעריי און זאנסט געהאלפען דיא שפאנישע אידען וויא וויים עס איז געווען מעגליך.

אויך אין איטאליען, דאס לאנד וואו עס איז אין מיטעלאלטער געווען ווענינער פינסטער וויא אין אלע אנדערע קריסטליכע לענדער, האבען זיך געפונען געגענדען וואו דיא פארטריבענע פון שפאניען האבען געפונען א פריינדליכע אויפנאהמע. דון יצחק אברבנאל מיט פיעלע פון זיינע לאנדסלייטע זיינען אוועק נאך נעאפעל, וואו קעניג פערדינאנד .I האט איהם אריין גענומען אין זיין דיענסט און עס האט זיך דארט באלד געבילדעט א מיטעלפונקט פון געלעהרטע אידען וועלכע האבען גע־לעבט רוהיג און גליקליך אונטער דעם שוץ פון דעם אידישען שטאאטסמאן. פער־דינאנד'ס נאכפאלגער, אלפאנסא, איז צוזאממען מיט דון יצחק אנטלאפען נאך מעססינא ווען קעניג שארל .VII פון פראנקרייך האט איינגענומען נעאפעל. ווען אלפאנסא איז געשטארבען איז דון יצחק אוועק נאך קארפו און שפעטער נאך אפולענס, אין סיטה איטאליען. אין 1502 איז ער געקומען נאך וועניס (וויניציה אדער וועגעדיג) וואו ער האט געהאלפען שליסען פריעדען צווישען דיא ווענעציאנען שע רעפובליק און פארטוגאל. ער איז געשטארבען אין וועניס 71 יאר אלט אין 1508 און איז בעגראבען געווארן אין פאדוא. ער האט געלאזען א בערימטען זאהן לעא העברעאוס, וועמענס ווערק „דיאלאגי די אמארע" (וכוח איבער ליעבע) וועלכע ער האט געשריעבען אין איטאליעניש, איז איבערגעזעצט געווארן אין דיא מייסטע אייראפּייאישע שפּראכען.

אין פינף יאהר נאך דיא אויסוויזונג פון שפאניען איז אויך געקומען דיא צייט פון גלות פאר דיא אידען פון פארטוגאל. קעניג עמנואל, דער ברודער פון יואן, איז פריהער געווען פריינדליך צו אידען און האט געהאט אין זיין הויף דעם בע־

ריהמטען אסטראָנאָם ר' אברהם זאקוטי דער מחבר פון דאס היסטאָרישע ווערק „ספר יוחסין", וועלכער איז פריהער געווען אויבער לעהרער פון אסטראָנאָמיע אין סאלאמאנקא (געשטאָרבען 1515). אבער ווען עמנואל האט געהייראטהעט דיא טאכטער פון איזאבעללא, האבען זיינע שוויעגער-עלטערן בייא איהם אויסגעפיהרט אז ער זאל אויך פארטרייבען אלע אידען און מורען פון פּאָרטוגאל. דיא אַלבינע שרעקליכע סצענען האבען זיך ווידער אפּגעשפּיעלט מיט געוויסע פערענדערונגען. די מייסטע אידישע קינדער זיינען גערויבט געווארן אויף דעם בעפעהל פון עמנואל און צו שיקט געווארן אין אלע מהיילען פון לאנד ערצויגען צו ווערן אלס קריסטען. דויסע מאסען אידען האבען אויף לפנים אנגענומען קריסטענטהום ווייל דער קעניג האט געגעבען א בעפעהל דאס פאר דער צייט פון 20 יאהר זאל מען ניט קענען פּארקלאגען דיא אנוסים אויף דיא בעשולדיגונג דאס זייא האלטען אידישקייט אין געהיים. ער האט אויך בעשטימט דאס נאך דיעזער צייט זאל דאס פערמעגען פון די פעראורטהיילטע מאראנאס געהערן צו זייערע יורשים, ניט צו דער רעגיערונג און דערפאר האבען אין פּאָרטוגאל אין דער צייט פון גירוש פיעל מעהר אידען אנגענומען קריסטענטהום וויא אין שפּאניען.

דיא פירענעאישע האלב-אינזעל (שפּאניען אין פּאָרטוגאל) איז צום ענדע פון 15טען יאהרהונדערט געווען אין גאנצען פריי פון אידען און דאס קריסטענטהום האָט דארט געהערשט מיט איהר גאנצע מאכט. דיא ענטדעקונג פון אמעריקא, וועלכע איז פּאָרגעקומען אין דעמזעלבען יאָהר וויא דיא אויסווייזונג פון שפּאניען, האט דיעזעס לאנד געמאכט פאר די רייכסטע און מעכטיגסטע לאנד פון אייראָפּא. אבער נאר דאס גאלד פון דיא נייע וועלט און נאָר דיא תפלות פון רייגעם קריס-טענטהום האבען ניט געקענט רעטען שפּאניען פון זינקען וואס ווייטער טיעפער אין אונוויסענהייט און אָרעמקייט. דיא אידען און דיא מורען זיינען געווען דיא פעהיגע אַרבייטער, דיינקער און געשעפטסלייט וואס א לאנד מוז האבען צו קענען געברויכען איהר רייכטהום. שפּאניען מיט דעם וואס זיא האט זיי פארשטויסען האט זיך אלליין רואינירט און בלייבענדיג פון הינטען, האט זיא מעהר ניט געקענט טהייל נעהמען אין די גייסטיגע און מאטעריעלע פּאָרשריטע וואס אייראָפּא האט געמאכט אין דיא נעקסטע 400 יאָהר. זיא איז געבליעבען פּארזונקען אין פינסטערניס אין דער צייט ווען אין אייראפּא און אמעריקא זיינען לאנגזאם אנערקענט געוואָרן דיא פּרינציפּען פון גערעכטיגקייט און פון גלייכבערעכטיגונג פון אלע רעליגיאָנען; ווען אידען האבען צום ערשטען מאהל זייט דעם אונטערגאנג פון דיא הערשאפט פון דיא געטצענדיענער געקריגען גלייכע רעכטע מיט אללע אנדערע איינוואוינער און

האבען אנגעפאנגען צו פארנעהמען וויכטיגע שטעלונגען ניט דורך דיא גונסט אדער קאפריז פון א הערשער, זאנדערן וויל זייער רעכט אלס בירגער האט דאס מעגליך געמאכט. אם ענדע האט אין אונזער צייט א פרייע רעפובליק, וועלכע וויים קיין אונטערשיעד צווישען איד און קריסט, פאריאגט שפאניען פון דיא נייע וועלט און צוגענומען דיא לעצטע קוועלע פון איהר אמאהליגען שנאלץ און רייכטהום. אזוי ווערט אין פערלויף פון דער צייט בעשטראפט יעדעס לאנד וועלכע אנערקענט ניט דיא געזעצע פון ווארהייט און גערעכטיגקייט און עס איז קיין ספק דאס דיא מעכטיגע לענדער וועלכע פערפאלגען אידען אין אונזער צייט מיט דיא פאלשע האפנונג אויפצובויען זייער גליק אדער זייער מאכט אויף דעם פרינציפ פון אונגלייכהייט און יודענהאס וועלין האבען אזא סוף וויא דיא פארארעמטע, צושלאגענע און פאר פינסטערטע שפאניען.

פינפטער טהייל

ערשטער קאפיטעל.

אנפאנג פון די אידישע געשיכטע אין פוילען, רוסלאנד און ליטא. אברהם דוכס. קאזימיר און אסתרקע.

דער אנפאנג פון דיא אידישע געשיכטע אין פוילען איז פארוויקעלט אין דונקעלהייט, וויא עס איז מייסטענהייילס דער פאל מיט דעם אנפאנג פון אלע היסטארישע פעריאָדען. עס זיינען דאָ היסטאריקער וועלכע בעהויפטען דאס אידען האבען שוין צום ענדע פון אכטען יאהר־הונדערט, נאָך איידער דיא פוילישע הער־שאפט איז געגרינדעט געווארען, געוואוינט אין געוויסע געגענדען פון דאס יעצטיגע פוילען. עס איז געווים דאס אידען האָבען געוואוינט אין קאווקאז, אין קרים און אין אנדערע פראווינצען וועלכע האבען אמאָל געהערט צו פערזיען און ליגען איצטער אונטער רוסלאנד, מיט איינינע הונדערט יאהר פריהער וויא די רוסען זיינען אהין אנגעקומען. אבער אין יענע צייטען זיינען דיא סלאווישע פעלקער געשטאנען אויף זעהר א נידריגע שטופע פון ענטוויקלונג. עס קען ניט זיין דיא רעדע פון היסטארישע פערצייכניסע און בעשטימטע דאטען אדער פאקטען. דיא געשיכטע פון פוילען און פון די אידען אין פוילען פאנגט זיך אָן, וויא אלע געשיכטעס, מיט לעגענדען און פון דיזע לעגענדען מוזען מיר פרובירען זיך מאכען א בעגריעף פון דיא דאמאלינע לאגע פון לאנד און פון דיא אידען.

די ערשטע און אינטערעסאנטעסטע לעגענדע וועגען די אידען אין פוילען איז דיא זאגע וועגען א ב ר ה ם ד ו כ ס. עס ווערט דערצעהלט דאס אונגעפעהר אין מיטען פון 9טען יאהר־הונדערט איז קעניג פאפיעל געשטארבען און ניט איבער־געלאזען קיין יורשים. דיא פיהרער פון לאנד האָבען זיך פערזאמעלט אין קרושוויצא צו ערוועהלען א נייעם קעניג אבער זייא האָבען זיך ניט געקענט איינינען. דער על־טסטער פון זייא האָט דאן פארגעשלאגען אז דער ערשטער מאן וואס וועט מארגען אין דער פריה קומען אין שטאדט זאָל ווערען זייער קעניג. וועכטער זיינען אוועק געשטעלט געווארען אויפ'ן בריק וואס פיהרט צום שטאָדט זייא זאלען היטען ווער

וועט קומען דער ערשטער. פריה פאר טאג האבען זייא בעמערקט וויא אברהם „פראחאווניק“ (פולווער־מייסטער) א איד וועלכער פלעגט שטענדיג ברייננגען פול־ווער אין שטאדט אריין, איז דער ערשטער ארויף אויפ'ן בריק.

אברהם איז באלד ערקלעהרט געווארען קעניג פון פוילען, אבער ער האט דיא גרויסע עהרע ניט געוואלט אננעהמען. ווען ער האט געזעהען אז זייא מיינען דאס ערנסט און ווילען איהם אויף קיין פאל ניט אפלאזען, האט ער פערלאנגט מען זאל איהם ארייגלאזען אליין אין א הויז וואו ער וועט תפלה טהאן און זיך מיישב זיין וואס צו טהאן. ער האט אנגעזאגט מען זאל איהם ניט שטערן א גאנצען טאג, אבער עס איז אוועק איין טאג און דער צווייטער און ער האט זיך אלץ ניט בעוויעזען. אויף דעם דריטען מארגען, האט זיינער א בעקאנטער, א לאנד־איינוואוינער טהיטער מיט דעם נאמען פיאסט אויסגערופען: „אזוי קען דאס ניט בלייבען. פוי־לען קען ניט זיין אהן א הערשער!“ און זעהענדיג אז קיינער שטעלט זיך איהם ניט אנטקעגען האט ער געפאסט מוטה און מיט א האק אויפגעבראכען דיא טהיר פון הויז וואו אברהם איז געווען פארשפארט. דער איד איז דאן ארויס און ער־קלערט דיא פארזאמעלטע פאליאקעס דאס פיאסט וועלכער האט דעם פערשטאנד צו זעהען אז א לאנד קען ניט זיין אהן א הערשער און דעם מוטה איינצוברעכען דיא טהיר, איז דער ריכטיגער מאן צו זיין זייער קעניג. פיאסט איז דאן איינשטימיג ערוועהלט געווארען צום קעניג און עס איז זיך לייכט צו דיינקען דאס אברהם האט אונטער איהם געהאט א וויכטיגע שטעלונג.

אין שפעטערע צייטען האט מען געפונען אין דער ערד פוילישע מטבעות אויף וועלכע עס געפינען זיך דיא ווערטער „אבראם דוכס“ (אברהם דער פירסט) מיט העברעאישע בוכשטאבען און אנדערע רעכענען דיעזעס אלס א בעשטעטיגונג פון דיא געשיכטע מיט אברהם פראחאווניק.

א צווייטע קוועלע — אויך ניט זעהר קיין זיכערע — מעלדעט דאס אין יאהר 893 האבען אידען פון דייטשלאנד געשיקט שלוחים צו לעשעק, הערצאג פון פוילען, דעם נאכפאלגער פון פיאסט, איהם בעטען ער זאל ערלויבען אידען זיך צו בעזעצען אין פוילען. עס ווערט אנגעגעבען אז דיא אידישע געזאנדטע זיינען געווען: ר' חזקיה ספרדי, ר' עקיבא עסטראמאדורי' ר' עמנואל אשקלוני, ר' לוי באקארי און ר' נתנאל ברצלוני, וועלכע זיינען אין יענעם יאהר אנגעקומען נאך גנעזען, וואו לע־שעק האט דאן געוואוינט. ער האט זייא פיין אויפגענומען און אבגלייך ער האט ענטזאגט זייער ביטע צו לאזען אידען זיך בעזעצען אויף א בעזונדערע שטיק לאנד און צו גרינדען איין אייגענע קאלאניע, האט ער זייא ערלויבט צו קומען און זיך

בעזעצע; צווישען דיא פוילישע בעפעלקערונג. אין 894 האבען פיעלע אידען פון דייטשלאנד בענוצט דיעזע ערלויבעניס און זיינען איינגעוואנדערט אין פוילען און זיך דארט בעזעצט. אין 905 האבען זייא געקריגען געוויסע רעכטען און פריווילעגיען. עס זיינען דא מאנכע וועלכע בעהויפטען אז אין יענער צייט דאס הייסט כמעט טויזענד יאהר צוריק, איז שוין געוועזען א אידישע שוהל אין גנעזען, בייא פאזען.

עס זיינען דא היסטאריקער *) וועלכע בעהויפטען אז דיא ערשטע אידען זיי־נען געקומען אין פוילען ערשט אין 1096 אין דער צייט פון דיא ערשטע קרייצציגע, ווען זייא זיינען אנטלאפען פון דיא מערדעריען אין דייטשלאנד. אבער די גרעסטע פוילישע געשיכטע־שרייבער וויא לעלעוועל און אנדערע האלטען דאס עס זיינען שוין געוועזען אידען אין פוילען אין 9טען יאהר־הונדערט, דאס זייא זיינען אהין גע־קומען פון בעהמען און פון אונגארן און דאס זייא האבען זיך בעשעפטיגט מיט שקלאפען־האנדעל. טהאמאס טרעטער שרייבט דאס מיעציסלאוו I. וועלכער איז ארויף אויפ'ן טראהן אין 964 האט אויפגענומען דיא ערשטע אידען אין פוילען. דער יעזואיט מאטטהיאס בעמבוס בעריכטעט דאס ערשט אונטער באלעסלאוו דעם ערשטען, אין אנפאנג פון עלפטען יאהר־הונדערט זיינען דיא ערשטע אידען אהין אנגעקומען. דיעזע אלע היסטאריקער שטימען איין אין דעם איין פונקט אז דיא אידען פון פוילען קומען־פון וועסטליכע לענדער, דאס הייסט מייסטענס פון דייטש־לאנד גלייך, אדער שטאמען פון דייטשע אידען וועלכע האבען איינינע דורות גע־וואוינט אין בעהמען אדער אונגארן איידער זייא זיינען געקומען נאך פוילען.

שפעטערע פארשונגען האבען אבער געבראכט פיעלע געלעהרטע צו דער איבערצייגונג דאס עס האבען זיך פון גאנץ אלטע צייטען געפונען אין רוסלאנד און פוילען א קליינע צאהל פון אידען וועלכע זיינען געקומען פון מזרח זייט, דאס הייסט גלייך פון ארץ ישראל איבער פערזיען, קאווקאז און דיא קרים. אין דער צייט ווען דיא מאכט פון דיא כוזרים איז נעשטאנען אויף איהר העכסטע שטופע, און זייער אידישער קעניג האט געהערשט פון דיא וואלגא ביז דיא דאנוי, איז עס גאנץ נאטירליך געוועזען דאס אידען וועלכע זיינען אהין געקומען פון אזיען און פון די אייראפעאישע פראווינצען וועלכע זיינען געלעגען אונטער דיא רעגיערונג פון קאנסטאנטינאפאל, זאלען זיך פארשפרייטען פון דארט איבער דיא אונגע־טוויקעלטע נעגענדען פון רוסלאנד און פוילען וואו עס האבען געוואוינט גע־צענדינער. דיא כוזרים אליין, בעזאנדערס דיא כוזרים וועלכע זיינען געווארען אידען און האבען זיך בעשעפטיגט מיט האנדעל, האבען אויך געוויס אפט בעזוכט יענע

*) וואצלאוו גראבאווסקי און זיינע נאכפאלגער אין דיעזען פונקט.

גענענדען. ווען דיא כוזרים זיינען בעזיעגט געוואָרען פון דיא רוסען און האָבען זיך צושפרייט אין פערשיעדענע געגענדען, זיינען גרויסע מאַסען פון זייא אויך געקומען אין רוסישע און פוילישע געגענדען. אין 965 ווען סוויאטאסלאוו האָט איינגענומען דיא כוזרישע שטאָדט סארקעל האָט ער געבראכט נאָך קיעוו פיעלע אידישע געפאנגענע. אין 986 זיינען אידישע געזאנדטע פון דיא כוזרים געקומען צו וולאדימיר וועליקי איהם צו איבערצייגען אז דיא אידישע רעליגיאָן איז דיא בעסטע. אפגליך וולאדימיר האט ניט אנגענומען זייער רעליגיאָן, האָט ער דאָך זייא ערלויבט צו וואוינען אין קיעוו און דאָרט צו פיהרען געשעפטען. אלע אידען וועלכע זיינען געקומען פון דיעזער זייט האָבען גערעדט דיא סלאווישע שפראכען פון דיא הערען פון לאנד, רוסיש אדער פויליש. ערשט פיעל שפעטער ווען דיא איינוואנדערונג פון דייטשלאנד איז געוואָרען זעהר גרויס און די קינדער ערציהונג איז אריין מייסטענס אין זייערע הענד, האָבען דיא דייטשע אידען דורך זייער מעהרהייט און געלעהרזאמקייט ביסלאכוויז פארשלונגען דיא סלאווישע אידען און אלע האָבען אנגעפאנגען צו ריידען דעם אידיש־דייטשען זשארגאן וואס דיא אידען האָבען מיטגעבראכט פון דייטשלאנד.

אין דיא ערשטע צייטען האָבען אידען אין פוילען געהאט בעסער וויא אין אלע אנדערע לענדער פון אייראפא. דאס לאנד איז נאָך אליין געשטאנען צו ניעדעריג עס זאלען דארט קענען אויפוואקסען אידישע געלעהרטע, אבער די מאטעריעלע לאגע פון דיא אידען איז געווען אזוי גוט דאס אידען פון אלע ארומיגע לענדער האָבען אפט אהין אויסגעוואנדערט. מארטין גאלוס, איינער פון דיא עלטסטע פוילישע שרייבער, לויבט דיא פרוי פון קעניג וולאדיסלאוו הערמאן וועלכער האָט רעגיערט פון 1081 ביז 1102, דאס זיא האָט אויסגעלייזט קריסטליכע שקלאפען פון אידישע הענד. דיעזעס בעווייזט דאס אידען האָבען זיך דאן בעשעפטיגט מיט דיעזעם האנדעל וועלכער האט געשפיעלט א גרויסע ראָלע אין יענע צייטען.

אין רוסלאנד זעלבער האבען זיך אידען קיין מאָל ניט לאנג אויפגעהאלטען און דאס לאנד איז זייא מייסטענס געווען פערבאָטען. נור אין אונאבהענגיגע פראָווינצען אָדער שטעדט, וויא אין קיעוו, האבען זייא זיך איינגעווארצעלט פאר א לייננערע צייט. קיעוו איז א לאנגע צייט געווען איין אונאבהענגיגע שטאָדט. דאן האט זיא געהערט צו דיא טאטארען, צו פוילען צו ליטא און ערשט אין 17טען יאהר־הונדערט איז זיא געוואָרען א טהייל פון רוסלאנד און איז אין גאנצען ארונטער אונטער דיא פערשאפט פון דיא רוסישע רעגיערונג. דיא אידען פון קיעוו ווערען דארום זעהר אָפט דערמאנט אין היסטאָרישע ווערקע פון אלטע צייטען.

אונטער סוויאטאָפּאָלק אין 1100 האט קיעוו געהאט א גרויסע אידישע קהלה. אין איין אויפשטאנד וואס איז דאָרט פאָרגעקומען אין 1112 זיינען אידען בערויבט געוואָרען. אין א שריפה אין 1124 האָט אָבגעברענט די גאנצע אידישע גאס אין קיעוו. עס שיינט אז עס זיינען דאָרט אויך געווען אידישע געלעהרטע. דער „היילי־גער" קיריל וועלכער האט אין נײַנטען יאהר־הונדערט פארברייטעט קריסטענ־טהום אונטער די רוסען און האָט אויך צוזאמענגעשטעלט זייער „אזבוק" אָדער אלף־בית, דערצעהלט דאס ער האט זיך אויסגעלערענט העברעאיש ביי די כאַ־זארען פון קרים וועלכע זיינען נאכהער געקומען נאָך קיעוו. שפּעטער ווערט דער־צעהלט פון פעאדאסיוס, איינעם פון די גרינדער פון די בעריהמטע קיעווסקי פעטשערסקי לאוורא (מאנאסטיר אין א הייל) אז ער פלעגט אלע נאכט אוועק געהן אין די אידישע גאס האָבען וכוחים וועגען רעליגיאָן מיט אידישע געלעהרטע. א פראָניקלער דערצעהלט דאס נאָך קניאז וולאדימיר וואלינסקי, וועלכער איז גע־שטארבען אין 1288 האבען די אידען געקלאגט וויא זייערע עלטערן אין גלות בבל.

אידען פון קיעוו האָבען זיך אויך בעזעצט אין ליטא, אבער שפּעטער זיינען זיי פון דאָרט אויסגעוויעזען געוואָרען און זייער פּלאץ איז פארנומען געוואָרען פון אידען וואָס די ליטווישע קניאזען האָבען געבראכט פון פּויליען. אין 1326 האָבען אידען שוין געהאט א מין איינענע בערזע אָדער בעשטימטען פּלאץ צו האנדלען אין די שטאָדט ווילנא וואס איז מיט א קורצע צייט צוריק אויפגעבויט געוואָרען פון ליטווישען פירסט געדימין. אידען פון די סלאווישע לענדער זיינען אויך אפט אין יענע צייטען אוועק לערנען תורה אין פּלעצער וואו אידישע וויסענשאפט איז גע־שטאנען אויף א העכערע שטופע. אזוי צום ביישפּיעל דערמאהנט ר' יעקב בעל הטורים*) צוויי אידען פון רוסלאנד וועלכע זיינען געקומען נאָך טאלעדא אין שפּאנ־יען לערנען תורה פון זיין פאטער רבינו אשר, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1327. ר' משה מציוב (קיעוו) ר' מרדכי מארץ פּוילען און ר' יצחק מארץ רוסיא געהערען צו די ערשטע תלמידי חכמים פון יענע געגענדען וועלכע ווערען דערמאהנט אין די תלמודישע אדער רבנישע ליטעראטור. אָבער דיעזע שיינען נור צו זיין אויס־נאהמען. ערשט אין 16טען יאהר הונדערט פאנגט זיך אן די צייט ווען אידען אין פּוילען און ליטא האָבען איין איינענעם מיטעלפּונקט פון תורה און חכמה.

נאנץ פרייא פון פערפאָלגונגען זיינען די אידען אין פּוילען אויך ניט געווען

*) אין טור אבן העזר הלכות כתובות סימן קי"ח.

און דיא גוטסקייט פון זייער לאגע בעשטעהט נור אין דעם וואס זייא האָבען געליטען גוענינער וויא דיא אידען פון אנדערע אייראָפּעאישע לענדער. אין 1176 איז שוין געווען איין איבערפאל אויף אידען אבער דער הערשער פון פוילען אין יענער צ׳יט, מיעציסלאוו „דער אלטער“ האט זייא געשיצט וויא ווייט ער האָט געקענט. אין דיא פריווילעגיען אָדער בעזונדערע רעכטע וואס קאזימיר .II האָט געגעבען די אידען אין 1180 און וועלכע זיינען שפּעטער בעשטעטיגט און פארגרעסערט געוואָרען פון באלעסלאוו .V „וועליקאָפּאָלסקי“ הערצאג פון קאליש אין 1264 געפינען זיך פונקטען וועלכע ווייזען אז עלילות דם און אנגריפע אויף אידישע שולען זיינען אין יענע צייטען אפט פאָרגעקומען. אָבער דיא פרייהייט צו האנדלען און צום וואוינען וואו זייא ווילען, צום פארלייען געלד אויף לאנד און צו שטעהן אונטער דיא גערינכטסבארקייט פון דיא אייגענע רבנים זיינען געווען גענוג צו צוציהען נאָך פוילען פארפאָלגטע אידען פון אנדערע לענדער. אין דיא צייטען פון דיעזען קעניג האבען אידען אויך פיעל געליטען פון דיא איבערפאלען פון דיא טאטארען, וועלכע האָבען דאן איינגענומען איינינע פלעצער אין פוילען. אין רוסלאנד האָבען די אידען געהאט פיעל בעסער אין דער צייט פון דיא הערשאפט פון דיא טאטארען, און מען גלויבט דאָס איינע פון דיא הויפּט זאכען פון דיא שנאה פון שפּעטערע רוסישע הערשער און פון דיא בעפעלקערונג צו אידען איז וויל זייא זיינען געווען דיא שטייער אננעהמער אדער קאלעקטארס פון טאקסעס פאר דיא טאטערשע אונטערדריקער פון רוסלאנד. אָבער אין פוילען וואו דיא טאטארען האָבען זיך אויפגעהאלטען א קירצערע צייט און וואו די אידען זיינען געווען מייסטענס דייטשע און האָבען זיך וואהרשיינליך ניט געקענט מיט דיא טאטארען אזוי לייכט צוזאמענריידען, האָבען אידען פיעל געליטען. טויזענדע אידען פון פוילען זיינען פון זייא אוועק געפיהרט געוואָרען און פארקויפט געוואָרען אין שקלאפעריייא אין אנדערע לענדער. אונטער דער צייט פון באָלעסלאוו זיינען אויך גרויסע מאסען דייטשען איינגעוואנדערט נאָך פוילען און זייער קאנקורענץ האט פיעל געשאדעט דעם אידישען האנדעל.

איינינע אונאבהענגינע הערשער פון פוילישע פראָווינצען האָבען אָנגענומען דעם פּלאַן פון דיא פריווילעגיען וואָס באלעסלאוו האָט געגעבען דיא אידען און האָבען עס מיט געוויסע פערענדערונגען געמאַכט פאר א טהייל פון דיא געזעצע פון זייער לאנד. באלקא .I הערצאָג פון סווידניץ האט געגעבען דיא אידען אונטער איהם פריווילעגיען אין 1295 ; היינריך הערצאָג פון גלאגוי, האָט דיא זעלבע אייג-

געפיהרט ביא זיך אין 1299 און באָלקא. II האָט אין 1328 פארמעהרט און בע־שטעטיגט די געזעצע פון באָלקא .I.

אין די 25 יאהר נאָך דעם טויט פון באָלעסלאוו, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1279 האָט אין פוילען געהערשט אונארדנונג און אונרוהען פון וועלכע אידען האָבען נאַטירליך פיעל געליטען. פשעמיסלאוו וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרען אין 1295 האָט זיך געלאָזט קרוינען פון אדעל, אָהן די צושטימונג פון פּאָפּסט און פוילען איז צוריק געוואָרען א מלוכה אנשטאָט וואס זיא איז פריהער געווען צו־טחיילט אין הערצאָגטהימער. וואצלאוו אָדער ווענצעל וועלכער איז געווען קעניג פון בעהמען און פוילען צוזאַמען האָט רעגיערט פון 1300 ביז 1305 און האָט אויך זעהר וועניג אויפגעטהאָן. וולאדיסלאוו לאָקיעטעק (דער קורצער) זיין נאכפאָלגער האָט געזוכט צו ברייגגען אָרדנונג אין לאנד און צו פארקלענערען די מאכט פון די גרויסע אדעל לייט. ער האָט מבטל געווען אלע אידישע פּריווילעגיען און האָט זייא דערפאר געגעבען גלייכע רעכטע מיט די איבריגע איינוואוינער אין די קאנסטיטוציאָן וועלכע ער האָט געגעבען פאר דעם גאנצען לאנד. אונטער איהם האָבען אידען אנגעטהאָן די זעלבע קליידער וויא די פּאָליאקען, האָבען זיך אויפ־געפיהרט וויא אדעלליים און געטראָגען שווערדען און גאָלדענע קייטען. לאָקיעטעק האָט אויך בעשטימט דאָס אידען זאלען דיענען אין די פוילישע ארמעע און דאָס איז וואהרשיינליך געווען די אורזאכע פון די גלייכע רעכטע וואָס ער האָט זייא געגעבען. אין די צייט פון דיעזען קעניג איז עס אויך געלונגען דעם פּאָפּסט יאָ־האַן .XXII איינצופיהרען די אינקוויזיציאָן אין פוילען. איהר הויפט צוועק איז געווען צו אונטערדריקען קריסטליכע אפּיקורסים און זיא איז פאר אידען קיין מאל ניט געווען אזוי געפעהרליך וויא די שרעקליכע אינקוויזיציאָן פון שפאניען. דאָך האָט זיא געפאָדערט איהרע אידישע אָפּפער, אָבגלייך זייער צאָהל איז ניט געווען גרויס. א איד מיט דעם נאָמען שלמה איז אין אפּריל 1508 פון דעם אינקוויזיטאָר ניקאָלאס אין קראָקוי פאראורטהיילט געוואָרען צום טויט פאר „לעסטערן“ די קריסטליכע רעליגיאָן און איז פארברענט געוואָרען אויף'ן מארק־פּלאַץ. אין 1540 איז אין די זעלבע שטאָדט פארברענט געוואָרען די 80 יאהריגע קאטהע־רינע צעלאַצאווסקא וועלכע האָט זיך מגייר געווען. מיט א יאָהר שפּעטער (1541) האָט דער סינאָד אונטער קעניג זיגיסמונד .I די אינקוויזיציאָן אין גאנצען אָפּ־געשטאפּט.

דער זאהן פון וולאדיסלאוו לאקיעטעק, קאזימיר .III דער גרויסער, וועלכער איז ארויף אויפ'ן טהראָן אין 1333 איז געווען דער גרעסטער פון אלע קעניגע וואס

פוילען האט געהאט. ער האט וויא עס שיינט גלייך אין אנהויב איינגעזעהען אז דער פלאן פון דיא גלייך בערעכטיגונג וואס זיין פאטער האט געגעבען דיא אידען ארבייטעט ניט ריכטיג און האט א יאהר נאך זיין ארויפקומען אויפ׳ן טהראן צוריק איינגעפיהרט דיא אידישע פריווילעגיען פון באלעסלאוו מיט דיא בעשטימונג אז זייא זאלען אויך גילטען פאר אלע אנדערע פראווינצען וואס זיינען זייט דאן געקר־מען אונטער די פוילישע קרוין. עס קען זיין אז אין טהעאריע זיינען דיא פריווילעג־יען ניט געווען אזוי גוט וויא דיא גלייכע רעכטע אונטער זיין פאטער, אבער גלייכ־בערעכטיגונג אונטער א שוואכערען קעניג וועלכער האט זיך מייסטענס בעשעפטיגט מיט קריעג פיהרונג און האט ניט געקענט אדער ניט געוואלט זיך אנשטריינגען צו שיצען זיינע אונטערטהאנען, זיינען ניט אזוי גוט וויא בעשטימטע געזעצע אונ־טער אזא הערשער וויא קאזימיר וועלכער האט אנגעווענדעט זיין גאנצע מאכט צו פארבעסערען דיא אינערליכע לאגע פון פוילען.

מען נעהמט געוועהנליך אן דאס קאזימירס פריינדשאפט צו אידען איז געקומען: דורך דעם איינפלוס פון זיין אידישע געליעבטע, די שיינע אסתר׳קע, אבער דאס איז ניט אמת. ער האט בעשטעטיגט דיא אידישע פריווילעגיען אין 1334, אבער זיין ליעבע מיט אסתר׳קע פאנגט זיך אן מיט 22 יאהר שפעטער, אין 1356 ווען זיין פרוי, דיא טאכטער פון ליטווישען קניאז געדימין איז שוין געווען טויט. די וואהרהייט איז דאס קאזימיר וועלכער איז געווען א קלוגער און פראקטישער הער־שער האט ארויסגעזעהן דעם גרויסען נוצען וואס פוילען וועט ציהען ווען דיא אידען זאלען האבען פרייהייטען צום האנדלען און זיין בעשיצט פון אנגריפע און פער־פאלגונגען. וויסענדיג וויא שווער עס איז געווען אין יענע צייטען צו קריגען גע־רעכטיגקייט אין דיא אלגעמיינע געריכטס הייזער און וויא וויכט דער פאראורטהייל געגען אידען הערשט אונטער דיא בעפעלקערונג, האט ער פארשטאנען אז גלייבע רעכטע שטעלען דעם אידען אין איין ערגערע לאגע וויא דער שוץ פון שפעציעל׳ע פריווילעגיען. דער בעסטער בעוויז אז ער איז געווען גערעכט איז דאס אידען הא־בען אונטער איהם געלעבט גליקליך און בעטראכטען נאך ביז היינט דיא צייט פון זיין רעגיערונג אלס דיא בעסטע צייט אין דיא געשיכטע פון אידען אין פוילען.

קאזימיר דער גרויסער איז געווען א גרויסער דאמען־פריינד און אויסער די פרויען מיט וועלכע ער איז געווען פערהייראטעט צו פערשיעדענע צייטען האט ער אויך געהאט פערשיעדענע געליעבטע. דיא בעריהמטסטע פון זיינע געליעבטע איז געווען דיא אויבען־דערמאנטע אסתר׳קע, די טאכטער פון א אידישען שניידער פון אפאטשנא. זיא האט געלעבט וויא א קעניגין אין זיינע שלעסער אדער פאלאצען

אין קראקוי, אין לאבסאוו און אין באבאָלינא בייא דער שטאָדט קאזימיר נים וויט פון לובלין. דיא חורבות פון דעם פאלאטץ אויף דעם לעצטען פלאַטץ וואו דער מעכטיגער קעניג פלעגט מיט איהר פארברייננען דיא צייט ווען ער פלעגט זיך דערוויטערען פון אלע זאָרג פון דער רעגיערונג, ווערען נאך היינט בעטראכטעט אלס א מערקווירדינקייט. קאזימיר האָט פון איהר געהאט דרייא קינדער; א טאָכטער וועלכע איז אויפגעצויגען געווארען אלס אידיש קינד און צוויא זיהן, פעלקא און ניעמירא, וועלכע זיינען אויפגעוואקסען קריסטען. עטליכע אלטע פוילישע פאַמיליען וויא דיא לובינסקים, ניעמיראווסקים און אנדערע יחסנען זיך אז זייא שטאַמען אפּ פון קאזימיר און אסתר׳קע.

גרויסע מאסען אידען זיינען איינגעוואנדערט פון דייטשלאנד נאך פוילען אין דער צייט פון דיא שווארצע פעסט אין 1349 און 1350 און זייא האָבען מיט זייער רייכטהום און האנדעלס-פעהיגקייטען פיעל בייגעטראָגען צו ענטוויקלען דאָס לאנד. קאזימיר האָט געוואוסט דעם נוצען וואָס זייא ברייננען פאר זיין לאנד און האָט דיא איינוואנדערונג ערמוטהיגט. פון יענער צייט אָן איז דיא צאָהל פון דיא אידישע איינוואוינער פון פוילען געוואָרען גרויס און ביז היינטיגען טאָג געפינען זיך דאָרט מעהר אידען וויא אין יעדער אנדער לאנד פון דער וועלט.

צווייטער קאפיטעל.

פארטזעצונג פון דיא אידישע געשיכטע אין פוילען און ליטא פון קאזימיר ביז זיגמונד. ערשטע גרויסע רבנים.

קאזימיר וועלכער איז געווען דער לעצטער פוילישער הערשער פון דיא פיאסט פאמיליע, איז רייטענדיג אויף יאגד אראפגעפאלען פון פערד און איז געהרגעט געווארען אין נאָוועמבער 1370 נאכדעם וויא ער האט רעגיערט 37 יאָהר. זיין נאכפאָלגער איז געווען זיין שוועסטער'ס זאָהן קעניג לודוויג פון אונגארן וועלכער איז אלליין בעהערשט געווארן פון דיא גלח'ים און האט זיך נים פיעל געקימערט וועגען זיין נייע קעניגרייך. אונארדנונג און אונגערעכטיגקייט האבען זיך פארשפרייט אין פוילען און מען דערצעהלט דאס יאהרען לאנג פלעגען פוילישע בויערן פאהרען צום קבר פון גרויסען קאזימיר דארט פארגיסען טרעהרן צום אנדענקען פון דיא גוטע צייטען וואס זייא האבען אונטער איהם געהאט און וועלכע זיינען אוועק מיט איהם צוזאמען. אונטער דיא רעגיערונג פון לודוויג איז פארגעקומען אין אויפשטאנד אין וועלכען דיא שיינע אסתרקע איז ערמאָרדעט געוואָרן אין דעם פרעכטיגען פאלאץ וואס זיא האט בעוואוינט נאך דעם טויט פון איהר געליבטען קעניג. מען גלויבט אז אונטער איהם איז אויך פארגעקומען דיא ערשטע אידענפערפאלגונג אין פוילען אין יאָר 1380. דער דאָמיניקאנער יאן ריצאוואל אלס אנפיהרער פון א פאנאטישע מאססע האט חרוב געמאכט דיא אידישע שוהל וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן געגענאיבער א קלויסטער און האט אויסגעהרגעט דיא אידען פון פויזען צוזאמען מיט זייער רב*).

לודוויג איז געשטארבען אין 1382 און זיין טאכטער העדוויג אדער יאדווינא האט געירשנט זיין טהראָן. דורך איהר הייראטה מיט יאגעללא, דעם וועליקי

---

*) אנדערע געשיכטספארשער וויא דר. פערלעס אין זיין „געשיכטע דער יודען אין פויזען" לייקענען אָפ דיעזע פערפאָלגונג און בעהויפטען דאס דיא אידען ווערן צום ערשטען מאָל דערמאָנט אין דיא ארכיוועו פון פויזען ערשט אין יאהר 1399.

קניאז פון ליטא זיינען פוילען און ליטא פאראייניגט געווארן אין איין קעניגרייך, און „אנעללא וועלכער איז געוואָרן א קריסט און האט זיינע געטצענדינערשע אונטער־טהאנען אויך געצוואונגען צו ווערן קריסטען, איז געווארן קעניג פון ביידע לענדער און אנגענומען דעם נאמען וולאדיסלאוו .*II*. יאנעללא'ס נייע קעניגרייך האט פאר־נומען איבער 20,000 (איראָפּיאישע) קוואדראט מיילען און האט געהאט מעהר אלס צוואנציג מיליאן איינוואוינער. אויסער גרויס־פוילען, קליין־פוילען און ליטא זיינען אונטער איהם געלעגען שלעזיען, פאָמערן, א טהייל פון פרייסען, ביעלא־ראָססיא, מאַלאָ־ראָססיא, וואָלהין, פאדאָליע, אוקראינע, קורלאנד און ליפלאנד. דיא רעפובליקען אדער פרייע שטעדט פסקאָוו און נאָווגאראָד אין נארד און מאָל־דאָווא און וואַלאכיי (רומעניען) אין די סאוטה זיינען אויך געשטאנען אונטער דעם שוטץ פון דיא פוילישע קרוין. דיא טאטארען פון קרים און דיא קאָזאקען האבען אויך בעטראכטעט דעם פוילישען קעניג אלס זייער אויבער־הערשער. פון דעם באלטישען ים ביז דעם שווארצען און פון דעם טייך אָדער ביז דיא דווינא און דעם דניעפער איז דאן געווען איין קעניגרייך—פוילען. אבער יאנעללא איז ניט געווען דער מאן אזא גרויסע מלוכה צו פארפעסטיגען און איהר צו בריינגען אין דעם צו שטאנד אז זיא זאלל מיט דער צייט זיך צוזאמענשמעלצען און ווערן איין גרויסע נאציאָן. ער האט זיך מעהר אָפּגעגעבען מיט זיין נייע רעליגיאָן וויא מיט שטאאטס־אנגעלעגענהייטען. די גלחים האבען בענוצט זייער געלעגענהייט פון איין זייט צו בעאיינפלוסען דעם האלב־ווילדען ליטווין ער זאָל אנווענדען געגען דיא אידען דיא קירכען געזעצע פון אנדערע לענדער און פון אנדערן זייט אויפצוהעצען דיא מאסען געגען דיא אידען. עס האט זיך אנגעפאנגען א צייט פון פערפאָלגונגען און פייני־גונגען וועלכע זיינען געווען גאנץ נייא אין פוילען. אין 1399 זיינען 13 פראָמינענטע אידען צוזאמען מיט הינט לאנגזאם פארברענט געוואָרן אין פוזען איבער א רעלי־גיעזען בלבול. אין 1401 זיינען אידען אין גלאגוי פארברענט געוואָרן דורך איין עהנליכע אורזאכע און אין 1407 האט דער גלח בודעק אין קראקוי אויפגעהעצט דיא מאסע צו איין איבערפאל אויף אידען און כמעט די גאנצע געמיינדע, מענער, פרויען און קינדער איז אומגעקומען דורך שווערד און פייער אין דיא וואך פון „איסטער" אדער קריסטליכען פסח.

צום גליק האבען זיך דיא פערפאָלגונגען מיט וועלכע יאנעלכא האט געשיינט צו זיין צופריעדען, ניט פארשפרייט איבער אלע פראָווינצען וואס זיינען אונטער איהם געלעגען. ווען ער האט אנגענומען דיא פוילישע קרוין האט ער זיך פאר־פליכטעט צו וואוינען אין פוילען און האט דיא רעגיערונג פון ליטא מיט דיא רר

סישע פראָווינצען וועלכע האבען געהערט צו ליטא איבערגעבען צו וויטאָלד, אדער וויטאָווט, דעם זאָהן פון זיין ברודער. דיעזער האט נור געדארפט אנערקענען דיא אויבערהערשאפט פון יאגעללא אין אויסווערטיגע אנגעלעגענהייטען, אבער אין לאנד האט ער געטהאן וואס ער האט געוואָלט. וויטאָלד איז געווען פיעל קליגער און בעסער וויא יאגעללא און האט געוואוסט צו שעצען דעם ווערטה פון דיא אידען און דעם נוטצען וואס זייא ברייננען דעם לאנד. אין 1388 האט וויטאָלד אין לוצק ארויסגעגעבען דיא אידען פון ליטא נייע פריווילעגיען וועלכע האבען זייא געגעבען האנדעלס-פרייהייט און זיכערהייט. דיעזע פריווילעגיען האבען אין געוויסע הינזיכ־טען געגעבען דיא אידען גלייכע רעכטע מיט דיא שליאכטעס, דאס הייסט מעהר רעכטע וויא זייא האבען יעצט אונטער רוסלאנדס הערשאפט. ער האט אויך גע־זוכט צו פארגרעסערן דיא צאָהל פון דיא אידישע איינוואוינער אין זיין לאנד און ווען ער האט געוואונען א קריעג געגען דיא טאטארען האט ער פון קרים געבראכט פיעלע קאראאימען און האט זיי בעזעצט אין טראָק און אין לוצק.

אין יענער צייט איז דיא רעגיערונג ניט געווען אזוי צוזאממענגענומען אדער צענטראליזירט אין דיא הענד פון דיא אויבערהערשער וויא עס איז שפעטער גע־וואָרן. דאמאלס האט יעדע קלאס און יעדע געגענד געהאט איינענע פריווילעגיען און דיא אידען מיט זייערע פריווילעגיען האבען נישט געמאכט קיין אויסנאהמע. דיא גרעסערע שטעדט האבען געהאט זייערע איינענע פריווילעגיען און זיינען רעגיערט געוואָרען אונטער דאס מאגדעבורגישע רעכט, נאך וועלכע דיא בירגער פלעגען אויסקלייבען זייער איינענע שטאדטרעגיערונג אדער מאגיסטראט מיט א פאָרשטע־הער וועלכער האט זיך גערופען דער וו אָי ט. דיעזער שטאדט רעגיערונגען וועלכע זיינען געווען מייסטענס אונטער דעם איינפלוס פון דייטשען האבען געוועהנליך זיך געוויעזען פיינדליך צו אידען און אפילו צו די שליאכטעס אדער ניעדריגערע קלאס פון פוילישען אדעל וועלכע האבען געוואָלט ווערען געשעפטסלייט. דיא אידישע פריווילעגיען האבען זייא בעפרייט פון צו שטעהן אונטער דיא געריכטסבארקייט (דזשוריסדיקשיאָן, יורזשדיקי) פון וואָיט וועלכער האט געהאט צו זאָגען איבער די בירגער, געשעפטסלייט און דיא „צעכעס" פון בעל מלאכות. עס איז אויך געווען א צווייטעס געריכט, דער קאפיטאָל אדער קאפיטול וואו דער בישאף איז געווען דער הויפטריכטער און אונטער דיעזעס געריכט זיינען געשטאנען אלע וועלכע הא־בען געוואוינט אויף די גרויסע שטיקער לאנד וואס זיינען געלעגען אונטערן בישאף. דאן איז געווען א דריטעס געריכט וועלכער האט רעפרעזענטירט דיא לאנדעס רע־גירונג אדער דיא מיליטערישע הערשאפט און איהר פאָרשטעהער איז געווען דער

וואָיוואָד. דיא אידען זיינען געשטאנען אונטער זיין שוץ. אבער ער האט נישט געהאט צו זאגען איבער פלעצער וואס זיינען געקומען אונטער דיא מאגדעבורגישע שטאדט געזעץ אדער אונטער דעם בישאף. עס איז נאַטירליך אימער געקומען צו צוזאמענשטויסען און צו פראגען איבער דיא אויטהאָריטעט אדער דעה אין פעלע וואו עס איז ניט געווען קלאָר אויב דאס קומט אונטער דיא מאגדעבורגישע אדער אונטער דיא גייסטליכע אדער אונטער דיא קעניגליכע געריכטסבארקייט. דער ארעמער איד איז אָפט געווען דער שפּיעלבאלל צווישען דיעזע פערשיעדענע הערשער און האט געמוזט אויסשטעהן די משונעת פון אלעמען. עס האט זיך אָפט געטראָפען דאס א שטאדט איז געווען צוטיילט אונטער די דריי מינים רעגיערער. די שטאָדט אליין האט געהאט דיא מאגדעבורגישע אדער בירגער־רעגיערונג; איין פארשטאדט איז געשטאנען אונטער דעם בישאָף און א 2טע' אונטער דעם וואָיוואָד. אין יעדען טהייל זיינען אידען אנדערס בעהאנדעלט געוואָרן. דא האבען זייא געמעגט האנדלען און דאָרטען ניט. אויף איין פלאמץ האבען זייא געמעגט האבען אייגענע הייזער און אויף דעם צווייטען — גראדע דערבייא — האבען זייא ניט געטאָרט איבערנעכטיגען.

דאך איז דיא לאגע פון דיא אידען אין אנדערע לענדער דאן געווען אזוי שלעכט דאס דיעזע אונאָרדנונג און פערשיעדענארטיגע בעהאנדלונג איז געווען דאס בעסטע וואס זייא האבען געהאט, און פוילען איז אין יענע צייטען בעטראכטעט געוואָרן אלס א גן עדן פאר דיא אידען פון איירָאפּא. יעדע נייע פערפאָלגונג אין אונגארן, און בעהמען אדער אין דייטשלאנד האט געבראכט נייע מאסען אידען נאך פוילען און אלע האבען דאָרט געפונען פרנסה און א פּלאץ צום לעבען. אזוי וויא עס איז אין פּוילען קיין זאך ניט געווען שטענדיג און סיסטעמאטיש איינגעפיהרט, האט מען דיא יודענפערפאָלגונגען אויך געהאלטען פאר א צופאל אדער צרת וואס וועט שנעלל אריבער. אין אנדערע לענדער האבען אידען געלעבט בעדריקט און פעראכטעט אויך אין דער צייט ווען דיא געשיכטע דערצעהלט ניט פון איבערפאללען אדער בלוטפערגיסונגען, אבער אין פּוילען האבען זיך דיא פערפאָלגונגען מייסטענס געענדיגט ווען דיא אויפרעגונג איז אריבער און אידען האבען געלעבט רוהיג און גליקליך אפילו נאכדעם וויא זייא האבען שוין פארזוכט דעם טעם פון צרות און רדיפות.

יאגיעללא איז געשטארבען אין 1434 און אויף זיין טהראָן איז געקומען זיין 10 יעהריגער זאָהן וולאדיסלאוו III. ווען ער איז אויפגעוואקסען האט ער זיך געצייגט פיעל פריינדליכער צו אידען וויא זיין פאטער און האט אנגעפאנגען אין

אונטערזוכונג אויסצוגעפינען דיא אורזאכע פון דעם איבערפאלל אויף דיא אידען פון פאזען וואס איז פארגעקומען אין 1309 דאס הייסט א פיערטעל יאהרהונדערט איידער ער איז געבארען געווארען. אבער דיעזער גוטער קעניג האט אין גאנצע רעגיערט נור 10 יאהר און נאכדעם וויא ער האט בעוויזען גרויסע גבורות אין קריעג געגען די טערקען איז ער געפאללען אין די שלאכט בייא ווארנא אין 1444. זיין נאכפאלגער איז געוועזען זיין ברודער קאזימיר .VI וועלכער האט בעשטעטיגט, מיט געוויסע פערבעסערונגען דיא פריווילעגען וואס דיא אידען האבען געקריגען פון באלעסלאוו וועליקאפאלסקי און קאזימיר דעם גרויסען.

דאך איז דיא הערשאפט פון קאזימיר .VI ניט פארבייא אן גרויסע רדיפות. דער מערדעריש-פאנאטישער גלח יאאן קאפיסטראנא, וועלכער איז ארומגעפאהרען אויפהעצען דיא קריסטליכע בעפעלקערונג געגען אידען אין פערשיעדענע לענדער און האט פאראורזאכט פיעלע בלוטפערגיעסונגען אין דייטשלאנד, בעזאנדערס אין בעלגיען און שלעזיען איז אין 1451 געקומען נאך קראקוי. דארט האט ער זיך פאר בונדען מיט דעם פירשט-בישאף זבינגעוו אלעשניצקי און ביידע האבען אנגעהויבען צו אגיטירען געגען אידען. ווען קאזימיר האט אין 1454 פארלארען א שלאכט גע־ גען דיא טאטארען און האט זיך אנגעפאנגען צו פיהלען שוואך אויפן טהראן, הא ער זיך אונטערגעגעבען אונטער דיא הערשאפט פון דיא קירכע און האט מבטל געוועזען דיא פריווילעגיען וועלכע ער האט דיא אידען געגעבען. דיא קירכענגעזעצע געגען אידען, דארונטער אויך דאס געזעץ אז זייא מוזען טראגען א צייכען אויף די קליידער, זיינען צוריק אריין אין קראפט. מען מוז אבער צוגעבען דאס דער קעניג אלליין איז ניט געוועזען אזוי שלעכט וויא דיא גלחים וועלכע האבען איהם געהאט אין דיא הענד. אין 1464 ווען א באנדע פוילישע קרייצפאהרער וועלכע זיינען גע־ גאנגען מלחמה האלטען מיט דיא טערקען זיינען בעפאלען דיא אידען אין קראקוי און האבען גערויבט און געמארדעט, האט קאזימיר נאכדעם דיא רעדעלפיהרער שווער בעשטראפט און האט אויף דיא שטאדט רעגיערונג (מאגיסטראט) ארויפ־ געלייגט א שטראף פון 3000 גולדען פאר וואס דיא אידען זיינען ניט בעשיצט גע־ ווארן וויא מען דארף. ער האט אויך שווער בעשטראפט דיא שטאדט פוזען פאר איין איבערפאלל אויף אידען וואס עס איז דארט פארגעקומען אין 1468.

אונטער דיא הערשאפט פון דיעזען קעניג האט דיא פוילישע קאנסטיטוציאן זיך געענדערט און דיא מאכט פין קעניג און פון דיא גייסטליכקייט איז געווארן שוואכער. דיא נייע ענדערונגען האבען אויך געבראכט בעסערע צייטען פאר אידען און אין 1467 זיינען אלע געזעצע וואס זיינען געמאכט געווארן געגען אידען זייט

דער צייט פון יאגיעללא ערקלערט געווארן אלס בטל און דיא פריווילעגיען פון באָלעסלאוו און קאזימיר זיינען ווידער געטרעטען אין קראַפט. אידען האבען צוריק פרייא אויפגעאָטהעמט און האבען אנגעפאנגען צו געהן געקליידעט און צו לעבען וויא דיא בעסערע קלאַסען. דיא ענדע פון דיא לאנגע רעגיערונגס־צייט פון קאזימיר VI. איז דארום געווען אזוי גינסטיג ווען דער אנפאנג און דיא שלעכטע עטליכע יאהר פון מיטעל פון 15טען יאהרהונדערט זיינען שנעל פארגעסען געווארען.

קאזימיר איז געשטאָרבען אין 1492 און זיין זאהן יאָהאַן אלברעכט (פויליש: יאַן אָלבראַכט) איז געווען זיין יורש. ער האט אפילו אין יאהר 1496 בעשטעטיגט דיא אידישע פריווילעגיען, דאך האט ער זיך אין גאנצען ניט געוויזען פריינדליך צו אידען. ער האט בעשטימט דאס אידען זאללען מעגען וואוינען נור אין געוויסע טהיילען פון דיא גרויסע שטעדט. פון קראקוי זיינען זייא אין גאנצען אויסגעוויזען געווארען און עס איז זייא נור ערלויבט געווארען צו וואוינען אין דיא פאָרשטאדט קאזימיר. אין יענע פאָרשטאדט איז אונטער דיעזען קעניג אין יאָהר 1500 פארגעקומען איין איבערפאלל אויף אידען וועלכער האט געקאסט עטליכע און צוואנציג אידישע אָפפער. מ׳ גלויבט אז דיעזער איבערפאלל איז געווען דער לעצטער ווען א פוילישע מאססע האט פערגאָסען אידישעס בלוט. עס האבען שפעטער אויך ניט געפעהלט קיין העמצער געגען אידען, אבער זייער פאנאטישע אנשטרענגונג האט ניט מעהר געהאט דיא ווירקונג צו פערזאורזאכען איין איבערפאלל.

עס איז אויך דאָ צו פערצייכענען איין אנגריף אויף דעם פערמעגען פון דיא אידען וואס איז פאָרגעקומען אונטער יאן אלברעכט. דער „סיים" אדער רייכס־טאג אין פיאָטרקאָוו האט אין 1496 מבטל געמאכט אללע היפּאָטהעקען אדער מאָרטגיידשעס וואס אידען האבען געהאט אויף לאנד און הייזער, בעשטימענדיג דערבייא אז דער קרן און פּראָצענט מוז פון דעסטוועגען בעצאהלט ווערן. פון דאַן אָן און ווייטער איז אידען פערבאָטען געוואָרן צו קויפען גיטער אדער צו פארלייהען געלד אויף גרונד־איינענטהום. עס איז זייא אבער ערלויבט געווארן צו פארלייהען געלד אויף משכנות אזוי וויא פריהער.

יאן אלברעכט איז געשטאָרבען אין טהאָרן אין 1501 און זיין נאכפאָלגער אלעקסאנדער יאגעללאָן איז געווען נאך ערגער צו אידען וויא ער איז געווען. אונטער איהם האט דער פוילישער קאנצלער לאסק צוזאממענגעשטעלט אללע פוילישע געזעטצע און האט אין דעם אריינגענומען דיא געזעטצע וועגען אידען. אלעקסאנדער האט זיך בעשלאָססען ארויסצוטרייבען דיא אידען פון פוילען און

אין דעם לעצטען יאָהר פון זיין רעגיערונג האט ער ווירקליך געמאכט דעם אָנפאַנג מיט דיא אויסווייזונג פון דיא אידען פון גראָדנאָ*). צום גליק איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1506, איידער ער האָט געקענט בעווייזען אָנצוטהאָן דיא אידען פיעל צרות. זיין נאָכפאָלגער איז געווען קאזימיר׳ס דריטער זאָהן, זיגיסמונד I. אָדער „דער אלטער" וועלכער איז געווען פיעל בעסער און געשיידטער וויא ער. זיגיסמונד האט באלד אין אנהויב פון זיין רעגיערונג ערלויבט דא ארויסגעטריעבענע אידען פון גראָדנאָ צוריק צו קומען אהיים און האט אויך בעשטעטיגט דיא אלטע אידישע פריווילעגיען.

אונטער דיעזען קעניג פאַנגען דיא אידען פון פוילען אויך אָן צו האבען א גייסטיגע געשיכטע. זיגיסמונד האט דיא אידען וואס זיינען געקומען נאך פוילען פון אנדערע לענדער אויך געגעבען דיא זעלבע רעכטע וויא דיא פוילישע אידען האבען געהאט און דאס האט נאטירליך געבראכט אז פיעלע אידען פון לענדער וואו זייא האבען געליטען צרות זיינען אהין איינגעוואנדערט. בעזאָנדערס גרוים איז געווען דיא איינוואַנדערונג פון בעהמען און מען גלויבט אז דיא בעהמישע אידען האבען דיא ערשטע פארפלאנצט לומדות אין פוילען. אבער עס איז וואהרשיינליכער דאס דיא לומדות פון בעהמען האט אויך געשטאמט פון פוילען, אבגלייך דיא ישיבה פון פראג איז געווען עלטער וויא דיא ערשטע פוילישע ישיבה וועלכע האט ארויסגעבראכט אידישע געלעהרטע וואס פארנעהמען איין אָרט אין דיא תלמודישע ליטעראַטור. דער גרעסטער תלמודישער געלעהרטער אין אייראָפּא אין יענער צייט און דער ערשטער גרויסער תלמודיסט פון דיא סלאַווישע לענדער איז געווען ר׳ יעקב פּאָלאַק (געבאָרן אונגעפעהר 1460, געשטארבען 1530), א פוילישער איד וועלכער האט זיך בעזעטצט אין פראג און איז בעקאנט אלס ערפינדער פון פלפול. זיין תלמיד ר׳ שלום שכנא (געשטאָרבען 1558) האט געגרינדעט א ישיבה אין לובלין און ער, צוזאמען מיט ר׳ שלמה לוריא (מהרש״ל, געבאָרען אין פויזען 1510, געשטארבען אין אוסטרא 1573) און ר׳ משה איסרל׳ש (רמ״א׳ געבאָרן אין קראָקוי 1520, געשטאָרבען 1572) זיינען זייא דיא ערשטע גדולים פון

*) שפּעטערע פאָרשער, בעזאָנדערס דר. האַרקאַווי פון סט. פּעטערסבורג ברייגגען ראיות דאס אונגעפעהר אין יענער צייט אין 1495 אדער עטוואס שפּעטער איז געווען א גרויסער גירוש פון קיעוו און פון אנדערע פלעצער וואס זיינען געווען אונטער דיא הערשאַפט פון רוס פירשט פון ליטא. אונטער דיא אויסגעוויזענע איז אם מייכטען בעריהמט געווען ר׳ משה בן יעקב (? 1520—1449) הגולה מכיוב אדער מארץ רוסיא וועלכער האט געשריעבען ווערקע איבער קבלה און געגען קראים. דיעזער גירוש האט געוויס שטאַטגעפונדען אָבגלייך גראֶץ און אנדערע דייטשע אידישע היסטאָריקער ווייסען פון איהם ניט. (זעה אין צעדערבוים׳ס העברעאישע מאָנאַטשריפט „מצפה" אין דיא ערשטע צוויי נומערן.)

פוילען. דער תלמוד האט זיך אין דיזעס לאנד פארשפרייט שפעטער וויא אין אנדערע אייראָפייאישע לענדער, אבער אין א קורצע צייט האט ער זיך דארט אזוי איין געוואָרצעלט אז פוילען איז געוואָרן דער מיטעלפונקט פון תלמודישע גע־לעהרזאמקייט. דיא גרעסטע געמיינדען אין דייטשלאנד, בעהמען א.ז.וו. האבען אנגעהויבען צו נעהמען פוילישע רבנים און פוילישע מלמדים און ראשי ישיבה האָ־בען זיך פארשפרייט איבער גאנץ אייראָפּא.

נאָך איין זאך האט קעניג זיגיסמונד אויפגעטהאן וואס בריינגט זיין נאמען אין צוזאמענהאנג מיט דיא אידישע רבנות. גלייך אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין רעגיערונג אין 1506 האט ער געגעבען אידישע רבנים דאס רעכט צו משפט'ן אידען נאָך זייערע אייגענע דינים און האט ערנענט ר' מיכאל יאזעפאָוויטש פון בריסק צום אויבער ראבינער פון גאנץ ליטא און צום פערמיטלער צווישען דיא אידען און דיא רעגיערונג. ר' מיכאל האט געפיהרט דעם טיטעל „גאון" און האט געהאט דאס רעכט צו ענטשיידען נים נור איבער געלד פראגען זאָנדערן אויך קרימינאל פראָצעססען און פראגען פון לעבען און טויט.

עס איז זעהר מעגליך דאס דיזע איינפיהרונג פון אידישע געזעצע וועלכע זיינען פערוואלטעט געוואָרן דורך דיא רבנים נאָך דעם תלמודישען זינן, האט פיעל בייגעטראָגען צום אויפבליהען פון תלמודישע געלעהרזאמקייט אין פוילען. דיא נייע גאונות האט אבער נים לאנג עקזיסטירט. אין דיא צווייטע העלפט פון 16טען יאהרהונדערט געפינען מיר אז די אידישע אנגעלעגענהייטען פון פוילען און ליטא זיינען געפיהרט געוואָרן פון א סאָרט קאמיטעע פון רבנים און גדולים וועלכע האט זיך פריהער גערופען „ועד שלש ארצות" (פוילען, ליטא און גאליציען) און שפעטער „ועד ארבע ארצות" ווען פוילען איז פאר דיזען צוועק צוטהיילט געוואָרן אויף צווייען, גרויס פוילען מיט פויזען אלס דיא הויפטשטאדט און קליין פוילען מיט קראקוי. דיזע וויכטיגע קאמימטעעס פלעגען זיך אמאָל צונויפקלייבען אויף אלע וויכטיגע ירידען צו ענטשיידען אלע פראגען וואס זיינען נוגע צום כלל ישראל. מיט דער צייט איז איינגעפיהרט געווארן אז זיי פלעגען זיך נאר צוזאמענקומען אין לובלין ענדע ווינטער און אין יאראסלאוו ענדע זומער. דער ועד ארבע ארצות האט עקזיסטירט איבער 200 יאהר און איז ערשט אונטערגעגאנגען אין דיא צווייטע העלפט פון 18טען יאהרהונדערט.

דריטער קאפּיטעל.

אויפלעבונג פון וויסענשאפט. רייכלין און דיא הומאניסטען. אידישע געלעהרטע אין איטאליען.

עס ווערט געוועהנליך גערעכענט אז מיט דעם יאהר 1492, ווען אידען זיינען ארויסגעטריעבען געווארען פון שפּאניען און ווען אמעריקא איז ענטדעקט געוואָרען ענדיגט זיך דאס מיטעלאלטער. דיא צייט פון פינסטערניס און אונטערדריקונג, ווען דער מענשליכער גייסט איז געקומען אונטער א לאסט פון עלענד און אבערגלויבען און האט געפונען אזוי ווייניג טרייסט און מענשליכקייט אויף דער וועלט אז ער האט זיך אין גאנצען פארטיעפט אין דיא איינגעבילדעטע גליקזעליגקייט פון דיא גלויביגע אויף יענער וועלט, איז יעצט געווען צו ענדע און עס האט זיך אנגעפאנגען א צייט פון אונטערנעהמונגען, פון גייסטיגע בעוועגונגען און פון האפנונגען אויף בעסערע צייטען. דיא ערשטע פון דיא אורזאכען אויפצולעבען דעם גייסט פון איי־ראפא איז געווען דער פאל פון קאנסטאנטינאפאל אין דיא הענד פון דיא טערקען און דער אונטערגאנג פון דאס איסט רוימישע קיזעררייך, אין 1453. גריכישע גע־לעהרטע פון קאנסטאנטינאפאל און פון דיא גאנצע ביצאנטישע מלוכה האבען זיך דאן פארשפּרייט איבער אייראפּא און האבען אויפגעוועקט א נייע אינטערעסע אין דיא קלאסישע ווערקע פון דיא אלטע גריכען און רוימער. דאן איז געקומען דיא ערפינדונג פון בוכדרוקעריי וועלכע איז בעקאנט געוואָרען אין צווייטען העלפט פון 15טען יאהר־הונדערט און האט מעגליך געמאכט צו פארברייטען קענטניס אונ־טער א גרעסערע צאהל מענשען פון אלע קלאסען, וויא אין דער צייט ווען ביכער האבען געמוזט געשריבען ווערען מיט'ן האנד. דיא גייסטיגע לאגע איז פארבעסערט געוואָרען און עס האט ניט לאנג געדויערט ביז די מאטעריעלע לאגע פון אייראפּא האט זיך אויך פיעל פארבעסערט.

דיא ענטדעקונג פון אמעריקא האט געבראכט פאר די אלטע וועלט בעסערע צייטען וויא עס זיינען געווען זייט פיעלע יאהר־הונדערטע. דיא גרויסע אוצרות

וואס זיינען פון דיא נייע וועלט נעבראכט געוואָרען האָבען געמאכט נעלד ביליגער און לייכטער צו קרינען. דיא האָפנונג אויף נייע אוצרות און דיא גרויסע ענטוויקלונג פון האנדעל דורך דיא ענטדעקונג פון א וועג מיט'ן וואסער נאך אינדיען, האָבען אויפגעוועקט דעם אייראפעאישען אונטערנעמונגס גייסט און מענשען בכלל זיינען געוואָרען מעהר ליבעראל און אנגעהויבען צו האבען מעהר איינזעהענים איינע מיט דיא אנדערע וויא אין דער צייט ווען אלעס איז וויא פארגלייערט און יעדער טהוט נור וואס זיינע עלטערן האָבען געטהאן פאר איהם. דיא אייראָפעאישע פעלקער וועלכע זיינען אין מיטעלאלטער געווען וויא אלטע לייט אָהן האפנונג וועלכע קלערען נור וועגען עולם הבא, זיינען אזוי וויא פלוצלונג יונג געוואָרען און דערפיהלט אז עס איז דאָ האָפנונג אויף בעסערע צייטען אויף דיעזע וועלט. מיט דיעזע אויפלעבונג פון מענשליכען גייסט, מיר דיא בעלעבונג פון וויסענשאפט און קונסט פאנגט זיך אן דיא איצטינע, אדער וויא מען רופט עס געוועהנליך דיא מאָדערנע צייט.

נאטירליך איז דאס אלעס ניט געקומען מיט א מאל און עס איז כמעט אונמעגליך געווען דאמאלס פאָראויסצוזעהען דיא וואונדערבארע ענטוויקלונג פון דיא פאָרטגעשריטענע פעלקער אין דיא נעקסטע 400 יאהר. ענגלאנד איז נאך דאן געווען איין אפגעזונדערטע אינזעל און האלאנד איין אונטערדריקטע פראווינץ. אין דיא נייע וועלט האָבען דיא שפאנשיע טיראנען זיך געבאָדען אין דיא בלוט פון דיא אונגליקליכע אינדיאנער און אין דייטשלאנד און פראנקרייך זיינען דיא מיטעלאלטערליכע געזעצע גענען אידען נאך געווען אין פולע קראפט. נאר אין די צווייא לענדער וואָס זיינען געשטאנען אויף דיא ניעדעריגסטע שטופע פון קולטור, אין פוילען און אין טירקיי, האָבען אידען געהאט ניט שלעכט. דיא אייראָפעאישע אידען זיינען אזוי ארונטערדריקט געוואָרען פון דיא פערפאָלגונגען פון 14טען און 15טען יאָהר־הונדערט און פון די לעצטע געוואלטיגע קאטאסטראָפע — די אויסווייזונג פון שפאניען — אז זייא האָבען זיך נור וועניג בעטהייליגט אין דיא אויפלעבונג פון אייראָפייאישען גייסט און עס איז אריבער א לאנגע צייט איידער זייא האָבען אָנגעפאנגען צו ציהען עטוואָס נוצען פון אלגעמיינעם פאָרטשריט.

דאָך האָבען אידישע געלעהרטע שנעל דערפיהלט אז זייא האָבען מעהר צו האָפען פון דיא נערעכטיגקייט פון דיא קריסטען וויא אין דיא פריהערע פינסטערע צייטען. אין דיא ערשטע בעוועגונג גענען אידען אין 16טען יאהר־הונדערט, ווען דער דאמיניקאנער גלח יאקאב פאָן הוכשטראטען מיט דיא הילפע פון דעם משומד יוסף פעפערקארן האָבען אנגעפאנגען א נייע העטצע גענען תלמוד, האָט דער

תלמוד געפונען דעם מעכטיגסטען פערטהיידיגער אין דעם בעריהמטען קריסטליכען געלעהרטען ר י י כ ל י ן. דיעזער גרויסער געלעהרטער וועלכער האט געלערענט העברעאיש פריהער פון קייזער מאקסימיליאן׳ס אידישען לייב-דאָקטאר לואנס און שפעטער פון ר׳ עובדיה ס פ ו ר נ ו, דעם בעריהמטען פערפאסער פון א פירוש אויף תנ״ך, איז געווען דער אנפיהרער פון די „הומאניסטען״ אָדער דיא געלעהרטע וועלכע האָבען געארבייטעט פאר די בעלעבונג און ענטוויקלונג פון קענטניס. ער האט אויסער העברעאיש פערשטאנען קבלה און אבגלייך ער האט אין דער יוגענד ניט ליעב געהאט קיין אידען איז ער מיט דער צייט געוואָרען דער בעסטער פער־טהיידיגער פון זייער ליטעראטור. אלס דער גרעסטער געלעהרטער אין דייטשלאנד אין זיין צייט איז רייכלין אויסגעקליבען געוואָרען פון קייזער אלס עקספערט אדער מומחה צו געבען זיין מיינונג אויב דער תלמוד און אנדערע ספרים זאלען פארברענט ווערען אדער ניט. רייכלין האט אין 1510 אָפּגעגעבען זיין מיינונג דאָס אנשטאט צו פארברענען דיא אידישע ספרים זאָלען בעסער דיא קריסטליכע געלעהרטע זייא שטודירען, עס פערשטעהט זיך אז מען האָט איהם בעשולדיגט דאָס די אידען האָ־בען איהם אונטער געקויפט און עס האָט זיך אָנגעפאנגען א ביטערע ליטעראַרישע דעבאטע און אינטריגען נעגען רייכלין און דיא הומאניסטען. אבער דיא גערעכטיג־קייט האט דיעזעס מאָל געזיעגט. רייכלין האָט איבערציינט דעם פאפסט (לעא .X) אז ער איז גערעכט און דיא דאָמיניקאנער אינקוויזיטאָרען האבען ערליטען דיא ערשטע מפלה אין זייער אנגריף אויף אידען.

דיעזער זיעג פון איין עהרליכען קריסטליכען געלעהרטען איבער פאנאטישע גלחים איז געווען נאך וויכטיגער ווייל דאס האט געמאכט א וועג פאר א פיעל גרע־סערען און וויכטיגערן אנגריעף אויף דיא מאכט פון דיא קאטהאָלישע קירך. נאָך רייכלין איז געקומען ל ו ט ה ע ר, דער גרינדער פון די פּראטעסטאנטישע סעקטע וועלכע האט פון זיך אראָפּגעוואָרפען דעם יאָך פון פאפסט. לוטהער האָט אפילו אליין פיינד געהאט אידען און שפעטער ווען ער האָט זיך געפיהלט שטארק האָט ער נעגען זייא געשריבען וויא איין אמתער פאנאטיקער; אבער דיא רעפאָרמאציאָן וועלכע האט אפּגעשוואכט דיא קאטהאָלישע קירך האָט געהאָלפען צו פארברייטען ליבעראלערע אידעען און האָט בייא געטראגען צו דיא ענטוויקלונג פון פרייהייט אין אייראָפּא בכלל. דיא פּראָטעסטאנטען האבען אנגעפאנגען צו שטודירען דעם תנ״ך, דיא קאטהאָליקען זיינען געצוואונגען געווארען זייא נאָכצוטהאָן אום זיך צו קענען נעגען זייא פארטהיידיגען. דיעזעס האט צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון קריסטליכע געלעהרטע צו אידישע ווערק איבער תנ״ך און אויך איבער אנדערע

געגענשטענדע. אזוי געפינען מיר דאס העברעאישע ווערק זיינען אין יענע צייטען אפט איבערזעצט געוואָרען אין לאַטייניש ווייל קריסטען האָבען געוואָלט שטודירען וואס אין זייא געפינט זיך.

אין איטאַליען איז אין דער צייט פון מיטעלאלטער אויך געווען וועניגער פינ-סטער וויא אין אנדערע לענדער און אידען האבען דאָרט אפט ערוואָרבען פיעל קענטניסע אין צייטען ווען אין אנדערע לענדער אויסער שפאניען איז דאס געווען כמעט אונמעגליך. אזוי געפינען מיר אין עלפטען יאהר-הונדערט רב נתן בן יחיאל פון רוים (געשטארבען 1106) דער מחבר פון תלמודישען ווערטער בוך „ערוך" וועלכער איז געווען א א טיכטיגער שפראך-קענער. אונגעפעהר 200 יאהר שפעטער האט אין דיא זעלבע שטאָדט געלעבט דער פאָעט ר׳ עמנואל הרומי (1265–1330) פערפאסער פון מחברת עמנואל אויף וועלכען מען דערצעהלט אז ער איז געווען א פערזענליכער פריינד פון דעם אונשטערבליכען איטאַליענישען פאעט דאנטע. אי-טאליען איז געשטאנען העכער פון אלע קריסטליכע אייראפייאישע לענדער ווען דאס מיטעלאלטער האט זיך געענדיגט און די צייט פון ווידער-געבורט אדער אָפלע-בונג פון בילדונג איז געקומען איז איטאליען שוין דאן געווען א מיטעלפונקט פון קונסט און וויסענשאפט. דאָרט האט זיך אויך דיא אידישע בוכדרוקעריא צום ערשטען ענטוויקעלט. רייכלין און אנדערע דייטשע געלעהרטע האָבען שטודירט אין איטאליען און אידען האָבען דאָרט אויך פארנומען א וויכטיגען פלאַטץ אין די געלעהרטען-וועלט. איינער פון וויכטיגסטע אידען אין איטאליען אין ערשטען העלפט פון 16טען יאהר-הונדערט איז געווען שמואל אברבנאל, דער איינגסטער זאָהן פון דון יצחק, וועלכער האָט בעקליידעט א הויכען אמט אונטער דעם וויצע קעניג אין נעאפעל. ער איז געווען זעהר רייך און געלערנט און א פריינד פון געלערנטע. ער האָט געבראכט ארום זיך אידישע געלעהרטע און פאָעטען פון פארשידענע געגענ-דען און קריסטען פלעגען אפט קומען הערען דיא פארטרעגע איבער אידישע געגענ-שטענדע וואָס פלעגען געהאלטען ווערען אין זיין הויז. צו יענער צייט (1521) האט אויך געלעבט אין איטאליען דער דאָקטאר און שפראכקענער אברהם די בלמש. זיין ווערק „מקנה אברם" איז אָפגעדרוקט געוואָרען מיט א לאַטיינישע איבערזעצונג וואס א קריסטליכער געלעהרטער האָט געמאכט. אויך אידישע געלעהרטע האבען איינגעוואנדערט פון דייטשלאנד נאָך איטאליען און דער גרעסטער פון זייא, ר׳ אליהו בחור הלוי אדער וויא דיא קריסטען רופען איהם עליא לעוויטא (1468–1549) איז געווען דער לעהרער און פריינד פון פיעלע קריסטליכע געלעהר-טע און איינינע קארדינאלען. מעהרערע פון זיינע וויכטיגע ווערקע איבער העברעאיש

און תנ״ך זיינען ארויסגעגעבען געווארען מיט לאטיינישע איבערזעצונגען. ר׳ יהודה מיסיר ליאון, דער טעפער דיינקער ר׳ אליהו דעל מעדיגה פון קאנדיא (געשטאָרבען 1498) און ר׳ יצחק נתן פון פּראָווענס, פערפאסער פון דיא „קאָנקאָרדאנץ״ מ א י ר נ ת י ב געהערען אויך צו יענעם דור.

צווישען דיא אידען אין איטאליען פון וועלכע פיעלע האבען זיך אָפּגעגעבען מיט וועלטליכע קענטניסע און מיט דיא ערפאָרשונג פון דיא העברעאישע שפּראַך האָבען נאטירליך אויך ניט געפעהלט גרויסע תלמודישע געלעהרטע. איינער פון זייא איז געווען ר׳ יוסף קולון, וועלכער האָט געשטאַמט פון פראנקרייך און איז ערצויגען געוואָרען אין דייטשלאנד און איז קומענדיג נאך איטאליען געוואָרען דער רב פון מאנטוא. דארט האט ער אנגעפאנגען קריעג מיט דעם פילאָזאָף און מדקדק מיסיר ליאון וועלכער איז געפיהרט געווארען מיט אזוי פיעל ביטערקייט פון ביידע זייטען דאס דער הערצאָג פון מאנטוא האָט זייאביידען ארויסגעטריבען פון שטאָדט. שפּעטער האָט דער זעלבער ר׳ יוסף קולון געהאט א מחלוקה מיט דעם אבער־ראבינער פון טירקיי ר׳ משה קאפסאלי. א צווייטער גרויסער תלמודיסט אין איטאליען אין יענער צייט, אויך איין אויסלענדער, איז געווען ר׳ יהודה מינץ פון מאינץ אין דייטשלאנד, וועלכער איז געווען רב פון פאדוא און איז געשטאָרבען אין 1509 הונדערט יאהר אלט. ער איז אויך געווען א שטרענגער פרומער תלמודיסט און האָט געפיהרט א מחלוקה מיט דעם פילאזאף ר׳ אליהו דעל מעדינה. שפּעטער איז ר׳ מאיר קאצענעלענבויגען (מהר״ם פאדובה) דער איידעם פון ר׳ יעקב פּאָלאק פון פּראָג געווארען רב אין פאדוא (געשטאָרבען 1555) און דער מדקדק ר׳ שמואל ארקיוואלטי איז געווען איינער פון זיינע תלמידים. ר׳ אברהם אריה פּארטאלעאָנע (מ ש ע ר א ר י ה) דער פערפאסער פון „שלטי הגבורים״ איז געווען דער דאָקטאר ביים הערצאג פון מאנטוא און ר׳ יעקב מאנטיני און ר׳ יצחק די פומוס זיינען געווען פעפּסטליכע ערצטע, דער ערשטער בייא פּאפּסט פּאול .III און דער צווייטער בייא פיאוס .VI (1565).

אונטער דיא איבריגע אידישע געלעהרטע וועלכע האבען אין 16טען יאהרהונדערט אין דער צייט פון אויפבליהונג פון וויסענשאפט געלעבט אין איטאליען פּארדינען נאך דערמאהנט צו ווערען ר׳ אברהם פאריסאל (פּריצול 1525—1451) וועלכער איז אין זיין ווערק איבער געאגראפיע „אגרת ארחת עולם״ געווען דער ערשטער אין דיא אידישע ליטעראטור צו דערמאנען דיא ענטדעקונג פון אמעריקא, א צווייטער איינגעוואנדערטער געלעהרטער וועלכער האָט אויך וויא פאריסאָל געשטאמט פון פראנקרייך, איז געווען ר׳ יוסף הכהן, דער ערשטער איד וועלכער

האט געהאט דעם ריכטיגען בעגריף פון היסטאריע און דער פערפאסער פון דיא וויכטיגע היסטארישע שילדערונג פון אידישע צרות „עמק הבכא“ (געבארען 1496, געשטארבען 1575). אין איטאליען איז אויך אויפגעוואקסען דער ערשטער אמת'ער קריטיקער פון דיא אידישע ליטעראטור, ר' עזריה די ראססי (מן האדומים, געבא־רען 1514, געשטארבען 1578) וואס זיין ווערק „מאור עינים“ איז איינע פון דיא וויכטיגסטע ביכער אין אונזער ליטעראטור.

דיא גרויסע גייסטיגע טהעטיגקייט פון דיא אידען אין איטאליען אין 16טען יאהר־הונדערט איז געווען דיא נאטירליכע פאלגע פון דיא טהעטיגקייט פון דיא קריסטען און האט האט נור געדויערט אזוי לאנג וויא מען האט דיא אידען געלא־זען אין פריעדען. אבער וויא געוועהנליך האט מען זייא ניט לאנג געלאזען אין פריעדען. עס איז באלד געקומען א רעאקציאן צו וועלכע דער ניי־געגרינדעטער אר־דען פון דיא יעזואיטען האט פיעל בייגעטראגען. אין מיטען פון 16טען יאהר־הונדערט האט דער פאפסט איינגעפיהרט דעם בעקאנטען קאטהאלישען „אינדעקס“ אדער אנווייזער פון ביכער וואס זיינען פארבאטען. אונטער דיא פאר־באטענע ביכער האט זיך אויך געפונען דער תלמוד, דער זוהר און אנדערע אידישע ווערקע. דער תלמוד איז פארברענט געווארען אין רוים אין 1553 און אין קרימאנא 1559. עס זיינען אויך אין יענער צייט פארגעקומען פערפאלגונגען אין פערשיעדענע טהיילען פון איטאליען וואו דער שפאנישער איינפלוס האט זיך אנגעהויבען צו פארברייטען. בעזאנדערס אין דיא שטעדט וואס זיינען געלעגען אונטער דעם פאפסט פאול .IV און זיינע נאכפאלגער. פון איינגע שטעדט זיינען אידען אין גאנצען אויסגעוויעזען געווארען. נעאפעל האט פארטריבען דיא אידען אין 1541, גענוא אין 1550 און מילאן אין 1597. אנדערסוואו וויא אין וועניס זייט 1516 זיינען זייא געצוואונגען געווארען צו וואוינען נור אין געוויסע טהיילען שטאדט*) דיעזע ערנידריגונגען האט צוריק אראפגעדריקט דעם אידישען גייסט און אין דיא נעקסטע דורות געפינען מיר דיא אידען אין איטאליען געזונקען כמעט אזוי טיעף וויא אין אנדערע לענדער. אידישע געלעהרטע פון איטאליען מיט ווענינע אויסנאהמען וויא ר' יהודה אריה די מודינא (1571—1648) און ר' יוסף דעל מעדיגה (יש"ר מקנדיא, 1591—1655), פארנעהמען ניט מעהר קיין וויכטיגען פלאץ אין דיא אידישע גע־שיכטע.

---

*) עס איז ניט קלאר בעוואוסט פון וואנען דאס ווארט „געטטא“ שטאמט אפ, אבער עס איז געוויס אז צו אונז איז עס געקומען פון איטאליען.

פיערטער קאַפּיטעל.

אידען אונטער טירקישע הערשאַפט. ר׳ יוסף קארו אונזיין צייט. דון יוסף נשיא. שלמה אשכנזי.

אַזוי וויא דיא אראַבער אין שפּאַניען האָבען אין אָנפאַנג זיך געציינט זעהר פריינדליך צו דיא אידען וואס זיי האָבען געפונען אין דיא קריסטליכע לענדער וואס זיי האָבען איינגענומען, אַזוי האָבען אויך דיא טערקען, נאַכדעם וויא זיי האָבען איינגענומען קאָנסטאנטינאָפּאָל און דיא איסט רוימישע מלוכה אין 1453 בעהאנדעלט זעהר פריינדליך דיא אידען וואָס זיינען יעצט געקומען אונטער זייער הערשאַפט. דיא טירקישע רעגיערונג וועלכע האָט געמאַכט קאָנסטאנטינאָפּאָל צו איהר הויפּט שטאָדט איז דאַן געווען דיא מעכטיגסטע אין אייראָפּאַ און אַלע קריסטליכע פעלקער האָבען פאַר איהר געציטערט. איהר פריינדשאַפט צו אידען איז דאָרום געווען פון גרויסען ווערטה און עס האָט זיך באַלד ענטוויקעלט אונטער איהר שוץ א אידישער מיטעלפּונקט וועלכער איז פאַר א צייט געווען וויכטיגער וויא דיא אידישע מיטעלפּונקטען אין איטאַליען און אין פּוילען. דיא גוטע מאַטעריעלע לאַגע פון דיא אידען האט דאָ אויך ניט פאַרפעהלט זיי צו דערהויבען אויף א העכערע גייסטיגע שטופע, אבער אַזוי וויא דיא טערקען אַליין זיינען בעזעסען זעהר וועניג וועלטליכע בילדונג האט דיא אידישע ענטוויקלונג וועלכע איז פון זיי בעאיינפלוסט געוואָרען אויך אָנגענומען א רעליגיעזען כאַראַקטער. דיא גרויסע מענער פון יודענטהום אונטער טירקיי אין יענער צייט זיינען מייסטענס בעריהמט געוואָרען דורך זייער תלמודישע און קאַבאַליסטישע געלעהרזאַמקייט, אָבגלייך אידען האבען אויך געמאַכט גרויסע פאָרטשריטע אַלס געשעפטסלייט, אלס ערצטע און אלס דיפּלאָמאַטען. עס האָט דיא טערקען געפעהלט דיא שאַרפזיניגקייט און דעם דורשט נאָך וויסענשאַפט וואס האָט אויסגעצייכענט דיא ערשטע אראַבער אין שפּאַניען און דערפאַר איז עס אונמעגליך געווען פאַר דיא דאָרטיגע אידען צו ערדייכען אַזא הויכע שטופע וויא דיא אידען אין שפּאַניען האָבען ערדייכט מיט איינינע הונדערט יאָהר פריהער.

וואָס אידען האָבען אָבער אין יענע צייטען אם מייסטען נייטהיג געהאַט איז געווען איין אָרט וואו מען זאָל זיי לאָזען צורוה און ניט אנטהאָן קיין צרות וועגען זייער רעליגיאָן. אזא אָרט איז טירקיי פאר זיי געוואָרען און זיי האָבען שנעל געמאַכט געברויך פון איהר פריינדשאַפט. רייזענדע אידען זיינען באַלד אויפמערקזאַם געוואָרען אויף דיא גוטע בעהאַנדלונג וואָס אידען האָבען דאָרט און איינער פון זיי, א געוויסער ר׳ יצחק צרפתי, האָט אין 1475 (1456 ?) געשריבען א בריף אין וועלכען ער האָט געראַטהען דיא פערפאָלגטע אידען פון אלע קריסטליכע לענדער אהין צו קומען. דיעזער בריעף איז פון זיינע פריינדע פאַרשפּרייט געוואָרען אלס איין אויפרוף אויס צו וואַנדערן נאָך טירקיי און מאססען אידען האָבען אָנגעפאַנגען דאָרטען איין צו וואנדערן. איינינע יאהר שפּעטער איז געקומען דיא אויסווייזונג פון שפּאַניען און דער דאַמאָלינער טירקישער סולטאַן, באַיאזעט האט געזאָגט: דער אונגלויבינער קריסט האָט געטהאַן א גרויסע דומהייט. דיא טויערן פון מיין לאנד זאָלען ברייט אויפגעעפענט ווערען פאר דיא פאַרטריבענע. עס איז שוין פריהער בעמערקט געווארען דאס פון אלע אונגליקליכע פאַרטריבענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאל האבען געמאכט אם בעסטען דיא וועלכע זיינען אוועק נאָך טירקיי. דאס לאנד האט פון זיי אויך געהאט פיעל נוצען ווייל זיי האבען מיטגעבראכט קענטניסע און פעהינקייטען וואס האבען דיא טערקען געפעהלט. דיא שפּאנישע אידען האבען ניט נור פארשפּרייט האנדעל און געלעהרזאמקייט, זאנדערן האבען אויך פאבריצירט וואפען און פולווער און געלערענט דיא טערקען וויא דאס צו געברויכען. „מען זאגט אז פערדינאנד פון שפּאניען איז א קלוגער קעניג" — האט דער סולטאן שפּעטער געזאגט — „אבער מיר שיינט ער צו זיין זעהר דום. ער האט ארעם געמאכט זיין לאנד און רייך געמאכט מיינע".

אין 1516 איז געווען א גירוש אין אונגארן און פיעלע פון דיא אידען וועלכע זיינען פון דארטען פארטריבען געווארען האבען זיך אויך געווענדעט נאך טירקיי און דארטען געצוונגען א פריינדליכע אויפנאהמע. אין 1517 האט סולטאן סעלים I צוגענומען עגיפּטען און סיריען מיט ארץ ישראל פון דיא מאמעלוקען וועלכע האבען דארט ביז יעצט געהערשט און זייט דאן האט דיא אידישע געמיינדע אין ארץ ישראל אָנגעהויבען צו וואקסען און האט שנעל עררייכט גרויס וויכטיגקייט. סולטאן סעלים האט אין עגיפּטען אוועקגעזעצט דעם אידען אברהם דע קאַסטרא אלס „מינץ־מייסטער" צו מאכען מטבעות אין נאמען פון דער רעגיערונג. דע קאסטרא האָט אָבער אויך פערשטאַנען פּאָליטיק און האָט צושטערט דעם פּלאַן פון אכמעד שאַיטאַן פּאשא אָפּצורייסען עגיפּטען פון סולטאַן׳ס הערשאַפט. סעלים׳ס פריינד־

שאפט צו אידען האט זיך דורך דעם נאך מעהר פארשטארקט. ער האט אויך געהאט אידען אונטער זיינע ראטהגעבער און הויפליים און זיין לייב־דאקטאר איז געווען א שפאנישער איינוואנדערער, יוסף המון, דער פאטער פון ר׳ משה המון (1490—1565) דעם בעריהמטען לייב־דאקטאר פון סולטאן סאליימאן, סעלים׳ס זאהן און נאכפאלגער, וועלכער האט רעגיערט פון 1520 ביז 1566.

אין יענע צייטען האט קאנסטאנטינאפאל געהאט 30,000 אידישע איינוואוינער, 44 שולען און א רב א הכולל איבער גאנץ טירקיי. נאך דעם טויט פון ר׳ משה קאפסאלי (1420—1495) איז אויף דיזע הויכע שטעללע געקומען דער בעריהמטער ר׳ אליהו מזרחי (רא״ם, 1455 — 1525). אבער היא איינוואנדערער פון שפאניען האבען באלד געמאכט ארץ ישראל צום מיטעלפונקט פון אידישע געלעהרזאמקייט. ערשט מיט א קורצע צייט פריהער האט ר׳ עובדיה ברטנורא, דער פערפאסער פון דעם בעקאנטען פירוש אויף משניות (1450—1520) וועלכער איז איינגעוואנדערט פון זיין פאטערלאנד איטאליען נאך ארץ ישראל, געשריבען אז ער האט געפונען ירושלים אלס א נעסט פון רויבער און מערדער, וואו קיין אנשטענדיגער מענש איז ניט זיכער מיט זיין לעבען אדער איינענטהום. אבער דיא אויפוואקסענדע אידישע בעפעלקערונג האט שנעל געבראכט ארדנונג און זיכערהייט און עס האבען באלד אנגעהויבען צו בליהען געשעפטען און ווערק־הייזער וואו עס איז געזארגט געווארען פאר דיא ערנעהרונג פון קערפער און אויך ישיבות וואו דער אידישער גייסט האט געקריגען דיא נאהרונג וואס איהם האט געפעהלט אין יענע צייטען.

איינער פון דיא ערשטע גרויסע רבנים אין ארץ ישראל פון שפאנישער אבשטאמונג איז געווען ר׳ יעקב בירב (1474—1541) וועלכער איז, וויא פיעלע אנדערע, פריהער אוועק פון שפאניען נאך נארד אפריקא און דאן פון דארט נאך ארץ ישראל. ער האט זיך בעזעצט אין דיא יונגע שטאדט צפת וועלכע איז אין קורצען געווארען באלד אזוי וויכטיג וויא ירושלים. ר׳ יעקב בירב איז אם מייסטען בעקאנט אין דער אידישען געשיכטע דורך זיין אנשטרענגונג צוריק איינצופיהרען דיא סמיכה פון רבנים וועלכע האט אויפגעהערט פון א לאנגע צייט. זיין הויפטגעגנער אין דיזע פראגע איז געווען אויך א שפאנישער איינוואנדערער, וועלכער איז געווען אין יענער צייט דער רב פון ירושלים. זיין נאמען איז געווען ר׳ לוי בן חביב, (דער זאהן פון ר׳ יעקב חביב דעם פערפאסער פון „עין יעקב״) און דיא מחלוקה צווישען זיי איבער דיא פראגע פון סמיכה האט אין יענער צייט געמאכט פיעל אויפזעהן אונטער רבנים פון אלע לענדער, אנדערע גדולים פון יענער צייט וועלכע פערדיענען דערמאהנט צו ווערען זיינען: ר׳ אברהם זכות (זאקוטא) דער

אסטראָנאָם און היסטאָריקער, וועלכער איז אויך געוועזן פון דיא פארטריבענע פון שפאניען און האט פערפאסט זיין היסטאָרישעס ווערק „ספר יוחסין“ אין 1504. ר׳ משה (מהר״ם) אלשאקאר, א פילאָזאָף און בעל קבלה וועלכער איז אויך וויא דיא פאָריגע אוועק פון שפאניען נאָך אפריקא און שפעטער פון דאָרט נאָך ארץ ישראל. מעהר בעריהמט פון זיי ביידען איז געוועזן ר׳ דוד אבן זמרא (רדב״ז, 1470—1573) וועלכער איז פארבליבען אין אפריקא און איז געוואָרען דער בעריהמטעסטער רב אין עגיפטען און איינער פון דיא גדולים פון זיין צייט. ער האט געלעבט 103 יאָהר און האט פיעלעס אויפגעטהאָן פאר דיא אידען וועמענס פיהרער ער איז גע־וועזן. אָבער אלע גדולים פון 16טען יאהרהונדערט זיינען פארדונקעלט געוואָרען פון צוויי לייטע וועלכע האבען דאן געלעבט אין צפת און וואָס זייער איינפלוס אויף דעם יודענטהום איז געוועזן אונבעגרענעצט אין דער צייט פון זייער לעבען און איז נאָך זעהר גרויס אין דעם רעליגיעזען לעבען ביז היינטיגען טאָג.

דער ערשטער פון דיעזע צוויי איז געוועזן ר׳ יוסף בן אפרים קארו וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין שפאניען אין 1488. אלס קינד איז ער געבראכט געוואָ־רען נאָך טירקיי און ער האט געוואוינט אין ניקאָפאָל, אין אדריאנאָפאל און דער־נאָך אין צפת. ער איז דער לעצטער פון דיא גרויסע פוסקים אָדער זאמלער פון דינים וואָס בעשטימען וויא א פרומער איד דארף זיך פיהרען, און זיין הויפטווערק, דיא פיער טהיילען פון שלחן ערוך (פאר וועלכע ער האט גענומען צום גרונדלאגע, דיא טורים פון ר׳ יעקב בן אשר וועלכער איז פריהער דערמאָהנט געוואָרען) איז אנערקענט געוואָרען פון אלע אידען אלס אויטהאָריטעט נאָך וועלכע רעליגיעזע פראגען ווערען ענטשידען. *) אידישקייט אין א רעליגיעזען זינן האט פון דאמאָלס אָן אָנגענומען דיא פאָרם וועלכע ר׳ יוסף קארו האט איהר געגעבען און צו זיין א פרומער איד מיינט זייט דאן צו היטען דאָס וואָס שטעהט אין זיין שלחן ערוך. אויף דיא עלטערע יאָהרען האט ער זיך אָנגעהויבען אויך צו בעשעפטיגען מיט פאנ־טאזיען פון נבואה און קבלה וויא מען געפינט אין זיין ספר „מגיד מישרים“ אויף

---

*) ר׳ משה איסרלש פון קראקוי, וועלכער איז שוין פריהער דערמאָהנט געוואָרען אלס איינער פון דיא ערשטע גרויסע רבנים אין פוילען האט געמאכט דיא הגהות וועלכע ער האט גערופען מפה (טישטוך) אויף קארו׳ס שלחן אָדער טיש. דיעזע הגהות גיבען אם מייכטען דיא דינים און מנהגים פון דיא אשכנזים דאָרטען וואו זיי אונטערשיידען זיך פון דיא ספרדים אָדער שפאניער פאר וועמען ר׳ יוסף האט זיך הויפטזעכליך אינטערעסירט.

וועלכען אנדערע דיינקען אָבער אז איין אנדערער האָט איהם געשריבען אין זיין נאָ־מען. ער האָט געלעבט 87 יאָהר און איז געשטאָרבען אין 1575.

דער צווייטער בעריהמטער איד פון צפת אין יענער צייט איז געווען דער בעל קבלה ר׳ יצחק לוריא אשכנזי („אר״י הקדוש״) וועלכער האָט געשטאַמט פון א פאַ־מיליע וואָס איז איינגעוואנדערט פון דייטשלאַנד און איז געבאָרען געוואָרען אין ירושלים אין 1534. אלס קינד איז ער אוועק נאָך עגיפּטען צו א רייכען אָנקעל און האָט דאָרט געלערנט תלמוד. אָבער דער זוהר וועלכער איז דאַן צום ערשטען מאָהל געדרוקט געוואָרען, האָט איהם מעהר פאַראינטערעסירט און ער האָט זיך אריינגע־לאָזען אין שטודירען קבלה. ער האָט פיעל יאָהרען געלעבט אין איינזאַמקייט, געהאַט וועניג צו טהאָן אפילו מיט זיין אייגענע פאַמיליע און זיך אויפגעפיהרט אויף א מערקווירדיגע ארט. ער האָט אויסגעארבייט א נייע סיסטעם אין דיא געהיימע טהעָ־אָריען פון קבלה און האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם געדאנקען פון גלגול נשמות און פון געהן אויף קברים פון בעריהמטע לייט מעהר וויא יעדער איד ביז זיין צייט. אין עגיפּטען האָט ער געפונען וועניג אנהענגער און ער איז דארום מיט זיין פרוי און קינד געקומען נאָך צפת וואו קבלה האָט דאַן געבליהט אונטער דיא פיהרער־שאַפט פון ר׳ שלמה אלקבץ (דער פערפאַסער פון „לכה דודי״) און דאַן פון זיין תלמיד ר׳ משה קורדובירו. אין אָנפאַנג האָט ר׳ יצחק לוריא דאָרט ניט געפונען קיין אנהענגער, נור שפּעטער ווען ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט זיין בעריהמטען תלמיד ר׳ חיים וויטאל קאלאבּרעזי (1543—1620) דער זאָהן פון א כופר וועלכער איז איינגעוואנדערט פון איטאליען איז דיא נייע לעהרע שנעל פאַרברייטעט געוואָ־רען און דער אר״י האָט אָנגעהויבען בעטראַכטעט צו ווערען אלס א הייליגער מענש. דער פּלוצלינגער טויט פון ר׳ יצחק לוריא אין 1572 ווען ער איז אלט געווען נור 38 יאָהר, האָט זיין נאָמען נאָך מעהר פאַרגרעסערט. ר׳ חיים וועלכער האָט געהאַט א מערקווירדיגע פּאָעטישע פאַנטאַזיע פאַר געהיימניס און אונבעגרייפליכע טהעאָ־ריען און האָט זיך איינינע יאָהר בעשעפטיגט מיט אלכעמיע *) האָט אויסגעארבייט דיא קאַבּאַליסטישע סיסטעם פון לוריא אין זיין ווערק „פרי עץ חיים״ וועלכעס איז געוואָרען פאַר דיא נייע בעלי קבלה כמעט דאָס זעלבע וואָס דער „שלחן ערוך״ פאַר פרומע אידען. דיא נייע קבלה איז שנעל פאַרברייטעט געוואָרען און איז אריינגע־וואַקסען אין דעם רעליגיעזען לעבען פון אידען פיעל מעהר וויא אין פריהערע צייטען.

---

*) דיא אַלכעמיסטען האָבען געזוכט דעם סוד וויא צו פערוואַנדלען אייגפאַכע מעטאַלען אין גאָלד, א סוד וועלכען זיי האָבען נאַטירליך קיינמאָל ניט געפונען.

אלע שפעטערע רעליגיעזע בעוועגונגען אין יודענטהום זיינען שטארק בעאיינפלוסט געווארען פון דיא געהיימע טהעאריען פון קבלה.

דער פארטשריט וואס אידען אונטער דיא נייע טערקישע הערשאפט האבען געמאכט אויף דעם פעלד פון תלמודישע און קאבבאליסטישע געלעהרזאמקייט איז ניט געוועזען גרעסער וויא זייער פארטשריט אין דיא פאליטישע אנגעלעגענהייטען פון לאנד. סולטאן סאליימאן I. איז געוועזען זעהר פריינדליך צו אידען און ווען עס האט זיך געמאכט א געלעגענהייט האט ער געוויזען זיין פריינדליכקייט דורך אנטרויען הויכע שטעלען צו אידישע בעאמטע. ער איז געוועזען דער פריינד און בעשיצער פון דון יוסף נשיא, דער מאן וועלכער האט ערדייכט דיא העכסטע פאליטישע שטופע צו וועלכע א איד איז ווען געקומען אין אייראפא זייט דיא אידישע קעניגע פון לאנד פון דיא בחורים.

דון יוסף נשיא איז געוועזען א מערקווירדיגער מאן מיט פיעל פעהיגקייטען און פיעל גליק. ער איז געבארען געווארען אין ליססאבאן, פארטוגאל אין א פאמיליע פון מאראנען אין 1515 און איז אויפגעצויגען געווארען אלס פארשטעלטער קריסט. זיין טאנטע איז געוועזען דאנא גראציא מענדוזא (אדער מענדעס) וועלכע האט געירשנט פון איהר מאן גרויסע אוצרות און פלעגט פארלייהען געלד צו קעניגע און פירסטען. דיא לאגע פון דיא מאראנען אין פארטוגאל איז קיין מאל ניט געוועזען זיכער און דאנא גראציא מיט איהר טאכטער רעינא און שפעטער אויך דון יוסף זיינען אוועק פון פארטוגאל. זיי זיינען אויסגעשטאנען פערשיעדענע געפאהרען אין דער היים וויא אויך אין אנטווערפען און אין איטאליען ביז זיי זיינען איינציגווייז אנגעקומען אין קאנסטאנטינאפאל וואו זיי זיינען עפענטליך צוריק געווארען אידען. דון יוסף האט געהייראטהעט זיין טאנטע'ס טאכטער און איז דאדורך געקומען אין בעזיץ פון גרויס רייכטהום. דער סולטאן האט זיך געצייגט זעהר פריינדליך צו דעם רייכען געשייד־טען אידען און דון יוסף וועלכער איז געוועזען א מוטהיגער אונטערנעהמער האט פון דיא פריינדשאפט געמאכט גוטען געברויך. ער האט פון סולטאן געקריגען א שטיק לאנד און דיא ערלויבניס צוריק אויפצובויען דיא שטאדט טבריא אין ארץ ישראל. ער האט דארט געגרינדעט פאבריקען און געפלאנצט בוימער פאר דיא זיידען־קול־טור. דיא געגענד וועלכע איז געוועזען א לאנגע צייט וויסט האט אונטער זיין גע־שיקטע פערוואלטונג שנעל אויפגעבליהט.

סאליימאן'ס נאכפאלגער, סולטאן סעלים II. וועלכער האט רעגיערט פון 1566 ביז 1574 איז געוועזען נאך פריינדליכער צו דון יוסף וויא זיין פאטער און האט איהם געמאכט צום הערצאג פון דיא אינזעל נאקסאס און נאך איינינע אינזלען ביי

גריכענלאַנד וועלכע זיינען דאַן איינגענומען געוואָרען פון טירקיי. דון יוסף איז געווען איינער פון דיא מיניסטאָרען פון סולטאַן און האָט דאַרום איבערגעגעבען דיא רע־גיערונג פון זיין הערצאָגטהום אין דיא הענד פון אַ בעאַמטען אונטער איהם און האָט אַליין געוואוינט אין בעלוועדער, אַ פּאַלאַסט ניט ווייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיין איינפלוס אויף דעם סולטאַן איז געווען אַזוי גרויס דאָס אַלע אינטריגען וואָס זיינען אין הויף געגען איהם געמאכט געוואָרען האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט. דון יוסף׳ס הויפּט געגנער איז געווען דעם סולטאַן׳ס גרויס־וויזיר סאקאָללי, אַ גע־וועזענער קריסט וועלכער איז אונטערשטיטצט געוואָרען פון שלמה אשכנזי אַ איטאַ־ליענישער איד פון וועניס וועלכער איז געווען איינער פון דיא דיפּלאָמאַטען פון הויף. אָבער דון יוסף האָט געהאַט אין האַנד דיא מייסטע דיפּלאָמאַטישע פערהאַנדלונגען פון סעלים׳ס רעגיערונג און סאקאלי האָט איהם ניט געקענט פיעל שאַדען. דון יוסף האָט געפיהרט קאָרעספּאָנדענץ מיט קייזער פערדינאַנד פון דייטשלאַנד, פלעגט עמפּפאַנגען פרעמדע געזאַנדטע און איז געווען דער אַנערקענטער פערטרעטער פון סולטאַן און זיינע בעציהונגען מיט אַנדערע לענדער. סעלים איז דאַן געווען דער מעכטיגסטער מאָנארך אין אייראָפּאַ און דער אידישער הערצאָג האָט זיך געפיהלט אַזוי שטאַרק אין זיין שטעלונג דאָס ער האָט אין אַלעקסאַנדריען פאַרהאַלטען איי־ניגע פראַנצויזישע שיפען און זיי ניט אָועקגעלאָזען ביז דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט איהם בעצאָהלט אַ סומע געלד וואָס זיא איז שולדיג געבליעבען זיין טאַנטע׳ס באַנקהויז פון ליססאַבאָן און אַנטווערפּען. אַלע פּראָטעסטען פון פראַנקרייך האָבען ניט געהאָלפען ווייל דער סולטאַן האָט ערקלערט אַז דון יוסף איז גערעכט ווען ער מאַהנט אויף מיט געוואַלט וואָס ער קען ניט אָפּקריגען מיט גוטען.

דון יוסף האָט געזיעגט איבער זיין געגנער סאקאלי ווען ער האָט אויסגעפיהרט אַז סעלים זאָל פיהרען אַ קריעג מיט וועניס, אָבער סאקאַלי׳ס איינפלוס איז געווען גרויס גענוג צו פאַרהינדערן דיא דורכפיהרונג פון דעם סולטאַן׳ס פּלאַן צו מאַכען דון יוסף צום קעניג פון אינזעל ציפּערן. דאָך איז דער הערצאָג פון נאַקסאָס געבלי־בען אויף זיין הויכע שטעלע. ווען סעלים איז געשטאָרבען אין 1574 האָט ער אָנגע־זאָגט זיין נאָכפאָלגער מוראד. III. ער זאָל ניט צונעהמען פון דון יוסף זיין הערצאָג־טהום אָדער זיין רייכטהום און מוראד וועלכער איז געשטאַנען מעהר אונטער דעם איינפלוס פון דיא געגנער פון אידישען פירסט, האָט דיא צוואה געפאָלגט. דון יוסף איז געבליבען הערצאָג אָבער זיין דיפּלאָמאַטישע גרויסקייט איז געווען צו ענדע. ווען ער איז געשטאָרבען אין 1579 האָט דער סולטאַן געפונען אַ תירוץ אוועקצו־נעהמען אַ גרויסען טהייל פון זיין פאַרמעגען און האָט פאַר דיא הערצאָגין נאָך

געלאָזען די סומע פון 90,000 דוקאַטען וואָס זיא האָט געהאַט איהר איינענס ווען זיא האָט געהייראַטהעט דון יוסף.

דון יוסף נשיא האט זיך פיעל אינטערעסירט פאַר אידען און פיעל געטהאָן פאַר זיי. מען גלויבט אויך אז ער האָט געהאַט אין געדאַנקען צו גרינדען א אידישע מלוכה, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען דאָס דורכצופיהרען. זיין שלאָס איז געווען א זאַמעל פּלאַץ פאַר אידישע געלעהרטע. ער האָט געהאַט א שול און א גרויסע ביבליאָטהעק און האָט אויך געגרינדעט א אידישע דרוקעריי. אידישע שרייבער פון יענעם דור לויבען איהם זעהר פיעל און איינער פון זיי *) בעמערקט דאָס א איד האט ניט ערדייכט אזא הויכע שטופע זייט יוסף הצדיק איז געווען משנה למלך ביי פּרעה אין מצרים.

שלמה אשכנזי, דער געגנער און ביז א געוויסען גראַד דער נאכפאָלגער פון דון יוסף אלס דיפּלאָמאַט פון טירקישען האָף איז געווען א תלמודיסט און א דאָקטאָר און האָט זיך אָפט גערופען מיט דעם טיטעל „רבי“. ער איז ניט געווען אנערקענט אלס מיניסטער און האָט זיך אימער געהאַלטען א ביסעל פון הינטען, דורכפיהרענדיג אַלעס דורך זיין איינפלוס אויף דעם גרויס-וויזיר סאָקאָלי. נור איינמאָל איז ער בעאויפטראַגט געוואָרען אליין צו פיהרען א וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע פערהאַנדלונג. דאָס איז געווען ווען ער און סאָקאָלי האָבען אויסגעווירקט אַז דער סולטאַן זאָל שליסען פריעדען מיט די רעפּובליק וועניס און ענדיגען דעם קריעג וואָס איז אנגעפאַנגען געוואָרען אויף דעם ראַטה פון דון יוסף נשיא. דער סולטאַן האָט אויסגעקליבען ר׳ שלמה אשכנזי אלס זיין פערטרעטער צו פערהאַנדלען וועגען פריעדען. די שטאָלצע רעפּובליק האָט איהם אין אנפאַנג ניט געוואָלט אָננעהמען און עס זיינען פאָרגעקומען לאַנגע דעבאַטען אין דאָרטיגען סענאַט וועגען דעם. אָבער ענדליך איז מען צופריעדען געוואָרען מיט איהם און ווען ער איז געקומען נאָך וועניס איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד אלס דער פערטרעטער פון גרויסען סולטאַן. אשכנזי האָט בענוצט די פריינדשאַפט פון די ווענעציאַנישע רעפּובליק בטל צו מאַכען די גזירה פון ארויסטרייבען די אידען פון דאָרטען וואָס איז בעשלאָסען געוואָרען אין 1573. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך בעטהייליגט אין די אינטריגען וואָס די רעגיערונגען פון אייראָפּא האָבען דאַן געפיהרט פאַר די פערשיעדענע קאַנדידאַטען פאַר דעם פּוילישען טהראָן ווען ער האָט בייגעטראָגען צו די ערוועהלונג פון דעם פראַנצויזישען פּרינץ הענרי פון

*) ר׳ אליעזר אשכנזי אין הקדמה פון „יוסף לקח“ אויף מגילת אסתר.

אנזשו, וועלכער איז געווען דער קאנדידאט וואס טירקיי האט אונטערשטיצט. ווען דיזער קעניג איז א פאאר יאהר שפעטער אנטלאפען פון פוילען צו ווערען קעניג פון פראנקרייך אויף זיין ברודער'ס פלאץ, איז מיט דיא הילף פון אשכנזי ווידער דער קאנדידאט פאר וועלכען טירקיי האט געהאלטען, סטעפאן באטארי, ערוועהלט געווארען צום קעניג פון פוילען. דיא לעצטע דיפלאמאטישע טהאט פון ר' שלמה אשכנזי וועלכע איז אונז בעקאנט איז געווען ווען ער האט מיט הילפע פון דעם מופטי (מוהאמעדאנישען גרויסען גייסטליכען) און מיט גרויסע מתנות דורכגעפיהרט אז דער איד עמנואל איז פון סולטאן געמאכט געווארען צום וואיוואדע אדער פערטרעטער פון דער רעגיערונג אין מאלדאווא, א טהייל פון דאס יעצטיגע רומעניען (1591).

א אידישע פרוי מיט דעם נאמען אסתר קיירא האט זיך אויך בעריהמט געמאכט אין דיא דיפלאמאטישע אנגעלעגענהייטען פון טירקיי אין יענע צייטען. זיא איז געווען א פריינדין פון דיא סולטאנין וועלכע האט געהאט איינפלוס אויף סולטאן מוראד III און האט זיך בעטהייליגט אין פיעלע אינלענדישע און אויסלענדישע פאליטישע אינטריגעס און איז שפעטער ערמארדעט געווארען פון מיליטערישע בעאמטע וועלכע האבען זיך געגען איהר פארשווארען. אבער דיא נייע גלאנץ פעריאדע פון דיא אידען אין טירקיי האט ניט לאנג אנגעהאלטען. זייער גרויסקייט אין דיפלאמאטיע און אויך אין אידישע געלעהרזאמקייט האט זיך אזוי גוט וויא געענדיגט מיט דעם 16טען יאהרהונדערט. דיא טירקישע רעגיערונג האט זיך ביסלאכווייז פארוואנדעלט אין איין אמתע אזיאטישע דעספאטיע. דיא אינטריגען פון הארעם און פון דיא מיליטערישע בעאמטע האבען פארנומען דעם פלאץ פון דיפלאמאטישע פערהאנדלונגען. דער קאפריז פון טיראנען איז געווארען דאס איינציגע געזעץ פון לאנד. און דיא פראווינצען זיינען איבערגעגעבען געווארען אין דיא הענד פון פאשאס וועלכע האבען געמענט מארדען, רויבען און אונטערדריקען וויא פיעל זיי האבען געוואלט, אזוי לאנג וויא זיי האבען נור געשיקט גענוג געלד נאך קאנסטאנטינאפאל. דיא ערשטע אפפער פון דיא אונרעכט און דיא אונארדנונג וואס האט אנגעהויבען צו הערשען אין דיא טירקישע פראווינצען זיינען, וויא געוועהנליך, געווען דיא אידען. זיי האבען ניט מעהר געהאט אזעלכע מעכטיגע בעשיצער וויא יוסף נשיא אדער שלמה אשכנזי און האבען געמוזט קויפען זיכערהייט און דיא מעגליכקייט צו לעבען און צו ארבייטען פון דיא רויבזיכטיגע און אפט אויך בלוטדורשטיגע פאשאס אונטער וועמענס הערשאפט זיי זיינען געווען. אלעס ווערט דונקעל אין דער געשיכטע פון דיא אידען אין טירקיי אין אנפאנג פון 17טען יאהר-

הונדערט און אויך דיא היילינע לאנד פארליערט וויעדער איהר וויכטינקייט אלס אידיישער מיטעלפונקט. צו געפינען צייכענס פון פארטשריט און ענטוויקלונג פון אידישען גייסט, אדער בעגעבענהייטען וועלכע האבען געהאט איין איינפלוס צו גוטען אויף דיא אידישע געשיכטע פון שפעטערע צייטען, מוזען מיר זיך צוריק ווענדען צו דיא קריסטליכע לענדער פון איירָאפא, וואו דיא אידען וואס זיינען אויפגעוואקסען אין דיא לעצטע פאאר הונדערט יאהר האבען אנגעהויבען צו טראָגען פרוכט און מענשען האבען אנגעהויבען צו זיין מענשליכער איינע צו דיא אנדערע.

פינפטער קאפיטעל.

דיא מאראנען אין שפאניען און פארטוגאל. אידען אין האלאנד. ר׳ יעקב טיראדא. אוריאל אקאסטא.

דיא לאגע פון דיא אידען וועלכע זיינען געבליבען אלס פארשטעלטע קריסטען אין שפאניען און פארטוגאל איז געוועזען פיעל ערגער וויא די לאגע פון דיא וועלכע האבען זיך געראטעטעט נאך אפריקא, איטאליען אדער אין דיא טירקישע פראווינצען וועגען וועלכע מיר האבען גערעדט אין דיא לעצטע קאפיטלען. פארטוגאל אליין האט דאן פריהער נים געהאט זעהר פיעל אידען און איהר אידישע בעפעלקערונג איז גרויס געווארען ערשט ווען א גרויסער טהייל פון דיא פארטריעבענע פון שפאניען זיינען אהין אנגעקומען. ווען דיא אויסוויזונג פון פארטוגאל האט פארניכטעט דיא לעצטע האפנונג פון דיא אידען צו לעבען פרידליך און רוהיג אויף דעם פירענעענשין האלב אינזעל (וואס ענטהאלטעט שפאניען און פארטוגאל) און גרויסע מאסען זיינען געצוואונגען געווארען צו ווערן לפנים קריסטען, וויא עס איז דערמאנט געווארען אין ענדע פון פאריגען טהייל, האבען זיך אונטער דיזע מאראנען געפונען פיעל מעהר אידען וועלכע האבען געשטאמט פון שפאניען וויא יענע וועלכע זיינען געוועזען אמתע פארטוגעזען. דערפאר קומט דאס אבגלייך אין דער געשיכטע פון דיא אידען פאר דיא אויסווייזונג פארנעמען דיא אידען פון שפאניען א פיעל וויכטיגערען פלאץ וויא דיא אידען פון פארטוגאל, איז עס פערקעהרט אין דיא געשיכטע פון דיא מאראנען. דאס איז אויך דיא אורזאכע וואס דיא שפאנישע און פארטוגעזישע אידען וועלכע האבען זיך שפעטער פארברייטעט איבער פארשיעדענע לענדער ווערן צוזאמען גערופען בדרך כלל פארטוגעזען.

עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז דיא מאראנען אין יענע לענדער האבען ריכטיג בעגריפען דיא טרויעריגע ראללע וואס זייא האבען צו שפיעלען אין דער געשיכטע, צו פארפלאנצען יודענטהום אין דיא גרעסטע פארבארגענהייט אונטער זייערע קינדער און קינדס-קינדער, אין דער זעלבען צייט ווען פאר דיא אויסען-

וועלט האבען זיא זיך געמוזט אויפפירען וויא פרומע קאטהאליקען. א לאנגע צייט האבען זייא זיך געטרייסט מיט דיא האפנונג אז דיעזע אויסווייזונגען, וויא אנדערע גזירות וואס זיינען אפט פארגעקומען אין דיא לעצטע עטליכע הונדערט יאהר פריי־הער, זיינען נור אויף א קורצע צייט און דאס שפאניען און פארטוגאל, וויא אנדערע לענדער וועלכע האבען ארויסגעטריבען די אידען וועלען זיך באלד ארומזעהן זייער טעות און ערלויבען אידען צוריק צו קומען און צו האלטען עפענטליך זייער אלטע רעליגיאן. אין עטליכע צעהנדליג יאהר איז אבער דיעזע האפנונג פארשוואונדען און דיא געהיימע אידען האבען געמוזט אויסקלייבען צווישען פיהרען א דאפעלטעס לעבען און זיין אין שטענדיגע טוידט שרעק פאר די אינקוויזיציאן אדער אנטלויפען פון דיא פארפלוכטע לענדער און זוכען א היים אין פלעטצער וואו זייא קענען זיין אידען אהן געפאהר. אזעלכע פלעטצער זיינען דאן ניט געווען לייכט צו עררייכען. דיא פאפסטען און דיא קעניגע און פירשטען פון איטאליען זיינען מייסטענס געווען אונפריינדליך און א געוועזענער קריסט האט דארט ניט געקענט מיט זיכערהייט צוריק ווערין א איד. פראנקרייך און ענגלאנד האבען איבערהויפט ניט געוואלט ארייגלאזען קיין אידען און טירקיי איז געווען צו ווייט און יענע צייטען ווען רייזען איז ניט געווען אזוי זיכער און בעקוועמליך וויא יעצט. דערצו האט דיא אינקוויזיציאן און דיא רעגיערונג געהיט דיא מאראנען זיי זאלען ניט אוועק פון לאנד. בעזאנדערס האט מען אכטונג געגעבען אויף דיא רייכע און בעריהמטע און דער קלענסטער חשד דאס א נייקריסט אדער מאראנא וויל פארלאזען דאס לאנד איז גענוג געווען איהם ארייצובריינגען אין דיא גרעסטע געפאהר.

אין שפאניען איז די אינקוויזיציאן איינגעפיהרט געווארן נאך פאר דיא אויסווייזונג, אבער אין פארטוגאל האט זיך דיעזעס בלוטיגע געריכטס־הויז ערשט געפענט אין 1532. דאך האבען דיא מאראנען געליטען גרויסע פערפאלגונגען אויך איידער דיא אינקוויזיציאן האט דארט אנגעפאנגען איהרע מערדערישע ארבייט. דאס געזעץ אז מאראנען טארען ניט פארלאזען דאס לאנד איז זעהר שטרענג אפגעהיט געווארן נאך אין דער צייט ווען מען האט ניט נאכגעפארשט אויב זייא היטען אפ אידישקייט אין געהיים. דיא בעפעלקערונג האט זיך אויך אויסגעלערנט צו האסען און צו פאראכטען דיא נייע קריסטען וועלכע אלע האבען געקענט אלס אידען מיט איינינע יאהר פריהער. ניין יאהר נאך דיא אויסווייזונג פון פארטוגאל האבען די דאמיניקאנער גלחים אויפגעהעצט די בעפעלקערונג געגען דיא נייע קריסטען און איבער צוויא טויזענד מאראנען זיינען אומגעקומען דורך פייער און שווערד אין איין איבערפאל וועלכער האט געדויערט דרייא טעג נאך אנאנד (אפריל 1506).

דיא אינקוויזיציאָן איז אין פּאָרטוגאַל איינגעפיהרט געוואָרן כמעט נעגען ווילען פון פּאַפּסט און צווייא מאָהל האבען פארשיעדענע פּאַפּסטען איהר בטל געמאכט אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל און דיא רעגיערונג האט יעדעס מאָהל איהר צוריק איינגעפיהרט. די פּאַפּסטען וועלכע זיינען געווען פון ווייטען האבען מעהר געהאַנ־דעלט נאך דיא כללים פון גערעכטיגקייט וויא דיא רעגיערונג וועלכע האט געזוכט צו ירשנן דעם פערמעגען פון דיא פעראורטהיילטע. קייזער קארל דער פינפטער פון דייטשלאַנד, דער אייניקעל פון פערדינאַנד און איזאַבעללא, האט דיא אינקווי־זיציאָן אין שפּאַניען צוריק איינגעפיהרט. ווען זיין זאָהן דער בלוטדורשטיגער טיראַן פיליפּ II. פון שפּאַניען האט איינגענומען פּאָרטוגאַל האט ערשט די אינקוויזיציאָן דארט אָנגעפאנגען צו ווערן מעכטיג און אריינצושלעפּען אין איהר נעץ אזעלכע אָפּפער וועלכע זיא וואָלט פריהער ניט געוואגט אָנצוריהרען.

אין 17טען יאהרהונדערט, ווען עס איז שוין אוועק מעהר וויא א יאהרהונ־דערט זייט דיא אויסווייזונג פון אידען, האבען נאך אלץ גרויסע מאסען מאראַנען אפּגעהיט אין געהיים דיא רעליגיאָן פון וועלכע זייא האבען מעהר ניט געקענט האבען קיין בעגריף וויא זיא ווערט פּראַקטיצירט דארט וואו אידען לעבען פרייא. דיא אָפּפער פון דיא אינקוויזיציאָן אין יענעם יאהרהונדערט האבען געהערט צו די העכסטע קלאַסען, וועלכעס בעווייזט אז די מאראַנען וועלכע האבען עררייכט הויכע שטעללונגען אין לאַנד און אפילו אין דער קירכע, האבען ניט אויפגעגעבען זייער אַלטע רעליגיאָן און איהר אָפּגעהיט אין געהיים, ניט קוקענדיג אויף די געפאַהרען וואס דאס האט זייא געבראַכט. אייניגע פון דיא וויכטיגסטע לייטע וואס האבען ערליטען דעם שרעקליכען פייער־טויט פאר זייער אמונה זיינען געווען: דער פראַנ־ציסקאַנער גלח דיעגא דעלא אַססענסיאָן וועלכער איז פערברענט געוואָרן אין לי־סאַבאָן אויגוסט 1603. דער אוניווערזיטעטס־פּראָפעססאָר אַנטאָניא האמען, וועלכער איז געווען א רב פון א קהלה פון מאראַנען וואס פלעגט זיך פארזאמלען אין א פארבאָרגענעם פּלאַץ אונטער דער ערד. ער איז פארברענט געוואָרן דען 5טען מאי 1624. לאָפּע דע ווערא אי אַלארסאָן, איין אדעלמאַן, איז פארברענט געוואָרן אין וואַללאַדאָליד דען 25טען יולי 1644, שרייענדיג בידך אפקיד רוחי. איזאַק דע קאַסטרא, א יונגער מאראַנא פון 25 יאהר, איז פארברענט געוואָרן דען 22טען דעצעמבער 1647. דער געשרייא „שמע ישראל!“ וועלכען ער האט ארויסגעלאָזען ווען ער איז שוין געווען אין גאַנצען פארוויקעלט אין פלאַמען האט געמאכט אזא געוואַלטיגען איינדרוק אויף דיא פארזאמעלטע מאסע, אז דיא אינקוויזיציאָן האט עס געפונען פאר נייטיג צו פארבאָטען צו דערמאָנען דיעזע צוויי

ווערטער. דאָן שמואל פערנאנדעץ דע וויללערעאל, פּאָעט און פריהער׳ינער פּאָר־טוגעזישער קאָנסול אין פּאריז איז פארברענט געוואָרן אין ליססאבאָן אין דעצעמ־בער 1652. דיא לעצטע „אויטאָ־דאַ־פע" (אַקט פון גלויבען וויא דיא פארברענען פון אָפּפער איז גערופען געוואָרן פון דיא רעליגיעזע מערדער) אין שפּאַניען איז פאָרגע־קומען אין יאָהר 1682 און אין פּאָרטוגאל אין 1769.

0 0 0

באלד א הונדערט יאהר איז אוועק נאָך דיא אויסוויזונג ביז דיא אונגליק־ליכע מאַראַנען האבען אויסגעפונען א פּלאַץ וואו זייא האבען נעמענט קומען און ווערין אידען אָהן מורא און אָהן שטערונג. אין 1581 האט האללאַנד זיך לויזגעריסען פון שפּאַניען און זיך ערקלערט אלס איין אונאבהענגינעס לאנד. דיא אונ־געהיירע פערפאָלגונגען וואס דיא פּראָטעסטאנטישע האָלענדער האבען געליטען פון דיא קאַטהאָלישע שפּאַניער, האט זייא געגעבען א בעגריף פון דעם ווערטה פון זיין טאָלעראנט געגען אַנדערע רעליגיאָנען. עס איז דארום ניט גאנץ שווער געווען בייא זייא דורכצופיהרען אז דיא וועלכע סענען זיך רעטען פון שפּאַניען און פּאָרטו־גאל זאָלען דארט זיך מעגען בעזעצען און ווערן צוריק אידען. דער קאמפּף צווישען האָללאַנד און שפּאַניען האט זיך נאָך געצויגען א לאנגע צייט אבער דיא האָלענ־דער האבען שוין געהאט זייערע וויכטיגסטע שטעדט אין זייערע הענד און דארט האבען דיא מאראנען געקענט געפינען שוץ. פירשט ווילהעלם פון אָראַנזש, דער בעריהמטער בעפרייער פון דיא האָלענדער וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרן אין 1584 האט זיך אויסגעדריקט פריינדליך צו דעם געדאנקען דאס אנדערע רעליג־יאָנען זאָלען אין דאס בעפרייטע האָללאנד ניט פארפאָלגט ווערן און זיין מיינונג האט געהאט א גרויסען ווערטה בייא דעם פאָלק וואס האט איהם מיט רעכט בעטראכטעט אלס איהר גרעסטען מאן.

אבער גאנץ לייכט איז דיא אריינלאזונג פון אידען אין האָלאנד אויך ניט אנגעקומען. דיא פאנאַטישע שטרייטיגקייטען וועגען רעליגיאָן האבען אין יענע צייי־טען געמאכט דיא מייסטע מענשען פאר פאנאטיקער און נור דיא קלינגסטע און בעסטע האבען געקענט גלייך איינזעהן די גערעכטיגקייט פון דעם פּלאַן צו בעה־האנדלען אנדערע מיט דיא זעלבע מילדקייט וויא מען וויל אלליין בעהאנדעלט ווערין. עס איז דארום קיין וואונדער דאס דער ערשטער פערזוך צו בעזעצען אידען אין האָלאנד איז ניט געלונגען. דער פערזוך איז געמאכט געוואָרן ניט פון דיא מאראנען אלליין, זאָנדערן פון א בעריהמטען אידען פון מאראקא מיט דעם נאמען שמואל פּאללאשע, וועלכער איז געשיקט געווארן פון סולטאן פון מאראקקא אלס

קאָנסול צו דיא נייע בעפרייטע מדינה. ער האט פאַרגעשלאָגען פאר דיא שטאדט רעגיערונג פון מידלבורג אין פראָווינץ זילאנד מען זאל דארט אריינלאָזען מאראַנען און האט פאַרזיכערט אז זייא וועלין מיט זייער רייכטהום און מיט זייערע פעהיג־קייטען שנעל פארבעסערען דיא געשעפטס־לאגע פון שטאָדט. דער שטאָדט־ראטה האט זיך געציינט געניינט אנצונעהמען דעם פלאַן אבער דיא פראָטעסטאנטישע גייסטליכע פון שטאדט האבען זיך געוויזען ניט וועניגער פאנאטיש וויא דיא קאט־הולישע גייסטליכע פון אנדערע פלעצער און דער פלאַן איז דורכגעפאלען.

דאך האבען די מאראנען ניט פערלארען דיא האפנונג צו געפינען א זיכערע היים אין דיא בעפרייטע נידערלענדישע פראָווינצען. אין 1593 זיינען אייניגע מא־ראנען פון פאַרטוגאל אוועק אויף א שיף מיט דיא האָפנונג צו קומען נאך האָלאנד און זיך דארט בעזעצען. דער אנפיהרער פון דיא קליינע גרופע איז געווען א געווי־סער יעקב טיראדאָ און אין זיינע הענד האט א רייכע מאראנישע פרוי אנגעטרויט איהר טאָכטער מאריע נונעץ וועלכע איז געווען א זעלטענע שיינהייט, מיט דיא האָפפנונג אז איהר איינפלוס וועט בייטראָגען אז מען זאָל זיי בעסער אויפנעהמען וואו זייא וועלין קומען. דיא שיף איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון ענגלענדער וועלכע האבען דאן געפיהרט קריעג מיט שפאניען און דיא מאראנען זיינען אוועק־געפיהרט געווארען נאך לאָנדאָן. אויפען וועג האט דער קאפיטאן פון דיא שיף וואס האט זייא געפאנגען, איין ענגלישער דיוק (הערצאָג) געבעטען מאריא נונעץ זיא זאל ווערין זיין פרוי, אבער זיא האט איהם ענטזאגט און ערקלערט דאס איהר איינציגער צוועק אין לעבען איז צו קומען אויף א פלאץ וואו זיא זאל קענען עפענט־ליך אננעמען דעם אידישען גלויבען. אין ענגלאנד האבען דיא געבראכטע מאראנען געמאכט פיעל אויפזעהן און דיא גרויסע יונגפער־קעניגין עליזאבעט וועלכע האט דארט דאן רעגיערט, האט זיך זעהר פאראינטערעסירט אין דיא שיינע פאָרטוגע־זערין וועלכע האט זיך צוליעב איהר אמונה ענטזאגט צו ווערין א הערצאָגין. דאך איז נאך ניט געווען געקומען דיא צייט פאר דיא אריינלאָזונג פו אידען אין ענג־לאנד און אלעס וואס דיא מאראנען האבען געקענט דארט אויסווירקען איז געווען מען זאל זיי פון דארט אוועקלאזען בשלום זוכען איין אנדער היימאטה.

נאך א שטירמישע רייזע אויף וועלכע פיעלע געפאהרען זיינען דורכגעמאכט געוואָרן איז יעקב טיראדא מיט זיינע בעגלייטער אנגעקומען נאך עמדען און איז דארט בעקאנט געוואָרן מיט א געלערנטען אידען ר׳ משה אורי הלוי (1544-1620) פון וועמען ער האט געפאדערט ער זאלל זייא מגייר זיין. ר׳ משה אורי האט גע־דיינקט אז אין א קליינע שטאדט איז עס צו געפעהרליך פאר געוועזענע קרים־

טען צו ווערין אידען און האט זיי געראטהען אוועקצופאהרען נאך אמסטערדאם. זייא זיינען דארט אנגעקומען אין אפריל 1593 און משה אורי איז אין א קורצע צייט צו זיי אונטערגעקומען. יעקב טיראדא און דער קאנסול שמואל פאללאשע האבען ארגאניזירט דיא ערשטע געמיינדע וואו מען פלעגט זיך צוזאמען קומען און דאווגען, נאך אויך האלב אין געהיימנים. אזוי זיינען אוועק א פאר יאהר. אין יאהר 1596 ה..ט דיא ענגלישע פלאטע אונטער לארד עססעקס וועלכע האט געשלאגען דיא שפאניער ביין האפען פון קאדיקס געבראכט נאך אייניגע מאראנען פון דארט נאך האללאנד. איינער פון זיי וועלכער האט געשטאמט פון א גרויסע פאמיליע פון שפאנישע העלדען איז געוועז אלאנסא דע הערערא וועלכער איז געווארען א איד אין אמסטערדאם און איז שפעטער געווארן א בעריהמטער קאבאליסט און האט פערפאסט אין שפאניש ספרי קבלה וועלכע זיינען איבערזעצט געווארן אין לשון קודש און לאטיין. אין דיא אידישע ליטעראטור איז ער בעוואוסט אלס ר׳ אברהם הערערא, וועלכער האט פרובירט פארגלייכען דיא לעהרען פון קבלה מיט דיא ניי־פלאטאנישע פילאזאפיע. ער איז געשטארבען אין 1639.

ווען דיא מאראנען זיינען געוועז פארזאמעלט אין זייער פריוואט שול דעם פיערטען יום כפור וואס זיי זיינען געוועז אין אמסטערדאם (אקטאבער 1596) זיינען זיי בעפאלען געווארן פון דיא דארטיגע פאליציא וועלכע האט דיא אידען אין ווייסען בעטראכטעט אלס קאטהאליקען וועלכע האבען זיך פארזאמעלט אפצוהאלטען זייערע פארבאטענע צערעמאניען. א טהייל פון די פארטוגעזישע אידען וועלכע האבען געמיינט אז דער איבערפאל אין אמסטערדאם האט דיא זעלבע שרעקליכע בעדייטונג וויא איין איבערפאל אויף א בעהאלטענע שול אין שפאניען אדער פארטוגאל, האבען זיך געזוכט צו רעטטען דורך אנטלויפען און דאס האט דעם חשד אויף זיי נאך פארגרעסערט. משה אורי און זיין זאהן זיינען ארעסטירט געווארן און זיינען געבראכט געווארן פאר געריכט. יעקב טיראדא איז ערשינען פאר געריכט און אין א לאטיינישע רעדע ערקלערט אז זיי זיינען קיינע קאטהאלישע שפאניען זאנדערן אידען וועלכע זיינען אנטלאפען פון דיא קאטהאלישע אינקוויזיציאן, דיא אנשטאלט פון וועלכע דיא האללענדער אליין האבען אויך פיעל געליטען אונטער שפאניען׳ס הערשאפט. דיא געפאנגענע זיינען בעפרייט געווארן און זיינען מיט גרויס פריידע אוועק צוריק צו זייער פערזאמלונגס פלאטץ ענדיגען זייערע תפלות. יעצט איז זייער רעליגיאן געוועזן אלעמען בעוואוסט און אין א קורצע צייט שפעטער האבען זיי געשטעלט א ביטטע צו דיא שטאדט רעגיערונג מען זאל זייא ערלויבען צו בויען א שול. טיראדא האט זייא איבערצייגט דאס זייער רייכטהום

און די רייכטהום פון אנדערע מאראנען וואס וועלין דארט קומען אויב אידען זאלען מעגען אפען האלטען זייער רעליגיאן, וועט ברייגגען פיעל נוצען פאר דעם לאנד. נאך א לאנגען ישוב הדעת איז די ערלויבניס געגעבען געווארן און אין יאהר 1598 איז די ערשטע שול אין האללאנד אויפגעבויט געווארן און האט גע־קראגען דעם נאמען „בית יעקב".

יעצט האבען די מאראנען צום ערשטען מאהל געהאט א זיכערן ארט וואו זייא האבען געקענט קומען און אננעהמען פרייא די רעליגיאן פאר וועלכע זייא האבען אזוי לאנג געליטען. יעדער וועלכער האט געקענט זיך ארויס רייסען פון די לענדער וואו די אינקוויזיציאן האט געהערשט איז געקומען נאך אמסטערדאם. ר' משה אורי האט דארט אין איינינע יאהר מגייר געווען 248 אנוסים. די שול בית יעקב איז באלד פאר זייא קליין געווארן און א גרעסערע און שענערע שול, „נוה שלום" איז אויפגעבויט געווארן אין 1610. דער חשד וואס די האלענדער האבען אין אנפאנג געהאט אז די מאראנען זיינען שפאנישע שפיאנען איז אין גאנצען פערשוואונדען. די אידען האבען פיעל בייגעטראגען צום אויפבליהען פון האללענדישען האנדעל. זייער רייכטהום, זייערע פעהיגקייטען און ערפאהרונגען און זייערע פערבינדונגען מי מאראנען אין אינדיען און אמעריקא האט די האלענדער געבראכט פיעל נוטצען. אין 1619 האט די רעגיערונג בעשטעטיגט זייער רעכט צו וואוינען און האנדלען אין האללאנד אונגעשטערט. זיא האט זייא בעפרייט פון שפעציעלע אבגאבען אדער פון אנדערע בעלעסטיגונגען פון וועלכע אידען האבען דאן געליטען אין די מייסטע אייראפייאישע לענדער און זייא נור פארבאטען צו הייראטהען קריסטליכע פרויען און צו האבען עמטער פון דער רע־גיערונג.

דער נוטצען וואס די אידישע איינוואנדערער פון שפאניען און פארטוגאל האבען געבראכט די שטאדט אמסטערדאם איז געווען אזוי גרויס דאס די מא־ראנען זיינען געווארען וויללקאמענע געסט אויך אין אנדערע פלעטצער. אין 1615 האט האללאנד בעשלאסען דאס אללע שטעדט וועלכע וויללען אריינגעהמען אידען אונטער געוויססע בעדינגונגען מעגען דאס טהאן אבער זייא טארען ניט צווינ־גען די אידען צו טראגען א צייכען אויף די קליידער. האמבורג האט נאך מיט דרייא יאהר פריהער, אין יאהר 1612 געגעבען אידען די ערלויבניס זיך דארט צו בעזעטצען און א פארטוגעזישע געמיינדע פון אידען וועלכע זיינען אהין געקומען פון אמסטערדאם איז דארט יענעם יאר געגרינדעט געווארן. קעניג קריסטיאן .IV פון דענעמארק האט אין יאהר 1622 איינגעלאדען פארטוגעזישע אידען צו קומען זיך

בעזעצען אין זיין לאנד און די הערצאָגען פון סאוואָי און פון מאָדענא און איטאַליען האבען אויך געטהאן דאס־זעלבע. שטראהלען האָפנונג האבען זיך אנגעפאנגען צו ווייזען פון פארשיעדענע זייטען פאר די פארפאָלגטע און געפיי־ניגטע מאראנען און די אנדערע אידען האָבען אויך געגאסען דורך זייער זכות. דייטשע און פוילישע אידען זיינען אויך געקומען נאך אמסטערדאם און אנדערע פלעטצער וואו עס איז זייא פריהער געווען פארבאָטען צו קומען און האבען דארט געגרינדעט אשכנזי'שע געמיינדען נעבען די ספרדי'שע פון די פארטוגעזען.

די פארטוגעזישע אידען זיינען אויך געווען די ערשטע זיך צו בעזעצען אין די נייע וועלט. ווען דאס גרויסע לאנד בראזיליען אין סויטה אמעריקא איז געקר־מען אונטער די הערשאפט פון האללאנד אין 1624 זיינען די פארטוגעזישע מא־ראנען וועלכע האבען דארט געהאלטען זייער גלויבען אין געהיים וויא לאנג פאר־טוגאל האט דארטען געהערשט, יעצט עפענטליך אריבער צום יודענטהום. אין 1642 זיינען איבער 500 פארטוגעזישע אידען אוועק פון האללאנד נאך בראזיליען אונטער די אנפיהרערשאפט פון ר' משה רפאל די אויגילאר און ר' יצחק אבוהב. די אידען אין פערנאמבוק, בראזיליען האָבען געקעמפפט העלדענמוטהיג אין די שלאַכטען צווישען האלאנד און פּאָרטוגאל און ווען פּאָרטוגאל האט צוריק איינ־גענומען בראזיליען אין 1654 זיינען די אידען פון דאָרט פארטריבען געוואָרען. אין 1694 איז געגרינדעט געווארען א אידישע געמיינדע אין סורינאם, אין דעם האלענדישען טהייל פון גויאנא, אין סויטה אמעריקא. אין 1670 איז די אינזעל דשאמייקא אין וועסט אינדיען אריין אונטער ענגלישען שוץ און א אידישע געמיינ־דע איז דאָרט געגרינדעט געווארען פון וועלכע דניאל ישראל לאפעץ לאגונא איז געווען די בעריהמטעסטע פערזענליכקייט.

דער הויפט מיטעלפונקט פון יודענטהום איז יעצט געווען די אידישע קהלה פון אמסטערדאם וועלכע איז יעצט גערופען געוואָרען „ניי ירושלים“. דאָרטען זיינען די אידען געווען רייך און געלערענט אין וועלטליכע וויסענשאפטען און עס האבען אויך ניט געפעהלט אונטער די רבנים תלמודישע געלעהרטע ויא ר' יצחק אבוהב, ר' ש ואל מארטיירא און א ביסעל שפעטער דער בעריהמטער ר' מנשה בן ישראל. אבער דער מאטעריעלער פארטשריט פון די אידען אין האללאנד איז געווען פיעל גרעסער וויא דער גייסטיגער. דער אידישער גייסט איז אין 17טען יאהר־הונדערט געשטאַנען ניעדריג און זעהר ווייניג וואס איז דאמאלס געשאפען געוואָרען האט א גרויסען ווערטה פאר'ן יודענטהום. אויף דעם פעלד פון דינים איז דער שולחן ערוך אנערקענט געוואָרען אלס דאס לעטצטע וואָרט און וואס עס

בעלאנגט צו צערעמאניען, מנהגים און רעליגיעזע געדאנקען איז אלעס-געשטאנען אונטער דעם איינפלוס פון קבלה. דיא אידען פון פוילען וועלכע האבען אויסער דעם תלמוד זעהר וועניג געוואוסט פון דער וועלט און די אידען פון אמסטערדאם וועלכע זיינען געשטאנען אויף דיא העכסטע שטופע פון דיא דאמאלינע ציוויליזאציאָן, האָבעןביידע גלייך זיך פארטיעפט אין דיא לעהרען פון דער קבלה. דער דייטש-פוילישער ר' ישעיה הורוויץ, דער פערפאסער פון „שני לוחות הברית" (של"ה) וועלכער האט געלעבט אין יענער צייט האט דיעזע געהייטע אונבעגרייפליכע פראגען, וועלכע פארהינדערן מעהר וויא זייא העלפען צו ענטוויקלען דעם מענשליכען גייסט, בעהאנדעלט נאך פיעל פערנינפטינער וויא דער מאראנישער וועלטליך געלעהרטער אברהם הערערא, וואס איז אויבען דערמאהנט געוואָרען. אבער קיינער האט זיך געוואגט צו שטעלען עפענטליך געגען דיא קבלה אויסער דער אונענטשלאָסענער צווייפלער אין אלעס, ר' יהודה אדער לעאָן דע מאדענא פון איטאליען (געבאָרען 1571 געשטארבען 1649) אבער זיינע שריפטען האבען פאר זיין לעבען געמאכט א קליינעם איינדרוק.

אבער אין אפהיטען אידישקייט זיינען די אידען אין אמסטערדאם געוועזען ניט נור זעהר פרום, זאנדערן אויך ביז א געוויסען גראד פאנאטיש. דיא מייסטע פון זייא האָבען פריהער געלעבט אין שפאניען און פארטוגאל וואו זייא זיינען אויסגעשטאנען טויט שרעק און געפאהר. אנדערע זיינען אויך געפייניגט געוואָרען אָדער האבען געזעהען וויא מיטגליעדער פון זייער פאמיליע האָבען זיך מקריב געוועזען פאר זייער רעליגיאָן און עס איז קיין וואונדער דאס זייא האָבען געזוכט צו באשיצען זייער רעליגיאָן מיט דיא שטרייננסטע מיטלען. דער גייסט פון שפאניען און פארטוגאל האָט זיך פארפלאנצט אונטער דיא אמסטערדאמער אידען און ווען עס איז אונטער זייא אויפגעשטאנען איינער וועלכער האָט זיך געוואלט פיהרען נאך זיינע אייגענע זאנדערבארע געדאנקען, האָט ער פון זייא געליטען באלד אזוי שווער וויא זייא האָבען געליטען פאר זייערע איבערצייגונגען.

דיעזער מאן וואס זיין נאמען איז פארבונדען מיט איינעם פון די אונאנגענעהמסטע קאפיטלען אין דיא אידישע געשיכטע איז געוועזען גבריאל דא קאסטא אדער וויא ער האָט זיך שפעטער גערופען אוריאל אקאסטא וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין אפארטא, פארטוגאל אונגעפעהר אין 1590. זיינע עלטערן האבען געשטאמט פון מאראנען, אָבער זייא האָבען אויפגעגעבען דיא אידישע רעליגיאָן אויך אין געהיים און זיינען געווען פרומע קאטהאליקען. דא קאסטא האט פריהער שטודירט רעכטס וויסענשאפט און איז נאכדעם געוואָרען א בעאמטער

אין א רעליגיעזע אנשטאלט. זיין אונרוהיגער גייסט האט זיך אבער ניט צופרידען געשטעלט מיט דיא קאטהאלישע רעליגיאן און ער האט אנגעפאנגען צו שטודירען דיא ביבעל. דאס האט איהם געבראכט צו דיא ענטדעקונג אז דיא אידישע רעליגיאן איז דיא ריכטיגע און ער האט געטהאן וואס פיעלע אנדערע מאראנען אין יענער צייט האבען געטהאן, דאס הייסט ער איז אוועק נאך אמסטערדאם און איז געווארען א איד. אבער דיא אידישקייט פון אמסטערדאם, דיא דריי טויזענד יאהר אלטע אידישקייט מיט אלעס וואס עס איז צוגעקומען אין דער צייט פון תלמוד מיט דיא שפעטערע הוספות פון דיא גאונים, די פוסקים און דיא מקובלים איז געווען זעהר ווייט פון דיא אידישקייט פון תנ"ך אליין וועלכע דא קאסטא האט זיך פארגעשטעלט אין פארטוגאל און ער איז יעצט געווארען נאך מעהר אונצופריעדען וויא פריהער. ער האט עפענטליך איבערטרעטען פיעלע דינים און האט פערעפענטליכט זיינע אפיקורס'שע געדאנקען איבער רעליגיעזע פראגען. מען האט איהם אנגעפאנגען צו פארפאלגען און פאר אזא הייס בלוטיגע נאטור וויא זיינע האט דאס געהאלפען איהם נאך מעהר צו פארביטערן. אין יענע צייטען איז דער געדאנקען פון פרייהייט און פון יעדערענ'ס רעכט צו טהאן וואס ער וויל אזוי לאנג וויא ער שאדעט ניט אנדערע, נאך ניט געווען אזוי אנערקענט וויא היינט און אין האלאנד, וועלכע איז דאן געווען דיא מאלעראנטסטע פון אלע לענדער, איז עס אויך ניט געווען ערלויבט ניט צו גלויבען אין גאט. אוריאל אקאסטא איז געזעסען א קורצע צייט אין געפענגניס און האט בעצאהלט איינינע הונדערט גולדען שטראף וויל דיא רבנים וועלכע האבען איהם מחרים געווען האבען איהם פארמסרט אז ער גלויבט ניט אז דיא נשמה בלייבט לעבען נאך דעם מענשענס טויט. זיין שוואכע נאטור האט איהם געבראכט זיך אונטערצוגעבען נאכדעם וויא ער איז געווען 15 יאהר אין חרם און צו פארשפרעכען אז פון יעצט אן וועט ער זיין מינדעסטענס לפנים א פרומער איד. אבער אין א קורצע צייט שפעטער איז ער ווידער ארויס געגען אידען און יודענטהום און איז א צווייטען מאל אריינגעלייגט געווארען אין חרם און איז פארפאלגט געווארען נאך ערגער וויא פריהער, בעזאנדערס פון זיינע אייגענע קרובים.

אוריאל אקאסטא האט זיך א צווייטען מאהל געפיהלט געצוואונגען אונטערצוגעבען צו זיינע פיינדער און אויף זיך צו נעהמען דיא שווערע תשובה וואס מען האט אויף איהם ארויפגעלייגט. ער האט זיך עפענטליך מתודה געווען אין שוהל, האט זיך געלאזט שלאגען מלקות און שפייען אין פנים און איז דאן געלעגען אויפ'ן שוועל פון שול אלע זאלען איבער איהם אריבערטרעטען. דאס איז געווען א סארט

מילדער „אוימא דא פע“ פון דיא אידען נענען זייער איין איינענעם אונגלויבינען, אבער אקאסטא האט ניט געצייגט דיא ענטשלאסענהייט און דיא איבערגעבענהייט צו איין איבערצייגונג וואס כאראקטיזירט דיא אמתע מארטירער. ער האט אויפגעשריבען א ווערק אין וועלכע ער האט אויסגעלאזען זיין גאנצע ביטערע הארץ נעגען דיא רבנים און נעגען דיא אידישע רעליגיאן, אבער זיין דענקונגס־ארט וויא זיינע האנדלונגען איז געווען צוטומעלט און פארדרייט, און ענטהאלט קיין נייעם געדאנקען און אפילו ניט קיין אמת גוטען ארגומענט. דאן האט ער געמאכט א פערזוך צו ערמארדען זיין קרוב וואס האט איהם פארפאלגט, אבער זיין שאס האט פארפעהלט זיין ציעל גראדע וויא זיינע שריפטען. ער האט דאן געמאכט איין ענדע צו זיין שטירמישען און פארטומעלטען לעבען דורך זעלבסט מארד (אפריל 1640). דיא אידען פון אמסטערדאם פון זיין צייט האבען וועגען איהם כמעט גאר ניט געשריבען, וואהרשיינליך מיט דער אבזיכט זיין אנדענקען זאל פארגעסען ווערען. זיינע איינענע שריפטען האבען אויך ניט גענוג ליטערארישען ווערטה איהם צו דיענען אלס מאנומענט אין, דער געשיכטע, אבער דיא צרות וואס ער האט דורכגעמאכט און זיין טרויעריגע ענדע זיינען זעהר גוטע מאטעריאל פאר דראמאטישע בעהאנדלונג און אוריאל אקאסטא איז פון פארשיעדענע שרייבער גענומען געווארען צום העלד פון דראמען און נאוועללען. זעלבסטפערשטענדליך איז ער אין דיעזע ווערקע פארגעשטעלט געווארען בעסער וויא ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט און איז פארפוצט געווארען מיט מעלות און מיט פעהיגקייטען וועלכע ער איז קיין מאל ניט בעזעסען.

זעקסטער קאפיטעל.

פארטזעצונג פון דיא אידישע געשיכטע אין האללאנד. ר׳ מנשה בן ישראל און זיין ארבייט פאר אידען. ברוך שפינאזא.

דיא רוהיגקייט און דיא גוטע צייטען וואס דיא אידען אין האללאנד, בעזאנדערס אין אמסטערדאם האבען געהאט האט געבראכט די געוועהנליכע פרוכט און עס זיינען באלד ערשיענען לייטע וועלכע האבען עררייכט א הויכע שטופע אין דיא גייסטיגע וועלט און געבראכט עהרע דעם אידישען נאמען. איינער פון דיא בעריהמטעסטע אידען וואס דיא דארטיגע פארטוגעזישע געמיינדע האט ארויסגעגעבען איז געוועזן ר׳ מנשה בן ישראל, דער זאהן פון א מאראנא וועלכער האט זיך געזעטעט פון דיא אינקוויזיציאן אין פארטוגאל און איז געקומען מיט זיין פאמיליע נאך אמסטערדאם, לאזענדיג זיין פארמעגען אין דיא הענד פון דיא פערפאלגער. ר׳ מנשה וועלכער איז געבארען געווארען אין אמסטערדאם אין 1604 האט נאך אלס קינד געציינט גרויסע פעהיגקייטען און ווען ער איז אויפגעוואקסען האט ער פארבונדען גרויסע אידישע געלעהרזאמקייט און בעקאנטשאפט מיט פרעמדע שפראכען און וויסענשאפטען, מיט א רעדנער טאלענט און דיא ענערגיע צו אונטערנעהמען און דורכצופיהרען אלעס וואס ער בעשליסט צו טהאן. ווען ער איז אלט געוועזן 18 יאהר איז ער געווארען פרעדינער אויף דעם פלאץ פון זיין לעהרער ר׳ יצחק עוזיאל, דעם ערשטען רב פון אמסטערדאם וועלכער איז געקומען אהין פון נארד אפריקא. צו 23 יאהר האט ער געגרינדעט דיא ערשטע דרוקערייא אין אמסטערדאם וואו ער האט געדרוקט אויך זיינע אייגענע העברעאישע ווערקע.

ר׳ מנשה איז געוועזן דער סארט מאן וואס האט זיך ריכטיג געפאסט פאר דיא צייטען אין וועלכע ער האט געלעבט און זיין נאמען איז דערפאר שנעל בעריהמט געווארען אונטער קריסטליכע געלעהרטע. קריסטליכע פילאזאפען און גייסטליכע פלעגען קומען הערען זיינע דרשות; זיין ווערק איבער דיא ערטער אין תנ״ך וואס זיינען זיך סותר איינע דיא אנדערע איז איבערזעצט געווארען אין לאטיין און

איטאליעניש און זיינע פילאזאפישע ווערקע, אבגליייך ניט טיעף אדער אָריגי־
נעל, זיינען דאך אויפגענומען געוואָרען מיט פיעל בעוואונדערונג. עס איז דאמאלס
געוועזען דיא צייט ווען קריסטליכע געלעהרטע האָבען זיך גענומען צו שטודירען העבּ־
רעאיש און זיך צו אינטערעסירען אין דיא אלטע אידישע ליטעראטור. סקאלינער
אין האללאנד און בוקסטאָרף אין דייטשלאנד האָבען געעפענט דעם וועג פאר דיא
פריינדליכע אינטערעסע אין דיא גייסטיגע אוצרות פון דיא אידען און דיא נאכפאל־
גער זיינען ווי געוועהנליך געגאנגען נאך ווייטער ווי זייא און אנגעהויבען זיך
שטארק צו בעשעפטיגען מיט פראגען וועגען דיא עשרת השבטים און וועגען משיח.
דיא קריסטליכע געלעהרטע זיינען אין דיעזער הינזיכט געוואָרען תלמידים פון דיא
אידישע געלעהרטע און געלערענט דורך זייא ווי דער תלמוד, דיא מדרשים אדער
שפעטערע מפרשים ערקלערען געוויסע שווערע פּרעצער אין דיא הייליגע שריפטען.
פאר זייא האָט ר' מנשה געעפענט א נייע וועלט און זייא האָבען איהם גלויבט
אין פּראזא און פּאָעזיע אלס א זעלטענעם מאן.

עס איז אויך דאמאלס געווען דיא צייט ווען דיא האפנונג אויף איין איבער־
נאטירליכע אומענדערונג אין דער וועלט האָט זיך שטארק פארברייטעט אונטער
געלערנטע קריסטען. אייראפּא איז דאן געווען אין זעהר א טרויעריגען צושטאנד.
דייטשלאנד און איהרע פּראווינצען זיינען פארוויסטעט געוואָרען דורך דעם דרייסיג
יאָהריגען קריעג, ענגלאנד האָט געליטען פון איהרע גייסטליכע און פון דיא רעגיר־
רונג און פראנקרייך האָט געליטען אונטער דיא שטרענגע הערשאפט פון קאר־
דינאל רישעליע. אין דיא אומעטיגע צייטען ווען דיא האָפנונג אויף נאטירליכע
פערבעסערונגען ווערט אָפּגעשוואכט נעהמט מען זיך געוועהנליך צו פאנטאזיען.
און דיא וועלכע האָבען שטודירט דיא ביבעל צוליעב שפּראך־קענטניס האָבען
אָנגעהויבען זיך צו פעראינטערעסירען אין דיא פערשפּרעכונגען אויף איין ערלייזונג
פון צרות וואָס געפינען זיך אין אַלטען און נייעם טעסטאמענט. דיעזע געדאנקען
וואָס האָבען בעשעפטיגט דיא בעסטע קעפּ אין אייראפּא האָבען געפונען איין אָפּ־
קלאנג אין ר' מנשה בן ישראל. ער האָט אליין געגלויבט אז משיח צייטען זיינען גע־
קומען און אלס בעל קבלה האָט ער געפונען פיעלע רמזים אין דיא געהיימע לעה־
רען אז דיא צייט פון הילף פאר אידען איז ניט ווייט. עס זיינען דאמאלס געווען
צייטען וואו גרויסע געלעהרזאמקייט איז אָפט געגאנגען האנד אין האנד מיט אבער־
גלויבען. דער איד און דיא קריסטען האָבען געטרוימט און פאנטאזירט צוזאמען.
דערוויל זיינען זייא געקומען נעהענטער איינער צום אנדערן און געקריגען איינער
פון אנדערן א בעסערע מיינונג. ליבעראלע טהעאָריען האָבען ווי געוועהנליך גע־

בראכט ליבעראלע בעהאנדלונגען. די וועלכע האבען געגלויבט אז אידען וועלען האבען איין אייגענעם משיח און וועלען אויסגעלייזט ווערען אויף דעם אופן וויא זייא אליין ווילען, האבען געוועהנליך געגלויבט אז אידען פארדיענען צו געניסען די זעלבע מענשענרעכטע וויא אנדערע.

די האפנונג פון די וואס האבען פאנטאזירט וועגען א וועלט וואס זאל זיך פיהרען וויא עס איז פאראויסגעזאגט געווארען אין די נבואות פון די ביבעל איז נאך געשטיגען ווען די פוריטאנער וועלכע זיינען געווען מעהר רעליגיעזע וויא פאליטישע קעמפפער און האבען זיך בעטראכטעט אלעס א סארט ביבלישע סאלדאטען, האבען ארונטער געווארפען און שפעטער געקעפפט דעם ענגלישען קעניג טשארלס .I און די רעגיערונג איז אריין אין די הענד פון דעם פרומען העלד קראמוועלל. ענגלאנד האט זיך אויך וויא דייטשלאנד, אין 17טען יאהר-הונ-דערט פארוואנדעלט אין א שלאכט פעלד, אבער די ענגלענדער האבען געוואוסט וואס זייא האבען געוואלט און די רעוואלוציאן פון די פוריטאנער האט ביי גע-טראגען צו בעפעסטיגען די פרייהייטען פון פאלק און צו ווארנען טיראנען פאר אלע קומענדיגע צייטען אז די ענגלישע רעגיערונג מוז רעשפעקטירען די רעכטע פון אלע בירגער. אין דיעזע געוואלטיגע אומענדערונג אין ענגלאנד האט רעליגיאן געהאט אזא גרויסען איינפלוס וויא פאליטיק און די העלדענמוטהיגע פוריטאנער האבען זיך בעטראכטעט אלס ביבלישע העלדען וועלכע קעמפפען געגען געטצענדי-נער, קראמוועלל האט זיך אליין געגליכען צו גדעון דעם „ריכטער אין ישראל" און צו יהודה המכבי. ער און זיינע ענטהוזיאסטיש-פרומע אונטערשטיצער האבען זיך שטארק פאראינטערעסירט אין „גאט'ס פאלק" און האבען אימער גענומען צום מוסטער די העלדען און פיהרער פון אלטען טעסטאמענט.

מנשה בן ישראל האט אכטונג געגעבען פון ווייטען אויף די מערקווירדיגע ענדערונגען אין ענגלאנד און דאס האט פארגרעסערט זיין ענטהוזיאזם און זיין האפ-נונג אז די צייט פון די גאולה מוז זיין נים ווייט. עדוואורד ניקאלס, א געוועזע-נער סעקרעטער פון ענגלישען פארלאמענט האט געשריבען א ווערק אין וועלכע ער האט אויפגעהויבען די אידען ביז צום הימעל. מנשה האט זיך ערקונדיגט פון געלעהרטע פריינדע אין ענגלאנד אז די שטימונג צו אידען איז זעהר א פריינד-ליכע און ער האט דארום בעשלאסען אז די צייט איז געקומען ער זאל עטוואס טהאן צו העלפען ברייננען די גאולה. ער האט אויפגעשריבען אין לאטייניש א ווערק איבער די „האפנונג פון ישראל" אין וועלכע ער האט געזוכט צו בעווייזען דאס אזוי וויא אלע צרות וואס די נאיים האבען פאראויס געזאגט אויף אידען

זיינען מקוים געוואָרען מוזען אויך דיא נחמות מקוים ווערען. אָבער דיא גאולה קען ניט קומען ביז דיא נבואה אז אידען זאָלען פאַרשפּרייט ווערען איבער אללע לענדער זאָל מקוים ווערען. ער ברייננט דאן ראיות דאָס אומעדום זיינען דאָ אידען. דיא עשרת השבטים זיינען אין טשיינא און אַמעריקא און נור ענגלאנד וואו עס זיינען ניטאָ קיין אידען; זייט מעהר וויא 300 יאהר האלט דארום אָפּ דיא גאולה. דיעזעס ווערק איז אָוועקגעשיקט געוואָרען צום ענגלישען פּאַרלאמענט אין 1650 און איז דאָרט פאָרגעלעזען געוואָרען צוזאמען מיט א בריעף אין וועלכען מנשה האָט געבעטען דיא ערלויבנים פאר אידען צו קומען נאָך ענגלאנד.

דיא שריפט מיט איהרע מערקווירדיגע ארגומענטען האָט געמאכט אין ענג־לאנד א גרויסען איינדרוק: לארד מידלעסעקס האָט געשריבען צו מנשה בן ישראל א דאנק בריעף וועלכער האָט אנגעפאַנגען . „צו מיין טהייערען ברודער דעם איד־דישען פילאזאף“. מען האָט איהם צוגע'שיקט א פּאַספּאָרט צו קומען נאָך ענגלאנד, אָבער גראָדע דאַן איז אויסגעבראָכען א קריעג צווישען האָלאנד און ענגלאנד און די אונטערהאנדלונגען וועגען אריינלאָזען פון אידען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען. ערשט אין 1654 ווען קראָמוועלל איז געוואָרען כמעט דער אבסאלוטער הערשער פון ענגלאנד און האָט געשלאָסען פריעדען מיט האָלאנד האָבען ר' מנשה'ס האָפ־נונגען וויעדער אויפגעבליהט און ער האָט אָוועקגעשיקט זיין זאָהן נאָך ענגלאנד צו מאַכען פאָרבערייטונגען פאר זיין אנקונפט. ער האָט געקריעגען דיא לאנג גע־ווינשטע ספּעציעלע איינלאדונג פון קראָמוועלל אין 1655 און אין אָקטאָבער האָט ער אונטערנומען דיא רייזע וועלכע ער האָט בעטראַכטעט אלס איינע פון דיא וויכטיגסטע אונטערנעהמונגען פון דער וועלט.

קראָמוועלל האָט ר' מנשה'ן פריינדליך אויפגענומען און אויסגעהערט זיינע טענות מיט אויפמערקזאמקייט. אבער די פערהאנדלונגען וועגען אריינלאָזען אידען האָבען ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען אזוי שנעל. ר' מנשה האָט דיא צייט וואס ער האָט פערבראַכט אין לאָנדאָן בענוצט צו בעאיינפלוסען דיא עפענטליכע מיינונג צו גונסטען פון דיא אידען. ער האָט דורך דיא ציימונגען ארויסגעגעבען א לאַנגע ערקלערונג אין וועלכע ער האָט קלאר פאָרגעלייגט דיא רעליגיעזע און דיא פּאָלי־טישע אורזאכען פאר וואָס אידען זאָלען אריינגעלאָזען ווערען אין ענגלאנד. דיא טענות וועגען דיא נבואות און וועגען משיח־צייטען זיינען געווען בעגלייטעט פון פאַרנינפטיגע קלאָרע ארגומענטען אז דיא אידען וועלען מיט זייער פערמעגען און האנדעלס־פעהיגקייטען בייטראָגען צום ענטוויקלונג פון ענגלישען האנדעל און דאס דיא אידען וועלכע ער פערטרעט, דיא פּאָרטוגעזען און איטאליענער, האָבען הויכע

פראַצענט אזוי וויא דיא קריסטען און בעשעפטיגען זיך נור מיט ניצליכען האנדעל. ער האַט וויא א געשיקטער פארטהיידיגער געבראַכט דיא בעסטע ראיות פאַר אי־דען און פאַרענטפערט דיא הויפטאַנקלאַגען וואָס מען בריינגט אויף זייא.

אין דעצעמבער 1655 האַט קראַמוועלל אַוועקגעזעצט א קאַמיסיאַ צו פער־האַנדלען וועגען דיא פראַגע פון אריינלאָזען אידען אין ענגלאַנד. זיא איז בעשטאַנען פון צוויא ריכטער, זיבען בירגער און פיערצעהן גייסטליכע. אין דער צייט פון דיא פערהאַנדלונגען פון דיעזע קאַמיסיאָן איז דיא אויפרעגונג אין לאָנדאָן געוועזען אונ־געהייער גרויס. דער פאַנאַטיזמוס פון די מאַסען איז אויפגעוועקט געוואָרען דורך דיא געגנער פון דיא אידען. אלע אפענע און בעהאַלטענע פיינדע פון די נייע אורד־נונג אין ענגלאַנד זיינען געוועזען געגען דיא אידען. קראַמוועל איז געוועזען פאַר זייא אבער דיא קאַממיסאַן האט זיך ארויסגעוויעזען ניט פריינדליך און ער האַט דען 18טען דעצעמבער געשלאָסען איהרע זיצונגען און בעשלאָסען דיא פראַגע אליין צו ענטשיידען. ער איז אבער געוועזען זעהר בעשעפטיגט מיט אנדערע אנגעלעגענהייטען און דיא ענטשיידונג איז דאָרום פארצויגען געוואָרען מעהר וויא א יאהר. דערוויל זיינען דיא אנקלאַגען געגען אידען אימער געוואָרען מעהר פאַרשפרייט און עס זיי־נען פון אלע זייטען ערשיענען שריפטען צו בעווייזען דאס עס לוינט ניט אריינצולאַזען אידען אין ענגלאַנד. ר׳ מנשה בן ישראל וועלכער איז געבליעבען אין לאָנדאָן די גאַנצע צייט, האט אין אפריל 1656 דאָרט פאַרעפענטליכט זיין בעסטעס ווערק Vindiciæ Judæorum (רעטטונג דער יודען) אין וועלכע ער שלאָגט אָפּ אללע בעשולדיגונגען וואס ווערען געמאַכט געגען אידען. דאס ווערק איז געשריבען מיט הארץ און בעגייסטערונג און האט נאך היינט א גרויסען ווערטה אלס איינע פון דיא בעסטע אידישע פארטהיידיגונגס שריפטען. אין דער צייט ווען זיא איז ער־שיענען האט זיא געמאַכט גרויס אויפזעהן און איז פון אונפארטהייאישע מענגער אנגענומען געוואָרען אלס דער בעסטער ענטפער אויף דיא בעשולדיגונגען וואס ווע־רען געמאַכט געגען אידען.

דיעזעס ווערק האט אויך ניט פארפעהלט צו מאַכען דעם געווינשטען איינ־דרוק. אידען זיינען ניט אריינגעלאַזען געוואָרען אין ענגלאַנד אפיציעל מיט פאראַד וויא ר׳ מנשה האַט זיך געריכט, אבער קראַמוועל האט געמאַכט דעם אנפאַנג זיי אריינצולאַזען, מען קען זאַגען, דורך א זייטען טהיר. אין פעברואר 1657 האט קראַמוועל בעשטימט ר׳ מנשה׳ן א פענסיאָן פון 100 פונט שטערלינג א יאהר*) און איהם אוועקגעשיקט אהיים מיט כבוד. אין דיא זעלבע צייט איז אנטאַ־

*) דאַמאלס האט דיעזע סוממע געהאַט א פיעל גרעסערע בעדייטונג וויא יעצט.

ניא ראבלעס, א מארדאנא וועלכער האט געוואוינט אין לאנדאן אננעקלאגט גע־
ווארען דאס אלס א פארטוגעזישער קאטהאליק איז איהם פארבאטען צו פיהרען
געשעפטען אין ענגלאנד. דער אנגעקלאגטער האט געמאכט זיין פארטהיידיגונג
דאס ער איז קיין קאטהאליק זאנדערן א איד. קראמוועל האט איהם בעפרייט אויף
דיעזען גרונד און דערמיט איז עס געזעצליך פעסט געשטעלט געווארען דאס אידען
מעגען וואוינען אין ענגלאנד. דיא איינינע מאראנען וועלכע האבען דארט געוואוינט
פון פריהער האבען יעצט אראפגעווארפען דיא מאסקע פון קריסטענטהום און הא־
בען אין א קורצע צייט געקרינען דיא ערלויבניס זיך איינצושאפען א בעזונדערען
בית הקברות פאר אידען. אזוי האט זיך לאנגזאם אנגעפאנגען צו גרינדען דיא
מאדערנע אידישע געמיינדע פון ענגלאנד וועלכע איז יעצט איינע פון דיא רייכסטע
און מעכטינסטע אין דער וועלט. דיא ערשטע אידישע שול איז געעפענט געווארען
אין א פריוואט הויז אין קינג סטריט, לאנדאן און ר׳ יעקב שאספארטאס, א תלמיד
חכם פון אפריקא וועלכער איז אין אנפאנג געקומען נאך לאנדאן מיט ר׳ מנשה בן
ישראל און איז אוועק צוריק ווען דיא האפנונג דורכצופיהרען דעם פלאן איז שוואך
געווארען, איז געווען דער ערשטער רב.

ר׳ מנשה בן ישראל אליין איז אבער געווען זעהר נידערגעשלאגען. פאר זיין
ענטהוזיאסטישע נאטור פאר זיינע פלענער פון איין ערלייזונג פון אידען איז דיעזע
ענדע פון זיינע ארבייט געווען צו אונבעדייטענד. דיא גרויסע אנשטרענגונגען וואס
ער האט געמאכט אין דער צייט פון אונגעפעהר אנדערטהאלבען יאהר וואס ער
האט פארבראכט אין לאנדאן האט אונטערגראבען זיין געזונדהייט און ער איז אוועק
פון ענגלאנד שוואך און אהן מוטה. ער איז געשטארבען אין מידלבורג (נאוועמבער
1657) אויף דער רייזע אהיים און זיין קערפער איז געבראכט געווארען נאך אמ־
סטערדאם וואו מען האט איהם שטארק בעטרויערט. אבער זיינע ערנסטע ארבייט
האט געטראגען פרוכט; דיא מאנארכיע וואס עס איז צוריק איינגעפיהרט געווא־
רען אין ענגלאנד איינינע יאהר נאך זיין טויט האט אויך ניט געהינדערט די איינ־
וואנדערונג פון אידען און זייער צאהל איז דארט שנעל פארגרעסערט געווארען
דורך נייע איינוואנדערער פון פארשיעדענע לענדער.

o o

o

אין דער צייט וואס מנשה בן ישראל האט זיך בעשעפטיגט מיט זיינע וויכ־
טיגע פלענער צו ערהויבען דיא לאגע פון דיא אידען און זייא צו פארטהיידיגען גע־
גען קריסטליכע אנגריפער, האט איינער פון זיינע תלמידים אין אמסטערדאם אנ־

געפאַנגען אנצוגרייפען פון אינווענינ דעם גאנצען פונדאַמענט אויף וועלכען דאס יודענטהום איז געבויט. דיעזער מאַן איז געוועזען ב ר ו ך ש פ י נ אָ ז א, דער גרעסטער פילאזאף און וואהרשיינליך דער גרעסטער מאַן וואס אידען האָבען פראָדוצירט אין מאָדערנע צייטען. ער איז געבאָרען געוואָרען פון שפּאַנישע עלטערן אין אמסטערדאם (אדער אין שפּאַניען) אין 1632. ער האט ערהאלטען זיין ערציהונג אין דיא שוהל פון דיא אידישע קהלה אין אמסטערדאַם, וואו דער תלמודיסט ר' ש ואל מארטיירא און ר' מנשה בן ישראל זיינען געוועזען דיא הויפּט לעהרער. ער האָט אויך וויא אַלע דאָרטיגע אידישע קינדער געלערענט לאַטיין, נור זיין טיעפער פארשענדער גייסט האָט זיך ניט צופריעדען געשטעלט מיט די ווענינ וואָס זיי פלעגען לערנען און ער האט זיך מיט דיא הילפע פון א קריסטליכען דאקטאר, וואן־דען־ענדע פאלשטענדיג בעקאַנט געמאכט מיט דיא אַלטע לאטיינישע ליטעראַטור און מיט דיא פילאזאפישע ווערקע פון פאַרשיעדענע צייטען. ער האָט אויך געמאַכט גרויסע פאָרטשריט אין אידישע געלעהרזאמקייט און דיא אמסטערדאמער קהלה האט געהאָפּט אז ער וועט אויפוואקסען א גאון. אָבער דער יונגער שפּינאזא האָט זיך ענטוויקעלט אין איין אונאבהענגינען דיינקער און עס האט זיך באלד ארויסגעשטעלט אַז דיא אמסטערדאמער קהלה האָט צו טהאָן מיט א צווייטען אפּיקורס, מיט א נאכפאָלגער פון אוריאל אַקאסטא וועלכער איבערטרעט דיא דינים און צווייפעלט אין דיא פּרינציפּען פון יודענטהום.

דער סקאַנדאַל וואס אוריאל אַקאָסטאס זעלבסט־מאָרד האָט פעראורזאכט האט געבראַכט דיא רבנים פון אַמסטערדאַם זאָלען זיין א ביסעל מעהר פאָרזיכטיג דיעזעס מאל. שפּינאָזא'ס גרויסע פעהיגקייטען און זיינע פריינדע אונטער געלעהרטע קריסטען האָבען זייא געמאַכט מורא צו האָבען דאָס ווען ער זאָל אריבער צום קריסטענטהום קען ער זייא זעהר פיעל שאַדען. דיא קהלה האָט דארום דעם יונגען פילאזאף אָנגעבאָטען א געהאלט פון טויזענד גולדען א יאהר מיט דער בעדינגונג אז ער זאל ניט שרייבען און ניט ריידען געגען יודענטהום און זאל פון צייט צו צייט לפנים קומען אין שול. שפּינאזא האָט זיך דערפון ענטזאגט און דיא פיינדשאפט געגען איהם איז געוואָרען אַזוי גרויס דאס עס האט זיך געפונען א פרומער פאנאַטיקער וואָס איז איהם בעפאלען בייא נאכט און געוואָלט ערמאָרדען. שפּינאזא האט זיך דאן אין גאַנצען ערוויטערט פון אידען און איז אַוועק פון אמסטערדאם. אין דשולאי 1656 ווען ר' מנשה איז געוועזען אין לאָנדאָן האט מען ברוך שפּינאזא מחרים געווען אין דיא גרויסע שוהל פון אמסטערדאם. שפּינאזא איז אָבער געוועזען א פעסטערער כאראקטער וויא אַקאסטא, ער האָט ליעב געהאָט צו

זיין איינזאם און האט זיך ניט אפגעשראקען פאר דיא שלעכטע מיינונגען פון אנדערע. דער חרם האט אויף איהם דארום געמאכט א קליינעם איינדרוק און עס איז איהם קיין מאָל ניט איינגעפאלען צו זוכען שלום מיט דיא אידען וועלכע האבען איהם פארפאלגט. דאך האבען דיא פארפאָלגונגען פארביטערט זיין גייסט נעגען אידען. ער ווייזט זיך אין זיינע שריפטען בייא יעדע געלעגענהייט פיינדליך צו אידען און אויך דאָרט וואו ער ענטוויקעלט זיינע טיעפע טהעאָריען נעגען אלע רעליגיאנען איז ער אויך אימער פריינדליכער צו קריסטענטהום וויא צו דיא רעליגיאָן פון זיינע עלטערן.

אבער דיא מורא פון דיא אמסטערדאמער אידען אז ער וועט איבערגעהען צום קריסטענטהום און וועט זיך זוכען נוקם צו זיין אָן אידען איז געווען אומזיסט. שפינאזא איז געווען צו ערנסט אין זיינע אונאבהענגיגע געדאנקען אנצונעהמען א רעליגיאָן אין וועלכע ער גלויבט ניט און איז געווען צופיעל א מאן פון פריעדען זיך אריינצולאזען אין פראקטישע פערפאָלגונגען. ער האָט געלעבט וויא א וואהרער פילאזאף און פארדיענט דאס וועניגע וואס ער האט גערארפט פאר זיין לעבענס מיטעל דורך שלייפען אויגענגלעזער, א פראפעסיאָן וועלכע ער האט זיך אויסגעלערענט ער זאל ניט דארפען צו קיינעם אנקומען. ווען ער איז שפעטער געוואָרען בעריהמט האט ער געקריגען איינלאדונגען פון פערשיעדענע פלעטצער אנצונעהמען וויכטיגע שטעלען, אבער ער האט אלע ענטזאגט. דער פפאלץ־גראף קארל לודוויג האָט איהם געבעטען ער זאָל ווערען פראפעסאר פון פילאזאפיע אין דיא היידעלבערגער אוני׳ווערזיטעט. און איהם פארזיכערט אז ער וועט דאָרט מענען טהאן אלעס וואס ער וויל, אָבער שפינאזא האט ניט געוואלט אויפגעבען זיין רוהיגעס לעבען און זיינע אונאבהענגיגקייט. ער האט געזוכט צו פערמיידען שטרייטיגקייטען און אויפרעגונג און האט דארום ניט געוואָלט ארויפשטעלען זיין נאמען אדער אפילו דעם דרוק־פלאץ אויף דעם „פאליטיש־טהעאלאגישען טראקטאט“ דאס וויכטיגסטע פון זיינע ווערקע וואס איז געדרוקט געוואָרען פאר זיין לעבען.

דיעזעס ווערק וועלכעס איז פערעפענטליכט געווארען אין 1670 האט געמאכט א סענסאציאָן אין דיא וועלט פון געלעהרטע און האט אויף איהם אנגערייצט דיא קריסטליכע גייסטליכע פון גאנץ אייראפא. אבער מען האט דעם ארעמען גלעזער־שלייפער גאר נישט געקענט טהאן און ווען דיא רעגיערונג האט דעם בוך פארבאטען האט דאס נאטירליך געהאלפען איהם נאך מעהר צו פארברייטען. אבער דער שטורם וואס זיינע געדאנקען האבען אויפגעהויבען האט דעם פר־עדליבען דיינקער געווארנט ער זיך ניט אריינלאזען אין נייע געפאהרען און ער האט

דארום זיין הויפט ווערק דיא „עטהיק" וועלכעס ענטהאלט זיין גאנצע פילאזאפישע סיסטעם, ניט געוואָלט דרוקען פאר זיין לעבען. ער האט געארבייט, געדריינקט אין געשריבען אין צוריקגעצויגענהייט, בעוואונדערט פון דיא געלעהרטע פון גאנץ אייראפא און פלעגט אפט בעזוכט ווערען פון בעריהמטע לייט. אזוי האָט ער געלעבט ביז זיין ענדע ווען ער איז געשטארבען פון שווינדזוכט אין 1677 ווען ער איז געוועזען נאר 45 יאהר אלט.

ברוך שפינאזא ווערט גערעכענט אלס איינער פון דיא גרעסטע דיינקער וואס דיא וועלט האָט געהאט. קיין איד פארנעהמט ניט אזא וויכטיגען פלאטץ אין דיא געשיכטע פון ענטוויקלונג פון מענשליכען גייסט וויא ער און קיין אידישער דיינקער איז ניט אזוי פיעל שטודירט געוואָרען און געפארשט געוואָרען וויא ער. זיין סיסטעם איז בעקאנט געוואָרען איז זיא געוואָרען איינע פון דיא וויכטיגסטע פילאזאפישע סיסטעמען פון אלע צייטען און יעדער וועלכער שטודירט פילאזאפיע מוז אויך בעקאנט ווערען מיט דיא גייסטיגע פרוכט פון דעם פארפאלגטען אידישען דיינקער. דיא צאהל פון זיינע אנהענגער און נאכפאלגער און פון דיא שריפטען וואָס זיינען וועגען איהם און געגען איהם ערשיענען איז אונגעהייער גרויס. אידען פון שפעטערע דורות האָבען פארגעסען זיין אונפריינדליכקייט צו דיא אידען פון זיין צייט וועלכע האבען איהם שלעכט בעהאנדעלט און שטאָלצירען מיט דעם גרויסען גייסט און מיט זיינע הויכע און טיעפע געדאנקען וועלכע האבען אויף זיך דייטליכע סימנים פון דיא אידישע שול וואו שפינאזא האט גענומען זיינע ערשטע לעססאנס אין פילאזאפיע.

אונטער זיינע חברים און צייט גענאסען אין האלאנד האָבען זיך געפונען איינינע וועלכע האָבען געשריבען אין שפאניש פאָעטישע און פראזאישע ווערקע וועלכע האבען אבער געמאכט וועניג איינדרוק און זיינען שנעל פערגעסען געוואָרען. דער איינציגער פון זייא וועלכער פארדיענט דערמאנט צו ווערען איז ר' משה זכות (1630—1697) וועלכער האט געשריבען דיא ערשטע העברעאישע דראמא (יסוד עולם). ער איז געוועזען א גרויסער תלמודישער געלעהרטער און האט זיך גערעכענט אלס דער בעסטער תלמיד פון ר' ש ואל מארטיירא. אין 1649 איז ער אוועק נאך איטאליען וואו ער איז געוועזען פריהער אין וועניס און נאכהער אין מאנטוא. ער האט געשריבען שירים, תשובות און ווערקע איבער דקדוק און הלכות און האט אויך ארויסגעגעבען ווערקע וואס אנדערע האבען פערפאסט. אבער כמעט קיינע פון זייא האבען א בעשטענדיגען ווערטה פאר דיא אידישע ליטעראטור אדער פאר דיא אידישע געשיכטע.

זיעבענטער קאפיטעל.

אידען אין פוילען אין 16טען און 17טען יאָרהונדערט. גרויסע רבנים. דער „חזוק אמונה“. חמיעלניצקי און דיא גזירות ת״ח.

זיגיסמונד I. איז געשטארבען אין 1548 און זיין נאכפאָלגער זיגיסמונד אויגוסט וועלכער האָט רעגיערט פון 1548 ביז 1572 איז בכלל געווען ניט זעהר שלעכט צו אידען, אָבגלייך אונטער איהם האָט זיך שוין אָנגעפאנגען סיסטעמאטישע בעשרענקונגען און אונטערדריקונגען. ער האָט בעזאָנדערס ליעב געהאָט זיין פראָווינץ ליטא, וואו ער איז געווען א פירסט איידער ער איז געוואָרען קעניג פון פוילען און האט אויך פאַר דיא אידען פון ליטא פיעל געטהאָן. ווען ער האָט געהאלטען ביים אָפּשליסען א פערטראָג מיט דעם רוסישען צאר איוואן IV. (גראָזני, דער שרעקליכער) האט ער פון יענעם געפאָדערט אז ליטווישע אידען זאָלען האָבען דאס רעכט צו קומען האנדלען אין רוסלאַנד. איוואָן האט איהם ענטזאגט און רוסלאַנד איז געבליבען דאָן, וויא זיא איז געווען א לאַנגע צייט פריהער און נאכדעם כמעט אין גאַנצען אָהן אידען. דיא שנאה צו אידען אונטער דיא פאנאַטישע רוסען איז נאך געשטיגען זייט דיא ענדע פון 15טען יאהרהונדערט ווען א איד מיט דעם נאמען זכריה פון קיעוו האט אין נאווגאראד וואו ער איז געקומען אלס בעגלייטער פון א פוילישען פירסט אין 1471 געגרינדעט א סעקטע וואָס איהר גלויבען איז געווען נעהענטער צום יודענטהום וויא צום קריסטענטהום. פיעלע גייסטליכע און אויך א מיטראפּאליט מיט דעם נאמען זאסימא האָבען זיך אָנגעשלאָסען אן דיעזע נייע סעקטע וועלכע איז שטארק פארפאלגט געוואָרען פון דער רעגיערונג און האט דאך ניט געקענט אין גאנצען אויסגעראָטט ווערען. דיעזעס האט געבראכט אז דיא געזעצע געגען אריינלאזען אידען אין רוסלאנד זיינען זעהר שטרענג דורכגעפיהרט געוואָרען.

אבגלייך עס איז שוין דיא אידען אין פוילען דאן ניט געווען אזוי גוט וויא אין פריהערע צייטען איז זיי דאך געווען בעסער וויא אין יעדע אנדערע לאַנד אין דער וועלט. קארדינאל קאָממענדאָני, דער נונציא אדער געזאנדטער פון פאפּסט אין פוילען אין דער צייט פון זיגיסמונד אויגוסט האט דורכגערייזט א טהייל פון לאנד (אין 1561) און שרייבענדיג פון וואס ער האט געזעהן, דא צוהט ער אז:

מען געפינט אין דיזע פראווינצען. אידען וועלכע זיינען ניט פעראכטעט אזוי וויא אין אנדערע לענדער. זיי לעבען ניט פון דיא ניעדריגע בעשעפטיגונג פון פראצענט אבגלייך זיי ענטזאגען זיך דערפון אויך ניט. זיי בעזיצען לאנד, פיהרען האנדעל און פארנעמען זיך אפילו אויך מיט קונסט און ליטעראטור, בעזאנדערס מיט מעדיצין און אסטראלאגיע. זיי האבען כמעט אומעדום דיא עמטער איי-צומאנען שטייערן און צו טראנספארטירען סחורה. זיי שטייען גלייך מיט אלע אנשטענדיגע איינוואוינער און זיינען אפט זייערע אנפיהרער. זיי טראגען קיין צייכען וואס זאל זיי אונטערשיידען פון קריסטען. עס איז זיי ערלויבט צו טראגען שווערדען און צו געהן בעוואפענט און זיי זיינען אין אלע הינזיכטען גלייך מיט אנדערע בירגער פון לאנד".

אבער דיא גוטע צייטען האבען שוין דאן זיך געהאלטען ביים ענדיגען. דער איינפלוס פון דיא גלחים איז אימער גרעסער געווארען און דער קעניג איז ניט אלע מאל געוועזען אימשטאנד צו פערהיטען אז אונשולדיגע אידען זאלען ניט פאראורטהיילט ווערען איבער רעליגיעזע בלבולים. אין 1556 זיינען צוויי אידען אין פלאצק און איינער אין סאחאצעוו געקעפט געווארען איבער א בלבול און זיגיסמונד אויגוסט האט אין דעם נעקסטען יאהר דורכגעפיהרט אז דער סיים אדער פוילישער ריכסטאג וועלכער איז דאן געזעסען אין ווארשוי האט בעשלאסען אז אזעלכע בלבולים מוזען געבראכט ווערען פארן סיים און קיין נידריגערע געריכט טאר איבער דעם ניט ענטשיידען. אין דעם זעלבען יאהר איז אידען אין פוילען פארבאטען געווארען צו האנדלען מיט פערד.

אין 1565 האט דער רייכסטאג, זיצענדיג אין פיעטערקאוו, ארויפגעלייגט א שווערען קאפ-שטייער אויף אידען. ווען א פאלקסצעהלונג (צענזוס) איז פארגענומען געווארען צום צוועק פון איינמאנען דיזען הויכען שטייער האבען דיא גרעסטע טהייל אידען זיך בעהאלטען און דערפון איז ארויס דאס דיא צאהל פון דיא אידען אין גאנץ פוילען איז אנגעגעבען געווארען אויף 16,589. דיא אמתע צאהל איז וואהרשיינליך געוועזען ניט ווייט פון א פיערטעל מילליאן. אין 1569 איז דורכגעפיהרט געווארען דיא לובלינער פעראייניגונג אדער יוניאן דורך וועלכע ליטא און פוילען זיינען פאראייניגט געווארען אלס איין לאנד. דאס האט פיעל פארערגערט דיא לאגע פון דיא אידען אין ליטא וועלכע האבען מייסטענס געקריגען שפעציעלע פרייהייטען און פרייוויל עניען פון דיא פירסטען פון ליטא.

סטעפאן באטארי, דער פירסט פון זיבענבירגען וועלכער איז ערוועהלט געווארען צום קעניג פון פוילען אין 1575 איז געוועזען איינער פון דיא בעסטע קעניגע וואס פוילען האט געהאט. אין דיא 11 יאהר וואס ער האט רעגיערט האט ער זיך

געוויזען גאנץ גוט צו אידען און האט שווער בעשטראפט דיא וועלכע האבען פאר-שפרייט בילבולים און זיינען אנגעפאלען אויף אידען אין זיין צייט. אונטער דיא לאנגע רעגיערונגס צייט פון זיין נאכפאלגער, דער שוועדישער פרינץ זיגיזמונד III. וועלכער איז געווען קעניג פון פוילען פון 1587 ביז 1632 און איז געווען א תלמיד פון יעזואיטען וועלכע האבען איהם שטארק בעאיינפלוסט, האט זיך דיא אידישע לאגע איטער פארערגערט. איינע פון זיינע געזעצע וואס האט דיא אידען אם מייס-טען געערגערט איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1592, דאס אידען טארען ניט בויען א שול אהן דיא ערלויבניס פון דיא קאטהוילישע גלחים פון פלאץ.

דאך זיינען דיא נייע צרות אם מייסטען געווען אזעלכע פון וועלכע מען האט זיך מיט געלד געקענט ארויסקויפען און דיא אונטערדריקונגען וועלכע זיינען געקומען לאנגזאם זיינען אויך ניט געווען שטארק גענוג צו פארשטערען דיא ענטוויקלונג פון אידישען גייסט אין אזא לאנד וואו דיא לאגע פון אידען בכלל איז געווען גוט אין פערגלייך מיט דיא אנדערע לענדער. פון פארשפרייטונג פון וועלטליכע בילדונג האט ניט געקענט זיין דיא רעדע אין א לאנד וועלכעס איז אליין געשטאנען אין א ניעדריגען גייסטיגען צושטאנד, און דער גאנצער פארטשרים איז דארום געטאכט געווארען אין תלמודישע געלעהרזאמקייט. דיא אידען אין פוילען האבען דאן שוין אנגעפאנגען צו זיין מעהר אפגעזונדערט פון קריסטען וויא אין דער צייט ווען קא-מענדאני האט בעשריבען זייער לאגע. זיי זיינען אלץ מעהר און מעהר געווארען א פאלק פיר זיך, וועלכע איז געשטאנען אונטער דיא הויפט-אויפזיכט. מען קען זא-גען אונטער דיא רעגיערונג, פון „ועד ארבע ארצות", דיא קאמיטע פון רבנים און גדולים וועלכע פלעגט זיך צוזאמענקומען אין דער צייט פון דיא גרויסע ירידען אין אין יאראסלאוו און לובלין, צוויי מאל א יאהר און ענטשיידען איבער דיא וויכטיג-סטע אנגעלעגענהייטען וואס אנבעטרעפט דעם כלל ישראל. אין דיעזען אפגעזונ-דערטען אידישען לעבען זיינען דיא לומדים געווען א סארט אריסטאקראטיע און האבען פארנומען דעם וויכטיגסטען פלאץ אין יעדע געמיינדע. דאס האט געבראכט אז שטודירען תלמוד איז שטארק אריין אין דער מאדע און איז געווארען כמעט דיא אלגעמיינע בעשעפטיגונג. דיא „חילוקים" און דיא „פלפולים" האבען אויסגע-שלייפט דיא אידישע קעפ און זיי פעהיגער געמאכט צום האנדעל מיט דיא אונווי סענדע און ניט ענטוויקעלטע קריסטען. לומדות האט געבראכט כבוד און גדולה און עס איז דארום גאנץ נאטירליך אז דיא תלמודישע קענטניסע האבען ערדייכט אין פוילען דיא העכסטע שטופע און פוילישע גדולים זיינען באלד אריבערגעוואק-סען אין וויכטיגקייט דיא לומדים פון אלע אנדערע לענדער. פון אלע לענדער איז

מען נעקומען לערנען תורה אין פוילישע ישיבות און פוילישע רבנים האבען זיך ביס־לאבוויז פארשפרייט און פארנומען דיא וויכטיגסטע שטעלען אין אידישע געמיינדען אין גאנץ איירָאפא. אפילו דיא אריסטאקראטישע פארטוגעזען האבען אנערקאנט אז דיא פוילישע אידען שטעהען העכער פאר זיי אין לומדות און ר׳ מנשה בן ישראל דערצעהלט אז ער האט געשיקט זיין זאהן נאך פוילען צו לערנען תורה.

אזוי איז עס געקומען דאס אין דעם צווייטען דור נאך ר׳ שכנא לובלינער, ר׳ משה איסרלס און ר׳ שלמה לוריא, דיא ערשטע גדולים פון פוילען וועלכע זיינען דערמאנט געוואָרען אין א פריהעריגען קאפיטעל, זיינען אויפגעוואקסען פיעלע בע־ריהמטע רבנים וועלכע האבען זיך אונשטערבליך געמאכט אויף דעם פעלד פון תלמודישע ליטעראטור. ר׳ מרדכי יפה (1532—1612) דער פערפאסער פון גרויסע ווערקע וועלכע זיינען בעקאנט מיט דעם אלגעמיינעם נאמען „לבוש“ איז (אזוי וויא דער רמ״א פאר איהם) אויך געווען בעקאנט מיט וויסענשאפטען. ער האט גע־שטאמט פון בעהמען אָבער איז גאנץ יונג געקומען נאך פוילען און האט אויך גע־לעבט עטליכע יאָהר אין איטאליען. ער איז צוריקקומענדיג נאך פוילען געווען א רב אין גראדנא, נאכדעם (פון 1575 ביז 1592) אין לובלין און מען גלויבט אז ער איז געווען דער גרינדער און ערשטער פארשטעהער פון „ועד ארבע ארצות“. ווען ער איז אוועק ווערען רב אין פראג איז ר׳ יהושע פאלק פון לעמבערג געשטאָרבען 1616? דער מחבר פון „סמ״ע“ (ספר מאירת עינים אויף חשן משפט) געווען דער פיהרער פון ועד. אנדערע פון דיא בעריהמטעסטע פוילישע גדולים אין יענער צייט זיינען געווען: ר׳ מאיר (מהר״ם) לובלין וועלכער איז געשטאָרבען אין 1617, ר׳ שמואל איידלש (מהרש״א) דער מחבר פון דיא בעריהמטע חידושים וועלכער איז געווען א רב אין פויזען אין לובלין און דערנאך אין אָסטראה (געשטאָרבען 1631). ר׳ יואל סירקעש, מחבר פון „בית חדש“ אדער ב״ח וועלכער איז געווען א רב אין בריסק און שפעטער אין קראקוי (געשטאָרבען 1639) און פיעלע אנדערע.

אין דיא וויכטיגע אידישע געמיינדע פון בריסק האט דאן געשפיעלט א גרויסע ראָלע ר׳ שאול וואהל, איין אייניקעל פון ר׳ יהודה מינץ פון פאדוא אין איטא־ליען. ר׳ שאול איז געווען זעהר רייך און געלערנט און איז געווען הויך געאכטעט ביי דיא פירסטען און אדעללייט פון פוילען. ער איז געשטאָרבען אין 1615. איין אנדער בעדייטענדע פערזאָן פון יענער צייט איז געווען דער קראי יצחק בן אברהם פון טראָק, ביי ווילנא (1533—1594). אין יענע צייט האט מען זיך אין פוילען שטארק בעשעפטיגט מיט וכוחים וועגען רעליגיאָן. איטאליענישע יוניטאריער אָדער קריסטען וועלכע גלויבען ניט אין דיא דריי־אייניגקייט און האלטען קריסטוס נור פאר א

גרויסען מענשען, ניט פאר א גאָט, זיינען דאן געקומען נאָך פוילען און דאָרט פאר־שפּרייט זייערע גלויבענס־פּרינציפּען. מען האָט דיעזע סעקטע געוועהנליך גערופען האַלבע אידען און פיעלע פון זיי, וויא צום ביישפּיעל זייער גרויסער אנפיהרער סימאן בודני, האָבען ווירקליך סימפּאטיזירט מיט אידען. אָבער אנדערע יוניטאַריאַנישע אנפיהרער, וויא מארטין טשעכאוויטש, זיינען געווען גענגער פון אידען און עס פער־שטעהט זיך דאס געלערנטע אידען האָבען זיך אינטערעסירט אין דיא וכוחים וואס זייער בעוועגונג האָט ארויסגעבראַכט. דיעזעס האָט געבראַכט יצחק טראקי צו שרייבען זיין גרויסעס ווערק געגען קריסטענטהום, דעם „חזוק אמונה“ דעם בעסטען בוך וואס איז אויף דיעזען געגענשטאַנד געשריבען געוואָרען און דאס איינציגע ווערק פון דיא פעדער פון א קראי וואָס איז ווירקליך ווערטה צו לעזען. דער „חזוק אמונה“ וועלכער איז געשריבען געוואָרען א קורצע צייט פאר דעם פערפאַסער'ס טויט האָט שפּעטער אָנגעמאַכט א שטורם אונטער קריסטליכע געלעהרטע און טהעאָלאָגען. ער איז איבערזעצט געוואָרען אין לאַטיין, שפּאַניש, דייטש, און פראנצויזיש און איז בעריהמט געוואָרען דורך דיא אנגריפע וואָס קריסטען האבען אויף איהם געמאַכט און זייערע אנשטרענגונגען איהם אפּצולייקענען. אָבער זיינע טענות וועלכע זיינען דיא הויפּט בעווייזע פון יודענטהום געגען קריסטענטהום פאר אלע צייטען און וועלכע יצחק טראקי האָט צוזאמענגענומען וויא א געשיקטער אדוואָקאַט, זיינען אין אמת נאָך ביז היינט געבליבען ניט פאַרענטפערט.

o o

o

דיא שטענדיגע פארגרעסערונג פון דעם איינפלוס פון דיא יעזואיטען און פון דיא קאַטהאָלישע קירך בכלל אין דיא אנגעלעגענהייטען פון פוילען האָט געבראַכט צרות ניט נור פאר אידען, זאָנדערן אויך פאר פוילען בכלל. דיעזער איינפלוס האט אין מיטען פון 17טען יאהרהונדערט געבראַכט דיא גרעסטע בלוטפערגיסונגען און דיא שרעקליכסטע מערדערייען פון וועלכע מען וויים אין דיא נייערע צייטען און האָט אָנגעפאַנגען דיא פעריאָדע פון שוואכהייט און אונרוהען וועלכע האָט זיך גע־ענדיגט מיט דיא צוטהיילונג פון פּוילען. אידען וועלכע זיינען נור געווען דיא ווערק־צייג אין דיא הענד פון פוילישען אדעל דורכצופיהרען דיא פאַנאַטישע פּלענער פון דיא קאַטהאָלישע קירך האָבען געליטען פון דיא אונרוהען מעהר וויא דיא ווירקליכע שולדיגע. צום ערשטען מאָהל זייט דיא קרייצציגע און דיא שווארצע פעסט האט זיך ווידער אידישעס בלוט געגאָסען וויא וואסער אין פיעלע שטעדט צו דער זעל־

בען צייט און דאס איז פארגעקומען גראדע אין א לאנד וואו אידען האבען געלעבט רוהיג און גליקליך אין די פינסטערע צייטען פון מיטעלאלטער.

ביז יענער צייט האבען אידען אין פוילען מייסטענס געריטען פון דעם קאפריז פון איינצינע מענשען וועלכע האבען געהאט מאכט, פון אינטריגעס פון גייסטליכע אדער פון די וועלכע האבען בענוצט דעם איינפלוס פון די רעגיערונג זיי צו פער־פאלגען ווענען קאנקורענץ אין געשעפט. דאס לעצטע איז געוועהנליך געוועזען די הויפט אורזאכע און די מייסטע צרות אויף אידען זיינען פארגעקומען און די האלב־דייטשע שטעדט פויזען, קראקוי, לובלין אדער לעמבערג וואו די דייטשע בעלי מלאכה און געשעפטס לייט האבען בענוצט יעדע געלעגענהייט צו ברייננען פארפאלגונגען אויף זייערע אידישע קאנקורענטען. מיט די פויליען אליין, בעזאנ־דערס מיט דעם אדעל האבען זיך די אידען ציעמליך גוט פארטראגען. די אידען זיינען געוועזען די פינאנסיערען, די אגענטען און אויך די ראטה־געבער פון די פריצים און זיינען פון זיי בענוצט געווארען דורכצופיהרען אלע זייערע פלענער. דער־פון איז געקומען דאס אידען זיינען אויך געווע אריינגעמישט אין די פלענער פון די פוילישע רעגיערונג צו צווינגען איהרע פראוואסלאווגע אונטערטהאנען צו ווע־רען קאטהאליקען.

דיעזע פלענער זיינען מיט פיעל שטרענגקייט דורכגעפיהרט געווארען אין די קאלאניען פון די „זאפאראזשני“*) קאזאקען וועלכע זיינען געשטאנען אונטער דעם שוץ פון די פוילישע קרוין און זיינען בענוצט געווארען צו שיצען דאס לאנד געגען די טערקען און טאטארען. די קאלאניען זיינען געגרינדעט געווארען פון אנטלאָ־פענע לייב־אייגענע (פאנשציזנע) און פערברעכער, פון גליקזוכער און ארומוואנדלער פון פערשיעדענע ראסען וועלכע האבען זיך מיט דער צייט צוזאמענגעשמאָלצען אין בעזונדערע קאזאקען־געמיינדען. זיי זיינען געוועזען מוטהיגע קריגער און געוואָהנט צו מלחמות און האבען פון די פוילישע קעניגע געקריגען א געוויסען גראד פון אונאב־הענגינקייט אונטער זייער אייגענעם אטאמאן אדער העטמאן וועלכער איז אנער־קאנט געווארען אלס זייער פיהרער. די זאפאראזשנע קאזאקען זיינען מייסטענס געוועזען פראוואסלאווגע און דער פרומער קאטהאליק זיגיסמונד מיט די יעזואיטען האבען בעשלאסען זיי צו צווינגען אנצונעהמען דעם קאטהאלישען גלויבען. מען האט

---

*) זא פאראג (הינטער'ן שוועל) הינטער די שוועלען אדער וואסער־פאלען פון דניעפער צווישען אלעקסאנדראווסק און יעקאטערינאסלאוו. די איינוואוינער האבען זיך דארום גערופען זא־פאראזשני.

אָנגעפאַנגען זיי סיסטעמאַטיש צו אונטערדריקען מיט שווערע אָבגאָבען אויף רעדליניעזע צערעמאָניעס און דיעזע האלב־ווילדע שטרייטער וועלכע זיינען געווען א גרויסע שטיצע פאר פוילען אין צייט פון קריעג זיינען יעצט געווארען איהרע שונאים און אָנגעהויבען צו קלעהרען וועגען זיך נוקם זיין אָן זייערע אונטערדריקער.

דריי פירשטליכע פוילישע פאמיליען, דיא קאָנעצפאָלסקים, ווישניאָוועצקים און פאָטאָצקים זיינען געווען די אויבערהערשער פון די קאָזאקען־קאָלאָניען אין אוקראַניע און מאַלאָראָססיא. און זייא האבען איבערגעגעבען אין דיא הענד פון זייערע אידישע געשעפטספיהרער דיא איינגאהמען פון דיא שווערע שטייערן וואס זיינען ארייפגעלייגט געוואָרן אויף דיא קאָזאקען. אזוי האבען זיך אידישע געטיינדען ביסלאכוויז פארשפרייט אין יענע געגענדען און זיינען געווען פארהאסט ביי דיא בעפעלקערונג וועלכע האט אין זייא געזעהן דיא ווערקצייג דורך וועלכע זיי ווערען אונטערדריקט און האט זייא פיינט געהאט וויא א קינד האט פיינד דיא רוט מעהר וויא דיא האנד וועלכע האלט דיא רוט. איינע פון דיא ערנסטע אבגאבען וואס האט דיא קאָזאקען אויפגערייצט איז געווען דיא טאקס וואס זייא האבען, געמוזט צאהלען פאר דורכפיהרען דיא צערעמאָניע פון הייראטהען אדער טויפען קינדער נאך דיא פראוואסלאוונע רעליגיאָן. דיא פוילישע פריצים האבען געהאלטען דיא שליסלען פון דיא פראוואסלאוונע קירכען כדי קיין צערעמאָניע זאל ניט קענען דורכגעפיהרט ווערען ביז די טאקס וועט בעצאהלט ווערן. דיא פריצים האבען נאטירליך דיא שליסלען איבערגעגעבען צו זייערע אידישע טאקס־קאלעקטארס און אזוי איז עס געקומען דאס ווען קאזאקען האבען געדארפט הייראטהען אדער טויפען זייערע קינדער האבען; זייא געמוזט ברייננען געלד צום אידען און נעהמען ביי איהם דיא שליסלען פון צערקווא. דיא שולד האט דארין געהאט דיא פוילישע רעגירונג אבער דיא אידען זיינען דורך דעם שטארק פארהאסט געוואָרן אין יענע געגענד.

אין א קליינעם אויפשטאנד וואס איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1638 האבען דיא צווייטע קאָזאקען ערמאָרדעט 200 אידען און פיעלע פאלאקען, אבער דיא ווארנונג איז געווען א צו קליינע אָן דיא אונטערדריקונגען זיינען פאָרטגעזעצט געוואָרן נאך שטריינגער וויא פריהער. אין 1648 (ת"ח) האט זיך אנגעפאנגען דיא רעוואָלוציאָן פון דיא קאָזאקען געגען די פוילישע רעגירונג וועלכע האט געבראכט דיא גרעסטע בלוטפערגיסונגען און מערדערייען וועלכע זיינען בעקאנט אין דיא אידישע געשיכטע זייט דעם חורבן פון ביתר אין צווייטען יאהרהונדערט.

דער אנפיהרער פון דעם אויפשטאנד איז געווען דער בלוטדורשטיגער מערדער באָנדאַן חמיעלניצקי (1657— ? 1595) א געוועזענער שרייבער אין

א קאָזאַקען־דאָרף, וועלכער איז געווען מעהר ווילדע חיה וויא מענש. אויסער די אלגעמיינע שנאה פון דיא קאָזאַקען צו אידען האט ער געהאט א שפּעציעלע שנאה ווייל א איד האט איהם אמאָהל אפּגענאַרט אין איין אונטערנעהמונג און חמיעל־ניצקי האט דאדורך פאַרלאָרען זיין פרויא און זיין אייגענטהום. א צווייטער איד האָט איהם אמאהל פערראַטהען אין איין אונטערהאַנדלונג מיט טאטארען און די שנאה צו אידען האט דארום געברענט וויא א פייער אין זיין מערדערישע הארץ. ער האט אויפגעמונטערט דיא קאָזאַקען צום אויפשטאַנד מיט דעם געשרייא; „דיא פּאָלאַקעס האבען אונז פארקויפט פאר שקלאַפען צו די פארפלוכטע אידען!“ און האט מיט דיא היכפע פון טאטארען פאריאָגט דיא פוילישע סאָלדאַטען פון דיא גאנצע אימגעגענד. געגעראַל־לייטענאַנט גראף פּאָטאָצקי מיט 8000 סאָלדאַטען זיינען פערראַטהען געוואָרען אין דיא הענד פון טאטארען און עס האט גלייך אין אנפאַנג אויסגעזעהען אז פוילען האט דורכצומאכען דיא גרעסטע קריזיס אין איהר געשיכטע.

צום אונגליק איז דאן זיגיסמונד'ס נאכפאָלגער, וולאַדיסלאַוו, פאר וועמען חמעלניצקי האט געהאט עטוואס רעספּעקט, געשטאָרבען און דיא פוילישע מאַגנאַטען האבען זיך אנגעפאַנגען ארום צו רייסען איבער דיא פראגע פון אויסקלייבען א נייעם קעניג. פון מאי ביז אקטאבער 1648 איז פוילען געווען אָהן א קעניג און עס איז ניט געמאכט געוואָרען קיין ריכטיגע אנשטרענגונג צו ברייננען אין פעלד א גוטע ארמעע צו בעזיעגען דיא קאָזאַקען. חמיעלניצקי האט זיך אין אנפאַנג צוריק געצויגען און געוואָרט אז דיא רעגיערונג זאלל מיט איהם אונטערהאַנדלען אבער דערווייל האט ער געלאזט אָרגאַניזירען באַנדעס פון איינפאַכע מערדער וועלכע האבען זיך גערופען „הײדאַמאַקען“ (אויף טאטאריש: אנהעננער, ד. ה. אנהעננער פון די קאָזאַקען פּאַרטיי) און זיי זיינען געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָדט צו שטאָדט און אויסגעמאָרדעט פוילישע פריצים און זייערע פאמיליען און אויך איינפאכע פּאָליאַקעס, אבער אם מייסטען האבען זייא אויסגעלאָזען זייער צאָרן צו דיא אידען וועלכע זיינען אימער געפאַלען די ערשטע אָפּפער. דיא פּראַוואָסלאַוונע גייסטליכע, דיא פּאָפּעס, האבען ערמוטהיגט דיא הײדאַמאַקען צו ערמאָרדען אלע וועלכע ווילען ניט אננעהמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען און דיא אונגעהיירע מערדערייען האבען דאדורך געקריגען א סאָרט רעליגיעזען כאַראַקטער. דיא הונדערטע טויזענדע אידען און פּאָליאַקעס וועלכע זיינען אין יענע שרעקליכע צייטען אומגעקומען ווערען דארום בעטראַכטעט אלס מאַרטירער פאר רעליגיאָן,

ווייל די וועלכע האבען אנגענומען דעם פראוואסלאווגעם גלויבען זיינען פארשוינט געווארען פון דיא ווילדע באנדעס.

צעהנדליגע אידישע קהלות אין אוקראינע, וואהליניען און פאדאליען זיינען אין יענער צייט אין גאנצען פארניכטעט געווארן. אם בעסטען האבען געמאכט די וועלכע האבען זיך פרייוויליג ארייגגעגעבען אין דיא הענד פון דיא טאטארען און זיינען פארקויפט געווארן אלס שקלאפען אין טירקיי. דיא דארטיגע אידען האבען זיי געוועהנליך אויסגעלייזט און בעפרייט. די אידישע קהלה פון קאנסטאנטינאפאל האט דאן אוועקגעשיקט א שליח נאך האללאנד קלייבען געלד פאר דיעזען צוועק און רייכע אידען האבען געהאלפען אזוי ווייט וויא זייא האבען געקענט. א קליינע צאהל אידען אין דיא אנגעגריפענע פלעצער האבען לפנים אנגענומען דעם פראוואסלאוונעם גלויבען, אבער דיא מייסטע האבען זיך מוסר נפש געווען פאר זייער רעליגיאן און זיינען אומגעבראכט געווארן אויף די שרעקליכסטע אופנים. די ערשטע גרויסע שלאכטעריי איז פארגעקומען אין נעמיראוו, וואו אונגעפעהר 6000 אידען צוזאמען מיט זייער בעריהמטען רב ר' יחיאל זיינען אויסגעמארדעט געווארן דעם 10טען דשון (כ' סיון). אין טולטשין האבען דיא אידען זיך בעוואפענט און גע־האלפען דיא פאליאקעס פאר א רעכטע צייט צו שיצען דיא שטאדט געגען דיא היידאמאקעס וועלכע האבען איהר בעלאגערט אונטער דיא אנפיהרונג פון דעם מערדערישען בארבאר מיט דעם נאמען קריוואנאס. ער האט אם ענדע איינגערעדט דיא פאליאקעס אז ער וויל נור אויסהרגנען דיא אידען און דיא פאלשע און נארי־שע פריצים האבען זיך געלאזט פון איהם איבעררעדען און געפאדערט דיא אידען זאלען זייא אוועקגעבען זייערע וואפען. דיא אידען וועלכע זיינען געווען פיעל שטאר־קער אין צאהל וויא דיא פאליאקעס האבען פארשטאנען דעם פערראטה און גע־וואלט אויסהרגנען דיא פאלשע פריינד. אבער דער רב פון טולטשין האט זייא געווארנט אז דאס וועט אויפרייצען דיא פאליאקעס געגען דיא אידען פון גאנץ פוילען און דיא טולטשינער אידען האבען איהם געפאלגט און זיך אלליין אויפגע־אפפערט. דיא פאליאקעס האבען געעפענט דיא שטאדט; קריוואנאס איז אריין מיט זיינע ווילדע היידאמאקען און 1500 אידיישע נפשות זיינען שרעקליך געפייניגט און דאן אומגעבראכט געווארן. (דשון 24). אבער קריוואנאס האט זיך געוויזען אזוי פאלש וויא די פוילישע פעררעטהער און אין א קורצע צייט נאכדעם האט ער אויך אויסגעמארדעט אלע פאליאקעס אין טולטשין. דאס איז געווען א גוטע לעק־ציאן פאר דיא פאליאקעס פון גאנצען לאנד און זייט דאן האבען זיי זיך אנגענומען פאר אידען אומעדום וואו זייא האבען נור געהאט דיא מעגליכקייט.

אידישעס און פוילישעס בלוט האט געפליסט וויא וואסער אין גאנץ מאלא-ראססיא און דיא וויכטיגע געמיינדען פון האמעל, סטאראדאב און טשערניגאוו און אנדערע פלעצער ארום קיעוו זיינען כמעט אין גאנצען פערניכטעט געווארען. אויך אין דיעזע געפעהרליכע צייטען האבען דיא פוילישע מאגנאטען ניט אויפגעהערט זייערע שטרייטיגקייטען און אינטריגעס צווישען זיך. אנשטאט צו ערוועהלען אלס זייער פיהרער אין קריעג דעם איינציגען פעהיגען גענעראל וואס זייא האבען דאן געהאט, פירסט ווישנאוויעצקי, האבען זייא אויסגעקליבען דרייא קאמאנדירען און קיינער האט ניט געקענט פיעל אויפטהאן. ווישניאוועצקי האט געקעמפפט וויא א העלד און געשיצט דיא אידען וויא ווייט ער האט געקענט. אבער זיין ארמעע איז געוועזען צו קליין און ווען ער איז געצוואונגען געווארען זיך צוריקצוציהען זיינען דיא אידען וועלכע זיינען זיך צוזאמענגעלאפען מיט דיא האפנונג אז ער וועט זייא שיצען אויסגעקוילעט געווארען פון דיא היידאמאקעס. אין דיא פעסטונג פאלאנאע צווישען זאסלאוו און זיטאמיר, זיינען 10,000 אידישע נפשות אומגעבראכט געווארען דורך דעם פערראטה פון דיא איינוואוינער. (22טען דשולאי — י"ג אב).

אין סעפטעמבער פון זעלבען יאהר איז ווידער פארגעקומען א שלאכט און חמיעלניצקי האט מיט דיא היקף פון טאטארען צוטריבען דיא פוילישע ארמעע נאך אלע זייטען. דיא קאזאקען האבען זיך דאן פארשפרייט איבער די געגענדען וועלכע האבען זיך פריהער געהאלטען זיכער און געמארדעט אידען און פאליאקעס אהן רחמנות. נור דיא וועלכע האבען זיך געראטעט נאך וואלאכיי (דאס יעצטיגע רו-מעניען) זיינען געבליעבען לעבען. איבער צוויי טויזענד אידען זיינען אומגעבראכט געווארען אין דיא שטאדט באר אין פאדאליען. דיא קאזאקען זיינען איבער דובנא און בראדי אוועק ביז לעמבערג און אויפען וועג גערויבט און געמארדעט אהן אויפהער. לעמבערג איז בעלאגערט געווארען און פיעלע זיינען אומגעקומען דורך הונגער און מגפות און דער פערמעגען פון דיא איבריגע איז אוועק זיך אויסצולייזע פון דיא הענד פון פיינד. אין נאראל האבען דיא קאזאקען אין מאנאט נאוועמבער ערמארדעט 45,000 פערזאן, דארונטער 12,000 אידען. אין קרעמניץ האבען דיא ווילדע בעסטיען זיך אמוזירט מיט אויסמארדען אידישע קליינע קינדער. פון גאנצע קהלות וויא מעזיבוז, אלט קאנסטאנטין, אסטראה און פיעלע אנדערע, איז כמעט ניט געבליעבען קיין איינציגער.

ווען פוילען האט ענדליך אויסגעקליבען א קעניג (יאן קאזימיר) האבען דיא בלוטפערגיססונגען פארלויפיג אויפגעהערט און עס האבען זיך אנגעפאנגען אונטער-האנדלונגען. חמיעלניצקי האט געפאדערט אז קיינע אידען און קיינע קאטהוילישע

קירכע זאלען זיך נים טארען נעפינען און דיא קאזאצקי פראווינצען. דאס האט פוילען נאטירליך נים געקענט צוגעבען און עס האבען זיך ווידער אנגעהויבען אונ־רוהען. דיא וועלכע זיינען צוריק געקומען אהיים מיט דיא האפנונג אז דיא געפאהר איז אריבער זיינען ווידער בעפאלען געווארען. אזוי צום ביישפיעל זיינען אין אס־טראה אדער אסטראג א גרויסע צאהל אידען און פריצים אויסגעמארדעט געוואָ־רען דעם 4 טען מערץ 1649.

אין א דריטע שלאכט האבען דיא פוילען אויך נים געהאט מעהר גליק וויא פריהער נור דער קעניג האט אריבער געקריגען דיא טאטארען אויף זיין זייט און דאס האט גערעטעט דיא פוילישע ארמעע פון פערניכטונג. אין אוגוסט 1649 איז בעשלאסען געווארען א שלום און וועלכען חמיעלניצקי האט דורכגעפיהרט זיינע מייסטע פונקטען, דארונטער אויך אז אידען טארען זיך נים געפינען אין אוקראינע אין קיעווער נובערניע און אין פאדאליען, וואו דיא קאזאקען קאלאניען זיינען גע־ווען. דער פריעדען האט געדויערט אנדערהאלבען יאהר. פיעלע פון דיא אנטלאָ־פענע אידען זיינען צוריק געקומען וואו זייא האבען געמענט וואוינען און דער קעניג האט ערלויבט אלע וועלכע זיינען לפנים געוואָרען פראוואסלאווע צוריק צו ווערען אידען. פיעלע אידישע פרויען וועלכע זיינען אוועק געפיהרט געוואָרען פון קאזאקען זיינען אויך צוריק נעקעהרט צום יודענטהום און צו זייערע פארוויסטעטע היי־זאטהען.

אין 1650 איז צוזאמען געקומען א פערזאמלונג פון רבנים אין לובלין וואו זיי האט געמאכט תקנות מתיר צו זיין דיא פיעלע עגונות און אין אנדערע הינזיכ־טען געזוכט צו ברייננען עטוואס אָרדנונג נאך דעם שרעקליכען חורבן אין דיא אידישע געמיינדען. עס איז אויך בעשלאסען געוואָרען דאס כ' סיון, דער טאג פון דעם חורבן פון נעמיראוו זאל בלייבען א שטענדיגער תענית. דער אלטער ר' ליפ־מאן העללער פון קראקוי („דער תוספות יום טוב"), ר' שעפטיל בן ישעיה הור־וויץ פון פוזען און דער בעריהמטער יונגער גאון ר' שבתי כהן פון ווילנא (ש"ך, געשטאָרבען 1662 41 יאהר אלט) האבען פערפאסט און צוזאמענגעשטעלט סליחות און קינות פאר תענית כ' סיון, צום אנדענקען פון דעם שרעקליכען אונגליק וואָס האט געטראָפען דיא אידען אין דיא יאהרען 49—1648 (ת"ח ות"ט).

אין יאהר 1651 האט זיך דער קריעג צווישען פוילען און די קאזאקען ווידער אנגעהויבען און עס האבען זיך אָנגעהויבען נייע מערדערייען געגען אידען. אבער עס זיינען אין יענע געגענדען געבליעבען אזוי וועניג אידען דאס דיא צאהל פון די נייע אפפער האט נים געקענט זיין גרויס. מוטהיגע אידען האבען אויך ארגאניזירט א

רעגימענט און געהאָלפען זייערע פוילישע בעשיצער. דיעזעס מאָל האט פוילען גע־האט מעהר גליק און דיא קאזאקען האבען געמוזט אין נאוועמבער 1651 אננעה־מען דיא בעדינגונגען פון פריעדען וואס דער קעניג האט פאָרגעשלאגען. יאן קא־זימיר האט ביא דיעזען אָפּמאַך ניט פארגעסען אָן דיא אידען פון זיין לאַנד. אידען האבען געקריגען דאס רעכט צו וואוינען אין אוקראינע, צו פיהרען געשעפטען און אויך צו דינגען אָדער צו האלטען אין ארענדע הייזער און לאַנד־גיטער.

דיא צרות זיינען אבער נאך ניט געווען צו ענדע. ווען חמיעלניצקי האט ניט געקענט קריגען קיין היקף פון דיא טאטארען האט ער זיך געווענדעט צום רוסישען צאר אלעקסיי מיכאיילאָוויטש און איהם אנגערייצט צו א קריעג מיט פוילען. רוסען און קאזאקען האָבען דאן פארפלייצט גאנץ ליטא און האָבען פארוויסטעט פּאָלאצק, וויטעבסק, מינסק און אנדערע שטעדט. אין ווילנא זיינען 25.000 מענשען אויס־געהרג׳עט געוואָרען אין איין טאג און דיא שטאָדט איז פארברענט געוואָרען (דשולאי 1655). אלע אידען וועלכע האָבען געהאט צייט זיך צו רעטען זיינען אנ־טלאפען נאך אנדערע לענדער. דיא לאַגע פון פוילען איז נאָך מעהר פארערגערט געוואָרען ווען קעניג קארל .X פון שוועדען האט דעם זעלבען יאהר אויך אנגעפאנ־גען קריעג מיט פוילען. גאנץ פוילען איז געוואָרען א שלאכט פעלד אויף וועלכע קאזאקען, רוססען שוועדען און פרייסען האָבען זיך געראנגעלט און אידען האָבען פון אַלעמען געליטען. דיא אידען פון ליטא האָבען געליטען שרעקליכע צרות ביז דיעזער וויכטיגער טהייל פון פוילען איז אין 1661 ווידער געקומען אונטער דיא הערר־שאפט פון דיא פוילישע קרוין.

דיא צאהל פון אידען וועלכע זיינען אומגעקומען אין דיא צעהן יאהר פון קריעג וועלכער האט זיך אנגעפאנגען אין 1648 ווערט אנגעגעבען פון אנדערע אזוי הויך וויא 600,000, אָבער עס איז קיין צווייפעל דאס ניט וועניגער וויא א פיערטעל מילליאָן אידישע נפשות האָבען דאן פארלארען זייער לעבען און וואהרשיינליך נאך אַזא גרויסע צאָהל זיינען אוועק נאך אנדערע לענדער פרייוויליג אדער אלס געפאנ־גענע. פוילען האָט דאן אויפגעהערט צו זיין א גרויסמאכט און צו האבען איין איינ־פלוס אויף אייראפּייאישע פּאָליטיק און דיא אידישע געמיינדען פון פוילען האבען אויך פארלארען זייער וויכטיגקייט. פון אנדערען זייט איז איבעראל אין אַללע שטעדט וואו אידען האָבען געוואוינט יעצט פול געוואָרען מיט אנטלאָפענע פוילישע און ליטווישע אידען. דיא וועלכע זיינען אוועק נאך דיא וועסט זיינען געוועהנליך געקומען איבער דאנציג נאָך אמסטערדאם און פיעלע זיינען נאכהער פון דאָרט אָפּגעשיקט געוואָרען נאך פראנקפורט אם מאין און אנדערע שטעדט אין דיא

רהיין פראָווינצען. פיעלע אידען פון ליטא האָבען זיך בעזעצט אין האַגענוי און דיא אומגעגענד אין אלזאס. פון דער סויטה זייט פון דיא פאראונגליקטע געגענדען זיינען אידען אוועק נאָך מעהרען, בעהמען, עסטרייך און אונגאַרן און פון דאָרט אַזוי ווייט וויא איטאליען. דיא אידען וועלכע זיינען געפאַנגען געוואָרען פון דיא טאטארען זיינען מייסטענס געבראַכט געוואָרען נאָך טירקיי אָבער אַנדערע זיינען אויך אוועק ביז נאָרד אפריקא. דיא טירקישע און דיא איטאַליענישע אידען האָבען געמאַכט גרויסע אַנשטרענגונגען אויסצולייזען דיא געפאַנגענע. דיא אידען פון דיא שטאָדט ליוואָרנא האָבען בעשלאָסען אז יעדער זאָל צו דיעזען צוועק אַוועקגעבען א פיערטעל פון דאָס וואָס ער פאַרדיענט. אין דייטשלאַנד, עסטרייך און האָלאַנד האָבען אידען אויך זעהר פיעל געטהאָן פאַר דיא אונגליקליכע וואָס זיינען אַהין אָנגעקומען. אַלע אַנדערע צדקות זיינען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען צוליעב דיא אונטערשטיצונג וואָס דיא פאַרוואָגעלטע אידען פון פוילען האָבען געקריגען. עס ווערט בעריכטעט אז 400 אידען זיינען אין יענע יאָהרען אויסגעשטאָרבען פאַר הונגער אין ירושלים, ווייל די געוועהנליכע נדבות פון וועלכע זייא האָבען געלעבט האָבען פלוצלונג אויפגעהערט צו קומען.

די איינגעוואַנדערטע פוילישע אידען האָבען אויך ביז אַ געוויסען גראַד אומגעענדערט דעם גייסטיגען יודענטהום און איהם עהנליכער געמאַכט צום יודענטהום פון פוילען. די מייסטע פוילישע אידען זיינען געווען לומדים און זיינען געוואָרען דיא מלמדים און דיא רבנים אין דיא דייטשע, האָלענדישע, פאָרטוגעזישע און איטאַליענישע געמיינדען. זייא האָבען איינגעפיהרט פוילישע פרומקייט און מנהגים, פוילישע מעטהאָדען אין לערנען און אַנדערסוואו אפילו אויך דעם פוילישען זשארגאָן, וועלכער איז געבראַכט געוואָרען פון דייטשלאַנד נאָך פוילען מיט אונגעפעהר 600 יאהר פריהער. דיא אידען פון וועסט איירפּא זיינען „פּאָלאַניזירט" אָדער „פאַרפוילישט" געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון דיא נייע איינוואַנדערער און דאס האָט פיעל געהאָלפען דיא ערשטע נאָך טעהר צו דערווייטערען פון וועלטליכע און אויך פון העברעאישע קענטניסע און פון מאָדערנע ענטוויקלונג. דערפון איז אויך געקומען דאס אין ז'עם ריעזיגען גייסטיגען און מאַטעריעלען פאָרטשריט וואס ענגלאַנד, פראַנקרייך, האָלאַנד און דייטשלאַנד האָבען געמאַכט אין דיא נעקסטע הונדערט יאהר האָבען זיך אידען ניט אַזוי שטארק בעטהיילינט וויא אונטער אַזעלכע אומשטענדען אין פריהערע פעריאָדען און דאָס עס האָט געדויערט זעהר לאַנג ביז אידען פון איירפּא זיינען אין מאָדערנע צייטען געקומען צו דיא זעלבע הויכע שטופע פון ענטוויקלונג וויא דיא פעלקער אונטער וועלכע זייא האָבען געוואוינט.

אכטער קאפיטעל.

פאלשע משיחים. אשר לעמליין. דוד ראובני און שלמה מולכו. שבתי צבי און זיינע אנהענגער.

דיא בעשעפטיגונג מיט דיא סודות פון קבלה אין רעכנונג ווענען משיח-צייטען האט געהאלפען ר' מנשה בן ישראל אין זיינע פלענער צו קריגען ערלויבנים פאר דיא אידען צו קומען נאך ענגלאנד און דערמיט איז געבראכט געווארן פיעל נוצען פאר אידען פון יענער צייט און אויך פון שפעטערע דורות. אבער ניט אומעדום האט דיא קבלה געבראכט אזעלכע פראקטישע נוצען. מענשען וואס זייער איינבילדונגס-קראפט איז געווען פיעל שטארקער וויא זייער שכל, זיינען פון איהר פארפיהרט געווארן צו מאכען ווילדע אונטערנעהמונגען און שווינדלער האבען איהר געברויכט צו פארדרייען דיא קעפ פון לייכט גלויביגע לייטע און צו ברייננען דורך דעם שאנדע און צרות פאר דעם כלל ישראל. אין 16טען און 17טען יאהרהונדערט זיינען אידען פון מעהרערע לענדער עטליכע מאהל געבראכט געווארן צו דיא העכסטע שטופע פון אויפרעגונג ווען א נייער משיח אדער איין אנזאגער אז משיח וועט אין קורצען קומען פלעגט ערשיינען און דיעזע אויפרעגונגען פלעגען זיך אימער ענדיגען מיט פערצווייפלונג און טרויער ווען דיא אפגענארטע מאמינים פון נייעם משיח האבען אויסגעפונען אז דיא גאולה איז נאך אזוי וויים וויא אימער.

בר כוכבא אדער בר כוזיבא איז געווען דער ערשטער און דוד אלראי פון פערזיען וועלכער האט אין 1160 געשפיעלט א קורצע צייט דיא ראללע פון א משיח איז געווען דער לעצטער פון דיא וועלכע האבען געזוכט צו ברייננען דיא גאולה מיט דעם שווערד אין האנד. די צרות פון פינסטערען מיטעלאלטער האבען פארניכטעט דעם מוטה און דיא קערפערליכע פעהיגקייטען פון דיא אידען דאס מען האט מעהר ניט געקענט דיינקען ווענען זיך בעפרייען מיט געוואלט. דערפאר איז אבער דיא פאנטאזיע און דער אבערגלויבען פיעל פערשטארקט געווארן און דיא האפנונג אז גאט וועט דורך נסים זיך נוקם זיין אן דיא שונאי ישראל און וועט בעפרייען דיא אונטערדריקטע אידען פון גלות האט זיך ערוועקט ווען עס האט זיך נור געמאכט א געלעגענהייט.

אין 13טען יאהרהונדערט האט זיך שוין געפונען א גרויסער בעל קבלה, ר' אברהם אבולעפיא וועלכער האט זיך פריהער ערקלעהרט אלס א נביא און נאכ־דעם אלס משיח. ער איז געבאָרען געוואָרן אין סאראגאסא שפּאניען אין 1240 און האט געמאכט רייזען צו געפינען דעם טייך סמבטיון און דיא עשרת השבטים. אונגעפעהר אין יאהר 1280 איז ער אוועק נאך רוים און האט פּרובירט איבערריי־דען דעם פּאפּסט צו ווערען א איד. דאס האט איהם געבראכט אין געפענגנים און וואלט איהם וואהרשיינליך אויך געקאָסט דעם לעבען. אבער עס איז איהם געלונ־גען זיך צו בעפרייען דורך פארלייקענען א טהייל פון זיינע פּרינציפּען. שפּעטער איז ער אוועק נאך סיציליען און האט אין דיא שטאדט מעססינא געפונען גענוג אנ־הייגער וועלכע האבען איהם געגלויבט אז ער איז משיח און אנגעפאנגען זיך צו פאָרבערייטען צו מאכען מיט איהם א רייזע נאך ארץ ישראל. נאכדעם וויא דער גרעסטער שפּאנישער רב פון יענער צייט, ר' שלמה בן אדרת האט אין א בריעף צו די געמיינדע פון פּאלערמא פערדאמט איהם און זיינע אונטערנעהמונגען איז ר' אברהם אבולעפיא אוועק (אונגעפעהר אין 1288) אויף דיא אינזעל קאמינא, ביי מאלטא און ווייטער געשריבען „פּראָפעטישע" ווערקע און אויך שריפטען אין וועלכע ער האט אנגעגריפען זיינע געגנער. ער איז געשטאָרבען אין 1291. איינינע פון זיינע תלמידים האבען שפּעטער אין שפּאניען געשפּיעלט א קורצע צייט דיא ראָלע פון „נביאים" אבער מיט ווייניג ערפאָלג.

אין 14טען יאהרהונדערט האט ר' שמריה האקריטי (פון קרעטא) וועלכער האט געזוכט שלום צו מאכען צווישען דיא רבנים מיט דיא קראים, זיך ערקלעהרט אלס ערלייזער פון אידען אבער זיין קאררייער אלס משיח איז אונבעדייטענד.

א פיעל גרעסערען איינדרוק האט געמאכט אשר לעמליין, א איד פון דייטש־לאנד וועלכער איז ערשיענען אין איסטריא, בייא וועניס אין איטאליען אין יאהר 1502 און האט ערקלעהרט אז עס איז געקומען דיא צייט ווען משיח וועט קומען אויב אללע אידען זאָללען שנעלל טהאָן תשובה. מאססען אידען אין איטאליען און דייטשלאנד האבען איהם געגלויבט און פיעלע האבען אין דעם יאהר פון תשובה געפאַסט און געטהיילט צדקה מעהר וויא געוועהנליך. דיא אויפרעגונג איז געוועזען זעהר גרויס און א סך האבען געמאכט פאָרבערייטונגען צו דיא רייזע נאך ארץ ישראל. פון אידען האט זיך דער ענטהוזיאזמוס אויך פאַרברייט אונטער קריסטען און פיעלע פון דיא לעצטע האבען אויך געגלויבט אז דיא צייט פון דיא גאולה פאר אידען איז געקומען. אבער אשר לעמליין איז פּלוצלונג פארשוואונדען (אנדערע

דיינקען אז ער איז געשטארבען אין מיטען די אויפרעגונגען און פארברייטונגען) און די וועלכע האבען אין איהם געגלויבט זיינען געבליבען נאררען.*)

א קורצע צייט שפעטער איז פארגעקומען נאך א גרעסערע אויפרעגונג אונ־טער די אידען פון עטליכע לענדער איבער דעם גלויבען דאס די גאולה מוז שנעל קומען. א מערקווירדיגער שווינדלער וועלכער האט זיך בעוויזען אין יענע צייטען אין איירא‌פא האט האלב ניט וויללענדיג געהאלפען פארשפרייטען דיעזע פאלשע האפנונגען. דיעזער מאן האט זיך גערופען דוד ראובני און זיך אויסגעגעבען אלס איינער פון די עשרת השבטים און אלס א ברודער פון א אי־דישען קעניג אין חייבאר, ביי אראביען. ער איז געווען קליין, שווארץ און אויס־געדארט וויא א סקעלעט פון פיעל תעניתים וואס ער האט געפאסט. ער האט גע־רעדט א העברעאיש וועלכע קיינער האט ניט געקענט גוט פערשטעהן און האט זיך צוזאמענגערעדט מיט אייראפייער דורך איין אראבישען דאלמעטשער. זיין מוטה און איינשטעלענים איז געווען איבער־נאטירליך און פאר א רעכטע צייט איז איהם געלונגען צו האבען די פריינדשאפט און אונטערשטיטצונג פון פאפסט און פון קעניג פון פארטוגאל. ער האט געמאכט אזא איבערראשענדען איינדרוק אויף אי־דען און קריסטען דאס עס איז קיין וואונדער אז אנדערע האבען זיך געלאזט פאר־פיהרען צו גלויבען אז משיח׳ס צייטען זיינען געקומען.

דוד ראובני איז געווען, וויא וויט מען האט וועגען איהם געקענט ערפאהרען, א געבארענער פון אזיען און האט געלעבט א לאנגע צייט אין אראביען, נוביען און עגיפטען. ער האט אין יענע לענדער זיך בעקאנט געמאכט מיט פארטוגיזישע שיפס־קאפיטאנען וועלכע האבען אין יענע צייטען געמאכט ענטדעקונגס־רייזען אין אזיען און אפריקא און אויך מיט פארטוגעזישע סוחרים וועלכע זיינען געווען איבעראלל פארשפרייט. ער האט פון זייא מיטגעבראכט בריעף אז מען מעג איהם גלויבען אין וואס ער זאגט און קומענדיג אין איטאליען איז ער אוועק נאך רוים אין 1524 און האט זיך פארגעשטעלט פאר קארדינאל גיוליא וועלכער האט איהם א קורצע צייט שפעטער פארגעשטעלט פאר קלעמענט .VII דעם דאמאליגען פאפסט.

פאפסט קלעמענט וועלכער האט רעגיערט פון 1523 ביז 1534 איז געווען

---

*) דער אסטראנאם און היסטאריקער ר׳ דוד גאנז דערצעהלט (אין צמח דוד חלק ראשון בייא שנת ר״ס) אז מען איז אין יענעם יאהר געווען אזוי זיכער דאס משיח וועט קומען דאס זיין זיידע זעליקמאן גאנז האט צובראכען דעם אוווען אין וועלכען ער פלעגט באקען מצות ווייל עס איז בייא איהם געווים געווען דאס דעם קומענדיגען יאהר וועט מען שוין זיין אין ארץ ישראל און דארטען באקען מצות.

איינער פון דיא בעסטע אבער אויך איינער פון דיא אונגליקליכסטע פאפסטען. קארל V. איין אייניקעל פון פערדינאנד און איזאבעללא, וועלכער האט דאן געהערשט איבער דייטשלאנד און שפאניען האט געזוכט צו ווערען הערשער פון איטאליען און ווען דער פאפסט האט זיך איהם געשטעלט אנטקעגען האט דער שטרענג־קאטולישער קארל איהם געגעבען צו פערשטעהן אז ער וועט אויפהערען צו פארפאלגען דיא נייע פראטעסטאנטישע רעפארמאציאן און וועט זיך איהר לאזען אזוי פארשפרייטען אז דיא מאכט פון פאפסט וועט אין גאנצען אונטערגעגראבען ווערן. קלעמענט איז געווען אין פערצווייפלונג און עס שיינט דאס ער האט געהאפט געהאלפען צו ווערן דורך דיא פלענער פון דוד ראובני. דער פאפסט האט זיינע רעקאמענדירונגס־בריעף אוועקגעשיקט צום קעניג פון פארטוגאל און ווען זיי זיינען צוריק געקומען מיט דיא בעשטעטיגונג אז זיי זיינען עכט איז דוד פון פאפסט אנערקענט געווארען אלס איין אמת'ער געזאנדטער און איז בעהאנדעלט געווארען מיט די גרעסטע עהרע.

עס איז נאטירליך קיינמאל ניט בעקאנט געווארען אויף געוויס וואס דוד ראובני האט גערעדט מיט'ן פאפסט אדער שפעטער מיט אנדערע בעריהמטע פערזענליכקייטען. נור די נאכריכט האט זיך פארברייטעט אז ער האט ערקלעהרט דאס זיין ברודער, דער קעניג פון חייבאר האט איין ארמעע פון 300,000 סאלדאטען און איז פערטיג אנצוגרייפען דיא טערקען און זיי צו פארטרייבען פון ארץ ישראל און דיא ארומיגע לענדער, אבער איהם פעהלט גוטע וואפען און ער פארלאנגט דארום פון דיא קריסטליכע הערשער, וועלכע זיינען בלוט־פיינדע פון דיא טערקען, זיי זאלען איהם אויסהעלפען מיט ביקסען און קאנאנען וועלכע מען האט שוין דאן אנגעהויבען צו געברויכען. ווען דער פלאן זאל געלינגען און דאס הייליגע לאנד זאל איינגענומען ווערען מיט דיא הילפע פון דיא קריסטען וואלט דאס נאטירליך געשטארקט דיא מאכט פון דיא קירך און פון פאפסטהום און עס איז קיין וואונדער דאס קלעמענט האט זיך געוויזען זעהר פריינדליך צו דעם געזאנדטען וואס האט געבראכט א פלאן איהם ארויסצוהעלפען פון אלע זיינע צרות.

דיא עהרע וואס דוד ראובני האט געהאט אין רוים איז געווען א וואונדערבארע נייעס פאר דיא אידען פון איטאליען און מען האט אנגעהויבען צו גלויבען אז דיעזער געהיימניספאללער מאן וועט אויפטהאן פיעל צו פארבעסערען דיא לאגע פון אידען און פיעללייכט צו ברייגען דיא גאולה. דאננא בענעווענידא, דיא פרויא פון דעם רייכען דון שמואל אברבנאל, האט איהם געגעבען גרויסע סומען געלד און א זיידענע פאהן אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעהעפט דיא עשרת הדברות.

דאך האט דוד ראובני זיך אין גאנצען ווייט געהאלטען פון אידען, ווייל ער האט פארשטאנען אז צופיעל מיט־ברידערשאפט מיט זייא קען איהם שאדען צו זיינע דיפלאמאטישע אונטערנעהמונגען.

די הויכע מיינונגען וואס מען האט געהאט פון דוד ראובני איז נאך געשטיגען ווען ער האט נעקריגען איין איינלאדונג פון קעניג פון פארטוגאל איהם צו בעזוכען אין זיין לאנד. דוד איז אוועק פון איטאליען נאך פארטוגאל אויף א שיף וועלכע האט אויף זיך געטראגען א אידישע פאהן און איז אנגעקומען און אויפגענומען געווארען פון קעניג יואן III. וויא א פירשט אין דאס לאנד וואו עס איז אידען געווען פארבאטען אריינצוקומען. דעם איינדרוק וואס דיזער עמפפאנג האט געמאכט אויף דיא פיערע מאראנען וועלכע האבען דאן געלעבט אין פארטוגאל איז געווען אונבעשרייבליך. זייא, וועלכע האבען געלעבט אין שטענדיגע טויט־שרעק און מורא געהאט אפצוהיטען זייער רעליגיאן אפילו בחדרי חדרים האבען פלוצלונג דערזעהן א אידען עמפפאנגען מיט רעספעקט אין קעניגליכען הויף און ארומגעהענדיג פריי און אפפען אלס איד איבער דיא גאסען פון פארטוגעזישע שטעדט. אין זייערע ליידען האבען זייא שטענדיג פאנטאזירט וועגען איין אויסלייזונג פון דיא טרויעריגע לאגע וואס צווינגט זיי צו זיין פארשטעלטע קריסטען און יעצט האט זייא אויסגעוויזען אז דיא צייט פון הילף איז געקומען. דוד ראובני איז פון זיי בעטראכטעט געווארען אלס איין ערלייזער אדער מינדעסטענס אלס א מבשר פון דיא גאולה, אבגלייך זייא האבען דאס פון איהם אליין ניט געהערט. עס איז אויך אמת דאס דער אנקונפט פון דוד ראובני האט בעאיינפלוסט דעם קעניג דערוויל אפצולייגען זיין פלאן איינצופיהרען די אינקוויזיציאן אין פארטוגאל און דאס האט נאטירליך געהאלפען פארשטארקען דיא אמונה אין דיזען מערקווירדיגען מענשען.

ראובני'ס זאנדערבארע ערשיינונג אין פארטוגאל האט אויף קיינעם ניט געמאכט אזא טיעפען איינדרוק וויא אויף א יונגען מאראנישען געלעהרטען מיט דעם נאמען דיאגא פירעס. ער איז געבארען געווארען אין 1501 און האט זיך אלס קריסט ארויפגעארבייט ביז ער איז געווארען סעקרעטער אין איינע פון דיא העכערע גע־ריכטס־הייזער פון לאנד. ער איז געווען שיין, געבילדעט און מיט א נייגונג צו פאנטאסטישע פאנטאזיען און ראמאנטישע אונטערנעהמונגען. ער האט זיך נאך אלס פארשטעלטער קריסט בעשעפטיגט מיט אידישע ליטעראטור און זיך שטארק פארטיעפט אין קבלה. ער איז געווארען איין ענטהוזיאסטישער אנהענגער פון דוד ראובני, אבער יענער האט זיך געוויזען צו איהם קאלט און פירעס האט געמיינט אז דאס איז דערפאר ווייל ער איז א געבארענער קריסט. ער איז דארום אוועק

און זיך מל געווען און אנגענומען דעם אידישען נאמען שלמה מולכו. דער נייער גר האט אנגעפאנגען צו זעהן חלומות און צו פאנטאזירען וועגען נבואות. דוד ראובני האט איהם געראטהען ער זאל אוועק נאך טירקיי, וואהרשיינליך וויל ער האט געוואלט פון איהם לויז ווערען. מולכו איז אוועק נאך סאלאניקי און זיך דארט אויסגעגעבען אלס דער פעטרעטער פון דוד ראובני. ער האט דארט אין 1527 אפען בעקאנט געמאכט זיין נבואה אז דיא גאולה וועט זיך אנפאנגען אין יאהר ה' אלפים ש' (1540) דאס הייסט אין דרייצעהן יאהר שפעטער. זיין שיינקייט, זיין געלעהרזאמקייט און זיין גרויסע קענטניס אין קבלה האבען איהם פארשאפט פיעלע אנהענגער. אין אדריאנאפאל האט ער זיך בעקאנט מיט ר' יוסף קארו און איהם איבערגערעדט זיך אריינצולאזען אין שטודיום פון קבלה.

אין יענער צייט האט קארל .V אייגענומען דיא שטאדט רום און זיינע דייטשע סאלדאטען וועלכע זיינען צום מייסטענטהייל געווען פראטעסטאנטען האבען דיא הויפט שטאדט פון פאפסט בערויבט און כמעט פארוויסטעט (מאי 1527). דיזע מפלה פון דיא שטאדט וואס איז דער מיטעלפונקט פון קאטהורישען גלויבען איז פון דיא מאמינים אין דיא גאולה אנגענומען געווארען אלס א נייער צייכען אז דיא ישועה איז נים וויים. אבער דער ענטהוזיאזם פון מולכו און פון אנדערע מאראנען האט פארדארבען דיא פלענער פון דוד ראובני. אנדערע מאראנען זיינען געווען אזוי זיכער דאס זייא וועלען שנעל אויס געליזט ווערען אז זיי האבען זיך אויפגעהערט צו היטען אדער צו פערבארגען זייער אידישקייט. אייניגע שפאנישע מאראנען זיינען אנטלאפען פון געפענגניס פון דיא אינקוויזיציאן און זיינען אנגעקומען נאך קאמפא-מאיאר אין פארטוגאל וואו מען האט זייא געלאזען לעבען אין רוהיגקייט. דאס האט זיי געגעבען אזוי פיעל מוטה אז זיי זיינען אריבער צוריק אין שפאניען, זיינען בעפאלען דיא אינקוויזיציאנס-געפענגניס פון א קליינע שטאדט און מיט געוואלט פון דארט ארויסגענומען אייניגע געפאנגענע אידישע פרויען וועלכע זייא האבען צוריק געבראכט נאך פארטוגאל. דאס האט פאראורזאכט גרויס אויפרעגונג אין ביידע לענדער און האט אויפגעוועקט דיא אלטע שנאה צו אידען און דיא מורא אז זייא שאדען דיא קריסטליכע רעליגיאן. מיגועל סילוואּ, דער פארטוגעזישער געזאנדעטער אין רוים וועלכער האט נאך דארטען ערקלעהרט אז ראובני איז א שווינדלער איז יעצט צוריק גערופען געווארען נאך פארטוגאל און האט איהם געהאלפען אונטערגראבען. דער קעניג האט צוריקגעצויגען זיין פערשפרעכען צו געבען דוד ראובני וואפען און האט איהם געגעבען צוויי מאנאט צייט צו פארלאזען פארטוגאל. דיא שיף אויף וועלכע ער איז אוועק איז פארטריעבען

געוואָרען צו א שפּאַנישען ברעג און דוד ראובני איז געפאַנגען און געשטעלט גע־וואָרען פאַר דיא שפּאַנישע אינקוויזיציאָן. קייזער קאַרל V. וועלכער איז געוועזען קעניג פון שפּאַניען האט איהם אבער געהייסען בעפרייען, און דוד איז אוועק נאָך אוויניאָן אין פראַנקרייך, וועלכע איז געלעגען אונטערן פּאַפּסט. שפּעטער איז ער אוועק נאָך וועניס, וואו דער סענאַט פון דיא רעפּובליק האט מיט רעספּעקט אויס־געהערט זיינע פּלענער אבער צום סוף גאר ניט געטהאָן פאַר איהם.

אללע זיינען יעצט געווען פערא‌ינטערעסירט אין דעם ענטהוזיאַסט שלמה מולכו וועלכער האט זיך געזוכט מקריב צו זיין אלס איין „עולה תמימה" און דער־מיט העלפען ברייננען דיא פאַרשפּראָכענע גאולה. ער איז אנגעקומען אין איטאַל־יען אין ענדע 1529 און איז אין דיא שטאַדט אַנקאָנאַ געשטעלט געוואָרען פאַר געריכט אלס א קריסט וואס איז אָבגעפאַללען פון גלויבען. אבער דער בּישאָף האט איהם פרייא געלאָזען וויל אין דעם פּאַפּסט'ס מדינה איז דיא מאַראַנען ער־לויבט געוואָרען צוריק צו ווערען אידען. ער איז אוועק נאָך רוים אין אנפאַנג פון יאָהר 1530 און דער פאַרצווייפעלטער פּאַפּסט וועלכער איז דאַן געצוואונגען גע־וואָרען צו קרוינען זיין טויט־פיינד קאַרל V. אלס קעניג פון איטאַליען און קייזער פון רוים האט זיך פעראינטערעסירט אין מולכו'ס פאַנטאַזיען פונקט וויא ער האט זיך פריהער פאראינטערעסירט אין דוד ראובני. דער פּאַפּסט האט איהם געשיצט געגען זיינע אייגענע בעאַמטע און געגען דיא געלאַסענע אידען וועלכע האבען איהם פאַרפאָלגט וויל זיי האבען מורא געהאט אז זיינע חלומות און זיין שטאָלצער אויפ־טרעטען געגען קריסטליכע הערשער וועט צום סוף ברייננען איין אונגליק אויף כלל ישראל. דערוויל איז אבער מולכו אימער געשטיגען העכער. ער האט נביאות געזאָגט פאַר דעם פּאַפּסט אז רוים וועט פאַרטרונקען ווערען און פּאָרטוגאַל וועט ליידען פון איין ערד־ציטערניס אוןביידע זאַכען זיינען מערקווירדיג שנעלל מקוים געוואָרען. רוים איז פאַרפלייצט געוואָרען אין דען 8טען אָקטאָבער 1530 און ליסאַבאָן דיא הויפּט שטאָדט פון פּאָרטוגאַל איז שטאַרק בעשעדיגט געוואָרען פון איין ערד־ציטערניס דען 26טען יאַנואַר פון נעקסטען יאָהר. דער פּאַפּסט אליין איז געוואָרען א מאמין אין דיא נבואות פון מולכו און האט איהם אזוי וויט געשיצט דאס ווען זיינער א פיינד האט אויפגעזוכט א בריעף אין וועלכען מולכו האט שטאַרק אנגע־גריפען קריסטענטהום און דיא אינקוויזיציאָן האט איהם געגען דעם וויללען פון פּאַפּסט פאַראורטהיילט צום פאַרברענען, האט קלעמענט איהם אומגעביטען אויף איין אָרעמען פערברעכער וועלכער איז פאַרברענט געוואָרען אנשטאט איהם. מולכו

איז אין געהיים אוועק פון רוים און האט זיך אין באלאָניא צוריקגעטראָפען מיט דוד ראובני.

ביידע האבען געפאסט דעם דרייסטען בעשלוס צו געהן צו קייזער קארל V. און איהם פעראינטערסירען אין זייערע פלענער. זייא האבען געוואוסט אז דאס איז א געפעהרליכער שריט, אבער מולכו האט געזוכט דעם טויט פון א מארטירער און דוד וועלבער איז געווען א זעלטענער איינשטעלער האט וואהרשיינליך געהאָפט דאס עס וועט איהם געלינגען צו בעאיינפלוסען דעם גרויסען קייזער. זייא זיינען אוועק נאך רעגינסבורג וואו קארל איז דאן געווען און אויפען וועג מיטגעטראגען א פאָהן אויף וועלבע עס איז געווען אויסגעהעפט דיא בוכשטאבען מ כ ב י (מי כמכה באלים ה׳), עס האט זיך פארברייט א בעריכט אז זייא האבען פרובירט איבעררייזען דעם קייזער ער זאָל ווערען א איד, אבער דער אמת איז וואהרשיינליך אז זייא האבען איהם נור געבעטען ער זאָל ערלויבען דיא מאראנען זיך צו בעוואפענען און צו געהען העלפען דיא אראבישע אידען געגען דיא טערקען. אבער קארל איז ניט געווען דער מאן זיך אריינצולאָזען אין פאנטאזיען און האט ביידען נעלאָזט שמידען אין קייטען און האט זייא געבראכט נאך מאנטוא אין איטאליען, דארט האט ער אוועקגעזעצט אין אינקוויזיציאָנס-געריכט וועלבע האט ר׳ שלמה מולכו פעראורטהיילט צום טויט אלס א קריסט וואס איז געוואָרן א איד. מען האט איהם אין סעפטעמבער 1532 געפיהרט צום פארברענען מיט א פארשטאָפ־טען מויל, ווייל מען האט מורא געהאט ער זאל מיט זיין זעלטענעם רעדנער טאַ־לענט ניט אויפרעגען דעם עולם, זיינע מאמינים דיא בעלי קבלה האבען אבער גע־זאגט אז דיא אורזאבע איז דאס קארל האט מורא געהאט ער זאָל ניט זאָגען דעם „שם המפורש" און זיך רעטען. אין דיא לעצטע מינוט איז געקומען א קוריער פון קייזער און איהם אָנגעבאָטען פרייהייט ווען ער זאָל ווערען צוריק אָ קריסט. ווען מען האט איהם פרייא געמאכט דיא מויל האט מולכו געענטפערט אז ער האט זיך אימער געוואונשען זיך אויף צו אָפפערן פאר זיין נייע רעליגיאָן און דאס איהם פארדריסט נור וואס ער איז ניט פריהער געוואָרן א איד. ער האט זיך געציינט מוטהיג ווען מען האט איהם אריינגעוואָרפען אין דיא פלאַמען און איז געשטאָרבען אלס איין אמת׳ר מארטירער. פיעלע האבען געגלויבט אז ער האט זיך דיעזעס מאָהל אויך געראטעט און מען פלעגט דערצעהלען אז מען האט איהם געזעהן און אז ער האט בעזוכט זיין כלה אין צפת לאנג נאך זיין טויט.

דיא ענדע פון דוד ראובני איז געווען נאך טרויעריגער ווייל איהם האט גע־פעהלט דער גלאַנץ פון קידוש השם. קארל האט איהם מיטגענומען נאך שפאניען

און איהם ארייגעוואָרפען אין געפענגניס פון דער אינקוויזיציאָן וואו ער איז געלעגען עטליכע יאהר און איז שפעטער אומגעבראכט געוואָרען דורך פארניכטונג. די אינקווידיציאָן האט צו איהם אלס א איד גאר ניט געקענט האבען אבער מען גלויבט אז זיא האט איהם געפייניגט און ארויסקריגען נעמען פון מאראנען וועלכע זיינען מיט איהם געשמאנען אין פארבינדונגען אין פריהעריגע צייטען און האט זייא פארברענט. אין פארטוגאל איז אויך צו יענער צייט איינגעפיהרט געוואָרען די אינקווידיציאָן און אנשטאט די ערווארטעטע גאולה האט זיך די גאנצע אויפרעגונג איבער משיח׳ס צייטען געענדיגט מיט פיעל ערגערע צייטען וויא עס זיינען פריהער געווען.

o o
●

איבער הונדערט יאהר זיינען אריבער זייט דער שטורם איבער מולכו און ראובני איז איינגעשטילט געוואָרן ווען א נייע און פיעל שטארקערע בעוועגונג האט זיך אנגעפאנגען אין טירקיי און האט פארדרעהט די קעפ פון א גרויסען טהייל פון די אידישע בעפעלקערונג אין אזיען, אפריקא און אייראפא. דער נייער פאר־פיהרער איז געווען ש ב ת י צ ב י, וועלכער איז געבאָרען געוואָרן אין סמירנא, א וויכטיגע שטאדט אין די אזיאטישע טירקייא אין 1626. ער האט זיך נאך אין דער יוגענד שטארק פארטיפט אין קבלה, האט זיך ווייט געהאלטען פון פרויען און פון אלע אנדערע וועלטליכע פערגעניגען און זיך געפייניגט און גערייניגט (אין דעם זין פון קבלה) דורך שטענדיגע תעניתים און טבילות. ער האט זיך מייסטענס אפ־געגעבען מיט פראגען וועגען די צייט פון דער גאולה און מיט די רמזים וואס בעלי קבלה האבען געפונען אין זוהר און אין אנדערע פלעצער אז משיח דארף קומען אין יאהר תכ״ו (1666). זיין לעבהאפטע איינבילדונגס קראפט, זיין שיינע ערשיינונג און אנגענעהמע שטימע וויא אויך זיין צוריק געצויגענהייט האבען איהם פערשאפט פיעלע אנהענגער און תלמידים וועלכע האבען איהם געהאָלפען פאנטא־זירען וועגען נסים און וועגען די שנעלע ערלייזונג וואס דארף קומען לויט זיין ער־קלעהרונג פון פארשיעדענע גמטריאות און ראשי תיבות און אנדערע אנדייטונגען וואס מאכען אימער א טיפען איינדרוק אויף אבערגלויבישע מענשען. ער האט זיך אנגעפאנגען צו בעטראכטען אלס א וויכטיגע פערזאָן און דער געדאנקען דאס ער אליין קען זיין דער מאן דורך וועלכען די גאולה זאָל קומען האט זיך אין איהם אנגעפאנגען צו שטארקען אָבגלייך אין די איינגערע יאָהרען האט ער דאס געהאל־טען פארשטעלט. אין 1651 איז ער און זיינע תלמידים פארטריבען געוואָרען פון

סמירנא דערפאר וואס ער האט זיך ערלויבט אויסצורויידען דעם שם וויא ער ווערט געשריבען און דיא פערפאלגונג האט איהם נאטירליך געמאכט נאך מעהר וויכטיג. ער איז אוועק נאך סאלאניקי וואו ער האט געקריגען נייע אנהענגער און נאכדעם וויא ער האט זיך איינגע יאהר ארומגעטריבען אין פארשידענע פלעצער און אומע־דום געוואונען אויף זיין זייט דיא לייכט גלויבינגע און דיא בעגייסטערטע נאטורען וועלכע ווערען צוגעצויגען פון אלעס וואס האט צו טהאן מיט געהיימניס און מיט איבערנאטירליכע אנגעלעגענהייטען, איז ער אוועק נאך עגיפטען.

דער וויכטיגסטער מאן אין דיא עגיפטישע געמיינדע איז דאמאלס געוועזען רפאל יוסף חלבי אין קאירא, וועלכער האט געהאט א הויכע שטעלע פון דיא רע־גירונג און איז געוועזען זעהר רייך. חלבי איז געוועזען א מאמין אין קבלה און שבתי צבי האט איבער איהם געוואונען א שטארקען איינפלוס און האט פון איהם גע־קריגען אונטערשטיצונג. פון דארט איז שבתי צבי אוועק נאך ירושלים וואו ער האט געפונען א פערארעמטע געמיינדע פון וועלכע דיא מייסטע מיטגליעדער האָ־בען זיך אויך בעשעפטיגט מיט קבלה. אין יענער צייט האט דער דארטיגער פאשא געפאדערט פון דיא אידען פון ירושלים א סומע געלד וועלכע זייא האבען ניט גע־קענט שאפען און זייא זיינען געוועזען אין געפאהר צו ווערען געפייניגט און אויך אויס־געהרגעט, וויא עס פלעגט אפט פארקומען אין טירקיי. דיא איינציגע האפנונג פון דיא פארצווייפעלטע אידען איז געוועזען אויף רפאל יוסף חלבי און זייא האבען אויסגעקליבען שבתי צבי אלס זייער שליח ער זאל פאר זייא אויסבעטען הילף. ער איז אוועק א צווייטען מאל נאך עגיפטען און פון דיזער רייזע פאנגט זיך אן זיין גרויסקייט. חלבי האט איהם גלייך געגעבען דיא פארלאנגטע סומע און דאס האט איהם פערשאפט א גרויסען נאמען. דארט האט אויך שבתי צבי געלאזט צו זיך בריינגען א מערקווירדיגע שיינעס מעדכען וועלכע איז גערעטעט געווארען פון די קאזאקען מערדערייען אין פוילען אין 1648 און האט זיך ארומגעטריבען איבער פארשידענע לענדער און פאנטאזירט אז זיא איז בעשטימט צו זיין דיא פרוי פון משיח. שבתי צבי האט זיך אנגעפאנגען אפען ארויס צו געבען אלס משיח און חלבי איז געווארען איינער פון זיינע הויפט מאמינים. דיא חתונה פון שבתי צבי מיט דיא שיינע שרה איז געפייערט געווארען אין קאירא און חלבי האט געעפענט זיינע אוצרות פאר דיא פראפאגאנדא פון דעם נייעם משיח. שבתי צבי מיט א גרויסע בעגלייטונג פון בעגייסטערטע אנהענגער איז יעצט אוועק צוריק נאך ארץ ישראל.

אין דיא שטאדט גאזא (עזה) האט זיך אן זייא איינגעשלאסען א יונגער מאן מיט דעם נאמען נתן, דער זאהן פון א דייטשען אידען וועלכער האט זיך בעזעצט

אין ארץ ישראל און איז שפעטער ארומגעפאהרען אין פארשיעדענע לענדער קלייבען נדבות פאר די ארעמע לייט פון דאס היילינע לאנד. דיעזער נתן העזתי (1644—1680) האט זיך ערקלערט אלס א נביא אדער ריכטיגער אלס אליהו הנביא און ער האט נביאות געזאגט אז שבתי צבי איז משיח. דיא בעוועגונג איז יעצט געוואָרען אָפען און אלע וועלכע האָבען געגלויבט אין שבתי צבי האבען געהאלטען אז ער איז משיח און וועט ברייגנען דיא גאולה נעקסטעס יאהר דאס הייסט אין 1666. שבתי צבי איז יעצט געפאהרען וויא א פירסט און איז פארגעטערט געוואָרען פון זיינע ענטהוזיאסטישע אנהענגער. זיין קלוגער סעקרעטערי, שמואל פרימא פון ירושלים האט פארשטאנען וויא צו בעאיינפלוסען דיא אבערגלויבינע מאססען און אונטערצוקויפען אדער אויף איין אנדער ארט צו געווינען אויף זייער זייט וויכטיגע פערזאָנען. שרה'ס שיינהייט, חלבי'ס געלד און נתן'ס נביאות זיינען בענוצט געוואָרען זעהר געשיקט צו ווירקען אויף דיא אויפגערעקטע גייסטער און צו אונטערשטיצען דיא פאנאטישע האפנונגען פון דיא אבערגלויבישע מאסען. דיא ווילדסטע אויפרעגונג האט געהערשט אין ירושלים ווען שבתי צבי איז דארט געקומען צום צווייטען מאל. עס איז בייא אלעמען געוועזן געווים אז דיא גאולה מוז באלד קומען און אלע האבען געגלויבט דיא בעהויפטונג פון שבתי צבי און זיינע נביאים אז דער סולטאן וועט איהם אין קורצען מיט גוטען איבערגעבען דיא מלוכה און אלע מלכים פון דער וועלט וועלען טהאָן דאס זעלבע.

דער גרעסטער תלמודישער געלעהרטער אין ירושלים אין יענער צייט איז געוועזן ר' יעקב חגיז (1620—1676) וועלבער איז אהין איינגעוואנדערט פון איטאליען. ער און זיינע אנהענגער וועלבע זיינען ניט הינגעריסען געוואָרען פון דיא נייע משוגעת האבען איינגעזעהען אז עס קען דערפון קיין גוטעס ניט ארויס און האבען זיך געשטעלט דאגעגען, אבער זייער איינפלוס איז געוועזן שוואך ווייל דיא צוהיצטע מאסע האָט ניט געוואָלט הערען קיין שכל'דיגע איינווענדונגען. דאך שיינט דאס ירושלים איז געוואָרען צו אונבעקוועם פאר שבתי צבי און ער איז פון דארטען אוועק. ער איז מיט גרויס פאראד און בעגייסטערונג אויפגענומען געוואָרען פון די וויכטיגע אידישע געמיינדע פון דער שטאָדט אלעפפא. פון דאָרט איז ער אוועק נאך זיין געבורטס-שטאָדט סמירנא וואו זיינע רייכע ברידער האָבען אלעס פאָרבערייטעט ער זאל קריגען א גלענצענדע אויפנאהמע. דיא אידישע בעפעלקערונג פון סמירנא איז געוועזן ווילד פון ענטהוזיאזמוס און עס האט אויסגעזעהען אז יונג און אלט זיינען אראָפּ פון זינען און האָבען פארגעסען אן דיא גאנצע וועלט. ווען דיא בעפעלקערונג איז דורך זיינע נביאים און אנענטען געבראכט געוואָרען צו דיא

העכסטע שטופע פון אויפרעגונג און ערווארטונג, האָט שבתי צבי זיך אין שוהל פון סמירנא אום ראש השנה תכ"ו (1665) אפען ערקלערט אלס דער מלך המשיח און דיא בעגייסטערטע מאסע האט געשריען „יחי המלך המשיח". דיא אידען פון סמירנא האבען מיט גרויס בעגייסטערונג זיך אנגעפאנגען פאָרצובערייטען פאַר די גאולה. אלע האָבען פארנאכלעסיגט זייערע בעשעפטיגונגען און זיך אפגעגעבען פון איין זייט מיט תעניתים און סגופים זיי זאלען ווערטה זיין אויסגעלייזט צו ווערען נאך דעם בעגריעף פון די בעלי קבלה און פון אנדערן זייט מיט ווילדע שמחות איבער דעם פערגעטערטען משיח וואס זייא האָבען זוכה געווען צו האבען אין זייער שטאָדט. דער אלטער און געעהרטער רב פון סמירנא, ר' אהרן דעלא פאפא (געשטאָרבען 1674) וועלכער האט זיך ערקלערט געגען שבתי צבי איז אראָפגעוואָרפען געווארען פון זיין פלאץ און אויף זיין שטעלע איז געווארען ר' חיים בנבנשתי (בענעוועניסטע 1603-1673) וועלכער איז געווארען איין אנהענגער פון נייעם משיח. איינער פון די רייכסטע בעלי בתים פון סמירנא וועלכער האט זיך ערקלערט געגען דיא בעוועגונג איז שיער צוריסען געווארען אויף שטיקער אין שול, וואו א באנדע ווילדע ענטהו־זיאסטען האבען איהם אנגעגריפען.

ביסלאכווייז האט זיך דער ענטהוזיאזמוס פון סמירנא פארשפרייט ווייטער און ווייטער. דיא אידישע געמיינדען פון נאהענט און ווייט זיינען ערפאהרען פון דאס וואָס געהט פאָר אין סמירנא און האָבען זיך אויך אנגעהויבען צו פרייען אי־בער דיא גאולה. דיא נייעס פון שבתי צבי'ס גרויסקייט און וואונדער איז אָנגעקו־מען אין דיא ווייטערע געגענדען מיט גרויסע איבערטרייבונגען, וויא דער שטייגער איז, און דאָרט האבען זיך אויך אנגעפאנגען אָפצושפּיעלען דיא זעלבע סצענען פון שמחות און תעניתים וויא אין סמירנא. עס האָט זיך פארשפרייט אזוי ווייט וויא אמסטערדאָם, האמבורג און לאָנדאָן. סמירנא איז דאן געוועזן א וויכטיגע האנדעלס שטאָדט און דיא דארטיגע קריסטליכע פערטרעטער פון האלענדישע, ענגלישע און דייטשע געשעפטס־הייזער האָבען געשריבען אהיים אז דער אידישער משיח איז דאָרט ערשיענען און דאס דיא אידען מאכען זיך בערייט צו געהן נאך ארץ ישראל. דיא עדות פון אונפּארטייאישע קריסטען האט נאטירליך געהאָלפען פארשטארקען דעם גלויבען פון דיא אידען אין שבתי צבי און דיא אידען פון האמבורג און אמ־סטערדאם האָבען געטאנצט אין דיא שולען מיט ספרי תורה אין דיא הענד און זיך אזוי פאררוקט געמאכט איבער דעם נייעם משיח וויא דיא אידען פון אלעפפא און אלעקסאנדריען אָדער פון סמירנא זעלבער. גרויס און קליין זיינען אָנגעגריפען געווארען פון דעם משוגעת. אמסטערדאמער רבנים, דאָקטורים און דיינקער זיינען

אזוי היגנעריסען געווארען וויא דיא אונוויסענדע אידען פון קליין אזיען. מאנועל טעקסיירא (אונגעפעהר 1630—1695) אין האמבורג דער פריינד און דארטיגער פערטרעטער פון קעניגין קריסטינא פון שוועדען און דער אלטער דאקטאר בענדיטא (ברוך נחמיה) דע קאסטרא דער פארשטעהער פון דיא האמבורגער געמיינדע, האבען מיט געטאנצט מיט די שבתי צבי'ניקעס גלייך מיט די אונוויסענדסטע אבער גלויבישע אנהענגער פון דיא משוגעת וואס האט זיך וויא איין עפידעמיע פארשפרייט אונטער דיא אידען פון פיעלע לענדער.

נור איין וויכטיגער מאן, פון אלע אידישע גדולים וועלכע האבען דאמאלס געלעבט האט זיך געוואגט אפען צו שטעלען געגען שבתי צבי און אנגרייפען דיא ווילדע בעוועגונג ווען זיא האט פערדרעהט אלעמענס קעפ. דיעזער מאן איז געווען ר' יעקב שאספארטאס (1620—1698) דער רב פון דיא פארטוגעזישע געמיינדע אין לאנדאן. אבער אין יענע אויפגערעגטע צייטען האט מען איהם געשיינקט ווענינג אויפמערקזאמקייט און דערצו איז ער אליין אויך געווען איין אנהענגער פון קבלה און זיינע טענות זיינען דארום געווען שוואך אין געוויסע פונקטען ווייל ער האט נים געוואגט אפצולייקענען דיא פרינציפען אויף וועלכע דיא אגיטאציאן פאר דעם נייעם משיח האט זיך געשיטצט.

עס ווייזט אויס דאס דיא פערעהרונגען פון דיא אידען פון סמירנא און פון אידען פון פארשיעדענע לענדער וועלכע זיינען געקומען און געבראכט מתנות און ערקלערט זייער טרייהייט האט אזוי פארטומעלט דעם קאפ פון שבתי צבי אז ער האט אליין אנגעפאנגען צו גלויבען אין דיא נביאות פון זיינע פאלשע נביאים. ער האט אנגעפאנגען אפצושאפען דיא תעניתים און זיא צו פארוואנדלען אין שמחות און דאס האט אפגעשטויסען דיא עכט פרומע וועלכע האבען נים אין גאנצען פארלארען דעם פארשטאנד. דערצו ווייזט אויס אז דיא טירקישע רעגיערונג איז אויפמערקזאם געווארען אויף דיא גרויסע אויפרעגונג און דיא שטערונגען צו נעוועהנליכע בעשעפטיגונגען וואס זיינען געקומען דורך דיא ווילדע אויפפיהרונגען אין סמירנא און דער דארטיגער קאדי האט געפאדערט אז שבתי צבי זאל אוועק נאך קאנסטאנטינאפאל און דארט ווייזען וואס ער קען. פאר זיין אפרייזען פון סמירנא האט שבתי צבי צוטהיילט דיא גאנצע וועלט אונטער זעקס און צוואנציג פון זיינע הויפט אנהענגער און זיך אליין גערופען מלך מלכים. אבער דיא רעגיערונג איז געווען זאט מיט דיא קאמעדיע און שבתי צבי איז אויפ'ן וועג געפאנגען געווארען. דער „מלך מלכים" איז געבראכט געווארען נאך קאסטאנטינאפאל געשמידט אין קייטען. מען האט איהם פריהער אריינגעזעצט אין א געפענגניס פאר דיא וועלכע

קענען ניט צאהלען זייערע שולדען, אבער דיא צאהל פון זיינע אנהענגער אונטער אידען און אויך אונטער קריסטען און מחמדנער איז געוועזן אזוי גרויס דאס די רעגירונג האט זיך געזעהן געצוואונגען מיט איהם אומצוגעהן פארזיכטיג, אום צוא פארמיידען גרויסע אונרוהען. סולטאן מחמד .IV האט דאן נעהאלטען בייא א קריעג און זיין גרויס-וויזיר אחמעד קארפילי האט בעשלאסען אז דאס בעסטע איז דעם פאלשען משיח דערוויל אוועקצושיקען פון קאנסטאנטינאפאל. שבתי צבי מיט זיין פרוי און מיט פיעלע פון זיינע בעגלייטער זיינען אוועק געשיקט געווארען אין פעסטונג אבידאס בייא דיא דארדאנעלען, וואו ער איז געהאלטען געווארען אלס א פאליטישער געפאנגענער.

שבתי צבי און זיינע אנהענגער האבען וויעדער געפאסט מוטה וויל דער פאקט דאס ער איז גלייך ניט אומגעבראכט געווארען אלס א מורד במלכות איז בעטראכטעט געווארען אלס איין אמתער וואונדער. מען האט איינגערעדט דיא מאמינים אז דיא צרות פון דיא געפאנגענשאפט זיינען דיא „חבלי משיח" וואס זיינען דערמאנט אין פיעלע ספרים און מען האט פארשפרייט דיא נאכריכט אז שבתי צבי ווערט בעהאנדעלט אין אבידאס וויא א קעניג. אין דער אמת איז דער אויפפאסער פון פעסטונג אונטערגעקויפט געווארען און האט דעם געפאנגענעם ערלויבט פיעלע פרייהייטען. זיינע אנהענגער פון פארשיעדענע לענדער פלעגען אהין קומען זיך מיט איהם זעהען און בריינגען מתנות און האבען דאן פארשפרייט אין בערטריעבענע נייעס וועגען זיין גרויסקייט און וואונדער. דיא ראמאנטישע ראלע פון א געפאנגענעם פאר וועמען דיא רעגירונג האט מורא און לאזט איהם טהאן וואס ער וויל, האט זיך נאך געפאסט צו בעפעסטיגען דעם גלויבען פון דיא פארנארטע אנהייגער אין זיין איינפלוס אויף זייא איז דורך די געפאנגענשאפט כמעט נאך גרעסער געווארען.

די וואונדערבארע ערצעהלונגען וועגען שבתי צבי און דיא גאולה זיינען אויך פארשפרייט געווארען אין פוילען, וואו דיא אונגליקליכע אידען האבען זיך יעצט אנגעפאנגען צו ערהוילען פון דיא פערניכטונגען פון דיא גזירות ת"ח אונטער דיא פוילישע אידען וואס זיינען געקומען צום פאלשען משיח אין אבידאס האט זיך אויך געפונען א יונגער מאן ישעיה הלוי, דער זאהן פון דעם גרויסען תלמודיסט ר' דוד הלוי פון לעמבערג וועלכער איז בעקאנט אלס דער מחבר פון „טורי זהב" (ט"ז) אויף א טהייל פון שולחן ערוך. ישעיה און זיינע בעגלייטער האבען אין אבידאס דערצעהלט אז אין פוילען טרייבט זיך ארום א קאבאליסט וועלכער זאגט אויך נבואות וועגען משיח אבער וועלכער איז ניט מודה אין שבתי צבי. דער לעצ־

טער האָט ישעיה׳ן געגעבען א בריעף אין וועלכען ער האָט פארשפראכען דיא פּוי־לישע אידען אז ער וועט זיך פאר זייא נוקם זיין פאר דיא בלוט פערגיסונגען פון דיא גזירות און האט אויך אויפגעפּאָדערט אז דער פּוילישער נביא, נחמיה כהן אדער חיון זאל צו איהם קומען וואָס צום גיכסטען. נחמיה האט זיך ניט געלאזט בעטען. עס שיינט דאס יעדער פון דיא ביידע שווינדלער האט געדיינקט צו ציהען נוצען פון דעם אנדערענס בעריהמטהייט. נחמיה איז אנגעקומען אין אבידאס אין סעפּטעמבער 1666 און האט געהאט א לאַנגע אונטעררעדונג מיט שבתי צבי אבער זייא האָבען זיך ניט געקענט איינינען. נחמיה איז ארויס און געגעבען צו פאר־שטעהען אז ער דיינקט דאס שבתי צבי איז ניט משיח. דאס האט איהם שיער גע־קאסט זיין לעבען ווייל דיא פאנאטישע שבתי צבי׳ניקעס ארום זייער פיהרער האָ־בען זיך געפיהלט געגוג זיכער צו בעגעהן דעם גרעסטען פערברעכען. דער פּוילישער שווינדלער איז אפילו ניט געווען אזוי בעריהמט וויא דער טירקישער, אבער ער האט זיך געוואוסט אויס צו דרייהען פון דיא הענד פון זיינע פיינד און האט זיך בעשלאָ־סען צו מאכען איין ענדע פון דיא גאַנצע משיח קאמעדיע פון אבידאס.

דיא זאך איז געווען לייכט דורכצופיהרען, ווייל מען האָט נאר געדאַרפט אויפמערקזאם מאכען דיא רעגיערונג אויף דעם וואס שבתי צבי ווערט פאַרגעטערט אין זיין געפענגניס און וויא ווייט ער ארבייט נאך אימער צו פארפיהרען די אידען פון טירקייא און אנדערע לענדער. נחמיה חיון איז אוועק צום הילפס־וויזיר מוס־טאפא פאסא אין אדריגאָפּאָל און האט אלעס אויסגעזאגט. מוסטאפא האט דיא זאך פאָרגעלייגט פאר דעם סולטאן מחמד IV. און דער סולטאן האט זיך ווענען דעם מיישב געווען מיט זיינע ראטהגעבער. אלע האבען מודה געווען אז מען מוז זיין פאָרזיכטיג ווייל שבתי צבי האט שוין דאן געהאט מאסען אנהענגער אונטער אבערגלויבישע מחמדנער און איהם שווער צו בעשטראפען אדער צו טויטען וועט איהם מאכען פאר א מארטירער און ברייגגען אונרוהען אונטער דיא בעפעלקערונג. דער מופטי (מחמדנישער הויפּט גייסטליכער) וואני האט געראטהען מען זאל דעם פאלשען משיח צווינגען צו ווערען א מחמדנער און דער פּלאן איז אנגענומען גע־ווארען. שבתי צבי איז געבראכט געווארען צום סולטאן אין אדריגאפאל און מען האט איהם געגעבען דיא ברירה אויסצוקלייבען צווישען טויט שטראף און איסלאם. ער האט זיך ניט לאנג מיישב געווען, האט אנגעטהאן א ווייסען טורבאן און זיך ערקלערט אלס מחמדנער.

דער סולטאן האָט זיך געפרעהט וואס דיא זאך האט זיך אזוי רוהיג געענ־דיגט. דער נייער מחמדנער האָט געקריגען דעם נאמען מחמד עפענדי און א

שטעלע מיט א גרויסען געהאַלט אלס איינער פון דיא בעאמטע וועלכע שטעהען ביים טהיר פון סולטאַן און פאַהרען מיט איהם מיט איבעראַל. דיא שיינע שרה איז אויך אריבער צו מחמדנישען גלויבען און האט געקריגען פיינע מתנות פון דיא סולטאַנין. אייניגע פון שבתי צבי׳ס נאכפאָלגער האבען אויך געטהאַן דאס זעלבע.

דיא נייעס דאס דער משיח האט פערראַטהען זיינע ברידער און איז געוואָרען א מחמדנער און א פשוטער דיענער בייא דעם סולטאַן פון וועמען ער איז געגאַנגען צונעהמען דיא קרוין, האט דיא פאַרווילדעטע אידישע גע־מיינדען געטראָפען וויא א דונגער־שלאג. דיא רבנים וועלכע האבען איהם אונטער־שטיטצט האבען זיך ניט געהאט וואו אהין צו טהאן פאר שאנדע. מחמדנער אין קריסטען האָבען אפגעלאכט פון אידען און אויף זייא געטייטעלט מיט דיא פינגער און דער סולטאַן האט געטראַכט וועגען פלענער צו בעשטראפען אלע אידען אדער מינדעסטענס דיא אידישע אנפיהרער וועלכע האבען געלאזט פארברייטען א בעוועגונג געגען זיין הערשאפט. מען האט זיך געריכט אויף גרויסע גזירות אין טירקיי, אבער צום גליק האט דער סולטאַן ניט דורכגעפיהרט זיינע פלענער געגען אידען און האט געלאזען דיא אויפרעגונג זיך איינשטילען אויף א נאטירליכען וועג. דיא רבנים האבען אויך געזוכט צו פארהיטען שפאַלטונגען אין דיא געמיינדען און האבען געווארנט אידען ניט צו בעליידיגען אדער שפאס צו מאכען פון פריהעריגע שבתי צבי׳ניקעס. דיא גרויסע מאסען אידען האבען זיך אין א קורצע צייט אויסגע־ניכטערט פון דיא ווילדע אויפרעגונג, און האבען מודה געווען אז זייא זיינען פאר־פיהרט געוואָרען פון א שווינדלער און האבען זיך נאריש געמאכט מיט פאלשע האפנונגען פון וועלכע עס האט זיך גאר נישט אויסגעלאָזען.

אבער איין איינגעוואָרצעלטער פאנאטיזמוס ווערט ניט אזוי לייכט פאר־שוואונדען. פיעלע פון דיא מאמינים אין שבתי צבי האבען זיך געשעמט מודה צו זיין אז זייא האבען זיך אזוי מיאוס אָפגענארט און האבען געזוכט צו פארטהיידיגען דעם פאלשען משיח. זיינע נביאים האבען ניט געוואָלט אויפגעבען דיא בעשעפטיגונג וואס האט זייא געבראכט געלד און כבוד און האבען אנגעפאנגען צו ערקלע־רען אז אין דיא בעקעהרונג צום איסלאם שטעקט א סוד וואס וועט מיט דער צייט אויפגעדעקט ווערען. בעלי קבלה האבען געזאגט אז שבתי צבי אליין איז ארויף אין הימעל אדער אוועק צו דיא עשרת השבטים און נור איין ערשיינונג פון איהם האט זיך אונטערגעגעבען. אמתע אבערגלויבישע און אויך פראמינענטע לייטע וועלכע האבען ניט געוואָלט עפענטליך מודה זיין אין זייער פריהעריגע דומהייט, האבען זיך אנגעכאפט אן דיא נייע ענטשולדיגונגען. דיא בעוועגונג האט אנגענומען א נ יע

פאָרם און האט נאך פאר א לאנגע צייט געבראכט אונרוהען און קריגען אין אי־דישע געמיינדען. נתן העזתי און דער דייטשער נביא שבתי רפאל האבען פארטגע־זעצט דעם שווינדעל. נחמיה חיון איז אוועק נאך דייטשלאנד און דאן נאך האל־לאנד און נעהאלפען פארטומלען דיא קעפ פון דיא אבערגלויבישע. מיכאל אברהם קארדוזו (1630—1706), דער לייב דאקטאר פון בעי אדער סולטאן פון טריפאלי אין נארד אפריקא, א פארטוגעזישער מאראנא מיט גרויסע פעהיגקייטען אבער פול מיט פאנטאזיען, איז אויך געוועז פון שבתי צבי׳ס „נביאים״ וועלכע האבען פון איהם געהאלטען א לאנגע צייט נאך זיין ווערען א מחמדנער.

שבתי צבי אליין האט אויך פרובירט קומען אין פערבינדונג מיט אידען און שפּילען דיא ראָללע פון א משיח שוין זייענדיג א מחמדנער. דער סולטאן האט דאס אויסגעפונען און האט איהם פארשיקט אין דיא קליין שטעדטיל דולטשין אין אלבאניען וואו עס זיינען ניט געוועז קיין אידען. דארט איז דער מאן וועלכער האט אויפגעשטורעמט דיא אידישע וועלט געשטארבען פארלאזען און פאראכטעט אין יאהר 1676. עס זיינען געבליבען אין סמירנא, און אדריאנאפאל, אין סאלאניק, און אין אנדערע פלעצער קליינע סעקטען שבתי צבי׳ניקעס וועלכע זיינען געוועזען לפנים מחמדנער און האבען נאך אימער געהאפט אויף זיין צוריק קעהרען אלס משיח. אין גאליציען און פאדאליען איז אויך דיא אמונה אין שבתי צבי שטארק פארברייטעט געווארען און איז געוועזן דיא אורזאכע פון אונרוהען און שפאלטונגען ביז דיא ענדע פון אכטצעהנטען יאהר־הונדערט.

נײנטער קאפיטעל.

פערפאָלגונגען אין 17טען יאהרהונדערט. אידען אין פרייסען. אָנפאַנג פון 18טען יאהרהונדערט.

דייטשלאַנד האָט אין 17טען יאָהרהונדערט ניט געמאכט אזעלכע פאָרטשריט אין ענטוויקלונג וויא האָללאַנד אָדער ענגלאַנד און פאר דיא אידען פון דייטשלאַנד זיינען דער 16טער און דער 17טער יאהרהונדערט געווען א פאָרטזעצונג פון מיטעל-אלטער. אין 1516 איז אין פראנקפורט אָפּגעהאלטען געוואָרען א פערזאמלונג פון פירסטען און פערטרעטער פון שטעדט און מען האָט זיך ערנסט מיישב געווען וועגען דעם פּלאַן ארויסצוטרייבען אלע אידען פון דייטשלאַנד. דיא זאך איז ניט דורך ווייל קייזער מאקסימיליאַן האָט ניט געוואָלט פערליערען דיא איינגאהמע פון „זיינע“ אידען און האָט זיך ערקלערט געגען דיא אויסווייזונג. באַלד נאָך זיין טויט (1519) איז פאָרגעקומען גזירות אין רעגענסבורג, איינע פון דיא עלטסטע קהלות אין דייטשלאַנד. דיא אידען פון דאָרטען זיינען אויסגעוויזען געוואָרען און דיא ווילדע מאססע האָט צושטערט 4000 קברים אויף דעם אלטען אידישען בית עולם. עטליכע יאָהר שפּעטער (1525) האָבען אידען שטארק געליטען פון דעם בויערן־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד, ווען ביידע זייטען וועלכע האָבען אזוי ביטער געקעמפּפט איינער געגען אנדערן זיינען געווען אייניג אז מען דאַרף דיא אידען בערויבען און אָפט אויך ערמאָרדען.

ווען קורפירסט יאָאכים .II פון בראַנדענבורג איז געשטאָרבען אין 1571 האָט מען געמאכט א בלבול אז זיין דאָקטאָר און פינאַנסיער, דער איד ליפּפּאָלד האָט איהם פערגיפטעט. דאס איז בענוצט געוואָרען אלס א תירוץ פאר איין אלגעמיינעם אנגריף אויף אידען. ליפּפּאָלד איז היגגעריכטעט געוואָרען און אין דעם זעלבען יאָהר זיינען אלע אידען ארויסגעטריבען געוואָרען פון בערלין און פון גאַנץ בראַנדענבורג און האָבען זיך דאָרט ניט געטאָרט געפינען פאר דיא נעקסטע הונדערט יאָהר.

דיא ערשטע וויכטיגע פערפאָלגונג אין 17טען יאהרהונדערט איז געווען אין

פראנקפורט אם מיין אין דער צייט פון דעם אויפשטאנד פון דיא ניעדריגע קלאסען אונטער דיא אנפיהרונג פון דעם בעקער ווינצענץ פעטמילך. דיא אידען זיינען בע־רויבט און געשלאגען געווארען און מען האט זיי דאן אין גאנצען פארטריעבען פון פראנקפורט. ערשט אין צוויי יאהר ארום איז זיי ערלויבט געווארען צוריק צו קומען און דער בעקער־באנדיט איז היננעריכטעט געווארען. אין דער זעלבער צייט זיינען אידען אויך פארטריבען געווארען פון ווארמס, און דיא פאנאטישע קריסטען האבען חרוב געמאכט דיא דארטיגע שול וועלכע איז געוועזן 800 יאהר אלט. אויך דארטען האבען זיך דיא אידען אין א קורצע צייט שפעטער ווידער בעזעצט.

אין צייט פון דעם לאנגען רעליגיאנס־קריעג וועלכער איז אין דער וועלטגע־שיכטע בעקאנט אלס 30 יעהריגע קריעג (1618—1648), ווען גאנץ מיטעל אייראָ־פא איז געוועזן איין גרויסע שלאכטפעלד, האבען נאטירליך אידען אויך פיעל געלי־טען. דאך זיינען קיינע אלגעמיינע מערדערייען אדער אויסווייזונגען ניט פארגעקומען, וויל קייזער פערדינאנד II און זיין נאכפאלגער, פערדינאנד III האבען געוואוסט צו שעטצען דיא אידישע טרייהייט און אויך דיא איינאהמען וואס דיא רעגיערונג האט פון זיי געהאט. דער ערשטער האט נאך דיא אונרוהען אין פראנקפורט און ווארמס בעשטימט אז שטעדט אליין זאלען ניט מעהר האבען דאס רעכט ארויסצו־טרייבען אידען און האט בכלל געזוכט צו פארזיכערן דיא אידישע לאגע. פון אנדערן זייט איז אבער דאן אויך אין פיעלע דייטשע שטעדט אנגענומען געווארען דיא פאר־האסטע און שענדליכע בעשטימונג אז נור א געוויסע צאהל אידען מעגען חתונה האבען יעדעס יאהר. דאס איז געוועזן א מיטעל אז דיא צאהל פון אידישע פאמיליען אין א שטאדט זאל ניט גרעסער ווערען און איז אנדערסוואו אפגעהיט געווארען ביז אין מיטען פון נייצעהנטען יאהרהונדערט.

אין 1669 איז פארגעקומען וואס מען קען רופען דעם לעצטען גירוש פון שפא־ניען, אין דיא שפאנישע פראווינץ אראן אין נארד אפריקא האבען אידען געוואוינט לאנג נאך דעם אלגעמיינעם גירוש און זיינען געוועזן געטרייע אונטערטהאנען וועלכע האבען געבראכט פיעל נוצען פאר דער רעגיערונג. דאך איז דער איינפלוס פון דיא יעזואיטען געוועזן אזוי גרויס אויף דיא דאמאליגע רעגענטין פון שפאניען דיא געוועזענע עסטרייכישע פרינצעססין מאריא אננא, וועלכע האט געפיהרט דיא רעגיערונג אלס אלמנה פון קעניג פיליפ .IV אז זיא האט בעשלאסען זיי ארויסצוטרייבען. דיא אויסגעוויעזענע זיינען אוועק מייסטענס נאך סאוואי און ניצצא, דיא איטאליענישע פראווינצען וועלכע זיינען אין אונזערע צייטען געקומען אונטער דיא הערשאפט פון פראנקרייך.

אויך אין פראנקרייך, וועלכע האָט יעצט ווידער געהאַט גרויסע אידישע קהלות זייט עלזאס און לאָטהרינגען זיינען געקומען אונטער פראנצויזישע הערשאפט נאָך דעם פריעדען פון וועסטפאלען (1648) וועלכער האט געענדיגט דעם 30 יעה־ריגען קריעג, פאנגט מען אָן ווידער צו הערען פון צרות אויף אידען. אין 1670 האָט מען מעטץ בעשולדיגט אידען אז זיי האָבען ערמאָרדעט א קריסטליכעס קינד און דער אידישער פעדלער רפאל לוי, וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען אלס איין אָפּפער פון בלבול איז געפייניגט און אומגעבראכט געוואָרען. דאן איז אויפגעשטאנען רישארד סימאָן, דער ערשטער קאַטהאָלישער ביבעל־קריטיקער אין אייראָפּא, א גרויסער געלעהרטער וועלכער האָט זיך שטארק אינטערעסירט אין אידישע ליטעראַטור און אויך אין אידען בכלל, און האָט זיך אָנגענומען פאר אידען. ער האָט אויסגעווירקט אז דער גרויסער קעניג לואי .XIV האט נאכגעפאָרשט וועגען דעם פּראָצעס פון בלבול און האָט ערקלערט אז רפאל לוי איז געווען איין אונ־שולדיגער קרבן פון א פאלשע אנקלאגע. דער קעניג האָט דאן בעשטימט אז אזעלכע משפטים וועגען עלילת דם מוז פון יעצט אָן געבראַכט ווערען פאר דיא העכסטע קעניגליכע געריכט און ניט איבערגעלאָזען ווערען פאר דיא געריכטס־הייזער פון דיא פּראָווינצען, וואו דער איינפלוס פון דיא פאנאטישע אויפרעגונג פון דיא מאַסען פארבלענדעט דיא ריכטער און לאָזט זיי ניט אָפּגעבען קיין גערעכטען אורטהייל.

אין דעם זעלבען יאָהר (1670) איז אויך פאָרגעקומען דער לעצטער גירוש פון וויען און פון דאס יעצטיגע עסטרייך, וועלכעס איז דאן געווען א טהייל פון דייטשלאַנד און איז געווען דיא הויפּטשטאָדט פון קייזער וועלכער האָט געהאַט דעם טיטעל דייטשער אדער גערמאנישער קייזער. דיא גזירה איז ארויסגעגעבען גע־וואָרען פון קייזער לעאָפּאָלד .I און אלע אנשטרענגונגען פון גרויסע און איינפלוס־רייכע אידען פון פערשיעדענע לענדער איהר בטל צו מאכען האבען ניט געהאָלפען. דיא פרוי פון קייזער לעאָפּאָלד איז געווען א טאכטער פון מאריא אננא דיא רעגענ־טין פון שפאניען וועלכע האט פארטריבען דיא אידען פון אָראַן מיט א יאָהר פריי־הער. דיא טאָכטער איז אזוי וויא איהר מוטער געווען אונטער דעם איינפלוס פון יעזואיטען און דער גירוש איז דורכגעפיהרט געוואָרען אָהן רחמנות. נור איין איד, דער הויף־פאקטאָר מארקוס שלעזינגער יפה האָט געקריגען דיא ערלויבניס צו בלייבען אין וויען. דיא שטאָדט רעגיערונג האָט אָפּגעקויפט דעם אידישען קווארטאל און האָט עס א נאָמען געגעבען „לעאָפּאָלד־שטאָדט“ לכבוד דעם קייזער וועלכער האָט דיא אידען פארטריבען. דיא שול און דער בית המדרש זיינען פערוואנדעלט

געוואָרען אין קירכען און די יעזואיטען זיינען געוועזען פול מיט שמחה אז עס איז זיי געלונגען צו רואינירען א גרויסע מאסע אידען.

די שמחה איז אפילו געווען א קורצע וויל אין עטליכע יאָהר שפּעטער איז דער קייזער דה״ך די טרויעריגע לאגע פון זיינע פינאַנסען ווידער געצוואונגען גע־וואָרען אריינצולאָזען אין ווין רייכע אידען וועלכע זאָלען אהם אויסהעלפען אין זיין נויט. אזוי האָבען זיך די אידען דאָרט בּיסלאכוויז צוריק מיט דער צייט אריינגע־קליבען, אָבער עס איז זיי נאַטירליך געווען ערגער וויא פריהער און זיי האָבען גע־ליטען אלערליי פערפאָלגונגען. די אויסווייזונג האָט פון אנדערען זייט אויך גע־בּראַכט נוצען פאַר אידען אין דייטשלאנד בּכלל וויל זיא האָט פאַראורזאַכט צו גרינדען א געמיינדע וועלכע האָט שפּעטער פאַרבּרייטעט די ליכט פון בּילדונג אונטער די אידען פון אייראָפּא. דער גרויסער קורפירסט פריעדריך ווילהעלם פון בּראַנדענבּורג, דער גרינדער פון פּרייסען׳ס גרויסקייט, האָט געעפענט זיין לאנד פאַר די אויסגעוויעזענע פון עסטרייך. ער האָט אריינגעלאָזען 50 רייכע אידישע פאַמי־ליען פון וועלכע א טהייל האָבען זיך בּעזעצט אין בּערלין און אנדערע אין לאַנדס־בּערג און אין די אוניווערזיטעט שטאָדט פראַנקפורט־אַן דער־אָדער. מיט דער צייט האָט ער אויך אָנגעפאַנגען אריינצולאָזען אידען פון האמבּורג און פון גלאָגוי און אין 1714 איז אין בּערלין אויפגעבּויט געוואָרען א אידישע שול און די אידישע געמיינדע פון דאָרט האָט אָנגעהויבּען צו פאַרנעמען א וויכטיגען אָרט אלס א אי־דישער מיטעלפּונקט. אין 1750 האָט דער בּעריהמטער העלד, קעניג פריעדריך דער גרויסער ארויסגעגעבּען איין גענעראַל־יודען־פּריווילעגיום וועלכער האָט געבּראַכט אָרדנונג אין אידישע אַנגעלעגענהייטען און בּעשטימט די רעכטע פון די אידען און זייערע בּעשרענקונגען. זייער לאגע אין פּרייסען איז ניט געווען גוט, אָבער זיי זיינען געווען געוויסער מאַסען זיכער און געוואוסט אויף וואָס זיי האָבען זיך צו ריכ־טען. לאַנגזאם האָבען זיי אָנגעפאַנגען זיך צו בּעטהייליגען אין די גייסטיגע ענט־וויקלונג פון לאַנד און דערמיט אנגעפאַנגען די פעריאָדע פון די נייע השכלה וועלכע האָט געהאַט פּרייסען און בּעזאנדערס די שטאָדט בּערלין אלס איהר מיטעלפּונקט.

אין איין אנדער דייטשע מדינה האָט א איד אין דעם נעקסטען דור ערדייכט א הויכע שטופע און האָט נאכדעם געהאַט א טרויעריגע ענדע. דער הערצאָג קאַרל אַלעקסאַנדער פון ווירטעמבּערג, וועלכער האָט רעגיערט פון 1733 בּיז 1737 האָט געמאַכט דעם אידען זיס אפּענהיים צום מיניסטער און האָט אין זיינע הענד איבּער־געגעבּען כמעט די גאַנצע רעגיערונג. בּיידע דער הערצאָג און זיין אידישער ראַטה־

געבער זיינען געווען זעהר ניט בעליעבט ביי דיא בעפעלקערונג און ווען דער ערש־טער איז פלוצלונג געשטארבען אין 1737 האבען אלע גערן געגלויבט דעם בלבול אז אפענהיים האט איהם פארסם'ט. דער אידישער מיניסטער איז הינגעריכטעט געווא־רען וויא איין איינפאכער פערברעכער און פיעלע פון זיינע אידישע פריינדע און אגענטען וועלכע האבען זיך בעטהייליגט אין זיינע פינאנציעלע אונטערנעהמונגען האבען שטאק געליטען דורך זיין אונגליק און דורך דעם האס געגען אידען וואס האט דארט אויסגעבראכען אין דער צייט פון דיא אויפרעגונג.

צום ענדע פון 17טען יאהרהונדערט האבען אויך געלערנטע קריסטען וויעדער זיך אנגעפאנגען צו אינטערעסירען אין אידישע אנגעלעגענהייטען און צו שטודירען אידישע ליטעראטור. א גייסטליכער פון דיא הוגענאטען (פארטריבענע פראנצויזישע פראטעסטאנטען) מיט דעם נאמען זשיריי האט אין 1685 פערעפענטליכט א ווערק איבער דיא „ערפיללונג פון נבואה" אין וועלכע ער האט געזוכט צו בעווייזען אז אידען מוזען צום סוף אריבערשטייגען אלע נאציאנען פון דער וועלט און דאס דיא פערפאלגונגען געגען אידען זיינען דיא ארבייט פון אנטי־קריסט אדער דעם שטן. אליגער פאולי, א רייכער קריסטליכער קויפמאן פון דענמארק האט אין יענער צייט געטרוימט וועגען א פלאן צוריק צו ברייגגען דיא אידען אין ארץ ישראל און האט וועגען דעם פיעל געשריבען און געארבייטעט. דיא אינטערעסע אין יודענטהום איז געווארען אזוי גרויס דאס עטליכע געבילדעטע קריסטען האבען זיך מגייר געווען. דער וויכטיגסטער פון דיעזע גרים איז געווען יאהאן פעטער ספעטה פון אויגסבורג, א וויענער קאטהאליק וועלכער איז אוועק נאך אמשטערדאם, דעם איינציגען פלאץ אין איירָאפא וואו מען האט זיך דאן זיכער געקענט מגייר זיין. ער האט אנגענומען דעם נאמען מאזעס גערמאנוס און האט געשריבען ווערקע געגען קריסטענטהום מיט אזוי פיעל ביטערקייט און זידלעריי דאס עס וואלט נאך הייטע אין איירָאפא ניט געווען זיכער זיי איבערצודרוקען. ער איז געשטארבען אין 1702.

א יונגער האלענדישער געלעהרטער, סורענהוזיוס, האט איבערזעצט דיא משנה מיט צוויי פירושים אין לאטיין און עס צום ערשטען מאהל אפגעדרוקט אין 1693. דיעזע איבערזעצונג איז פיעלע מאהל איבערגעדרוקט געווארען און האט געהאלפען בעקאנט מאכען געלערנטע קריסטען מיט דיא גרונדלאגען פון אידישע רעליגיאנס־געזעצע. איין אנדער האלענדישער געלעהרטער, פראפעסאר יאקאב טריגלאנד פון דיא אוניווערזיטעט אין ליידען, וועלכער האט פערשטאנען ציעמליך גוט העברעאיש, האט זיך פאראינטערעסירט אין דיא קראים און האט געשריבען א בריעף צו דעם חכם פון דיעזע סעקטע אין לוצק, א־סצוגעפינען וועגען זייער פערגאנגענהייט און

זייער צושטאַנד. אַלס ענטפער אויף דיעזע פראַגען האַט דער קראַי מרדכי בן נסים פון לוצק געשריבען דעם ספר „דוד מרדכי" וועלכער איז פול מיט טעותים און פאַלשע בעהויפּטונגען, ווייל דיא קראים אַליין האַבען זעהר װעניג געוואוסט פון זייער אמתע געשיכטע. דאָך איז דיעזעס ווערק פון גרויס וויכטינקייט ווייל זיא איז דיא איינצינע היסטאָרישע קוועלע פון דיא קראים פאַר יענע צייטען און ענטהאַלטעט פיעלע וויכטיגע פאַקטען.

וויכטיגער פון דיעזע אַלע געלעהרטע קריסטען וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט אידישע ליטעראַטור איז וואהרשיינליך געוועזען דער פראַנצויזישער פּראָטעסטאַנטישער טהעאָלאָג זשאַק באַנאַזש (1723—1653) וועלכער האַט געשריבען „דיא געשיכטע פון דיא אידישע רעליגיאָן", דיא ערשטע אידישע געשיכטע פון אַ קריסטליכע האַנד וועלכע איז ווערטה צו לעזען. אָבגלייך באַנאַזש איז ניט געוועזען אין גאַנצען פריי פון דיא פאָראורטהיילע פון זיין צייט און האַט געשריעבען פון דעם שטאַנדפונקט פון אַ קריסטען, האַט ער זיך דאָך אָנגעשטרענגט צו זיין אונפּאַרטייאיש און צו געבען היסטאָרישע פאַקטען וויא זיי זיינען. זיין ווערק קען יעצט ניט בעטראַכטעט ווערען אַלס אַ היסטאָרישעס מייסטער־ווערק, אָבער מיט צוויי הונדערט יאָהר צוריק, ווען אידען אַליין האָבען וועניג אַנטהייל גענומען אין אייראָפּעאישע ליטעראַטור און דיא גלייכהייט־אידעען פון יעצטיגע צייטען זיינען כמעט אַלעמען געווען פרעמד, האַט אַזאַ ווערק געטהאָן זעהר פיעל גוטעס פאַר אידען און געמאַכט אַז מען זאָל פון זיי האָבען אַ בעסערע מיינונג. דער זעלבער פּערפאַסער האַט אויך געשריבען אַ ווערק אַבער „דיא אידישע רעפּובליק" וועלכע איז געדרוקט געוואָרען אין אמשטערדאַם אין 1705 צוויי יאָהר איידער זיין געשיכטע איז ערשיענען.

עס איז לייכט צו פערשטעהן דאַס ניט אַלע וועלכע האָבען זיך פאַראינטערעסירט אין אידישע ליטעראַטור און געשיכטע האָבען פון איהר געהאַט אַזאַ גוטע מיינונג וויא דיא וועלכע זיינען דאָ אויסגערעכענט געוואָרען. עס זיינען אויפגעשטאַנען געלערנטע שונאי ישראל וועלכע האָבען בענוצט זייער אויבערפלעכליכע בעקאַנטשאַפט מיט דעם יודענטהום אויפצוזוכען בלבולים אויף אידען. אַ געוויסער ווילפער פון נירענבורג האָט ערקלערט אַז ער האַט ענטדעקט אַז אידען בעליידיגען דעם קריסטענטהום אין דיא תפלה „עלינו לשבח" און עס האַט זיך אָנגעפאַנגען אַ שטורם דורך שריפטען און אין געריכטס־הייזער וועלכער האָט געדויערט איינינע יאָהר און זיך געענדיגט דערמיט וואָס קעניג פרידריך פון פרייסען האַט אין 1703 אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אַז מען זאָל זאָגען „עלינו" שטילער־הייד. יאָהאַן קריסטאָפער וואַגענזייל, (1705—1633) איין אַדוואָקאַט און פּראָפעססאָר אין אַלטאָרף, וועלכער

האט אויך געשריבען א ווערק איבער אידיש־דייטש, האט צוזאמענגענומען אלע אידישע שריפטען געגען קריסטענטהום וואס ער האט געקענט קריגען און האט זיי אפגעדרוקט מיט לאטייניטע איבערזעצונגען און מיט בעוויזע זיי אפצושלאגען. דאס גאנצע ווערק האט ער א נאמען געגעבען „דיא פייערדיגע פיילען פון שטן“ און עס פערשטעהט זיך אז דאס האט געמאכט א שלעכטען איינדרוק, אבגלייך וואגנזייל איז ניט אזוי ניפטיג אין זיין שנאה צו אידען וויא אנדערע פון דיזען סארט שרייבער.

דער גרעסטער צורר היהודים פון יענער צייט און איינער פון דיא גרעסטע פון אלע צייטען איז געווען יאהאן אנדרעאס אייזענמענגער, א דייטשער פראפעסאר פון אריענטאלישע שפראכען וועלכער האט צוזאמענגעקליבען אלע פאלשע בעשול־דיגונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אויף אידען אין אלע צייטען און האט צוזאַ־מענגעשטעלט א ווערק „ניי־ענטדעקטעס יודענטהום“ וואס איז פול מיט שמוץ און העצעריען אויף אידען. וען איינפלוסרייכע אידען זיינען ערפאהרען אז אזא ווערק דרוקט זיך אין פראנקפורט, האבען זיי אויסגעווירקט אז קייזער לעאפאלד .I אויף דעם פערלאנגען פון זיין באנקיער שמואל אפפענהיים פון הײדעלבערג, האט דאס בוך פערבאטען. אייזענמענגער האט דאדורך פערלארען זיין גאנצען פערמעגען וואס ער האט אריינגעלייגט אין דרוקען דאס ווערק און איז פון ערגערניס געשטארבען אין יאהר 1704. דיא אידען האבען געמאכט אלע מעגליכע אנשטרענגונגען אז דאס ווערק זאל אויך נאך זיין טוידט ניט ערשיינען און דיא 2000 קאפיעס וואס זיינען אפגעדרוקט געווארען זיינען געבליבען פארפאקט 40 יאהר. אבער אין 1711 האט קעניג פריעדריך פון פרייסען ערלויבט דאס ווערק איבערצודרוקען אין קעניגסבערג, וואו דער קייזערליכער צענזאר האט ניט געהאט קיין דעה. דאס ערשיינען פון ווערק האט ניט געבראכט צו איבערפאלען און בלוטפערגיסונגען, וויא אידען האבען מורא געהאט; אבער דאס בוך איז אנגענומען געווארען אלס א טעקסט־בוך פאר שונאי ישראל און אבגלייך אלעס וואס דארט שטעהט איז שוין פיעלע מאהל אפגעלייקענט געווארען און בעוויזען געווארען צו זיין פאלש פון אנפאנג ביז ענדע, הערען דיא אנטיסעמיטען פון אלע צייטען זייט דאמאלס ניט אויף צו שעפען פון יענע אונריינע קוועלע. פיעלע פון דיא אנגריפע אויף אידען וואס ווערען געמאכט אין איצטיגע צייט שטאממען אורשפרינגליך פון דיא טענות וואס אייזענמענגער האט צוזאַ־מענגעשטעלט אין זיין גיפטיגעס ווערק.

o o
o

דיא גייסטיגע לאגע פון דיא אידען אין 17טען און אין דיא ערשטע העלפט פון 18טען יאהרהונדערט איז ניט געווען זעהר הויך. אפילו אויף דעם פעלד פון תלמודישע געלערזאמקייט געפינען מיר אויך ניט מעהר אזעלכע גייסטיגע ריעזען וויא אין 16טען יאהרהונדערט. צו יענע דורות געהערען נאך ר׳ ליווא בר בצלאל אדער וויא מען רופט איהם געוועהנליך דער „מהר״ל מפראג״ וועלכער איז אויך געווען אַבערראַבינער פון מעהרן און האט געשריעבען פיעלע וויכטיגע ווערקע. ער האט געלעבט 104 יאָהר און איז געשטאָרבען אין 1609. אין זיין צייט האט גע־לעבט אין פראג דער מאטהעמאטיקער און אסטראָנאָם ר׳ דוד גאנז. (1541-1614) דער פריינד פון דיא בעריהמטע אסטראָנאָמען קעפלער און טיכא בראהע. ער איז דער מחבר פון איינגע וויסענשאפטליכע ווערקע און פון א כראָניק אדער פערציי־כנונג פון פאקטען פון דיא אידישע געשיכטע וואס איז בעקאנט אלס „צמח דוד״. אין דיא זעלבע שטאָדט האט אויך געלעבט דער רייכער בעל צדקה ר׳ מרדכי מייזעלש, (1528—1601) דער באראָן הירש פון זיין צייט, וועלכער איז געשטאָרבען אָהן קינדער און דער קייזער (רודאָלף .II) האט קאָנפיסקירט זיין גאנצען פערמע־גען. ר׳ יום טוב ליפמאן העלער, וועלכער איז שוין אויבען דערמאָנט געוואָרען איז שפעטער (פון 1627 ביז 1630) אויך געווען רב אין פראג, וואו ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען אז ער האט אין זיינע שריפטען בעליידיגט דיא קריסטליכע רעליגיאָן. ער איז ארייגעזעצט געוואָרען אין געפענגניס און איז שפעטער פראָצעסירט געוואָרען און איז פון א פאנאטישעס געריכט פאראורטהיילט געוואָרען צום טויט. אידען האָ־בען איינגעזאמעלט א סומע פון 10,000 טהאלער פאר וועלכע מען האט איהם אויסגעקויפט און ער איז אוועק נאך פוילען און איז געוואָרען רב אין נעמיראָוו. אין דער צייט פון די גזירות ת״ח איז ער געווען רב אין קראָקוי וואו ער איז געשטאָר־בען אין 1654, אין עלטער פון 75 יאָהר. ער איז אין זיין צייט געהאלטען געוואָרען פאר דעם גדול הדור.

אין איטאליען איז אין יענער צייט אויפגעוואקסען א מערקווירדיגע פערזאָן. ר׳ יוסף שלמה דעל מעדיגא אדער יש״ר מקנדיא (1591—1655) ער האט שטודירט אין פאדוא און איז געווען אין וויסענשאפט א תלמיד פון דעם בעריהמטען גאלילעאָ. ער איז אויך געווען א תלמודישער געלעהרטער, אבער אמת גרויס איז ער אין ביידע זאכען ניט געווען און ער האט דארום אויף זיינע רייזען אימער געשפיעלט דיא ראָללע פון א פילאָזאָף אין פוילען, וואו דיא אידען זיינען געווען מייסטענס נור לומדים און האט פון אנדערן זייט אין אמסטערדאם אדער האמבורג, וואו עס זיי־נען געווען פיעלע געלערנטע אידען, זיך בעשעפטיגט מיט לומדות. ער האט פיעל

ארומגערייזט און האט מיט זיך געפיהרט א גרויסע מאסע ביכער. ווען ער איז גע־קומען נאך פוילען איז ער געווען אנגעשטעלט אלס דאָקטאָר ביי פירשט ראדזוויל אויף זיינע גיטער ביי ווילנא. דאָרט איז ער אויך געקומען אין פערבינדונג מיט א רייכען קראי, זרח פון טראָק, וועלכער האט בייא איהם געפרעגט פערשידענע קשיות. יוסף דעלמעדינא האט אלס אנטוואָרט געשריעבען אייניגע ווערקע. ער איז אוועק צוריק נאך דייטשלאנד און דאן נאך האָללאנד און איז ענדליך גע־שטאָרבען אין פראג.

אנדערע גדולים פון דיא צווייטע העלפט פון 17טען און ערשטע העלפט פון אכטצעהנטען יאהרהונדערט וועלכע זיינען בעזאָנדערס ווערטה דערמאָנט צו ווערען זיינען: ר׳ יאיר חיים בכרך פון וואָרמס (חות יאיר, 1701—1628); ר׳ שבתי באַס פון פראג? (1721—1641) דער מהבר פון א ביבלאָגראפישעס ווערק שפתי ישנים און פון שפתי חכמים אויף רש״י. ר׳ שבתי האט געגרינדעט א דרוק אין דיהרענ־פורט, בייא ברעסלוי און איז אויף דער עלטער (אין 1712) אנגעקלאגט געוואָרן פון א יעזואיט אז ער דרוקט פארבאָטענע שריפטען און זיין פראָצעס, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט זיין בעפרייאונג, האט דאן געמאַכט פיעל אויפזעהן. ר׳ יצחק לאַמפרונטי (1756—1679) פון פערראַרא, אין איטאליען, איז דער פערפאסער פון א סאָרט תלמודישע ענציקלאָפעדיע (פחד יצחק) פון וועלכע דיא לעצטע טהיילען זיינען ערשט נים לאנג ערשיענען. ר׳ יעקב אבנדנה, דער רב פון לאָנדאָן פון 1679 ביז 1695 האט איבערזעצט דיא משנה און דעם כוזרי אין שפאניש. זיין ברודער יצחק איז געווען א לעהרער פון העברעאיש אין דיא אָקספאָרדער אוניווערזיטעט און האט ארויסגעגעבען א נייע לאטיינישע איבערזעצונג פון די משנה. א צווייטער בעריהמטער לאָנדאָנער רב איז געווען דער ארצט און געלעהרטער ר׳ דוד ניטו, (1728—1654) פערפאססער פון „כוזרי שני" צום פערטהיידיגען דיא תורה שבעל פה. ר׳ דוד אָפענהיים פון וואָרמס (1737—1667) רב פון ניקאלסבורג און נאכ־דעם פון פראג, האט אנגעזאַמעלט א גרויסע ביבליאָטהעק פון אידישע ספרים וועלכע איז נאך זיין טויט פארקויפט געוואָרן צו דיא באדליאַנא לייברערי אין אָקס־פאָרד. ר׳ רפאל הלוי האנאָווער, איין אסטראָנאָם און מאטהעמאטיקער, א בעליעב־טער תלמיד פון גרויסען פילאָזאָף לייבניץ, האט געשריעבען ווערקע איבער דעם אידישען קאלענדאר און אסטראָנאָמיע און איז געשטאָרבען 94 יאָהר אלט אין 1779. דער גרעסטער תלמודישער געלעהרטער אין אָנפאנג פון 18טען יאהרהונ־דערט איז וואהרשיינליך געווען ר׳ צבי אשכנזי (חכם צבי) וועלכער איז געבאָרען געוואָרן אין 1655. דעם יאָהר וואס זיין פאָטער ר׳ יעקב אשכנזי איז אנטלאָפען

פון ווילנא איבער דיא גזירות פון קאזאקען־אויפשטאנד. ער האט פיעל ארומגע־ רייזט און האט אין אמסטערדאם וואו ער האט זיך צום סוף בעזעצט געהאט גרוי־ סע מחלוקת מיט פערשיעדענע געגנער, בעזאנדערס מיט לייטע וואס האבען נאך דאן סימפאטירט מיט דיא שבתי־צבי בעוועגונג. ער האט אין זיין שטירמישען לעבען פיעל געקעמפפט און האט זיך מיט אונגעהייערע אנשטרענגונג געוועהרט געגען גרויסע און איינפלוסרייכע געגנער. אין שפעטערע יאהרען איז ער אנערקענט גע־ ווארען אלס דער גרעסטער תלמודיסט אין זיין צייט און מען האט זיך צו איהם גע־ ווענדעט מיט רעליגיעזע פראגען פון איבעראלל. ער איז געשטארבען אין 1718 און איבערגעלאזען א זאהן (ר׳ יעקב עמדען) וועלכער איז גלייך געוועזען צו איהם אין פיעלע הינזיכטען און וועלכער איז אויך שפעטער געוועזען פערוויקעלט אין ביטערע שטרייטיגקייטען.

צעהנטער קאפיטעל.

אידען אין דיא נייע וועלט. בראזיליען און סורינאם. נויארק און ניופארט. חיים סאלאמאן און דיא פיהרער פון דיא רעוואלוציאן געגען ענגלאנד.

דיא וויכטיגע ענדערונג אין דיא לאגע פון אייראפייאישע פעלקער וואס דיא ענטדעקונג פון אמעריקא האט פעראורזאכט, האט נאטירליך ניט פערפעהלט צו מאכען איין איינדרוק אויף דיא לאגע פון דיא אידען. אידען האבען פון אנפאנג געשפיעלט א בעדייטענדע ראללע אין פערבינדונג מיט דיא ענטדעקונג פון דיא נייע וועלט. קאלאמבוס און אנדערע ענטדעקונגס־רייזענדע האבען זיך בענוצט מיט טאבעללען פון שטערן און מיט אסטראנאמישע אינסטרומענטען וואס שפאניש־אידישע אסטראנאמען האבען פערפערטיגט. עס איז אין דיא לעצטע צייטען בעוויעזען געווארען דאס דיא הוצאות פאר קאלומבוס׳עס ערשטע רייזע איז גענומען געווארען פון אידען און דאס איינער פון זיינע וויכטיגסטע בעגלייטער, דער מאן וועלכער איז דער ערשטער ארויפגעטראטען אויף אמעריקאנישען גרונד, איז געוועזען דער איד לואיס דע טארעס, וועלכער איז אויך געוועזן דער ערשטער צו ברייגגען טאבאק פון אמעריקא נאך אייראפא.

אבער אזוי לאנג וויא דיא נייע ענטדעקונגען זיינען געלעגען אונטער דיא הערשאפט פון שפאניען און פארטוגאל האבען אידען ניט געקענט האפען דארט צו קענען האבען א פרייע היימאטה. דער אמת איז דאס דיא ערשטע אידישע איינוואנדערער אין אמעריקא זיינען געוועזן קינדער פון שפאנישע אידען וועלכע זיינען אויף דעם בעפעהל פון קעניג יואן .II פון פארטוגאל אוועקגערויבט געווארען פון זייערע עלטערן נאך דעם גרוש פון שפאניען און זיינען אוועקגעשיקט געווארן אן די קאלאניעס אין וועסט אינדיען אין 1493. פיעלע מאראנען פון שפאניען און פארטוגאל זיינען אין 15טען און אין 16טען יאהרהונדערט אוועק נאך אמעריקא און האבען דארט געלעבט אלס פארשטעלטע קריסטען זיכערער וויא אין דער היים, ביז דער צייט ווען פיליפ .II פון שפאניען האט איינגעפיהרט דיא מעטהארען פון דיא אינקוויזיציאן אויך אין דיא נייע וועלט.

ערשט ווען האָללאַנד האט אין יאָהר 1624 אוועקגענומען בראַזיליען פון פּאָרטוגאל האט זיך אָנגעפאַנגען אַ ריכטיגע אידישע איינוואַנדערונג נאָך אמעריקא, וויא עס איז אויבען (זייטע 236) דער מאָנט געוואָרן. אין 1642 זיינען לערך 600 פּאָרטוגעזישע אידען פון האָללאַנד, אונטער די אנפיהרונג פון ר' משה רפאל דע אגילאר און ר' יצחק אבוהב דע פאָנסעקאַ אוועק פון אמסטערדאם נאָך בראַזיליען און דאָרט געגריגדעט אַ „קהל קודש" אין פערנאמבוקא. שפּעטער זיינען צוגעקומען אהין נאָך אידען און די געמיינדע איז שנעל געוואַקסען ביז זיא איז בעשטאַנען פון אונגעפעהר 5000 נפשות. אידישע געמיינדען זיינען אויך געגריגדעט געוואָרן אין פאראהיזוא, באהיא און ריאָ דע זשאַניירא. אין טאמאריקיא האט געוואוינט ר' יעקב לאַגארטא וועלכער האט פערעפענטליכט אַ ספר פון תלמודישע מאמרים, דאס ערשטע אידישע ווערק אין אמעריקא.

בראַזיליען האט געהערט צו האָללאַנד נור 30 יאָהר און ווען די פּאָרטוגעזען האבען צוריק איינגענומען דאס לאַנד אין 1654 האבען די אידען פון דאָרט געמוזט אוועק. אַ גרויסע טהייל זיינען מיט ר' יצחק אבוהב צוריק אוועק נאָך האָלאַנד. אַנדערע זיינען אוועק נאָך די פראַנצויזישע אינזלען גאַדעלופּ און מארטיניק אין וועסט אינדיען און קאיען אין סויטה אמעריקא. אַ קליינע אבטהיילונג זיינען נאָך פיעלע געפאהרען און שווערינקייטען אנגעקומען אין ניי-אמסטערדאם (דאס יעצטיגע נויאָרק) און אַנדערע זיינען אוועק נאָך די האָללענדישע קאָלאָניע קוראַסאָא אין וועסט אינדיען וואו זייא האבען אין קורצען אויפגעבויט אַ פּראַכטפאָללע שול. קעניג לואי .XIV פון פראַנקרייך, וועלכער האט פערפאָלגט אלע ניט קאַטהאָליקען האט עטליכע יאָהר שפּעטער דורך זיין גרויסען מיניסטער קאָלבער געגעבען אַ בעפעהל אז אידען מוזען פערלאָזען די פראַנצויזישע אינזלען. די אויסגעוויזענע זיינען אוועק נאָך פּלעצער וועלכע האבען געהערט צו האָללאַנד און צו ענגלאַנד און זיינען פריינדליך אויפגענומען געוואָרן. די אידען פון קאיען אונטער די אנפיהרונג פון דוד נשיא זיינען אוועק נאָך סורינאם, דעם טהייל פון גויאַנא וועלכער געהערט יעצט צו האָללאַנד, אבער האט דאַן געהערט צו ענגלאַנד. די פּערוואָגעלטע אידען האבען דאָרט געפונען אַ זיכערן פּלאַץ און האָבען פון די ענגלענדער געקריגען די פרייהייט צו האנדלען איבעראַלל און צו לעבען נאָך די געזעצע פון די אידישע רעליגיאָן. די אידישע לאַגע האט זיך אויך ניט פּאַרענדערט ווען גויאַנא איז אין 1667 געקומען אונטער די הערשאַפט פון האָללאַנד. אידישע געמיינדען האבען שנעלל אויפגעבליהט אין פערשיעדענע שטעדט און האָבען געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָללע, ביז די וויכטיגע מיטעלפּונקטען פון האנ-

דעל וועלכע האבען זיך שפעטער ענטוויקעלט אין נאָרד אמעריקא האבען צונעד צוינען צו זיך פיעלע אידען פון פארשיעדענע געגענדען און דיא געמיינדען אין דיא געגענדען וועלכע זיינען ניט אזוי שנעלל ענטוויקעלט געוואָרען האבען פארלאָרען זייערע וויכטינקייט.

די קליינע גרופע פאָרטוגעזישע אידען פון בראַזיליען וועלכע האט זיך דערשלאָ־גען נאָך ניי־אמסטערדאם איז בעשטאנען פון 27 מענער. זיי זיינען געווען אזוי ארעם דאס זייער באגאזש איז פארקויפט געוואָרן צו בעצאָהלען דעם קעפּטיין פון שיף פאר דיא קאָסטען פון דער רייזע. דער האָללענדישער גאָווערנאָר פון די קאָלאָניע, פעטער סטייוועזאנט, האט זיך געוויעזען ניט פריינדליך צו דיא אידישע איינוואנ־דערער און האט זיי געלייגט אללע מעגליכע שוויריגקייטען אין וועג. דיא האָללענ־דישע רעגיערונג וועלכע איז געווען מעהר ליבעראל אוי דיא האָללענדישע וועסט אינדיא קאָמפּאניע וועלכע האט קאָנטראָלירט דיא האנדעלס־אנגעלעגענהייטען פון דיא קאָלאָניען און אין וועלכע רייכע אידען האבען געהאט א טהייל, האבען געפיהרט א לאנגע קאָררעספּאָנדענץ מיט דעם פאנאטישען גאָווערנאר ביז ער איז געצוואונגען געוואָרן בעסער צו בעהאנדלען דיא אידען וועלכע זיינען אהין אָנגעקר־מען. ווען דיא ניי־ניעדערלאנד קאָלאָניע איז אין 1664 אריין אין ענגלישע הענד און געקריגען דעם נאָמען נויארק האבען דיא אידען פון דיא ענדערונג ניט געלי־טען, ווייל דיא ענגלענדער אזוי וויא דיא האָללענדער זיינען געווען פרעמד פון דעם פאנאטישען גייסט וואס דיא שפּאניער און פּאָרטוגעזען האבען פארפלאנצט אין זייערע קאָלאָניעס.

א טהייל פון דיא אידען אין ניי־אמסטערדאם האבען זיך אבער פון אָנפאנג אָן ניט געוואָלט ארומרייסען מיט דעם פאנאטישען פּראָטעסאנט סטייוועזאנט און זיינען אוועק נאָך ניופּאָרט אין דיא קאָלאָניע רהאָד איילאנד. ניופּאָרט איז דאן געווען א וויכטינערער מיטעלפּונקט פון האנדעל וויא ניי־אמסטערדאם און איז א לאנגע צייט געווען וויכטינער וויא נויארק. אין ניופּאָרט האבען דיא אידען אויך געקראָגען א אמתע פריינדליכע אויפנאהמע, ווייל דער פריינגזאָנענער ראדשער ווילליאמס (1599 – 1683) דער גרינדער פון דיא קאָלאָניע רהאָד איילאנד איז געווען איין אמתער ליבעראלער מענש נאָך דעם יעצטיגען בעגריף און האט געשטרעבט אז אללע רעליגיאָנען און אלע נאציאָנאליטעטען זאָלען גלייך בעהאנדעלט ווערען. דיא אידישע געמיינדע אין ניופּאָרט איז שנעל אויפגעבליהט און אידען פון וועסט אינדיען און מאראנאָס פון פּאָרטוגאל זיינען שפּעטער אהין געקומען און בייגעטראָ־גען צו איהר גרויסקייט. דיא קאָנגרעגיישאן „ישועת ישראל" איז דאָרט אָרגאניזירט

געוואָרען אין 1658 און אין 1677 איז געקויפט געוואָרען א טהייל פון דעם בית הקברות אין ניופאָרט איבער וועלכען דער גרויסער אמעריקאנישער פּאָעט לאָנגפעללאָו (1807–1882) האט געשריעבען זיין בעריהמטעס ליעד. דיא ערשטע אידישע (פּאָרטוגעזישע) קאָנגרעגיישאָן אין נויאָרק, דיא „שארית ישראל״ איז געגרינדעט געוואָרען אין 1680 און א טייל פון איהר בית הקברות וועלכער איז געקויפט געוואָרען אין 1681 קען נאָך יעצט געזעהען ווערען אויף דעם קאָרנער פון אַליווער סטריט און ניו־בויערי, איין אינטערעסאנטער אנדענקען פון פארצייטען אין מיטען דעם טומעל אין גערויש פון נויאָרק.

אידען האבען זיך אין מיטען און אין דיא צווייטע העלפטע פון 17טע יאהרהונדערט אויך בעזעצט אין אנדערע טהיילען פון ניו ענגלאנד. אין לאנקאסטער און שייפערסוויל אין פּענסילוועניען זיינען אויך פריה געגרינדעט געוואָרען אידישע געמיינדען, וועלכע האבען זיך שפּעטער ביסלאכווייס אריבערגעקליבען נאָך פילאדעלפיא ווען זיא איז געוואָרען דיא וויכטיגסטע שטאָדט פון דיא קאָלאָניעס פון דיא נאָרד. אין דיא סויטה זיינען געוואָרען סאוואננאה אין דזשאָרדזשיא און טשאַרלסטאָן אין סויטה קאראָליינא וויכטיגע אידישע מיטעלפּונקטען אין דזשאָרדזשיא האבען זיך אידען בעזעצט אין 1733, איין יאָהר נאָכדעם וויא דיא קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרען און פאר א קורצע צייט זיינען כמעט א דריטעל פון איהרע איינוואוינער געוועזען אידען. דער פילאנטראָפּ בנימין שעפטאל און דער געוועזענער מאראנא פון פּאָרטוגאל דאָקטאָר נונעס, געהערען צו דיא ערשטער בעריהמטע אידען פון דשאָרדשיא.

מעהר שוויריגקייטען וויא אין אנדערע קאָלאָניעס האבען דיא אידען געהאט אין אָנפאנג אין מערילאנד, וואו דער משונה׳דיגער אקט פון „טאָלערישאָן״ (דולדונג פון אנדערע רעליגיאָנען) האט בעשטימט אז נור דיא וואס גלויבען אז יעזוס איז דער זאָהן פון גאט מעגען דאָרט וואוינען. דאך איז דער אקט ניט שטריינג דורכגעפיהרט געוואָרען און מאנכע אידען האבען דאָרט געוואוינט. אין מיטען פון 17טען יאהרהונדערט איז דאָרטען א פּאָרטוגעזישער איד, דאָקטאָר יאקאָב לאָמבראזא אנגעקלאָגט געוואָרען פאר בעליידיגען דיא קריסטליכע רעליגיאָן און וואָלט וואהרשיינליך שווער בעשטראפט געוואָרען ווען ער וואָלט ניט בעפרייט געוואָרען אונטער דיא אַלגעמיינע בעגנאדיגונג וואס אָליווער קראָמוועלל האט ארויסגעגעבען ווען ער איז געוואָרען לאָרד פּראָטעקטאָר פון ענגלאנד אין 1653. צעהן יאָהר שפּעטער האט דערזעלבער דאָקטאָר לאמבראזא פאר א סומע געלד געקריגען דאס רעכט צו וואוינען אין מערילאנד און צו פיהרען האנדעל מיט דיא אינדיאנער.

אידען האבען אין דיא נייע קאָלאָניעס געמאכט ריעזיגע פאָרטשטריטע אין האנדעל און האבען פארנומען א וויכטיגען און עהרענהאפטען פלאץ אין דער צייט ווען דיא רעוואָלוציאָן און דיא קריעג אראפ צו ווארפען דעם ענגלישען יאָך האבען זיך אָנגעפאנגען. כמעט אלע אידען האבען געהאלטען מיט דיא פאטריאָטישע אמעריקאנער נענען דיא ענגלענדער און פיעלע האבען ביינעטראָגען געלד און בלוט פאר דיא בעפרייאונג פון יונייטעד סטייטס. מייקעל גראטץ און נאך אכט אידישע סוחרים האבען זיך אונטערגעשריעבען אויף דעם אָפמאך פון גרויסע אמעריקאנישע געשעפטסלייט ניט צו אימפאָרטירען קיין סחורה פון ענגלאנד, וועלכער איז געמאכט געוואָרען אלס א פראָטעסט געגען דיא סטעמפ-טאקסעס וואס דער ענגלישער פארלאָמענט האט ארויפגעלייגט אויף דיא אמעריקאנישע קאָלאָניעס אין 1765. דיא מייסטע אידען זיינען אין דער צייט פון דיא רעוואָלוציאָן געגען ענגלאנד אוועק פון ניופאָרט און פון נויאָרק נאך פילאדעלפיא און אנדערע פלעצער אונטער דיא הערשאפט פון דיא פרייהייטס-קעמפפער, אום אויסצומיידען דיא ענגלישע ארמעען. אין דער צייט פון קריעג האט ניופאָרט פארלאָרען איהר וויכטינקייט אלס א האנדעל שטאָדט און איז זייט דאן געבליעבען אונבעדייטענד. דיא אידישע געמיינדע וועלכע איז נאכדעם, אין 1783, ווען פריעדען איז געשלאָסען געוואָרן, דאָרט ווידער געגרינדעט געווארען האט מעהר ניט געשפיעלט אזא ראָללע וויא פריהער.

אין פערגלייך מיט די קליינע צאהל אידען וועלכע האָבען דאן געוואוינט אין דיא קאלאניעס, (ווענינער וויא 4000) האבען פיעלע געדיענט אין דיא ארמעע פון בעפרייאונגס קריעג. קאלאנעל (פאלקאווניק) סאלאמאן בוש פון טשארלסטאָן האט קאָמאנדירט איינע אבטהיילונג פון אידשע פרייווילינע. אין דעם שטאב פון גענעראל דע קאלב האבען זיך געפונען דרייא אידען: קעפטיין דשייקאב דעלאמאטטא, קעפטיין דשייקאב דע לעאָן און מיידשאר (מאיאר) ב. נאנעס, מיידשאר פראנק, קעפטיין קאהען פון לאנקאסטער, קאמיסערי גענעראל שאפטער פון דיא דשאָרדשיא בריגאדע און פיעלע אנדערע האבען געדיענט מיט אויסצייכנונג צווישען דיא העלדען פון אונאבהענגינקייטס קריעג און דורך זייער טרייהייט און אויפאפפערונג בעוויעזען וויא גוט אידען וויסען צו שעצען דיא פרייהייט פון א פאלק וואס בעהאנדעלט זייא גלייך מיט אלע אנדערע בירגער.

אונטער דיא אידען וועלכע האבען בייא געטראָגען גרויסע סומען געלד צוא העלפען דיא קאלאניעס אין זייערע אנפיהרער, האט קיינער ניט געשפענדעט אזוי פיעל און זיך ניט געמאכט אזוי בעריהמט ווי חיים סאלאמאן (1785 1740)

א פוילישער איד וועלכער איז יונגערהייד געקומען נאך אמעריקא און איז
אין דער צייט ווען דער אונאבהענגיגקייטס-קריעג איז אויסגעבראכען געוועזן איינער
פון דיא רייכע באנקיערען און געשעפטסלייט אין פילאדעלפיא. זיין לעבענס בע־
שרייבונג ביז דער צייט פון קריעג איז ניט בעקאנט. נור מען וויים דאס ווען ער
איז אוועק פון פויכען האט ער פיעל ארומגערייזט אין אייראפא, און האט אויסער
רוסיש און פויליש אויך פארשטאנען דייטש, פראנצויזיש און איטאליעניש. ער איז
געוועזן גוט בעקאנט מיט די פוילישע גענעראלען קאסציוסקא און פולאסקי וועלכע
זיינען געקומען נאך אמעריקא און געקעמפפט אונטער וואשינגטאן געגען ענגלאנד.
אין 1778 איז סאלאמאן געקומען אין ניו יארק ווענען געשעפטס-אנגעלעגענהייטען
און איז דארט אויף דעם בעפעהל פון ענגלישען גענעראל קלינטאן גענומען געווא־
רען געפאנגען אונטער דיא קלאגע דאס ער איז איין אמעריקאנישער שפיאן. סא־
לאמאן איז פאראורטהיילט געווארען צום טויט, אבער ער האט זיך אויסגעקויפט
פאר א גרויסע סומע געלד און איז שפעטער אנגעשטעלט געווארען אלעס דער
דאלמעטשער אונטער גענעראל הייסטער דעם קאמאנדאנט פון דיא דייטשען (הע־
סען) וועלכע זיינען געקומען העלפען ענגלאנד געגען אמעריקא. ער האט אין דיעזע
שטעלונג געטהאן פיעל גוטעס צו געפאנגענע אמעריקאנער און פראנצויזען און האט
איבערגערעדט אייניגע אפיצירען פון הייסטער׳ס ארמעע אריבער צו געהן אין דיענסט
פון דיא רעוואלוציאנערען. ווען דאס איז בעקאנט געווארען איז ארוים א צווייטער
בעפעהל איהם צו נעמען געפאנגען, אבער עס איז איהם דאן געלונגען צו אנטלוי־
פען און ער איז אין אויגוסט 1778 אנגעקומען אין פילאדעלפיא וואו דיא אמערי־
קאנישע רעגיערונג האט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען.

סאלאמאן איז דאן געווארען דער באנקיער דורך וועמענס הענד עס זיינען
דורכגעגאנגען דיא גרויסע סומען געלד וועלכע דיא פראנצויזישע און האללענדישע
רעגיערונגען האבען געשיקט צו העלפען דיא קאלאניסטען. ער איז אויך געוועזן דער
באנקיער פון גראף   לוצערן, דעם פראנצעזישען געזאנדטען צו דיא קאלאניעס
און איז פון מ. ראקברין, דעם שאטצמייסטער פון דיא פראנצויזישע ארמעע אין
אמעריקא אנגעשטעלט געווארען אלס הויפט-צאהלמייסטער (פיימאסטער-דשענע־
ראל), איין אמט פיר וועלכעס ער האט ניט גענומען קיין געהאלט.

דיא שפאנישע רעגיערונג האט דאן אויך געשיקט א פארטרעטער צו דיא
קאלאניעס וועלכע זאל זייא אין געהיים אונטערשטיצען. אבער דיא ענגלישע שיפען
האבען פארבלאקירט דיא פארטס פון אמעריקא און דער שפאנישער געזאנדטער
האט ניט געקענט קריגען פון דער היים קיין געלד אדער בריעף און איז דא געוועזן

אין א גרויסע פארלעגענהייט. סאלאמאן האט איהם אויסגעהאלפען מיט גרויסע סומען וועגען וועלכע מען וויים ניט ביז היינטע אויב זייא זיינען ווען בעצאהלט גע־וואָרען. אבער דעם גרעסטען טהייל פון זיין פערמעגען האט דיעזער אידישער פאַ־טריאט פארבראכט אוים צו העלפען דיא קאלאניסטען אין זייער קאמפף פאר פרייהייט. ער האט געליהען גרויסע סומען געלד צו ראבערט מאררים, דעם פיהרער פון דיא פינאנסען אין דער צייט פון קריעג און האט אויך געמאכט בעזונדערע הלואות צו די גענעראלען מיפפין, סט. קלער, מארגאן, מאקפערסאן און אנדערע. ער האט אויסגעהאלטען אויף זיינע הוצאות איינינע דעלעגאטען פון קאנטינענטאל קאנגרעס וועלכע זיינען געווען פאראיינגט און האט זייא געוויזען אַלערליי פריינד־ליכקייט. ריכטער ווילסאן, איינער פון דיא וועלכע האבען זיך אונטערצייכענט אויף דיא „דעקלאריישאן אָף אינדעפענדענס“ (אונאבהענגיגקייטס־ערקלערונג) האט זיך פיעל בענוצט מיט סאלאמאנס גוטסקייט און דשיימס מעדיסאָן, דער דעלעגאט פון ווירדשיניען וועלבער איז שפעטער געווען צוויי מאל פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס (אין דיא יאהרען 1809—1817) האט געשריבען צו א פריינד אין 1782 דאס ער לעבט אין פילאדעלפיא אלס א פענסיאניער אדער מקבל קצבה פון חיים סאלאמאן און וויים ניט ווען ער וועט קענען בעצאהלען דאס געלד וואס יענער בארגט איהם אהן פראצענט.

חיים סאלאמאן איז געשטארבען פלוצלונג אין יאנואר 1785, ווען ער איז געווען נור 45 יאהר אלט און האט איבערגעלאזען קליינע קינדער. פון זיין פער־מעגען און פון זיין געשעפט איז אין א קורצע צייט גאר ניט געבליעבען, וויל זיינע אנגעשטעלטע זיינען צושטארבען אדער אנטלאפען און איינער פון זייא איז בענאנ־נען זעלבסטמארד. ווען זיינע קינדער זיינען אויפגעוואקסען האבען זייא אנגעזאַ־מעלט בעווייזע דאס אויסער דיא נדבות און פריוואט הלואות איז דיא רעגיערונג פון אמעריקא שולדיג געבליעבען חיים סאלאמאן איבער 350,000 דאל. בארעס געלד, אויסער פראצענטען, וואס איז קיין מאל ניט בעצאהלט געווארען. דיעזע סומע איז נאך ביז יעצט ניט בעצאהלט געוואָרען, איבער דיא שוועריגקייט דורכצו־פיהרען א פריוואט־ביל אין קאנגרעס וועגען אזא אנגעלעגענהייט. דער שפריכ־וואָרט אז רעפובליקען זיינען אונדאנקבאר האט זיך אין דיעזען פאל אויך בעוויזען אלס ריכטיג.

דיא נייע רעגיערונג פון דיא יונייטעד סטייטס וועלכע איז אָרגאניזירט גע־ווארען אונטער דיא פרייעסטע און גערעכטעסטע קאָנסטיטוציאָן וועלכע די וועלט האט ביז דאן אָ־ער זייט דאן געזעהען, איז נאטירליך געווען בעסער צו אידען וויא

דיא פריהערינגע ענגלישע אדער האלענדישע הערשאפטען פון נארד אמעריקא. דער ערשטער פרעזידענט פון דיא יונייטעד סטייטס, דער אונשטערבליכער דשארדש וואשינגטאן (1732—1799) איז געוועזן זעהר פריינדליך צו אידען און האט ביי מאנכע געלעגענהייטען אויסגעדריקט אין ווארט און שריפט זיין אכטונג פאר דיא אידישע איינוואוינער אין אמעריקא.

דיא יונייטעד סטייטס איז דיא ערשטע וויכטיגע נאציאן פון מאדערנע צייטען וואו אידען האבען געקריגען פולע בירגער רעכט און זיינען געווארען א טהייל פון פאלק, לעבענדיג ניט דורך חסד אדער רחמנות פון דיא הערשער, אדער דורך געקויפטע און געשאנקענע פריווילעגיען, זאנדערן ווייל דיעזע רעגיערונג האט צום ערשטען מאל אנערקענט און ערקלערט אז „אללע מענשען ווערען געבארען פרייא און גלייך בערעכטיגט און אלע האבען דאס זעלבע רעכט צום לעבען, צו פרייהייט און צו זוכען גליקליכקייט". עס איז אמת דאס איינציגע סטייטס האבען נאך אין זייערע שפעציעלע געזעצע געמאכט אויסנאהמען געגען אידען, וויא צום ביישפיעל אין מערילאנד, וואו אידען האבען ניט געקריגען פוללע רעכטע וויא אנדערע בירגער ביז אזוי שפעט וויא 1826, אדער אין מאססאטשוסעטס וואו אידען האבען ניט געקענט ערוועהלט ווערען צו אפיסעס פאר א לאנגע צייט, ווייל די שבועה פאר די ניי-ערוועהלטע בעאמטע האט אין זיך געהאט דערמאהנט דאס דער וועלכער שווערט ערקלערט זיך אלס טרייער אנהענגער פון קריסטענטהום; אבער מיט דער צייט זיינען אויך דיעזע שפורען פון פארצייטיגען פאנאטיזמוס פארשוואונדען אפילו פון דיא געזעצביכער פון איינציגע סטייטס און דיא גרויסע רעפובליק פון דיא נייע וועלט האט פראקטיש בעוויעזען דאס אונטער אלגעמיינע געזעטצע פון פרייהייט און גלייכהייט קענען אידען ווערען ניצליכע, טרייע און רעספעקטירטע בירגער פון א לאנד און שטייען אין קיין בעציהונג ניט ניעדריגער וויא דיא קריסטליכע איינוואוינער.

זעקסטער טהייל

ערשטער קאפיטעל.

בעוועגונגען פאר דעם אויפגאנג פון השכלה. יהודה חסיד און חיים מלאך. ר׳ משה חיים לוצאטו. ר׳ יונתן אייבשיץ און ר׳ יעקב עמדען. דעם רב׳ס קריעג אין ווילנא. פראנק און די פראנקיסטען.

אין אנפאנג פון אכצעהנטען יאהרהונדערט איז דיא לאגע פון דיא אידען אין אייראפא בכלל געוועזען זעהר א טרויעריגע. דיא וואונדען פון דיא פערפאלגונגען פון 17טען יאהר־הונדערט זיינען נאך ניט געוועזען פארהיילט און ארעמקייט, אונוויסענהייט און אבערגלויבען האט געהערשט כמעט איבעראל. דיא קליינע געמיינדען פון אמסטערדאם, האמבורג און לאנדאן און צווייא אדער דרייא איטאליענישע געמיינדען וואו אידען זיינען געוועזען רייך, זיינען ניט געוועזען שטארק גענוג צו פארבעסערען דיא לאגע פון דיא גרויסע ערניעדריגטע מאסען אין אנדערע פלעצער. מען קען זאגען פארקעהרט אז די אלגעמיינע נידריגקייט האט ארונטערדריקט דעם גייסטיגען צושטאנד פון דיא געמיינדען וועלכע זיינען געשטאנען בעסער און דיא אידען פון אמסטערדאם האבען זיך ארומגעריסען איבער שווינדלערישע שבתי צביניקעס מיט דעם זעלבען פאנאטיזמוס וויא דיא אידען אין פוילען. די גדולים וועלכע האבען געשטאמט פון פאראַרעמטע לענדער וויא דער חכם צבי פון דער ליטא און ר׳ משה חאגיז פון ארץ ישראל האבען זיך גראדע אין דיעזע שטרייטיגקייטען געוויעזען מעהר פערנינפטיג וויא דיא רבנים פון דיא רייכע פארטוגעזישע אריסטאקראטיע. אויף דעם פעלד פון ליטעראטור איז אויך געוועזען צו בעמערקען דיא אלגעמיינע אפשוואכונג און זעהר וועניג איז געשאפען געווארען וואס האט א ווערטה פאר שפעטערע צייטען. דאס איינציגע ווערק פון יענער צייט וואס איז ווערטה דערמאהנט צו ווערען איז דער „סדר הדורות“ א פערצייכנונג פון נאמען פון היסטארישע פערזאנען און פון פאקטען אין אידישע געשיכטע. דאס ווערק איז געשריבען אין דער גייסט פון דיא כראניקלער פון מיטעלאלטער, אבער עס איז זעהר

גום צוזאמענגעשטעלט און איז ניצליך פאר אלע פארשער אין אידישע היסטאריע, בעזאנדערס פון די תלמודישע צייטען. דער מחבר איז געווען דער גרויסער תלמוד־איסט ר׳ יחיאל היילפרין וועלכער איז געווען א רב אין מינסק און איז געשטארבען אונגעפעהר אין 1730.

אבער די צייטען זיינען יעצט געווען אנדערס וויא אין פריהערע יאהרהונדערטע און עס איז אונמעגליך געווען אז דער אידישער גייסט זאל אין גאנצען איינשלאפען פאר א לאנגע צייט. עס איז אויף דער וועלט בכלל שוין געווען צו ליכטיג און צו לעבענדיג און עס האט זיך אין אידישען לאגער אויך אנגעהויבען צו ריהרען אויף פארשיעדענע אופנים. עס זיינען פארגעקומען איינינע בעוועגונגען וועלכע האבען לכתחלה אויסגעזעהען אלס פארטזעצונגען פון פארצייטיגע נארישקייטען. אבער אין אמת איז דאס געווען דער אויסדרוק פון אונצופריעדענהיים און א בעווייז אז אידען בכלל ווילען נים בלייבען אויף דיא ניעדעריגע שטופע וויא זייא זיינען געשטאנען און מאכען אלע מעגליכע אנשטרענגונגען צו ענדערן, דאס הייסט צו פארבעסערען זייער לאגע. די שטורעמס זיינען געווען שעדליכע און האבען געהאלפען פארשטאר־קען דיא שלעבטע מיינונג וואס קריסטען האבען געהאט פון אידען. אבער זייא האבען געבראכט דעם נוצען וואס שטורמס ברייננען: די לופט איז געווארען ריינער און בעסערע ניצליכערע פלאנצונגען האבען געקריגען מעהר מעגליכקייט אויף צו וואקסען.

דיא סודות פון קבלה און דיא אמונה אין דיא וואונדער וואס מען קען טהאן דורך בעקאנטשאפט מיט דיעזע געהיימע וויסענשאפט האט נאך אימער געשפיעלט דיא הויפט־ראלע אין דיא בעוועגונגען אונטער אידען. אין דעם לעצטען יאהר פון 17טען יאהרהונדערט האט א רעליגיעזער ענטהוזיאסט וועלכער האט זיך גערופען יהודה חסיד פון דובנא און זיין מיטהעלפער, איין ארומרייזענדער פוילישער תלמודיסט און מקובל וועלכער איז בעקאנט געווען אלס חיים מלאך, אנגעפאנגען א בעוועגונג צו טהאן תשובה און צו פאהרען נאך ארץ ישראל דארטען ערווארטען דיא גאולה. זייערע אנהענגער האבען זיך גערופען חסידים און זיינען געווען אזוי ערנסט אז פיעלע האבען ווירקליך אונטערגענומען דיא רייזע נאך אזיען. איין גרופע פון דיעזע חסידים האבען זיך פארזאמעלט אין מעהרען און אונגארן. יהודה חסיד אליין מיט אונגעפעהר 150 פאמיליען זיינען געפאהרען דורך דייטשלאנד און הא־בען בעזוכט אלטאנא, פראנקפורט אם מיין און וויען. אויפגעקלערטע אידען פון דייטשלאנד האבען סימפאטיזירט מיט דיא בעוועגונג און זיינען בעגייסטערט גע־ווארען פון דיא פייעריגע רעדעס אזוי וויא דיא אונגעבילדעטע אידען פון פוילען.

דער רייכער הויף־יוד שמואל אפּענהיים פון וויען האט זייא געגעבען גרויסע סומען געלד און האט זייא אויף פארשאַפט פּאספּארטען זייא זאלען ניט האבען קיי שוויריגקייט אריינצוקומען אין דאס הייליגע לאנד.

אונגעפעהר 1500 פון דיזע וואנדערער זיינען ענדליך אנגעקומען אין ירושלים אבער זייער אנפיהרער יהודה חסיד איז פּלוצלונג געשטארבען גלייך וויא זייא זיינען אהין געקומען (1700). דיא איבער געבליעבענע האבען זעהר פיעל געליטען און א גרויסער טהייל פון זיי זיינען געווארען מחמדנער און קריסטען. אנדערע זיינען צופאהרען אין פארשיעדענע געגענדען. חיים מלאך איז בעקאנט געווארען מיט שמואל פרימא, דעם געוועזענעם סעקרעטער און פיהרער פון דיא שבתי צבי בעוועגונג אוןביידע זיינען געווארען אנפיהרער פון די קליינע סעקטע שבתי צבי'ניקעס וועלכע האט נאך דאן עקזיסטירט אין ירושלים נאר האלב אין געהיים. שפּעטער איז חיים מלאך פארטריבען געווארען פון ירושלים און איז אוועק נאך סאלאניקי צו די מחמדנישע שבתי צבי'ניקעס.

צו דער זעלבען צייט האבען נאך צווייא שבתי צבי'ניקעס, נחמיה חיון (אונגעפעהר 1726—1650) וועלכער איז פארטריבען געווארען פון חברון און א געוויסער לייבעלע פּראסניץ פון מעהרען ארומגערייזט אין אייראפּא און פארפיהרט אידישע מאסען מיט זייערע סודות און מיט זייערע נביאות, חיון איז געווען אין איטאליען און בעהמען און האט נאכהער בעזוכט וויען, ניקאלסבורג, פּראסניץ, ברעסלוי גלאגוי און בערלין. ער האט אומעדום געפונען פיעלע אנהענגער און האט אין בערלין געצווינגען נוטצען פון א שטרייטיגקייט צווישען דיא הונדערט פאמיליען וואס האבען דארט יעצט געוואוינט. דיא געמיינדע איז געווען צוטהיילט אויף העלפט: איין טהייל האט געהאלטען מיט דעם קעניגס הויף־יוד ליבערמאן און דער צווייטער מיט זיין געגנער דעם קרוינפּרינץ'ס הויף־יוד מארקוס מאגנוס. חיון איז שפּעטער אוועק נאך אמסטערדאם וואו דיא פּארטוגיזען האבען זיך פאר איהם אנגענומען און די אשכנזים האבען איהם פארפאלגט. ענדליך האט מען ענטדעקט זיין פאלשקייט און איהם פון אומעטום פארטריבען. ער איז אוועק נאך אפריקא און איז דארטען געשטארבען.

א פיעל שווערערען קאמפף האבען דיא געגנער פון דיא קאבאליסטישע חלומות געהאט מיט דעם פּאעטישען טרוימער ר' משה חיים לוצאטו (1707-1747). ער איז געבארען געווארען אין פּאדוא, איטאליען האט שטודירט לאטיין און איטאליעניש און איז אונטערריכטעט געווארען אין תלמוד און קבלה פון ר' ישעיה באסאן פון פּאדוא. לוצאטו האט ענטוויקעלט זעלטענע פעהיגקייטען, בעזאנדערס

אלס פאעט און זיינע העברעאישע פאעזיע איז דיא בעסטע וואס איז געשריבען גע־ווארען זייט דיא גלאנץ פעריאדע פון דיא שפאניש אידישע ליטעראטור. זיין פאעטישע פאנטאזיע האט געפונען נאהרונג אין דיא געהיימע פילאזאפיע פון קבלה און ער האט פרובירט שרייבען א צווייטען זוהר (זוהר תנינא) נאך זיינע בעגריפע פון קבלה. ער האט אויך צו זיינע בעוואונדערער און פריינד אנגעפאנגען צו ריידען וועגען נבואה און וועגען א „מגיד" פון הימעל וואס לערנט איהם ביי נאכט פאר־בארגענע זאכען. ארומרייזענדע געלעהרטע האבען פארשפרייט זיין נאמען און זיינע שריפטען און דייטשע הבנים האבען מורא געקריגען ער זאל ניט ווערען דער אנ־פיהרער פון א נייע משיח בעוועגונג. די איטאליענישע רבנים האבען רעספעקטירט דיא גרויסע פעהיגקייטען פון לוצאטו און וואהרשיינליך אויך דעם רייכטהום פון זיין פאמיליע און האבען געגען איהם נאר ניט געוואלט טהאן. אבער ר' משה חאגיז און ר' יחזקאל קאצענעלענבויגען, דער רב פון דיא דרייא קהלות אה"ו (אלטאנא, האמבורג און וואנדסבעק) האבען אויסגעווירקט אז מען האט אין דייטשלאנד מחרים געוועזען אלע וועלכע שרייבען ספרים אין לשון פון זוהר אדער אין נאמען פון מלאכים און פארצייטיגע גדולים. לוצאטו האט נאכגעגעבען און האט בעהאלטען זיינע ספרים (1730). ער האט זיך אבער באלד וויטער ארייגעלאזען אין קבלה און מופתים און אזוי וויא זיין פאמיליע איז אונטערדעסען ארעם געווארען, האט ער יעצט געהאט ווייניגער בעשיצער וויא פריהער. ער האט דאן געשריבען א ווערק געגען ר' יהודה אריה די מודינא'ס אנגריף אויף קבלה און דיא רבנים פון וועניס האבען זיך אנגענומען פאר דעם כבוד פון דעם אמאליגען רב פון זייער שטאדט און מחרים געווען דעם יונגען פאעט אין 1734. לוצאטו איז אוועק נאך אמסטער־דאם און איז געווארען א שלייפער פון אויגען־גלעזער, אזוי וויא דער פארפאלגטער פילאזאף שפינאזא אין דעם פריהעריגען יאהרהונדערט. אין דער צייט וואס שפי־נאזא האט פילאזאפירט האט לוצאטא געדיכטעט. אין אמסטערדאם האט ער גע־שריבען זיין דראמא „לישרים תהלה" איינע פון דיא גרעסטע פאעטישע מייסטער־ווערק אין העברעאיש. אבער ער האט זיך באלד ווידער אריינגעלאזען אין קאבא־ליסטישע חלומות און איז אין 1744 אוועק נאך ארץ ישראל. דארט איז ער גע־שטארבען פון א מגפה אין 1747 ווען ער איז נור געווען 40 יאהר אלט און איז בע־גראבען געווארען אין טבריא.

אונגעפעהר אין דיא זעלבער צייט איז פארגעקומען א גזירה אויף די אידען אין בעהמען און מעהרען וועלכע איז אין א געוויסען גראד פעראורזאכט געווארען דורך דעם מאן וואס האט געשפיעלט דיא הויפטראללע אין דיא נעקסטע שטיר־

מיישע בעווענונג אין יודענטהום פון אייראָפּא. דיעזער מאַן ר׳ יונתן אייבשיץ וועלכער איז אונטער אידען בעקאנט מיט דעם נאמען ר׳ יונתן פּראגער, איז געבאָרען געוואָרען אין פּוילען (קראקוי אדער פּינטשוב) אין 1690. ער איז געוועזען דער שארפּסטער תלמודיסט אין דיא ערשטע העלפט פון אכטצעהנטען יאהרהונדערט און געהאט אנדערע פעהינקייטען וואס מען געפינט זעלטען ביי גרויסע גאונים. ער איז געוועזען א גוטער רעדנער, א געשיקטער און דיפּלאמטישער אנפיהרער און גענוג וועלט-מענש זיך צו קענען גוט פּארטראָגען מיט גרויסע בעאַמטע און מיט קריסטליכע געלעהרטע. דיא חריפות און פּלפּולים פון תלמוד אין וועלכע ער איז אריבער אלע אין זיין צייט, האבען ניט צופריעדען געשטעלט זיין טהעטיגען גייסט און ער האט זיך גאַנץ יונג אריין געלאָזען אין קבלה און אין שרייבען קמיעות פאר קראנקע. מען האט נאך גאנץ פריה אויף איהם געהאט א חשד אז ער איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט דיא שבתי־צבי׳ניקעס וואס האבען זיך ארומגעטריבען אין פּוילען אין דער צייט פון זיין יוגענד, אבער דער גלאנץ פון זיין גרויסען נאמען האט אלעס פארדעקט און אין 1728 איז ער ערוועהלט געוואָרען צום דרשן אין פּראג.

אין דיעזער שטאדט איז ר׳ יונתן גוט בעקאַנט געוואָרען מיט דעם יעזואיט העלסבו׳ער, דעם בישאָף פון פּראג און האט פון איהם געקריגען ערלויבניס צו דרוקען א נייע אויסגאַבע פון תלמוד מיט דעם בעדינג אז אלע מאמרים וואס קענען געדייטעט ווערן געגען קריסטענטהום זאלען אויסגעמעקט ווערען. פיעלע רבנים זיינען געוועזען געגען דיא נייע אויסגאַבע און האבען פּראבירט דורכפיהרען אז זיא זאָל פארבאָטען ווערען אבער עס איז זייא ניט געלונגען.

אין 1741 איז ר׳ יונתן ערוועהלט געוואָרען צום רב פון מעטץ אין עלזאס וועלכע האט דאן געהערט צו פראנקרייך. גראדע אין יענער צייט פון קריעג איבער דיא עסטרייכישע טראָהן־פאָלגונג, איז פּראג בעזעצט געווארן פון א פראנצויזישע ארמעע. ר׳ יונתן וועלכער האט זיך שוין בעטראכטעט אלס א רב פון א פראנצויזישע שטאדט, האט זיך בעקאנט געמאכט מיט דעם קאמאנדיר פון דיא פראנצויזען אין פּראג און האט פון איהם געקריגען דיא ערלויבניס און שוץ אוועק צו פאָהרען פון פּראג נאך מעטץ אין מיטען קריעג. דיא פראנצויזען זיינען אין ענדע פון יאהר 1742 אוועק פון פּראג און דיא עסטרייכישע רעגירונג האט געגלויבט דיא בעשולדיגונג אז דיא בעהמישע אידען האבען מיט זייא געהאלטען. ר׳ יונתן׳ס פריינדשאַפט מיט דעם פראנצויזישען גענעראל איז געוועזען איינע פון דיא הויפּט-בעווייזע געגען דיא אידען. זיין אייגענטהום וואס איז געבליעבען אין פּראג איז קאָנפיסקירט געוואָרען אבער דיא פרומע קייזערין מאריא טהערעזא האט זיך דאמיט

ניט צופריעדען געשטעלט. אין דעצעמבער 1744 האט זיא ארויסגעגעבען א בעפעהל צו פארטרייבען אלע אידען פון בעהמען און אין יאנואר 1745 איז דיא זועלבע גזירה ארויס אויף אויף דיא אידען אין מעהרען.

דער גירוש האט זיך אנגעפאנגען אין דיא שטאדט פראג און איבער 20,000 נפשות זיינען געצוואונגען געווארען אין מיטען ווינטער צו פארלאזען דיא שטאדט. זייער ליידען איז געווען אונבעשרייבליך. ר׳ יונתן האט דורך בריעף פון מעטץ אויפגעוועקט רייכע און איינפלוסרייכע אידען אין פארשיעדענע פלעצער זיך אנצונעהמען פאר דיא אונגליקליכע און מיט גרויס אנשטרענגונג איז עס געלונגען אין מאי 1745 דורכצופיהרען אז די אויסווייזונג איז אפגעלייגט געווארן אויף איין אונבעשטימטע צייט. אבער דיא אידישע לאגע אין בעהמען און מעהרען איז פיעל פערערגערט געווארן. עס איז דאן איינגעפיהרט געווארן דאס פערהאסטע געזעץ פון „פאמיליאנטען“ נאך וועלכע נור דער עלטסטער זאהן פון א אידישע פאמיליע האט געמעגט הייראטהען, כדי דיא צאהל פון פאמיליען זאל ניט גרעסער ווערען. דיא צאהל פון אידישע פאמיליאנטען איז בעשטימט געווארן פאר בעהמען 20,000 און פאר מעהרען 5100. די אידען האבען געמוזט צאהלען א גרויסע סומע יעהרליך פאר דיעזע טרויעריגע פריווילעגיען. דערצו איז ר׳ יונתן אייבשיץ ערקלערט געווארן צו זיין א פעררעטהער צום לאנד און עס איז איהם פיר איממער פארבאטען געווארען אהין צו קומען.

מעטץ איז ניט געווען קיין פלאץ פון תורה און ר׳ יונתן אייבשיץ וועלכער איז געוואוינט געווען צו האבען ישיבות מיט פיעלע תלמידים און בעוואונדערער האט זיך ניט געפיהלט היימיש. ער האט דארום מיט פרייד בענוצט דיא געלעגענהייט אנצונעהמען דיא רבנות פון דיא דריי קהילות אלטאנא־האמבורג־וואנדסבעק, וואו אידען האבען געלעבט אונטער זייערע אייגענע געזעצע און דער רב איז געווען זייער הויפט־ריכטער. דאס האט איהם ערמעגליכט צו בענוצען זיין זעלטענע חריפות און בקיאות אין אידישע דינים און צו פערנעהמען איין ארט וואס האט זיך געפאסט פאר זיינע גרויסע פעהיגקייטען. אין אלטונא האט ר׳ יונתן געפונען זיין הויפט געגנער, דעם מאן וועלכער האט איהם עטליכע יאהר נאך אנאנד פארבימערט דעם לעבען און אויפגעקאכט דיא גאנצע אידישע וועלט געגען איהם. דיעזער מאן וועלכער איז אויך געווען א קאנדידאט פאר דיא רבנות פון די קהלות און איז נאטירליך בייז געווען וואס דער מעהר בעריהמטער ר׳ יונתן האט עס געקריגען איז געווען ר׳ יעקב עמדען אשכנזי (1698—1776) א זאהן פון דעם חכם צבי. ר׳ יעקב עמדען האט געוואוינט אין אלטונא אלס א רייכער בעל הבית און האט גע־

קריגען פון קעניג פון דענעמארק דיא ערלויבנים צו גרינדען ביי זיך א אידישע דרוקעריי. ר' יעקב האט געזוכט אין אלעם נאכצוטהאן זיין גרויסען פאטער, בע־זאנדערס אין רודפ'ען דיא וועלכע זיינען פערדעכטיג אלס אפיקורסים אדער שבתי־צבי'ניקעס. זייט ר' משה האגיז איז צוריק אוועק נאך ארץ ישראל האט עמדען זיך בעטראכטעט אלס דער אויטהאריזירטער אפיקורוס־יעגער פאר אללע אידען און האט זיך בענוצט מיט דיא ערשטע געלעגענהייט וואס עס האט זיך געמאכט אנצוגרייפען דעם נייעם בעריהמטען רב פון דיא דרייא קהלות.

אייבשיץ איז געווען בעריהמט נים נור אלס א גרויסער גאון, זאנדערן אויך אלס א בעל מופת. ווען ער איז געקומען אין אלטאנא זיינען דארט אפט קינדבע־טארינס געשטארבען און ער האט אנגעהויבען צו פארטהיילען קמיעות וועלכע אלע מעוברת'ע פרויען פלעגען טראגען אויף זיך. דיא אמונה אין קמיעות און אין סגולות איז דאמאלס געווען אזוי אלגעמיין בייא אידען און נים אידען אז א מאן אין אייבשיצעס לאגע איז כמעט געווען געצוואונגען צו שרייבען קמיעות. איינע פון זיינע קמיעות איז אויפגעעפענט געווארען און זיינע געגנער האבען דורך אי־בערבייטען געוויסע בוכשטאבען נאך דעם מנהג פון בעלי קבלה אויסגעמאכט אז דארט איז דערמאנט דער נאמען פון שבתי צבי. עמדען וועלכער האט אליין פיעל געשריעבען וועגען קבלה, אבגלייך ער האט איהר נים גרינדליך פארשטאנען, האט גלייך ערקלעהרט אז דער שרייבער פון דיעזע קמיע איז א שבתי צבי'ניק. ער האט נים בעשולדיגט אייבשיץ דירעקט, אבער ער האט איהם אויפגעפאדערט זיך צו ענטשולדיגען און צו זאגען אז ער האט די קמיע נים געשריבען.

דיא מחלוקה האט זיך פארשפרייט און דיא מייסטע רבנים און לומדים פון דייטשלאנד האבען זיך צו טהיילט אין צוויי פארטייען. ר' יונתן אייבשיץ, דער גרעסטער תלמודיסט אין איירָאפא, וועלכער האט געהאט צוואנציג טויזענד תלמידים פארשפרייט איבער פוילען, בעהמען און מעהרען און פאר וועמען אלע רבנים הא־בען געציטערט, איז געווען א געפעהרליכער געגנער. זיינע פריינד האבען געאסר'ט עמדען'ס פריוואט שול און זיין דרוקעריי. דער לובלינער רב ר' חיים, א תלמיד פו' ר' יונתן, האט ר' יעקב עמדען מיט צווייא פון זיינע אנהענגער ארייגעלייגט אין חרם. אין דיא גאסען פון אלטאנא זיינען פארגעקומען געשלעגען און עמדען האט זיך געזעהן געצוואונגען אוועקצופאהרען נאך אמסטערדאם (1751). אין פוילען איז דער קאמפף צווישען דיא אנהענגער פון ביידע זייטען געפיהרט געווארען מיט גרויס ביטערקייט און פיעלע זיינען פאראונגליקט געווארען דורך מסירות און בלבולים וואס איינער האט געמאכט אויף דעם אנדערען.

דיא בעווייזע געגען אייבשיץ זיינען געווען ציעמליך שטארק און פיעלע רבנים האבען זיך געפאסט מוטה און געפאָדערט ער זאל זיך עפענטליך ענטשולדיגען אדער געבען איין ערקלעהרונג וועגען די קמיעות, ווען ניט וועלן זייא איהם מחרים זיין. אבער דער גרויסער מאן האט אימער געוואוסט וויא צו צושלאָגען זייערע פלע־נער דורך זיינע פיעלע אנהענגער, וואס ער האט איבעראלל געהאט. אין איטאליען האבען זיך אויך רבנים גענומען אונטערזוכען דיא זאך און גערעדט וועגען א חרם; אבער ר׳ מלאכי הכהן, דער רב פון ליווארנא, דער לעצטער גרויסער תלמודיסט פון די איטאליענישע אידען, איז געווען גענייגט צו אייבשיץ׳ס זייט און אהן איהם האבען זייא מורא געהאט עטוואס צו טהאָן אין אזא וויכטיגע זאך.

דערווייל האט איינער פון עמדען׳ס צד אין אלטונא געבראכט דיא גאנצע שטרייטיגקייט פאר דעם געריכט. קעניג פריעדריך פון דענעמארק האט זיך פאר־אינטערעסירט אין דיא פראגע און האט געהייסעןביידע צדדים זיך פארטהיידיגען אין איין אונפארטייאישען פראָצעס. דיא אנהענגער פון אייבשיץ האבען פארלאָרען פאר געריכט און עמדען האט געקריגען דיא איינלאַדונג צוריק צו קומען נאך אל־טונא און דיא שטאדט האט איהם געמוזט בעצאָהלען שאדען־ערזאץ. אבער ר׳ יונתן׳ס זייט האט זיך ניט געלאזען לייכט בעזיעגען. דער משומד קארל אנטאָן (משה גרשון כהן פון מיטוי) וועלכער איז געווען זיינער א געוועזענער תלמיד, האט געשריעבען א פערטהיידיגונג פון זיין אלטען רבי׳ן און עס געווידמעט צו קעניג פון דענעמארק. א אידישער הויף־אגענט וועלכער האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דיא קעניגין האט אויך געארבייט פאר אייבשיץ און דער קעניג האט אין פעברואר 1754 ארויסגעגעבען א בעפעהל אז דיא שטרייטיגקייטען מוזען אויפהע־רען. די רעגיערונג האט אויך געראטהען דיא אידען אָפצושטימען איבער ר׳ יונתן אייבשיץ און ער האט געקריגען א גרויסער מעהר־הייט. דאס האט איהם געמאכט זיכערער וויא אימער. אבער דיא צאָהל פון זיינע געגנער זיינען געוואקסען און ער האט זיך בעשלאָסען עטוואס צו טהאָן זייא איינצושטיללען. ער האט ערקלעהרט אז ער וויל זיך פערטהיידיגען פאר א קאָמיטעע פון רבנים און האט פאָרגעשלאָ־גען דעם ועד ארבע ארצות אדער דיא רבנים פון ליסא און גלאגוי. זיינע געגנער האבען אבער געוואוסט אז זיין איינפלוס איבער יענע רבנים איז צו גרויס און האבען געפאָדערט ער זאָל קומען פאר ר׳ יהושע פאלק פון פראנקפורט אם מאין, איינעם פון זיינע ביטערסטע געגנער. דער צו האט ר׳ יונתן ניט צוגעשטימט און דיא זאכע איז ווידער געקומען פאר דעם קעניג, וועלכער האט יעצט געהייסען קריסטליכע געלעהרטע אונטערזוכען דיא גאנצע פראגע.

אין דיזער צייט האט ר׳ יונתן פערעפענטליכט זיין בעריהמטע פערטהיידי־
גונגס שריפט „לוחות עדות“ אין וועלכע ער האט אפגעדרוקט צושריפטען פון דיא
גרעסטע רבנים און מקובלים אין זייני צייט וועלכע ערקלעהרען איהם אונשולדיג.*)
אבער דיא עדות פון דיא גאונים פון אייראפא האבען ניט געהאט אזא ווירקונג צו
ענדיגען דיא שטרייטיגקייט וויא דיא דומהייט פון א קריסטליכען פראפעסאר. זיין
נאמען איז געוועזען דאוויד פרעדריק מעגערלין. ער האט פארשטאנען העברעאיש און
איז געוועזען איינער פון דיא עקספערטען אדער מומחים וועלכע האבען אויף פער־
לאנגען פון קעניג פריעדריך אונטערזוכט דיא קמיעות איבער וועלכע דיא מחלוקה
איז ארויס. מעגערלין האט אין 1756 ארויסגעגעבען זיין מיינונג אז דיא קמיעות
בעציהען זיך ניט אויף שבתי צבי זאנדערן אויף יעזוס קריסטוס (!) און דאס דער
רב פון דיא דרייא געמיינדען איז א בעהאלטענער מאמין אין קריסטענטהום
און ניט אנדערע ערקלעהרונגען נור צו פארפיהרען דיא אידען. עס פערשטעהט זיך
אז אייבשיץ און זיינע אנהעננגער האבען געמאכט שפאס פון דיא נארישע ערקלע־
רונג, אבער דער קעניג האט יעצט גענומען ר׳ יונתן אונטער זיין שוץ און זיינע
געגנער האבען איינגעזעהן דאס עס קען זיי וועניג נוצען איהם ווייטער אנצוגרייפען.
זיינע אנהעננגער האבען געפייערט זייער טריאומף אום חנוכה 1756 און ר׳ יונתן
וועלכער איז שוין דאן געוועזען 66 יאהר אלט האט געענדיגט זיין לעבען אין כבוד
און גדולה. זיינע ספרים, „אורים ותומים“ און „כרתי ופלתי“ זיינען מייסטער־ווערקע
פון תלמודישע חריפות און זיינע ספרי דרוש זיינען נאך היינט א רייכע קוועלע
פאר אלט מאדישע דרשנים. ער איז געשטארבען אין 1764.

o o

o

אונגעפעהר 20 יאהר נאך דיא גרויסע שטרייטיגקייטען איבער קבלה און
קמיעות איז אין דיא אלטע אידישע קהלה פון ווילנא פארגעקומען א מחלוקה
וועלכע האט געמאכט וועניגער אויפזעהען אין אנדערע לענדער און ווערט דארום
אויך ניט בעשפראכען בייא דיא דייטשע געשיכטע־שרייבער, אבער וועלכע האט
געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף דיא ענטוויקלונג פון דיא אידישע געמיינדען אין
ליטא און פוילען. דיעזע מחלוקה איז בעקאנט אלס דעם „רב׳ס קריעג“ און אב־

---

*) אונטער דיא שריפטען אין „לוחות עדות“ געפינט זיך אויך א בריעף פון דעם בעד־
ריהמטען ווילנער גאון וועלכער איז דאן (אין 1755) געוועזען 35 יאהר אלט. דער יונגער גאון
ערקלעהרט אז ער איז איבערצייגט דאס ר׳ יונתן ווערט אונשולדיג פארפאלגט.

גלייך זיא האט זיך אנגעפאנגען איבער קליינינקייטען, איז זיא אין אמת געפיהרט געוואָרן ווענען דיא פראגע ווער זאָל האבען דיא אויבערמאכט: דער רב אדער דיא פרנסים און בעלי בתים. דיא אידישע קהלות זיינען דאן געווען אין גאנצען אָפּגע־זונדערט פון דיא איבריגע איינוואוינער און זיינען געפיהרט געוואָרן פון רב מיט די בעלי בתים, וועלכע זיינען אין געלד אנגעלעגענהייטען געווען כמעט אבסאלוטע הערר־שער און האבען בענוצט דיא אויסטהיילונג פון עמטער און כבוד אין דער קהלה, דיא קונע און אמאָל אויך דעם חרם אלס דיא וואפען מיט וועלכע זייא האבען גע־צוואונגען אלעמען זיי צו פאָלגען. געוועהנליך האט זיך דיא קהלה געפיהרט נאך אידישע דינים און דער רב האט נעהאט דיא גרעסטע דעה. אבער עס איז פאָרגע־קומען א פאל וואו דער רב האט זיך ניט געלאָזט בייגען און דיא פרנסים אדער בעלי בתים האבען זיך פארשוואָרען פעסט צו שטעלען זייער מאכט און האבען דעם רב אראָפּגעוואָרפען פון זיין שטעללע.

דער רב פון ווילנא איז דאַמאָלס געווען ר׳ שמואל בן אבינדור. ער איז גע־וואָרן רב גאנץ יונג אין 1750 און האט פאר 28 יאָהר געפיהרט דיא רבנות ווייא אנדערע פאר איהם און מען האט ניט געהערט פון מחלוקת אדער אונצופריעדענ־הייט. אין 1778 האט אויסגעבראָכען די מחלוקה און מען האט ר׳ שמואל ארונטער געוואָרפען פון זיין פלאץ איבער די בעשולדיגונג דאס ער לערנט ניט גענוג און דאס זיין פרוי ווייזט זיך צו שטאָלץ נעגען דיא פרויען פון דיא בעלי בתים פון שטאָדט. דיא גאנצע קהלה איז באלד צוטהיילט געוואָרן און וועןביידע זייטען זיי־נען געוואָרען אזוי פארביטערט אז זייא האבען אנגעפאנגען צו מאכען בלבולים און מסירות איינע אויף דיא אנדערע האט זיך דיא רעגיערונג אויך אריינגעמישט. דער וואָיוואָד ראדזיוויל אונטער וועמען דיא שטאָדט איז געלעגען, האט געהאלטען מיט די בעלי בתים, אבער בישאָף מאסאלסקי וועלכער האט געהאט אונטער זיין „יורזשדיקי" דיא פאָרשטאָדט אנטעקאָליע האט געהאלטען פאר דעם רב׳ס צד. ראדזיוויל האט שטארק פארפאָלגט דיא פריינד פון רב און פיעלע פון זייא האבען זיך אריבערגעקליבען נאך אנטעקאָליע וואו זיי זיינען געווען זיכער. ר׳ שמואל אליין האט זיך אויך דאָרט בעזעצט.

דיא מחלוקה האט זיך געצויגען איינינע יאָהר און הונדערטע פאמיליען זיי־נען פון ביידע זייטען רואינירט געוואָרן. דאס ענדע איז געווען דאס אידען האבען אין גאנצען פארלאָרען דיא מאכט וועגען וועלכע ביידע צדדים האבען זיך ארומגע־ריסען. דיא רעגיערונג איז אויפמערקזאם געוואָרן אויף דיא צושטענדע אין דיא אי־דישע קהלות וועלכע האבען מענליך געמאכט אזא קריעג און האט אנגעפאנגען צו

זוכען מיטלען פאר א פערענדערונג און א פערבעסערונג. א געוויסער שמעון בר׳ וואָלף פון ווילנא וועלכער האט געהאלטען מיט׳ן רב און איז פון ראדזיוויל אוועק געשיקט געוואָרן אין געפענגנים אין נישוועז, האט דארט אויפגעשריבען א פוילישעס ווערק איבער די אונאָרדנונגען און טיראניי וואס הערשט אין דיא אידישע קהלות. דער געפאנגענער האט דאס ווערק געשיקט צום לעצטען פוילישען „סיים״ אדער לאנדטאג וואס איז געזעסען פון 1788 ביז 1792, דיא פארזאמלונג אויף וועלכע פוילען האט אין דיא לעצטע מינוט פאר איהר אונטערגאנג אנגענומען טהייערע פלענער, דארונטער אויך פלענער צו פארבעסערען דיא אידישע לאגע. דיעזע פלע־נער און דעם איינפלוס וואס שמעון׳ס שריפט האט אויף זיי געהאט זיינען אויפגע־נומען געוואָרן אין דעם בוך וועגען אידען („ראספראווא אָ זשידאך״) וועלכע דער בעריהמטער פוילישער שריפטשטעללער צאצקי האט נאכהער פערפאסט. אבער דיא פלענער זיינען געבליבען נור אויפען פאפיר ווען פוילען איז צוריסען געוואָרען אויף שטיקער. דער קהל פון ווילנא האט שוין פריהער געהאט בעשלאָססען אז ווילנא זאל ניט מעהר האבען קיין רב, און ר׳ שמואל וועלכער איז געשטאָרבען אין צוריקגעצויגענהייט אין 1791 איז געוועזען דער לעצטער וועלכער האט געהאט דיעזען טיטעל. דער קהל אליין, דאס הייסט דיא פרנסים און הויכע בעלי בתים האבען אויך פארלארען דעם איינפלוס און אידען זיינען פאַרבעטרייטעט געוואָרן פאר דיא ענדערונגען אונטער דיא נייע רוסישע הערשאפט. מען קען זאגען אז דעם רב׳ס קריעג האט מעהר וויא יעדע אנדער בעוועגונג בייגעטראָגען צו ענדיגען דיא זעלבסטשטענדיגקייט פון דיא אידישע קהלות אין פוילען און האט דארום א וויכ־טיגע היסטאָרישע בעדייטונג.

o o

o

דיא שטרייטיגקייטען איבער דעם פאלשען געברויך פון דיא סודות פון קבלה און וועגען שווינדלערישע נאכפאָלגער פון שבתי צבי האבען זיך נאך אויך אזוי שנעל ניט געענדיגט. אין פאדאָליען זיינען פאר דיא לעצטע הונדערט יאָהר געוועזען געהיימע אנהענגער פון שבתי צבי וועלכע זיינען שפעטער געשטאָנען אין פערבינדונג מיט דיא בעוועגונג פון יהודה חסיד און חיים מלאך און האבען נאכהער אין דער צייט פון דיא אייבשיץ־עמדען מחלוקה געקוקט אויף דעם גאון ר׳ יונתן אייבשיץ אלס איינעם פון זייערע פארשטעלמע פריינד. דאס האט זייא גע־מאכט מוטה זיך אנצופאנגען מעהר ארויס צו ווייזען און צו זוכען נייע אנהענגער און ווען זיי האבען געקריגען א נייעם פיהרער איז זייא געלונגען ארויפצוציהען אויף

זיך דיא אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט און צו פערארזאכען א שטורם אין דיא אידישע וועלט וועלכער האט געדויערט עטליכע יאהר.

דיעזער נייער פיהרער איז געווען יעקב פראנק (1720—1791) איינער פון דיא נעשיקטעסטע שווינדלער פון 18טען יאהרהונדערט, זיין ריכטיגער נאמען איז געווען לייבאוויץ און האט געשטאמט פון גאליציען, אבער ער איז יונגערהייד אוועק נאך טירקיי, און איז דארט בעקאנט געווארען מיט דיא געהיימע אנהעננער פון שבתי צבי וועלכע האבען געלעבט אלס אבגעזאנדערטע מחמדנער אין סאלאניקי, מען גלויבט אז ער איז דארט אויך געווען א מחמדנער פאר א געוויסע צייט. ער האט אין ניקאפאל געהייראטהעט זעהר א שיינע פרוי און האט איהר בענוצט, וויא שבתי צבי פאר איהם, צו צוציהען אנהעננער פאר זיינע פלענער. פראנק איז ערש'ענען אין פאדאליען און אין דיא אומגעגענד פון לעמבערג אין 1755 און האט זיך אנגעפאנגען אין געהיים אויסצוגעבען אלס משיח און אלס נאכפאלגער פון שבתי צבי. ער האט זיינע אנהעננער א נאמען געגעבען „זוהר'יסטען" ווייל ער האט ערקלעהרט אז דער זוהר שטעהט העכער פארן תלמוד. ווען דיא נייע סעקטע האט זיך אנגעפאנגען צו פארשפרייטען האבען דיא רבנים איהר געזוכט צו אונטערדריקען און עס האבען זיך אנגעפאנגען פערפאלגונגען און מסירות פון ביידע זייטען. פראנק איז אלס אויסלענדער געצוואונגען געווארען צו פארלאזען פוילען און דיא זוהריסטען זיינען אריינגעלעגט געווארען אין ח"רם. זיי זיינען אויך פארקלאגט געווארען דאס זייא האבען געגרינדעט א נייע סעקטע צו פארשפרייטען מחמדניזם אונטער אידען און די פראגע איז פארגעקומען פאר דעם פאנאטישען בישאף דעמבאווסקי פון קאמעניץ וועלכער האט געמיינט אז דאס וועט איהם געבען א געלעגענהייט צו פארפאלגען אדער צו פארברענען אונגלויביגע אידען. אבער די זוהריסטען אדער פראנקיסטען האבען אפגעלערנט פון שבתי צבי דעם פלאן אנצונעהמען דיא רעליגיאן פון דיא הערשער פון לאנד אין פאל פון פערפאלגונג און האבען ערקלעהרט דעם בישאף אז זיי ווערען פארפאלגט ווייל זיי גלויבען אין דריי־איינינקייט און זיינען אין גאנצען אין זייערע גלויבענס פרינציפען זעהר נאהענט צום קריסטענטהום.

עס פערשטעהט זיך אז אונטער דיעזע אומשטענדען האט דער בישאף זיך ערקלעהרט אויף דיא זייט פון דיא פראנקיסטען און האט זיי געהאלפען פארפאלגען זייערע געגנער. ער האט געצוואונגען אידען צו האבען א דעבאטע מיט דיא פראנקיסטען און האט זעלבסט-פערשטענדליך ערקלעהרט אז דיא לעצטע האבען געזיעגט. ווען דעמבאווסקי איז געווארען ערצבישאף פון לעמבערג און זיין מאכט איז גרעסער געווארן האבען דיא אידען פון איהם נאך מעהר געליטען. דיא פראנ־

קיסטען זיינען נעגאנגען אזוי וויט צו ערקלעהרען אז דער תלמוד הייסט אידען געברויכען קריסטליכע בלוט און דאס האט געבראכט אז דעמבאווסקי האט גע־ לאזט קאנפיסקירען אלע גמרות וואס מען האט געקענט געפינען און די אידען אין פאדאליען און לעמבערג האבען זיך געפונען אין א גרויסע פערלעגענהייט.

צום גליק איז דעמבאווסקי פלוצלונג געשטארבען אין 1757 און נאך זיין טויט איז עס געלונגען די אידען צו אונטערדריקען די פראנקיסטען און דורכצו־ פיהרען אז זיי זאלען אויך פארפאלגט ווערען אין טירקיי וואו זיי זיינען מייסטענס אוועק פון פוילען. א איד מיט דעם נאמען אליקום זעליג האט פון פאפסט בענע־ דיקטוס .XIV ארויס גע קריגען איין ערקלעהרונג אז די בעשולדיגונגען געגען אי־ דען זיינען פאלש און עס האט געשיינט אז די גאנצע בעוועגונג איז אונטערדריקט, ווען דער שוואכער פוילישער קעניג אויגוסטוס .III האט אין 1758 פון רחמנות ערלויבט די פארטריבענע פראנקיסטען צוריק צוקומען. פראנק אליין איז יעצט ערשיענען צוריק אין פוילען און אנגעפאנגען צושפיעלען א גרויסע ראללע. ער האט געראטהען פיעלע פון זיינע אנהענגער זייא זאלען ווערען קאטהאליקען און האט ערקלעהרט אז ער און אללע פראנקיסטען זיינען בערייט זיך צו שמד'ן. א צווייטע געצוואונגענע דעבאטע מיט פראנקיסטען איז פארגעקומען אין לעמבערג און פראנק איז נאכהער אוועק נאך ווארשא וואו ער איז געטויפט געווארען מיט גרויס פאראד (1759). דער קעניג פון פוילען איז געוועזען זיין טויפפאטער. אונגע־ פעהר טויזענד פון זיינע אנהענגער האבען זיך געשמד'ט מיט איהם און דאס יודענ־ טהום איז לויז געווארען פון דיעזען לעצטען משיח השקר אונגעפעהר אויף די זעל־ בע ארט וויא פון שבתי צבי.

די בעוועגונג האט זיך נאך דערמיט נית געענדיגט. עס זיינען געבליעבען פארשטעלטע פראנקיסטען קאטהאליקען גראדע וויא שבתי צבי־מחמדנער. פראנק אליין האט אלס קאטהאליק געזוכט וויטער צו שפילען די ראללע פון א משיח פאר זיינע אנהענגער און איז פארמסרט געווארען דאס ער איז קיין ריכטיגער קא־ טהאליק. נור דער אומשטאנד דאס דער קעניג איז געוועזען זיין טויפפאטער האט איהם געראטעט פון פארברענט צו ווערן פארן אפפאלען פון קריסטענטהום. ער איז ארייננעזעצט געווארן אין א קאנווענט אדער מאנאסטיר אין טשענסטעכאוו, וואו ער האט פאר־בראכט 13 יאהר און איז בעפרייט געווארען פון די רוסען ווען זייא האבען איינגענומען דעם פלאץ אין 1773. דיעזער אומשטאנד און דער רייכטהום אין וועלכען ער האט שפעטער געלעבט אין וויען, אין ברין און בעזאנדערס אין אפענבאך, ביי פראנקפורט אם מיין, וואו ער האט געוואוינט אין א שלאס מיט

פיעל דיענער און א וואך וויא איין אונאבהעננינער פירשט, האבען פאראורזאכט אנדערע צו דיינקען אז ער איז אונטערשטיצט געוואָרן פון דיא רוסישע רעגיערונג אין איהרע אינטריגען אין פוילען. יעדענפאַלס האט ער געשפיעלט א גרויסארטיגע ראָללע ביז זיין טויט אין 1791 און זיין טאָכטער עווא האט איינינע יאָהר פאָרט־געזעצט דעם שווינדעל ביז זיא איז פּלוצלונג געשטאָרבען און איבערגעלאָזען איינינע מיליאָן פראנק שולדען. עס זיינען נאך ביז יעצט אבער דאָ אין פוילען א קליינע צאָהל קאַטהוילישע „פרענקס" וועלכע הייראַטהען נור אונטער זיך און גלויבען נאך אז פראנק איז געוועזן א הייליגער מאַן. דיעזעס איז דער בעסטער בעוויז דאס דיא גרעסטע דומהייט ווען זיא ווערט נור איינמאָהל איינגעוואָרצעלט אין געדאַנ־קען פון אבערגלויבישע פאַנאַטיקער, קען אַנהאַלטען פיעלע יאהרהונדערטע, אב־גלייך עס האט זיך באַלד אין אנפאנג ארויסגעוויזען אז דיא אנפיהרער און גרינדער זיינען איינפאַכע שווינדלער אדער שוואך־קעפּיגע ענטהוזיאַסטען.

צווייטער קאפיטעל.

נייע בעוועגונגען. ר׳ ישראל בעל שם טוב און דיא חסידים. דער ווילנער גאון. מאזעס מענדעלסאן און די דייטשע השכלה. שלמה מיימון.

דיא מייסטע מענשען קענען זיך ניט צופריעדען שטעלען מיט דיא גייסטיגע ארבייט וואס זייער געוועהנליכע בעשעפטיגונג גיט זייא און זייא זוכען דארום אימער אנדערע זאכען אדער אנדערע וועלטען וועגען וועלכע צו דיינקען און צו פאנטאזירען. פעהיגע און גוט ענטוויקעלטע מענשען געפינען דיא נייטיגע גייסטיגע בעשעפטיגונג אין קונסט, אין ליטעראטור, אין זיך בעשעפטיגען מיט פאָליטישע אדער פילאזאפישע פראגען, אבער דיא מאסע זוכט געדאנקען־ארבייט בייא וועלכע דיא ליידענשאפטען און דיא איינבילדונגס־קראפט קענען מיטווירקען און דיא פאפולערסטע בעוועגונגען זיינען דארום ענטוועדער דיא וועלכע וועקען אויף געפיהלע פון פיינדשאפט געגען א פאָלק, א סעקטע אדער א פערזאן; אָדער פון אנדערן זייט דיא וועלכע גיבען א געלעגענהייט צו בעוואונדערען, צו פארגעטערען און זיך צו בעשעפטיגען מיט האלב־אונבעגרייפליכע געדאנקען אויף וועלכע מען קען מיינען אז זייא פיהרען צו די ערקלערונג פון זאכען וואס דער איינפאכער שכל קען ניט פארשטעהן. דער גלויבען אין הייליגע מענשען וועלכע קענען טהאן וואונדערליכע זאכען און אין מיסטיציזם אדער געהיימע לעהרען נעפינט דערפאר אימער פיעלע אנהענגער אפילו אין אונזערע ציימען און וועט וואהרשיינליך נאך אנהאלטען א גאנץ לאנגע צייט, ניט קוקענדיג אויף דעם אלגעמיינעם פאָרטשריט וואס מאכט נור לאנגזאם גרעסער דיא צאָהל פון דיא אויפגעקלערטע און פארקלענערט דאס פעלד וואו אבערגלויבען און וואונדער־לעהרען קענען געדייהען.

עס איז דערפאר אויך קיין וואונדער דאס דיא לעהרען פון קבלה זיינען געבליבען טהייער בייא פיעלע אידען אין פארשיעדענע לענדער, אבגלייך מען האט געוואוסט אז קבלה איז געוועזען דיא מאסקע מיט וועלכע שבתי צבי, חיים מלאך

אדער פראנק האבען פארדעקט זייערע פלענער. עס איז דערפאר אויך לייכט געווען פאר א נייעם גרויסען בעל קבלה וועלכער האט אנגעהויבען בעקאנט צו ווערען אין מיטען פון אכצעהנטען יאהר־הונדערט, צו קריגען פיעלע אנהענגער און צו לייגען דעם פונדאמענט פאר א סעקטע וועלכע האט זיך שנעל פארשפרייט און וועלכע האט צו זיך מיט דער צייט צוגעצויגען א גרויסען טהייל (פיעללייכט א קלענערע העלפט) פון דיא אידען אין אייראפא.

דיעזער מאן איז געווען ר׳ ישראל בעל שם טוב, (1760־1698) דער גרינדער פון דיא נייע חסידות. זיין יוגענד און כמעט זיין גאנצע לעבענס געשיכטע איז אונבעקאנט און דאס ווענינ וואס מען ווייס איז פארדעקט מיט וואונדער געשיכטען פון וועלכע עס איז שווער ארוים צו געפינען דיא ריכטיגע פאקטען. מען ווייס נור דאס ער איז געבארען געווארען אין בוקאווינא, וואהרשיינליך אין די שטעדטעל אוקאפ, דאס ער איז א לאנגע צייט געלעבט אפגעזונדערט פון מענשען און פארבראכט פיעל צייט אין „התבודדות" אויף בערג. אין זיינע שפעטערע יאהרען איז ער בעקאנט געווארען אלס א בעל מופת און האט געקריעגען פיעלע תלמידים וועלכע האבען פון איהם געלערענט קבלה. ער האט דאן געוואוינט אין מעזיבוז, פאדאליען, און האט צוגעצויגען צו זיך גרויסע מאסען בעוואונדערער אפילו אונטער דיא העברע קלאסע פון קריסטען. ער האט זיך אימער ערנעהרט פון ארבייט אדער האנדעל און האט קיין מאל ניט גענומען בעצאהלט פאר זיינע רפואות אדער סגולות. עס זיינען פון איהם ניט איבער געבליעבען קיינע שריפטען, אבער דיא הויבע מיינונגען וואס דיא וועלכע האבען איהם געקענט האבען אויסגעדריקט אין זייערע שריפטען, בעווייזט דאס ער האט געמוזט בעזיצען זעלטענע פעהיגקייטען צו געווינען דעם צוטרויען און בעוואונדערונג פון וועלכע לייטע וועלכע זיינען מיט איהם געקומען אין בעריהרונג.

דער „בעל שם טוב", וויא ער ווערט גערופען פון זיינע אנהענגער, האט הויפטזעכליך פראטעסטירט געגען די טרוקענע אונפרוכטבארע פלפולים און חריפות מיט וועלכע דיא לומדים פון פוילען האבען זיך אם מייסטען בעשעפטיגט אין זיינע צייטען. ער האט פארלאנגט אז דיא געפיהלען זאלען געברויכט ווערען אזוי גוט וויא דער פארשטאנד און דאס מצות זאלען געטהאן ווערען ניט מעכאניש אדער פון יוצא ווענען, זאנדערן מיט לעבהאפטינקייט און ענטהוזיאזמוס, דאס הערץ זאל אנטהייל נעהמען אין אפהיטען אידישקייט אזוי גוט וויא דער קאפ. נאטירליך זיינען בייא איהם דיעזע געדאנקען געווען פארוויקעלט אין קאבאליסטישע אויסדריקע און ער האט אויך אנגענומען געוויסע מנהגים אין תפלות אנדערש פון דיא גע־

וועהנליבע. דאס האט זעלבסט פערשטענדליך ארויס גערופען פראָטעסטען פון די אלטמאדישע רבנים אבער זיין פאפולאריטעט איז געווען צו גרויס זייא זאלען איהם קענען פיעל שאדען. דערצו איז דיא סעקטע אין זיין צייט נאך ניט שטארק פאר-ברייטעט געוואָרען, מען קען איבערהויפט ניט זאגען דאָס ער האָט געגרינדעט א סעקטע אָדער דאס זיינע אנהעננגער וועלכע האבען איהם נאכגעטהאן און דאווענען מיט התלהבות אדער אין זיך פארטיעפען אין דיא קבלה פון אר"י (ר' יצחק לוריא) האָבען געדיינקט אז זייא טהיילען זיך אפּ פון אלט מאדישען יודענטהום און ווערען א סעקטע פאר זיך. דיא שפּאלטונג איז ערשט פאָרגעקומען נאך זיין טויט, ווען דיא פיהרערשאפט פון זיינע אנהענגער איז אריין אין דיא הענד פון זיין נאָכפאלגער ר' בער פון מעזעריטש (1697—1772).

ר' בער פון מעזעריטש וועלכער איז געווען א גרויסער תלמודיסט, איז געווען דער אמת'ער גרינדער פון חסידיזמוס וויא מיר בעגרייפען עס יעצט. ער האט איינגע-פיהרט דעם נוסח האר"י אָדער נוסח ספרד אונטער ד"א חסידים און איז אויך געווען דער ערשטער וועלכער האט געשפּיעלט די ראללע פון א צדיק אָדער גוטער איד. ער איז דיא לעצטע יאהרען פון זיין לעבען געווען קראנק צו בעט און פיעלע אנהעננגער פלעגען פאהרען בעזוכען דעם קראנקען צדיק צו פרעגען עצות וועגען רע-ליגיאָנס-זאכען אדער וועגען געשעפטס זאכען און פלעגען אויך מיטברייננגען פדיונות. ר' ברוך מעזיבוזער איין אייניקעל פון בעל שם טוב, ר' אהרן קארלינער דער ערש-טער (דער „מוכיח", געשטאָרבען יונג אין 1770) ר' לוי יצחק פון בערדיטשוב (גע-שטאָרבען 1810) און ר' נחום טשערנאבילער זיינען געווען פון דיא ערשטע צדיקים וועלכע האבען דיא חסידות פארשפרייט און האבען פארשטארקט דיא איינפיהרונג פון פאהרען צום רבי'ן. איינער פון דיא פעהיגסטע און גרעסטע אנפיהרער וואָס דיא חסידים האבען געהאט איז געווען ר' שניאור זלמן לאדיער (1747—1812) דער איינפיהרער פון א נייע סיסטעם אין חסידות וואס טהיילט זיינע אנהעננגער (חב"ד) ביז א געוויסען גראד אָפּ פון אנדערע חסידים. דיא קינדער און אייניקלעך פון גרויסע צדיקים האבען געוועהנליך וויטער געפיהרט זייערע „רעגיערונגען" און מאנכע פון דיא בעריהמטעסטע זיינען: ר' נחמן בראסלאווער איין אייניקעל פון בעל שם; ר' אברהם מלאך דער זאהן און ר' ישראל רוזינער (געשטאָרבען 1850) איין אור-אייניקעל פון ר' בער מעזריטשער; ר' מענדיל פון ליבאוויטש (1789—1866) איין אייניקעל פון לאדיער; ר' אהרן קארלינער · (1802—1872) איין אייני-קעל פון מוכיח און פיעלע אנדערע.

ווען דיא חסידות האט זיך אָנגעפאנגען שטארק צו פארברייטען האבען זיך

געפונען פיעלע רבנים און אידישע אנפיהרער וועלכע האבען מורא געהאט אז דאס איז א נייע סעקטע וואס וועט ברייננען צרות און שאנדע אויף דעם כלל ישראל און עס האבען זיך אנגעפאנגען פערפאלגונגען געגען חסידים וועלכע האבען זיך אוועקגעצויגען פאר פיעלע יאהרען. אין 1771, אין 1777 און אין 1781 האט מען די חסידים מחרים געווען אין ווילנא און דער „תולדות יעקב יוסף" א ווערק פון ר' יעקב יוסף פון פולנאה, א תלמיד פון בעל שם טוב, איז פארברענט געווארען אין ווילנא אויפ'ן שול-אויף אלס א געפעהרליכער בוך. דער קריעג איז געפיהרט געווארען מיט גרויס ביטערקייט פוןביידע זייטען און דיא שענדליכע וואפען פון מסירות און בלבולים וועלכע זיינען געברויכט געווארען, האבען געבראכט אונגליקען אויף פיעלע אנהענגער פון ביידע זייטען. דיא חסידים זיינען מייסטענס געווען דיא פארפאלגטע און דאס האט וויא אימער, געהאלפען צו פארשטארקען זייער זייט. צום סוף זיינען דיא חסידים געווארען צו שטארק אין צאהל און זייערע געגנער די „מתנגדים" האבען זיך אויך ארומגעזעהען אז דיא חסידים זיינען נאך אלעמען נים פיעל אנדערש וויא זייא זיינען און בלייבען געטרייע אידען. דיא אלגעמיינע שטרייטיגקייטען האבען דאן אויפגעהערט און דיא געגנערשאפט צווישען ביידע אבטהיילונגען פון יודענטהום אין דיא סלאווישע לענדער איז נים גרעסער וויא עס איז צו ערווארטען אונטער אזעלכע אומשטענדע.

איינער פון דיא הויפט געגנער פון חסידות איז געווען א מאן וועלכער איז געווען פיעללייכט אזא שטארקער געגנער פון דעם אונניציגען פלפול וויא דער בעל שם טוב אליין און האט פון זיין זייט אויך געזוכט אויסצוארבייטען א בעסערען פלאן פאר דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון דיא אידען דורך געברויכען, אין לערנען, דעם גלייכען שכל און זיך האלטען אן פשט אדער איינפאכע מיינונג פון געגענשטאנד. דיזער מאן איז געווען ר' אליהו בר' שלמה זלמן וועלכער איז בעקאנט אלס דער ווילנער גאון (1720—1797) א מאן מיט א קלארען גייסט און מיט פיעל ליבעראלערע אידעען וויא די מייסטע תלמודיסטען פון יענע צייטען. אין תלמודישע געלעהרזאמקייט איז ער אריבערגעשטיגען אלע גדולים פון זיין צייט און פון פיעלע דורות פריהער, און ער האט אויסער זיין גרויסע קענטנים אין קבלה געהאט א ציעמליך גוטען בעגריעף פון וויסענשאפטען וויא ווייט מען קען עס ערלערנען צווישען אידען. ער האט זיך אויך אונטערשיעדען פון אלע גדולים פון זיין צייט אין דעם וואס ער האט זיך אפגעגעבען מיט לערנען תנ"ך און מיט זוכען צו פארשטעהן גוט דיא העברעאישע שפראך.

ר' אליהו ווילנער איז נים געווען דער מאן צו זיין דער פיהרער פון א בעווע-

נונג אדער דער פארשטעהער פון א פארטיי. ער האט ניט געזוכט קיין כבוד און האט אפילו ניט געוואלט אננעהמען קיין רבנות. נור דער קריעג מיט דיא חסידים האט איהם פאראינטערעסירט ווייל ער האט אין דיא נייע סעקטע דערזעהן א גע־פאהר פאר יודענטהום. ער האט דארום אין דיזען פאל געמאכט איין אויסנאהמע פון זיין בכלל זיך ניט צו מישען אין קהל׳שע זאכע און האט זיך אונטערגעשריבען אויף דיא שריפטען געגען חסידים אין זייא פערדאמט בייא יעדע געלעגענהייט. זיין איינ־פלוס איז געווען אזוי גרויס דאס מען קען זאגען אז ער האט פיעל ביינעטראגען אז דיא חסידות איז ניט פארשפרייט געווארען אין ליטא, אין דער צייט ווען זיא האט זיך פארשפרייט איבער פאדאליען, וואלין, גאליציען און כמעט גאנץ פוילען. אין דיא ביטערקייט פון קאמפף איז דער גאון ביז א געוויסען גראד פארפיהרט געווארען פון פאנאטישע אנהענגער וועלכע האבען איהם געזוכט אויפצורייצען און ער האט זיך דארום אויסגעדריקט געגען חסידים פיעל ערגער וויא ער וואלט גע־טהאן ווען ער וואלט מעהר געוואוסט וואס עס געהט פאר אויף דער פראקטישער וועלט פאר וועלכע ער האט זיך װעניג אינטערעסירט זיין גאנצען לעבען. דער אוי־בען דערמאהנטער ר׳ זלמן לאדיער וועלכער איז געווען ניט נור דער גרעסטער תלמודיסט זאנדערן אויך דער פעהיגסטער וועלט־מענש פון דיא חסידישע רבנים איז שפעציעל געקומען נאך ווילנא אום פערזענליך צו ערקלערען דעם גאון דעם ריכטיגען פלאן פון חסידות און איהם בעווייזען אז די בעשולדיגונגען פון אפיקורסות וואס מען מאכט געגען זייא זיינען פאלש. אבער אינטריגאנטען וועלכע האבען זיך געפונען ארום גאון האבען דורכגעפיהרט אז דער „רב״ פון לאדי איז צו איהם קיין מאל ניט צוגעלאזען געווארען און דיא פיינדשאפט איז פארטגעזעצט געווארען ווייל מען האט ניט דערלאזען אז דיא בעסטע פיהרערס פוןביידע זייטען זאלען זיך דורכריידען און בעסער פארשטעהן איינע דיא אנדערע.

דער גאון האט פארשטאנען אז שטרענגקייט געגען דיא חסידים איז ניט גענוג צו פארהיטען אז דיא מאסען זאלען זיך אן זייא ניט אנשליסען און ער האט דארום (אין 1780) געגרינדעט א בית המדרש וואו ער האט איינגעפיהרט מען זאל לערנען אלעס נאך דעם פראקטישען און פערנינפטיגען פלאן פון זוכען צו פאר־שטעהן דעם פשט און זיך ניט פארטומלען דיא קעפ מיט פלפולים. זיין מעטהאדע האט אין ווילנא און אין ליטא בכלל געפונען פיעלע אנהענגער און דיזע קלארהייט און גרינדליכקייט אין לערנען האט אויך פיעל ביינעטראגען דאס אידען פון דער ליטא האבען דיא ערשטע בעגריפען דעם ווערטה פון דיא נייע השכלה וועלכע האט אנגעפאנגען אריינצושיינען פון דייטשלאנד. ווילנא איז געווארען א מיטעל־

פונקט פון השכלה אונטער דעם איינפלוס פון גאון וועלכער האט זיך אליין בעשעפ־טיגט מיט וויסענשאפטליכע פראגען וויא מען קען זעהן פון זיינע ווערקע איבער אלגעברא, איבער געאגראפיע פון ארץ ישראל, איבער דקדוק און איבער אסטרא־נאמיע. ער האט אויך ערמוטהיגט אנדערע צו פארברייטען וויסענשאפט אונטער אידען און ווען ר׳ ברוך שקלאווער, דער איבערזעצער פון אייקלידעס ווערק איבער מאטהעמאטיקס איז געוועזען אין ווילנא אין 1777 האט דער גאון איהם געזאגט אז אלע וויסענשאפטליכע ביכער פון אנדערע שפראכען דארפען איבערזעצט ווערען אין לשון קודש, אידען זאלען מיט זייא בעקאנט ווערען. דיעזע ערמונטערונג פון א מאן וואס איז כמעט פארגעטערט געווארען פון דיא לומדים און דיא פרומע האט גע־האלפען דאס דיא אידען פון דער ליטא זאלען ווידערשטעהן דעם שטראם פון חסידות וואס האט פארפלייצט גאנץ פוילען און זאלען זיין בערייט טהייל צונעהמען אין דיא אויפלעבונג פון וועלטליכע קענטניס אונטער אידען וואס האט זיך דאן אנ־געפאנגען.

דער מאן וואס זיין נאמען איז פארבונדען מיט דיעזע אויפלעבונג און וועל־כער ווערט אנגענומען אלס דער גרינדער און אנפיהרער פון דיא מאדערנע השכלה איז געוועזען דער בעריהמטער ר׳ משה בן מנחם מענדעלסאן, מיט וועמען עס פאנגט זיך אן א נייע עפאכע פאר דיא אידען אין אייראפא. ער איז געוועזען דער זאהן פון איין ארעמען סופר אין דעסוי און איז געבארען געווארען אין סעפטעמבער 1729. ער האט געלערענט תלמוד פון דעם דאמאליגען דעסויער רב ר׳ דוד פרענקעל אין ווען דער לעצטער האט אנגענומען דיא רבנות פון בערלין איז דער 14 יעהריגער מענדעלסאן אויך אהין אוועק. זיין דורשט נאך קענטניס איז גע־ווען זעהר גרויס און ער האט געלערנט פון יעדען וואס האט זיך געוואלט נעהמען דיא מיהע איהם צו אונטערריכטען. זיינע פעהיגקייטען און זיין פלייסיגקייט וויא אויך זיין גוט מיטהיגקייט האבען איהם פארשאפט פיעלע פריינדע און ער האט געמאכט ריעזיגע פארטשריטע אין אידישע און וועלטליכע געלעהרזאמקייט. זיין ער־שטער לעהרער אין וויסענשאפט איז געוועזען א פוילישער איד, דער אסטראנאם און מאטהעמאטיקער ר׳ ישראל זאמושץ (געשטארבען אין בראָדי 1772) וועלכער האט איהם בעקאנט געמאכט מיט פילאזאפיע און מאטהעמאטיק. דר. אהרן גומ־פערץ פון בערלין האט דעם יונגען מענדעלסאן בעקאנט געמאכט מיט אלגעמיינע דייטשע ליטעראטור און איהם אויך געלערענט פראנצויזיש און ענגליש. ער איז גע־ווארען פריהער דער הויז־לעהרער און דערנאך דער בוכהאלטער בייא דעם רייכען

אידישען זיידען פאבריקאנט בערנהארד און האָט זיך דאַן ניט מעהר געהאט קיין זאָרג וועגען פארדיענען אויף אַלעס וואָס ער האט געדאַרפט.

מענדעלסאָהן׳ס פעהיגקייטען אלס דייטשער שריפטשטעלער האָט באַלד אויף איהם צוגעוועגדעט דיא אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשע געלעהרטען־וועלט. עס זיינען דאַמאלס געווען אין בערלין פיעלע דייטשע געלעהרטע וועלכע זיינען ניט געווען פרום און זיינען אויך געווען פריינעזאָנען אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען. איין אויפגעקלערטער איד וועלכער איז נאָך דערצו אַ פעהיגער און אונטערהאַלטענ־דער שריפטשטעלער איז פון דיזע געזעלשאַפט אויפגענומען געוואָרען זעהר פריינד־ליך. מענדעלסאָן איז באַלד געוואָרען איינער פון דיא בעריהמטע ליטעראַטען פון דייטשלאַנד און זיין הויז איז געוואָרען אַ פערזאַמלונגס פּלאַץ פאַר דיא גרעסטע קאָפּמענשען פון בערלין אין יענער צייט. דער גרויסער פריי־גייסט גאָטהאָלד עפראים ל ע ס ס י נ ג (1729-1781) איז געוואָרען מענדעלסאָנס בעסטער פריינד און האט צוליעב איהם פאַרפאַסט שריפטען וועלכע זיינען געווען פריינדליכער צו אידען וויא אַלעס וואָס איז ביז יענער צייט געשריבען געוואָרען פון אַזעלכע בע־ריהמטע ניט־אידען. מענדעלסאָן האָט אויך געפיהרט אַ וויכטיגען ליטעראַרישען וכוח מיט דעם פרומען קריסטליכען געלעהרטען לאַפאַטער. מענדעלסאָן האָט פאַר־טהיידיגט דעם יודענטהום אין דיזע דעבאַטע אַזוי מייסטערהאַפט אַז דיא געביל־דעטע קלאַס האט אויף זיינע אַנטוואָרטען אין דיא צייטונגען געוואַרט מיט מעהר נייגיעריגקייט וויא אויף דיא נייעס פון דיא מלחמות וואָס קעניג פריעדריך דער גרויסער פון פּרייסען האָט דאַן געפיהרט.

עס איז אמת אַז דער יודענטהום וואָס מענדעלסאָן האָט פאַרטהיידיגט פאַר דיא קריסטען איז ניט געווען דער יודענטהום פון דיא אמת פרומע פון יענע צייטען. ער האָט געזוכט צו בעווייזען אַז אידען זיינען מעהר ניט וויא אַ רעליגיעזע סעקטע און געהערען צו דיא נאַציאָנען אונטער וועלכע זייא לעבען, דאָס הייסט אַז דייטשע אידען זיינען דייטשען, פראַנצויזישע אידען פראַנצויזען א. ז. וו. אָבער דיא אויפגע־קלערטע אידען האָבען מיט איהם איינגעשטימט וויל זייא האָבען פערשטאַנען אַז דאָס איז דיא איינציגע טענה וועלכע בערעכטיגט זייא צו פאָדערן גלייכבערעכטיגונג מיט קריסטען. דיא פרומע זיינען ענטוועדער געווען פאַרזונקען אין אונוויסענהייט אדער האָבען ניט געוואָגט איהם צו ווידערשפּרעכען. ער איז אַנערקענט געוואָרען אַלס דער גרעסטער פון דיא אידען אין אייראָפּאַ און ער האָט געברויכט זיין גרוי־סען איינפלוס זיך אַנצונעהמען פאַר אידען און צו ווירקען אַז קריסטען זאָלען פון זייא האָבען אַ בעסערע מיינונג.

דיא אידען פון עלזאס האבען זיך געווענדעט צו מענדעלסאָהן ער זאָל פאר זיי אויסארבייטען א דענקשריפט צו די פראנצויזישע רעגירונג נעגען די אויסנאהמס־געזעצע פון וועלכע זייא האבען געליטען. מענדעלסאָהן האט געגלויבט אז אזא שריפט דארף בעסער פערפאסט ווערען פון א קריסטען און האט געבעטען זיין פריינד קריסטיאן ווילהעלם דאָהם (1751—1828) ער זאָל איבערנעהמען די ארבייט. דאָהם האט אָנגענומען דעם אויפטראג און האט געשריעבען זיין בעריהמטעס ווערק „איבער דיא בירגערליכע פערבעססערונג דער יודען", וועלכעס האט פיעל בייגעטראָגען צו בעזייטיגען דעם פאראורטהייל נעגען יודען און האט שפעטער מעגליך געמאכט דיא גלייכשטעללונג פון אידען מיט קריסטען אין פערשיעדענע לענדער.

אויסער זיינע ארבייטען אלס דייטשער שריפטשטעלער און אלס פארטהייריגער פון אידען האט מענדעלסאָהן אויך פיעל געווירקט פאר דיא אויפקלעהרונג פון אידען און פאר דיא פארבעסערונג פון זייער גייסטיגע לאגע. זיין רוהיגע און פריעדליכער כאראקטער האט איהם געהינדערט צו ווערן, א פארטיי־פיהרער אדער אגיטאטאָר פאר השכלה, אבער ער האט געווירקט אלס איין ביישפיעל און א מאָדעל וויא א איד דארף זיך אויפפיהרען ער זאָל זיך קענען בעסער פארטראָגען מיט קריסטען. אין דיא אינגערע יאהרען האט ער געזוכט צו בעאיינפלוסען די בעסערע קלאסען אידען דורך לשון קודש׳דיגע שריפטען און האט צו דיעזען צוועק אין 1750 געגרינדעט דיא ערשטע העברייאישע צייטונג וועלכע האט געהייסען „קהלת מוסר" און איז ערשיענען נור צוויי מאל. אין 1761 האט ער פערעפענטליכט זיין פירוש אויף דעם רמב"ם׳ס ווערק איבער לאָגיק (באור מלת הגיון). אבער דעם גרעסטען איינפלוס אויף השכלה האט געהאט זיין דייטשע איבערזעצונג פון חומש וועלכע ער האט געמאכט צום צוועק איינצוגעוואוינען די אידען פון דייטש־לאנד צו ריידען א ריינעם דייטש אנשטאט דעם אידעש־דייטשען זשארגאָן וואס זיי האבען דאן געברויכט. מיט דיא איבערזעצונג וועלכע איז ערשיענען אין 1779 מיט א ביאור אדער ערקלעהרונג נאך דעם פשט און דקדוק פון פסוק און אלס ערקלעהרונג צו זיין איבערזעטצונג, פאנגט אן דיא עפאָכע פון השכלה פאר אידען. מענדעלסאָהן האט צו דיא איבערזעצונג געשריעבען א זעהר וויכטיגע איינלייטונג אין העברעאיש (אור לנתיבה). דער ביאור איז געשריעבען געוואָרען פון אנדערע, הויפטזעכליך פון דעם פוילישען מדקדק ר׳ שלמה דובנא (1738—1815) און פון דעם געלעהרטען משורר ר׳ נפתלי הירץ וויזעל (1725—1805).

פרומע פאנאטיקער זיינען געווען נעגען דיא איבערזעצונג און עס האט ניט

פיעל געפעהלט אז דאס ווערק פון בעריהמטען פילאזאף זאל אריינגעלעגט ווערען אין חרם. אבער דאס ווערק איז דאך פערברייטעט געוואָרן אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער, בעזאָנדערס אין ליטא און האט פיעל בייגעטראָגען צו פאר־בריימען קענטנים פון דייטש און פון לשון קודש אונטער אידען. פון דאמאָלס אָ האבען אידישע פריינדע פון אויפקלעהרונג און אלע וועלכע האבען געשטרעבט צו ערווייכען א העכערע שטופע און טהייל צו נעהמען אין דעם אלגעמיינעם פאָרט־שטריט זיך בעטראכטעט אלס שילער אדער נאכפאָלגער פון מענדעלסאָן און גע־זוכט איהם נאכצוטהאָן. די דייטשע אידען האבען דערפון געצויגען זעהר פיעל נוצען, וויל דיא וועלכע האבען זיך גענומען צום שטודירען דייטש האבען דאדורך געקריעגען דיא מעגליכקייט צו פארבעסערען זייער מאטעריעללע לאגע דורך זייער בעקאַנטשאפט מיט דיא שפראכע און דיא קולטור פון דעם פאָלק אונטער וועל־כען זיי האבען געוואוינט. אבער אין פוילען און רוסלאנד האבען דיא מייסטע ניט נאכגעטהאָן דעם פלאן פון מענדעלסאָן צו ערלערנען דיא לאנדעס־שפראכע, דאס הייסט פויליש אָדער רוסיש, זאָנדערן זייא האבען פשוט געטהאָן דאס זעלבע וואס ער — געלערנט העברעאיש און דייטש. דערפאר זיינען די רוסיש־אידישע משכילים געבליבען אזוי וויא אָפּגעזונדערט און ווענינ פראָפיטירט פון זייערע קענטנים און דיא רעגיערונג האט פון זייא כמעט ניט געוואוסט ביז א פיעל שפעטערע צייט. ערשט אין דיא צווייטע העלפט פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט האבען פיעלע אידען אין רוסלאנד זיך גענומען צום שטודירען רוסיש און דארום האָט זיך זייער אלגע־מיינער פאָרטשטריט און דער נוצען וואס מען ציהט פון בילדונג פאר זייא פאר־שפעטיגט.

אין 1783 האט מענדעלסאָן פערעפענטליכט זיין גרויסעס מייסטער־ווערק „ירושלים" אלס איין אנטוואָרט אויף דיא בעשולדיגונג אז ער האט זיך דערוויי־טערט פון יודענטהום. זיינע לעצטע יאהרען זיינען פארביטערט געווארי דורך אנ־גריפע וואס מען האט געמאכט אויף זיין פערשטאָרבענעם פריינד לעססינג ווענען ער האט געזוכט צו פארטהיידיגען מיט אללע זיינע קרעפטען. ער איז געשטאָרבען אין יאנואר 1786 ווענינער וויא 57 יאהר אלט און איז בעטרויערט געוואָרן אלס איינער פון דיא גרעסטע מענשען פון דייטשלאנד. אידען האבען אין איהם פאר־לאָרען זייער פעהיגסטען פארטהיידיגער און דעם מאן וואס האט מעהר וויא יעדער אנדערער געטהאָן צו פארשפרייטען אונטער זייא וועלטליכע בילדונג און ליבעראלע אנזיכטען ווענען אלע וויכטיגע פראגען אין וועלכע ציוויליזירטע מענשען זיינע פא־אינטערעסירט.

מען קען זאגען דאס דיא השכלה אדער בילדונג אונטער אידען וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט מענדעלסאָן האט זיך צוטהיילט אויף צוויא טהיילען: דיא דייטשע און דייטש־העברעאישע. דוד פריעדלענדער (1750—1834) וועלכער איז ביז א געוויסען גראד בעטראכט געוואָרן אלס מענדעלסאָן'ס נאכפאָלגער, די פילאָזאָפען לאַזארוס בן־דוד 1762—1832 און מארקוס הערץ, (1747—1803) דער מאן פון די בעריהמטע הענריעטע הערץ וואס אין איהר זאאל אדער סאלאָן פלעגען זיך פארזאמלען דיא גרעסטע מענער פון דייטשלאנד, זיינען געוועזען דיא פארטרעטער פון דייטשע השכלה. זיי און זייערע אנהענגער און נאכפאָלגער האבען ביסלאכוויז פארלאָרען די אינטערעסע אין אידישע בילדונג און אידישע אנגעלעגענהייטען בכלל און זיינען געקומען אימער נעהענטער צום קריסטענטהום. א גרויסע טהייל פון זייא, דאַרונטער הענריעטטע הערץ און מענדעלסאָן'ס טעכטער, האבען זיך געטויפט און דערמיט בעוויעזען אז דיא פרומע געגנער פון דיא „בערלינער השכלה" זיינען געוועזען ניט אין גאנצען אונגערעכט ווען זייא האבען מורא געהאט אז דיא נייע בעוועגונג וועט שאדען דעם יודענטהום.

צום צווייטען קלאס געהערען דיא דייטש־העברעאישע געלעהרטע וועלכע האבען געלייגט דעם פונדאמענט פון דיא נייע העברעאישע ליטעראטור. דיא ערשטע פון זייא ווערען אָפט גערופען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מאספים" וויל זייא האבען מיטגעארבייט אין דיא העברעאיישע צייטשריפט „המאסף" וואס איז געגרינדעט געוואָרען אין קעניגסבערג אין 1783 דורך דעם בעריהמטען העבראיסט יצחק אייכעל פון קאָפענהאגען (1756—1804) און מענדעל ברעסעלוי (געשטאָרבען 1829). אונטער דיעזע משכילים האבען זיך פון אנפאנג אָן געפונען א גרויסער טהייל פוילישע אידען וויא דער גרויסער מדקדק יהודה ליב בן זאב פון קראקוי (1764—1811) מענדעל לעפין פון סאטנאָוו (1741—1819) און אנדערע וועלכע האבען בייגעטראָגען צו פארברייטען השכלה אין דיא סלאווישע לענדער, בענוצענדיג העברעאיש און דייטש אלס דיא מיטלען דערצו. אין דעם טהייל פון פוילען וואס איז אנגעקומען צו עסטרייך (גאליציען) איז דייטש געוואָרען דיא הערשענדע שפראכע און דיא דייטשע השכלה איז דארט שנעלער פארפלאנצט געוואָרן. וואס ווייטער דיא העברעאישע ליטעראטור האט זיך ענטוויקעלט געפינען מיר אלץ וועניגער דייטשע אידען וועלכע אינטערעסירען זיך פאר איהר. ביסלאכוויז קלייבט זיא אריבער נאך גאליציען און פון דאָרט נאך רוסלאנד וואו זיא לעבט אויף פון דאס ניי און בליהט נאך ביז אויף היינטיגען טאָג.

דיא איבערגאנגס־פעריאָדע פון העברעאישע צו דייטשע בילדונג האט גע־

האָלפען ענטוויקלען דיא פעהיגקייטען פון לייטע וואס וואָלטען זאָנסט ניט געהאט קיין געלעגענהייט בעקאנט צו ווערען פאר דער וועלט. אין 1784 האבען דיא רייכע אידען פון בערלין וועלכע האבען געגריינדעט דיא דאָרטיגע אידישע פריי־שולע, גע־קריגען דיא ערלויבנים צו מאכען א אידישע דרוקעריי. אלס פיהרער פון געשעפט איז אנגעשטעלט געוואָרען ר׳ יצחק סאטאנאָוו פון פּאָדאָליען (1732—1804) א מאַן פון זעלטענע פעהיגקייטען וועלכער איז ניט גענוג אנערקענט געוואָרען פאר זיין לע־בען און אויך ניט אין שפּעטערע צייטען. יצחק סאטאנאָוו האט געמערקט אז עס זיינען דאָ פיעלע בעלנים אויף פארצייטיגע ווערקע און ער האט דארום פארפאסט פערשיעדענע ווערקע און זיי אנגעהאנגען אָן פארצייטיגע גדולים, איינע פון דיזע ווערקע, „משלי אסף״ וועלכעס ער האט צוגעשריבען צו דעם אסף וואס איז דער־מאָנט אין תהלים איז א זעלטענעס מייסטערווערק און שטעלט איהם אוועק צווי־שען דיא בעסטע העברעאישע פּאָעטען פון דיא נייע צייטען. ער האט אויך גע־מאכט א ספר אין לשון פון זוהר וועלכער איז א קונסטווערק אין זיין ארט און דיא העברעאישע ליטעראטור האט איהם אויך צו פערדאנקען אייניגע וויכטיגע באורים און קאָרעקטע אויסגאבען פון עלטערע ספרים.

אנדערע משכילים פון דיזע קלאס וואס פארדינען שפּעציעל דערמאָנט צו ווערען זיינען דער מדקדק שלמה פּאפּענהיים פון ברעסלוי (1740—1814) דער פאָר־טרעפליכער מגיה און בעל מסורה וואָלף היידנהיים פון רעדעלהיים (1757—1832) דער שריפטשטעלער און פּאָעט שלום הכהן פון מעזעריטש (1772—1842) און יהודה ליב ייטלש פון פּראג, דער פערטרעטער פון בעהמישען יודענטהום אין דיא השכלה בעוועגונג. (1773—1838).

דער מערקווירדיגסטער מאַן אונטער אלע אידישע געלעהרטע אין דיא צווייטע העלפט פון 18טען יאהרהונדערט איז וואהרשיינליך געווען דער שארפזיניגער פילאָזאָף שלמה מיימון וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין א דאָרף בייא נישוויעז אין ליטא אונגעפעהר אין 1753. ער האט פון קינדהייט אָן געוויזען זעל־טענע פעהיגקייטען און האט געלערנט און בעגריפען אלעס וואס איז איהם געקו־מען צו דער האנד, תלמוד, קבלה, מאטהעמאטיק אדער פילאָזאָפיע. זיין פאָטער האט איהם צו עלף יאָהר חתונה געמאכט און ער האט געליטען פון זיין פרוי און פון זיין שווינער אלערליי צרות. דער דורשט נאך וויסענשאפט און וואהרהייט האט איהם ניט געלאזט רוהען און אין 1777 איז ער אוועק נאך דייטשלאנד וואו ער האט פאר א לאנגע צייט געפיהרט דעם לעבען פון ארומשלעפּער און איז שטענדיג געפאלען צו לאסט דיא וועלכע האבען איהם אין אָנפאנג גערן אונטערשטיצט

אוים רעספעקט פאר זיינע זעלטענע פעהיגקייטען. עס האט איהם געפעהלט דיא פעסטקייט פון כאראקטער וואס עס איז נייטיג זיך צו קענען האלטען אויף איין פלאץ אדער ביי איין בעשעפטיגונג און דאס האט איהם געבראכט אז ער האט אפט געליטען נויט און איז געגאנגען אפגעריסען אויף דאן ווען זיין נאמען איז שוין געווען בעריהמט. מענדעלסאן האט איהם פיעל געהאלפען און האט אויף גע־ווירקט אז אנדערע זאלען איהם טהאן גוטעס. אין ברעסלוי האט זיך מיימון בע־קענט מיט אפרים מאזעס קוה (1732—1790) דער ערשטער אידישער פאעט פון דיא נייע דייטשע ליטעראטור, וועלבער איז פריהער געווען א רייכער געשעפטס־מאן און האט שפעטער פארלארען זיין פארמעגען און דערנאך זיין פארשטאנד. דער האלב־פעררינקטער דייטשער פאעט און דער נאכלעססיגער, „איבערגעשפיצטער״ פילאזאף פון ליטא האבען זיך א רעכטע צייט ארומגעטריבען צוזאמען ביז מיימון איז אוועק צוריק נאך בערלין און איז אונטערשטיצט געווארען, נאך מענדעלסאן׳ס טויט, פון דעם אידישען אבערפלעכליכען פילאזאף לאזארוס בן דוד וועלכער איז שוין איבען דערמאנט געווארען.

אבער דיא נידעריגקייט פון זיין פינאנציעלע אדער געזעלשאפטליכע לאגע ווערט יעצט פארגעסען און מען געדיינקט נור די הויכע שטעלונג וועלכע ער פאר־נעהמט אלס איינער פון דיא טיעפסטע דיינקער פון אלע צייטען. אימאנועל קאנט (1724—1804) דער גרעסטער פילאזאף פון אכטצעהנטען יאהרהונדערט האט אנ־ערקענט מיימון׳ס פעהיגקייטען און האט מודה געווען אז קיינער פון דיא אייראפיי־אישע פילאזאפען וועלכע האבען געגען איהם געשריבען האבען איהם אזוי גוט פאר־שטאנען וויא מיימון. אבגלייך ער האט זיך אויסגעלערענט דייטש ווען ער איז שוין געווען באלד דרייסיג יאהר אלט האט ער עס דאך געבראכט אזוי וויט אז זיינע פילאזאפישע שריפטען אין דער דייטשען שפראך האבען אויף זיך צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא גרעסטע געלעהרטע; זיינע פילאזאפישע ארטיקלען זיינען געדרוקט געווארען אין דיא וויכטיגסטע זשורנאלען און זיין הויפט ווערק „איבער די טראנסענדענטאלע פילאזאפיע״ איז איינע פון די גרעסטע ווערקע איבער דיעזען גע־גענשטאנד. פיעלע פארשער און שרייבער וועגען געשיכטע פון פילאזאפיע בעשעפ־טיגען זיך נאך היינט מיט מיימון׳ס שריפטען און זיין נאמען ווערט וואס וויטער מעהר בעריהמט *).

מיימון האט אויך געשריבען איינינע העברעאישע ווערקע און האט איבער־זעצט ווערקע פון פרעמדע שפראכען אין לשון קודש. דיא בעריהמטעסטע פון אלע

---

*) אין קונא פישער׳ס „געשיכטע דער נייען פילאזאפיע״ וועלכע איז בעקאנט אלס דיא בעסטע איבער דעם געגענשטאנד און האנדעלט נור וועגען פילאזאפען וועלכע האבען עטוואס מחדש געווען אויף דעם פעלד פון פילאזאפיע, זיינען דיא אידיש־דייטשע פילאזאפען פון יענעם דור כמעט ניט דערמאנט. אבער דיא בעשרייבונג און דיא טהעאריען פון דעם ליטווישען משכיל שלמה מיימון פארנעהמען דארט גאנצע צוויא קאפיטלען!

זיינע ווערק איז זיין אייגענע לעבענס בעשרייבונג, אין דייטש, אין וועלכע ער שיל־דערט זיין קינדהייט, זיין יוגענד און דעם אונרוהיגען, אונרעגעלמעסיגען לעבען וואס ער האט געפיהרט ביז דער צייט ווען דאס ווערק איז ערשיענען (1793). אין דעם בוך (וועלכער איז אין אונזער צייט אויך איבערזעצט געוואָרען אין ענגליש) דער־צעהלט מיימון אויף זיך אליין דעם גאנצען אמת און פארלייקענט ניט זיינע חסרונות. ער שילדערט דאָרט אויך דיא לאגע פון דיא אידען אין ליטא און פוילען אין יענע צייטען און דריקט זיך אפט אויס זעהר אונפריינדליך געגען זייא. דאס ווערק איז בעוואונדערט געוואָרען פון דיא גרעסטע מענער אין דייטשלאנד און דער פּאָעט געטהע האט איינגעלאדען מיימון ער זאָל קומען זיך בייא איהם אויפהאלטען. מיימון האט דערפון, וויא פון פיעלע אנדערע גוטע געלעגענהייטען ניט געמאכט קיין גע־ברויך.

מיימון האט געהאט פיעלע בעוואונדערער אונטער דעם געלעהרטען דייטשען אדעל און איינער פון זייא, גראף קאלקרייטה פון זיגנערסדארף אין שלעזיען, האט איהם אין 1795 צוגענומען צו זיך אויף זיין לאנדגוט און איהם אויסגעהאלטען אויף איין אנשטענדיגע ארט. ער האט אנגעזאגט אז מען זאל דעם זאנדערבארען מאן נאכגעבען אלעס וואס ער וויל וויא וויט עס איז מעגליך און האט געזעהען אז זיין בעפעהל זאל דורכגעפיהרט ווערען. אויף יענעם לאנדגוט האט מיימון פארבראכט דיא לעצטע פינף יאהר פון זיין לעבען און דיא איינציגע רוהיגע יאהרען וואס ער האט געהאט. זיין פריהעריגע לעבענס וויזע האט רואינירט זיין געזונדהייט און ער איז געשטארבען אונגעפעהר 47 יאהר אלט, אין יאהר 1800 און איז בעגראבען גע־וואָרען אין גלאגוי. אין דיא לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט ער זיך וויט גע־האלטען פון אידען און זיין נאמען איז ניט פיעל בעקאנט אונטער די אידישע מאסען. אָבער אין דעם פעלד פון פילאזאפיע פארנעהמט ער א וויכטיגען פּלאץ און קיין געשיכטע פון מעטאפיזיק אדער פילאזאפיע קען ניט זיין פאלשטענדיג ווען זיא זאָל ניט געבען א בעריכט פון דיא דענקונגס־ארט און פון דיא סיסטעם פון דעם געווע־זענעם מלמד פון דער ליטא, דעם גרעסטען אידישען פילאזאף פון אכטצעהנטען יאהרהונדערט — שלמה מיימון.

דריטער קאפיטעל.

דיא גזירות פון אוקראַינע (חרב גאַנטא) און דער אונטערגאַנג פון פוילען. פוילישע אידען אונטער דיא הערשאַפט פון פרייסען עסטרייך און רוסלאנד.

יואן .III סאביעסקי דער בעריהמטער העלד וועלכער האָט רעגיערט פון 1674 ביז 1696 איז געוועזן דער לעצטער גרויסער קעניג וואָס פוילען האָט געהאַט און האָט וויא וויט ער האָט געקענט געזוכט צו האַלטען אָרדנונג און צו שיצען דיא אידען. אָבער דיא לאַגע פון פוילען און פון דיא אידען איז געוואָרען וואס וייטער ערגער. אין אָנפאַנג פון 18טען יאָהר הונדערט ווען פריעדריך אויגוסט פון זאַקסען איז געוועזן קעניג פון פוילען איז דאָס לאַנד פאַרוויסטעט געוואָרען דורך דעם קריעג וואס ער האָט געפיהרט מיט דעם גרויסען קריעגער קארל .XII פון שוועדען. נאָך דיא מלחמות איז געקומען אַ שרעקליכער הונגער אין די יאָהרען 1709-10 ווען צעהנדליגע טויזענדער קריסטען און פיעלע טויזענד אידען זיינען אומ־געקומען פון הונגער. דיא רעגיערונג איז אימער געווארען שוואכער און האָט אַלץ וועניגער געקענט שיצען די שוואכע אידען פון דיא צרות וואָס זייא האָבען געליטען פון אַלע זייטען. דיא מאַגיסטראַטען אָדער שטאָדט רעגיערונגען האָבען זיך אין איי־ניגע פעלע געפיהלט שטאַרק גענוג אוועקצורייבען פון דיא אידען דיא פּריווילעגיען וואס זייא האבען געהאַט פון דיא רעגיערונג. וואס דיא אונארדנונג איז געוואָרען גרעסער האָבען אידען אַלץ מעהר געליטען און עס איז לייכט צו בעגרייפען וויא וועניג מען האט זיך געקימערט פאר זייערע רעכטע אָדער פאַר זייער זיכערהייט אין דער צייט ווען גאַנץ פוילען איז געוועזן אין אַ צושטאַנד פון אנארכיע.

אין 1764 איז אויף דעם פּוילישען טהראָן ארויף סטאַניסלאוו פּאָניאַטאָווסקי, דער לעצטער קעניג פון פוילען. רוסלאַנד און פרייסען האָבען איהם אונטערשטיצט און דער פוילישער אדעל האָט געמאַכט א קאָנפעדעראַציאָן אָדער פאַראייניגונג געגען איהם און געגען דיא רוסישע ארמעע אויף וועלכע זיין מאַכט האָט זיך גע־

שיצט. דיא קאנפעדעראציאן האט געהאט איהר מיטעלפונקט אין פאדאליען, אין דער שטאט באר, און פון דארט האט זיא זיך פארשפרייט איבער פארשיעדענע פוילישע פראווינצען. רוסלאנד האט דורך איהרע אינטריגען אויפגערייצט די בויערן פון אוקראינע צו מאכען איין אויפשטאנד געגען דיא פוילישע פריצים און זייערע אידישע העלפער. זאפאראזשני קאזאקען און היידאמאקען האבען דאן (אין 1768) אנגעפאנגען צו איבערפאלען און אויסצומארדען פריצים און אידען וויא אין דיא גזירות ת"ח און בלוט האט געפליצט וויא וואסער אין גאנץ אוקראינע און דיא אומגעגענד. דיא איינוואוינער פון די שטעדט שמילע און זווינאגראדיעץ זיינען צום גרעסטען טהייל אויסגעמארדעט געווארען און דיא איבערגעבליבענע וויא אויך דיא איינוואוינער פון דיא ארומיגע פלעצער האבען זיך גערעטעט און די שטאדט הומיין אדער אומאן וועלכע מען האט געהאלטען פאר זיכער.

דער אנפיהרער פון דיא קאזאקען און דיא אנדערע מערדער-באנדען וועלכע זיינען אויפגעשטאנען געגען דיא פריצים און דיא אידען איז געוועז דער קאזאקען־הויפטמאן זעלעזניאק. געגען איהם איז ארויסגעשיקט געווארען איין ארמעע פון גראף פאטאצקי'ס קאזאקען אונטער דיא אנפיהרונג פון זייערן א הויפטמאן מיט דעם נאמען גאנטא. דיא צוויא קאזאקען אנפיהרער האבען אבער באלד זיך פאראייניגט געגען פוילען און אנשטאט אנצופאלען אויף זעלעזניאק איז גאנטא אנגעפאלען אויף דיא שטאדט ליעזאנקע און אויסגעמארדעט אללע איינוואוינער. פון דארט איז ער אוועק נאך אומאן וואו קריסטען און אידען האבען זיך בעוואפענט און פארטהיידיגט דיא שטאדט צוויא טעג מיט דעם מוטה פון פארצווייפעלטע. אויפ'ן דריטען טאג איז גאנטא מיט זיינע קאזאקען דורך א פערראטה אריין אין שטאדט און איז איבערפאלען דיא קלייסטערס און דיא שול וואו דיא גאנצע בעפעלקערונג איז געוועז פארזאמעלט. יונג און אלט, מענער, פרויען און קינדער זיינען אויסגעמארדעט געווארען מיט דיא גרעסטע אכזריות. 12,000 קריסטליכע און 8,000 אידישע נפשות זיינען יענעם שרעקליכען טאג אומגעקומען אין אומאן (20טען יוני 1768). פון דארט זיינען דיא באנדיטען אוועק נאך דיא ארומיגע שטעדט וואו זייא האבען געמארדעט און גערויבט אונגעשטערט. דיא פריצים און דיא אידען פון דער שטאדט באלטא זיינען אנטלאפען צום גרענעץ פון טירקיי, אבער די מערדער האבען זייא אנגעיאגט און אויסגע'הרג'עט.

צום סוף האט א רוסישע ארמעע גענומען געפאנגען אלע באנדיטען מיט זייערע אנפיהרער. גאנטא מיט זיין באנדע זיינען איבערגעגעבען געווארען צו פוילען און האבען געקריגען זייער פארדיענטע שטראף, אין דער צייט וען דיא רוסען האבען

בעשטראפט זעלעזניאק מיט זיינע לייטע פאר זייערע רציחות. מען רעכענט דאס דיעזע אונרוהען וועלכע זיינען פעראורזאכט געווארען דורך דעם אויפשטאנד פון די פוילישע קאנפעדעראציאן, האבען געקאסט 200,000 מענשענלעבען. דער פוילישער אדעל איז אבער געווען צו שוואך און צו אונאייניג אונטער זיך צו קענען בעפרייען פוילען און דיא פארשיעדענע דריי קלאסען אין וועלכע פוילען איז געווען איינגעטהיילט: דער אדעל, דיא אידישע מיטעלקלאס און דיא בויערן האבען געהאט צו וועניג סימפאטהיע איינע פאר דיא אנדערע און זיך צו וועניג פארשטאנען, זייא זאלען זיך קענען צוזאמען בעטהייליגען אין איין ענטהוזיאסטישע נאציאנעלע בעוועגונג און דערמיט רעטען פוילען פון אונטערגאנג. אין 1773 איז פארגעקומען דיא ערשטע טהיילונג פון פוילען ווען רוסלאנד, פרייסען און עסטרייך האבען צוגענומען גרויסע שטיקער לאנד פון דיא אמאליגע מעכטיגע קעניגרייך, און האבען דערווייל געלאזען סטאניסלאוו פאניאטאווסקי אלס קעניג פון דיא איבריגע פראווינצען ביז נאך דיא צווייטע טהיילונג, ווען ער האט (אין 1795) אפגעדאנקט און איז אוועק נאך סט. פעטערסבורג.

פאניטאווסקי וועלכער איז געווען א גוטער, אנשטענדיגער מאן נור מיט א שוואכען כאראקטער, האט זיך ניט געוויעזען שלעכט צו אידען. אונטער דיא רעפארמען וואס ער האט איינגעפיהרט אדער געוואלט איינפיהרען אין לאנד זיינען אויך געווען איניגע אין בעצוג אויף אידען. גלייך אין אנפאנג פון זיין רעגיערונג (אין 1764) האט ער אפגעשאפט דעם ועד ארבע ארצות וועלכער האט זיך אין פיעלע פלעצער געציינט צו דעספאטיש. דיא אידען פון פוילען האבען דאדורך פארלארען דעם מיטעלפונקט פון אויטהאריטעט און יעדע קהילה האט פון יעצט אן פארוואלטעט איהרע אייגענע אנגעלעגענהייטען. דיעזע נייע ארדנונג האט פיעל געהאלפען צו פארשפרייטען דיא חסידות וואס האט אנגעפאנגען שטארקער צו ווערען אין יענע צייטען, און וועלכע וואלט וויא אנדערע מיינען, פיעללייכט געקענט אונטערדריקט ווערען פון א קערפערשאפט וואס האט געהאט א פאליטישע מאכט און איז אנערקענט געווארען פון אידען אלס פארשטעהער פון רעליגיאן וויא דער ועד. אין 1775 האט פאניאטאווסקי בעפרייט פון צו צאהלען קאפ-געלד אלע אידען וואס וועלען זיך נעהמען צו ערדארבייט. פיעלע אנדערע רעפארמען זיינען פארגעשלאגען געווארען אויף דעם לעצטען סיים פון פוילען אין 1788—1792 אבער זייא זיינען געבליעבען א „פרומער וואונש“ און דיא לעצטע צוטהיילונג פון פוילען האט דאס געמאכט אונמעגליך צו וויסען בעשטימט אויב זייא וואלטען דורכגעפיהרט געווארען.

עס האבען אויך ניט געפעהלט איינציגע ביישפיעלע פון טרייהייט און אויפ־אָפּפערונג פאר פוילען וואס אידען האבען געוויזען אין דער צייט פון דיא לעצטע קריזיס. אידען האבען געקעמפּפט וויא העלדען אין דיא פערטהיידיגונג פון ווארשא געגען דיא רוסען אין 1794. אין דעם לעצטען פערזוך וואס דער פוילישער העלד קאסצוסקא האט אין יענער צייט געמאכט צו רעטען פוילען, האט ער אונטער זיך געהאט א רעגימענט אידישע סאָלדאטען אונטער א אידישען פּאָלקאָווניק (קאָלאָנעל) מיט דעם נאמען בערקאָ, וועלכער האט אויך געדיענט אין דיא ארמעע פון דעם גרויסען נאפּאָלעאָן און איז געפאלען אין שלאכט ביי דיא שטאָדט קאָצק אין 1809. אבער בכלל מוז מען צוגעבען דאס אידען וועלבע זיינען אימער דיא ערשטע צו ליידען אין אונאָרדנונגען, האבען זיך געפונען זיכערער אפילו אונטער דיא טיראַנישע שטרענגע הערשאפט פון דיא נייע הערשער אין פערגלייך מיט דיא אנארכיע און דיא מהומות פון דיא לעצטע פּעריאָדע אין דיא געשיכטע פון פוילען.

אין דעם טהייל פוילען וואס איז געקומען אונטער פרייסען'ס הערשאפט האט זיך דיא אידעשע לאגע שנעל פארבעסערט. פרייסען האט דאן געמאכט גרויסען פּאָרטשריט אין גייסטיגע און מאַטעריעלע ענטוויקלונג און דיא ליבעראלע אידעען פון ענדע פוןאבטצעהנטען יאהרהונדערט האבען געבראכט אז מען האט בעטראכטעט דיא אידען אלס גלייכבערעכטיגט נאך איידער זיי האבען געזעצליך געקראָגען דיא זעלבע רעכטע וויא קריסטען. דיא גרויסע פּאָליטישע ענדערונגען וואס דיא נאפּאָלעאָנ'שע מכחמות האבען פערארזאכט אין דייטשלאנד אין אָנפאנג פון נייצעהן יאהרהונדערט און דיא פרייהייטס־בעוועגונגען וועלכע האבען זיך נאכדעם ענטוויקעלט, האבען געגעבען דיא אידען האפנונג אויף בעסערע צייטען. דיא פוילישע אידען האבען אויך געצווינגען גרויס נוצען פון דיא אויסגעצייכענטער פרייסישע ערציהונגס־מעטהאָדען און זייא זיינען שנעל געוואָרן דייטשע אידען. א גרויסער טהייל פון דיא בעריהמטע אידען פון דייטשלאנד אין נייצעהנטען יאהרהונדערט זיינען געקומען פון פּראָווינץ פּאָזען און דיא אומגעגענד וועלבע האט פריהער געהערט צו פוילען.

גאליציען אדער דער טהייל פוילען וואס איז אנגעקומען צו עסטרייך איז ניט געווען אזוי גליקליך, דיא פונקטען אין דיא טאָלעראנטע געזעצע וועגען אידען וואס קייזער יאָזעף .II האט ארויסגעגעבען אין 1782 זיינען ניט לאנג געבליבען אין קראפט, אבער דיא שווערע שטייערן פון זיינע צייטען זיינען נאך פאָרגרעסערט געוואָרן. זיינע נאכפאָלגער לעאפאלד .II און פראנץ .II זיינען געווען אונפריינד־

ליך צו אידען און דיא גאנצע ערשטע העלפט פון 19טען יאהרהונדערט, ביז דיא רעוואלוציאן פון 1848 איז אין גאליציען און אויך אין אנדערע טהיילען פון דיא עסטרייכישע מאָנארכיע אוועק אין שטרייטיגקייטען צווישען דיא אידען וועלכע האבען געפאָדערט מענשענרעכטע און דיא לאנדעס-רעגיערונג אדער שטאדט און פראָווינץ רעגיערונגען וועלכע האבען עס ביז דאן ניט בעוויליגט. דיא ערניעדער־גענדע געזעצע און דיא שווערע אבגאבען זיינען נור ביסלאכוויז אפגעשאפט גע־וואָרן ווען דיא רעוואָלוציאָן פון 1848 האט אויף א קורצע צייט פארבעסערט זייער לאגע. דיא מפלות וואס עסטרייך האט געהאט אין איהרע מלחמות געגען פראנקרייך אין 1859 און געגען פרייסען אין 1866 האבען איהר געבראכט צום שכל און זייט דאן האבען דארטען אידען, אויפען פאפיר מינדסטענס, גלייכע רעכ־טע מיט אלע אנדערע מיטבירגער. דיא פערשיעדענע נאציאָנאליטעטען פון וועלכע דיא עסטרייך-אונגארישע מאנארכיע איז צוזאמענגעשטעלט האלטען זיך אימער אין ארומרייסען צווישען זיך און דאס האט דארט מעהר וויא אומעדום אין אונ־זערע צייטען אויפגעוועקט שנאה פון איין פאָלק צום אנדערן און פון אלע פעקער צו די אידען.

דאך מוז מען צוגעבען אז דיא אידען פון גאליציען האבען געצויגען נוצען פון דיא פארענדערונג וואס האט זיי געבראכט אונטער עסטרייכישע הערשאפט. דיא מעגליכקייט צו געניסען א גוטע ערציהונג זיינען געוועזען בעסער וויא אין פוילען און דער דייטשער איינפלוס האט דאָרט אויך ניט פערפעהלט צו האבען א ווירקונג אויף דיא בעסערע קלאסען. ר' יוסף פערל פון טארנאָפאל (1839—1773) דער וואהלהאבענדער שריפטשטעלער און פריינד פון בילדונג, איז געוועזען דער ערשטער וועלכער האט דארט געגרינדעט שולען פאר אידישע קינדער און געוויזען דעם נוצען וואס א סיסטעמאטישע אייראָפייאישע אויסבילדונג קען ברייגנען. צוזאמען מיט איהם שטעהען אין דיא ערשטע רייהע פון גאליציאנער משכילים: דער טיעפער דיינקער און קריטיקער ר' נחמן קראָכמאל (1840—1785), דער אויסגע־צייכענטער שריפטשטעלער שמשון בלאך הלוי (געשטאָרבען 1845), דער גאון און גרינדליכער פאָרשער אין אידישע וויסענשאפט ר' שלמה יהודה ליב ראַ־פאפאָרט (1867—1790) און דער סאַטיריקער דר. יצחק ערטער (1851—1792). דיזע בעריהמטע מענער און זייערע פריינדע האבען פיעל געטהאָן צו פארפלאנ־צען השכלה אין גאליציען און האבען אויך פיעל בייגעטראָגען צו דיא ענטוויקלונג פון די נייע אידישע ליטעראטור און צו דיא ערפאָרשונג פון אידישע געשיכטע.

אם ערגסטען איז געוועזען דיא לאגע פון דיא גרויסע מאסע אידען פון פוילען

וועלכע זיינען אריין אונטער דיא הערשאפט פון רוסלאנד, וואו דיא באַרבאַרישע רעגיערונג איז געוועזן אזוי שטרענג און דיא אלגעמיינע לאגע פון לאנד אזוי גיע־ דעריג דאס דיא וויכטיגע פאָליטישע ענדערונגען פון אייראָפּא האבען דארט ניט געקענט האבען קיין איינפלוס צום גוטען. דיא רוסישע רעגיערונג האט זיך אימער געוויעזען זעהר פיינדליך צו אידען און פלעגט פון צייט צו צייט ארויסטרייבען אלע אידען וועלכע פלעגען זיך ביסלאכווייז אנקלייבען אין פערשיעדענע געגענדען. אַלעקסיי מיכאילאָוויטש, דער צווייטער פון די ראמאנאווס, האט אין 1654 ארויס־ געטריעבען דיא אידען פון מאָהליעוו, ווען דיא שטאָדט איז אריין אין זיינע הענד. אין 1676 איז פארבאטען געוואָרען אידען פון סמאָלענסק צו קומען נאך מאסקווא. אין 1727 איז ארויס א געזעץ, צו פארטרייבען דיא אידען וועלכע האבען זיך בע־ זעצט אין אוקראינע און אין אנדערע רוסישע שטעדט און זייא ניט מעהר אריינ־ לאָזען איבער דעם רוסישען גרענעץ. עס שיינט אבער אז ניט אלע זיינען אוועק אדער דאס פּעלע זיינען צוריק געקומען, ווייל אין 1749 איז ערשיענען א נייער אר־ קאז פון קייזערין יעליסאוועטא פעטראָוונא צו פארטרייבען פון רוסלאנד אללע אידען אויסער דיא וועלכע וועלען אננעהמען דעם פראוואסלאווגעם גלויבען. עק־ אַערינא .II ,,דיא גרויסע'', האט אויך אין 1762 בעשטעטיגט דאס געזעץ אז אי־ דען מאָרען ניט וואוינען אין רוסלאנד.

אבער מיט דיא טהיילונג פון פוילען וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין 1773 האט רוסלאנד געמוזט ענדערן איהר פאָליטיק וועגען אידען. דיא אידען זיינען גע־ וועזן אזא וויכטיגער טהייל פון דיא איינוואוינער פון ליטא און פון דעם גרויסען טהייל פון פוילען וואס רוסלאנד האט גערויבט, אז עס איז געוועזן אונמעגליך זייא פון דאָרט ארויסצוטרייבען. דיא קייזערין'ס אפיקורסות און פריינדשאפט מיט דיא פרייגייסטער פון פראנקרייך און איהר ערקלעהרונג (אין 1786) אז אלע רעליגיאָ־ נען און אלע נאציאָליטעטען אין רוסלאנד זאלען האבען גלייכע רעכטע זיינען גע־ ווען גערויבט געוואָרן פון איהר נור אום זיך צו מאכען א שיינעם נאמען אין אויסלאנד, אבער אין אמת האט זיא געהאנדעלט געגען אידען אזוי אונגערעכט און אזוי טי־ ראניש וויא דער גרעסטער רעליגיעזער פאנאטיקער. דיא אויסנאהמס-געזעצע געגען אידען הויבען זיך אָן אונטער איהר רעגיערונג. אין 1791 איז אידען פארבאָטען געוואָרן צו פיהרען געשעפטען אין דיא שטעדט פון אינגערען רוסלאנד אדער אין האפענשטעדט. אין 1794 איז ארויס דער אוקאז אז אידען מעגען צוגע־ שריבענט ווערען צו דיא בירגער (מעשצאנסטווא) אדער צו קלאס פון סוחרים (קופּטשעסטווא) אין דיא פלעצער וואו זיא מעגען וואוינען, אבער דערפאר מוזען

דיא צאהלען דאפעלטע אבגאבען אדער פאראטקעס וויא קריסטען*) דיא אידען וועלכע ווילען נ"ט צאהלען דיא דאפעלטע שטייערען איז ערלויבט געווארען צו פאר־לאזען רוסלאנד.

אין דיא קורצע רעגיערונג פון דעם האלב־פעררייקטען קייזער פאוועל I. איז זעהר ווענינ אויפגעטהאן: געווארען וועגען אידען אויסער וואס דיא אידען פון קור־לאנד וועלכע איז דאן געקומען אונטער רוסישע הערשאפט האבען געקריגען דיא ערלויבניס דארט צו בלייבען. ער האט אויך בעשטימט (אין 1800) דאס אידען וועלכע קענען נ"ט בעצאהלען אלעס וואס עס קומט פון זיי, אנשטאט וואס עס איז זיי אונטער דעם פאריגען געזעץ ערלויבט געווארען אויס צו וואנדערן פון רוסלאנד, זאללען אוועקגעשיקט ווערען ארבייטען אין דיא מינען וואס געהערט צו דער רע־גיערונג.

אלעקסאנדער I. וועלכער איז ארויף אויפען טהראן אין 1801 האט זיך געציינט פריינדליכער צו אידען און האט ערלויבט אידישע קינדער צו בעזוכען דיא אלגעמיי־נע שולען און אקאדעמיען אפילו דארט וואו אידען האבען ביז יעצט נ"ט געטארט וואוינען. זיינע געזעצע פון 1804 האבען געגעבען פיעלע רעכטע צו אידען וועלכע ווי־לען זיך נעהמען צו ערדארבייט. ער האט אויך צוגענומען א גרויסען טהייל פון די מאכט וואס דער רב און דער קהל האבען געהאט איבער דיא אידישע געמיינדען און ערלויבט צו ערוועהלען אידישע פערטרעטער אין מאגיסטראט אדער שטאדט־רעגיערונגען.

אבער דיעזע גוטע געזעצע זיינען ארויס צוזאמען מיט דיא בעשטימונג אז אידען זאלען פאר טריבען ווערען פון דערפער און עס זאל זיי שטרענג פארבאטען ווערען צו האלטען שיינקען און קרעטשמעס. דאס איז געווען איין אמת'ע גזירה און האט פארדארבען דעם גוטען איינדרוק וואס דיא געזעצע וואלטען זאנסט געמאכט. דיא צאהל פון שיינקערס און קרעטשמערס אין ליטא און פוילען איז געווען זעהר גרויס און נאכדעם וויא מען האט זייא פיער יאהר געמאטערט אויף אלערלייא אופנים האט דער מיניסטער פון אינערע אנגעלעגנהייטען, קניאז קוראקין ערקלעהרט דעם קייזער אין 1808 אז עס איז אונמעגליך צו פארטרייבען דיא אידען פון די

---

*) דער קראי בנימין אגא (געשטארבען 1825) וועלכער איז געווען דער שאצמייסטער פון לעצטען טאטארישען הערשער פון קרים איז דאן אוועק נאך סט. פעטערסבורג און האט אויסגעווירקט אז דיא קראים אדער קאראאימעס זאלען זיין פטור פון צו צאהלען דיא דאפעל־טע אבגאבען וואס זיינען ארויפגעלייגט געווארן אויף אידען.

דערפער. אלעקסאנדער האט דערוויל געהייסען אויפהערען דיא אויסווייזונגען און האט אוועקגעזעצט א קאמיסיאן דיא זאכע צו אונטערזוכען. דיא ארבייט פון דיא קאמיסיאן האט זיך וויא געוועהנליך געענדיגט מיט גארנישט; אבער דאס געזעץ איז געבליעבען און איז זיים דאן אימער אנגעווענדעט געווארען ווען דיא רעגיערונג אדער בעאמטע פון איינציגע פלעצער האבען זיך אן דעם דערמאהנט און עס געברויכט אלס א מיטעל צום אונטערדריקען דיא אידישע דארף־בעוואוינער אדער פון זיי צו רייסען געלד.

אלעקסאנדער .I האט עפענטליך אויסגעדריקט זיין צופריעדענהייט מיט דיא אידען פאר דיא טרייהייט וואס זייא האבען איהם געוויעזען אין דער צייט ווען דיא פראנצויזען זיינען אריין אין רוסלאנד אין13—1812. ווען דער קריעג האט זיך געענדיגט האט זיך ווייטער אנגעהויבען א צייט פון מאכען פלענער פון וועלכע עס האט זיך מייסטענטהיילס גאר ניט אויסגעלאזען. פוילען האט נאך דאן געהאט א רעגיערונג פאר זיך אונטער דיא רוסישע הערשאפט און איינער פון איהרע אנפיהרער׳ בישאף מאלצעווסקי, האט זיך אין 1816 געווענדעט צו דוד פריעדלענדער אין בערלין ער זאל ערקלערען וואס ער דיינקט איז אם בעסטען צו טהאן צו פארבעסערען דיא לאגע פון דיא אידען אין פוילען. פריעדלענדער האט אלס א ענטפער געשריעבען זיין ווערק „איבער דיא פערבעסערונג דער איזראעליטען אים קעניגרייך פאלען‟ וועלכעס איז געדרוקט געווארן אין בערלין אין 1819, אבער מעהר האט מען פון דיא פראגע ניט געהערט.

אין 1818 האט אלעקסאנדער .I געהייסען דיא אידען זיי זאלען אויסקלייבען דריי דעפוטאטען וועלכע זאלען קומען נאך פעטערסבורג און די רעגיערונג זאל זיך מיט זיי בעראטהען אין איהרע פלענער וועגען אידען. וויכטיגע אידישע פערטרעטער פון אלע גובערניעס וואו אידען האבען געמעגט וואוינען זיינען צוזאמען געקומען אין ווילנא און מען האט אויסגעקליבען אלס דעפוטאטען: זונדעל זאנענבערג פון גראדנא, ביינוש בוראץ פון וויטעבסק און מיכאל אייזענשטאדט פון מאהילעוו. דיא פערזאמלונג וואס האט זיי אויסגעקליעבען האט אויך ארויסגעגעבען א בעפעהל אז אלע אידען פון רוסלאנד וועלכע האבען זילבערנע עטרות אויף דיא „קיטלען‟ מוזען דאס אוועקגעבען צו קהל און פון דאס געלד וואס מען וועט דערפאר קריגען וועט מען צוזאמען קלייבען דיא סומע פון 3660 רענדלאך א יאהר וואס מען האט אויסגערעכענט אז דיא דעפוטאטען וועלען דארפען האבען אין סט. פעטערסבורג. אבער אויך פון דיעזען פלאן פון וועלכען עס שיינט אז דיא אידען פון רוסלאנד האבען פיעל ערווארטעט, האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען. דיא דעפוטאטען האבען

בייא דיא רעגיערונג נאר ניט אויסגעפיהרט און מען האט מעהר ניט געהערט פון דיא גאנצע אונטערנעהמונג. עס איז נאך דאן ניט געקומען דיא צייט ווען דיא אי־דען פון רוסלאנד זאלען וויסען וויא צו מאכען געברויך פון די וועניגע רעכטע וואס דיא רעגיערונג האט זיי געוואלט געבען. פון אנדערען זייט האט דיא רעגיערונג אימער צוזאמען מיט דיא קליינע טובות אויך געטהאן גרויסע רעות און האט צו דערזעלבען צייט אויך געמאכט אזעלכע אנשטרענגונגען צו בעקעהרען אידען צום פראוואסלאוונעם גלויבען, אז אלעם וואס זיא האט געטהאן האט פאר דיא פרומע אידען אויסגעזעהן זעהר פערדעכטיג. אזוי איז דאס געקומען אלעקסאנדר I. וועלכער איז בכלל ניט געווען שלעכט צו אידען און האט וואהרשיינליך זייא געוואלט העל־פען, האט דאך ניט אויפגעטהאן עטוואס וואס זאל אויף איין אמת פארבעסערען זייער לאגע און אין דער צייט פון זיין טויט (אין 1825) זיינען דיא אידישע מאסען געווען כמעט אזוי ערניעדריגט און פארזונקען אין ארעמקייט און אונוויססענהייט וויא אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט.

פיערטער קאפיטעל.

דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן און דער אנפאנג פון אמתע איד־ דישע פרייהייט. הירש בער און זאלקינד הארוויץ. נאפאלעאן און דיא סנהדרין. אדאלף קרעמיע.

דיא בעסערע קלאסען אידען פון דייטשלאנד האבען אונטער מענדעלסאן׳ס איינפלוס עררייכט אזא הויכע שטופע דאס זיי זיינען בעטראכטעט געווארען אלס גלייך מיט קריסטען א לאנגע צייט פריהער איידער דאס געזעץ האט זיי אנערקענט אלס גלייך בערעכטיגטע בירגער. אין פראנקרייך איז געוועזען פארקעהרט. דיא אידען האבען דארט געקריגען פאליטישע פרייהייט ניט אזוי דורך זייער אייגענע אנשטרענגונגען וויא דורך דיא געוואלטיגע ענדערונגען וואס זיינען דארט פארגעקומען אין דער צייט פון דיא פראנצויזישע רעוואלוציאן וועלכע האט זיך אנגעפאנגען אין 1789. אין דיא גייסטיגע בעוועגונגען וועלכע האבען אלעמען בעשעפטיגט אין פראנקרייך אין יענע צייטען איז מעהר געוועזען דיא רעדע וועגען בעפרייאונג פאר דיא גאנצע מענשהייט און וועגען רעכטע פאר אלעמען, וויא וועגען דיא פראגע צו געבען אידען גלייכהייט מיט איין אונטערדריקטע בעפעלקערונג. דאך האבען ניט געפעהלט אונטער דיא גרויסע מענער פון פראנקרייך לייטע וואס האבען זיך שפעציעל בעשעפטיגט מיט דיא אידישע פראגע און אנערקענט אז אידען פארדינען, וויא אלע מענשען, בעפרייט צו ווערען וויא אלע אנדערע וואס ליידען ניט דורך זייער שולד זאנדערן דורך שלעכטע פאליטישע איינריכטונגען. איינער פון דיא הויפטפיהרער אין אנפאנג פון דיא רעוואלוציאן, גראף מיראבא, (1749—1791) האט געשריבען א ווערק איבער מענדעלסאן און האט דארין שטארק אנגעגריפען דיא דייטשע געלעהרטע שונאי ישראל פון יענער צייט. אנדערע בעריהמטע פראנצויזען וויא דער שטאאטסמאן מאלזערב וועלכער איז גילאטינירט געווארען אין 1794 און דער ליבעראלער גייסטליכער גרעגאאר האבען אויך פיעל געטהאן פאר דיא בעפרייאונג פון אידען.

עס האבען זיך אויך געפונען אידען פון פראנקרייך וועלכע האבען עטוואס

געטהאָן פאַר זייערע ליידענדע ברידער. הירש מעדעלסהיים (סערף בער — 1730 1793) פון עלזאַס, דוד גראַדי פון באָרדאָ (1742—1811) און בער איזאַק בער פון נאַנסי, זיינען וועגען רייכטהום, קענטניס און פעהיגקייטען אנערקענט געוואָרען אַלס אידישע פערטרעטער און האָבען צוזאַמען מיט אנדערע וויכטיגע אידען פון פראַנק־רייך געאַרבייטעט פאַר דיא בעפרייאונג פון אידען. סערף בער האָט אין פראַנקרייך פאַרשפרייט דיא דייטשע שריפט וואָס דאָהם, מענדעלסאָן׳ס פריינד האָט געשריע־בען צו פאַרטהיידיגען אידען. ער איז אויך געשטאַנען אן דער שפיצע פון א אידישע דעלעגאַציאָן וואָס איז בערופען געוואָרען נאָך פאַריז אונטער קעניג לואי XVI פאַר דיא רעוואָלוציאָן און האָט געהאָלפען אָפּצושאַפען געוויסע שפּעציעלע אַבגאַבען וועלכע האָבען דיא אידען פון עלזאַס שווער בעדריקט. עס האָבען זיך אין יענעם דור אויך געפונען אידען אין פראַנקרייך וועלכע האָבען געשריבען פראַנצויזישע ווערקע צו פאַרטהיידיגען דיא אידען. אין 1762 איז ערשיענען א ווערק פון א רייכען פּאָר־טוגעזישען אידען, איזאַק פּינטאָ, (1715—1787) געגען דעם בעריהמטען וואָלטער׳ס אנגריפע אויף אידען. אָבער פּינטאָ האָט געזוכט צו בעווייזען אז דיא פּאָרטוגעזישע אידען שטעהען פיעל העכער וויא דיא דייטשע און פּוילישע און דאָס האָט פאַר־דאָרבען דעם גוטען איינדרוק וואָס זיין ווערק האָט געקענט מאַכען. א יונגער איד פון עלזאַס, ישעיה בער בינג (1759—1805) האָט אין 1787 ארויסגעגעבען א קליי־נעם ביכעלע אין פראַנצויזיש צו פערטהיידיגען אידען און האָט אויך בייגעטראָגען צו ערוועקען אינטערעסע אין דיא אידישע פראַגע.

אָבער דער וויכטיגסטער אידיש־פראַנצויזישער שרייבער אין פראַנקרייך אין יענער צייט איז געווען א גרויסער למדן פון ליטא, ר׳ שלמה זאַלקינד־הארוויץ פון זעמלין, קאָוונער גובערניע, (1738—1812) ער איז געווען א תלמיד פון ר׳ אריה ליב פון וואָלאָזין (שאגת אריה, געשטאָרבען 1785) און האָט, וויא מען גלויבט, איהם בעגלייטעט נאָך מעטץ. זאַלקינד־הארוויץ איז אין בערלין בעקאַנט געוואָרען מיט מענדעלסאָן און מיט אנדערע וויכטיגע אידען. פון מעטץ איז ער אוועק נאָך פאַריז, וואו ער האָט אין אָנפאַנג ביי טאָג געהאַנדעלט מיט אַלטע קליידער און ביי נאַכט שטודירט. ער האָט שטודירט אייראָפּעאישע און אָריענטאַלישע שפּראַכען און איז מיט דער צייט געוואָרען א גרויסער געלעהרטער. ער האָט געוואונען א פּרייז פון דיא אַקאַדעמיע פון מעטץ פאַר זיין שריפט וועגען דיא אידישע לאַגע און דיא מיט־לען איהר צו פאַרבעסערן. שפּעטער איז ער אנגעשטעלט געוואָרען אין דיא קעניג־ליכע ביבליאָטהעק און האָט געשריבען פאַר פראַנצויזישע צייטשריפטען. אין דער צייט פון דיא רעוואָלוציאָן האָט ער סימפּאַטיזירט מיט דיא זשיראָנדיסטען, איינע

פון דיא ראדיקאלסטע פארטייען. ער איז אויך געווען איינער פון א אידישע דעלעגאציאָן וואָס איז געקומען צו דיא נאציאָנאל־פערזאמלונג פון דיא רעוואָלוציאָנערען און דער יודענפריינד גאָדאר וועלכער האָט דיא אידען פאָרגעשטעלט, האָט דיא פערזאמלונג אויפמערקזאם געמאכט אז דער בעריהמטער זאלקינד־הארוויץ איז איינער פון דיא דעלעגאציאָן.

דיא נאציאָנאל פערזאמלונג פון 1791 האט מבטל געמאכט אלע געזעצע געגען אידען און זיי גלייך געשטעלט מיט אלע אנדערע איינוואוינער פון פראנקרייך. אידען האָבען זיך באלד געציינט ווערטה צו געניסען דיא פרייהייטען וואָס מען האָט זיי געגעבען און האָבען געאָפפערט זייער בלוט און זייער פערמעגען פאר דיא בעפרייאונג פון דיא אונטערדריקטע מענשהייט. אין דיא צייט פון „טעררער“ אדער דיא שרעקליכע הערשאפט פון ראבעספיערר און זיינע קאמעראדען, ווען קעפ זיינען געפאָרען ביי די טויזענדע, האבען אידען געליטען ניט מעהר וויא די פראנצויזען זעלבער. עס זיינען פאָרגעקומען שוויריגקייטען ווען דיא רעגיערונג פון דיא רעוואָלוציאָן האָט אָפגעשאפט דיא קאטהאלישע רעליגיאָן און אנשטאָט איהר איינגעפיהרט דיא פערעהרונג פון רעזאָן (שכל, פערנונפט). אין איינינע פלעצער האבען דיא בעאמטע געלערנט דעם פשט אז דיא אידישע רעליגיאָן איז אויך אָפגעשאפט געוואָרען און אָפהיטען אידישקייט איז דארום געוואָרען א פערברעכען געגען דיא געזעצע פון לאנד. ר׳ דוד סינצהיים פון ווירצבורג (געשטאָרבען 1810), וועלכער האָט דאן געוואוינט אין שטראסבורג און האָט זיך גערעכענט פאר דעם גרעסטען תלמודיסט אין פראנקרייך, האָט געמוזט אנטלויפען ווייל ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען פאר וואָס ער היט אָפ שבת און יום טוב.*) דיא נייע פראנצויזישע קאָנסטיטוציאָן פון יאהר 3 (פון נייעם רעכנונג, ד. ה. 1795) האט געמאכט אידען פאר ריכטיגע פראנצויזישע בירגער מיט גלייכע רעכטע וויא אלע פראנצויזען. פראנקריך איז דאמיט געוואָרען דאס ערשטע לאנד אין אייראָפא, אזוי וויא יונייטעד סטייטס איז דאס ערשטע אין דער וועלט, וועלכע האָט געגעבען דיא אידען פולע בירגער רעכט. האָללאנד, דאס ערשטע לאנד אין אייראָפא וועלכע האט דיא

---

*) דיעזע געזעצע געגען רעליגיאָן האָבען אויך געהאט א קאָמישע זייטע. פרומע אידען פון עלזאס זיינען בעשולדיגט געוואָרען אז זיי באקען מצות פאר פסח „געגען דאס געזעץ“. דיא אידען האָבען זיך ענטשולדיגט אז זיי טהוען דאָס צום אנדענקען פון דיא בעפרייאונג פון אידען און דיא רעוואָלוציאָנערע רעגיערונג וועלכע האָט געקעמפפט פאר אלגעמיינע פרייהייט איז צופריעדען געווען מיט דיא ערקלערונג.

אידען ערלויבט צו לעבען רוהיג און צו היטען זייער רעליגיאן, איז אין 1796 איינגע־נומען געוואָרען פון פראַנקרייך און איז אויך פארוואנדעלט געוואָרען אין א רעפּוב־ליק. דיזע נייע רעפּובליק (באטאוויא) האט אונטער פראַנצויזישען איינפלוס אויך געגעבען דיא אידען פולע בירגעררעכט.

ווען דער גרויסער נאַפּאָלעאָן איז געוואָרען דער הערשער און שפּעטער דער קייזער פון פראַנקרייך און האט אנגעפאנגען אוועקצורויבען פון פראַנצויזישען פאָלק דיא פרייהייטען וואס זיי האָבען געוואונען דורך די רעוואָלוציאָן איז נאַטירליך דיא אידישע לאגע אויך עטוואס פארערגערט געווארען. דיא סוחרים פון שטראַס־בורג, וואו אידען האבען פריהער ניט געטאָרט וואוינען, האבען זיך שטענדיג בע־קלאָגט אויף דיא אידישע קאָנקורענץ און פיעלע יאקאָבינער פון עלזאס האבען אינ־טריגירט געגען אידען. אין 1806 האט קייזער נאַפּאָלעאָן פאררופען א אידישע נאָטאַ־בעלען־פערזאמלונג אדער אסיפה פון בעריהמטע אידען און האט נאכהער ארגאני־זירט א אידישען סנהדרין וועלבע האט אויסגעקליבען דעם אויבען־דערמאהנטען ר׳ דוד סינצהיים אלס נשיא, אברהם סעגרי אלס אב בית דין און דעם איטאליענער אברהם די קאלאנא אלס חכם. אבער פון דיזע אונטערנעהמונגען האט זיך גאר נישט אויסגעלאָזען, אויסער דיא ארגאניזירונג פון א אידישען קאָנסיסטאָרום אדער פאראייניגונג פון געמיינדען. געוויסע געזעצע וועלבע האבען בעשרענקט דיא רעכטע פון דיא אידען פון עלזאס זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון נאפּאלעאן א קורצע צייט נאכדעם וויא דיא פערזאמלונג פון דיא סנהדרין האט זיך געשלאָסען.

ווען דיא אלטע קעניגליכע פאמיליע פון דיא בורבאנען איז צוריקגעקומען אויף־פען פראַנצויזישען טהראָן האט זיך דיא אידישע לאגע פארערגערט, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס זייער גלייב־בערעכטיגונג איז אפיציעל גאראנטירט געווארען. ערשט דיא דעפּוטירטען פערזאמלונג וואס איז צוזאמענגעקומען נאך דיא יולי־רעוואָלוציאָן אין 1830 האט פארפאלשטענדיגט דיא אידישע גלייכבערעכטיגונג מיט דעם וואס זיא האט אויך אנערקענט דיא אידישע רעליגיאן אלס גלייכבערעכטיגט מיט דיא קאטהוילישע.

זייט דאמאלס זיינען דיא פראַנצויזישע אידען געווארען אמתע פראַנצויזישע בירגער און האבען ניט מעהר קיין בעזונדערע געשיכטע פאר זיך. ווען דיא שטע־רונגען זיינען צוגענומען געווארען פון זייער וועג האבען אידען אנגעפאנגען צו פאר־נעהמען א וויכטיגען ארט אין פּאליטישען און סאציאלען לעבען און האבען טהייל־גענומען אין דיא גייסטיגע און מאטעריעלע וויא אויך אין דיא פּאליטישע און אפילו אין דיא מיליטערישע ענטוויקלונג פון פראַנקרייך. אידען זיינען געווארען ניט נור

גרויסע סוחרים, באנקיערען און פאבריקאנטען זאנדערן אויך יוריסטען, קינסטלער, שריפטשטעלער, וויסענשאפטליכע פארשער, פאליטיקער און שטאאטסמענער. עס איז ניטא קיין איינציגעס פעלד פון מענשליכע טהעטיגקייט אויף וועלכע פראנצויזישע אידען האבען זיך ניט אויסגעצייכענט. אבער דיזע פראפעסארען, דיפלאמאטען, גענעראלען, ריכטער, פערפעקטען א. ז. וו. זיינען בעריהמט געווארען אלס פראנצויזען, ניט אלס אידען און זייערע טהאטען און זייער וויכטיגקייט געהערען צו דיא פראנצויזישע, ניט צו דיא אידישע, געשיכטע.

נור איינער פון דיזע בעריהמטע פראנצויזישע אידען האט זיך פיעל אינטערעסירט אין אידישע אנגעלעגענהייטען און פערדיענט אין עהרענהאפטען פלאץ צווישען אידישע גרויסע מענער. דיזער מאן איז יצחק משה אדער אדאלף קרעמיע (געבארען 1796 — געשטארבען 1880) איינער פון דיא גרעסטע רעדנער און אדוואקאטען פון פראנקרייך. אין דיא אינגערע יאהרען האט ער געקעמפפט פאר אידישע רעכטע און פאר דיא אפשאפונג פון דיא אידישע שבועה. אין 1840 איז ער צוזאמען מיט דעם בעריהמטען פילאנטראפ ר' משה מאנטעפיאר פון ענגלאנד (1784—1885) און דיא גרויסע געלעהרטע סאלאמאן מונק (1802—1867) און אליעזר לעווע געפאהרען נאך קאירא און זיי האבען ענדליך אויסגעווירקט אז דיא אונשולדיגע אפפער פון דעם שרעקליכען בלוט בלבול פון דמשק פון יענעם יאהר זיינען בעפרייט געווארען אויף דעם בעפעהל פון וויצע־קעניג מחמד עלי וועלכער האט דאן געהערשט איבער סיריען. אין דער צייט פון דיא רעוואלוציאן אין 1848 איז קרעמיע שוין געוועזען אזוי בעריהמט דאס ער איז אויסגעקליבען געווארען צום יוסטיץ מיניסטער און אויך אלס איינער פון דיא פינף וועלכע זיינען געשטאנען אן דער שפיצע פון דיא פראוויזארישע (לפי שעה) רעגיערונג, ביז לואי נאפאלעאן איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט. אין 1858 האט קרעמיע אזוי וויא מאנטעפיאר אויך אומזיסט אנגעווענדעט זיין איינפלוס ארויסצוקריגען פון דיא קאטהאלישע קירכע דעם אידישען אינגעל מארטארא, וועלכער איז אוועקגערויבט געווארען פון זיינע עלטערן ווייל א קריסטליכע דיענסט־מיידעל האט איהם געטויפט אהן זייער וויסען. דיזער קינדער־רויב האט אויפגעשטורמט אייראפא אבער דער פאפסט, וועלכער האט נאך דאן געהאט מעהר איינפלוס, האט דעם קינד ניט אפגעגעבען. מארטארא איז געבליבען א קריסט און איז שפעטער געווארען א בישאף אין שפאניען.

אין 1860 האט קרעמיע געגרינדעט דיא „אלליאנס איזראעליט אוניווערסעל" אדער „חברת כל ישראל חברים" וועלכע האט זיך געשטעלט דיא אויפגאבע צו ארבייטען פאר דיא פערבעסערונג פון דיא לאגע פון אידען אין דיא לענדער וואו

זיי ווערען נאך אונטערדריקט. דיעזער פעראיין איז דער וויכטיגסטער אידישער פעראיין פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט און איז דער עדעלסטער מאנומענט פאר דעם גרינדער. מיט עלף יאהר שפעטער האבען דיא פראמינענטע אידען פון ענג־לאנד אויך געגרינדעט אזא פעראיין, דיא אנגלא־דזשואיש אססאסיישאן (אגודת אחים) וועלכער טהוט אויך זעהר פיעל גוטעס אבגליין ער איז אין אנדערע לענדער ניט אזוי בעריהמט וויא דיא אלליאנס.

קרעמיע איז וויעדער געוואָרען יוסטיץ־מיניסטער ווען נאפאָלעאן. III איז אראָפּגעווארפען געוואָרען פון טהראן אין דער צייט פון דייטש פראנצויזישען קריעג פון 1870—71. דיא אידען אין דיא פראנצויזישע פראָווינץ אלזשיר אין נארד אפ־ריקא זיינען דאן געווען אין זעהר א טרויעריגע לאגע און קרעמיע האט זיך איינגע־שטעלט און ארויסגעגעבען דעם בעריהמטען ,,קרעמיע־דעקרעט'' וועלכער האט אלע אידען פון אלזשיר געמאכט פאר פראנצויזישע בירגער. עס האבען זיך געפונען פיעלע געגנער געגען דיעזע פלוצלונגע עמאנציפאציאן פון די אלזשירער אידען, וויא קרעמיע אליין האָט זיך געריכט, אָבער דיא אידען אין פראנקרייך זיינען שוין דאן געווען שטארק גענוג, ניט מורא צו האָבען פאר דיא בעשולדיגונג אז זייא זוכען זייער איינענע טובה. דער דעקרעט איז געבליעבען אין קראפט און אפילו די אנטי־סעמיטישע בעוועגונג אין פראנקרייך אין דיא לעצטע עטליכע יאהר האט דאגעגען גאר נישט געקענט אויפטהאן. אזוי האט פראנקרייך צוגעקריגען א גרויסע צאהל אידישע בירגער פון אלזשיר אין דער צייט ווען זיא האט פארלארען דעם גרעסטען טהייל פון איהרע אידישע איינוואוינער מיט דיא פראָווינצען עלזאס און לאטהרינ־גען וועלכע דייטשלאנד האָט צוגענומען נאך דעם קריעג.

דער מאָדערנער אנטיסעמיטיזמוס, וועלכער האט זיך פון דייטשלאנד פאר־שפרייט און אייניגע אייראָפּייאישע לענדער, האָט ניט פארפעהלט צו ברייגגען פיעל ערגערניס און פערדרוס פאר דיא פראנצויזישע אידען וועלכע האבען זיך שוין גע־רעכענט פאר פאָלשטענדיגע פראנצויזען און ניט געגלויבט אז אזא אויסברוך געגען זייא איז מעהר מעגליך. אבער נאך אלע שטורמס און אלע פארטומלענים וואס די נייע שונאי ישראל פאראורזאכען, בלייבען דיא פראנצויזישע אידען אמתע פראנ־צויזישע פאטריאָטען און פיהלען זיך זיכער אז דיא אויפרעגונג געגען זייא וועט אריבער אזוי וויא פיעלע אנדערע אויפרעגונגען געגען אידען אין פארשיעדענע צייטען זיינען אריבער און דאס דיא וועלכע דיינקען אז אידען וועלען פארליערען זייער פרייהייט אין דיא ציוויליזירטע לענדער וועלען מיט דער צייט איינזעהען זייער טעות.

די דרייפוס אגיטאציאן האט זיך נאך ניט געענדיגט און קען דארום ניט בעשפראָ־כען ווערען אין א געשיכטליכעס ווערק; אבער דער פונקט דאס א פרעזידענט און איינינע מיניסטעריומס זיינען געצוואונגען געוואָרען אפצוראנקען פון זייערע שטע־לען, און דאס דיא גאנצע ציוויליזירטע וועלט איז אויפגעריהרט געוואָרען איבער דעם אונרעכט וואס מען האט געטהאן א אידען, זיינען דער בעסטער בעוויז דאס דיא אידישע פרייהייטען זיינען יעצט פיעל זיכערער וויא אין דיא אמאליגע ציימען ווען יעדע אגיטאציאן געגען אידען האט געפיהרט צו בלוטפערגיסונגען, צו אויס־ווייזונגען אדער מינדעסטענס צו געזעצע וועלכע האבען אויף איין אמת פארערגערט דיא לאגע פון דיא גאנצע אידישע בעפעלקערונג.

פינפטער קאפיטעל.

בעפרייאונג פון דיא אידען אין ענגלאנד. ר' משה מאנטעפיארי. עמאנציפאציאן אין דייטשלאנד. פארבעסערונג פון די אידישע לאגע אין אנדערע אייראפייאישע לענדער. חכמת ישראל.

אין ענגלאנד, דאס לאנד וועלכעס איז איצטער פרייער און פריינדליכער צו אידען וויא אלע אנדערע לענדער פון אייראפא, האבען אידען ניט נעקריגען זייער פרייהייט אזוי שנעל וויא אין פראנקרייך און אויך ניט מיט איינמאל. דיא גלייכבערעכטיגונג פון דיא אידען אזוי וויא דיא ענגלישע קאנסטיטוציאן זעלבער, האט זיך לאנגזאם ענטוויקעלט און דיא שטרייטיגקייטען וועגען דיא אידישע פראגע האבען זיך געצויגען איבער הונדערט יאהר. אזוי פריה וויא אין יאהר 1753 האט דער ענגלישער פרעמיער מיניסטער פעלהאם דורכגעפיהרט א געזעץ אז דער פארלאמענט זאל קענען געבען בירגעררעכט צו אלע אידען וועלכע וואוינען זייט דריי יאהר אין ענגלאנד, אבער דיא צייט פאר אזעלכע ליבעראלע געזעצע איז נאך דאן ניט געקומען און די פאנאטישע מאסע און דיא לאנדאנער קריסטליכע געשעפטס־לייט וועלכע האבען געהאסט דיא אידישע קאנקורענץ, האבען אויסגעווירקט אז דאס געזעץ איז מיט א יאהר שפעטער בטל געווארען. אין 1794 האט ריטשארד קומבערלאנד געשריבען אין ערפאלגרייכע יודענפריינדליכע טהעאטער־שטיק „דער איד" (*The Jew*) וועלכע האט געהאלפען פארשפרייטען א בעסערע מיינונג וועגען אידען אין ענגלאנד, אזוי וויא לעססינג'ס „נאטהאן דער ווייזע" אין דייטשלאנד.

עס האבען אין ענגלאנד וויא אין דייטשלאנד זיך געפונען ניט נור רייכע זאנדערען אויך געלעהרטע און פעהיגע אידען וועלכע האבען דורך זייערע שריפטען און דורך עדלע אויפיהרונגען געהאלפען בטל מאכען דעם פאראורטהייל געגען אידען. דער ערשטער גרויסער אידיש־ענגלישער שריפטשטעלער איז געווען איזיק דיזראעלי (1766—1848) פון פארטוגעזישער אבשטאמונג. די פארטוגעזיש־אידישע געמיינדע האט אויף איהם ארויפגעלייגט א געלד שטראף פון 40 פונט שטערלינג

פאר וואס ער האט ניט געוואלט אנגעהמען איין אמט פון „מעמדי'' אדער גבאות צו וועלכע ער איז ערוועהלט געווארען. דיא שטרייטיגקייט האט זיך געענדיגט מיט דעם וואס דיזראעלי האט זיך אין גאנצען צוריקגעצויגען פון יודענטהום (1817) און האט געטויפט זיין גאנצע פאמיליע *)

דער קאמפף וועגען דיא בעפרייאונג פון אידען איז פארטגעזעצט געווארען אין ענגלאנד דורך דיא ערשטע העלפט פון נייצעהנטען יאהרהונדערט און אידען האבען ביסלאכווייז געקריגען אימער מעהר רעכטע. אזוי וויא אידען האבען פון אנפאנג אן דארט געמעגט אלעם טהאן און איבעראל וואוינען, איז אין אמת'ן דיא גאנצע שטרייטיגקייט געווען הויפטזעכליך וועגען דאס רעכט צו שטימען און ערוועהלט צו ווערען פאר פאליטישע עמטער, וויא אויך וועגען אנערקענונג פון אידישע חתונות אלס געזעצליך. דעם לעצטען פונקט האבען אידען געוואונען אין 1830. אין דיא זעלבע צייט האבען זייא אויך געקריגען בירגער רעכט אין לאנדאן. דיא „רעפארם ביל'' וואס איז פון ענגלישען פארליאמענט אנגענומען געווארען אין 1832 און האט ענטהאלטען פיעלע ליבעראל ענדערונגען, האט אויך געגעבען אידען און קאטהאליקען דאס רעכט צו שטימען. דער פרעמיער מיניסטער פון יענער צייט, לארד ראססעל, וויא אויך דער בעריהמטער היסטאריקער לארד מאקאליי (1800—1859) האבען זיך אנגענומען פאר אידען און א ביל צו געבען דיא אידען גלייכע רעכטע מיט ענגלענדער איז אין 1833 אנגענומען געווארען אין אונטערהויז אדער „הויז אף קאממאנס'' פון פארליאמענט. דיא הויז אף לארדס האט אבער געשטימט דאגעגען און דיא זעלבע זאך ווידערהאלט צעהן מאהל: דאס הייסט די הויז אף קאמאנס האט דיא ביל צעהן מאל אנגענומען און דיא הויז אף לארדס האט יעדעס מאל געשטימט דאגעגען.

דיא איינציגע זאך וואס איז יעצט געשטאנען אין וועג פון אידען צו ווערען ערוועהלטע בעאמטע איז געווען דיא שבועה וועלבע האט ענטהאלטען דיא בעמערקונג אז דער בעאמטער שווערט „אויף דיא אמונה פון א וואהרען קריסט" צו ערפיללען זיין פפליכט. סיר דוד סאלאמאנס איז אין 1845 געוועהלט געווארן צום אל-

*) זיין זאהן בנימין דיזראעלי אדער לארד ביקאנספיעלד (1804—1881) וועלכער איז שפעטער געווארען פרעמיער-מיניסטער פון ענגלאנד און איז געווען איינער פון דיא גרעסטע דיפלאמאטען אין אייראפא וויא אויך א פעהיגער ענגלישער שריפטשטעלער, איז געטויפט געווארען ווען ער איז אלט געווארען 12 יאהר. זיין וואונדערבארע קאררערע איז דארום א טהייל פון דיא ענגלישע — ניט פון אידישע — געשיכטע.

דערמאן אבער ער האט ניט געקרינען זיין זיטץ ווייל ער האט ניט געוואלט שווער רען דיא אויבען־דערמאָנטע שבועה. און זיא איז שפעטער צוליעב איהם גענד דערט געוואָרן. ער איז ערוועהלט געוואָרן צום פּאַרליאמענט אין 1851 און האט אויך ניט געקענט זיצען אדער וואוטען ווייל ער האט דאָרטען אויך ניט געוואָלט שווערען „אלס א וואהרער קריסט". באראָן ליאנעל ראָטהשילד וועלבער איז ער־וועהלט געוואָרען אלס מיטגליעד פון פּאַרליאמענט נאך פריהער (1847) האט אויך ניט געקרינען דעם זיץ איבער דיא זעלבע אורזאבע. ערשט אין 1858 האט מען בע־שלאָסען אז דיא הויז אָף קאממאנס מעג, אָהן דיא צושטיממונג פון דיא הויז אָף לאָרדס, ענדערן דיא פאָרם פון דיא שבועה פאר איהרע מעמבערס. זייט דאן קע־נען אידישע מיטגליעדער אריין אין פּאַרליאמענט און דערמיט איז דיא גלייכבע־רעכטיגונג פון אידען אין ענגלאנד פּאָלשטענדיג דורכגעפיהרט געוואָרן. אין 1866 איז דיא פאָרם פון שווערען פאר מעמבערס פון ביידע הייזער פון פּאַרליאמענט אין גאנצען אומגעענדערט געוואָרן אזוי דאס אידען אדער אונגלויביגע קענען איהר אויך געברויכען אָהן געוויסענבּיססע. דער ערסטער אידישער לאָרד, נתנאל ראָטה־שילד, האט דאָרום ניט געהאט קיינע שוועריגקייטען ווען ער האט געדארפט איינ־געשוואָרען ווערען אלס מיטגליעד פון הויז אָף לאָרדס אין יאָהר 1885.

ווען דיא פראגע פון דיא שבועה איז געסעטעלט געוואָרן האבען דיא אידען אין ענגלאנד זיך געפונען גלייכבערעכטיגט מיט אנדערע בירגער און האבען אויך, וויא דיא בעפרייטע פראנצעזישע אידען אנגעפאנגען צו מאבען ריעזיגע פאָרט־שריטע. ענגלאנד איז יעצט ניט נור דיא רייכסטע, זאָנדערן אויך דיא גרעסטע און פרייעסטע פון אלע אייראָפּייאישע לענדער און אידען זיינען אונטער דיא הער־שאפט פון קיין אייראָפּייאישע רעגיערונג ניט אזוי זיכער און אזוי הויבגעאבטעט וויא אונטער דיא ענגלישע. אידען פערנעהמען זעהר א וויבטיגען פּלאַץ אין האנ־דעל און אין דיא פּאָליטיק פון ענגלאנד און איהרע מעבטיגע קאָלאָניעס. אין פּאַר־ליאמענט זיינען אימער דא עטליבע אידישע מעמבערס, דריי אידישע לאָרדס זיצען אין אויבער־הויז און דיא הויפט שטאדט לאָנדאָן האט שוין געהאט אייניגע אידישע לאָרד מעיאָרס. אין קיין לאנד פון דער וועלט אויסער יונייטעד סטייטס איז דיא אידישע בעפרייאונג ניט דורכגעפיהרט געוואָרן אזוי פּאָללשטענדיג און דער פּאָר־אורטהייל געגען אידען ניט אזוי אין גאנצען פארגעסען געוואָרן וויא אין ענגלאנד. עס פערשטעהט זיך דאס אונטער אזעלבע גינסטיגע אומשטענדע זיינען אויס־געוואקסען פיעלע בעריהמטע אידען וועלבע האבען געבראבט נוצען צו זייער פרייע פאטערלאנד און עהרע פאר דעם כלל ישראל. דער בעריהמטעסטער פון זייא און

פיעלייכט דער בעריהמטסטער איד אין גאנץ איירעפא אין נייינצעהנטען יאהרהונדערט איז געוועזען דער רייכער בעל צדקה סיר מאָזעס מאָנטע־פיאָרי וועלכער איז שוין אויבען דערמאָהנט געוואָרען.

סיר מאָזעס איז געוועזען אַ פערזענליכער פריינד פון קעניגין וויקטאריא, וועלכע האט איהם ערהויבען צום אדעל שטאַנד. ער האָט דעם גרעסטען טהייל פון זיין לאַנגען לעבען און אַ גרויסע טהייל פון זיין פאר־מעגען פארבראכט צו העלפען אידען וואו עס איז נור געוועזען אַ מעגליכקייט. ער איז זיבען מאָל געוועזען אין ארץ ישראל, 2 מאל אין רוסלאנד (אין 1846 און אין 1872) איין מאל אין עגיפטען און איין מאל אין מאראקא און האט יעדעס מאל אויסגעווירקט גוטעס פאר אידען. ווען ער האט אין 1884 געפייערט זיין הונדערטען געבורטס־טאג, איז עס געוועזען אַ יום טוב פאר דיא אידען פון גאנץ וועלט און ווען ער איז ווייניגער וויא אַ יאהר שפעטער געשטאָרבען איז ער בעטרויערט געווארען אלס איינער פון דיא גרעסטע מענשען־פריינד פון זיין צייט. זיין טהעטיגקייט פאר אידען איז געוועזען אַזוי גרויס, דאס ער איז ווייט מעהר בעריהמט געווארען וויא דיא ראָטהשילדס און אַנדערע גרויסע בעלי צדקה וועלכע האבען מיט געלד אַליין געטהאָן פיעל מעהר וויא ער. דער נאמען מאָנ־טעפיאָרי איז געבליעבען טהייער און הייליג בייא דיא מייסטע אידען און ווערט דערמאָהנט מיט הויכאכטונג און פערעהרונג ביז היינטי־גען טאג.

* * *

אין דייטשלאַנד האבען דיא אידען אין דיא ערשטע העלפט פון נייינצעהנטען יאהרהונדערט דורכגעמאַכט אַ מערקווירדיגע פעריאדע פון גייסטיגע און פאָליטישע טהעטיגקייט. און דיא אינגערע אנגעלעגענהייטען האט געשטורעמט פון דיא בעוועגונג צו רעפאָרמירען רעליגיאָן אַלס מי־טעל געגען דיא נייע בילדונג וועלכע האט דערוויטערט דעם אינגערן דור פון יודענטהום און האָט געבראַכט טויזענדער פאַמיליען צום טויפען זיך. דיא פאָליטישע ענדערונגען זיינען אויך געקומען שנעל איינע נאך דיא אַנדערע אין פארשיעדענע געגענדען און דיא האפנונג אויף פרייהייט איז געוועזען באַלד שטארק און באַלד שוואַך. אונטער דעם איינפלוס פון די פראַנצויזישע זיעגער וועלכע האבען כמעט בעהערשט דייטשלאַנד אין דער צייט פון גרויסען נאַפּאָלעאָן, זיינען דיא דייטשע אידען אין איניגע פלע־צער אַנערקענט געוואָרען אַלס גלייך בערעכטיגטע בירגער. אין דער צייט וואס נאפּאָלעאָן באָנאפארט האט פארקלענערט דיא רעכטע פון דיא אידען פון עלזאס האט זיין ברודער זשעראם, פאַר וועמען ער האָט צו־זאמענגעשטעלט דאס קעניגרייך וועסטפאַלען פון דייטשע פראָווינצען גע־

געבען דיא אידען פולע בירגערדעכט (1808). איזראעל יאקאבזאהן, (1828 — 1769). דער ערשטער איד וועלכער האט איינגעפיהרט אין דייטשלאנד רעפארמירטע גאטעס־דיענסט האט פערנומען א וויכטיגען פלאץ אין הויף פון דיעזען קעניג.

דער פראנצויזישער איינפלוס האט אויך געווירקט אז אידען אין באַדען און אנדערע פראווינצען האבען געקראגען מעהר רעכטע וויא זיי האבען פריהער געהאט. קעניג פריעדריך ווילהעלם פון פרייסען האט אידען געגעבען כמעט גלייכע רעכטע מיט קריסטען אין 1812. אין פראנקפורט אם מאין האבען דיא אידען געקויפט גלייכע רעכטע פאר דיא סומע פון 440,000 פלארין. אבער אזוי שנעל וויא דיא פראנצויזישע סאלדאטען האבען געמוזט פערלאזען דייטשלאנד נאך נאפאלעאנס לעצטע מפלות, האבען דיא דייטשע רעגירונגען אין דיא שטעדט צוריק צוגענומען דיא פרייהייט ביי דיא אידען.

אידען האבען געשיקט זייער פערטרעטער און אויך אדוואקאטען צו פערטהיידיגען זייערע רעכט אויף דעם וויענער קאנגרעס וואס איז אפגעהאלטען געוואָרען אין 15—1814 צו ברענגען אין אָרדנונג דיא איראפייאישע אנגעלעגענהייטען און מבטל צו זיין דיא גרויסע פאליטישע ענדערונגען וואס נאפאלעאן האט פעראורזאכט. דיא בעריהמטע מיניסטארען הארדענבערג פון פרייסען און מעטערניך פון עסטרייך האבען זיך געוויזען פריינדליך צו אידען אבער עס האט זיך אנגעפאנגען איין אגיטאציאן פון דייטשע פאטריאטען ביי וועלכע פאטריאטיזמוס און יודענהאס געהט האנד אין האנד און זיי האבען געארבייט מיט אלע כחות און מיט דיא שמוציגסטע מיטלען אז דער קאנגרעס זאל ניט טאהן קיין גוטעס פאר אידען. דער בעשלוס פון קאנגרעס אז „אידען זאלען בעהאלטען אלע רעכטע וואס זייא האבען געקראגען אין דיא דייטשע שטאאטען" איז דורך א פעלשונג איבערגעמאכט געוואָרען צו לעזען אז זיי זאלען האבען דיא רעכטע וואס זיי האבען געקראגען פון דיא דייטשע שטאאטען. דאס האט פאר אידען איבערגעלאזען נור יענע רעכטע וואס זיי האבען געהאט פאר דעם אנפאנג פון דיא פראנצויזישע הערשאפט, דאס הייסט כמעט גאר קיינע רעכטע.

דיא אידען פון דייטשלאנד האבען דארום געמוזט אנפאנגען דעם קאמפף אום פרייהייט גאר פון דאס נייע אבער א האלבעס יאהרהונדערט פון בילדונג האט זיי געמאכט פעהיג צו פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען מיט גרויס ערפאלג. צוויי געטויפטע אידען לודוויג ב ע ר נ ע פון פראנקפורט (1836—1786) און היינריך היינע פון דיסעלדאָרף (1856— פון וועלכער דער ערשטער איז געוועזען דער בעסטער פאליטישער שרייבער

און דער צווייטער (אויסער געטהע) דער גרעסטער פּאָעט פון דייטשלאַנד, זיינען יעצט געשטאַנען אַן דער שפּיצע פון די „יונג דייטשלאַנד" בעוועגונג, וועלכע האט געקעמפּפט פאַר אַלגעמיינע פרייהייט. דיא גרויסקייט פון בערנע און היינע געהערט צו דיא דייטשע, ניט צו דער אידישער ליטעראַטור, אָבער זיא האבען אין זייערע ארבייטען פאר דיא פרייהייט פון דייטשען פאלק אויך ניט פאַרגעסען דיא אונטערדריקטע אידען פון וועמען זיי האבען געשטאַמט און האבען ביי יעדע געלעגענהייט געפאָדערט גערעכטיגקייט און גלייכבערעכטיגונג פאַר דיא אידישע איינוואוינער פון דייטשלאנד.

אונטער דיא אידען זעלבער איז אויך אויפגעשטאַנען אַ וויכטיגער פאַרטהיידיגער פון אידישע רעכטע אין די פּערזאָן פון גבריאל ריעססער (1806—1860) איין אייניקעל פון דעם ליטווישען רב ר' רפאל הכהן פון וואלאָזין וועלכער איז געוואָרען אַ רב אין האמבורג און איז בעקאַנט אונטער לומדים אַלס ר' רפאל האמבורגער. ריעססער איז אויסער זיינע פּאָליטישע און שריפטשטעלערישע פעהיגקייטען געוועזען איינער פון דיא בעסטע און עדעלסטע מענשען. ער האָט געאַרבייט אונערמידליך פאר אידישע פרייהייט אין אַ צייטונג וועלכער ער האט שפּעציעל דערצו געגרינדעט און אין דיא אַלגעמיינע פּרעסע און דורך בעזונדערע שריפטען. ער האָט איינגעלאַדען אַלע ליבעראַלע קריסטען צו ארבייטען אלס פּרינציפּ זאַכע פאַר דיא בעפרייאונג פון אידען און האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דיא רעוואָלוציאָן פון 1848 וועלכע האט ווידער געבראַכט פרייהייט פאר דיא אונטערדריקטע דייטשע פעלקער און אויך פאַר דיא אידען.

דיעזע רעוואָלוציאָן פון 1848 וועלכע האט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ מיטעל איירָאפּאַ און האָט פאַרניכטעט דיא דעספּאָטישע איינריכטונגען וועלכע האבען זיך נאך אנגעהאַלטען פון פריהעריגע פינסטערע יאהרהונדערטע, פאַנגט אויך אָן דיא עפּאָכע פון אידישע גלייכבערעכטיגונג אין דיא מייסטע ציוויליזירטע לענדער. דיא רעאַקציאָן וואָס איז געקומען נאך 1848 האט ניט מעהר געקענט צוריקהאַלטען דיא שטרעבונג נאך פרייהייט און דיא בעסערע קאָנסטיטוציאָנען וואס זיינען אין דיא מייסטע לענדער געגעבען געוואָרען, האבען אויך געגעבען גלייכע בירגער רעכטע צו דיא אידישע איינוואוינער. אין דיא נעקסטע 15 אדער 20 יאהר זיינען אידען געוועזען גלייכבערעכטיגט אין דיא מייסטע אייראָפּייאישע לענדער וועסט פון רוסלאַנד.

אין האָללאַנד זיינען דיא אידען געבליבען פריי אויך ווען דיא פראַנצויזען זיינען פון דאָרט פאַרטריבען געוואָרען אין 1814. אין איטאַליען

זיינען דיא אידען פריי געוואָרען אין פארשיעדענע צייטען ווייל זיא איז דאַן געווען צוטהיילט אויף פיעלע טהיילען. דיא ליבעראַלע סאַרדיניען האָט אידען געגעבען גלייכע רעכטע אין 1848, אין טוסקאני און לאָמבאַרדיען איז דיא בעפרייאונג געקומען ערשט אין 1859 אין נעאַפעל און סיצילען אין 1861, אין ווענים אין 1866 און שפעטער וויא אומעדום אין רוים. אידען האָבען דאָרט געקראָגען גלייכע רעכטע ערשט אין 1870 ווען דער קירכענשטאַאַט און דיא וועלטליכע מאַכט פון רוים זיינען אונטערגעגאַנגען און גאַנץ איטאַליען איז פעראייניגט געוואָרען אונטער וויקטאָר עמנואל, וועלכער איז פריהער געווען קעניג פון סאַרדיניען.

דיא אידען אין בעלגיען זיינען בעפרייט געווארען אין 1830. דיא וועניגע אידען פון דענעמאַרק אין 1849, מיט א יאָהר שפעטער וויא דיא אידען פון שוועדען. אין דיעזע אַלע לענדער זיינען אידען יעצט א טהייל פון דיא אַלגעמיינע בעפעלקערונג און אַלע שטורמס פון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזמוס איז ניט אומשטאַנדע געווען צו פאַרקלענערען זייערע רעכטע אין דיא לענדער וועלכע האָבען קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונגען.

אין עסטרייך האָבען דיא אידען אויך געהאַט פיעל אויסצושטעהן פון אויסנאַהמס־געזעצע און שווערע שטייערן ביז דיא רעוואָלוציאָן פון 1848 האט זייא ערלייזט און דיא שפעטערע אומענדערונגען האָבען פאַרפאָלשטענדיגט זייער גלייכבערעכטיגונג. דיא געשיכטע פון דיא בעפרייאונג פון דיא אידען פון אונגאַרן איז זעהר אינטערעסאַנט ווייל דער הויפט קעמפפער פאַר אונגאַרישע פרייהייט, לודוויג קאָססוטה, איז ניט געווען פריינדליך צו אידען און האט איז זיין צייטונג וועלכע ער האָט פאַר דיא רעוואָלוציאָן פון 1848 ארויסגעגעבען, זיך אויסגעדריקט אז אידען פאַרדינען ניט קיין גלייכע רעכטע מיט קריסטען דערפאַר וואס זיי האָבען בעזונדערע שפייז־געזעצע אדער הלכות כשרות. דיא טאָלעראַנץ־שטייער וועלכער האָט דיא אידען פון אונגאַרן שווער געדריקט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען אין 1846 און ווען דיא רעוואָלוציאָן האָט זיך מיט צוויא יאָהר שפעטער אנגעפאַנגען אונטער דיא פיהרערשאַפט פון לייטע וועלכע זיינען ניט פריינדליך צו אידען, האָט עס לכתחלה אויסגעזעהן אז אידען האָבען פון איהר ניט פיעל צו ערוואַרטען.

אין אמת האָט זיך דיא רעוואָלוציאָן פון אונגאַרן אָנגעפאַנגען מיט איין איבערפאַל אויף דיא אידען פון פרעסבורג (19טען און 20טען מערץ 1848). אין פאָלגענדען אַפּריל און מאַי זיינען פאָרגעקומען איבערפאַלען אויף אידען אין פערשיעדענע אונגאַרישע שטערט און זאָגאַר אין

פעסט. ערשט ווען אונגארן איז צוריק אונטערדריקט געוואָרען און האָט פארלאָרען איהר קאָנסטיטוציאָן איז דיא שטימונג געגען אידען געוואָרען אַ בעסערע. אין 1867 איז אונגאַרן בעפרייט געוואָרען און געקריגען איהר קאָנסטיטוציאָן. דער יודענפריינד פראַנץ דעאַק איז דאַן געשטאַנען אַן דער שפיצע פון איהר פּאַטריאטען און אידען האָבען געקראָגען גלייכע רעכטע מיט אַלע אַנדערע בירגער. דיא אַנטיסעמיטישע בעוועגונג אין אונגאַרן וועלכע איז אויסגעבראָכען אַ קורצע צייט שפּעטער איז יעצט אין גאַנצען פאַרגעסען און אידען לעבען דאָרט רוהיגער און פרייער וויא אין מאַנכע לענדער וועלכע האַלט זיך העכער אין בעצוג אויף ציוויליזאַציאָן.

אין דער צייט וואָס אידען האָבען געקעמפפט צו קריגען גלייכע רעכטע מיט זייערע שכנים, אָדער ריכטיגער געזאָגט, בעפרייט צו ווערען גלייך מיט זייא, איז אין אידישען לאַגער אין דייטשלאַנד אויך פאָרגעקומען אַ אַ קאַמפּף וועגען רעפאָרם אין רעליגיאָן. אין אָנפאַנג פון נייִנצענטען יאַהר. הונדערט האָבען זיך שוין געפונען אידען אין דייטשלאַנד וועלכע האָבען איינגעזעהן אז מען מוז אונטער אידען אויפוועקען איין אינטערעסע פאַר אידישע געשיכטע און ליטעראַטור און דערמיט אָפּהאַלטען אַז דיא דייטשע בילדונג זאל ניט פארפיהרען אַלעמען צום קריסטענטהום. אין 1819 איז געגרינדעט געוואָרען אין בערלין אַ אידישער „קולטור-פעראיין“ צו דיעזען צוועק און פיעלע פון דיא פעהיגסטע אידישע יונגע לייט, וויא אויך עטליכע פון דיא עלטערע משכילים פון מענדעלסאָן’ס צייט, זיינען געוואָרען מיטגליעדער. אָבער דיא פעהיגסטע פון דיא יונגע מיטגליעדער ווי היינע, מאָזער און גאַנז האָבען זיך איינער נאָך דעם אַנדערן געטויפט און זיינען בעריהמט געוואָרען אַלס דייטשען. נור איין מאַן פון דיעזען פעראיין איז געבליעבען טריי צו דיא אויפגאַבע וואָס זיי האָבען זיך געשטעלט און ער איינער האָט געטאָהן מעהר וויא יעדער אַנדערער צו גרינדען און צו ענטוויקלען דאס וואס מיר רופען יעצט „חכמת ישראל“ אָדער „וויסענשאַפט דעם יודענטהומס“, דאָס הייסט דיא ערפאָרשונג פון דער אידישער געשיכטע, ליטעראַטור, זיטטען, מנהגים א. ז. וו. דיעזער מאַן איז געווען ר׳ יום טוב ליפּמאַן אָדער לעאָפּאָלד צונץ (1794—1886) וועלכער האָט אין זיין גאַנצען לעבען געאַרבייטעט אונערמידליך אויסצופאָרשען און פאָרצולייגען פאַר דיא וועלט אין אַ וויסענשאַפּטליכע פאָרם אַלע פאַקטען וועגען יודענטהום וואס זיינען אינטערעסאַנט אדער ווערטה צו וויסען.

אין דיעזער אַרבייט האָבען איהם דיא ערשטע גאַליציאַנער גרויסע משכילים וויא דיא אויבען דערמאָנטע קראָכמאַל און ראַפּאַפּאָרט וועלכע

האבען געשריבען העברעאיש, פיעל געהאָלפען. אָבער דיא מייסטע וויסענ־שאַפטליכע אַרבייט איז אָנפאַנגס געטהאָן געוואָרען פון דייטשלאַנד. איזאַק מאַרקוס יאָסט (1793—1860) האָט אין 28—1820 פארעפענטליכט זיין „געשיכטע דער איזראַעליטען", דיא ערשטע אידישע געשיכטע וואס איז געשריבען געוואָרען פון אַ אידישען געלעהרטען און אין אַ מאָדערנע שפראַך. דיעזע און אַנדערע היסטאָרישע אַרבייטען האָבען מעגליך גע־מאַכט פאַר היינריך גרעטץ (1817—1891) שפּעטער צו שרייבען זיין גרויסעם מייסטער ווערק „דיא געשיכטע דער יודען" וועלכע איז אַנער־קענט אַלס דיא פאָלשטענדיגסטע אידישע געשיכטע וואס איז ביז יעצט געשריעבען געוואָרען, אָבגלייך זיא איז ניט פריי פון בעדייטענדע פעה־לערען.

נאָך דעם אונטערגאַנג פון דיא וועסטפאַלישע רעגיערונג איז יאַקאָב־זאָהן אַוועק נאָך בערלין וואו ער האָט געגרינדעט אַ פּריוואַט רעפאָרם שול וועלכע איז צוויי מאָל געשלאָסען געוואָרען פון דער רעגיערונג. זיי־נער אַ תלמיד מיט דעם נאמען קליי איז אַוועק נאָך האַמבורג און דאָרט אויך געגרינדעט אַ רעפאָרם טעמפּעל, וועלכער האָט געגען זיך אַרויסגע־רופען אַ שטורם פון דיא קאָנסערוואַטיווע רבנים. אָבער עס זיינען פון דיעזע פּאַרצייטיגע, מייסטענטהיילס פּוילישע, רבנים יעצט אין דיא גרויסע דייטשע און עסטרייכישע געמיינדען זעהר ווייניג געבליעבען. אויף דיא פּלעצער פון דעם בעריהמטען ר' יחזקאל לאַנדא אין פּראַג (1713—1793) ר' פּנחס הורוויץ (הפלאה) פון פראַנקפורט און אין אַנדערע גרויסע שטעדט זיינען גאַר ניט מעהר אויסגעקליבען געוואָרען קיין אַלטמאָדישע רבנים. די לעצטע גדולים וויא ר' מרדכי בעט פון ניקאָלסבערג (1820—1753) ר' יעקב ליסא (געשטאָרבען 1832) ר' עקיבא איגר פון פּויזען (1761—1837) ר' משה (חתם) סופר פון פּרעסבורג (1762—1839) און אַנדערע וואו זיי האָבען געקעמפּפט געגען דעם נייעם רעפאָרם און מאַנכע אויך געגען דיא גאַנצע מאָדערנע בילדונג, אָבער זייא האבען ניט געקענט פיעל אויפטהאָן. שמואל האלדהיים (1806—1860) יועלאער איז געווען אַ גוטער תלמודיסט און ר' אברהם גייגער (1810—1874) אַ מאַן מיט גרויסע תלמודישע און וועלטליכע קענטנים און מיט זעלטענע פעהיגקייטען, האָבען ענטוויקעלט און פאַרשטאַרקט דעם רעפאָרם יודענטהום און יעצט געפינען זיך רעפאָרם געמיינדען אין דיא מייסטע גרויסע שטעדט פון דייטשלאַנד און עסטרייך.

גייגער פאַרנעהמט אויך אַ וויכטיגען פּלאַץ אין דיא נייע וויסענ־שאַפט דעם יודענטהומס. אויך ר' מיכאל זאַקס פון בערלין (1808—1864) דער קאָנסערוואַטיווער און געבילדעטער רב ר' זכריה פראַנקעל (1875—

1801) דער דירעקטאָר פון ראַבינער סעמינאַריום און דער גרויסער תלמודיסט ר׳ צבי הירש חיות פון זאָלקווי (1806—1855) האָבען פיעל געטהאָן פאַר חכמת ישראל. דער מיטעלפונקט פון העברעאישע השכלה איז אין מיטען פון נייнצעהנטען יאָהרהונדערט שוין געווען גאַליציען און רוסלאַנד, אָבער פיעלע פון דיא דייטשע געלעהרטע אויך פון דיא וועלכע זיינען דא אויסגערעכענט, האָבען מיטגעאַרבייט אין דעם „כרם חמר“ וועלכער איז ערשיענען צעהן יאהר (1833—42) פון שמואל ליב גאָלד־בלום פון טאַרנאָפאָל (געשטאָרבען 1846) און האָט פערעפענטליכט שריפ־טען פון דיעזע קלאַס פאָרשער. אין איטאַליען זיינען אויך אויפגעוואַקסען צווי גרויסע געלעהרטע וועלכע האבען מיטגעאַרבייט אויף דיעזעס פעלד; יצחק שמואל רעגגיא (יש״ר, 1784—1855) און שמואל דוד לוצאטו (1800—1865). דייטשע אידישע געלעהרט זעצען פארט דיא פאָרשונגען אין דייטש און אויך בעריהמטע וועלטליכע געלעהרטע וויא פראָפעסאָר מאָריטץ לאַצאַרוס (געבאָרען 1823) נעהמען אַ גרויסע אינטערעסע אין אידישע אַנגעלעגענהייטען און אידישע קענטניסע.

די בעפרייאונג פון די אידען אין דייטשלאַנד און אַנדערע מיטעל־אייראָפּיאישע לענדער האָט אויך געבראַכט אַזעלכע וויכטיגע פערבעסערונגען אין זייער מאַטעריעללע לאַגע וויא אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. אידען האָבען אָנגעפאַנגען צו פארנעהמען די גרעסטע פלעצער אַלס געלעהרטע אַלס פינאַנסירען און פאַבריקאַנטען און אויך אַלס קינסטלער. בערטהאָלד אויערבאַך (1812—1882) איז געוואָרען איינער פון דיא בעסטע דייטשע נאָוועליסטען; אהרן בערנשטיין (1812—1884) איז בעריהמט געוואָרען אַלס פאָפולער וויסענשאַפטליכער שרייבער. אַלס אַ ביישפיעל וויא הויך אידען האָבען זיך אַרויפגעאַרבייטעט, אונטער בעסערע אומשטענדע, אין פעלדער פון קונסט וואו זיי האבען פריהער גאר ניט געלייסטעט קען מען אָננעהמען מוזיק. דער דייטשער איד מייערבעער (1791—1864) און דער געטויפטער איד מענדעלסאָן בארטהאלדי (איין אייניקעל פון מאָזעס מענדעלסאָן, 1809 — 1847) געהערען צו דיא גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרען פון יאהרהונדערט. איינער פון דיא גרעסטע קאָמפּאָזיטאָרען פון פראַנקרייך איז אויך געווען אַ איד, דער בעריהמטער פראמענטהאל ה ל ו י (האַלעווי 1790—1862) דער זאהן פון אליהו חלפן הלוי וועלכער האָט פערפאסט איין אויסגעצייכענטען העברעאישען שיר „השלום“ לכבוד דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן. דער אַלטער יאָזעף איזראַעלס ווערט יעצט גערעכענט אַלס דער גראָסטער מאַלער אין האָללאַנד, דער אינגערער זאַנגוויל (פון רוסי־שער אָבשטאַמונג) געהערט צו דיא בעסטע שריפטשטעללער אין ענגלאַנד און גענעראַל לייטענאַנט אַטאָלענגהי אונטער דיא גרעסטע מיליטערישע

אָנפיהרער און לואיגי לוצאטו איינער פון דיא בעסטע פינאנסירען און דיפלאָמאַטען. דער געטויפטער ענגלישער איד דאַוויד ריקארדאָ (1823—1772) איז געווען איינער פון דיא גרינדער פון וויסענשאַפט פון פאָליטי־שע עקאָנאָמיע און דיא סאָציאַליסטישע בעוועגונג וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט אין דיא צווייטע העלפט פון נייגצעהנטען יאָהרהונ־דערט, האָט געהאַט אַלס איהרע ערשטע און גרעסטע אָנפיהרער דיא אידען פערדינאַנד לאַסאַלל (לאסעל פון ברעסלוי, (1864—1825) און קאַרל מאַרקס (1883—1818). אַזוי האָבען דיא אידען אין אַלע ציוויליזירטע לענדער עררייכט היכע שטעללונגען אין פערשיעדענע פעלדער פון טהעטיגקייט און האָבען פראַקטיש בעוויעזען דאָס זיי שטעהען אין נאַטירליכע פעהיגקייטען געוויס ניט ניעדעריגער און וואהרשיינליך נאָך עטוואס העכער וויא אַנדערע איראָפּייאישע נאַציאָנאַליטעטען.

זעקסטער קאַפּיטעל.

אידען אין רוסלאנד אונטער ניקאלאי דעם ערשטען אלעקסאנדער דער צווייטער און דיא קורצע „גאלדענע צייט״. פּאגראמען און צרות אונטער אלעקסאנדער דעם דריטען. השכלה, נאציאנאליזמוס און אויסוואנדערונג נאך אמעריקא.

דער נאָכפאָלגער פון אַלעקסאַנדער I איז געווען זיין ברודער ניקאָלאַי I אַ פעהיגער אָבער שטרייננער טיראַן וועלכער איז געזעסען אויף דעם רוסישען טהראָן 30 יאָהר (1825—1855) און האָט פאַרהיט אַז קיין שטראַהל פון האָפנונג און פרייהייט פון דיא דאַמאָליגע פּאָליטישע בעוועגונגען אין אייראָפּאַ זאָל אַיינדרינגען אין זיין פינסטערע מדינה. רוסלאַנד איז ניט נאָר געבליעבען פינסטער זאָנדערן זיא האָט נאָך געהאָלפען פאַרשפרייטען פינסטערנים אַנדערסוואו, ווייל ניקאָלאַי האָט אין דער צייט פון דיא רעוואָלוציאָנען אין 1848 געשיקט איין אַרמעע צו אינטערדריקען דעם אונגאַרישען אויבשטאַנד געגען עסטרייך און דערמיט פאַרזאָרגט אַז פרייהייט זאָל ניט קענען אויפהויבען איהר קאָפּ אפילו אין אַ בענאַכבאַרטע מדינה. דאָך מוז מען צוגעבען אַז ניקאָלאַי דאָט געמאַכט גרויסע אנשטרענגונגען צו פאַרבעסערן דיא לאַגע פון רוסישען פאָלק און אויך דיא לאַגע פון דיא אידען, ווען ער וואָלט זיינע געזעצע וועגען אידען ניט דורכגעפיהרט אויף אַזאַ דעספּאָטישען אופן; ווען ער וואָלט ניט, וויא זיין ברודער פאַר איהם, אַרויסגעגעבען שווערע גזירות צוזאמען מיט רעפאָרמען און הויפטזעכליך, ווען ער וואָלט ניט אַזוי אָפען געזוכט צו בעקעהרען אידען צים פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, וואָלטען דיא אידען פון רוסלאַנד געהאַט מעהר צוטרויען צו זיינע פּלענער צו פאַרבעסערן זייער לאַגע און וואָלטען געמאַכט מעהר געברויך פון דיא פּריווילעגיען וואָס ער האָט געגעבען צו דיא וועלכע נעהמען זיך צום שטודירען אָדער צו ערד אַרבייט.

באַלד אין אנפאַנג פון זיין רעגיערונג (1827) האָט ניקאָלאַי אַרויס-

געגעבען א געזעץ אז מען זאל פון אידען נעהמען סאלדאטען גראדע וויא פון קריסטען אבגלייך זייא האבען ניט דיא זעלבע רעכטע. אונטער איהם האט מען אויך אנגעפאנגען צו נעהמען אידישע קינדער (קאנטאניסטען) און זייא איועקשיקען ערציהען אונטער קריסטען וויט פון דער היים ביז זיי פלעגען אלט ווערען 18 יאהר און קענען אנפאנגען דיא „סלוזשבע" אדער מיליטער דיענסט וועלכע האט געדויערט 25 יאהר. אין 1835 און 1836 האט ער ארויסגעגעבען דיא פלענער צו בעזעצען אידען אלס ערד ארבייטער אין סיביר און ווען פיעלע האבען שוין אנגעפאנגען אהין צו פאהרען האט ער פלוצלונג חרטה געהאט (1837) און פארבאטען אידען איבערהויפט צו וואוינען אין סיביר. טויזענדער אידען וועלכע האבען גע־וואלט ווערען ערד ארבייטער זיינען דאדורך רואינירט געווארען און אבּ־גלייך ער האט נאכדעם פאר זייא געלאזט גרינדען קאלאניעס אין כערסאנער גובערניע, האט דיא אונטערנעהמונג צו מאכען אידען פאר ערדאר־בייטער ניט געקענט מעהר האבען קיין ערפאלג. אין 1835 זיינען ארויס־געגעבען געווארען אלע געזעצע וועגען אידען אין א נייע בעזונדערע זאמ־לונג. דיא נייע געזעצע האבען ענטהאלטען אייניגע גוטע פונקטען וועגען דיא רעכטע פון אידען וועלכע ווערען ערד ארבייטער אדער ווילען זיך נעהמען צום שטודירען. אבער אזוי וויא דאס רעכט איבעראל צו וואוינען און זיך מיט אלעם צו בעשעפטיגען איז נאך אימער צוריקגעהאלטען גע־האלטען געווארען און דיא הערשאפט פון „קהל" איז בעשטעטיגט געווא־רען אין דיא אידישע געמיינדען, האבען דיא נייע געזעץ ארדנונגען גע־בראכט דעם כלל וואהרשיינליך מעהר שאדען וויא נוצען. אין 1839 איז איינגעפיהרט געווארען דיא טאקסע אויף פלייש (קאראבקע) וועלכע דריקט נאך דיא אידען אין רוסלאנד (אויסער פוילען וואו דאס איז שפעטער אבּ־געשאפט געווארען) ביז היינטיגען טאג. אין 1843 איז ארויס דיא גזירה צו פארטרייבען אלע אידען וועלכע וואוינען 50 ווערסט פון גרענעץ. מען האט עס אנגעפאנגען דורכצופיהרען מיט גרויסע אכזריות, אבער דיא ארעמקייט און דיא נויטה פון דיא פארטריבענע איז געווען אזוי גרויס אז דיא רעגיערונג אליין האט געמוזט אפלייגען די דורכפיהרונג דערפון. דאס געזעץ איז אבער געבליעבען, וויא עס איז דער מנהג אין רוסלאנד און ווערט אפט בענוצט אנצוטהאן צרות דיא אידען וועלכע וואוינען נאהענט צום גרענעץ.

איינער פון דיא מיטלען וואס אלעקסאנדער I און ניקאלאי I האבען געברויכט צו בעקעהרען אידען צום קריסטענטהום איז געווען צו לאזען אידען ביסלעכווייז געגען געזעץ זיך בעזעצען אין סט. פעטערסבורג און ווען זייא האבען זיך איינגעלעבט און נעגרינדעט געשעפטען אדער געפונען

אַנדערע מיטלען צו מאַכען איין אַנשטענדיגעם לעבען, פלעגט פלוצלונג אַרויס איין אוקאַז אַלע אידען פון דאָרט אַרויסצוטרייבען. פיעלע אידען פלעגען זיך דאַן טויפען און דאַמיט זיך רעטען פון צו ווערען רואינירט און פון זיין געצוואונגען צוריקצוקומען אין דיא איינגע אָרעמע פלעצער וואו אידען מעגען וואוינען. דיעזער פלאַן האָט אַזוי גוט געאַרבייט, דאָס דר. מאַקס ליליענטהאל (1815—1882) וועלכער איז געוועזען אין סט. פעטערסבורג אין 1842 דערצעהלט אַז עס האָבען זיך דאָרט דאַן געפונען ניט ווענינער וויא 40,000 געטויפטע אידען. שפעטער איז זייער צאָהל נאָך פיעל פאַרגרעסערט געוואָרען.

דיא אידען פון פוילען, דאָס הייסט פון דיא צעהן פוילישע גובערניעם וועלכע רעכענען זיך נאָך היינט פאַר אַ בעזונדערע פראָווינץ, זיינען ביז גאַר דיא לעצטע צייט פיעל בעסער בעהאַנדעלט געוואָרען וויא אין ליטאָ, פאָדאָליען און אַנדערע געגענדען וועלכע ווערען יעצט בעטראַכטעט אַלס רוסיש. דאָס קומט טהיילוויז דערפון דאס דיא אידען פון פוילען זיינען מייסטענס געבליבען טריי צו רוסלאַנד אין דער צייט פון דעם ערשטען אויפשטאַנד אָדער מיאַטעזש אין 1830—31. דיא פיהרער פון מיאַטעזש, דאָס הייסט דער פוילישער אַדעל, האָבען געזוכט פרייהייט נור פאַר זיך אָבער ניט פאַר דיא אָרעמע קלאַסען אָדער דיא אידען, און דיא לעצטע האָבען געהאַט אורזאַכע מורא צו האָבען דאס מיט דיא פוילישע הערשאַפט וועלען זיך אומקעהרען דיא אַלטע אונאָרדנונגען און צרות אויף אידען. אַ קליינע צאָהל אידען פון אינגערן דור וועלכע האָבען סימפּאַטיזירט מיט פוילען און זיך געוואָלט אַנשליסען אָן איהר אַרמעע געגען רוסלאַנד זיינען צוריקגעוויעזען געוואָרען פון דיקטאַטאָר כלעפּיצקי וועלכער האָט געהאַט דיא רעגיערונג אין האַנד. ערשט ווען גענעראַל אָסטראָווסקי איז געוואָרען אָבער־קאָמאַנדיר פון דיא פוילישע אַרמעע האָט ער אָנגעפאַנגען אָנצונעהמען אידישע פרייווילינע און אַ רעכטע צאָהל האָבען זיך אָנגעשלאָסען און אויך געוויעזען גבורות אין פעלד. דער יונגער בערקאָוויטש, אַ זאָהן פון אידישען העלד בערקאָ, וואָס איז אויבען דערמאָהנט געוואָרען האָט זיך אונטערנומען צו אָרגאַניזירען אַ אידישען רעגימענט, אָבער דאָס האָט זיך פאַרצויגען ביז רוסלאַנד האָט אונטערדריקט דעם מיאַטעזש און עס איז פון פוילען'ס האָפנונג גאַר נישט געוואָרען.

ניקאָלאַיס פלענער צו פאַרשפרייטען בילדונג אונטער אידען אין רוסלאַנד זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען מייסטענס פון זיין בעריהמטען מיניסטער פון פאָלקס־בילדונג, גראַף אובאַראָוו (אָפּגעדאַנקט 1848, געשטאָרבען 1855). דער אויבען דערמאָהנטער דר. ליליענטאל, וועלכער איז 1840 אָנגעקומען אַלס לעהרער אין ריגא איז פון אובאַראָוו אַרויסגע־

שיקט געוואָרען איבער דיא שטעדט צו גרינדען שולען פאַר אידישע קינ־דער. דער פרומער עולם האָט זיך מייסטענס אויסגעשפּראָכען דאַגעגען אָבער דיא משכילים און זייערע אַנהענגער האָבען איהם און זיינע פּלענער אויפגענומען מיט גרויס ענטהוזיאַזמוס. אין 1843 זיינען צוזאַמענגעקומען אין סט. פּעטערסבורג דער ערשטער קאָנפערענץ פון רבנים אין געלעהרטע טע וואָס אובאַראוו האָט פאַררופען, צו פאַרזיכערען דיא אידען אַז דיא נייע פּלענער בעצוועקען ניט צו פאַרפיהרען אידען צום קריס־טענטהום. דיא פאַרטרעטער פון יודענטהום זיינען ביי דיזער גע־לעגענהייט געווען: דער ראש ישיבה ר' יצחק פון וואָלאָזשין (געשטאָרבען 1849), דער חסידישער רבי ר' מענדעל פון ליבאַוויטש (1789—1866), דער גאַליציאַנער געלעהרטער בצלאל שטערן, וועלכער איז זייט 1822 געווען שול דירעקטאָר אין אָדעסא און דער רייכער און אויפגעקלעהרטער געשעפטסמאַן יעקב יוסף היילפערן פון בערדיטשעוו. ליליענטהאל און אריה ליב (לעאָן) מאַנדעלשטאַם (1809—1889) פון זאגער, דער ער־שטער איד וועלכער איז דורכגעגאַנגען אַ רוסישע אוניווערזיטעט, זיינען געווען סעקרעטערע פון דער פאַרזאַמלונג. מאָנטעפיאָרי און קרעמיע זיי־נען אויך געווען איינגעלאַדען צו קומען אויף דיזער פערזאַמלונג, אָבער זיי זיינען ניט געקומען. דער ערשטער האָט דיזע אָפיציעלע איינלאַדונג בענוצט ווען ער האָט בעזוכט רוסלאַנד צום ערשטען מאָהל אין 1846.

דיזע פערזאַמלונג האָט אויך ניט געבראַכט דיא פרוכט אויף וועל־כע מען האָט געהאָפט אָבגלייך זיא האָט אויפגעטאָהן מעהר וויא דיא פערזאַמלונג אונטער אַלעקסאַנדער I וואָס איז אויבען דערמאָהנט געוואָ־רען. דיא גזירה צו פאַרטרייבען אידען פון 50 וויאָרסט אַרום גרענעץ, וועלכע איז אַרויס גראַדע אין יענער צייט, האָט אַראָפּגעשלאָגען דעם מוטה פון דיא וועלכע האָבען געהאָפט אַז ניקאָלאַי וויל אין אמת'ן פאַר־בעסערען דיא לאַגע פון די אידען אין רוסלאַנד. זיי האָבען איינגעזעהען וויא ריכטיג עס איז געווען דיא ערקלעהרונג וואָס דיא אידען פון מינסק (אונטער דעם איינפלוס פון דעם אויפגעקלערטען זיסעל ראַפּאַפּאָרט) האָ־בען געגעבען ליליענטהאל אין 1842 אַז: „בילדונג אָהן מענשענרעכטע וועט נור ברענגען דערצו אַז עס וועט אונז זיין פיעל שווערער צו טראָגען דעם יאָך פון אונזערע צרות וויא עס איז יעצט". דיא פּלענער צו גרינדען שולען פאַר קינדער און ראַבינער־שולען אַרויסצוגעבען גע־בילדעטע רבנים זיינען אויסגעאַרבייטעט געוואָרען אין 1844. אין 1845 איז ליליענטהאל, וועלכער האט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָ־לע אין דיא אויסאַרבייטונג פון דיא אַלע פּלענער, פּלוצלונג אַוועק

נאך אמעריקא און דיא רעגירונג האט אנגעשטעלט א. ל. מאנדעלשטאם וועלכער איז פאר דיא צייט פון 12 יאהר פארבליעבען דער פארשטעהער פון דיא אידען אין רוסלאנד אין ערציהונגס-אנגעלעגענהייטען. ראבינער-שולען זיינען געעפענט געווארען אין ווילנא און אין זשיטאמיר אין 1848, אבער אזוי ווי די שילער האבען זיך גענומען מעהר צו וועלטליכע בילדונג און צו אנדערע פראפעסיאנען וויא צו רבנות, האט דיא רעגיערונג אין 1873 דיא ראבינער-שולען געשלאסען. א ראבינער-שול וועלכע האט עקזיסטירט איןווארשא זייט 1825 האט נאך ערגער פארפעהלט איהר צוועק און איז געשלאסען געווארען אין 1862.

די טאקסע אויף ליכט וואס מען בענטשט אויף שבת (סוועטשני סבאר) וואס די רעגיערונג האט ארויפגעלעגט אויף אידען צו דעקען דיא אויסגאבען פאר די אידישע שולען, איז קאלעקטירט געווארען אויף א בארבארישען אופן און האט געהאלפען פארהאסט צו מאכען די שולען מיט בילדונג אונטער די אונוויסענדע אידישע מאסען, ערשט נאך 1855, ווען די מפלה פון קרימער אדער סעוואסטאפאלער קריעג האט געבראכט ליבעראלע צייטען אין רוסלאנד, האבען אידען זיך אנגעפאנגען צו נעהמען צו בילדונג מיט גרויס פלייסיגקייט און האבען אנגעפאנגען צו מאכען ריעזיגע פארטשריטע. עס איז אויך באלד ענטשטאנדען א קלאס פון „רוסיפיצירטע" אידען, וועלכע האבען פארנומען וויכטיגע שטעלען אלס רוסישע געלעהרטע, קינסטלער א. ז. וו. און זיינען וויט אריבערגעשטיגען דיא דייטש-העברעאישע משכילים פון אלטען דור.

דיא ליבעראלע געזעצע וועגען אידען וואס אלעקסאנדער II וועלכער האט רעגיערט פון 1855 ביז 1881 האט ארויסגעגעבען אין דיא ערשטע צעהן יאהר פון זיין רעגיערונג, האבען פיעל געטאהן צו פארבעסערן דיא אידישע לאגע און צו ערמונטערן אידען זיך צו נעהמען צו בילדונג. ער האט ערלויבט אידישע אויסגעשטודירטע און אידישע פערווע-גילדעס (קויפלייטע פון ערשטען גראד) צו וואוינען אין גאנץ רוסלאנד, האט אפגעשאפט די טיראנישע געזעצע פון די „פאימעניקעס" אונטער וועלכע מען פלעגט כאפען ערוואקסענע מענשען און קינדער פאר סאלדאטען און האט זאנסט אין פיעלע הינזיכטען בעוויעזען זיין גוטען ווילען צו פערבעסערען די אידישע לאגע, זיין גרעסטער רעפארם איז געוועזען דאס געזעץ פון 1865, אז אידישע בעלי-מלאכות מעגען וואוינען וואו זיי ווילען אין גאנץ רוסלאנד. אבער דאס איז אויך געוועזען כמעט דאס לעצטע גוטע געזעץ פאר אידען וואס ער האט ארויסגעגעבען. די מלחמות פון 1866 (פרייסען מיט עסטרייך) און 1870—71 (פרייסען מיט פראנקרייך) האבען געמאכט איין ענדע צו דיא ליבערא-

לע פעריאָדע אין איירָאפּאַ. יעדע נאַציאָן האָט אָנגעהויבען זיך צו אינטער־רעסירען וועגען איהר אייגענע גרויסקייט מעהר ווי וועגען די מענשהייט בכלל און עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען דיא נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונגען וועלכע האָבען אויפגעוועקט שנאה צו אידען אונטער דעם מאָדערנעם נאָמען—אַנטיסעמיטיזמוס. רוסלאַנד, וועלכע טהוט אימער נאָך דיא ציוויליזירטע פעלקער פון איירָאפּאַ, האָט זיך אויך גענומען צו פּאַנסלאַוויזמוס און דיא רעאַקציאָן איז געוואָרען וואָס ווייטער שטאַרק. אין די לעצטע 15 יאָהר פון דיא רעגיערונג פון אַלעקסאַנדער II איז דיא אידישע לאַגע ניט פיעל פאַרערגערט געוואָרען, אָבער די „גאָלדענע צייט" איז געווען פאַרביי דיא גרויסע פאַרבעסערונגען וויא גלייך־בערעכטיגונג און אַ קאָנסטיטוציאָן אויף וועלכע מען האָט זיך גערעכנט, זיינען ניט געקומען. דיא אויסזיכטען אויף פרייהייטען זיינען געוואָרען נאָך שוואַכער נאָך דעם רוסיש־טירקישען קריעג פון 78—1877 און זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען נאָך דיא ערמאָרדונג פון אַלעקסאַנדער II דען 1טען מערץ 1881. די רעגיערונג פון זיין טיראַנישען נאָכפאָלגער, אַלעקסאַנדער III האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דיא „פּאָגראָמען" אָדער מערדערישע איבערפאַלען אויף אידען אין יעליסאַוועטגראַד, אין קיעוו, אין באַלטא און פיעלע אַנדערע שטעדט. דאַן זיינען געקומען דיא מאַי־געזעצע פון 1882 וועלכע האָבען בעשרענקט און פאַרקלענערט די וועניגע רעכטע וועלכע אידען האָבען געהאַט. אויסווייזונגען און רדיפות האָבען זיך שטאַרק פאַרמעהרט און גרויסע מאַסען אידען האָבען זיך ניט געקענט רעטען אויף קיין אַנדער וועג ווי דורך אויסוואַנדערונג, מייסטענס נאָך אַמעריקאַ.

דער גרויסער פאָרטשריט וואָס אידען אין רוסלאַנד האָבען געמאַכט אין דיא קורצע גוטע צייט און מיט דיא וועניגע רעכטע וואָס זיי האָבען געהאַט, ווייזט וויא גרויס זיי וואָלטען געוואָרען ווען זיי וואָלטען געהאַט אַזעלכע גוטע געלעגענהייטען ווי דיא אידען אין מעהר ציוויליזירטע לענדער. אידען זיינען ניט נור אונטער דיא גרעסטע פינאַנסיערען און פאַבריקאַנטען אין רוסלאַנד און פּוילען, זאָנדערן פאַרנעהמען אַ גרויסען אָרט אין דיא רוסישע קונסט, ליטעראַטור און אַלגעמיינע געלעהרזאַמקייט. דער געטויפטער אַנטאָן רובינשטיין (1829—1894) איז געווען דער גרעסטער פּיאַניסט און מאַרקוס אַנטאָקאָלסקי פון ווילנא (געבאָרען 1840?) איז דער גרעסטער סקולפּטאָר אָדער בילדהויער וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט. אליהו אָרשאַנסקי פון יעקאַטערינאָסלאַוו וועלכער איז געשטאָרבען אין 1875 נור 29 יאהר אַלט איז אַנערקאַנט געוואָרען אַלס איינער פון דיא גרעסטע רעכטס-געלעהרטע און שרייבער איבער פּאָליטישע צושטענדע פון רוסלאַנד.

ער האָט אויך פיעל געשריבען וועגען אידען. עס זיינען אויך איפגעוואָק־סען רוסיש־אידישע שריפטשטעלער וועלכע האָבען געשריבען אין רוסיש ספעציעל וועגען אידען אָדער ערצעהלונגען פון אידישען לעבען. דיא בע־ריהמטעסטע פון זיי זיינען יוסף ראַבינאָוויטש (1816—1865) וועלכער האָט אַרויסגעגעבען די ערשטע רוסיש־אידישע צייטונג, דעם „ראַזסוויעט" און יהודה ליב לעוואַנדא פון מינסק (1835—1888). דער איד שמואל שמעון פרוג און דער געטויפטער איד מינסקי זיינען וואהרשיינליך דיא בעסטע רוסישע פּאָעטען וועלכע לעבען יעצט. איזאק א. לעוויטאַן (גע־שטאָרבען 1900) אשכנזי און מיימון זיינען פון די גרעסטע מאהלער פון רוסלאַנד אין יעצטיגען דור און אָסיפּ נאָטאָוויטש (דער זאָהן פון סימפע־ראָפּאָלער רב) דער אַרויסגעבער פון דיא גרויסע טעגליכע צייטונג „נאָ־וואָסטי" אין סט. פּעטערבורג איז איינער פון איהרע גרעסטע זשורנאַליס־טען. דיעזע אייניגע ביישפּיעלע זיינען גענוג צו פאַרזיכערען דאָס ווען דיא פעריאָדע פון פערפאָלגונגען וועט אַריבער, ווי זיא געהט אימער אַריבער פריהער אָדער שפּעטער, וועלען אידען אין רוסלאַנד פאַרנעהמען דעם פּלאַץ וואָס זיי געהערט, צווישען די גרעסטע און פעהיגסטע פון לאַנד.

* * *

די פאָרטשריטע וואָס די אידען פון רוסלאַנד האָבען אין נייִנצעהנ־יאָהרהונדערט געמאַכט אַלס אידען, דאָס הייסט אין דיא ענטוויקלונג פון אידישע קענטניס און אידישע ליטעראַטור, איז אין מאַנכע הינזיכטען כמעט אַזוי וויכטיג ווי די מאַטעריעלע און וועלטליכע פאָרטשריטע וועלכע זיינען אויבען דערמאָנט געוואָרען. אין אַנפאַנג פון יאָהרהונדערט זיינען דיא משכילים געווען מייסטענס אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע און האָבען געהאַט ווייניג איינפלוס אויף די אידישע בעפעלקערונג. בילדונג איז ביי זיי געווען איין אידעאַל צו וועלכען זיי האָבען געשטרעבט אָהן האָפנונג דערפון צו ציהען נוצען, ווייל דיא פרומע מאַסען האָבען פאַרהאַסט השכלה און אַנערקענט נור תלמודישע געלעהרטע אָדער חסידישע צדיקים אַלס זייערע אַנפיהרער. דיא רעגיערונג פון אַנדערן זייט, האָט פון דיעזע דייטשע און העברעאישע געלעהרטע כמעט ניט געוואוסט, ווייל זיי האָבען מייסטענס ניט פערשטאַנען קיין רוסיש און ערשט דורך דיא פערמיטלונג פון ליליענטהאַל און מאַנדעלשטאַם איז זי אויף זיי אויפמערקזאַם געוואָרען און האָט פיעלע פון זיי אָנגעשטעלט אַלס לעהרער אין די אידישע שולען וואָס זיינען אונטער ניקאָלאַי געגרינדעט געוואָרען. מען קען זאָגען דאָס די משכילים זיינען געווען אָהן אַ פּראָגראַם און אָהן אַ פיהרער ביז דיא ערשטע־

נונג (אין 1828) פון דעם ספר „תעודה בישראל" אין וועלכען דער ער־שטער פון זיי וועלכער האט שטודירט רוסיש און נאכגעדיינקט אויף א פראקטישען אופן איבער די אידישע לאגע, ר' יצחק בער לעווינזאהן (1788—1860) האט ערקלערט דיא וויכטיגקייט פון לערנען חכמה, פון ווערען ערד ארבייטער און בעלי מלאכה און די נוצען וואס מען קען צי־הען פון שטודירען די לאנדס שפראך.

דיעזעס ווערק און דיא אנדערע וועלכע זיינען פון איהם ערשיענען, ווי „בית יהודה" איבער דיא ענטוויקלונג פון רעליגיאן „אפס דמים" געגען בלוט בלבולים, „זרובבל" געגען דיא טענות פון מיסיאנערען און אנדערע קלענערע שריפטען, האבען איהם אויך בעקאנט געמאכט אונטער ניט אי־דען און ער איז איבעראל אנערקענט געווארען אלס דער גייסטיגער פאר־שטעהער פון דיא אידען פון רוסלאנד אדער מינדעסטענס אלס דער אנ־אנפיהרער פון דיא משכילים. אבער ער איז געווען איין ארעמער און קראנקער מאן, וועלכער איז זיין גאנצעס לעבען אפגעלעגען אין זיין געבורטס שטאדט קרעמעניץ, אין וואלין, און איז דארום ניט געווען פעהיג פיעל אויפצוטהאן אויף א פראקטישען וועג, אויסער דורך זיין שרייבען. ער איז אויך נעווען צו וויים פון ליטא, דעם מיטעלפונקט פון השכלה, וואו זיינע מייסטע אנהענגער האבען זיך געפונען. דערפון איז געקומען דאס אבגלייך ער האט געהאט די פעהיגקייטען און האט זעהר גוט פערשטאנען זיין צייט און וואס אידען דארפען, און וואלט אונטער בעסערע אומשטענ־דען געקענט זיין דער מענדעלסאן פון רוסלאנד, איז זיין איינפלוס געווען ניט גרויס אויף דיא ענטוויקלונג פון השכלה און איז שפעטער כמעט אין גאנצען פארגעסען געווארען.

פון אנדערען זייט האבען דיא משכילים וועלכע האבען זיך הויפט־זעכליך נעשטעלט די אויפגאבע צו בעלעבען די העברעאישע שפראך און צו שרייבען זאכען וואס זיינען אנגענעהם צו לעזען און ערוועקען די אינ־טערעסע אין די מאדערנע אידישע ליטעראטור, געהאט א גרעסערען ערפאלג ר' מרדכי אהרן גינצבורג (1796—1847) וועלכער האט צוזאמען מיט שלמה זאלקינד געגרינדעט די ערשטע שול פאר אידישע קינדער אין ווילנא, איז געווען דער ערשטער פון די גוטע שרייבער פון די נייע העברעאיש און זיינע ווערקע ווערען נאך יעצט געלעזען מיט פערגעניגען. דער משורר און מדקדק אברהם בער לעבענזאהן (1789?—1878) און זיין זאהן דער אמת'ער פאעט מיכה יוסף, וועלכער איז געשטארבען 24 יאהר אלט אין 1852 האב־בען געשריבען שירים וועלכע האבען צוגעצוגעצויגען פיעלע צו דיא נייע ליטעראטור. אברהם מאפו פון קאוונא (1808—1867) האט געשריעבען נאוועללען אדער ראמאנען מיט וועלכע יעדע ליטעראטור מעג שטאלצירען.

עס זיינען אויך אויפגעשטאַנען פיעלע וויסענשאַפטליכע פאָרשער, שפּראַך פאַרשער, זשורנאַליסטען און אַלגעמיינע פעהיגע שרייבער וועלכע האָבען רייך געמאַכט די נייע העבּרעאישע ליטעראַטור און צוגעצויגען דעם אינגערן דור איהר צו שטודירען. אַזוי ווי די אידען אין רוסלאַנד האָבען ניט געקראָגען אַזאַ מעגליכקייט פיר אַלגעמיינע בילדונג ווי די דייטשע אידען האָבען ערייכט דורך זייער בעפרייאונג, איז דערפאַר די איבערגאַנגס-פעריאָדע אָדער די צייט פון שטודירען העבּרעאיש אַלס אָנפאַנג פון ניט-תלמודישע בילדונג, אַ פיעל ליינגערע. דערפון קומט דאס די העבּרעאישע שפּראַך האָט אויפגעבליהט אין רוסלאַנד איז געוואָרען מעהר „לעבּענדיג" דאס הייסט זי ווערט מעהר געבּרויכט פאַר ניצליכע און אונטערהאַלטענדע ווערקע און אויך פאַר געוועהנליכע קאָרעספּאָנדענץ, ווי זייט זי האָט אויפגעהערט צו זיין אונזער מוטער-שפּראַך.

די לייטע וועלכע האָבען אַם מייסטען בּערייכערט די נייע העבּרעאישע ליטעראַטור אין דיעזען יאַהרהונדערט און פערדיענען דערמאָנט צו ווערען צוזאַמען מיט דיא פריהעדיגע, זיינען: דער ביבּליאָגראַף יצחק בּן יעקב פון ווילנא (1801—1863); דער געלעהרטער חיים זעליג סלאָנימסקי (געבּאָרען 1810) דער שריפטשטעלער און פּאָעט אברהם בּער גאָטלאָבּער (1811—1899), דער היסטאָריקער און איבּערזעצער קלמן שולמאַן, ווי אויך יעקב רייפמאַן, צבי הכהן ראַבּינאָוויץ און אליעזר צווייפעל. דיא העכסטע שטופע האָבּען וואַהרשיינליך ערריכט דער פּאָעט י ה ו ד ה ל י ב ג א ָ ר ד א ָ ן (1830—1892) און דער זשורנאַליסט פּ ר ץ ס מ א ָ ל ע נ ס ק י (1840—1885), הערויסגעבּער פון „השחר", דעם בּעסטען פון אַלע העבּרעאישע מאָנאַט-שריפטען.

די אויפלעבּונג פון העבּרעאיש איז אַם בּעסטען צו בּעמערקען דורך די גרויסע צאָהל זשורנאַלען וועלכע זיינען ערשיענען אין די אַנדערע העלפט פון 19טען יאַהרהונדערט פון וועלכע מאַנכע האָבּען געהאַט ערפאָלג און עקזיסטירען נאָך בּיז הייטע. די ערשטע וואָכענשריפט וועלכע האָט לאַנג אָנגעהאַלטען איז געווען דער „המגיד" געגרינדעט פון דעם רוסישען שוחט אליעזר זילבּערמאַן (געשטאָרבּען 1882) אין ליק, אָסטפּרייסען, אין 1857. פין'ס „הכרמל" איז געגאַנגען וועכענטליך פון 1860 בּיז 1871 און דאַן מאָנאַטליך בּיז 1881. דער „המליץ" געגרינדעט פון אַלעקסאַנדער צעדערבּוים (1816—1892) אין 1860 און דער „הצפירה" פון דעם אויבּענדערמאָהנטען סלאָנימסקי עקסיסטירען יעצט אַלס טעגליכע צייטונגען. אָבּער די ערשטע טעגליכע צייטונג

אין העברעאיש דער „היום" געגרינדעט אין סט. פעטערסבורג פון דעם פעהיגען זשורנאַליסט י. ל. קאַנטאָר (געבאָרען 1848) האָט עקזיסטירט נור אַ קורצע צייט.

פיעלע פון דיא גרעסטע העברעאישע שרייבער, אָנפאַנגענדיג מיט יצחק בער לעווינזאָהן, האָבען אויך געשריבען ווערקע אויף אידיש אָדער „זשאַרגאָן" פאַר דעם אַלגעמיינעם עולם. אויך דיעזע ליטעראַטור האָט זיך אין רוסלאַנד אין דיא לעצט צייט גוט ענטוויקעלט, אָבער נור אין ביכער אָדער יאַהרביכער, ווייל די רעגיערונג לאָזט געוועהנליך ניט לאַנג עקזיסטירען קיין ציטונג אין דיעזער שפּראַך. די גרעסטע פערפאַסער אויף דיזעם פעלד זיינען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (געבאָרען 1836) און אברהם גאָלדפאַדען (געבאָרען 1840) דער גרינדער פון אידישען טהעאַטער. זיי זיינען וואַהרשיינליך די איינציגע שרייבער פון אידיש-דייטש וועלכע האָבען זוכה געווען אַז זייערע ווערקע זאָלען איבערזעצט ווערן אין לעבעדיגע איראָפּייאישע שפּראַכען. פיעלע אַנדערע האָבען זיך אויך פעדדיענט געמאַכט אום דיעזע אינגסטע אָבטהיילונג פון דיא אידישע ליטעראַטור און זיא גיט האָפנונג צו ערדייכען אַ הויכען גראַד פון ענטוויקלונג אייב אידען זאָלען ניט ווי אַנדערע רעכנען, אין גאַנצען אויפגעבען דאָס אידיש און אָנפאַנגען צו ריידען די שפּראַכע פון לאַנד וואו זיי וואוינען.

אַזוי ווי די נייע-העברעאישע ליטעראַטור, אַזוי האָט אויך די תלמודישע ליטעראַטור יעצט איהר הויפּט מיטעלפּונקט אין רוסלאַנד. די גרעסטע לומדים פון רוסלאַנד אין דעם יאַהרהונדערט וויא ר' אברהם דאַנציג חיי אדם, געשטאָרבען 1821 ר' אבא'לע פּאָסוועלער געשטאָרבען 1836) אין שפּעטער ר' יהושע אייזיק פון סלאָנים, ר' מאור ליבוש מלבי"ם, ר' ישראל סאַלאַנטער, און פיעלע אַנדערע גדולים ביז דעם לעצטען בעריהמטען ר' יצחק אלחנן ספּעקטאָר פון קאָוונא זיינען בעטראַכטעט געוואָרען אַלס די גרעסטע תלמודיסטען פון זייער צייט. די אויסזיכט אויף תלמודישען פאָרטשריט איז אין רוסלאַנד אָבגעשוואַכט געוואָרען זייט דיא רעגיערונג האָט צוגעשלאָסען די וואַלאָזענער ישיבה וואו די מייסטע גדולים פון רוסלאַנד האָבען פריהער געלערנט און וואו בעריהמטע לומדים ווי ר' יוסף בער סאלאווייציג פון בריסק און ר' נפתלי צבי יהודה ברלין זיינען געוועזען ראשי ישיבה. דאָך ווערט דער תלמוד ווייטער שטודירט אין ווענינער ישיבות אָדער פון „פרושים" וועלכע לערנען פאַר זיך. רבנות אין רוסלאַנד בעצאָהלט זיך יעצט פיעל בעסער ווי אַמאָל און דאָס איז די בעסטע פערזיכערונג אַז דער שטודיום פון תלמוד וועט אַזוי שנעל ניט אין גאַנצען אוועקגעוואָרפען ווערען.

דיא נאַציאָנאַלע בּעוועגונגען פון איירּאָפּאַ וועלכע האָבּען פעראורזאַכט די פאָרבּעריטונג פון די פּאַנסלאַוויסטישע פּאַרטיי און דעם נייעם יודענהאַס אין רוסלאַנד האָבּען אויך געפונען זייער אָפּקלאַנג אין רוסיש־אידישען לעבּען. אַ אידישע נאַציאָנאַלע בּעוועגונג, מיט דיא בּעזעצונג פון ארץ ישראל אלס איהר הויפּט צוועק, האָט זיך אנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטען אין פערשיעדענע געגענדען אין רוסלאַנד און חברות פון חובבי ציון זיינען איבּעראַל געגרינדעט געוואָרען. דאָס איז געווען דער נאַטירליכער ענטפער אויף דעם מאָדערנער אַנטיסעמיטיזמוס, און וואָס דער נאַציאָנאַליזמוס בּיי קריסטען און דיא שנאה געגען אידען איז אין דיא לעצטע 15 אָדער 20 יאָהר שטאַרקער געוואָרען, האָט זיך דער אידישער נאַציאָנאַליזמוס אָדער דיא חובבי ציון בּעוועגונג אויך געשטאַרקט. אין די לעצטע פינף יאָהר האָט די ציוניסטישע בּעוועגונג, וועלכע האָט אויך אַ פינאַנציעלע און פּאָליטישע בּעדייטונג און איז אָנגעפאַנגען געוואָרען פון דר. טהעאָדאָר הערצעל פון וויען און ווערט אונטערשטיצט פון דעם שריפטשטעלער מאַקס נאָרדוי פון פּאַריז און פיעלע אַנדערע וויכטיגע פּערזאָנען אין פערשיעדענע לענדער, אויך געפונען גרויסע מאַסען אנהענגער אין רוסלאַנד. עס איז יעצט אונמעגליך פאָראויס צוזעהן וואָס פאַר איין איינפלוס דיזע בּעוועגונג וועט האָבּען אויף דיא צוקינפטיגע אידישע געשיכטע. און וואָס פון איהר וועט איבּערבּלייבּען ווען דיא רעאַקציאָן אין דיא ציוויליזירטע לענדער פון איירּאָפּאַ וועט אַריבּער. יעדענפאַלס געהערען דיזע אַלע פראַגען צו דיא צוקונפט, ניט אין אַ געשיכטע, וואו דיא פערגאַנגענהייט ווערט פאַרשריבּען.

אַ צווייטע בּעוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך נאָך דיא פערפאָלגונגען פון 1881 און וועלכע האָט געמאַכט אַ גרויסען אַיינדרוק אויף די אידען פון רוסלאַנד איז דיא בּעוועגונג פון אויסוואַנדערונג נאָך אַמעריקא. פיעלע איינציגע אידען פון די געגענדען אַרום דייטשען גרענעץ און אויך פון הויך פּוילען זיינען שוין געפאָהרען נאך אַמעריקא זייט דעם מיטען פון נייצעהנטען יאַהרהונדערט. אָבּער די מאַסענאויסוואַנדערונג פאַנגט זיך ערשט אָן נאָך דיא פּאָגראָמען. צעהנדליגע טויזענדע וועלכע זיינען פאַראונגליקט געוואָרען דורך די איבּערפאַללען, אָדער דורך די נייע שטרענגע געזעצע וועלכע האָט פאַרגרעסערט דעם עלענד און די נויטה אין די גובּערניעס וואו אידען מעגען וואוינען, האָבּען פאַרלאָזען אויף אויביג דאָס פינסטערע לאַנד און זיינען אוועק זוכען זייער גליק אין לענדער וואו פרייהייט און ציוויליזאַציאָן גיבּען אַ בּעסערע געלעגענהייט פאַר די וועלכע ווילען אַרבּייטען און אונטערוואַרפען זיי ניט אונטער ספּעציעלע געזעצע. די גרעסטע טהייל פון די אויסוואַנדערער זיינען אוועק נאָך

אמעריקא. א רעכטע טהייל זיינען געבליעבען אין ענגלאנד און אין אנדערע פרייערע לענדער און פיעלע זיינען אויך אוועק נאך אפריקא און אויסטראליען, וואו זיי געניסען דיא פרייהייט און די גוטע געלעגענהייטען צום האנדעל וואס מען געפינט אימער וואו ענגלאנד הערשט. עס זיינען ניטא קיינע גענויע סטאטיסטיקס צו ווייזען וויא גרויס דיא אויסוואנדערונג פון רוסלאנד איז געוועזן אין דיא לעצטע צייט, אבער מען קען זיכער בעהויפטען דאס ניט ווענינגער. און וואהרשיינליך פיעל מעהר, ווי א מיליאן אידען האבען פארלאזען רוסלאנד אין די לעצטע 20 יאהר.

אין רוסלאנד זעלבער האבען פיעלע אידען אויך געענדערט זייערע וואוינונגען און געוואנדערט פון איין געגענד צום אנדערן. א טהייל פון די וועלכע זיינען אויסגעוויעזען געווארען פון די אינערליכע רוסישע פראווינצען, וואו זיי האבען זיך בעזעצט אין דיא צייט פון די מילדע רעגיערונג פון אלעקסאנדער II. זיינען אוועק נאך פוילען. זייער רייכטהום און זייערע פעהיגקייטען האבען פערהאלפען צו ענטוויקלען האנדעל און אינדוסטריע אין פוילען, בעזאנדערס אין דיא שטאדט לאדז וועלכע איז דורך אידישער אונטערנעהמונג געווארען זעהר גרויס און וויכטיג אין דיא לעצטע צייט. פוילען איז דורך דעם יעצט אין א בעסערן צושטאנד וויא פיעלע געגענדען פון רוסלאנד, ווייל די נארישע דעספאטישע רעגיערונג וועלכע האט פארטריבען גוטע און ניצליכע געשעפטס־לייט פון געגענדען וועלכע זיינען נאך ניט גוט ענטוויקעלט. האט דעם רוסישען האנדעל געטהאן דערמיט כמעט אזוי פיעל שאדען ווי צו דיא פערפאלגטע אידען. אין פיעלע געגענדען בעקלאגט זיך דיא קריסטליכע בעפעלקערונג זעהר שטארק אז אלעס געהט דארט ערגער זייט דיא אידען זיינען פערטריעבען געווארען און אין מאנכע פלעצער האבען קריסטען ערזוכט די רעגיערונג זי זאל ערלויבען אידען זיך דארט צוריק צו בעזעצען. דיעזעס גיט האפנונג אז מיט דער צייט וועט נאך רוסלאנד איינזעהן וואס אנדערע האבען שוין לאנג אויסגעפונען, אז דיא אויסוואנדערונג פון אידען איז איין אונגליק פאר א לאנד און דאס נור אונטער פרייע און מענשליכע געזעצע וועלכע גיט אידען און קריסטען גלייכע רעכטע און גלייכע מעגליכקייט, קען א לאנד מאכען אמת'ע פארטשריט און פערדיענען גערעכענט צו ווערען אונטער דיא ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט.

זיבענטער קאפיטעל.

אידען אין דיא יונייטעד סטייטס אין נייצעהנטען יאהרהונדערט איבערזיכט איבער דיא אידישע לאגע אין קלענערע לענדער. שלוסס־ווארט.

דאָס פאָלק פון יונייטעד סטייטס האט געגעבען דער וועלט דעם בעסטען ביישפיעל ווי מען קען לעבען רוהיג און זיכער אונטער פרייע געזעצע און אויך ווי אידען קענען געמאַכט ווערען פאר ניצליכע און געטרייע בירגער ווען זיי האָבען אַלע פרייהייטען וויא אַנדערע. אידען האָבען זיך איינגעלעבט אין די יונייטעד סטייטס און זיינען געוואָרען עכטע אמעריקאַנער. זיי האָבען טהייל גענומען אין אלע מלחמות און אין אלע נאַציאָנאַלע אונטערנעהמונגען און פיע'לע פון זייא האָבען ערדייכט הויכע שטופען אין קריעגס־דיענסט, אין פאָליטיק, אין האַנדעל און אין אַנדערע פעלהער פון מענשליכע טהעטיגקייט. דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק איז צו אַנשטענדיג און צו בעשעפטיגט צו ענטוויקלען די אונגעהייערע נאַטירליכע רייכטהימער פון לאַנד, אום צו האָבען צייט זיך אָפצוגעבען מיט פאָראורטהיילע געגען אַ פאָלק אָדער אַ רעליגיאָן און דיא אידען אַליין האָבען זיך אנגעאייגנעט די טהעטיגקייט און די פלייסיגק״ט פון די אַמעריקאַנער און האָבען זיך נאָך אפילו ניט גענומען די צייט צו ערפאָרשען אָדער צו בעגרייפען זייער אייגענע געשיכטע. די „אַמעריקאַן דזשואיש היסטאָריקל סאָסייעטי“, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1892, האָט אָנגעפאַנגען צו זאַמלען מאַטע־ריאַל פאַר אַ געשיכטע פון אידען אין אַמעריקא, אָבער עס וועט נאָך דויערען אַ רעכטע צייט ביז מען וועט קענען פאָרלייגען פאַר דער וועלט אַ פאלשטענדיגען בעריכט פון דאָס וואָס דיא ערשטע אידען אין אמעריקא האבען גֶעהאַט דורכצומאַכען ביז זיי זיינען געוואָרען אַ טהייל פון אַמערי־קאַנישען פאלק אונטער די קאָנסטיטוציאָן.

די אידען אין אמעריקאָ, ווי די אידען אין ענגלאַנד אדער פראַנקרייך, הערען אין אמת'ן אויף צו האָבען אַ בעזונדערע געשיכטע, נאכדעם ווי זיי

ווערען בעפרייט און גלייכגעשטעלט מיט אַנדערע בירגער. עס זיינען נור דאָ צו פערצייכענען רעליגיעזע אָדער וואהלטהעטיגע בעוועגונגען, וועל-כע האָבען געוועהנליך קיין ספעציעלע אינטערעסע פיר די אַלגעמיינע גע-שיכטע. דער קאָנסערוואַטיווער ראַבינער אייזאק ליסער און די רעפאָרמיר-טע אָנפיהרער פון יודענטהום וויא אייזאק מ. וויס (געשטאָרבען 1900) האָבען פאָרטגעזעצט דאָ די רעליגיעזע בעוועגונגען וועלכע האָבען זיך אָנ-געפאַנגען אין אייראָפּא. נור זיי האָבען דאָ, אונטער די פערענדערטע אומ-שטענדע, אָנגענומען עטוואָס אַנדערע פאָרמען. ווייטער בלייבט איבער נור צו דערמאָהנען איינינע פון די בעריהמטע אידען צו ווייזען דאָס פעהיגקייט און מוטה ווערען אויך דאָ אַזוי וויא אין אַנדערע לענדער, אַנערקענט און דאָס אַ איד קען דאָ עררייכען אַלעס צו וואָס זיין טאַלענט בערעכטיגט איהם. אַזוי צום ביישפּיעל איז דזשייקאָב היים (געשטאָרבען 1850) פאַר 48 יאָהר געוועזען הויי־קאָנסטאַבל אדער העכסטער פּאָליס בעאַמטער פון נויארק. אוריה פ. ליוואַי, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1862 איז געוועזען קאַפּיטאַן פון אַ קריעגס־שיף און האָט עררייכט דיא ראַנגע פון אַ קאָממאַדאָר, וועל-כע איז דאַן געוועזען די העכסטע שטעלע אין די אַמעריקאַנישע מארינע.

אַ מערקווירדיגע פערזענליכקייט איז געוועזען ר' מרדכי מאַנועל נאָאַה (1785—1851) וועלכער איז געוועזען אַמעריקאַנישער קאָנסול אין טונים און אַלזשיר אין 1814 און שעריף פון נויארק אין 1822. ער איז געוועזען אַיין ערפאָלגרייכער דראַמאַטיסט און אַ בעריהמטער פּאָליטיקער און זשור-נאַליסט. ער האָט זיך אָבער אויך אַרומגעטראָגען מיט אַ פּלאַן צו גרינדען אַ אידישען שטאַאט פאַר די פערפאָלגטע אידען פון גאַנץ וועלט אויף גראַנד איילאַנד ביי באַפלאָ, נויאָרק און האָט זיך אַליין ערקלערט אַלס „ריכטער פון ישראל" אונטער וועמענס אויפזיכט דער נייער סטייט זאָל אויפוואַקסען. די צערעמאָניע פון אָנפאַנג צו בויען אַ אידישע שטאָדט מיט דעם נאָמען „אררט" אויף יענעם אינזעל איז געפייערט געוואָרען מיט גרויס פאַראַד אין 1825, אָבער עס איז פון דעם גאַנצען פלאַן גאר נישט געוואָרען און מען האָט מעהר דערפון ניט געהערט. נאָאַה איז צוריק אַריין אין פּאָליטיק און איז אין 1829 פון פּרעזידענט דשעקסאָן אַפּאָינטעד געוואָרען צום סורוויאָר פון נויאָרקער פּאָרט, אַ שטעלע וועלכע ער האָט געהאַלטען 4 יאָהר. אין 1841 האָט איהם גאָווערנאָר סיוארד געמאַכט פאַר אַ ריכטער פון נויאָר-קער קאָרט אָף סעשאַנס, אָבער ער האָט דיא שטעלע געהאַלטען נור אַ קורצע צייט.

דער גרעסטער איד אין אַמעריקאַנישען פּאָליטישען לעבען איז געוועזען יודאה פ. בענדשעמין (1811—1884) ער איז געבאָרען געוואָרען אין וועסט

אינדיען און איז אַלס קינד געקומען נאָך סאוואנא, דשארדשיא, שפּעטער האָט ער זיך בּעזעצט אין ניו אָרלינס און איז אין 1852 ערוועהלט געוואָרען צום יונייטעד סטייטס סענאַטאָר פון סטייט לואיזיאנא. ער איז געווען איינער פון דיא פעהיגסטע סענאַטאָרען פון דיא סויטה און איז אין 1857 ערוועהלט געוואָרען פאַר אַ צווייטען טערמין. ווען די סויטה האָט זיך אָפּגעריסען פון דיא יונייטעד סטייט האָט בענדשאמין פאַרלאָזען דעם סענאַט און איז געוואָרען פריהער אַטטאָרני־דזשענעראַל און דערנאָך סעקרעטערי אָף סטייט (מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען), אונטער דשעפערסאָן דיווויס, דעם פּרעזידענט פון דיא נייע רעפּובּליק פון דער סויטה. בּענדזשאמין איז בּעטראַכטעט געוואָרען אַלס דער פעהיגסטער מענש פון די רעגיערונג פון דער סויטה. ווען די נאָרד האָט געזיעגט אין 1865 איז בּענדשאמין אַוועק נאָך ענגלאַנד וואו ער איז געווארען איינער פון די גרעסטע אַדוואָקאַטען אין לאַנד. ער איז געשטאָרבּען אין פּאַריז.

טויזענדע אידען האָבּען זיך געשלאָגען אין די אַרמעען פוןביידע זייטען אין דעם בּירגער קריעג צווישען דיא נאָרד מיט די סויטה אין 65 — 1861. פון דער סויטה זיינען כמעט אַלע ערוואַקסענע מענשען געווען אין קריעג און מען רעכענט דארום אַז ניט ווייט פון 10.000 אידען פון יענעם טהייל לאַנד האָבּען דורכגעמאַכט דעם קריעג. אַ גרויסע צאָל פון זיי האָבּען זיך אויסגעצייכענט אַז פּיעלע האָבּען ערר ייכט הויכע עמטער. אין דיא יוניאָן אַרמעען פון די נאָרד האָבּען זיך אויך געפונען פּיעלע אידען וועלכע האָבּען געוויעזען גבורות און זיינען בּעלוינט געוואָרען מיט וויכטיגע מיליטערישע טיטלען. פרעדריק קנעפלער איין אונגאַרישער איד פון אינדיאַנאַ האָט ערר ייכט די ראַנגע פון גענעראַל־מאַיאָר (מעדשאָר־דשענעראַל) דעם העכסטען מיליטערישען אַמט צו וועלכען אַ איד האָט דערלאַנגט אין אַמעריקאַ. בּריגאַדיער גענעראַל עדוארד סאלאמאנס, וועלכער האָט זיך אויך אויסגעצייכענט אין בּירגער־קריעג אויף די יוניאָן זייט, איז שפּעטער פון פּרעזידענט גראַנט אַפּאָינטעד געוואָרען צום גאָווערנאָר פון וואַשינגטאָן טעריטאָרי און די דאָרטיגע איינוואוינער זיינען פון זיין פערוואַלטונג געווען העכסט צופריעדען.

אויסער בּענדשאמין זיינען נאָך צוויי אידען, יאנאס און יולי, געזעסען אין יונייטעד סטייטס סענאַט. דער פיערטער איד וועלכער האָט ערר ייכט דיעזע גרויסע אויסצייכנונג איז דשאָסעף סיימאָן, וועלכער איז מיט איינינע יאהר צוריק ערוועהלט געוואָרען צום יונייטעד סטייטס סענאַטאָר פון סטייט אָרעגאָן. דיא צאָהל פון אידען וועלכע זיינען געווען קאָנגרעסמען, ריכטער אָדער מיטגליעדער פון די געזעצגעבּונגען אָדער אסעמבּלים פון איינצעלנע

סטייטס איז צימליך גרויס און איז נאָך ביז יעצט ניט אין גאנצען אויפגע־ זאמעלט געוואָרען. פרעזידענט גראנט האָט געשיקט א אידען, ב. פ. פייר־ שאטטא, אלס גענעראל קאָנסול נאָך רומעניען. קליוולאנד אין זיין ערשטען טערמין (1885—1888) האָט געמאכט דעם אידען אסקאר שטרויס פון נויארק צום געזאנדטען אין טירקיי און זיין נאָכפאָלגער, פרעזידענט הער־ ריסאָן האָט דאָס זעלבע אמט געגעבען צו דעם אידען הירש פון אָרעגאָן. מען קען אָנפילען א גאנצעס בוך מיט נעמען פון אידען וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען הויכע און עהרענהאפטע שטעלען אין פּאָליטישען און סאָ־ ציאלען לעבען פון די יונייטעד סטייטס.

דיא ערשטע בעריהמטע אידען וואס זיינען דאָ דערמאנט געוואָרען ווי איבערהויפט די ערשטע וויכטיגע אידען פון אמעריקא זיינען כמעט אלע געווען פון שפאנישער אָדער פארטוגעזישער אָבשטאמונג. אין מיטען פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט, בעזאָנדערס נאָך דיא רעוואָלוציאָנען פון 1848 האָבען דייטשע אידען אָנגעפאנגען צו קומען נאָך אמעריקא אין גרויסע מאסען און דיא פארטוגעזען וועלכע האָבען אין אָנפאנג אויף זייא געקוקט מיט פאראכטונג, זיינען נאכהער כמעט אין גאנצען פארדריינגט געוואָרען. יעצט זיינען דער וויכטיגסטער טהייל פון דיא אמעריקאנישע אידען פון דייטשער אָבשטאמונג, אָבער די אידען פון רוסלאנד וועלכע שטייגען זייא ווייט אריבער אין צאָהל זייט דיא מאססען איינוואנדערונג האָט זיך אָנגע־ פאנגען אין 1881, ווערען שנעל אמעריקאניזירט און ארבייטען זיך ארויף, און עס איז גאנץ וואהרשיינליך, אז זייא וועלען מיט דער צייט פארנעהמע־ דעם וויכטיגסטען פּלאץ אין אמעריקאנישען יודענטהום. דער בעסטער בע־ וויז פון דעם ריעזיגען פאָרטשריט וואָס דיא רוסישע אידען אין יונייטעד סטייטס האָבען געמאכט איז דאָס אין דער שטאָדט נויאָרק אליין עקזעסטי־ רען פינף טעגליכע אידישע צייטונגען. פיעלע פון דיא גרעסטע משכילים און אידישע ליטעראטען פון רוסלאנד האָבען נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיעל פון מעהרערע רבנים און חזנים און זיינען געקומען נאָך אמעריקא, וואו זיי געפינען דאָס די זעלבע רוסישע אידען בילדען דאָ א פרייערען ליבעראלע־ רען און רייכערען פובליקום וויא אין דאָס פאראָרעמטע אונטערדריקטע יוסלאנד.

* * *

אין די קלענערע לענדער פון אייראָפּא וועלכע האָבען קאָנסטיטוציאָ־ נעלע רעגיערונגען האָט זיך די אידישע לאגע אויך פיעל פארבעסערט אין ניינצעהנטען יאהרהונדערט. די איינציגע אויסנאהמע מאכט די האלב באר־

באַרישע רומעניען, וואו די אידישע צרות האָבען זיך אָנגעפאַנגען זייט יאָהאַן קוזאַ האָט פאַרלאָרען דיא הערשאַפט און קעניג קאַרל פון האָהענ־צאָללערן איז אַרויף אויף זיין פלאַץ. (1866). שלעכטע מיניסטאָרען וויא בראַטיאַנו און קוגאַלניציאַני האָבען געטהאָן אַלעס וואָס זיי האָבען געקענט צו פערערגערען די אידישע לאַגע און ווילדע איבערפאַלען פון פאָלק זיי־נען דאָרטען אָפט פאָרגעקומען. דער בערלינער קאָנגרעס פון פאַרטרעטער פון אַלע אייראָפּייאישע מעכטע, וועלכער איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען נאָך דעם רוסיש־טירקישען קריעג אין 1878 האָט אַנערקאַנט דיא אונאַבהעניג־קייט פון סערביען, בולגאַרן און רומעניען און בעשטימט אַז דיעזע לענדער זאָלען געבען אידען גלייכע רעכטע מיט אַלעמען. אָבער רומעניען האָט דיעזעס קיינמאָל ניט געפאָלגט און דיא צרות פון דאָרטיגע אידען אין דיא לעצטע צייט איז אַזוי פאַרגרעסערט געוואָרען, דאָס גרויסע מאַססען וואַנ־דערן אוים נאָך אַנדערע לענדער.

אין סערביען האָבען דיא ווענינג אידען וואָס געפינען זיך דאָרט אויך געהאַט שלעכטע צייטען, בעזאָנדערס אונטער די דינאַסטיע קאַראַגעאָרגעא־וויטש, וועלכע האָט זיך אימער געציינט ניט פריינדליך (1842). מילוש אָבּרענאָוויטש וועלכער האָט צוריק געקראָגען דיא אויבערמאַכט אין 1859 האָט זיך געוויזען פריינדליך, אָבער זיין זאָהן מיכאַעל האָט געפאָלגט דיא סערבישע געשעפטסלייט וועלכע האָבען איהם אָנגערייצט אויף דיא אידען און זייער לאַגע איז ווידער ערגער געוואָרען. אָבער זייט דעם בערלינער קאָנגרעס האָבען אידען אין סערביען בירגער רעכט און אַלע ציווילע און מיליטערישע עמטער זיינען פאַר זיי אָפען. זיי האָבען אויך ערוועהלט איי־ניגע מיטגליעדער אין סקופּטשינא אָדער לאַנדטאַג.

אין בולגאַריען און רומעניען האָט זיך אויך דיא אידישע לאַגע פיעל פאַרבעסערט נאָך דעם בערלינער קאָנגרעס און פרינץ אַלעקסאַנדער פון בולגאַריען האָט זיך געציינט פריינדליך. אין 1884 איז אין סאָפיא דיא הויפּטשטאָדט פון בולגאַריען געווען איין עלילת דם אָבער דער שטורם איז שנעל פאָראיבער.

אַם ערגסטען איז דיא אידישע לאַגע אין מאַראָקקאָ, אין פערזיען און אין אַלע אַזעלכע לענדער וועלכע שטעהען זייער ניעדריג און דיא גאַנצע בעפעלקערונג הייננט אָפּ אָן דעם קאַפּריז פון דעם הערשער אָדער פון זיינע בעאַמטע. אין טירקיי ציינט זיך די רעגיערונג געוועהנליך פריינדליך צו אידען. אָבער דאָס לאַנד איז נאָך אויך ניט גענוג ענטוויקעלט צו גע־בען די איינוואוינער די זיכערהייט אונ די גערעכטיגקייט פון אַ ציוויליזיר־

טער מדינה און מאססען אידישע איינוואוינער געפינען פאר זיכערער דארט צו וואוינען אלס אויסלענדישע אונטערטהאנען. דאס זעלבע איז אויך אין עגיפטען און אנדערע פלעצער וואו אידען געפינען שוץ פון פון די אייראָ־פּייאישע מעכטע וועלכע האלטען דארט אָרדנונג.

דיא אידישע געמיינדען אין ירושלים, חברון, צפת און טבריא און אנדערע פלעצער אין ארץ ישראל זיינען פיעל פארגרעסערט געוואָרען אין די לעצטע העלפט פון נייגצעהנטען יאהרהונדערט און דיא גאנצע אידישע וועלט איז פעראינטערעסירט אין דעם ערפאָלג פון די אידישע קאָלאָניעס וואס זיינען אין יענע געגענדען געגרינדעט געוואָרען אין דיא לעצטע 20 יאהר. די אידען אין די ציוויליזירטע לענדער, דורך זייערע מעכטיגע פער־איינען ווי די „אלליאנס" אָדער „בני ברית" טהוען פיעל צו פארבעסערן די לאגע פון אידען און צו גרינדען שולען פאר אידישע קינדער אין די לענ־דער וואס פיהרען זיך נאָך אונטער פארצייטיגע דעספאָטישע רעגירונגען וואו אידען ווערען נאָך פארפאָלגט און פאראכטעט ווי אין מיטעלאלטער. איינינע גרויסע בעלי צדקה וויא באראָן מאָריץ דע הירש (1831—1896) האבען אויך פיעל געטהאָן פאר אונטערדריקטע אידען אין פערשיעדענע לענדער. אין דער צייט פון דיא מאססען־איזסוואנדערונג פון רוסלאנד נאָך די פערפאָלגונג אונטער אלעקסאנדער III האבען רייכע אידען פון אייראָ־פּאַ און אמעריקא געהאָלפען די אונגליקליכע וואנדערער ווי ווייט זיי האָ־בען געקענט אזוי ווי רייכע אידען אין די צייטען פון די פערפאָלגונגען אין דייטשלאנד, פון גירוש ספרד אָדער פון די גזירות ת"ח האבען געטהאָן אין יענע אונגליקליכע צייטען. דער מיטליידס־געפיהל וועלכער כאראקטעריזירט אידען בכלל איז אזוי שטארק, און די צרות וואס אלע האבען אין פער־שיעדענע צייטען געליטען איז נאָך אזוי פריש אין יעדען אידען'ס געדעכט־ניס, דאס יוען אידען ליידען אָדער ווערען געטראָפען פון איין אונגליק אפילו אויף דעם וויטעסטען פלאץ פון דער ערד. וועקט עס גלייך אויף די סימפּאטהיע און דעם בעדויערען פון די אידען פון אללע לענדער פון דער וועלט, און אלע אידען פיהלען די שמערצען וואס איינציגע אידען ליידען.

* * *

ווען מען ווארפט צוריק א בליק אויף דיא מערקווירדיגע פיער טויזענד יאָהריגע געשיכטע וועלכע איז דא פארצייכענט געוואָרען, און מען דערמאָנט זיך אָן די מערדערייען פערשקלאפונגען און אונטערדריקונגען פון וועלכע מיר האבען אין דיזע לאנגע צייט געליטען און זיינען דאָך ניט

אונטערגאַנגען. איז אונמעגליך צו אונטערדריקען דעם געפיהל פון וואונדער
און בעגייסטערונג. דער פאַקט דאָס אידען האָבען איבערגעלעבט אַלע זייַ־
ערע פיינינגער און פערפאָלגער דאָס זיי האָבען געזעהן וויא דיא מעכטיגע
רעגירונגען און די הויך־ענטוויקעלטע פעלקער וואס האָבען אויף זיי אַרונ־
טערגעקוקט, זיינען פערשוואונדען און פערגעסען געוואָרען, איז ניט אַזוי
איבערראַשענד ווי דאָס וואָס דער אידישער גייסט און די אידישע פעהיג־
קייטען זיינען אין דיעזע לאַנגע פינסטערע צייטען ניט פאַרניכטעט געוואָ־
רען. די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט שטודירט דעם אידישען תנ"ך, די גרעס־
טע געלעהרטע בעשעפטיגען זיך מיט געדאַנקען וואָס אידישע דענקער האָ־
בען ענטוויקעלט, און די בעסערע קלאַסען פון אַלע פעלקער לעזען שריפ־
טען פון אידישע פערפאַסער, אונטערהאַלטען זיך מיט הערען מוזיק פון
אידישע קאָמפּאָזיטאָרען, אַפּלאָדירען אידישע שוי־שפּילער אויף די גרעסטע
ביהנען און ווערען בעאַיינפלוסט פון דיא פּרעסע אין וועלכע אידען שפּיע־
לען אַ זעהר וויכטיגע ראָלע. דיא קונסט, דיא ליטעראַטור און דיא וויסענ־
שאַפט פון דער ציוויליזירטער וועלט, וואָלט אַזוי פיעל געליטען וויא פי־
נאַנס און קאָממערס, ווען מען זאָל פון דיעזע פערשיעדענע פעלקער צו־
ריקציהען דאָס וואָס געהערט צו אידען און אַלעס וואָס איז, דירעקט אָדער
אינדירעקט געשאַפען געוואָרען דורך אידישען טאַלענט.

אידען וועלכע דיינקען נאָך וועגען זייער וואונדערבאַרע פערגאַנגענ־
הייט האָבען רעכט צו זיין שטאָלץ אויף דעם אידישען נאָמען און האָבען
אויך קיין אורזאַכע צו זיין אונרוהיג וועגען די צוקונפט. עס איז אמת דאָס
די פאַרבעסערטע לאַגע פון אידען האָט אין אַנדער־ע לענדער צוריק אויפ־
געוועקט דיא שנאה וואָס מען האָט מיט אַ דור צוריק געמיינט אַז זיא איז
שוין אויף אייביג איינגעשלאָפען, און דאָס די פּאָליטישע פרייהייט האָט ניט
פאַרטריעבען אלע פאָראורטהיילען געגען אידען, וויא פריהערדיגע פריידיינ־
קער האָבען געהאָפט. אָבער מען דאַרף ניט פאַרגעסען אַז מיר זיינען ניט
דיא איינציגע וועלכע ליידען און דאָס דער גייסט פון נאַציאָנאַליזמוס וואס
האָט זיך יעצט פאַרשפּרייט איבער אייראָפּאַ דריקט זיך אויס ניט אַליין אין
האַס געגען אידען, זאָנדערען אין האַס צווישען אַלע פעלקער, און אין נאַ־
רישע פּאַטריאָטישע פאָראורטהיילע וועלכע פאַרדאַמען יעדען וואָס איז נור
עטוואָס אַנדערש ווי מען איז אַליין. דער שיקזאַל פון די אידען איז יעצט
פאַראייניגט מיט דעם שיקזאַל פון די ציוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט
און מיר ליידען וויא זיי, פון די פאַלשע פּרינציפּען וועגען פּאַטריאָטיזמוס
וועלכע זיינען אויפגעוועקט געוואָרען מיט דיא פעריאָדע פון מלחמות אין

היינטיגען דור, אבער דיא וועלט געהט פארווערטס און דער קאמפף צו פארבעסערען די לאגע פון דער גאנצער מענשהייט, דער קאמפף אין וועלכען אידען האבען אזוי מוטהיג און אזוי ערפאלגרייך מיטגעקעמפפט, איז נאך לאנג ניט צו ענדע, און אבגלייך איינגעווארצעלטע פאראורטהיילען און פארעלטערטע פאנאטישע אידעען קענען ניט שנעל פארשווינדען, ווערען זיי דאך אימער שוואכער און קענען וואס וויטער אלץ וועניגער שאדען די אידישע געשיכטע, אזוי וויא די געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט האט איהרע טרויעריגסטע קאפיטלען אין די פערגאנגענהייט. היסטארישע פארשונגען בערעכטיגען אונז צו האפען דאס דער אלגעמיינער פארטשריט וועט אנהאלטען און וועט אויך בעאיינפלוסען דיא לענדער וועלכע שטעהן נאך אויף א ניעדעריגע שטופע און דאס די צוקונפט וועט בריינגען מעהר פרייהייט, מעהר גערעכטיגקייט און פריינדליכע בעציהונגען צווישען פעלקער, צווישען קלאסען און צווישען איינצעלנע פערזאנען.

ענדע

נאמען־פערצייכניס

פון אַלע פּערזאנען וואס זיינען דערמאנט אין דיא אידישע געשיכטע *).

א.

אבא אריכא (רב) 53, 55
אבא מרי פון ליאנעל 178
ר' אבא'לע פּאסקוועלער 362
אבוהב, ר' יצחק 238, 292
אבן איסי 91, 92
אבו־כרב אססאד 79
אבו צורי מיהיר 73
אבולעפיא, אברהם, 265
אבולעפיא, דון שמואל 187
אבול־קאסים 128, 137
אביה בן רחבעם 8
אבטליון 28
אבימלך בן ירובעל 6
אבנדנה, ר' יעקב 289
אבנדנה, יצחק 289
אבצן מבית לחם 6
אברבנאל, דאָנא בענעווענידא 267.
אברבנאל דון יצחק 192, 193 195.
אברבנאל, דון שמואל 187, 188 218.
אבראדהי, קאליף 107
אבראמאָוויטש שלום יעקב 362
אברהם אבינו 5, 78
אברהם בן דאוד (ראב"ד) 150
אברהם בן הרמב"ם 164
ר' אברהם מלאך 315
אברהם קצין 182
אברענאָוויטש, קעניג מינאעל 369.
אברענאוויטש קעניג מילוש 369
אנא, בנימין 332
אנאבארד 100
אגילאר משה רפאל 238, 292
אגריפס I 30, 31
אגריפס II 31, 34
רב אדא בר אהבה 59
ר' אדונים בן תמים 113
אדענאטהום 55
אדרת (רשב"א) 178, 265
אחוד בן גרא 6
אהרן בן אשר 107
אהרן פון יאָרק 173
ר' אהרן קארלינער 315
אובאראוו, גראף 355, 356
אובייד־אללאה 102
אויגוסטוס קייזער 28, 29
אויגוסטוס III קעניג 311
אויטראָפּיום 60
אויל מרודך מלך בבל 12
אוילום גאבינום 26
אויערבאך, בערטהאָלד 351
אורבאן II פּאפּסט 142
ר, אושעיא 50
אחאב מלך ישראל 7, 8
רב אחאי בר הונא 69
אחונא אדער חנניה 92
אחז בן יותם 9
אחזיה בן אחאב 7
אחזיה בן יהורם 9
אחמעד קארפּילי, וויזיר 277
אחשורש 13
אטאלעננהי, גענעראל 351
אָטטאָ I קייזער 114
אָטטאָ II קייזער 121
אָטטאָ, פּרינץ 155
איגר, ר' עקיבא 350
איוואן .IV (גראָזני) 251
איזאבעללא, קעניגין 191, 192, 193.
איזראעלס, יאזעף 351
אייבשיץ ר' יונתן .306—303,
אייגעניוס III פּאפּסט 154
איידלש, ר' שמואל (מהרש"א) 254.
ר' יהושע אייזיק סלאָני־מער 262
אייזענמענגער, יאָהאן אנדרע־אס 287
אייזענשטאדט, מיכאל 333
אייכעל, יצחק 322
אילון הזבולני 6
אינאָסעם III פּאפּסט 165
איסרליש, ר' משה (רמ"א) 224, 254.
איש בשת בן שאול 6
אלבו, ר' יוסף .189, 190
אלבליא, ר' יצחק אבן 134, 136 137.
אלברגלוני, ר' יצחק 137
אלדד הדני 103, 116
אלה בן בעשא 7
אל־חכים, קעניג 118
אלחנן בן שמעון 123
אלחריזי, יהודה 152, 166
אליהו הנביא 7
ר' אליהו בחור 218
ר' אליהו גאון ווילנא 316, 307, 317 .318
אליעזר 32
אליעזר בן מתתיהו 20
ר' אליעזר הקליר 90
ר' אליקום פון שפּייער 139
אלישיב כהן גדול 14
אלישע הנביא 7
אלכסנדר באלאס 21
אלכסנדר בן אריסטובל 26, 27, 28.
אלכסנדר ינאי 24

---

*) דיא נעמען פון פּערזאָנען וואָס זייער פאַמיליע נאָמען פאַנגט זיך אָן מיט א ב ן אָדער ב ן, קומען אונטער דעם בוכשטאַב מיט וועלכען דאָס צווייטע וואָרט פון נאָמען פאַנגט זיך אָן, וויא צום ביישפּיעל: „אבן עזרא" — אונטער „ע", „בן גבירול" — אונטער „ג" א. וו.

אלכסנדר מוקדון 14, 15
אלמאנצור, ישמעאל קאליף 113
אלמאנצור, מחמד 126
אל־מוטאדיר, קאליף 104
אל־מוטאמעד 134, 135, 137
אל־מוכתאדיר 104
אל־מוכתאדיר, קעניג 136
אל מיימון 101, 103
ר' אלעזר בן פּדת 51
ר' אלעזר בן עזריה 36
ר' אלעזר המודעי 40
אלעקסאנדער I קייזער 232, 333, 334, 353,—356.
אלעקסאנדער II 357, 359 264
אלעקסאנדער III 358
אלעקסאנדער פון בולגאריען פּרינץ 369
אלעקסאנדער יאגעללאָן, קעניג 212.
אלעקסיי מיכאלוויטש, צאַר 262, 331.
אלעשניצקי, בישאָף 211
אלפאָנס פון קאסטיליען 154
אלפאָנס ריימודעץ 148
אלפאָנס IV 134, 135
אלפאָנס V קעניג 192, 193
אלפאָנס X קעניג 176, 177
אלפאָנסא, פּרינץ 195
אלפסי ר' יצחק 124, 138, 139, 148.
אלקבץ, ר' שלמה 225
אלקדיר, קאליף 120
אלקימוס 21
אל־ראי, דוד 264
אלשאקר, ר' משה 224
אמאר 81, 82
אמאר יגיד 91
מון בן מנשה 10
ר' אמי 51
אמימר בר מר ינקא 57
ר' אמנון פון מאינץ 184
אמציהו בן יואש 9
אנדרעאס, קעניג 170
אנטאָן, קארל 206
אנטאָנינוס 28
אנטאָנינוס פיוס 42, 50
אנטאָקאלסקי מארקוס 358
אנטיגנוס בן אריסטובול 26 27.
אנטיוכס 42
אנטיוכס III 16
אנטיוכס אופאטאר 20
אנטיוכס זידעטעס 23
אנטיוכוס עפיפאנוס 16—20
אנטיפאס בן הורדוס 29, 30
אנטיפּטר 25, 26, 27.
אנטיפּטר בן הורדוס 29
אסא מלך יהודה 8
אסטראָווסקי, גענעראל 355
ר' אסי 51
אסמאָן 82
אספּסיאָנוס 31, 32, 34, 39.
אסתר המלכה 13
אסתר'קע 205, 206, 207
אפּאלאָניוס, גענעראל 18, 19
אפּפּענהיים, ר' דוד 289
אפּפּענהיים, שמואל 287, 301
אקאסטא, אוריאל 239 240, 248
ארגון, האן 184
ארדשיר 54
ארזעניוס 67
ארטבן 53, 54
ר' אריה ליב (שאגת אריה) 336
אריסטובל, פילאָזאָף 30
אריסטובל בן יוחנן 24
אריסטובל בן ינאי 25, 26, 27
ארכעלאוס בן הורדוס 29
ארעטאס, קעניג 25, 26
אַרעליאן 55
ארעסטעס 62
ארקאדיוס 60
ארקיוואלטי, ר] שמואל 219
ארשאנסקי אליהו 358
ארתחשסתא מלך פּרס 13
רב אשי 56, 57, 69
אשכנזי 359
אשכנזי, ר' יעקב 289
אשכנזי, צבי (חכם) 289
אשכנזי, שלמה 227, 228, 229
אשקלוני, עמנואל 199
רבינו אשר בן יחיאל 178

ב.

באדים, קעניג 129, 132, 133
באהראם 73, 74
באטאָרי, סטעפאן 229
באיאזעט 11 סולטאן 194, 222
באלעסלאוו 1 200
באָלעסלאוו V 203
באלעסלאוו וועליקאָפּאָלסקי, 212, 204, 203
באָלקא, פון סווידניץ 203, 204
באָלקא 11 204
באָלקין 129, 132
באנאזש, זשאק 286
באם, ר' שבתי 289
באסאן, ישעיה 301
באקארי, לוי 199
באקחידוס 21
באראץ, ביינוש 333
בדרשי, ידעיה 178
בודני, סימאן 255
בודעק, גלח 208
בולאן, מלך הכוזרים 96, 97 117, 149.
בוסתנאי 82
בוקסטאָרף 243
בוש, סאלאמאן 295
רבינו בחיי אבן פקודה 131
ר' בחיי בן אשר 178
בינג, ישעיה בער 336
ביקאָנספיעלד, לאָרד 343
בכרך, ר' יאיר חיים 289
בלאָך, ר' שמשון הלוי, 330
בלאנש פון קאסטיליען 167
בלמש, אברהם דע 218
בן־דוד, לאזארוס 322, 324
בן זאב, יהודה ליב 322
בן יעקב יצחק 361
בנימין נהונדי 94
בנימין פון טולעדא 152
בנעט, ר' מרדכי 350
IV בעלא פון אונגארן 171
בעלים, מלך עמון 10
בעליזאריוס 69, 70, 85
בעמבום, מאטהיאס 200
בענדשעמין יודאה פ. 367־366
בענעווענישטע, דון ווידאל 189
בענעווענישטע, חיים 275
בענעדיקט VIII. פּאפּהי
בענעדיקט XIV פּאפּסט 311
ר' בער פון מעזעריטש 315
בערר, איזאק בערר 336
בערר, סערף 336
בערנארד, סאינט 155
בערנהארד פון בערלין 319
בערנע, לודוויג 346, 347
בערנשטיין, אהרן 351
בערעניקע 34
בערקא, קאלאָנעל 329
בערקאָוויטש, קאלאָנעל 355
בעשא בן אחיה 7
בראגאנצא, הערצאָג פאָן 192, 193.
בראהע, טיכא 288
בראטיאנו, מיניסטער 369
ר' ברוך מעזיבוזער 315
ר' ברוך שקלאָוו 318
ברטנורא, ר' עובדיה 223
בר כוכבא, שמעון 39, 40, 264
ברלין, ר' נפתלי צבי יהודה 362
ברעסעלוי, מענדעל 322
ברצלוני, נתנל 199
ברק בן אבינאעם 6

ג.

גאָדאר, 337
גאָטלאָבער, אברהם בער 361
גאָטפריעד פון בוילאָניען 144
גאָלדבלום, שמואל ליב 351
גאָלדפאדען, אברהם 362
גאללום, מארטין 201
גאללילעאָ, 288
גאלליענוס, 55
גאנז, דוד 266, 288
גאנז, זעליקמאן 266
גאנז, עדוארד 349
גאָנטא 327, 328
גאָרדאָן, יהודא ליב 361
גבירול, ר' שלמה בן 130, 136 149.
גדליה בן אחיקם 10, 11
גדעון בן יואש 6
גו, יוסף אבן 126
גו, יעקב אבן 126
גומפערץ, אהרן 318
גורגיאס, גענעראל 19
גיאת, ר' יצחק אבן 137
גיוליא, קארדינאל 266
גייגער, אברהם 350
גינצבורג, מרדכי אהרן 360
גמליאל רבן 36
גמליאל .IV 61
גמליאל בתראה 61
גנאח, מרינוס אבן 139
געדימין, פירשט 202, 205
געטהע, וואָלפגאנג 347
גערמאנוס, מאזעס 285
גקטילא, יצחק אבן 127
גראבאָווסקי, וואצלאוו 200
גראדי, דוד 336
גראנט, פּרעזידענט 367, 368
גרעץ, פּראָפ. היינריך 350
גראץ, מייקעל 295
גרענאָאר, אבבע 335
גרענאָר I פּאפּסט 86
גרענאָר .VII פּאפּסט 134, 143.
גרענאָריוס IX פּאפּסט 167, 170.
רבינו גרשום מאור הגולה 121, 122, 123, 124, 138

ד.

דאנאבערט 89
דאהם, קריסטיאן ווילהעלם 320, 336.

דאמיציאן 36
דאמיצליא 36
דאנטעי 218
דאנציג, ר' אברהם 362
דארא 82
דובנא, ר' שלמה 320
דוד המלך 6, 8
דוד בן זכאי 105—108
דוד ב יהודה 104
ר' דוד בן מיימון 161
ר' דוד הלוי (ט"ז) 277
ר' דוד נכד הרמב"ם 164
רב דודאי 92
דוכס, אברהם (פראחאווניק) 198
דונאאן, קעניג 80
דונולו, ר' שבתי 121
דוניז, ניקאלאס 167, 168
דונש בן לברט 114, 115, 127
ר' דוסא בן סעדיה 113
דוראן, ר' שמעון בר צמח 189
דיאקלעטאן 47, 49
דיזראעלי, אייזאק 342, 343
דייווים, דזשעפערסאן, פרעזי־דענט 367
דיענא, דעלא אסענסאן 233
דימיטריאוס 20, 21, 22
דניאל 34
דעאק, פראנץ 349
דעלאמאטא, דזשייקאב 295
דעלמעדיגא, אליהו 219
דעלמעדיגא, יוסף שלמה 220, 288, 289
דעלעאן, דזשייקאב 295
דעמבאווסקי, בישאף 310, 311
דע קאלב, גענעראל 295
דריוש (היסטאספעס) 13
דרייפוס 341
דזשאהן, קעניג 158, 159, 173
דזשיימס I קעניג 168
דזשיימס II קעניג 181
דזשעקסאן, פרעזידענט 366
דזשעראם, באנאפארט 345

ה.

האבום, קעניג 128, 129
האדריאן 38, 39, 40, 41, 42
רב האי גאון 119, 120, 129
רב האי בן דוד 104
האלדהיים, שמואל 350
האמען, אנטאניא 233
האנאריוס 60
האנאווער, ר' רפאל 289
הארדענבערג, מיניסטער 346
הארון־אל־ראשיד 99, 101
הארקאווי, דר. אברהם אליהו 213
הוכשטראטען, יאקאב פאן 216
רב הונא 55
רב הונא, ריש גלותא 53
הונא מרי 57
הורדוס המלך 27, 28, 29
הורדוס II 31
הורוויץ, ר' ישעיה (של"ה) 239
הורוויץ, ר' פנחס (הפלאה) 350
הורוויץ, ר' שעפטעל 261
הורמיזד IV 73, 74
הורקנוס בן ינאי 25, 26, 27
הושע בן אלה 8
היידנהיים, וואלף 323
הייל‌פרין, ר' יחיאל 300
הייל‌פערין, יעקב יוסף 356
היימאן פון הערעספארד 173
היינע, היינריך 346, 347, 349
היינריך, הערצאג פון גלאגוי, 203
היינריך II קייזער 123
היינריך IV קייזער 143, 144, 145
היינריך VI קייזער 155
היים, דזשייקאב 366
הייסטער, גענעראל 296
הילדעריק 87
הילני המלכה 37
היראנימוס דע סאנטע פע (יהושע הלורקי) 189
דע־הירש, בארן מאריץ 370
הירש, שמואל פון ארעגאן 368
הלוי, פראמענטהאל 351
הלל הזקן 28, 53, 59, 61
הלל II 59, 60
המון, יוסף 223
המון, משה 223
העברעאום, לעא 195
העלאגאבאלוס 51
העללעסבויער, בישאף 303
העללער, ליפמאן (תוי"ט) 266, 288.
העלענא 75
הענרי, קעניג פון פוילען 228
הענרי I פון ענגלאנד 157
הענרי II פון ענגלאנד 157
הענרי III — ענגלאנד 173
העראקליוס 76, 82, 89
הערמאן, בישאף פון קעלן 143
הערץ, הענריעטע 322
הערץ, מארקום 322
הערצל, דר. טהעאדאר 363
העריסאן, פרעזידענט 368
הערערא, אברהם 236, 239

ו.

וואבאלאטהוס 55
וואגענזייל, יאהאן קריסטאפער 278, 286
וואהל, ר' שאול 254
וואלטער דער בעטלער 143
וואלטער 336
וואלינסקי, וולאדימיר 202
וואמבא 87
וואן דען ענדע 248
וואשינגטאן, דשארדש 296, 298
וויזל, נפתלי הירץ 320
וויטאל, ר' חיים 225
וויטאלד, קניאז 209
וויטיגא 88
וויטיגעס 72
וויים, אייזאק מ. 366
ווילהעלם פאן אראנוש, פירשט 234
ווילליאם סאינט 157
ווילליאם פון נארמאנדיע 146
ווילליאם רופוס 146, 157
ווילליאמס, ראדשער 293
ווילסאן, ריכטער 297
ווילערעאל, דון עמנואל 234
ווילפער פון נירעמבערג 286
ווימפפען, זיסקינד אלכסנדר 170
וויקטאר עמנואל, קעניג 348
וויקטאריא, קעניגין 345
ווישניאוועצקי, פירשט 260
וולאדימיר וועליקי 201
וולאדיסלאוו, קעניג 258
וולאדיסלאוו II (יאגעללא) 208.
וולאדיסלאוו III קעניג, 210
וולאדיסלאוו, הערמאן, קעניג 201.
וולאדיסלאוו, לאקיעטעק 204.
וענצעל, קעניג 204.
ווערא, לאפע דע 233
ווראטיסלאוו II פון בעהמען 145.

ז.

זאלקינד־הארוויץ, שלמה 336
זאלקינד, שלמה 360
זאמושץ, ר' ישראל 318
זאנגוויל, איזראעל 351
זאנענבערג, זונדיל 333
זאסינא, מעטראפאליט 251
זאקוטו, אברהם 196, 223
זאקס, מיכאל 350
מר זוטרא 70
זיגיסמונד 99
זיגיסמונד I 204, 213, 214, 251
זיגיסמונד III קעניג 253
זיגיסמונד אויגוסט, קעניג 251, 252.
זילבערמאן, אליעזר 361
זים־אפענהיים 284, 285
זכות ר' משה 250
זכריה הנביא 13, 93
זכריה בן ירבעם 8
זכריה פון קיעוו 251
זמרא, ר' דוד בן 224
זמרי 7
זעליג, אליקום 311
זעלעזניאק 327, 338
זרבבל בן שאלתיאל 12
זשיריי 285

ח.

חאגיז, ר' יעקב 274
חאגיז, ר' משה 299, 302, 305
חביב, ר' יעקב בן 223
חביב, ר' לוי בן 223
חגי הנביא 13
ר' חושיאל 110, 112, 124
חוניו כהן גדול 15
חוניו, כהן אין מצרים 30
חזקיהו המלך 9
חזקיהו ריש גלותא 108
חזקיה הספרדי 199
חזקיהו בן דוד 120, 121
חיוג ר' יהודה 127, 130, 139.
חיון, נחמיה 278, 280, 301
חיות, ר' צבי הירש 350
ר' חייא 53
ר' חיים פון לובלין 305
חכים, קאליף 124, 125
חלבי, רפאל יוסף 273
חלעפיצקי, דיקטאטאר 355
חלפן, אליהו הלוי 351
חמיעלניצקי, באגדאן 257, 258, 259, 260, 261, 262.
ר' חנוך בן משה 111, 115, 116, 126, 127
חנה מיט דיא זיבען זיהן 18
רב חנינאי 70
רבינו חננאל 124, 138
חנניא בן אחי ר' יהושע 53

חנניה 34
חסאן, יקותיאל אבן 130
רב חסדא 56
חסיד, יהודה 300, 301
חסדאי, אבן שפרוט 112, 113
114, 115, 116, 117, 118
126, 129
חסדאי, אבן פאדל 136

ט.

טאריק 88
טארקעמאדא, טאמאס 193, 192
טאררעס, לואיס דע 291
טהעאדאזיוס I 60
טהעאדאזיוס II 61
טהעאדאריך 85
ר' טוביה בן אלעזר 153
טורנוס, רופוס 40
טיטוס 37, 35, 34, 33, 32
39, 61.
טיראדא, יעקב 235, 236
טעקסיירא, מאנועל 276
טראיאן 36, 37
טראקי, זרח 289
טראקי, יצחק 254
טריגלאנד, יאקאב 285
טרימבערג, זיסקינד פאן 179
טרעטער, טהאמאס 200
טריפאן, גענעראל 22
טשארלז I קעניג 244
טשעכנאָוויטש, מארטין 255.

י.

יאאכים, קורפירסט 281
יאגעללא, קעניג 207, 208, 212
210.
יאדוויגא, קעניגין 207
יאהאן XXII פאפסט 204
יאוויאן, קייזער 49, 60
יאזעף II קייזער 329
יאזעפאָוויטש, מיכאל 214
יאזעפוס פלאוויוס (יוסף בן
מתתיהו) 31, 34
יאיר הגלעדי 6
יאן, אלברעכט, קעניג 212
יאן, קאזימיר, קעניג 260, 262
יאנאם 367
יאנסען, בישאף פון שפייער,143
יאסט, איזאאק מארקוס 349
יאעל, דר. מ. 190
יאקאבזאהן, איזראעל 346, 350
יאשיהו בן אמון 10
ידוע כהן גדול 14
יב יהודאי גאון 92, 102, 138
יהודה המכבי 19, 20, 21
ר' יהודה הלוי 97, 139, 148
149, 150, 151
יהודה נשיאה IV 61
ר' יהודה בן הרא"ש 179
יהודה בן דוד 107
יהודה בן משה 177
ר' יהודה בן בבא 42
ר' יהודה הנשיא 50, 51, 53,
.56
רב יהודה 55, 56
יהוא בן נמשי 8
יהואחז בן יאשיהו 10
יהואחז בן יהוא 8
יהואש בן אחזיה 9
יהוידע הכהן 9
יהויכין מלך יהודה 10, 12
יהויקים בן יאשיהו 10
יהורם בן אחאב 7
יהורם בן יהושפט 9
ר' יהושע בן חנניה 36, 38, 39
יהושע בן יהוצדק 12
יהושע בן נון 5
יהושפט בן אסא 8
יואן I קעניג 187
יואן II קעניג 193, 194, 291
יואן III קעניג 268
יואש מלך ישראל 7, 9
יוחנן 32
ר' יוחנן 51, 53
יוחנן הורקנוס (כה"ג) 22, 23,
.24
רבי יוחנן בן זכאי 34, 44
יוחנן בן יוידע, כה"ג, 14
יוידע, כהן גדול 14
יויקים, כהן גדול 14
יולי, דוד 367
יוליאן 48, 49, 60, 67
רבינו יונה גירונדי 166, 168
יונתן בן מתתיהו 21, 22
יוסטיניאן 67, 68, 72, 85
ר' יוסף בן חלפתא 51
יוסי בר יוסי 90
יוסף 5
רב יוסף גאון 107
ר' יוסף הכהן 219
יוסף, מלך הכוזרים 117
ר' יוסף הנגיד 132, 133, 137
יוסף הרואה 94
ר' יוסף בן אביתור 115, 125
יוסף בן טוביה 15
ר' יוסף בן מיגש 148, 160
רן יוסף בן צדיק 150
ר' יוסף בן שם טוב 189, 190
יותם בן עזיהו 9
יזדגרד 56, 57
יזדגרד II 81
ר' יחיאל פון נעמיראָוו 259
רבינו יחיאל פון פאריז 168
ייטלש, יהודה ליב 323
רב ייסא 69
ינאי, פייטן 90
יעליסאוועטא ,פעטראָוונא 331
יעקב אבינו 5
ר' יעקב בעל הטורים 179, 202
.224
ר' יעקב יוסף פון פולנאה 316
יעקב מארץ נמיץ 117
ר' יעקב פאלאק 213
ר' יעקב בן מאיר, (רבינו תם)
152, 153
רב יעקב בר נטרונאי 104, 105
ר' יעקב בן נסים 120
יפה, מארקוס שלעזינגער 283
יפה, ר' מרדכי, (לבוש) 254
יפת הלוי 94, 106
יפתח הגלעדי 6
יצחק אבינו 5
מר יצחק 82
יצחק דיפלאמאט 99
ר' יצחק מארץ רוסיא 202
ר' יצחק מקורביל 153
ר' יצחק פון וואלאָזין 356
יצחק הישראלי 102, 105
ר' יצחק הזקן 153
ר' יצחק הלוי פון ווארמס 138
ר' יצחק נתן פון פראוואגס 219
ר' יצחק סנגרי 97
ר' יצחק בר ששת 189
ירבעם בן יואש 8
ירבעם בן נבט 7
ירמיהו הנביא 10, 34
ר' ישראל בעל שם טוב 314
ר' ישראל ריזין 315
ישוע הנוצרי 29, 79, 142, 294
.307
ישוע (יאזאן) 17
ישוע כהן גדול 14
ישמעאל בן נתניה 11
ישעיה הלוי 277
ישעיה בן אמוץ 9.

כ.

כהן, ר' שבתי (ש"ך) 261
מר כהן צדק גאון 104, 105 106
כורש מלך פרס 12
כזרו נושירוואן 71, 72, 73, 74
כזרו II 74, 76, 80, 82
כילדעבערט 86
כלאדוויג 86
כלבא שבוע 39
כסּפי ר' יוסף בן 178

ל.

לאגארטא, ר' יעקב 292
לאדיסלאוס IV קעניג 172
לאמבראזא, דר. יאקאב 294
לאמפרונטי, ר' יצחק 289
לאנגפעללאו 294
לאנדפריעד 99
לאסאלל, פערדינאנד 352
לאסק, קאנצלער 212
לאפאטער 319
לאפעץ־לאגונא, דניאל 238
לאצארוס, פראפעסאר 351
לואנס, דאקטאר 217
לואיס, דער פרומער 100
לואי IX קעניג 167, 175
לואי X קעניג 176
לואי XIV קעניג 283, 292
לואי XVI קעניג 336
לובלין, ר' מאיר (מהר"ם) 254
לודוויג, קעניג פון אונגארן 207
לודוויג VII קעניג 155, 156
לוטהער 217
ר' לוי בן גרשום, (רלב"ג 179
ר' לוי יצחק בערדיטשעווער
315
לוצאטי, לואיגי 351
לוצאטו, ר' משה חיים 301, 302
לוצאטו, שמואל דוד 351
לוריא, ר' יצחק (אר"י) 215
.225
לוריא, ר' שלמה, (מהרש"ל),
254 231
לטיף, ר' יצחק אבן 178
ליאון, ר' משה די 168
ליאונטין, ר' יהודה 121
ליוואי, אוריה פ. 366
ר' ליווא בר בצלאל (מהר"ל)
288
ליזיאס 20, 21
ליזימאכוס 17
לייבניץ 289
ליליענטהאל, דר. מאקס 355
.356
ליסא, ר' יעקב 350
ליסער, אייזאק 366
ליעבערמאן, הויף־יוד 301
ליפּפאלד 281

לנדא, ר' יחזקאל 350
לעא, קיסר 96
לעא X פאפסט 217
לעאפאלד I קייזער 283, 287
לעאפאלד II קייזער 329
לעבענזאהן, אברהם בער 360
לעבענזאהן, מיכה יוסף 360
לעוואנדא, יהודא ליב 359
לעוויטאן, איזאק א. 359
לעווינזאהן, יצחק בער (ריב"ל) 360—362
לעווע, אלעזר 339
לעלעוועל, יאאכים 200
לעמליין, אשר 265
לעססינג, גאטהאלד אפרים 319 .321
לעפין, מענדעל 322
לעשעק, הערצאג פון פוילען .199

מ.

מאגנוס, מרקוס 301
מאדענא, יהודה די 220, 239, .302
מארעססטום 76
ר' מאיר 43, 50
ר' מאיר פון ראטענבערג 169, .170
מאזער 349
מאלזערב 335
מאלעא, מאיר דע 177
מאלצעווסקי, בישאף 333
מאנדעלשטאם, לעאן 356, 357
מאנטיני, יעקב 219
מאנטעפיאר, ר' משה 339, 345 .356
מאניססי פון וויסול 182
מאסאלסקי, בישאף 308
מאפו אברהם 360
מאצדיק 70
מאקאליי, לארד 343
מאקסימיליאן, קייזער 281
מאקפערסאן, גענעראל 297
מארגאן, גענעראל 297
מארטארא, בישאף 339
מארטיירא, ר' שאול 238, 248 .250
מארטינעץ, פערנאנדא 188
מאריא אננא, רעגענטין 282
מאריא טהערעזע 303
מאריאמנע, קעניגין 28
מארים, קיסר 74
מררים, ראבערט 297
מארקוס, אוירעליום 50
מארקס, קארל 352
מוזא אבן נאשייר 88
מולכו, ר' שלמה 268, 269, .270 271
מונבז המלך 37
מונק, סאלאמאן 339
מוסטאפא, פאשא 278
מוראט III סולטאן 227
מזרחי, ר' אליהו 223
מחמד 78, 79, 80, 81
מחמד, עלי 339
מחמד IV סולטאן 277, 278
מינש, יוסף אבן .129
מידלעסעקס, לארד 245
מייזעלס, מרדכי 288
מיימון, שלמה 323, 324, 325
ר' מיימון בן יוסף .160
מיימון מ. 359
מייער־בעער 351
מינסקי 359
מינץ, ר' יהודה 219
מיעציסלאוו I 200
מיעציסלאוו, דער אלטער 203
מיפפין, גענעראל 29
מיראבא, גראף 335
מישאל 34
רבי מכיר 99
מלאך, חיים 300, 301, 313
מלאכי הנביא 14
ר' מלאכי הכהן 306
מלבי"ם ר' מאיר ליבוש 362
מלכת שבא 79
מנחם בן גדי 8
ר' מנחם בן זרח 181
מנחם בן סרוק 114, 115, 117 .127
מנשה בן יחזקיהו 9
ר' מנשה בן ישראל 238, 242 243, 244, 245, 246, 247, 248, 254.
מסיר ליאון, ר' יהודה 219
מעגערלין, פראפעסאר 307
מעדיסאן, דזשיימס 297
מעטערניק, פירסט 346
מענדוזא, דאנא גראציא 226
ר' מענדעל ליבאוויצער 315 356
מענדעלסזאהן, ר' משה 318, 319, 320, 321, 322, 324
מענדעלסאן, בארטהאלדי 351
מענעלאוס 17
מרדכי היהודי 13
ר' מרדכי מארץ פולין 202
ר' מרדכי בן הלל 184
מרדכי בן נסים 286
מרינוס, אבן גנח 139
ר' מרינוס אבן גנח 130
משה רבינו 5
ר' משה אורי הלוי 225, 236 237
ר' משה איסרלש, רמ"א 213
ר' משה מציוב (קיוב) 202 213
ר' משה מקוצי 153
ר' משה בן חנוך 110, 111, 115
ר' משה בן מיימון, (רמב"ם), 160, 161, 162, 163, 164, 166, 168
ר' מנשה בן נחמן, רמב"ן) 168 .169
משה בן קלונימוס 99
משרשיא בר פקוד 57
מתתיהו בן יוחנן חשמונאי 18 .19

נ.

נאאה, מרדכי מאנועל 366
נאבאר 74
נאטאוויטש, אסיפ 359
נאנעס, ב. 295
נאפאלעאן I 338, 345, 346
נאפאלעאן III 339, 340
נארדויא, דר. מאקס 363
נבוזראדן, רב טבחים 10
נבוכדנצר מלך בבל 10, 12, 32, .34
נדב בן ירבעם 7
נונעץ, דאקטאר 294
נונעץ, מאריא 235
ר' נחום טשערנאבילער 315
ר' נחמיה בן חכליה 13
ר' נחמן בראסלאווער 315
רב נחשון גאון 102
רב נטרונאי גאון 91
ניטו, ר' דוד 289
ניעמירא 206
ניקאלאי I 353, 354, 355, 356
ניקאלא III פאפסט 177
ניקאלס עדווארד 244
רבינו נסים בר יעקב 124, 138
נערא (נירון קיסר) 31
נערווא 36
נקנור 19, 21
נרבוני, משה 178
נשיא, ר' דוד 292
נשיא, דון יוסף 226, 227, 228
נשיא, רעינא 226
ר' נתן 43
ר' נתן דיין אין קארדאווא 111
ר' נתן הבבלי 121
נתן העזתי 273, 274, 280
ר' נתן בן יחיאל 218
ר' נתן בן יצחק הבבלי 110

ס.

סאביעסקי, קעניג יאן 326
סאהאל, אלי 102
סאהאל, ראבבאן 101
סאטנאוו, ר' יצחק 323
סאלאדין, סולטאן 161
סאלאווייציג, ר' יוסף בער 362
סאלאמאן, חיים 295, 296, 297
סאלאמאנס, עדווארד, בריגא־ ריער דזשענעראל 367
סאלאנטער, ר' ישראל 362
סאנטא, מאריא פאול דע 188
סאספארטאס, ר' יעקב 247,276
סאקאלי, גרויס־וויזיר 227, 228
סהל בן מצליח 94, 106
סוויאטאסלאוו, קניאז 117 ,201
סוויאטאפאלק, קניאז 202
סוליימאן 127
סוליימאן, אובייד־אלאה אבן 104
סוליימאן I סולטאן 226
סופר, ר' משה 350
סורענהעזיוס 285
סט. קלער, גענעראל 297
סטאניסלאוו, פאניאטאווסקי 326, 328.
סטיוועזאנט, פעטער 293
סטיפען קעניג פון ענגלאנד 157
סטעפאן באטארי, קעניג 252
סיוארד, גאווערנאר 366
סיימאן, דזשאסעף 367
סילווא, מיגועל 269
סימאן, רישארד 283
רב סימונא 71
סינטיללא 87
סינצהיים, ר' דוד 337, 338
סיסעבוט 86
סיקסטוס IV פאפסט 191
סירקעש, ר' יואל (ב"ח) 254
סכני, ר' יצחק אבן 137
סלאנימסקי, חיים זעליג 361
סלמון בן ירוחם 94, 106
סמאלענסקי, פרץ 361
סנגרי, יצחק 149
סעגרי, אברהם 338
סעד אד־דאולה, דאקטאר 184
רב סעדיה גאון 105, 106, 107, 120, 121, 127.
סעווערוס יוליוס 39, 40

סעיד ,יצחק אבן 177
סעלייקוס IV 16
סעלים I סולטאן 222
סעלים II סולטאן 226, 227
ספורני, עובדיה 217
ספעטה, יאהאן פעטער 285
ספעקטאר, ר׳ יצחק אלחנן 362
סקאלינגער 243
סקוירוס, גענעראל 25
סרגרא, אהרן אבן 107

ע.

עבראוללאה, קאליף 121
עבדול מומן 147, 148, 160
עבדול רחמן 112, 113, 114, 116, 118.
עבדון בן הלל הפרעתוני 6
ענבריההם, ערצבישאף 146
עניקא 87
ערוואארד I קעניג 174
ערוואארד III פון ענגלאנד 146
עובדיה בן בולאן 98, 117
עוזיאל, ר׳ יצחק 242
עוקבא, ריש גלותא 104, 105
עזיהו אדער עזריה 9
עזרא הסופר 13, 51
עזעקיעל, פאעט 30
עזרא, ר׳ אברהם בן 150, 151
עזרא, ר׳ משה בן 139, 150
עזריה 84
עזריה בי יוסף הנגיד 137
רב עינא 71
עלי הכהן 6
עלי, חתן מחמד 82, 83
עלי אבן איסא, וויזיר 107
עליזאבעטה, קעניגין 235
עלים־באאן 80
עמדען, ר׳ יעקב 290, 304, 305, 306.
עמוס הנביא 9
עמנואל, קעניג 195, 196
עמנואל הרומי 318
עמרי, מלך ישראל 7
רב עמרם גאון 102
עמרם אבן שאלביב 135
ענן בן דוד 91, 92, 93, 97, 103.
ענריקא, קעניג 187
עסטראמאדורי, עקיבא 189
עססעקס, לארד 236
ר׳ עקיבא בן יוסף 36, 39, 40, 41, 50.
עקניז, ר׳ יוסף 162
ערוויג 87
עראוו 57
ערטער, יצחק 330
עתליה בת אחאב 9
עתניאל בן קנז 6

פ.

פאבלא קריסטיאנא 168
פאדובה, מאיר (מהר״ם) 219
פאוועל I צאר 332
פאול, סט. 45
פאול IV פאפסט 220
פאולי, אליגער 285
פאטאצקי, גראף 258, 327
פאללאשע, שמואל 234, 236
פאלק ,ר׳ יהושע 254, 306
פאלקיירא, ר׳ שם טוב 178
פאמפעאוס 26, 27
פאפא, ר׳ אהרן דעלא 275
פאפיעל, קעניג פון פאלען 198
פאפענהיים, שלמה 323
פארמאלעאנע, אברהם 219
פאריסאל, אברהם 219
פהאקאם 74
פולאסקי, גענעראל 296
פומוס, יצחק די 219
פורראטה, אבן 104
פיאסט, קעניג 199
פיישאטטא, ב. פ. 368
פיכון, דון יוסף 187
פילון היהודי 30
פיליפ II קעניג 233, 291
פיליפ III קעניג 175
פיליפ IV קעניג 175
פיליפ V קעניג 181
פיליפ, נונציא 171
פיליפ, אויגוסטוס, קעניג 156
פיליפוס בן הורדוס 29, 30
פין, שמואל יוסף 361
פינטא, איזאק 336
פירוץ אדער פרוז 69
פלארוס געססיוס 31
פעראסיוס 202
פעדרא, דער גרויזאמער 187
פעטמילך, ווינצענץ 282
פעטער פון אמיען 142, 143
פעלהאם, 342
פעלקא 206
פעפערקארן, יוסף 215
פערדינאנד I קייזער 282
פערדינאנד II קייזער 282
פערדינאנד III קייזער 282
פערדינאנד, קעניג 192 191 193
פערדינאנד פון נעאפעל 195
פערל, ר׳ יוסף 330
פקח בן רמליהו 8
פקחיה בן מנחם 8
פראנץ II קייזער 329
פראנק, יעקב 310, 311, 312, 314.
פראנק, עווא 312
פראנק, מיידשאר 295
פראנקעל, זכריה 350
פראסניץ לייבעלע 301
פרוג, שמואל שמעון 359
פרימא, שמואל 274, 301
פריעדלענדער, דוד 322, 333
פריעדריך, בארבראססא 155
פריעדריך, קעניג פון דענ־מארק 306, 307
פריעדריך פון פרייסען 286
פריעדריך, אויגוסט פון זאק־סען 326
פריעדריך ווילהעלם, קורפירסט 284.
פריעדריך ווילהעלם, קעניג 346
פרעה נכה 10
פרענקעל, ר׳ דוד 318
פשעמיסלאוו 204
ר׳ פתחיה מרעגענסבורג 152

צ.

צאצקי, טהאדעאוס, 309
צבי חכם אשכנזי 299
צדקיהו, לייב דר. פון קארל 100
צדקיהו 34
צדקיהו, מלך יהודה 10
צווייפעל, אליעזר 361
צונץ, לעאפאלד 349
ציארעטה אללאה 102
רב צמח גאון 102
צעדערבוים, אלכסנדר 361
צעזאר, יוליוס 27
צעלאצאווסקי, קאטערינא 204
צענא 66
צענאביא 55
צרפתי, יצחק 222

ק.

קאהען, קעפטיין 295
קאוואד 69, 70, 71
קאזימיר II קעניג 203
קאזימיר III דער גרויכער 204 205, 206, 207.
קאזימיר VI 211, 212
קאלאנא, אברהם די 338
קאלבערט 292
קאלומבוס 291
קאליגולא, קייזער 30
קאלקרייטה, גראף 325
קאמביזעס בן כוש 12
קאממענדאני, קארדינאל 251 253.
קאנט, אימאנועל 324
קאנטאר, י. ל. 262
קאנסטאנטיום 48, 58
קאנסטאנטין, דער גרויסער 47 66.
קאנסטאנטין VIII 114
קאנראד III קייזער 155
קאסטרא, אברהם דע 222
קאסטרא, איזאק דע 233
קאסטרא, בענדיטא 276
קאסמאס, בישאף פון פראג 145
קאססוטה, לודוויג 348
קאסציוסקא, גענעראל 329 ,296
קאפיסטראני, יאהאן 211
קאפסאלי, ר׳ משה 195, 219, 232.
קאצענעלענבויגען, ר׳ יחזקאל 302.
קאראקאללא 46
קארדוזו, מיכאל אברהם 280
קארו, ר׳ יוסף 224, 269
קארל, דער גרויסער 100 99 141
קארל, דער קאהלקאפ 100
קארל IV קייזער 185
קארל V קייזער 267, 233, 269, 270, 271.
קארל X קעניג 262
קארל XII פון שוועדען 326
קארל, אלעקסאנדער פון וויר־טעמבערג 284
קארל, לודוויג, פפאלץ־גראף 249.
קארל פון האהענצאלערן, קעניג 369.
קארריאן, שם טוב 179
קונאלניציאני, מיניסטער 369
קוה, אפרים מאזעס 324
קוזא, יאהאן, קעניג 369
קולון, ר׳ יוסף 219
קומבערלאנד, ריטשארד 342
קוראקין, קניאז 332
קורדובײרא, ר׳ משה 225
קיירא, אסתר 229
קיירא, ר׳ שמעון 102
קיריל, סט. 61, 202
קלאטער II 89
קלוידיוס, קייזער 30
קלונימוס הזקן 99

קלונימוס, דיפלאמאט 121
קליוולאנד, פּרעזידענט 368
קלינטאן, גענעראל 296
קלעאפּאטרא, קעניגין 24
קלעמענס, פלאוויוס 36
קלעמענס IV פּאפּסט 185
קלעמענס VI 179
קלעמענס VII פּאפּסט 266 267.
קמחי, ר' דוד 166
קמחי, ר' יוסף 166
קמחי, משה 166
קנעפּלער, פּרעדריק 367
קסערקסעס, מלך פּרס 13
קעסטיוס, גאללוס 31
קעפּלער 179
קרא, ר' יוסף 153
קרא, ר' שמעון 153
קראָכמאל, ר' נחמן 330
קראסוס 27
קראָמוועל, 244, 245, 246, 247, 294.
קריוואַנאָס 259
קריסאָסטאָם, סט. 61, 62
קריסטיאן IV קעניג 237
קרעמיע, אדאָלף 339, 340, 356
קרשקש, ר' חסדאי 189

ר.

ראבינאָוויטש, יוסף 359
ראבינאָוויטש, צבי הכהן 261
ראבלעס, אַנטאָניא 247
ראָבעס פּיערר 337
ראדזוויל, פּירשט 289, 308
ראָדעריק 88
ראובני, דוד 263. 267, 268 ,270 271.
ראָטהשילד, באראָן ליאָנעל 344
ראָטהשילד, נתנאל 344
ראָטהשילד, פּאמיליע 345
ראָמולוס, אויגוסטולוס 63
ראָנדא, קעניג 133
ראָססי, עזריה די 220
ראָססעל, לאָרד 343
ראפּאָפּאָרט, ר' שלמה יהודה 330
ראָקבריז, מ. 296
רב רבאי דמן רוב 71
רבינא 69
רבן, יוסף 57
רבינו הקדוש, זעה ר' יהודה הנשיא
רובינשטיין, אנטאָן 358
רודאָלף מאָנאך 154, 155
רודאָלף, פאָן האבסבורג 169
רודאָלף II קייזער 288
רומחים, אבן אדמיראל 110, 112.
רופינוס 60
רחבעם בן שלמה 8
ריטשארד I פון ענגלאנד 157 158, 161.
ריטשארד פון קאָרנוואלים 174
רייכלין, יאָהאן 217, 218
רייפמאן, יעקב 361
ריעססער, גבריאל 347
ריצאוואל, יאן 207
ריקארדא, דאוויד 352
רעגגיא, יצחק שמואל 351
רעסעסווינטה 87
רעקארעד 86
ר' רפאל הכהן האמבורגער 347
רפאל לוי 283
רצין מלך ארם 8, 9

ש.

שאול המלך 6
שאול פון טארסוס 45
שאול בן ענן 93
שאפּטער, קאמיסארי־גענעראל 295.
שארבארציא 74
שארל VI קעניג 181, 182
שארל VII קעניג 195
שבור מלכא 54
שבתי צבי, 272 — 280, 305, 307, 310, 313.
שבתי, רפאל 280
שולמאן, קלמן 361
שולמית, קעניגין 25
שטערן, בצלאל 356
שטרוים, אָסקאר 368
שלום הכהן 323
שלום בן יבש 8
ר' שלום שכנא לובלין 213 ,254
שלומית, אחות הורדוס 29
שלמה המלך 7, 55, 79
ר' שלמה יצחקי (רש"י) 123 127, 138 — 140.
שלמה, ריש גלותא 92
ר' שלמה ממאנטפעליע 166 267.
שמואל הנביא 6
שמואל, ירחינאה 54, 55, 59
ר' שמואל הנגיד 127, 128, 129, 130, 131, 132, 137.
ר' שמואל בן אביגדור 309, 308
רב שמואל בן חפני 120
ר' שמואל בן מאיר, (רשב"ם) 153.
שמעון הצדיק 14
שמעון בן גיורא 32
ר' שמעון בן גמליאל II 43
שמעון בר' וואָלף 309
ר' שמעון בר' יצחק (הגדול) 123, 138.
שמעון בן מתתיהו 12, 22
שמעון בן שטח 25
שמעיה 28
שמריה הקריטי 265
ר' שמריה בן אלחנן 110
שמשון הגבור 6
ר' שמשון משנץ 153
ר' שניאור זלמן לאדיער (רב) 315.
שעפּטאל, בנימין 294
שפּינאָזא, ברוך, 190, 248, 249, 250, 302.
שרה, פרוי פון שבתי צבי 179
שריני 92 ,91
רב שרירא גאון 119, 120

ת.

תבון, ר' שמואל אבן 164
תומרת, עבדלה אבן 147
תושפינא, יוסף אבן 135, 147, 148.
תלמי, גענעראל 19
תלמי (חתן יונתן חשמונאי) 22
תלמי, לאטארוס 24
תלמי, עווערגעטוס 15
תלמי, פילאדעלפוס 15
תלמי I 15
תלמי IV 15, 16